This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

11

1974

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

נאָיאַבער

11

1974

אינהאַלט

אַף די שפּורן פון געשעענעם. מיכאל מיילאַכס.

אייביקער רום; כאַווע וואַטער. שטייט אַן אָבעליסק אין שענדראָוקע; הערשל געליבטערמאַן. בערלין, מײַ 1945; דאָוויד דאָברושין. מיר האָבן קיין כאַראַטע ניט געהאַט; יעשועה הוטנער, אײַזיק שפּילבערג. לעבט אין פּסקאָוו אַן אײַזנבאַנלער 3

זיאַמע טימענטשיק. אויפן גאַנצן קאָל (לידער) 18

העשל ראַבינקאָוו. מיליע (דערציילונג) 21

אַלעקסאַנדער ליזען. פינף נאָוועלן 44

דאָרע כײַקינע. ווײַל מײַנע איז די וועלט (לידער) 51

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. געקניפּט און געבונדן (ראָמאַן) צייכענונגען פון ג. קראַווצאָוו 53

צום 75־טן געבורטסטאָג פון עזראַ פינינבערג. יעווע פינינבערג. זיכרוינעס וועגן עזראַן; א. ס. פּושקין. יעווגעני אָניעגין (אויסצוגן פונעם ראָמאַן אין דער איבערזעצונג פון ע. פינינבערג) 82

הירש רעלעס. באַם סאָזש און באַם דניעפּער (רײַזע־בילדער) 95

פּובליציסטיק. אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי. איך — אַן איידעס פון דער באַשולדיקונג 121

פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. ישׂראל סערעבריאַני. וויזיט־קאַרטלעך 126

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. ישׂראל שקאָלניק. אַ זעלנער אין דער דיכטונג, אַ זעלנער אינעם לעבן 141

מאָרדכע שקאָלניק. פּאַרטאָג; צו מײַן מאַמען; ס'וועט מײַן ליד (לידער) 143

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט.

אַרן ראַסקין. מיט דער מאָס פון מענטשלעכקײַט (וועגן שירע גאָרשמאַנס בוך „לעבן און ליכט") 145

קורצע רעצענזיעס. יעכיעל פאַליקמאַן. א. גאָנטאַרס לידער אין דער רוסישער איבערזעצונג. וולאַדימיר סאָלאָוויי. אַזוי האָט געפאָדערט דאָס לעבן. יע. קודיש. דערשינען אין כאַבאַראָווסק; יאַקאָוו גאָרעליק. אָפּאָלטשענצעס פון די העלדן־שטעט; מאַריע גלייזער. אַ ווערק וועגן אַמעריקאַנער נאַצי־גאַנגסטערס 150

דער שרײַבער און זײַן העלד. באָריס מאָגילנער — אַ באַגעגעניש אין פערציק יאָר אַרום. כאַים מעלאַמוד. מײַן קאָמיוגישער דאָר 158

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. י. שוסטער. דער זינגער פון אַלט־ און נײַ־ווילנע 164

פּאָלעמיק. אַבע פינקעלשטיין. נאָטיצן פון אַ ביבליאָגראַף. כאַיםביידער. אַז מע דאַרף האָבן אַן אײַזערנעם זיקאָרן 165

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. דאָס קאָל פון רעאַליזם און געזונטן פאַרשטאַנד 170

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד". שײַלעס און טשוועס 174

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 177

אַ גאַסט פון קאַנאַדע 179

רוסישע זינגלידער אין דער איבערזעצונג פון אַרן ווערגעליס 180

פאַרשיידנס 184

ביבליאָגראַפיע פון עזראַ פינינבערגס שאַפונג 186

פון אונדזער פּאָטאָ־אַרכיוו 188

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר 190

כראָניק 140, 157, 162, 192

עליע פאַלקאָוויטש. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פריי.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

אַף די שפּורן פון געשעענעס

מיכאַיל מײלאכס

(מאָסקווע)

מיכאַיל מײלאכס איז א פליער און א שטורמאַן פון II קלאַס. אין די מילכאָמע־יאָרן איז ער געזעסן באַם רודער פון קריגס־אַעראָפּלאַנען, נאָך דער מילכאָמע — פון ציווילע און ספּאָרטיווע. שוין העכער 20 יאָר דרוקן זיך אין פאַרשײדענע סאָוועטישע זשורנאַלן און צײַטונגען זײַנע דערצײלונגען, פאַרצײכענונגען, רעפּאָרטאַזשן. מיט צען יאָר צוריק איז דערשינען זײַנס א בוך „די האָרעפּאַשניקעס פונעם פינפטן אָקעאַן“.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ טרעט ארויס מ. מײלאכס צום ערשטן מאָל.

אין דער דאָקומענטאַלער פאַרצײכענונג „די העלדישע שלאַכט פון לײזער פּאַפּערניק“ ווערן געבראַכט אײניקע עפּיזאָדן פונעם לעבן אין דער מיליטערישער בריגאַדע „אָמסבאָן“[1], וווּ מיכאַיל מײלאכס צוזאַמען מיט זײַן נאָענטן פרײַנט לײזער פּאַפּערניק האָבן געדינט אין די ערשטע כאָדאָשים פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אײביקער רום

שיין זײַנען אין האַרבסט די הינטער־מאָסקווער פּײזאַזשן. מיט א פּראָסטיקן טוך זײַנען פאַרטאָג באַדעקט די זילבערנע בערעזעס. אויב באַנאַכט שיט אויס א לײַכטער שניי, קומט קאַיאָר דער ווינט און, ווי א גוטער אופראַמער, בלאָזט ער אים אראָפּ פונעם אַספאַלט. דאָ און דאָרט באַווײַזן זיך ווײַסע שניי־אינדזעלעך. ס'איז א שיין בילד, א פאַרגעניגן צו קוקן. אָבער אונדז, די סאָלדאַטן פונעם 1941 יאָר, איז ניט געלעגן אין קאָפּ זיך צו שפּיגלען אין פּײזאַזשן.

א גרופּע יונגע שלאַכטלײַט, טראָגן מיר זיך אַף א מאַשין איבערן לענינגראַדער שאָסײ, וואָס איז באַדעקט מיט פאַרשײדענע אײַנריכטונגען קעגן טאַנקען און פּעכאָטע. די קאָלנערס פון די שינעלן אופגעשטעלט, די אויערלעך פון די וואַרעמע היטלען אראָפּגעלאָזט, אין די הענט האַלטן מיר פאָרזיכטיק קעסטלעך מיט מינעס.

אונדזער אופגאַבע: די ליניע קלין — זאַווידאָוואָ, מיזרעך־צו ביזן דאָרף מאָטאָווילאָוואָ, מײַרעוו־צו שעסטאַקאָוואָ, מוז זײַן אומצוטריטלעך פאַרן סוינע. דאָס איז געווען פאַר מיר, ווי פאַר אַלע סאָלדאַטן פון אונדזער פּאָלק, די ערשטע פראָנט־אָפּעראַציע. מיר זײַנען גרייט געווען צו דורכפירן זי.

...איך דערקען ניט די רוישיקע מאָסקווער גאַסן, וועלכע זײַנען שטענדיק פאַרפלײצט מיט מענטשן און אין די נעכט לײַכטן אַף זײ מיריאַדן פײַערן. איצט איז פּוסט און שטיל. באַנאַכט — כוישעך־פינצטער, בלויז פון צײַט צו צײַט גיט א שניט דעם הימל, ווי א שאַרפער קינזשאַל, א פּראָזשעקטאָר־שטראַל. בײַ די טויערן דעזשורען מענטשן מיט גרײטע קעגנגאַז־מאַסקעס. אָט איז א גרײַז־גרויע פרוי, לעבן איר א געזונטער באָכערעץ, איר בעניאָכיד. זי הייבט זיך אויף אַף די שפּיץ פינגער, קעדײ א גלעט טאָן זײַן טשופּרינע. דער באָכער דערזעט מיך און פאַרשעמט זיך:

— מע דאַרף ניט, מאַמע...

[1] Отдельная мотострелковая бригада особого назначения באַזונדערע מאָטאָ־שיסער־בריגאַדע פאַר ספּעציעלע אופגאַבן.

פון די רעפּראָדוקטאָרס הערט זיך די שטים פונעם דיקטאָר יורי לעוויטאַן. מיט א פּאַר־כאַפּטן אָטעם דערוויסן מיר זיך די לעצטע נײַס פון פראָנט. איבערן פּלאַץ הילכט די ליד, וואָס איז ענלעך גיכער צו א הימן:

Вставай, страна огромная,
вставай на смертный бой
С фашистской силой черною,
с кровавою ордой!

די מיליטערישע קאָמיסאַריאַטן זײַנען באַלאַגערט פון דער יוגנט, אַלע פאָדערן: „אַפן פראָנט, אַפן פראָנט!" איך שטופּ זיך אויך דורך צום שעף פונעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט. לעבן מיר — א ברייטפּלייציקער באָכער, זייער א הויכער. פון זײַן שיין פּאָנעם קאָפּעט שוויס. ער, ווי אַלע, פּרוווט אַרײַנשטעקן זײַן מיליטערישן בילעט אין די הענט פונעם קאָמאַנדיר. נאָר מיר און דעם באָכער קערט יענער אום צוריק די בילעטן. פאַרוואָס? אינעם פּאַראַגראַף „ספּעציאַליטעט" שטייט בא אונדז פאַרשריבן „א לופט־פּליִער אין רעזערוו".

— אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, — זאָגט פרײַנטלעך דער מיליטערישער קאָמיסאַר,— מיר האָבן א שטרענגן באַפעל: אײַך, פּילאָטן, נעמען אין דער אַרמיי עטוואָס שפּעטער.

דעם שאָכן מײַנעם, דעם נײַעם באַקאַנטן, רופט מען לייזער פּאַפּערניק. א קאָמיוגיסט. אין מאָסקווע וווינט ער סאַכאַקל עטלעכע יאָר. געקומען אהער איז ער פון אוקראַינע, פונעם שטעטל סלאַווטע, וואָס גרענעצט מיטן פּריציִשן פּוילן. ער האָט דאָ א פּעטער, וועלכער האָט אים אײַנגעאָרדנט אין א פאַבריק־זאַוואָדישער שול. די שול האָט ער געענדיקט אַף אויסגעצייכנט און איז אַנגעקומען אַרבעטן אינעם מאָסקווער ערשטן זייגער־זאַוואָד. כאָטש ער איז נאָך גאָר יונג, פאַרמאָגט ער שוין דעם טיטל מײַסטער פון א צעך. א פייִקער יאָט.

לייזער דערציילט מיר:

— איך האָב געענדיקט אַן אַעראָקלוב און בין א פּליִער אַף א פּלאַנער־מאַשין. דערצו בין איך א סנײַפּער. איך קען אויך רײַטן אַף א פערד — געענדיקט א רײַטער־שול. אַף א מאָטאָציקל פאָר איך בעסער, איידער אונדזער סלאַוועטער איזוואָזשטשיק אַף זײַן פאַעטאָנדל. ווי דו זעסט, איז מײַן אָרט אין דער אַרמיי, ניט דאָ...

מיר גייען צוזאַמען אַרויס פון קאָמיסאַריאַט. דער סווערדלאָוו־פּלאַץ איז באַגאָסן מיט זון. מיר קוקן זיך צו צו די דורכגייער. אַלע אײַלן. עס גייט פאַרבײַ דער פאַרדינסטפולער ספּאָרט־מײַסטער, דער באָקסיאָר נ. קאָראָליאָוו. ער אײַלט אויך, נאָר דאָך דערציילט ער אונדז, אז אין צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל נעמט מען אָן מעלדונגען פון די, וואָס ווילן פרײַוויליק אוועקגיין אַפן פראָנט, ניט וואַרטנדיק אַף דער מאָביליזאַציע.

איך מיט לייזערן לויפן צום צק.

די ריי רוקט זיך לאַנגזאַם פאָרויס. מיר האָבן מוירע, אז אָט וועט מען צעעפענען די טירן און אויסרופן:

— דער אופנעם איז געענדיקט, מער קיין ערטער ניטאָ.

אין יענעם טאָג איז דער סטאַדיאָן „דינאַמאָ" שוין ניט געווען קיין ספּאָרט־אַרענע. די באַקאַנטע „ראַזדעוואַלקעס" (אָן אָרט אַף אויסטאָן זיך) זײַנען געוואָרן „פּערעאָדעוואַלקעס" (אָן אָרט אַף איבערטאָן זיך). אַרײַן זײַנען מיר אַהין אין ציווילע קליידער, אין טעניסקעס, ספּעצאָווקעס, אויסגעשמירטע אין אייל, און אַרויס אין קירזאָווע שטיוול, כאַקי־אָנצוגן, שינעלן, אַף די קעפּ פּילאָטקעס מיט רויטע שטערנדלעך, — פּאַרטיקע רויטאַרמייער. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, ווען מע האָט אונדז צו וויסן געגעבן, אז מיר וועלן דינען אין דער ספּעציִעלער מאָטאָ־שיסער־בריגאַדע „אָמסבאָן".

צוזאַמען מיט מײַנע כאַווײרים לייזער פּאַפּערניק, ניקאָלײַ סיניעלניקאָוו, באָריס רייזען, וואַלענטין ניקאָלסקי, באָריס פּערלין, אַלעקסיי אַפּאַנאַסיעוו, אַלעקסאַנדער שיינדלין, וואַסילי לאַפּינסקי, עמיל בלײַוויַס, בין איך אַרײַנגעפאַלן אינעם דיווערסיע־אָטריאַד פונעם קאַפּיטאַן קיריל לאַזניוק. די קונסט פון מינירן האָט אונדז געלערנט דער סערזשאַנט וואַסילי מאַסטעראָוו.

דער סערזשאַנט איז געווען אין איין עלטער מיט אונדז. אין דער בריגאַדע איז ער געקומען פון דער באַרימטער דיוויזיע אַף דזערזשינ־סקיס נאָמען. פאַר אונדזערע יאַטן, וואָס האָבן נאָך קיין פולווער ניט געשמעקט, איז ער געווען דער גרעסטער מיליטערישער אויטאָרי־טעט. אין דער אָנוועזנהײַט פון נאַטשאַלסטווע פלעגן מיר אים רופן באַם פולן מיליטערישן טיטל. נאָר אַז נאַטשאַלסטווע פלעגט אוועק־גיין, האָט מען גלײַך געקאָנט הערן אַזעלכע רייד:

— וואַסיע, דער דעטאָנאַטאָר קריכט באַ מיר ניט אין דער טאָל־שאַשקע...

— וואַסילי, העלף. עס האָט זיך עפּעס פאַר־האַקט.

פאַרשטאַנען איינער דעם צווייטן און צו קיין איבערזעצער ניט געדאַרפט אָנקומען. עס וואָלט גאָר געווען מאָדנע, ווען אין אַזאַ פרײַנטלעכן און כאַווערישן קאָלעקטיוו זאָל מען דאַרפן האָבן איבערזעצער.

צווישן אונדז האָט זיך שטענדיק אויסגע־טיילט לייזער פּאַפּערניק. נאָך ביז דער מיל־כאָמע האָט ער, לערנענדיק זיך אין אָסאָאַוויאַ־כים, אויסגעצייכנט באַהערשט די סאַפּיאָרן־קונסט. איצט האָט ער באַוויזן די יונגע סאָל־דאַטן, וויאַזוי אויסלייגן א ברוסטווער אין א פרישן אָקאָפּ.

אָט איז די ערשטע פאַרגעבונג: מינירן די ווײַטע צוגענג צו דער הויפּטשטאָט.

די לעצטע שלאַכט פון לייזער פּאַפּערניק

קינסטלער פ. סאָקאָלאָוו־סקאַליאַ

און אַמאָל שוין גאָר אַף א היימישן אויפן:

— וואַסינקע, לענאָטשקע איז צו דיר געקו־מען...

מאַסטעראָוו האָט ערשט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט. זײַן פרוי פלעגט צומאָל קומען צו אים אין טייל. אָנזאָגן אים וועגן דעם האָט אונדז פאַרשאַפט עמעס פאַרגעניגן.

די יוגנט האָט אונדז, „אָמסבאָנאָווצעס", גע־רופן פּאָשעטער — די ספּאָרטסמענער־בריגאַדע. אונדזער פאַרייניקונג האָט מען אויך גערופן „אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע". און דאָס איז געווען ריכטיק — צווישן אונדז זײַנען געווען רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן, ייִדן, קאַזאַכן, טאָ־טערן, — קורץ, מענטשן פון קימאַט אַלע סאָ־וועטישע רעפּובליקן פּליוס יונגע אַנטיפאַשיסטן פון בולגאַריע און רומעניע, שפּאַניע און אפילע פון... סאַמע דײַטשלאַנד. מיר האָבן אַלע גוט

א פאַרגעבונג איז דאָס געווען א שווערע. דער סוינע האָט ניט געקאַרגט קיין קויכעס אַף אַראָפּצורײַסן די מינירונגס־אָפּעראַציע. ער האָט באַשאָסן דעם גאַנצן ראַיאָן מיט מינענוואַרפערס און האַרמאַטן. זײַנע טאַנקען האָבן אָנגעשטעלט די רערן פון זייערע האַרמאַטן אַף אונדזערע פּויזענדיקע שלאַכטלײַט, האָגלענדיק איבער זיי מיט גראַנאַטעס. פון דער הייך האָבן פּיקירט אַעראָפּלאַנען און באַגאָסן מיט בלײַ די פאַר־טיידיקער פון מאָסקווע.

מיר האָבן געאַרבעט, ווי גלײַך ס'וואָלט קיין געפאַר ניט געהאַנגען איבער אונדזערע לעבנס. עס איז שווער געווען צו גלייבן, אַז מיט גע־ציילטע וואָכן צוריק האָט די מערהײַט פון אונדז אפילע ניט געוווּסט ווי צו האַלטן א ביקס אין האַנט.

די ערשטע לעקציע איז געווען א נוצלעכע,

זי האָט אָבער אָפּגעקאָסט ניט ביליק: עס איז דערהארגעט געוואָרן דער קאָמבאַט מאַלצעוו, ס'איז געפאַלן דער יונגער רויטארמייער פּעטיע איגאָשין.

א טייל פון דער בריגאַדע האָט שוין פאַרזוכט דעם טאַם פון אַרײַנפאַלן צום סוינע אין אַרום־רינגלונג. ווען איינע פון די מינירונגס־אָפּעראַציעס איז געווען פאַרענדיקט, האָבן די „אַמסבאַנאָווצעס" פלוצעם דערהערט א גרילצעריי פון פאַשיסטישע טאַנקען, וועלכע האָבן אַרײַנגענומען אונדזער טייל אין „צוואַנגען". מיר זײַנען געווען געצוווּנגען צו אָנהייבן א רעיד איבערן פאַשיסטישן הינטערלאַנד, וועלכער האָט געדויערט דרײַ מעסלעס. אין וועג זײַנען צו אונדז צוגעשטאַנען נאָך רויטארמייער און קאָמאַנדירן פון אַנדערע טיילן. געשלאָפן זײַנען מיר אָפּן שנײ, קיין שײַטערס ניט אָנגעצונדן. צום סאָף פונעם דריטן טאָג האָבן מיר לויט דער שיסערײַ און לויט די טראַסירנדיקע קוילן פאַרשטאַנען: די פראָנט־ליניע איז נאָענט.

אין אויסשפּיר איז אַוועק לײזער פאַפערניק. צוויי לאַנגע שאָ האָבן מיר געוואַרט אָף אים. מיטאמאָל איז ער געקומען צו פאָרן רײַטנדיק אָף א פערד, וועלכן ער האָט אָפּגענומען בא א דײַטשישן קאַוואַלעריסט, דערצו נאָך מיט א טראָפּיי־שווערד און מיט שפּײַז. לייזער האָט, ווי שטענדיק, ליבלעך געשמייכלט.

— יאַטן, דרײַ קילאָמעטער פונדאַנען ליגט א פאַרפרוירן טײַכל. אָף יענעם ברעג זײַנען אונדזערע.

דער קאָמאַנדיר נעמט אָן א באַשלוס:

— אין א האַלב שאָ אַרום טרעטן מיר אַרויס. צוגרייטן די גראַנאַטעס און די פּינקעס. דורכקאָנטראָלירן די אויטאָמאַטן. דאָס פערד אָפּלאָזן.

בא דער לעוואָנע־שײַן האָבן די רויטארמייער באַמערקט אָף פאַפערניקס מאַסקיר־כאַלאַט א פלעק.

— לאזאר, דו ביסט פאַרווונדעט?

— דוכט זיך, אַז ניט, — האָט לײזער געענטפערט. — דער אולאַן איז געווען א גוואַר, אָפּגעבן מיט גוטן דאָס פערד און דאָס געווער האָט ער ניט געוואָלט. דערצו נאָך האָט ער גענומען שרײַען. נו, האָב איך געמוזט אים צווינגען אַנשטומט צו ווערן...

אויסגעשטעלט זיך אין א קייטעלע, מאַסקירנדיק זיך אין די קוסטעס און שניי־בערג, גליטשן מיר זיך שטיל אָף אונדזערע ליזשעס. פּאַזע דעם ברעג, אין די אָקאָפּעס, בא קליינע שײַטערס, וואַרעמען זיך די אָקופּאַנטן, מע הערט, ווי זיי ריידן.

פאַרכאַפּט צוויי אויטאָמאַטן בא די פאַרהלושעטע דײַטשישע וואַכמענער, זײַנען מיר פאַרזיכטיק, באַם סוינע אונטער דער נאָז, דורכגעגאַנגען די פײַער־פונקטן און פאַרטאָג אַריבערגעלאָפן צו אונדזערע טיילן.

אין א האַרבסטיקן אָוונט האָט מיך אַרויסגערופן דער פאַלק־קאָמאַנדיר.

— אָנגעקומען אַן ענטפער אָף דײַנע ראַפּאָרטן. מע רופט דיך אָפּ אין דער אַוויאַציע. אָט איז דער באַפעל. ביסט צופרידן?

איך ווייס ניט, וואָס צו ענטפערן. עס ווילט זיך זייער פליִען. נאָר ס'איז אויך שווער צו צעשיידן זיך מיט די שלאַכט־כאַווײרים. מײַן קאָמאַנדיר סערגיי איוואַנאָוו איז א גאָלדענער מענטש. ער פאַרשטייט, וואָס עס טוט זיך אין מײַן האַרצן. ער זאָגט צו מיר:

— אויב דו וועסט וועלן אומקערן זיך צו אונדז, וועלן מיר דיך צונעמען מיט ביידע הענט. א גליקלעכן וועג דיר.

מיט טרויער האָב איך זיך צעזעגנט מיט די כאַווײרים, צעקושט זיך מיט פאַפערניקן. ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז איך זע אים דאָס לעצטע מאָל. ער האָט מיר געוווּנטשן דערפאָלג און אײַנגעלאַדן: „פאַרגעס אונדז ניט, כאַפּ זיך אַראָפּ אין א פרײַער מינוט".

אין דער זעלבער נאַכט בין איך שוין געווען אָף איינעם פון די הינטערמאַסקווער אַעראָדראָמען, ווו עס האָט זיך באַזירט דער טראַנספּאָרט־פאַלק פון דער באַזונדערער אַוויאַ־בריגאַדע פונעם גרענעץ־מיליטער, ווהין איך האָב זיך געדאַרפט מעלדן.

אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָט זיך מיר געמאַכט א געלעגנהײַט צו באַזוכן מײַנע כאַווײרים פון „אַמסבאַן". מיר זיצן אינעם לעניִנצימער פון דער צווייטוײַליקער צוזאַמענוווינונג פון די „אַמסבאַנאָווצעס". ניטאָ שוין צווישן אונדז דער סערזשאַנט מיכאיל יעגאָרצעוו, פאָשעט מישע, וואָס איז געווען א ווונדערלעכער מענטש; ניטאָ וואָלאָדיע זאַכאַראָוו, פּאַווליק באָטשאַראָוו, סאַשע ברימאַן, וואַניע קאָפּיטאָוו, דער סטאַרשינא איוואַן באָיטשענקאָ און פיל אַנדערע יאַטן. עס האָט זיך ניט באַקומען קיין פריילעכע באַגעגעניש, ווי כ'האָב זיך געריכט.

איך האָב זיך דערוווּסט די איינצלהײַטן פון דער נאַכט אָפּן 21 יאַנואַר 1942.

...דער גאַנצער שווערער וועג, וואָס די אָנגרײַפנדיקע סאָוועטישע טיילן האָבן דורכגעמאַכט פון די ווײַטע צוטריטן צו מאָסקווע ביזן דאָרף כלודנעוואָ, ערגעץ אין קאַלוגער געגנט, איז געווען פאַרוואַלגערט מיט דעם סוינעס טעכניק. דאָס דאָרף כלודנעוואָ, דורך וועלכן עס האָט באַדאַרפט דורכגיין אונדזער מיליטער, האָבן די פאַשיסטן פאַרוואַנדלט אין אַן אויסערסט שטאַרקער פעסטונג. ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז „דורכבויערן" אָט די פעסטונג וועט דער „אַמסבאַנאָווער" פאַלק. אין באַפעל איז

געזאָגט געוואָרן קורץ: „מאָרגן 8 אזייגער דורכגיין דורך כלודנעווע". נאָר וויאַזוי? עס איז געווען קלאָר, אז קאָרבאַנעס וועלן דאָ זײַן גרויסע.

— רופט ארויס צו מיר דעם קאַפּיטאַן לאַזניוק, — האָט באַפוילן דער מאַיאָר איוואַנאָוו.

דער קורצער ווינטער־טאָג האָט שוין געהאַלטן באַם אונטערגיין. די שלאַכטלײַט און קאָמאַנדירן האָבן זאָרגזאַם געגרייט זייערע אווטאָמאַטן, גראַנאַטעס, די פינישע מעסערס און די שניי־גליטשערס. פינף און צוואַנציק דרייסטע יונגען זײַנען געווען גרייט צו שלאָגן זיך מיטן סוינע ניט אף לעבן, נאָר אף טויט. דער קאָמיסאַר פון דער גרופּע מיכאיל יעגאָרצעוו און זײַן שטעלפאַרטרעטער לייזער פּאַפּערניק האָבן דערקלערט יעדן זײַן שלאַכט־אופגאַבע.

די שלאַכטלײַט האָבן אין די ווײַסע מאַסקיר־כאַלאַטן אומבאַמערקט זיך דערנעענטערט צו כלודנעווע. די פויערים, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אין ערדשטיבלעך און שטאַלן אויסערן דאָרף, האָבן דערציילט וועגן דעם דײַטשישן גאַרניזאָן: ווי זײַנען צעשטעלט די וואַך־פּאָסטנס, אין וועלכע הײַזער וווינען די פאַשיסטן. די ידיעות זײַנען געווען ניט קיין פריילעכע: ערשט נעכטן זײַנען אהער אָנגעקומען פרישע פאַשיסטישע קויכעס, און דער גאַרניזאָן ציילט שוין מער פון 400 סאָלדאַטן און אָפיצערן. דער סוינע האָט אין זײַן רשות האַרמאַטן, מינענוואַרפערס.

— אז איך וועל ארויסלאָזן צוויי גרינע ראַקעטעס, — אָנהייבן די שלאַכט! — באַפוילט דער קאַפּיטאַן לאַזניוק.

שטיל אראָפּגענומען די וואַכלײַט, האָבן די „אָמסבאַנאָווצעס" זיך צעשפּרייט איבערן דאָרף. עס האָבן זיך אָנגעצונדן צוויי ראַקעטעס און ס'איז געוואָרן ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך.

אין די הײַזער און באַהעלטענישן זײַנען געפלויגן גראַנאַטעס. די פאַשיסטן זײַנען געלאָפן אין איינע אונטערוועש, נאָר זיי זײַנען איינער נאָכן אנדערן געפאַלן פון די קוילן. פּאַפּערניק האָט א וואָרף געטאָן א גאַנץ בינטל גראַנאַטעס אין די טאַנקען, וועלכע זײַנען געשטאַנען לעבן א הויז. ער האָט שנעל אָנגעלאָדן די ביקס און געשאָסן אין די לויפנדיקע היטלעריסטן. פאַר א סאַך אָקופּאַנטן איז דאָס געווען די לעצטע נאַכט.

עס איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן דער קאַפּיטאַן לאַזניוק. ער איז אָבער ניט אוועק פונעם שלאַכטפעלד. א צווייט מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן, האָט ער ווײַטער אויסגעפילט זײַנע פליכטן אלס קאָמאַנדיר, ביז ער האָט ניט פאַרלאָרן דאָס באַוווּסטזײַן. ס'איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אויך קרוגליאַקאָוו.

— דו וועסט קאָנען אָפּטראָגן אין א מער זיכער אָרט דעם קאָמאַנדיר? — פרעגט באַ קרוגליאַקאָוון פּאַפּערניק.

אַלעקסיי האָט אופגעהויבן דעם שווער געוואָרנעם קאָפּ און קוים ארויסגערעדט:

— יאָ.

בײַקומענדיק דעם שרעקלעכן ווייטעק, האָט ער צוגעפּויזעט צום קאָמאַנדיר, ארומגענומען אים, ארופגעוואָרפן אף זיך און אוועקגעטראָגן צום לאַנגן ריוו. פּאַפּערניק איז געווען זייער אומרויִק וועגן די צוויי פאַרוווּנדעטע. דערזען לעבן זיך יעווגעני אָנופריִעוון, האָט ער אים געזאָגט:

— זשעניע, טײַערינקער, העלף קרוגליאַקאָוון אריבערטראָגן דעם קאָמאַנדיר אין א זיכער אָרט. אַלעקסיי וועט זיך אַליין ניט ספּראַווען. ער איז פאַרוווּנדעט...

קאָמאַנדיר פון דער גרופּע איז געוואָרן דער קאָמיסאַר יעגאָרצעוו.

פאַרטאָג־צו האָבן די פאַשיסטן זיך געכאַפּט, אז די שווערע קלעפּ דערלאַנגט זיי א קליין הײַפעלע מענטשן. דאָס האָט זיי צוגעגעבן מוט, און זיי האָבן ארומגערינגלט די העלדן. די קליינע גרופּע סאָוועטישע קריגסלײַט איז געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ קלענער אין צאָל. עס איז געפאַלן מיט א העלדנטויט דער קאָמיסאַר. די קאָמאַנדע האָט איבערגענומען פּאַפּערניק, וואָס איז שוין אויך געווען פאַרוווּנדעט. ער האָט שטיל געזאָגט צום יינגערן לייטענאַנט פּיאָטער סלאַוצקי, וועלכער איז געלעגן לעבן אים א שווער־פאַרוווּנדעטער, נאָר דעם אווטאָמאַט פון די הענט האָט ער ניט ארויסגעלאָזט:

— פּעטיע! דו ווייסט, אז מע האָט מיך אָנגענומען אלס קאַנדידאַט אין דער פּאַרטיי... אין דער איצטיקער שלאַכט בין איך א קאָמוניסט.

דער איבעררײַס האָט געדויערט ניט לאַנג. איצט איז פון דער גאַנצער גרופּע סאָוועטישע קריגסלײַט געבליבן לעבן בלויז איינער — פּאַפּערניק. דער סוינע געפינט זיך אף א וואָסערע צען, פינף, דרײַ מעטער פון אים...

— רוס, קאַפּוט, סדאַווײַס, רוס, סדאַווײַס! — ריטשען ווי חיות די היטלעריסטן.

— בעסער טויט, איידער פאַשיסטישע שקלאַפערײַ! — האָט אויסגעשריִען פּאַפּערניק און ארויסגעריסן די טשעקאַ פון דער גראַנאַטע. א דונערנדיקער אופרײַס האָט געמאַכט א סוף צו דעם ניט גלײַכן געראַנגל.

אינגיכן זײַנען פון קאָזעלסק אָנגעקומען די סאָוועטישע גרונט־קויכעס. ווי יאַם־כוואַליעס בייס א שטורעם־ווינט, האָט דאָס סאָוועטישע מיליטער זיך באַוועגט פאָרויס און פאָרויס אָן א גרענעץ און אָן א סוף. געגאַנגען זײַנען די סאָוועטישע קריגסלײַט אף מערעוו. אין אָט

דעם פרימאָרגן איז פון די אָפּעראַטיווע מאַפּעס פונעם מיַרעוו־פּראָנט פאַרשוווּנדן דער נאָמען כלודנעוואָ, וואָס האָט געדינט די פאַשיסטן אַלס פעסטונג.

די אָנטיילנעמער פון אָט דער היסטאָרישער שלאַכט זיַינען געוואָרן קאַוואַלערן פון דעם העכסטן אָרדען פון לאַנד — פונעם לענין־אָרדען. לאַזאַר כאַזימאָוויטש פּאַפּערניק איז נאָכן טויט באַערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ניט לאַנג צוריק האָט דער מאָסקווער סאָוועט אָנגענומען אַ באַשטימונג אָנצורופן אַ גאַס אין אַ נייַעם ראַיאָן פון דער הויפּטשטאָט אויף פּאַפּערניקס נאָמען.

אין איינעם פון די הינטערמאָסקווער ראַיאָנען געפינט זיך אַ מיליטערישער טייל. איך קום אַהין אָפט צוליב מיַינע אַמטלעכע עניניאָנים. פאַרנאַכט זעט אויס די צענטראַלע אַליי פון אָט דעם גאַרניזאָן באַזונדערס שיין און יאָמטעוודיק. באַלויכטן מיט אַ סך עלעקטרישע לאָמפּן, פירט זי צום גאַרניזאָן־קלוב.

אין קלוב, אונטער די הויכע באַלקנס, אויפן אָנגעזעענסטן אָרט, הענגט אַ בילד פונעם באַוווּסטן סאָוועטישן באַטאַליסט פּאַוועל אַנדרייעוויטש סאָקאָלאָוו־סקאַליאַ. אויפן לייַוונט איז באַוויזן מיַין פריַינט לייזער פּאַפּערניק. דער טאַלאַנטפולער קינסטלער האָט פאַרייביקט פּאַפּערניקס העלדנטאַט. אויפן בילד זעט מען אים אין זיַין גאַנצן וווּקס, אַ פאַרבלוטיקטן, אַרומגערינגלט פון די פאַשיסטן. דער העלד האָט פאַרהויבן די האַנט מיט דער גראַנאַטע. די סאָנים זיַינען אין טויט־שרעק...

די מענטשן, וועלכע קומען אינעם גאַרניזאָן־קלוב, שטעלן זיך אָפּ מיט יִראַס־האַקאָוועד פאַרן בילד. קליין און גרויס רופט אָן מיט אַכטונג זיַין נאָמען. דער דאָזיקער נאָמען וועט לעבן אייביק.

ייִדיש — מ. איטקאָוויטש

כ א ו ו ע ו ו א ט ע ר

(ריגע)

שטייט אַן אָבעליסק אין שענדעראָווקע

8 מאַרט 1944. נאָך די שלאַכטן בײַ נאַסוואַ האָבן מיר באַשלאָסן אָפּמערקן דעם פרויען־טאָג. מיַינע כאַווערטעס מאַרטאַ סטוצע־וואַסקאַ, מאַרטאַ באַלאָדע און מאָניקאַ מייקשאַן זאָרגן, אַז דער טיש זאָל, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין אונדזערע באַדינגונגען, זיַין שיין געדעקט. מיר גרייטן אַ וואַנט־ציַיטונג. די פיַיערלעכע טייל האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן. און פּלוצעם ברענגט מיר אונדזער פּאָטשטאַליאָן אַ בריוו פון דעם קאַפּיטאַן פון מעדיצין־דינסט לוידמילאַ זאַק, מיַין ברודער יוריס שלאַכט־כאַווערטע. זיי זיַינען איצט ביידע, ווייס איך, אויפן ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט.

איך האָב זיך זייער דערפרייט, וויַיל יורי האָט שוין אַ לענגערע ציַיט ניט געשריבן — אפשער טיילט מיר מיט לוידמילאַ עפּעס וועגן מיַין ברודער. איך עפן אויף דעם קאָנווערט, און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. שוואַרצע וואָלקנס דריקן אויף מיַין קאָפּ, אויפן האַרצן, עס פעלט מיר אָטעם... „דיַין ברודער איז געפאַלן אין שלאַכט. זיַין באַטאַליאָן האָט מען אַרומגערינגלט. אַ פאַרוווּנדעטער אין האַלדז, האָט יורי דאָך גענומען אויף זיך די אָנפירונג. דורך דעם איינציק פריַי־געבליבענעם וועג האָט ער אָפּגעשיקט אויף אַ זיכער אָרט עטלעכע סאָלדאַטן מיט דער ראַציע, און מיט די איבעריקע שלאָגט ער אָפּ די אַטאַקעס פונעם סוינע. נאָר ער ווערט ווידער שווער פאַרוווּנדעט. די סאָלדאַטן טראָגן אים אַריַין אין אַ שטוב. ער הערט ניט אויף אויך פון דאָרטן צו שיסן. די פאַשיסטן האָבן זיך אַריַינגעריסן, לאַנג געפּיַיניקט יורין און דערנאָך אים אויפגעהאַנגען. די שטוב האָבן די מערדער אונטערגעצונדן...”

יוריס כאַווער מאַוריק וואָלפּסאָן (איצט אַ דאָצענט אין דער לעטלענדישער קונסט־אַקאַדעמיע) האָט דעמלט געשריבן צו זיַין פרויסאָניע: „וויין, טיַיערע! יוריק האָט די ווערט אַ סך טרערן. ער איז געווען אַ וואונדערלעכער מענטש, אַן עמעסער שלאַכטמאַן”.

פריַינט האָבן מיר געהאָלפן איבערטראָגן דעם

גרויסן אומגליק. א סאַך יאָרן האָב איך אַלץ ניט געקאָנט גלייבן, אז דער ברודער איז ניטאָ.

מיר זײַנען געווען מיט יוריקן פרײַנט פון דער קינדהײַט. אָפט האָט זיך מיר געוואָלט זײַן ענלעך אף אים. איך פלעג אים נאָכטאָן, אפילע ארופציִען אף זיך זײַן היטל, זיך אויסגעלערנט פײַפן (דאָס איז מיר גראָד צוניץ געקומען אפן פראָנט). אָבער דער איקער — יורי האָט מיך געלערנט זײַן א מענטש. ווען איך בין אלט געווען דרײַצן יאָר, האָט ער מיך פארבונדן מיט דער קאָמיוג־אָרגאניזאציע. יוריס וואָרט איז שטענדיק געווען פאר מיר א געזעץ. איך האָב געוווּסט, וואָס פארא פאראנטוואָרטלעכע אופגאבעס יורי פילט אויס, כאָטש ער אליין האָט קיינמאָל וועגן דעם ניט גערעדט.

אין שטוב פלעגט זיך פון צײַט צו צײַט באַווײַזן א שאפיראָגראף. יורי האָט געדרוקט אף אים אופרופן צו דער ארבעטער־יוגנט. קעדיי דערווײַזן דעם ברודער, אז איך טויג אויך אף עפּעס, האָב איך אין געציילטע כאָדאָשים באַהערשט די לאטײַנישע שפּראַך און אָנגעהויבן לערנען ענגליש. אָבער פארמעסטן זיך מיט אים האָב איך ניט געקאָנט.

ער איז געווען זייער א באגאבטער, פּערפעקט געקענט דײַטש, פראנצויזיש, ענגליש. ליב געהאַט מוזיק, באזונדערס שוּבערטן און בעטהאָווענען. אליין געשפּילט אף א וויאָלאָנטשעל און אף א גיטארע.

אומפארגעסלעך איז פאר מיר דער טאָג פונעם ערשטן סענטיאַבער 1942. אין באשטאנד פון א מארשעווער ראָטע פון דעם לעטלענדישן רעזערוו־פּאָלק איז יורי ווידער אוועקגעגאנגען אפן פראָנט. אין רעזערוו־פּאָלק איז ער געקומען נאָכן שפּיטאָל, ווו ער האָט געהיילט די ווונדן, וועלכע ער האָט באקומען אין א שלאַכט דעם 15 פעוורואַל 1942. א שווער־פארוווּנדעטער, האָט ער, דער מיליטערישער פעלדשער, ארויסגעטראָגן פון א ברענענדיקער מאַשין זעקס פארוווּנדעטע ארטילעריסטן. און ערשט נאָכדעם האָט ער א טראַכט געטאָן וועגן זיך. די פארוווּנדעטע פּיס — אכצן שפּליטערס האָבן זיך אײַנגעגעסן אין זיי — זײַנען געווען צוגעפרוירן צו די וואַליקעס. מע האָט אים עוואַקויִרט קיין גאָרקי.

און אָט גייט ער איצט ווידער אוועק אפן פראָנט.

ס'איז א שטילער אָוונט. מיר געזעגענען זיך בא א שײַטער. יורי זינגט זײַן באליבטע ליד „אָדלערל, אָדלערל". איך שטיי לעבן אים, און פון די אויגן גיסן זיך מיר טרערן. ניט שוין זשע וועל איך אים מער ניט זען? און דאָ קומט דער באשלוס: וואָס גיכער פאָרן אפן פראָנט, זײַן אינײנעם מיט אים.

אין צוועלף טעג ארום קום איך מיט דער אָרדנטלעכער מארשעווער ראָטע און ווער פארעכנט אין 94־טן גוואַרדייִשן ארטילעריע־פּאָלק, ווו עס דינט יורי. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אז די פראָנט־כאַוויירים האָבן יורין זייער ליב. ער איז פאר זיי געווען ניט סטאַם א פעלדשער, נאָר א נאָענטער פרײַנט. ער האָט געשריבן בריוו צו די קרויווים פון די פארוווּנדעטע אָדער אומגעקומענע, זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסל טאַבאַק.

אינגיכן האָבן מיר זיך געמוזט צעשיידן. יורי האָט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, גוט געקענט די דײַטשישע שפּראַך, האָט מען אים געשיקט אין אן ארמייִשן פּאָליט־אָפּטייל און דערנאָך אין דער פּאָליט־פארוואַלטונג פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט אף צו פירן קאָנטרפּראָפּאגאנדיסטישע ארבעט צווישן דעם סוינעס מיליטער. און אָט, בײַס די שלאַכטן פאָרן דאָרף שענדעראָווקע, אף דער אוקראַיִנע, איז ער העלדיש אומגעקומען...

אפן שוואַרצן מארמאָר פונעם אָבעליסק, וועלכן מע האָט אים דערנאָך געשטעלט אין דעם דאָזיקן דאָרף, איז אויסגעקריצט: „דאָ איז דעם 13 פעוורואַל 1944 געפאלן מיט א העלדן־טויט דער קאָמוניסט יורי וואַטער".

ווען בא מיר איז געבוירן געוואָרן א זון, האָב איך אים געגעבן דעם ברודערס נאָמען. איך און מײַן זון יורי זײַנען א סאַך מאָל געווען אין שענדעראָווקע, באזוכט די מיטלשול. די דאָרטיקע פּיאָנערן־דרוזשינע טראָגט יוריס נאָמען. אין שול זײַנען פאראן אלבאָמען מיט פאָטאָ־דאָקומענטן, די לעצטע פראָנט־מאַפּעס, מיט

וועלכע יורי האָט זיך באַנוצט. ניט ווײַט פון דער שול שטייט אַן אָבעליסק, ארום אים וואקסן בלומען. אָפט קומען אהער די קינדער.

אין דעם קאָרסון־שעווטשענקאָווער מוזיי פון שלאכט־רום איז יורי וואטערן געווידמעט א סטענד. דאָ געפינט זיך אויך דער לענין־אָרדען, מיט וועלכן די סאָוועטישע רעגירונג האָט אים באלוינט שוין נאָכן טויט.

יוריס אָנדענק ווערט זאָרגפעליק אָפּגעהיט אויך בא אונדז אין לעטלאנד. אין מוזיי פון מעדיצין־געשיכטע אפן נאָמען פון פּאול סטראַ־דין איז לעקאָוועד אים אײַנגעאָרדנט א גרויסער סטענד. יעדעס יאָר טרעפן מיר זיך דאָ מיט דעם פּיִאָנער־אָטריאַד פון דער וואנגאזשער מיטלשול און פונעם מוריאַנער ספּאָרטיוון שול־אינטערנאט, וועלכע טראָגן יוריס נאָמען. זײַן פּאָרטרעט איז ארויסגעשטעלט אויך אין די מוזייען פון רעוואָליוציע און געשיכטע אין ריגע.

די שרײַבערן אינגרידא סאָקאָלאָווא האָט וועגן דעם קאפּיטאן יורי וואטער אָנגעשריבן א דאָקומענטאלע דערציילונג „ווי יונג מיר זײַנען געווען”. אויך אין איר אָקאָרשט דער־שינענעם בוך „מײַן טרילאָגיע” שרײַבט זי וועגן אים — איינעם פון די העלדן, וועמען עס האָט דערצויגן דער לעטלענדישער קאָמיוג.

■

הערשל געליבטערמאַן

(כמעלניצקי)

בערלין, מײַ 1945

אין סאָף פון די פערציקער יאָרן האָב איך אונטעריכט רוסישע שפּראַך פאר די אָפיצערן פון דער געגנטלעכער פארוואלטונג פונעם מיניסטעריִום פאר אינערלעכע איניאָנים. צווישן מײַנע צוהערער איז געווען דער מאַיאָר כאַזין. עס זײַנען נאָך פריש געווען אין זיקאָרן די שלאכטן פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, און אף די האפּסאָקעס פלעגן די קור־סאַנטן, געוועזענע פראָנטאָוויקעס, זיך אָפט טיילן מיט דערינערונגען. כאַזין אָבער האָט געוויינלעך בלויז אופמערקזאַם געהערט און זעלטן ווען אליין עפּעס דערציילט וועגן זײַנע פראָנט־פּאסירונגען.

דעמלט האָב איך נאָך ניט געוווּסט, אז דאָס איז פון באַשיידנקײַט. דער מאַיאָר כאַזין האָט דאַפקע יאָ געהאַט וועגן וואָס צו דערציילן. פון ליטעראַרישע קוואלן — פון יע. רעזשעווסקיס בוך „בערלין, מײַ 1945” און פון ל. א. בעזי־מענסקיס דאָקומענטאלער דערציילונג „א שאָס, וואָס איז ניט געווען” — האָב איך זיך דער־וווּסט, אז איסאַק כאַזין האָט זיך באַטייליקט אין א באַזונדערס וויכטיקן עפּיזאָד פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע.

...דעם 20 אפּרעל 1945 האָט אונדזער דריטע שטורעם־ארמיי, נאָך א ריי אקשאָנעסדיקע שלאכטן, זיך דערנעענטערט הארט צו בערלין. איסאַק כאַזין איז דעמלט געווען דער שטעל־פאַרטרעטער פון דעם שעף פונעם קאָנטער־אויס־שפּיר אין דער 207־טער רויטפאָניקער שיסער־דיוויזיע, און ער האָט באַקומען אַזא באַפעל:

בעשאס אונדזער מיליטער וועט אײַנעמען די רײַכסקאנצעליאריע, זיך ארײַנרײַסן אהין בע־ראָש פון אן אָפּעראטיווער גרופּע און נעמען אונטער א וואך די אָנפירער פון דער פאשי־סטישער רעגירונג, וועלכע האָבן זיך דאָרט גע־פונען אין א באהעלטעניש.

דעם צווייטן מײַ האָט כאזינס גרופּע זיך דערקליבן צום בונקער, נאָר צו יענער צײַט, ווי באוווּסט, האָבן שוין היטלער און געבעלס פארענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. אין בונקער האָט מען געטראָפן די טויטע קערפּערס פון יאָזעף געבעלס, זײַן ווײַב און קינדער.

כאזין דערמאָנט זיך:

— דערקענען דעם רײַכס־מיניסטער פאר פּראָפּאגאנדע און זײַן געזינדל האָט אונדז גע־האָלפן געבעלסעס פּערזענלעכער קעכער לאנגע. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז פאָרגעקומען איז דאָס אין דער נאכט פונעם 1־טן אפן 2־טן מײַ.

פאר דורכפירן אין העסקעם מיטן פּלאן די אָפּעראציע איז דער מאַיאָר כאזין באלוינט גע־וואָרן מיטן אָרדען פון רויטן שטערן.

איסאק גריגאָריעוויטש איז דעמלט אלט גע־ווען פינף און דרײַסיק יאָר. א זון פון א פּראָ־סקוראָווער בלעכער, איז ער נאָכן פארענדיקן די מיטלשול אוועקגעפאָרן לויט א קאָמיוגישער פּוטיאָווקע קיין דאָנבאס און אָנגעהויבן ארבעטן אפן קאָקס־כימישן זאוואָד אין קאָדיִעווקע.

דער ערשטער שלאכט־אויספרווו איז אים אויסגעפאלן בײַם דעם אָנגריף פון דער סאָווע־טישער ארמיי הינטער מאָסקווע. שפּעטער האָט ער דורכגעמאכט דעם רומפולן וועג ביז בער־לין.

איסאק כאזין איז באערט מיט 16 שלאכט־אָרדענס און מעדאלן, און יעדע פון אָט די בא־לוינונגען קאָן פיל דערציילן וועגן דער העל־דישקײַט, וואָס דער דאָזיקער באשיידענער מענטש האָט ארויסגעוויזן אין די שלאכטן פארן פאָטערלאנד.

ד א ו ו י ד ד א ב ר ו ש י ן
(וואָלגאָגראד)

מיר האָבן קיין כאראָטע ניט געהאט

אונדזער פינפטער קאוואלעריע־קאָרפּוס איז באשטאנען פון דרײַ בארימטע דיוויזיעס: די 14־טע — אף פארכאָמענקאָס נאָמען, די 3־טע — אף קאָטאָווסקיס נאָמען און די 32־טע — אף בודיאָניס נאָמען.

ביז דער מילכאָמע האָט יעדע פון די אָנגע־רופענע דיוויזיעס געהאט איר אייגענע צײַטונג. אין 1941 איז געשאפן געוואָרן איין קאָרפּוס־צײַטונג מיטן נאָמען „דער רײַטער־גוואַרדייער" («Конногвардеец»). אלס רעדאקטאָר האָט מען באשטימט דעם מאַיאָר לעאָניד סאווינאָוו — א טאלאנטפולן סאראטאָווער גאָלאָג, ניט קיין צײַטונגס־מענטש. דערפאר אָבער איז דער סעקרעטאָר פון רעדאקציע, דער עלטערער לייטענאנט אנאטאָלי דאָברישעוו, געווען, ווי מע זאָגט, א געבוירענער זשורנאליסט.

בײַס איינער א שלאכט, ווען דאָברישעוו איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן, האָט ער געזאָגט סאווינאָוון:

— איך האָב אײַך אמאָל דערציילט, אז אין דער 14־טער רײַטער־דיוויזיע, אין קראָווטשענקאָס פּאָלק, איז פאראן אן אָפיצער ווײַסמאן. דאָס איז זייער א פייִקער זשורנאליסט. פּאָלגט מיך, נעמט אים צו זיך אלס סעקרעטאָר פון רעדאקציע. איר וועט קיין כאראָטע ניט האָבן.

דאָברישעוו איז פון די ווונדן געשטאָרבן. סאַ־ווינקאָוו האָט מיר דערציילט וועגן זײַן צוואָגע. אלס שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל, האָב איך באָופּ־טראגט דעם סעקרעטאָר פון דער פּארטיי־קאָ־מיסיע, דעם מאַיאָר סלעפּצאָוו, ער זאָל זיך דערוויסן, צי קאָן מען ווײַסמאנען אריבערפירן אין אונדזער צײַטונג. סלעפּצאָוו האָט מיך אינפאָרמירט:

— איך געדענק, כאָווער פּאָלקאָווניק, ווי מיט א וואָך צוריק איז קראָווטשענקאָס פּאָלק בא־פאלן געוואָרן פון צוויי פאשיסטישע טאנקען־פּאָלקן. דער קאמף איז געווען זייער א פארבי־טערטער. די פאשיסטן האָבן פארגענומען א

פסיכישע אטאקע און געגאַנגען אין שלאַכט שיקערע. אין אַט דער שלאַכט, ווי אין פיל אַנדערע, האָט זיך אויסגעצייכנט ווײַסמאַן. פאַרביטן דעם דערהארגעטן קוילנווארפלער, האָט ער אזוי געשטעפּט די שיקערע היטלעריסטן, אז דאָס שלאַכטפעלד איז באדעקט געוואָרן מיט זייערע פּגירים. דערנאָך האָט ער אוועקגעפירט די סאָלדאַטן אין א קאָנטער־אטאקע. ווײַסמאַן איז גוט באוווּסט אויך צווישן אונדזערע אויסשפירער, זיי דערציילן וועגן א סאַך פאַלן, ווען ער האָט זיך אויסגעצייכנט.

— איר מיינט, מיסטאמע, — האָט פאָרגעזעצט דער מאַיאָר סלעפּצאָוו, — אז אַט דער ווײַסמאַן איז א הויכער, א גיבער, ווי מע מאָלט געווײנלעך א דאָנער קאזאק? גראָד פאַרקערט. ער איז א קליינינקער, א דארינקער, מיט א בלאס פּאָנעם. ער שטאַמלט א ביסל. אויגן האָט ער גרויסע, בלאָווע, שטראַלנדיקע.

ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט ווײַסמאַנען, האָב איך זיך איבערצײַגט, אז סלעפּצאָוו האָט לאַכלוטן ניט איבערגעטריבן. ווײַסמאַן איז פריִער געווען א מיטארבעטער אין דער צײַטונג פונעם קיִעווער מיליטער־קרײַז „קראסנאַיאַ ארמיִא". ווען עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָט די רעדאקציע אים „פאַרבראָנירט". ער האָט זיך אָבער ארויסגעריסן אפן פראָנט. אז איך האָב אים פאָרגעלייגט דעם פּאָסטן פון סעקרעטאַר אין אונדזער „קאָננאָגוואַרדייעץ", האָט ער ניט מאַסקים געווען: ער האָט געוואָלט שלאָגן די פאַשיסטן מיט א ביקס, מיט א קוילנווארפער, מיט א הארמאַט. סאָפּקאָלסאָף האָט ער פאַרשטאַנען, אז זײַן ארבעט אין דער צײַטונג איז ניט ווייניקער וויכטיק, און ער האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. שוין אין די ערשטע טעג האָבן מיר געזען, ווי גערעכט עס איז געווען דראָבישעוו: קיין כאראָטע דערוף, וואָס מיר האָבן אוועקגעזעצט ווײַסמאַנען פאַר סעקרעטאַר, האָבן מיר ניט געהאַט. די צײַטונג איז געוואָרן לעבעדיקער, אינטערעסאַנטער.

ווײַסמאַן איז געווען ניט בלויז א פייִקער זשורנאַליסט, נאָר אויך א הארציקער מענטש, די נעשאָמע פונעם קאָלעקטיוו. איינמאָל, ערעוו די סטאַלינגראַדער שלאַכטן, איז אונדזער קאָרפּוס ארײַנגעפאַלן אין א קריטישער לאַגע און געמוזט צוריקטרעטן אין דער ריכטונג פונעם דאָן. ווי געווײנלעך בײַס א צוריקטריט, זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען א סאַך מאַשינעס: אייניקע זײַנען געבליבן אָן ברענשטאָף, אַנדערע זײַנען פּאַשעט אופגעריסן געוואָרן דורך דעם סוינעס פײַער. צווישן די פאַרפאַלענע מאַשינעס איז געווען אויך דער רעדאקציע־אווטאָבוס מיט דער באוועגלעכער דרוקערײַ. דער קאָרפּוס איז שיר ניט געבליבן אָן א צײַטונג. די קאָמאַנדשאַפט האָט שוין געוואָלט ארויספאָדערן א נײַע דרוקערײַ, נאָר דאָ האָט דער אווטאָבוס זיך אָפּגעזוכט.

געשען איז אַט וואָס.

אז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף פון די היטלעריסטן, האָבן די קאַוואַלעריסטן פונעם קאָרפּוס פאָרסירט דעם דאָן שווימענדיק. די שווערע מאַשינעס האָט מען אָפּגעשיקט אין דער ריכטונג פון וואָראָניעזש. מיט זיי האָט געקאָנט גיין אויך דער רעדאקציע־אווטאָבוס, נאָר אין אזא פאַל וואָלט די רעדאקציע אַף לאַנג זיך אָפּגעריסן פונעם קאָרפּוס און די סאָלדאַטן וואָלטן געבליבן אָן א צײַטונג. ווײַסמאַן האָט אָבער געוואָלט פאָרסירן דעם טײַך ניט אַנדערש ווי צוזאַמען מיטן קאָרפּוס. פינף מעסלעס האָט ער ארומגערײַזט פּאַזע דעם דאָנער ברעג, וועלנדיק צושטיין צו עפּעס א טייל, נאָר די קאָמאַנדירן האָבן אים אָפּגעזאָגט: „בא אײַך איז ניט קיין שלאַכט־מאַשין. די צײַטונג לאָזט ארויס אין א רויִקער אָרט".

די רעדאקציע־מיטארבעטער זײַנען געבליבן אָן שפּײַז־פּראָדוקטן, דער אווטאָבוס — אָן ברענשטאָף. די זשורנאַליסטן האָבן זיך קוים־קוים דערשלעפּט קיין וועשענסקאַיאַ, ווו איבערן סטעפּ זײַנען געהאַנגען פאַשיסטישע אעראָפּלאַנען, און בלויז אדאַנק דער מײַסטערשאַפט פונעם שאָפער פאָלעכין איז דער רעדאקציע־אווטאָבוס געבליבן גאַנץ.

די נײַס, אז די דרוקערײַ האָט זיך אָפּגעזוכט און זיך פאַראייניקט מיטן קאָרפּוס, איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן. אַלע האָבן זיך געפרייט, וואָס די מענטשן זײַנען גאַנץ און א צײַטונג וועט זײַן. עס איז געקומען צו פאָרן דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר גענעראַל אי. פּליִעוו. דער מאַיאָר סאַווינאָוו האָט אים ראַפּאָרטירט וועגן דער לאַגע. פּליִעוו

האָט מיטגעטיילט, אַז אַלע אָנטיילנעמער פֿונעם העלדישן רעיד זײַנען צוגעשטעלט צו רעגי־רונגס־באַלוינונגען.

סמאָלענסק איז נאָרוואָס אָפּגערייניקט גע־וואָרן פֿון דער פֿאַשיסטישער טומע. די רעדאַק־ציע האָט דער דאָזיקער געשעעניש געווידמעט אַ ספּעציעלן נומער פֿון דער צײַטונג. אומגע־ריכט האָט זיך צעבראָכן דער וואָל פֿון דער קליינער דרוקמאַשין, וואָס הייסט „אַמעריקאַנ־קע". דער רעדאַקטאָר סאַוויניאַוו, אַ ליבהאָבער און קענער פֿון טעכניק, איז געווען זיכער, אַז ער וועט איינס־און־צוויי די אַוואַריע ליקווי־דירן. ער האָט אַוועקגעשיקט אין שטאָט ווײַס־מאַנען מיט צוויי שלאָכטלײַט — פּעטראָוו און זשאַראָוו, — זיי זאָלן דאָרט געפֿינען אַ געהע־ריקן וואַרשטאַט און, אויב נייטיק, אויסטאָקן אַ נײַעם וואָל. די שליחים זײַנען אַוועק אויס־פֿילן דעם באַפֿעל און... פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. עס איז אַוועק איין טאָג, אַ צווייטער, אַ דריטער — מע הערט ניט פֿון זיי.

אין באַפֿרײַטן סמאָלענסק האָבן זיי אָנשטאָט ווין־הײַזער, זאַוואָדן, טעאַטערן געטראָפֿן בלויז כורוועס מיט גליִענדיקע האָלאָוועשקעס. וועגן געפֿינען אַ וואַרשטאַט אַף אָפּטאָקן אַ וואָל האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. געבליבן איין אויסוועג — אומקערן זיך צוריק אין קאָרפּוס. אָבער ווײַסמאַן האָט באַשלאָסן זיך דערקלײַבן קיין מאָסקווע און דאָרט אויספֿילן די פֿאַרגע־בונג. אָפּגעשיקט באַ אַ געלעגנהײַט סאַוויניאַוון אַ צעטעלע, ווו ער זאָגט צו ברענגען אַ גאַנצן וואָל, האָט ער צוזאַמען מיט פּעטראָוון און זשאַ־ראָוון, הונגעריקע, דערפֿרוירענע, טויט־מידע, מיט אַ שווערן וואָל אַף די אַקסלען, אַוועקגע־לאָזט זיך קיין מאָסקווע. אין דער הויפּטשטאָט האָבן זיי מיט אומבאַשרײַבלעכער פֿרייד דער־זען זאַוואָד־קוימענס, פֿון וועלכע עס גייט אַ רויך.

ווײַסמאַן האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן עמעצן פֿון דער אָנפֿירונג פֿונעם זאַוואָד. אַפֿן אָרט איז געווען בלויז אַ דעזשורנער אינזשעניר. יענער האָט אויפֿגענומען דעם אומגעריכטן גאַסט גאַנץ קאַלט. ער האָט געפֿאָדערט קוידעמקאָל אַ בריוו פֿון דער קאָמאַנדשאַפֿט מיט דער פֿאָרמעלער באַקאַשע צו אַפּרעמאָנטירן די נייטיקע דעטאַל, דערצו אַ טעכנישע צייכענונג פֿון דער מאַשין, פֿאַר וועלכער עס איז באַשטימט דער וואָל, די פֿאָרמולעס וועגן דער ווידערשטאַנד־קראַפֿט פֿונעם וואָל, אַ דאָקומענט וועגן דעם, אַז דאָס איז טאַקע אַ וואָל פֿון אַ דרוקמאַשין, ניט פֿון אַ האַרמאַט, און נאָך אַזעלכע טעכנישע פּאַ־פּירן. ווו האָט ווײַסמאַן געקאָנט דאָס אַלץ נע־מען?

נאָך לאַנגע רייד האָט ער געפֿועלט באַם אינזשעניר, ער זאָל אים געבן דעם היימישן טעלעפֿאָן פֿונעם זאַוואָד־דירעקטאָר. ס'איז אים געוואָרן אַ ביסל אומעטיק, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער דירעקטאָר איז אַ גענעראַל. נאָר אַן אַנדער ברירע האָט ער? ער האָט דער־ציילט אין טעלעפֿאָן, ווער ער איז.

— איז וואָס פֿאַרלאַנגט איר? — פֿרעגט דער גענעראַל.

— פֿאַריכטן דעם אַלטן וואָל פֿון דער „אַמע־ריקאַנקע" אָדער אָפּטאָקן אַ נײַעם.

— פֿאַרוואָס ווענדט איר זיך ניט צום דע־זשורנעם אינזשעניר?

— ער פֿאָדערט דאָקומענטן, אַ טעכנישע צײַ־כענונג. איך האָב זיי ניט.

— און איך, מיינט איר, דאַרף ניט פֿאָדערן קיין דאָקומענטן און טעכנישע צייכענונגען? ווו דינט איר? אײַער אַמט?

— איך בין אַן עלטערער לייטענאַנט, סעק־רעטאַר פֿון דער צײַטונג פֿונעם דריטן גוואַר־דייִשן קאַוואַלעריע־קאָרפּוס.

— וואַרט, וואַרט, פֿון קאַוואַלעריִשן, זאָגט איר? איך בין אויך אַ קאַוואַלעריסט. ווער איז באַ אײַך דער קאָמאַנדיר?

— גענעראַל פּליִעוו.

— ניקאָלײַ סערגייעוויטש? און דער שטאַב־שעף איז שמויקאַ?

— יאָ, יאָ, סערגיי טריפֿאָנאָוויטש שמויקאַ.

— און איר טײַנעט די גאַנצע צײַט וואָל, דאָקומענטן... גוט, איך בין איצט אַ ביסל קראַנק, קאָן איך ניט קומען אין זאַוואָד. נאָר זײַט רויִק, אײַער וואָל וועט אינדערפֿרי זײַן פֿאַרטיק. ווען איר וועט זיך אומקערן מיט אים אין קאָרפּוס, גיט איבער די קאַוואַלעריסטן אַ גרוס פֿון מיר.

אינדערפֿרי איז דער וואָל געווען פֿאַרטיק, און דער דרײַלינג האָט זיך געלאָזט צוריק אין ראַיאָן פֿון סמאָלענסק. וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ וועג, איז איבעריק צו דערציילן: קיין פּראָדוקטן אין די רוקזעק האָבן זיי ניט געהאַט, קיין געלט אויך ניט. אַ פֿראָנט־וועג פֿון העכער 400 קילאָמעטער.

אין צוויי טעג אַרום זײַנען ווײַסמאַן און זײַנע באַגלייטער אָנגעקומען צום אָרט, ווו עס איז געשטאַנען דער קאָרפּוס. מידע, אויסגעהונגער־טע, מיט אָנגעריבענע ביז בלוט פּלייצעס פֿון אַרומטראָגן דעם וואָל, האָבן זיי זיך באַוויזן אין דורקערײַ. ווײַסמאַן האָט געבעטן דעם שאָ־פֿער פֿאַלעכין אַרומרײַניקן דעם וואָל. פּעטראָוו האָט טייקעף געלאָזט אין גאַנג די „אַמעריקאַנ־קע".

אין אָוונט האָב איך אַרויסגערופֿן צו זיך ווײַסמאַנען צוזאַמען מיט סאַוויניאַוון. דאָס ער־שטע, וואָס עס האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן, — די אָפּצוגן פֿון נאָרוואָס אָפּגעדרוקטע

סוואָדקעס פון סאָווינפאָרמביוראָ, וועלכע סאָווינאָו האָט, אַ שײַנענדיקער, געהאַלטן אין זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט.

נאָך דער מילכאָמע האָט ווײַסמאַן זיך אומגעקערט אין דער צײַטונג פונעם קיִעווער מיליטער־קרײַז „קראַסנאַיאַ אַרמיִא". זײַן פּען, וואָס איז מילכאָמע־צײַט געווען צוגעגליכן צו אַ באַגנעט, איז אויך פרידנסצײַט געווען אַ שאַרפע, אַ קעמפערישע.

די פראָנט־באַדינגונגען האָבן אײַנגאַנצן אונטערגעריסן זײַן געזונט. ער איז שוין איצט ניטאָ מיט אונדז. אָבער די סאָלדאַטן און אָפיצערן, וועלכע האָבן געדינט מיט אים צוזאַמען אין קאַוואַלעריע־קאָרפּוס, געדענקען גוט דעם טאַלאַנטפולן פראָנט־זשורנאַליסט ווײַסמאַנען.

י ע ש ו ע ה ו ט נ ע ר,
אַ ײַ ז י ק ש פּ י ל ב ע ר ג
(סמאָלענסק)

לעבט אין פּסקאָוו אַן אײַזנבאַנלער...

די אײַזנבאַן־סטאַנציע לידאַ ליגט אין רויִנען. ווי גיגאַנטישע באַרמיגענס, וואַלגערן זיך צעבאָמבירטע לאָקאָמאָטיוון. טיפע לעכער קוקן אַרויס פון די בעטאָן־פּערמעס פון דעפּאָ. עס פליִען ווײַט אַרום מיריאַדן פונקען פון די פלאַקערנדיקע קופּעס קוילן. פון דער דורכגעלעכערטער וואַסער־קאָלאָנקע שלאָגן מעכטיקע שטראָמען און פאַרגיסן די רעלסן. און אינמיטן פון אָט דעם גענעם לויפט אַ מענטש, שוואַרץ פון סאַזשע און בלאָטע, אויסגעווייקט אין שוויס. דאָס איז דער אינזשעניער יִצחאָק שניירסאָן. אונטערן פײַער פון דעם סוינע פירט ער אָן מיט דער עוואַקואַציע פון דער ווירטשאַפט פון דעפּאָ. לויט זײַן באַפעל ווערן צונויפגעשטעלט עשעלאָנען, צונויפגעפּענטעט גרופּעס לאָקאָמאָטיוון. אַנטבלויזט דעם קוטשעראַווון קאָפּ, גיט ער מיטן היטל סיגנאַלן די מאַשיניסטן פון די לאָקאָמאָטיוון: שנעל, פאָרויס, פאָרויס! לויט זײַן באַפעל שיטן די דאַמף־קראַנען קוילן אין די לאָקאָמאָטיוו־טענדערס און אַף די וואַגאָן־פּלאַטפאָרמעס. מע טאָר ניט איבערלאָזן דעם סוינע קיין איין לאָקאָמאָטיוו, קיין איין וואַגאָן, קיין איין ווערקשטעל.

יִצחאָק שניירסאָנען איז אויסגעקומען צו פאַרבלײַבן אַף דער סטאַנציע ביז דער לעצטער מינוט, ווען דער וועג אַף מיזרעך איז שוין געווען אָפּגעשניטן...

אַ פינצטערע נאַכט. אין אַ שטיבעלע עקשטאָט, אין דער וווינונג פון אַן אײַזנבאַנלער, איז געזעסן אַ קליין הײַפעלע מענטשן, צווישן זיי אויך יִצחאָק שניירסאָן. מע האָט באַשטימט אײנציקווײַז (גרופּנווײַז איז געפערלעך) זיך לאָזן אין וועג, אין דער ריכטונג פון די דריסנער וועלדער, ווו, ווי מע זאָגט, עס זײַנען שוין טעטיק די פּאַרטיזאַנער.

ווו געטאָגט — ניט גענעכטיקט, ווו גענעכטיקט — ניט געטאָגט, דורך וועלדער, זומפּן און פאַרוואָרפענע דערפלעך דערקלײַבט זיך יִצחאָק שניירסאָן אין האָראָדאָקער ראַיאָן, צום דאָרף פריוואַלני, ניט ווײַט פון וויטעבסק, ווו עס וווינען זײַן ווײַבס עלטערן, די ווײַסרוסן וואַלענטיק און ווו עס געפינען זיך איצט זײַן פרוי מיט די קינדער. אַף אַ פּאָר טעג באַזעצט ער זיך אין אַ וואַלד־שטיבעלע. זײַן שווער, איוואַן אַנדרייעוויטש וואַלענטיק, זוכט אויף צווישן אַלטע פּאַפּירן און דאָקומענטן זײַן אַמאָליקן צאַרישן פּאַספּאָרט, רײַסט פון דאָרט אַרויס אַ זײַטל, אַף וועלכן עס איז פאַרשריבן די מעטריקע פון זײַן זון, און גיט עס איבער יִצחאָקן. פון דעמלט אָן איז שוין צײַטווײַליק ניטאָ יִצחאָק שניירסאָן, נאָר אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש וואַלענטיק.

אין די באַרסוקאָווער וועלדער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע סאָוועטישע סאָלדאַטן און אָפיצערן, וועמען ס'האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסרײַסן זיך פון געפענקעניש. זיי האָבן געשאַפן אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט ניקאָלײַ פּאַוולאָוויטש סר־

טירין. צו סוטירינס אַטריאַד זײַנען צוגעשטאַנען אויך שנייערסאָן־וואָלענטיק און זײַנע כאַווײ־רים.

שוין אין די ערשטע טעג קומט שנייערסאָנען אויס אָנטיילצונעמען אין א וויכטיקער אָפּעראַציע. אין אַטריאַד האָט זיך אַרײַנגעשמוגלט א פּראָוואָקאַטאָר גאַמעלקאָ, וועלכער האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר א קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי אונטערן נאָמען סיזאָוו. איינמאָל, ווען דער גרעסטער טייל פונעם אַטריאַד איז אַוועק אַף אַן אָפּעראַציע, האָט גאַמעלקאָ גענומען אויספּרוּוון א ניט לאַנג פאַרכאַפּטן בא די דײַטשן קוילנוואַרפער, און די ערשטע קוילן האָט ער אויסגעשאָסן אין סוטירינען, וועלכער איז געפאַלן טויט אַפן אָרט. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך א לאָז געטאָן צו גאַמעלקאָן. ער האָט אויסגעשריִען:

— צוריק! איך האָב באַקומען ידיעות, אַז סוטירין איז א פאַררעטער. איך האָב א באַפעל פאַנאַנדערלאָזן אײַך. ווען מע וועט אײַך דאַרפן, וועל איך אײַך אופזוכן.

ביז די פּאַרטיזאַנער זײַנען געקומען צו־זיך, איז דער פּראָוואָקאַטאָר מיט אייניקע זײַנע נאָענטע פאַרשוווּנדן אין וואַלד. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך באַוויזן דײַטשישע און פּאָליצײַישע שטראָף־אַטריאַדן, און ניט איין פּאַרטיזאַן איז אַרײַנגעפאַלן אין זייערע הענט. די פּאַרטיזאַנער האָבן באַשטימט בײַטן דאָס אָרט, און זיי האָבן זיך פאַרייניקט מיטן אַטריאַד פונעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון דריסנער ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט גערעסימאָוו. אופזוכן סיזאָוון־גאַמעלקאָן און מאַכן א סאָף צום פאַררעטער — איז באַשטימט געוואָרן. אויספילן די אופגאַבע האָט מען פאַרטרויט יִצחק שנייערסאָנען, קאָנסטאַנטין מישקאָ, אַלעקסאַנדער קולשינען. זיי האָבן אים געבראַכט אין שטאַב פונעם אַטריאַד און געשטעלט פאַרן פּאַרטיזאַנישן געריכט. דער פאַררעטער האָט באַקומען זײַן פאַרדינטע שטראָף.

נאָך דער דאָזיקער אָפּעראַציע איז שנייערסאָן־וואָלענטיק געוואָרן זייער פּאָפּולער אינעם אַטריאַד. דערוויסנדיק זיך, אַז ער איז א דערפאַרענער אײַזנבאַנלער, באַשטימט אים גערעסימאָוו אַלס אופרײַסלער.

אין יול 1942 גיסט זיך דער אַטריאַד אַרײַן אין מיכאל פּרודניקאָווס בריגאַדע.

אַן ערעך א יאָר צײַט איז שנייערסאָן־וואָלענטיק טעטיק אַלס אופרײַסלער אַף דער אײַזנבאַן־ליניע דווינסק — פּאָלאָצק — סעבעזש — נעוועל.

די דיווערסיעס אַף די קאָמוניקאַציעס פונעם פײַנט האָבן געפאָדערט טיפע באַקאַנטשאַפט מיט דער אײַזנבאַן־ווירטשאַפט, און שנייערסאָנען האָט מען ניט געדאַרפט לערנען — ער האָט גוט געוווּסט די מלאָכה.

דעם ערשטן אופרײַס האָט ער דורכגעפירט באַם דאָרף לעוואיא, לעבן דער סטאַנציע וועטרינאָ. ס'זײַנען צעשמעטערט געוואָרן „בלויז" איין לאָקאָמאָטיוו און פיר וואַגאָנען. שנייערסאָן קלײַבט זיך פאַנאַנדער אין דער סיבע פון דעם ניט גאָר געלונגענעם, לויט זײַן פאַרשטאַנד, אופרײַס. ער באַמערקט, אַז די דײַטשן נעמען אוף אַף דער סטאַנציע די צוגן בא פאַרמאַכטע סעמאַפאָרן: מע הייבט זיי אָן טאָרמאָזירן נאָך בא 1200 מעטער פאַר דעם סעמאַפאָר. און ער מאַכט אַן אויספיר: די צוגן דאַרף מען אופרײַסן וואָס ווײַטער פון דעם טאָרמאָז־וועג. דער עפעקט פון די אופרײַסן איז געוואָרן א סאַך גרעסער.

בייס א צווייטער דיווערסיע לעבן דער סטאַנציע טוואָלגע באַמערקט שנייערסאָן, אַז די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן אויסנוצן אַנדערע מעטאָדן, קעדיי דעזאָריענטירן די פּאַרטיזאַנער. מע לעשט שוין אינגאַנצן אויס די סעמאַפאָרן, און די צוגן גייען אָפּ פון דער סטאַנציע לויטן סיגנאַל פון דרײַ גרינע ראַקעטעס און קומען אַף דער סטאַנציע לויטן סיגנאַל פון איין גרינער ראַקעטע. די אופרײַסלער באַשליסן לייגן דעם אופרײַס־מאַטעריאַל אַף די רעלסן, גלײַך ווי ס'לויכטן אוף דרײַ גרינע ראַקעטעס.

וועגן שנייערסאָנס אופטוען אין אָט דער צײַט זאָגן איידעס פיל דאָקומענטן. אָט זײַנען צוויי פון זיי.

„א. א. שנייערסאָן — „פּרודניקאָווצעס" („ניערלאָווימיִע"). אַף זײַן פּערזענלעכן כעזשבן פאַר עטלעכע כאָדאָשים פיר גרויסע דיווערסיעס: אופגעריסן און אַראָפּגעשלײַדערט פון די רעלסן 4 לאָקאָמאָטיוון און 78 וואַגאָנען מיט דעם סויי־

נעס טעכניק און סאָלדאַטן" (אַן אופשריפט אונטער שנייערסאָנס בילד אין פּסקאָווער אײַזנבאַן־מוזיי).

„2 יאַנוואַר 1943. אַף דער ליניע פּאַלאַצק — מאָלאָדעטשנאָ, צאָפן־מיזרעוודיקער פון דער סטאַנציע אָרעכאָווא, איז אופגעריסן און אַראָפּגעשלײַדערט געוואָרן פון די רעלסן א צוג מיט דעם סוינעס טעכניק און סאָלדאַטן. פאַרברענט 12 וואַגאָנען. די אָפּעראַציע האָבן אויסגעפירט ניקאָלײַ טשײַקין, ווערע יאַנקאָווע, איוואַן אָרשיצקי, סערגיי מאַצוק, וולאַדימיר אושאַקאָוו, פּיאָטער באַביטש. קימאַט אַלע קאָמיוגיסטן. קאָמאַנדיר פון דער גרופּע איז געווען אַלעקסאַנדער וואַלענטיק" (א נאָטיץ אין אָפּעראַטיוון זשורנאַל פון מ. ס. פּרודניקאָוו, דעם קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע „ניעולאָווימיִע").

סאָף 1942 ווערט שנייערסאָן־וואַלענטיק באַשטימט אַלס שעף פון דער אויסשפּירונג אין קאָסטיע מיטקאָס אָטריאַד. ער שאַפט א פאַרצווײַגטע נעץ אויסשפּירער אין די אַרומיקע דערפער און אַף די סטאַנציעס. זײַנע מיטהעלפער זײַנען די וועג־וועכטער, סטרעלאָטשניקעס, אָנגעשטעלטע אין אײַזנבאַן־קאָנטאָרן, מאַשיניסטן. מיט זיי האַלט ער א שטענדיקע פאַרבינדונג. אַלס „פּאָסט־קעסטלעך" דינען ביימער־לעכער, קאָנסערוון־באַנקעס, פאַרגראָבענע אין א באַשטימטן אָרט.

אָט זײַנען אייניקע עפּיזאָדן פון שנייערסאָן־וואַלענטיקס טעטיקײַט אַלס שעף פון דער אויסשפּיר־גרופּע.

פון דעם אָנגעשטעלטן אין דער אײַזנבאַן־קאָנטאָר אַף דער סטאַנציע קרעסלאָווע, וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש ביראַקאָוו, באַקומט ער אײנעם „פּאָסט־קעסטל" א צעטעלע: „היי און שטרוי — טאַנקען, קאַנאָנען". דאָס הייסט, אַז אַף די וואַגאָנען מיט טאַנקען און קאַנאָנען וועלן זײַן אופשריפטן „היי, שטרוי". אין א טאָג אַרום באַווײַזט זיך אין „פּאָסט־קעסטל" נאָך א צעטעלע. ביראַקאָוו גיט צו וויסן, אַז אַף די טירן פון די לאַסטוואַגאָנעס זײַנען אָנגעמאָלט פאַרשיידענע געאָמעטרישע פיגורן — באַדינגלעכע צייכנס וועגן דעם געווער, וואָס געפינט זיך אין וואַגאָן: א געלער דרײַעק — סנאַריאַדן, א גרינער קוואַדראַט — מינעס, א שוואַרצער קאָנוס — פּאַטראָנען.

אײנעם דאָרף סאָקאָלאָווטשינע באַקומט שנייערסאָן־וואַלענטיק א ראַפּאָרט פון אײנעם אויסשפּירער מיטן צונאָמען „פּאַרטרויטער": „זאַלץ באַקומען. פיר בורטן פאַרזאַלצט. אַף דער ריי — נאָך צוויי". די דײַטשן האָבן געטריבן פון אַלע אַרומיקע דערפער גרויסע אָבאָזן מיט קאַרטאָפל פאַרן „פּאַטערלאַנד". די קאַרטאָפל פלעגט מען אײַנלייגן אין בורטן לענגאויס דער אײַזנבאַן. אָנגעפירט מיטן אופנעמען, אויסלאָדן און פאַרהיטן די קאַרטאָפל האָט דער אָרטיקער אַגראָנאָם. טאָג און נאַכט פאַרעט ער זיך אַרום די בורטן. די דײַטשישע קאָמענדאַטור שעצט אים פאַר זײַן „אַרבעטספייִקייט" און „איבערגעגעבנקייט". שנייערסאָן־וואַלענטיק אָבער האָט שוין לאַנג אײַנגעשטעלט פאַרבינדונגען מיטן אַגראָנאָם, אַן עכטן סאָוועטישן פּאַטריאָט, און האָט געשטעלט פאַר אים אַן אופגאַבע: די קאַרטאָפל טאָרן ניט דערגיין קיין דײַטשלאַנד. און אין די האַרבסטיקע רעגן־נעכט, ווען די דײַטשן האָבן געשמאַק געכראָפּעט אין זייערע קאַזאַרמעס, נעמט דער אַגראָנאָם פאַנאַנדער די שטרוי אַף די בורטן — זאָל דער רעגן זיי א ביסעלע באַנעצן — און באַשיט די קאַרטאָפל מיט הויפנס זאַלץ. פאַרטאָג ווערן ווידער אָנגעשאָטן פאַרטיקע קאַרטאָפל אַף די באַזאַלצענע בורטן, און נאָכמאָל ווערט געמאַכט איבער זיי די זעלבע „אָפּעראַציע". שנייערסאָן באַקומט א ראַפּאָרט: „פיר בורטן פאַרזאַלצט, 240 טאָן. געבליבן נאָך צוויי בורטן, מע דאַרף זאַלץ".

געוויינלעך, ס'איז ניט שטענדיק אַזוי גלאַט אָפּגעגאַנגען. וויפל מאָל האָט שנייערסאָן געקוקט אין די אויגן דעם מאַלעכהאַמאָוועס!

אָט האָט ער צוזאַמען מיט דעם אויסשפּירער סאַשע אַנדרייענקאָוו פאַרלאָזט דעם פּאַרטיזאַנישן לאַגער און זיך געלאָזט אין ווײַטן וועג, דורך וועלדער, כוטאָרס און בלאָטעס, אַף אַן אָפּעראַציע צו דער לעטישער גרענעץ.

אויסגעפילט די אופגאַבע, זײַנען זיי אין פינצטערע, סאָף־האַרבסטיקע נעכט, דורך קוסטאַרניקעס, פאַרפרוירענע זומפּן, געדיכטע, פאַרשנייטע וועלדער, געגאַנגען צוריק קיין ווײַסרוסלאַנד, אין זייער לאַגער. און אין אײנער א נאַכט האָבן זיי דערפילט, אַז די קויכעס גייען זיי אויס, מע מוז אָפּרוען, ערגעץ־וווּ איבערנעכטיקן, זיך א ביסל אָנוואַרעמען. ניט ווײַט פון א דאָרף, אָפּן ברעג פון א טײַכל, האָבן זיי אָפּגעזוכט א קליינינק פאַרייכערט באָד־הײַזעלע און זיך פאַרקליבן אַהין אָפּצורוען. פאַרדעקט דאָס קליינע פענצטערל מיט א פופײַקע, פאַרשפּאַרט די טיר, האָבן זיי זיך א וואַלגער געטאָן אָפּן דיל און זײַנען אײַנגעשלאָפן.

אופגעכאַפּט האָט זיך דער ערשטער אַנדרייענקאָוו. ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. ניט געוואָלט האָט זיך אים וועקן דעם כאַווער, וועלכער האָט אויסגעזען זייער פאַרמאַטערט און דערצו נאָך געכטן געקלאָגט זיך אַף ווייטעקן אין פאַרוווּנדעטן פוס. נאָר מער פאַרבלײַבן דאָ טאָר מען ניט, עס וועלן באַלד זיך באַווײַזן מענטשן. ער וועקט אוף שנייערסאָנען, זיי נעמען זיך קלײַבן אין וועג. אַנדרייענקאָוו נעמט אַראָפּ די פופײַקע פון פענצטער, ווײַל זי שוין אָנטאָן. נאָר וואָס איז עס? אין פענצטער

פון דעם באַד־הײַזעלע קוקט אַרײַן אַ מענטש. ער איז באַוואָפנט מיט אַ „פּאַראַבעלום״. אַ פּאָ־ליציי! — האָט גלײַך פאַרשטאַנען אַנדרייענקאָוו און איז אָפּגיך אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער.

— וואָס, אַרעמינקער, פאַרפרוירן געוואָרן? באַלד וועלן מיר דיך דערוואַרעמען. אַנו, שנעל אַרויס! — האָט אויסגעשריִען דער פּאָליציי.

אַ שטילשווײַגן.

— ווילסט ניט אַרויסגיין? וועל איך באַלד אַרויסלאָזן דאָס רויטע הענדעלע.

מע זעט, ווי עס פליִען פונקען פון דעם צינד־מאַשינקעלע. ער פּרוּווט אָנצינדן די שטרוי אפן דאַך. נאָר די שטרוי איז נאַס. דער פּאָלי־ציימאַן שיסט אינדערלופטן. ער רופט הילף.

אַנדרייענקאָוו שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ גראַנאַטע. שנייערסאָן שטעלט אָן דאָס צינגעלע פונעם פּיסטאָלעט.

מע זעט, ווי עס לויפן פון באַרג צוויי דײַטשן. זיי ריידן וועגן עפּעס מיטן פּאָליציי־מאַן, לאָזן זיך צוריק צום באַרג.

— אַ ביסעלע קעראָסין וועט העלפן, — זאָגט דער פּאָליציימאַן.

פון באַרג לויפן שוין די צוויי דײַטשן מיט קאַניסטערס אין די הענט. מער וואַרטן איז ניטאָ וואָס. אַרײַנפאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פונעם סוינע טאָר מען ניט. דאַרף מען זיך פּרוּוון דורכרײַסן.

צוויי הילכיקע שאָסן. דאָס האָט שנייערסאָן צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין פענצטער. דער פּאָליציי פאַלט אַ טויטער. אַ פּראַל אויף די טיר, און די פּאַרטיזאַנער לאָזן זיך לויפן צום וואַלד. די דײַטשן וואַרפן אַוועק די קאַניסטערס, הייבן אויף אַ שיסערײַ. נאָר צו שפּעט! די פּאַרטיזא־נער זײַנען שוין אין די געדיכטע קוסטעס באַם וואַלד, ענטפערן פון דאָרט מיט קוילן. אַנד־רייענקאָוו שלײַדערט אַ גראַנאַטע, און באַלד פאַרשווינדן זיי אין דער וואַלד־געדיכטעניש...

אָט אַזוי האָט געקעמפט די אויסשפּירער־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון שנייערסאָן־וואָ־לענטיקן ביז זומער 1944. ווען די בריגאַדע „ניעוולאָווימיִע״ פאַרייניקט זיך מיט די רעגו־לערע טיילן פון דער רויטער אַרמיי, ווערט שנייערסאָן־וואָלענטיק צוזאַמען מיט נאָך איי־ניקע פּאַרטיזאַנער און קאָמאַנדירן אַרויסגע־רופן קיין מאָסקווע און אָפּגעשיקט אין רעשוס פונעם אײַזנבאַן־מיניסטעריום. איצט אַרבעט שנייערסאָן אין פּסקאָוו אַלס אינספּעקטאָר אין אָרטיקן אָפּטייל פון דער אָקטיאַבערישער אײַזנבאַן־ליניע.

פאַר זײַן פּאַרטיזאַנישער טעטיקײַט איז שנייערסאָן־וואָלענטיק באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „פּאַטערלענדישער מילכאָמע 1־טע מאַדרייגע״ און מיט פיל שלאַכט־מעדאַלן.

■ ■ ■

זיאמע טימענטשיק איז געבוירן געוואָרן אין לעטלאַנד אין 1913. די ערשטע לידער פאַרעפנטלעכט אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן. מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס. די לעצטע יאָרן געאַרבעט אַלס הויפּט־רעדאַקטאָר פון „טעלעפילם־ריגאַ״. אָנטיילנעמער פון דער פאַטערלענדישער מילכאָמע. וווינט אין ריגע.

אפן גאַנצן קאָל

מײַן היים איז — דאָ!

כ׳בין ניט פון די, וואָס קוקן אפן טויער —
פון ערגעץ ניט אַרויס, אוועק אין ערגעץ ניט.
מיט יעדן נערוו, מיט האַרץ און מיטן מויער —
כ׳בין אַ סאָוועטישער! אַ ייִד! אַ שטאָלצער ייִד!

אף ייִדיש האָט מײַן טאַטע מיך געשטראָפט און מיך געכאָוועט,
די מאַמע האָט געשאָנקען מיר פון קינדווײַז אָן איר ליד.
כ׳האָב פיל לעשוינעס ליב, אויך ייִדיש איז מײַן קאָוועד.
כ׳בין אַ סאָוועטישער! אַ ייִד! אַ שטאָלצער ייִד!

דער שוירעש פון די אָוועס איז אין האַרץ מײַנעם פאַרשריבן,
נאָר יענע, וואָס זיי זאָגן צו אין הימל אַ יאַריד,—
איך שיק זיי אָפּ צו... האָט ניט קיין פאַריבל,
כ׳בין מער פון זיי אַ ייִד! אַ שטאָלצער ייִד!

מײַן היים איז — דאָ, און דאָ בין איך געבאָרן,
קיין אַנדער היימלאַנד האָבן וויל איך ניט.
מיט בלוט און ביין אַ טייל פון איר אין שוין אַלע יאָרן,—
כ׳בין אַ סאָוועטישער! אַ ייִד! אַ שטאָלצער ייִד!

פאַר אָט דער ערד געגאַן איך בין אין שלאַכטן,
פון סאָנים זי פאַרשטעלט און אָפּגעהיט.
און אויב אַזוי — איז רעדט צו מיר מיט אַכטונג:
כ׳בין אַ סאָוועטישער, אַ שטאָלצער ייִד!

מײַן טאטע

פון אזא מין טראסקערײַ
שיר די אויערן ניט פלאצן:
אפן דאך מײַן טאטע זיצט —
פויקט, ווי אין די טאצן.
ווען ער נעמט זיי פאלדעווען,
די בלעכן,
נעמען זיי געוואלדעווען
אלץ העכער.
נעמען זיי זיך ראעשן
און פּראלן,
נעמען זיי זיך קאעסן
און שאלן.
מיטן האמער הילצערנעם
ער פּילדערט.

לייגן זיי, די בלעכן, זיך,
ווי זילבער.
און יעדער בויגן בלעך
פארשײַטער
שלינגט אין זיך ארײַן די זון
די ווײַטע.
בלעכן גרויסע, גלאנציקע,
ווי שפּיגלען —
פון דעם פרילינג נאָענטן
זיי קלינגען.
און דער טאטע גוואלדעוועט
און דונערט —
הייסט עס, קומען באלד עס וועט
דער זומער.

איך בין אלץ דער זעלביקער

שטרענגע קלאָלים פאר דער עלטער זײַנען מיר קיין מוז ניט,
די דאָקטוירימס קלוגע אייצעס זײַנען אויך אומזיסט.
כ׳בין נאָך אלץ דער זעלבער פלינקער בלויער בלוזניק,
כ׳בין נאָך אלץ דער זעלבער הייסער קאָמיוגיסט.

איך בין אלץ דער זעלביקער, און כ׳וועל זיך שוין ניט בײַטן,
כאָטש דאָס הארץ בא מיר איז דאפקע ניט פון שטאָל.
האָב איך ליב — איך זאָג דאָס אָפן, איבער אלע ווײַטן,
האָב איך פײַנט — איך זאָג דאָס אָפן, אפן גאנצן קאָל.

כ׳זוך קיין שטילע ווינקעלעך, איך גיי ניט אף קיין פשאָרעס,
די כאָכמע פון זיך צופאסן וויל איך ניט פארשטיין.
איך בין גרייט באגעגענען אליין דעם מאלכאמאָוועס —
אָנגעשטאָלט די מוסקולן, פארביסן יונג די ציין.

נאָר צו אים איך אײַל זיך ניט, מע דארף נאָך קיין געוויין ניט!
לעבן — דאָס איז ריכטיקער, לעבן — איז א זאך!
דאָס, וואָס איך האָב אופגעטאָן, איז זייער ווײַט פון ווייניק,
דאָס, וואָס איך האָב אופגעטאָן, איז ווײַט נאָך פון א סאך.

מאָרגן פרי וועט ווידער זײַן א ליכטיקער באגינען,
מאָרגן דורכן נעפּל וועט זיך דורכרײַסן די ווײַט.
מיטן טויט פארנעמען זיך איך קאָן זיך ניט פארגינען,
מיטן טויט פארנעמען זיך — כ׳האָב פּאָשעט ניט קיין צײַט.

שטרענגע קלאָלים פאר דער עלטער זײַנען מיר קיין מוז ניט,
די דאָקטוירימס קלוגע אייצעס זײַנען גאָר אומזיסט.
כ׳בין נאָך אלץ דער זעלבער פלינקער בלויער בלוזניק,
כ׳בין נאָך אלץ דער זעלבער הייסער קאָמיוגיסט!

כ׳האָב ליב

כ׳האָב ליב אַן אָקאָרשט אָפּגעצוימטן שטעך,
ווו קעגן זון די רישטאָוואַניעס בלאַנקען.
דורך די אָפּגיך צונויפגעקלאַפּטע ברעטער
אַ הויז אַ נײַס איך זע אין די געדאַנקען.
אַ לעבן וועט אַ נײַס דאָ אויפגיין שפּעטער,
און נײַע וועט מען הערן דאָ געזאַנגען.
כ׳האָב ליב אַן אָקאָרשט אָפּגעצוימטן שטעך,
ווו קעגן זון די רישטאָוואַניעס בלאַנקען!

כ׳האָב ליב צו קוקן, ווי אַ שטאָלענער בולדאָזער
טוט זיך אַ וואָרף אויף גאָר אַן אַלטער כאַטע,
אַרום דעם ברוכוואַרג פּאָרעט זיך מיט האָזע
און אַרבעט, אַרבעט — ווערט גאָר ניט פאַרמאַטערט.
אַ זעץ! אַ בראָך! אַ קלינגערײַ פון גלאָזן —
און ס׳ליגט די כורווע שוין מיט אַלע אירע לאַטעס.
כ׳האָב ליב צו קוקן, ווי אַ שטאָלענער בולדאָזער
טוט זיך אַ וואָרף אויף גאָר אַן אַלטער כאַטע!

כ׳האָב ליב די ליד פון גרילצנדיקע קראַנען,
דעם שווונג פון שנאָבלען איבער ראַכוועס פון אַרומען —
אין זיי שוין איצט אַזויפיל קויך פאַראַנען,
און נאָך מער קראַפט — אָט די, וואָס וועט ערשט קומען.
די קראַפט, וואָס ס׳איז ניט מעגלעך זי צו צאַמען,
איך הער אין זייער אײַנגעשפּאַרטן ברומען.
כ׳האָב ליב די הויכע כיינעוודיקע קראַנען,
וואָס שפּאַנען איבער ראַכוועס פון אַרומען!
כ׳האָב ליב — און כ׳וועל ניט אויפהערן צו ליבן
מײַן ראַטנלאַנד, מײַן פרײַע ערד.
און וויפל ס׳איז מיר לעבן נאָך געבליבן,
און וויפל ס׳איז מיר אָטעמען באַשערט,
איך וועל זיי אָפּשטויסן, די קלעפּיקע פאַריבלס —
דער וועג צום האַרצן זײַן וועט זיי פאַרווערט.
כ׳האָב ליב — און כ׳וועל ניט אויפהערן צו ליבן
מײַן ראַטנלאַנד, מײַן פרײַע ערד!

הערשל ראַבינקאָוו

מיליע

1

מאַרע האָט זיך אומגעקערט פון דער קאַנטישער שטאָט, ווו זי האָט זיך באַטייליקט אין א קאָנקורס פון פאַבריקמאַכערס, און געפונען בא זיך אין פּאָטשט־קעסטל א קאַרטל פון איר כאַווערטע מיליע גולקאָ, וואָס האָט אמאָל געוווינט אין דעם שכייניש̈ן הויז. מיליע האָט געשריבן, אז זי קלײַבט זיך אף עטלעכע טעג אראָפּכאַפּן „אהיים". זי איז שוין אכט יאָר דאָ ניט געווען און האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט.

וועגן דעם קאַרטל האָט מאַרע דערציילט די עטלעכע אלטע שכיינים, וואָס האָבן נאָך געדענקט מיליען: גרימזע קומט צו פאָרן! „גרימזע" איז געווען מיליעס צונעמעניש דאָ אין הויף. א צונעמעניש, וואָס קיינער האָט ניט געוווּסט דעם באַטײַט און פונוואַנען האָט זי זיך גענומען.

עס איז געווען א זומערדיקער שאַבעס נאָכמיטיק. עטלעכע ייִנגערע פאַרברוינטע מאַנצב־לען אין מײַקעס זײַנען געזעסן בא א טיש אין שאָטן פון די ברייט־צעוואַקסענע טאָפּאָליעס, געשפּילט אין דאָמינאָ און צוגעוואָרפן יעיצערהאָרעדיקע בליקן אף דער פאַרפירעריש־שיינער וווּקסיקער אכט־און־צוואַנציקיאָריקער מאַרען. פון דער קאַנטישער שטאָט איז זי דאָס מאָל געקומען אין א העל־רויט קלייד, מיט צעלאָזטע ביז די אקסלען בלאָנד־געפאַרבטע האָר, אָנ־שטאָט איר שוואַרצער קאָפּלשמוינעדיקער פריזור.

עמעצער פון די שפּילער האָט צוגעקלאַפּט צום טאַקט מיט א ביינדל און פאַנפעוואַטע אויסגעזונגען: „גרימזע, גרימזע, גרימזעלע!"

— וואָס איז עס פאַר א פּיירע? — האָט ער געפרעגט.

פאַר די אכט יאָר זײַנען א סאַך פונעם הויף ארויסגעפאָרן, און די נײַע שכיינים האָט דער נאָמען „גרימזע" גאָרנישט ניט געזאָגט. פון די אלטע זײַנען דאָ איצט געווען יאַמטשיק קוריטשער, א לאַנגער באָכער מיט געדיכטע שוואַרצע און געקרײַזלטע באַקנבאַרדן — א יונגער פילאָלאָג, וואָס אַרבעט אין אינסטיטוט פאַר העכערן די קוואַליפיקאַציע פון די לערער; אמאַ אבראַמאָוונע, וועלכע מע האָט אין הויף גערופן די „באַרגוזינערן", ווײַל זי איז א געבאָרענע סיביריאַטשקע, און נאָך עמעצער.

— דאָס איז שוין איינמאָל א מיידל! — האָט יאַמטשיק אונטערגעוווּנקען די ארומיקע מאַנצבלען, דערבײַ זיך ארומגעקוקט, צי הערט עס ניט בעלע, זײַן יונג אייפערזיכטיק ווײַבל. — דאָס איז א מיידל פון... שיר־השירים!

די באַרגוזינערן, אן עלטערע דיקע פרוי מיט העלע שיטערלעכע ברעמען און רויטלעכע באַקן אונטער א ווײַסלעכן פוך, האָט אים טעמפּלעך אָנגעקוקט:

— ער וועט אײַך עפּעס זאָגן. א היגע איז זי. א בירשאָבידזשאַנער.
עמעצער האָט זיך א כאָכמע געטאָן:
— איז דאָס מיידל, יאַמטשיק, ניט פון שיר־האשירים, נאָר פון בירשאָבידזשאַן!
א יונגערמאַן מיט א שוואַרץ בארשט־האַרטן בערדל און מיט א ליולקע אין א זײַט מויל האָט זיך געפּלײַסט צו דערוויסן, צי איז עס א שיין מיידל. יאַמטשיק האָט פאַרביסן די אונ־טערשטע גראָבלעכע ליפּ און צונויפגעצויגן די ווי׳עס, ווי ער וואָלט זיך אָנשטרענגען צו דערמאָנען מיליעס פּאָנעם:
— ניין.
מארע האָט א לאַך געטאָן:
— סאַכאַקל איז ער געוועזן פאַרליבט אין איר אַריבער די אויערן!
— אזוי גאָר, יאַמטשיק, — זײַנען די מאַנצבלען צוגעשטאַנען צום פּילאָלאָג, — מע דאַרף עס איבערגעבן בעלען...
און די באַרגוזינערן האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:
— מישטיינסגעזאָגט — „אהיים״... אפילו דאָס הויז, וווּ זי האָט געוווינט מיט דער אַלטער, האָט מען אויך ניט לאַנג אַראָפּגעטראָגן!
מארע האָט אופגעעפנט איר רענצל, מיט וועלכן זי גייט אַף דער אַרבעט, אַרויסגענומען א שליסל און דערלאַנגט דער באַרגוזינערן:
— זי קאָן נאָך קומען הײַנט, און איך וועל זײַן אין דעם צווייטן אומבײַט.
— וועט זי מיסטאָמע בלײַבן אַף דער גאַס! — האָט די באַרגוזינערן זיך אָנגעברויגעזט.
מארע האָט א שמייכל געטאָן:
— בא מיר, אמא אבראַמאָוונע, וועט איר זײַן באַקוועמער. און מיר דאַרפן זיך מיט איר אַזויפיל אָנריידן!
און יאַמטשיק, בא וועלכן עס איז, ווי געזאָגט, א שטאַרק אייפּערזיכטיק ווײַבל און אַן איינציקמערדיקע סעקציע אין דעם נײַעם ציגלנעם הויז דאָ אין הויף, האָט מיט א האַלב מויל א מורמל געטאָן:
— דאָס איז, פאַרשטייט זיך, קיין פּראָבלעם ניט.
מארע איז אוועק, וויגנדיק מיט די היפטן. די שכיינעס, וועלכע האָבן נאָך געדענקט מי־ליען, האָבן גענומען כעזשבענען, ווי אַלט מוז זי שוין איצט זײַן:
— בא די גאַנצע זעקס און צוואַנציק יאָר.
— וואָס זשע וואַרט זי?
— ס׳איז דאָך גרימזע. איר האָווירן...
דער באַרגוזינערנס פּולבלעך פּאָנעם איז זיך צעשוווּמען אין א שמייכל:
— בא מיר אַף די פענצטער שטייען נאָך גרימזעס אמאָליקע ליימענע קעץ...

2

א כוידעש מיט עטלעכע טעג איז די יונגע סקולפּטאָרן מיליע גולקאָ אָפּגעוווען מיט די סטודענטן פון דער וולאַדיוואָסטאָקער מאָלערײַ־שול אַף דער „פּוטינע״ אין פויר — א פּישער־יִישעוו אין דעם ראַיאָן פון ניקאָלײַעווסק־אַפן־אַמור — זייער א שיין אָרט אַפן סאַמע ברעג פון א ברייטן טײַך, וועלכער כאָטש ער איז ניט קיין ים, אָבער אַפן ברעג קען מען זיך פילן, ווי בא א ים. אין זוניקע טעג זעט מען פון דאָרטן אין א בלוי רויכל די ברעגן פון סאַכאַלין. אַף דער פּוטינע איז די אַרבעט געווען ניט גאָר קיין לײַכטע: גאַנצע טעג שטייט מען אין די צעכן פונעם פּיש־זאַוואָד, וואָס א האַלבער איז ער אַפן ברעג און א האַלבער אַפן וואַסער. מע טרייבערט ריזיקע קעטינעס. מע וואַשט, מע זאַלצט, מע לייגט אײַן אין גרויסע צעבערס מיט אײַז. דאָס לעבן אָבער איז דאָרט געווען א גאַנץ פריילעכס. אהין זײַנען זיך צונויפגעקומען מענטשן פון פאַרשיידענע עקן לאַנד: צוויי יונגע ליטווישע שרײַבער פון ווילניוס, וועלכע האָבן זיך געקליבן אָנשרײַבן א בוך וועגן דעם ווײַטן מיזרעך און אפילו פאָרגעלייגט מיליען מאַכן צום בוך אילוסטראַציעס; א מאָלער פון כאַבאַראָווסק, וואָס דער גרעסטער טייל פון זײַן צײַט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום דער יונגער דאָקטערן פונעם פּיש־זאַוואָד, געמאַכט איר כיינדלעך און געכאַנפעט, קעדיי אַרויסבאַ־קומען א ביסל ספּירט; א יונגע זינגערן — פּיעכעס א נאָכמאַכערן, איר באַיאַרטער אַקאָמפּאַ־ניאַטאָר, וועלכן די אָרטיקע אײַנוווינער האָבן א נאָמען געגעבן „דער פּיאַניסט — דער פּאַר־

גרייטער", ווײַל ער האָט היפּש פּעקלעך מיט גערייכערטע פיש און רויטן רויג אריבערגע־ליפערט פון דאָרטן אהיים. עס איז דאָרט אויך געווען א יונגער קינאָ־אָפּעראַטאָר פון דער אירקוטסקער טעלעסטודיע.

דער פישפאַנג האָט זיך האיאָר אויסגעגעבן זייער א געראָטענער. אזא, האָבן די אלטגעזע־סענע דערציילט, איז שוין לאַנג ניט געווען. דער סטודענטישער אָטריאַד האָט גוט א האָרעווע געטאָן און גוט פאַרדינט; און בא מיליען איז אויך די צײַט ניט אוועק אומזיסט: אין אירע בלאָקנאָטן האָט זיך אָנגעזאַמלט א היפּש ביסל אינטערעסאַנטע עסקיזן און געמעלן פון פישער און ארבעטערנס פּונעם פיש־זאַוואָד. איינע א מיטליאָריקע פרוי אין א וואַטניק, מיט אן ענערגיש פּאָנעם, מיט ברייטלעכע קינבאַקן, די עקן פונעם שווארצן קאָפּטיכל צעפלויגן פונעם צעיושעטן יאַם־ווינט, וואָס אינעם פאָלק רופט מען אים „סאַכאַלינִיעץ", די אויגן געווענדט צו דער יאַם־ווײַטעניש, — זי, אָט די דאָזיקע פרוי, האָט מיליע געקליבן זיך שניצן פון האָלץ אין דער גאַנצער גרייס אָדער אויסהאַקן פון מירמלשטיין; אייניקע האָט זי געקלעפּט פון דער ליים, וואָס א היגער אלטער יאַם־וואָלף — א פּענסיאָנער האָט איר אָנגעוויזן אפן פעלד הינטער זײַן הויף. זעלטענע ליים! ס׳איז פּאָשעט א כּיעס געווען צו ארבעטן!

סאָף אווגוסט האָט זיך די ארבעט פונעם אָטריאַד אף דער פּוטינע פאַרענדיקט. די סטודענטן זײַנען פון ניקאָלײַעווסק אוועקגעפלויגן מיט א לופט־לײַנער קיין וולאַדיוואָסטאָק, און מיליע האָט באַשלאָסן צו פאָרן מיט א מאָטאָר־שיף ביז כאַבאַראָווסק און פון דאָרטן אראָפּכאַפּן זיך אף עטלעכע טעג אין איר היימשטאָט ביראָבידזשאַן. אין כאַבאַראָווסק האָט זיך איר געוואָלט פאַרהאַלטן כאָטש אף א האַלבן טאָג: דאָרטן איז איצט געווען קאַזיק ווײַנבערג אף א סעמינאַר פון מיליטערישע דיריזשאָרן, און אף דער זאָנאַלער אויסשטעלונג פון די סיבירער און ווײַטמיזרעכדיקע מאָלער זײַנען עקספּאָנירט געווען אירע צוויי סקולפּטור־פּאָרטרעטן „וויטאַלי באָניוווּר" און „יוסף בומאַגין". קאַזיק האָט איר אהין, אין פּויר, צו־געשיקט אויסשניטן פון די קאַנטישע צײַטונגען מיט באַריכטן וועגן דער אויסשטעלונג, ווו צווישן אנדערע זײַנען מיט עטלעכע שורעס אָפּגעמערקט געווען אויך אירע ארבעטן. זי האָט מיט א קלאַפּנדיק האַרץ עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די שורעס, זוכנדיק אין זיי מער, ווי עס איז געווען געזאָגט, און איר האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט א קוק טאָן, וויאַזוי זעען אויס אירע סקולפּטורן אינעם ליכטפולן און געראַמען כאַבאַראָווסקער אויסשטעלונג־סאַלאָן.

מיליע איז אראָפּ פון דער שיף און א שטאַרק דערפרייטע דערזען צווישן דעם אוילעם קאַזיקס פעסטע און שטאַלטנע פיגור אין זײַן פּאַראַד־אוניפאָרם פון א פּלאָט־אָפיצער, אין די הענט א גרויסער בוקעט בלומען. „ליבער, ליבער קאַזיק!" אין פּויר איז איר קלאָר געוואָרן: זי האָט אים ליב, אָט אָ־דעם באָכער מיט די שטרענגע שווארצע אויגן — אויגן פון אן אסיריער, וואָס גייט איר נאָך, „ווי א שאָטן", שוין באַלד א יאָר...

א שײַנענדיקע פון פרייד, איז מיליע צוגעגאַן צו קאַזיקן און אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אף זײַן ברוסט. אין דער גאַנצער וועלט איז ער געווען דער סאַמע נאָענטסטער מענטש. קאַזיק האָט געוואָלט ארומכאַפּן אירע אקסלען, נאָר מיליע האָט זיך שוין אויסגעדרייט, געשטאַנען מיט זײַנע בלומען אין די הענט און לאַכנדיק געקוקט אף אים:

— קאַזיק!

און מיטאַמאָל האָט זי זיך אונטערגעהויבן אף די שפּיץ פינגער און אים עטלעכע מאָל א קוש געטאָן אין א זײַט מויל.

— איך זע, פּויר האָט אף דיר גאָר ניט שלעכט געווירקט, — האָט קאַזיק א גליקלעכער געשמייכלט, האַלטנדיק אירע הענט און אײַנקוקנדיק זיך אין איר פּאָנעם. אים האָט זיך גע־דאַכט, אז פאַר דער צײַט, וואָס ער האָט מיליען ניט געזען, איז אין איר צוגעקומען עפּעס א באַזונדערער כיין.

— יאָ, — האָט מיליע געלאַכט, — איך בין דאָרט געוואָרן עטוואָס קליגער.

אפן האַפן־פּלאַץ האָט קאַזיק צוגערופן א טאַקסי און געהייסן פאָרן צום האָטעל פון דער טײַכפלאָט־אמטשאַפט, ווו די אָנטיילנעמער פונעם סעמינאַר האָבן געוווינט. דאָס איז געווען א נײַע הויכע געבײַדע פון שטיין און גלאָז מיט א ברייטן דרײַטרעפּיקן ארײַנגאַנג. זיי האָבן זיך אופגעהויבן מיטן ליפט צו אים אין נומער אפן אכטן שטאָק. קאַזיק האָט א שטעל געטאָן אינמיטן צימער מיליעס טשעמאָדאַן, און זיי האָבן זיך גענומען קושן.

— מיליע, — האָט קאַזיק געשעפּטשעט, כאָטש קיינער, אויסער זיי, איז דאָ ניט געווען, — מיליע, איך קאָן מער ניט אָן דיר!

— איך אויך, — האָט מיליע געשעפּטשעט.

— ווען וועסטו שוין, ענדלעך, זײַן מיט מיר: וואָס האַלט דיך אָפּ?

— איצט האַלט מיך גאָרנישט ניט אָפּ.

און דאָ האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. מיליע האָט זיך ארויסגעריסן פון קאזיקס הענט, אין פארלעגנהייט א קער געטאָן זיך צו דער טיר. ס'האָט אריינגעמארשירט א פּליציי־קער רויטפּאָנעמדיקער פלאַט־אָפיצער פון א יאָר עטלעכע און פערציק. דערזען דאָס פּאָרל אינמיטן צימער, האָט ער זיך אנטשולדיקט:

— פארשטייסט, די יאטן זוכן דאָרט איוואנאָוו־ראדקעוויטשעס מארש נומער 6!

ער האָט גענומען פון טיש א גראָבן נאָטן־בוך און מיטן זעלבן סטראַיעוואַי שפּאַן ארויס־מארשירט פונעם צימער. מיליע און קאזיק האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך צעלאַכט:

— דארפן דאָך שיידים אָנטראָגן מיין שאָכן!

— או, א מאָדעל! — האָט מיליע אויסגערופן. — אים דארף מען קלעפּן — אין די מעכטיקע הענטוליעס — א טובע, די באקן — אופגעבלאָזן, אָט אזעלכע! — זי האָט ברייט צעפּירט מיט די דלאָניעס, — די אויגן — אויסגעראטשקעוועטע: בום! בום, פּאמפּאראראם!

— און ער דאפקע שפּילט אף אזא צארטן אינסטרומענט, ווי א פּיקאָלאָ־פּלייט, — האָט קאזיק געלאַכט.

מיליע איז צוגעגאַן צום שפּיגל, וואָס אף דער וואנט, און צוגעגלעט אירע יינגלש געשוירענע האָר. זי האָט געזען קאזיקס פּאָנעם הינטער איר פּלייצע און זיך געכאַפּט באם געדאנק, אז עס איז איר אָנגענעם און פריידיק צו טראכטן וועגן דעם, אז מעגלעך גאָר אינגיכן וועט זי אין איינעם א טאָג אָדער אן אָוונט שוין אף שטענדיק בלייבן מיט אים.

— איך וויל נאָך באוויזן ביזן צוג א גיי טאָן איבער דער אויסשטעלונג.

זיי זיינען ארויס אין דרויסן. דער טאָג איז געווען א ווארעמער, אפילע א הייסער פאר סאָף אווגוסט. די פּילגאָרנדיקע הייזער, וואָס האָבן זיך געהויבן איינער איבערן אנדערן בארג־ארוף, האָבן זיך געבאָדן אין זון־שיין און נאָך זומערדיק־קלאָרער בלויקייט. אין אָט־אָ דער־אָ שיינער שטאָט אפּן אמור איז קאזיק געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, און אליין מיליע האָט אויך געקאָנט דערמאָנען געציילטע מאָל, ווען זי איז דאָ געווען: מיט א שול־עקסקורסיע און אף די צוזאמענפלייען פון די יונגע בויער, ווען זי האָט געארבעט אינעם בוי־טרעסט.ביידן האָט די שטאָט איצט אויסגעזען יאָמטעוודיק און פרעכטיק. צוויי יונגעלייט, הויכע, בלאָנדע, באָקס־געשווירענע, מיט פּאטאָ־אפּאראטן איבער די ברייטע אקסלען, זיינען געשטאנען לעם א קיאָסק באם אריינגאנג אין סקוועער און באטראכט די פארבייגייער. דערזען מיליען, האָבן זיי פריילעך א פּאָכע געטאָן איר מיט די הענט און מיט נייגער נאָכגעקוקט אף איר מיטגייער. מיליע האָט זיי אויך א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— אונדזערע, פון פויר, — האָט זי א ווונק געטאָן אף זיי קאזיקן, — יונגע ליטווישע שרייבער.

אין וועסטיביול פונעם סאלאָן האָט מיליע דערפילט, אז זי ווערט אומרויק. פריער פאר אלץ מוז זי א קוק טאָן, ווי זעען דאָ אויס איר באַניוור און איר בומאגין! „קום! קום! — האָט זי געצויגן פארן ארבל קאזיקן, וואָס האָט זיך געהאט אָפּגעשטעלט בא אן אקווארעל אין דעם שמאָלן דורכגאנג: — שפּעטער! שפּעטער!”

זיי האָבן איילנדיק דורכגעשפּאנט איין זאל, א צווייטן. אָט זיינען זיי. אָט שטייען זיי אף הילצערנע געפארבטע טומבעס, וואָס זיינען איבערגעדעקט מיט טונקל־רויטן שטאָף. מיליען האָט זיך אין ערשטן מאָמענט אויסגעדוכט, אז פון די ארומיקע בילדער און סקולפּטורן, פון דער גאנצער יאָמטעוודיקער פילפארביקייט איז אין זיי צוגעקומען עפּעס אינערלעך־באדייטנ־דיקס. ערשט דאָ, אין דער ארומרינגלונג, זיינען זיי ערשט ווי געזאלבט געוואָרן פאר קונסט־ווערק. נאָר וואָס ווייטער זי האָט אף זיי געקוקט מיט „פרעמדע” אויגן פון פארשיידענע זייטן, אלץ ווייניקער האָט זי אין זיי אנטפּלעקט אָט אָ־די באדייטונגספולקייט, דעם „צווייטן פּלאָן”. נו, יאָ, עפּעס שטעלן זיי מיסטאמע מיט זיך פאָר, וויבאלד די אָפּקלייב־קאָמיסיע (א ביז גאָר שטרענגע) האָט זיי גענומען אף דער זאָנאלער אויסשטעלונג. אָבער איצט זעט זי אליין: אָט אָ־דער קער פון קאָפּ בא בומאגינען האָט געדארפט גענומען ווערן אין א מער שארפערן ראקורס. אין באַניוורס פּאָרטרעט איז, לויט איר איצטיקער מיינונג, ניט גענוג אויסדריקלעך איבערגעגעבן די רייכע אינערלעכע וועלט פון דעם יונגן פלאמיקן רעוואָליוציאָנער...

פונעם שכיינישן זאל איז אריין א גרופּע יונגעלייט מיט אן עקסקורסיע־פירערן. די פרוי האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער וועגן די יונגע מאָלער, וועמענס בילדער זיינען געווען דאָ אויסגעהאנגען; א ביסל לענגער זיך פארהאלטן בא א ניט גרויסער סעריע גראווירן „די טייגע ווינטער”, וועלכע האָט צוגעצויגן אויך מיליעס אופמערקזאמקייט. די פּייזאזשן־סויטע איז געווען בעעמעס א פרעכטיק מייסעלע, אויסגעהאפט פון שווארץ־ווייסע שפּיצן. און דאָ האָט מיליע דערהערט איר נאָמען. די עקסקורסיע־פירערן האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער וועגן

„שטריכן פון ראָמאַנטישער באַפליגלטקייט אין די אַרבעטן פון דעם יונגן באַגאַבטן וויטמיזער דיקן סקולפּטאָר עמיליע גולקאָ". „איר זעט דאָ צווי דירעס העלדן..."

מיליע האָט שוין ניט איין מאָל געהערט גוטע ווערטער וועגן אירע אַרבעטן אין לענינגראַד און בא זיך אין וולאַדיוואָסטאָק. דאָך האָט זי דערפילט, ווי א שטיפע שפּאַנונג כאַפּט אַרום איר גוף. זי הייבט זיך אַזש אויף אַף די שפּיץ פינגער, מוירע האָבנדיק דורכלאָזן א וואָרט.

איצט האָט מיליע געקענט זיך נעמען באַטראַכטן די אויסשטעלונג, צעזרישט די קנאַפּצאַפּליקע סקולפּטור־עקספּאָנאַטן אין די זאַלן. זי איז אַנציקט געבליבן שטיין בא א געשניצטער פון האָלץ פיגור „זשוראַוווּשקאַ". דאָס איז געווען א דעביוט אין סקולפּטור פון איינעם אַן אַרטיקן אַלטן גראַפיקער. עס איז געווען צו זען, אַז דער דעביוטאַנט באַהערשט אויסגעצייכנט דאָס מעסער, און דאָס האָלץ גיט זיך אים גוט אונטער. אים איז געלונגען איבערגעבן די שיינקייט און גײַסטרײַכקײַט פון זײַן מאָדעל. עס זײַנען דאָ נאָך געווען עטלעכע אינטערעסאַנטע סקולפּטור־פּאָרטרעטן אין טאָנירטן גיפּס.

אין דרויסן האָט מיליע געזאָגט קאַזיקן וועגן די בילדער און דער גראַוויור:

— א שלאַל טאַלאַנטן!

די אויגן האָבן בא איר געגלאַנצט:

— אונדזער צעך דאַרף זיך נאָך היפּש אונטערגאַרטלען, — האָט זי נאָך א ווײַלע שווײַגן צוגעגעבן, — דערווײַל שטייט ער נאָך אַף א סאַך אָפּ פון דער מאָלערײַ אָפּן ווײַטן מיזרעך.

זיי זײַנען נאָכדעם געזעסן אינעם רעסטאָראַן „אוסורי" בא א זײַטיק טישל. קאַזיק האָט באַשטעלט שאַמפּאַניער.

— פאַר דײַנע ווײַטערדיקע דערפאָלגן, ליבער סקולפּטאָר! — האָט קאַזיק אויפגעהויבן זײַן בעכער. — און פאַר דײַן גליק!

— פאַר דײַנעם אויך!

מיליע האָט אים דערציילט די געשיכטע פון די צווי סקולפּטורן אירע. בעשאַס זי האָט זיך געלערנט אינעם אַכטן קלאַס, האָט די שול זייערע געמאַכט א טוריסטישע רײַזע איבער די היסטאָרישע ערטער פונעם ווײַטן מיזרעך און באַזוכט אויך באָגיוווּרס קייוווער אינעם דאָרף קאָנדראַטיעווקע לעם אוסוריסק. זי האָט שוין צו יענער צײַט געהאַט א טרויס זײַן צווישן די, וואָס קאָנען אַרײַנהויכן לעבן אין א שטיין אָדער אין א געוויינלעכער שטיק ליים. דאָס געשטאַלט פון דעם יונגן שרעקלאָזן העלד פון דעם בירגערקריג האָט אַף יאָרן פאַרכאַפּט איר פאַנטאַזיע... נו, און יויסעף בומאַגין איז דאָך אירער א לאַנדסמאַן — א בירָאָבידזשאַנער! זײַן פאָטאָגראַפיע האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען אין א צעך פונעם זאַוואָד פונעם „דאַלסעלמאַש" אַף א ווערקשטעל, בא וועלכן דער קאָמענדיקער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געאַרבעט ביז דער מילכאָמע. זי האָט פאַרגעדענקט דאָס קלוגע פּאָנעם און דעם אָנגענעמען שמייכל פון דעם יונגן אַרבעטער. אָט אַ־די ביידע פּאָרטרעטן האָט זי מאָדעלירט, נאָך זײַענדיק א סטודענטקע פון דעם רעפּין־אינסטיטוט.

ביזן צוג איז נאָך געווען היפּש צײַט, און זיי זײַנען אַוועק אין פּאַרק אָפּן ברעג פונעם אַמור. פונעם הויכן ברעג האָט זיך פאַר זיי געעפנט א גרויסאַרטיק בילד פון דעם ברייטן טײַך, איבער וועלכן, אויפשוימענדיק די גרינבלעך־געלע וואַסערן, זײַנען פאַרבײַגעשווומען שײַנענדיק ווײַסע מאָטאָר־שיפן, געלאָדענע מיט געהילץ באַרזשעס. אָפּן ווײַטן האָריזאָנט, אין דער בלוידורכזיכטיקער לופט האָבן זיך הויך אין הימל אַרײַנגעשניטן די געוועלבטע פאָרענטשן פונעם גרויסן אײַזנבאַן־בריק, וואָס באַם אַרײַנפאָר אין שטאָט. אַף דער ערד לעם מיליען מיט קאַזיקן האָבן זיך שוין געוואַלגערט געלע בלעטער, נאָר די ביימער אַרום זײַנען נאָך געשטאַנען רויקע, גלײַכגילטיק פרעמד געקוקט אַף די אַראָפּגעפאַלענע. בא קאַזיקן און בא מיליען איז איצט באַזונדערס לײַכט געווען דער געמיט; א פריידיק געפיל פון עפּעס א גרענעצלאָזער פרײַקייט און זאָרגלאָזיקײַט האָט זיי אַרומגעכאַפּט. זיי האָבן זיך גענומען דערמאָנען זייער ערשטע באַגעגעניש.

צום ערשטן מאָל האָט קאַזיק דערזען מיליען אין דער שכײַנישער שטאָט אַרטיאָם אָפּן עקספּערימענטאַלן פאַרצעלײַ־זאַוואָד. קאַזיק איז אַף א טאָג געקומען אַהין זיך זען מיטן עלטערן ברודער, דעם הויפּט־אינזשעניר פונעם זאַוואָד, און זי, מיליע, — זיך באַקענען מיטן טעכנאָלאָגישן פּראָצעס פון אויסאַרבעטן פאַרצעלײַ — זי האָט זיך דעמלט פאַראינטערעסירט מיט קעראַמיק. קאַזיקס אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן דאָס מיטלווּקסיקע ייִנגלש געשוירן מיידל, וועלכע דער ברודער האָט אַרומגעפירט איבער די צעכן און געגעבן דערקלערונגען.

— ווער איז דאָס? — האָט ער אַף איר א ווונק געטאָן צום ברודער, ווען דאָס מיידל איז אַף א ווײַלע אָפּגעגאַן צו די גלײַ־אויוונס.

דער ברודער — אויך א פעסטער מאנצבל פון א יאָר פינף און דרײַסיק, א שטארק ענלעכער אף קאזיקן, ווי א צווילינג, האָט אף אים א קוק געטאָן מיט א פארבאהאלטענעם שמייכל:

— א יונגער סקולפטאָר פון וולאדיוואָסטאָק. קום, כ׳וועל באקענען.

— וואָס האָסטו דעמלט א טראכט געטאָן וועגן מיר? — האָט קאזיק געפרעגט, אָנעמענדיק איר האנט.

— אָט, נאָך א צופעליקע באקאנטשאפט מיט א פארשוין, וואָס כ׳וועל מער קיינמאָל אין די אויגן ניט זען.

— איר פרעגט, וואָס איז אזוינס פאַרצעלײַ? — האָט דער הויפט־אינזשעניער געזאָגט. — א כימיקער וועט אײַך ענטפערן, אז דאָס איז א לײַבלעכער ברודער פון געוויינלעכן ציגל, נאָר א גרעסערער יאכסן, און עמעסער קייסער אין דער קעראמיק־וועלט. א טעכנאָלאָג וועט אײַך זאָגן, אז פאַרצעלײַ מאכט מען פון ווײַסער ליים, ראָזע דאציט־ און ריאָליט־שטיינער און פון ריינעם קווארץ. אָט אָ־די מאטעריאלן גייען דורך זיבעציק קאָמפּליצירטסטע אָפּעראַציעס. דרײַ מאָל ווערן זיי אויסגעגליט אין אויוונס, איין מאָל גאנצע אָנדערהאלבן מעסלעס בא א טעמפּעראטור פון 1380 גראד. אין אזא געגנעם ווערן א סאך מעטאלן פארוואנדלט אין פליסיקײַט, און די פאַרצעלײַ־ארטיקלען ווערן ווײַס ווי שניי, קימאט דורכזיכטיק, זינגעוודיק.

ער האָט גענומען פון א טישל א פאַרצעלײַ־שעלכל, לײַכט א קלאַפּ געטאָן אָן דעק מיט א פינגער. דאָס שעלכל האָט געענטפערט מיט א צארטן מעלאָדישן קלאנג.

— פאר אײַך, סקולפּטאָרן, — האָט ער פאַרגעזעצט, — איז ניטאָ קיין מער פלאסטישער, נאָכגיביקער מאטעריאל, איידער א געל־ווײַסע פאַרצעלײַ־מאסע. פון איר קאָן מען אויסקלעפּן רויזן־בלעטער, באשפּריצטע מיט טוי, און דער מאָלער קאָן אף פאַרצעלײַ אָנמאָלן פארביקע בילדער, וועלכע פארהיטן די פרישקײַט פונעם קאָליר אף יאָרהונדערטער...

באם געזעגענען זיך האָט דער הויפט־אינזשעניער געשענקט מיליען א ראָזלעך טעשעלע און א שעלכל, באזוימטע מיט גאָלדפארביקע רייפן.

— נו, און געמעלן אף דעם וועט איר מאכן לויט אײַער שעפערישער פאנטאזיע, — האָט ער צוגעשמייכלט.

מיליע האָט מיטגענומען פון דער לאבאָראטאָריע אף אן אָנדענק עטלעכע שטיקלעך דאציט־ און ריאָליט־שטיינדלעך און זיך געלאָזט צום אויטאָבוס. אומדערוואַרט פאָרן ברודער האָט זיך קאזיק אויך גענומען אײַלן אהיים. ער האָט זי אָנגעיאָגט, מיליען, הינטער דעם זאוואָד־טויער, און זיי זײַנען אוועק צוזאמען.

...— איך בין גלײַך אוועקגעלאָפן נאָך דיר, — האָט קאזיק געזאָגט, — מיך האָט אָנגעכאפּט א שרעק: אָט ווערסטו ניט, און איך וועל דיך מער ניט זען!

מיליע האָט זיך דעמלט דערוווּסט, אז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער פארענדיקט די מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע און איז א מיליטערישער דיריזשאָר אין דעם הויז פון די פלאָט־אָפיצערן און אונטערריכט אין דעם קונסט־אינסטיטוט אפן אָפּטייל פון בלאָז־אינסטרומענטן.

אין שטאָט האָט ער זי דעמלט באגלייט ביז דער מאָלערײַ־שול, ווו זי האָט צײַטווײַליק געוווינט אין א באזונדער קליין צימערל.

ער איז נאָך א לענגערע ווײַלע געשטאנען אף דער גאס, געקוקט אף די געוועלבטע פענצטער פון דער פירגאָרנדיקער אלטער רויטציגלדיקער געבײַדע נאָך פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, געפרווווט טרעפן, הינטער וועלכן געפינט זיך איצט דאָס מיידל מיט די לענגלעכע קארע קלוגע אויגן און גרויסלעכן מויל. נאָכדעם האָט ער זיך לאנגזאם אוועקגעלאָזט אהיים מיט אן אומקלאָרן געפיל, אז אין זײַן אכט־און־צוואנציקיאָריקן לעבן איז הײַנט פאָרגעקומען עפּעס ביז גאָר וויכטיקס.

באגעגנט האָבן זיי זיך אינגיכן גאנץ צופעליק אף דער „טויבן־סאָפּקע”. דאָס איז געווען אינעם טאָג פון זיג. טויזנטער וולאדיוואָסטאָקער אײַנוווינער האָבן זיך אהער פארזאמלט. אזא שיינקײַט, ווי דאָ, האָט מיליע נאָך אין איר לעבן ניט געזען. ווי אף דער דלאָניע איז געלעגן די הימל־בלויע בוכטע „זאָלאָטאָי ראָג”. און מיטאמאָל האָט זי לעבן זיך דערזען דעם באָכער, מיט וועלכן זי האָט זיך באקענט אפן פאַרצעלײַ־זאוואָד אין ארטיאָם. מיט אים איז געווען א יונגע הויכע פרוי פון א יאָר עטלעכע און דרײַסיק אין א לעדערנעם העל־ברוינעם רעגנמאנטל און אין א זאמד־קאָלירן געשטריקט היטעלע, וואָס האָט, לויט מיליעס מיינונג, זייער געפּאסט צו איר קלאָר עטוואָס פולבלעך פּאָנעם, צו אירע גרויע אויגן, צום כיין־פּינטעלע אף דער אייבערשטער ליפּ. דאָס איז געווען זײַן עלטערן ברודערס פרוי ווראָניקע, א בוי־אינזשעניער.

— גולקאָ! מיליע!

די שטים, מיט וועלכער אָט אָ־דער נאָמען איז ארויסגערעדט געוואָרן, האָט געצוווּנגען די פרוי א קוק טאָן אפן שוואָגער און אף מיליען מיט פרײַנטלעכן נײַגער.

— קאזיק האָט אײַך דערזען, — האָט זי געזאָגט, דריקנדיק מיליען די האַנט, — און גענו־מען מיך שלעפן צו אײַך: „קום, ס'און אלטע באַקאַנטע. מיר קאָנען זי נאָך פארלירן...״

מיליע האָט זיך אליין ניט גערוכט, אז אָט די אומדערוואַרטע באַגעגעניש וועט זי אַזוי דערפרייען.

— בא יאַמלײַט, — האָט זי שמייכלענדיק זיך א זײַטל געטאָן אף אים, — איז דער באַ־גריף פון צײַט, אַפּאָנעם, עטוואָס אַן אַנדערער, איידער בא אונדז, פּאַשעטע מענטשן.

זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין וואַרוניקעס פּאָנעם:

— און איר, זאַ איך, זײַט א געבוירענע ווײַטמיזורעכלערן...

— פונעם דריטן צי פונעם פערטן דאָר. נאָר ווי האָט איר עס געטראָפן?

— עפּעס אַזוינס איז פאַראַן אין די פּענעמער פון די ווײַטמיזרעכדיקע טוישווים, וואָס וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן.

— א טאַלאַנטפולער סקולפּטאָר, — האָט קאזיק געזאָגט, — דאַרף זיך דאָך קאָנען פאַנאַנ־דערקלײַבן אין פיזיאָנאָמיעס.

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז א טאַלאַנטפולער?

— אָ, איך האָב אף דעם מײַנע סימאָנים, — האָט קאזיק געשמייכלט.

וואַראָניקע האָט זי היימיש אָנגענומען באַם אָרעם:

— מיליעטשקע, קומט מיט אונדז אין „דאָף״[1]. הײַנט וועט אונדז מײַן שוואָגערס אָרקע־סטער אופהייבן די שטימונג מיט דונערנדיקע מאַרשן און פּאָלקעס.

וואַראָניקע איז מיליען גלײַך געפעלן געוואָרן מיט איר אומיטלבאַרן פריילעכן כאַראַק־טער.

מיליע האָט זיך דערמאָנט:

„...אין דעם שניי־ווײַסן קיטעל מיט די זיילבערנע אופלאָגן אף די אַרבל ביסטו געווען זייער אימפּאָזאַנט. עפעקטפול. אין דײַנע אסירישע אויגן — אַזאַ פײַערלעכע גרויסאַרטיקע שטרענגקײַט, קימאַט ווי באַם דיריזשאָר פונעם לענינגראַדער אַקאַדעמישן סימפאָנישן אָר־קעסטער מראַווינסקי!״

מע האָט זיך אָנגעהויבן באַגעגענען.

קאזיק געדענקט, ווי ער איז צום ערשטן מאָל געווען בא איר אין צימער אין דער מאָלערײַ־שול. דערזען אפן פענצטער און אפן טישל פּאַסיקלעך קאָלירטן פּלאַסטילין, האָט ער אין א שפּאַס גענומען קלעפּן א קאָפּ פון א מענטשן. מיליע איז געשטאַנען הינטער זײַנע פּליי־צעס און געקוקט, ווי ער „מוטשעט״ דעם פּלאַסטילין. נאָר אָט האָט זי גענומען דעם טויטן גוילעם־קאָפּ אין אירע הענט, צוגערירט זיך, בלויז צוגערירט אין עטלעכע ערטער מיט א פּאַשעט שוועבעלע, און דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן לעבן, לאַכן, און דאָס סאַמע טשיקאַווע — באַקומען א שטאַרקע ענלעכקײַט אף אים, אף קאזיקן.

און איינמאָל האָט זי קאזיק פּאַשעט פאַרשלעפּט צו זיך אַהיים באַקענען מיט זײַן מוטער. די מוטער — א סטאָמאַטאָלאָג אין דער שטאָטישער פּאָליקליניק, א הויכע, אָנזעעוודיקע פרוי מיט א פעסטער שטים און אַנטשיידענע באַוועגונגען, האָט זיך פאַרהעלטניסמעסיק ניט שלעכט פאַרהיט פאַר אירע יאָרן, זיך געפוצט און שטאַרק שטאָלצירט מיט דעם, וואָס זי איז א וואַרשעווערן. אפן ווײַטן מיזרעך איז זי מיט איר מאַן איזידאָר ווײַנבערג — א שנײַדער, א מאָדעלידער — מעגוגלגל געוואָרן בייס דער מילכאָמע און נאָכן מאַנס טויט שוין פאַרבליבן אין וולאַדיוואָסטאָק. גערעדט האָט זי, ווען ס'איז נאָר געווען א מעגלעכקײַט, פּויליש, דעם עלטערן זון, כאָטש ער האָט געהאַט א ייִדישן נאָמען, גערופן „פראַנעק״ און דעם ייִנגערן — צעצויגן זינגעוודיק — „קאַזימיר, קאַזשמעזש, קאזיק״...

דאָס מיידל, וואָס האָט זיך גענומען ווײַזן בא איר אין שטוב, איז איר גלײַך ניט געפעלן געוואָרן; ניט וועגן אַזאַ האָט זי געטרוימט פאַר איר קאזיקן! עס האָט זי שאָקירט, ווען מיליע פלעגט אין איר אָנוועזנהײַט שטיפעריש זיך וואַנדן קלוימערשט אין פּויליש, אוועקהאַרגענענ־דיק די געציילטע פּוילישע ווערטער, וואָס זי האָט זיך דערוווסט דאָ אין הויז: „יאַסנאָוועל־מאָזשני פאַן שעלמאַ קאָזי מיר״ פון דעם וואָרט „קאָזאַ״ — א ציג! זי האָט זיך באַצויגן צו מי־ליען העפלעך־קאַלט, נאָר ביסלעכווײַז דאָך גענומען צוגעוווינט ווערן צו איר און צו אירע גענג און אָפּטמאָל מיט באַדויערונג, מיט ראַכמאָנעס געטראַכט וועגן דעם מיידל, וואָס איז, נעבעך, אויסגעוואַקסן אָן עלטערן און, לויט אירע אַמאָליקע וואַרשעווער פאַרשטעלונגען, ניט באַקומען די נייטיקע דערציִונג.

---

[1] Дом офицеров флота — הויז פון פלאָט־אָפיצערן.

...מיליע נעמט אַרײַן אין איר קרעפּטיקער אַרבעטס־האַנט קאַזיקס אויסגעיידלטע לאַנגע פינגער; אירע אויגן שײַנען מיט איבערגעגעבנקײַט. קאַזיק קוקט אָפּ מיליעס מויל. אָ, אָט אָ־דאָס שמייכלענדיקע גרויסע מויל! שוין מער פון אַ יאָר פירט עס אים אַראָפּ פון זינען, עס איז איצט די רעכטע מינוט און דאָס רעכטע אָרט צופאַלן צו אָט אָ־די ליפּן. נאָר פון דער צענטראַלער אַלייע הייבט זיך אָן מיט קליינע טריטעלעך דערנעענטערן צו זייער פאַרבאָרגן ווינקל אַ זקיינע אין אַ ברייטן טאַבאַק־קאָלירטן באַלאַכאָן, וואָס דערגרייכט ביז דער ערד; זי פירט אָפּ אַ קורצן רימען אַ הונט אָפּ הויכע דינע פיס און מיט אַ גאַנץ עקלהאַפטיקן שנוק.

מיליע גיט אַ קוק אָפן זייגער: אין אַ שאָ מיט עפּעס קומט אָן דער צוג. קאַזיק פילט, אַז ער קאָן זיך איצט מיט מיליען ניט צעשיידן, און דאָך דאַרף מען זיך אופהייבן און פאָרן צום וואָקזאַל. זיי גייען צו זײַן האָטעל. קאַזיק טראָגט אַרויס איר טשעמאָדאַן, און זיי פאָרן מיטן אויטאָבוס צום וואָקזאַל. דאָרט דערוויסן זיי זיך, אַז מיט צוויי שאָ שפּעטער גייט אָפּ אַ צוג אָפּ בירָאָבידזשאַן „כאַבאַראָווסק — טשעגדאָמין” — אין צוויי שאָ אַרום!

און מיליע בלײַבט מיט קאַזיקן נאָך אָפּ גאַנצע צוויי שאָ.

3

אָפן טשעגדאָמינער צוג האָט זיך אין בירָאָבידזשאַן קיינער ניט געזעצט, אָבער אַ היפּש ביסל זײַנען פון אים אַרויס. דער פאָרלעצטער וואַגאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דער באַגאַזש־סטאַנציע. דאָ איז געווען שטיל און פּוסט. מיליע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם טשעמאָדאַן אָפּ דער ערד און אַ ווײַלע געקוקט אָפן אוילעם, וואָס האָט זיך פונדערווײַטן געשטויסן באַם וואָקזאַל. פונדאַנען האָט זיך געזען אַ שטיק אומבאַקאַנטע שטאָט, אַ גאַנצער מיקראָ־ראַיאָן. וואָס איז דאָ געווען צוריק מיט אַכט יאָר? פאַר מיליעס אויגן שוועבט אויף אַ לאַנגער אָנגע־כמורעטער פּלויט, פון יענעם מין פּלויטן, וואָס זייער ווייניקע האָבן הינטער זיי אַ צוטריט. זי געדענקט שפּיצן פון צעוואַקסענע ווערבעס לענגויס דעם פּלויט. ווײַסע און שוואַרצע נאַפט־רעזערוואַרן. פון יענער זײַט נאַפט־באַזע — עטלעכע הילצערנע באַראַקן, און ווײַטער האָבן זיך אָנגעהויבן זומפּן...

זי האָט באַקוקט דעם פּלאַץ אַנטקעגן דעם נײַעם אויטאָ־וואָקזאַל. אַ שיינער פּלאַץ. אַ סאַך גרינס. אָט אָ־דאָ צווישן אים און דער געדיכטער ביימער־אַלייע וואָלט זיך גוט „אײַנגעשריבן” אַ פאָנטאַן מיט סקולפּטורן פון קינדער... מיליע האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבערן פּראָן לענ־גויס דעם סעדל מיט דער ווײַסשטייניקער לאַנגער סקלאַד־געבײַדע. הינטער דער טשוהוגענער צוים האָט זיך איר אין די אויגן אַ וואָרף געטאָן אַ פאַרשוואַרצט־גרויע קלאָץ, אָן אײַנגע־גראָבענע אין דער ערד. אָפּ דער קלאָץ האָבן, ווי שיטערע האָר, געשטאַרצט פאַרזשאַווערטע קעפּלעך פון גרויסע טשוועקעס, עפּעס איז אין דעם אייבערשטן טייל פון אָט אָ־דער אַלטער קלאָץ געווען אַזוינס, וואָס האָט אָפּגעשטעלט מיליען און געצוווּנגען אַ לענגערע ווײַלע זיך אײַנקוקן. אַהאַ! דער סוק! אַ געוויינלעכער סוק, אַ צעטראָסקעטער פון אַ סאַך יאָרן, פון ווינטן און רעגנס. אָבער מיליע האָט אין אים דערזען אַ מענטשלעך אויג. אָפּ איר האָט געקוקט קי־מאַט אַ פּאַרטיק, זייער אַ כאַראַקטערפול פּאָנעם פון אַ באָכער מיט אַ געדיכטן אַראָפּגעלאָזטן איבערן שטערן טשוב און האַזעדיק לאַכנדיקע אויגן. אַזעלכער קאָן זײַן אַ ווילױונגערישער דאָרפישער האַרמאָניק־שפּילער, אַ מיידלעך־פאַרווײַלער. ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט מיליע געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן און פלינק אַריבערגעשפּרונגען די צוים. פון דער נאָענט האָט זיך, עמעס, אַרויסגעוויזן, אַז מע דאַרף דאָ נאָך עפּעס טאָן: בוילעטער, אויסדריקלעכער מאַכן די ליניעס פון די גראָבלעכע ליפּן... פון דעם שטערן־ווינקל אַראָפּנעמען אַ ביסל האָלץ, קײַלעכי־קער מאַכן דעם אונטערשטן קין...

זי האָט געעפנט דעם טשעמאָדאַן און פון אַ זײַטיקער קעשענקע אָפן ווענטל אַרויסגענומען איינס פון אירע שניץ־מעסערלעך און זיך גענומען פאַר דער אַרבעט.

אינעם סעדל איז געווען פּײַכטלעך־קיל, פון די געדיכטע טאָפּאָליעס, פון דער לאַנגער טוי־בער סקלאַד־וואַנט האָבן זיך גענומען זאַמלען אָוונטיקע שאָטנס. מיליע האָט געאַרבעט מיט פאַרכאַפּונג. אָט בלײַבט זי שטיין אָפּ אַ לענגערער ווײַלע און קוקט זיך אײַן אין דעם צעטראָ־סקעטן אויבערפלאַך פון דער קלאָץ, וואָס ערטערווײַז איז זי ווייך און לאָזט זיך שנײַדן, ווי ליים, און ערטערווײַז — האַרט ווי שטיין. אָט רירט זי זיך נאָר קוים צו מיטן מעסערל צום האָלץ. אַ סטרוזשקע, דין ווי שפּינוועבס, שלענגלט זיך און גליטשט זיך אַראָפּ אָפּ דער ערד. נאָך יעדן שניץ ווערט דאָס פּאָנעם פונעם יונג לעבעדיקער, דער געלעכטער — שטאַרקער,

פריילעכער. א שניץ — און מיליע טרעט אָפּ א שפּאַן צוריק. זי פאַרשמעלערט שעלמיש די ווִיעס: אַזויפיל צײַט האָט דאָ געשטעקט די טרוקענע קלאָץ, געמאַזאַליעט די אויגן, געהאַלטן אין זיך, אין געפּענקעניש אַזאַ גוטן, אַזאַ ווילן יאַט, און אָט... זעט!

זי באַמערקט ניט, ווי אַהינטער דער צוים שטייען שוין עטלעכע מענטשן און קוקן מיט נײַגער אויף דעם, וואָס דאָס מיידל אין דער ברוינער קורטקע און הימל־בלויע הויזן טוט מיט דער קלאָץ. ערשט ווען זי דערהערט א קוויטשעדיקן אויסגעשריי, גיט זי זיך א קער:

— א, בענטשיק!

דאָס איז דער הויף־קערער בענטשיק — אַזאַ ווי געווען, א קורצוווקסיקער, א קרומפּיסי־קער, מיט שטאַרק לאַנגע הענט, א באַוווסטער שרײַער און סקאַנדאַליסט. דאָס איז ער שוין הענדעם־פענדעם געלאָפן און געבראַכט אַהער, צו דער צוים, דעם אײַזנבאַן־מיליציאָנער.

— זע אַליין, — האָט ער געפאָכעט מיט זײַנע לאַנגע הענט, — גוט, וואָס דאָס איז אַן אַלטע קלאָץ און אַז דאָס וואָלט געווען א באַנק? אַלע בענק אַרום וואָקזאַל זײַנען שוין דורך אַזעלכע־אָ צעקריצט: „זשעניא פּליוס מיטיא"...

בענטשיק האָט אַמאָל געוווינט אין דעם זעלבן הויז, וואָס מיליע מיט דער באָבען; דעם מיליציאָנער האָט זי אויך געקענט — ער האָט זיך מיט איר געלערנט אין דער אָוונט־שול.

— א גרוס!

מיליע האָט באַהאַלטן דאָס שניץ־מעסערל אין קעשענע פון דער קורטקע:

— ביסטו, הייסט עס, איגאַריאַק, אַן אָפּהיטער פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג?

דער מיליציאָנער, א יונג דינינק בלאָנד באָכערל, האָט געשמייכלט:

— ווי דו זעסט.

ער האָט באַ איר אַריבערגענומען דעם טשעמאָדאַן און געהאָלפן אַריבערשפּרינגען די צוים.

— אויף לאַנג צו אונדז, מיליע?

— אוי, ניט אויף לאַנג, איגאַריאַק.

זי האָט גענומען אָפּטרייסלען פון די הויזן די סטרוזשקעס. און דאָ האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי:

— זע נאָר, ס'איז דאָך מיליע!

א פרוי האָט זיך א וואָרף געטאָן איר אָפּן האַלדז:

— מיליענקע, פונוואַנען ביסטו אַראָפּגעפאַלן?

ערשט איצט האָט זי בענטשיק דערקענט.

— זע נאָר, טאַקע! — האָט ער אויך אויסגעשריִען מיט זײַן קוויטשעדיק קאָל. — ס'איז דאָך יענע, פונעם הויף, גרימזע!

דער מיליציאָנער האָט א שמייכל געטאָן:

— יאָ. ס'איז זי.

4

די גאַס איז די זעלבע, ווי מיט אַכט יאָר צוריק, אָבער דער הויף, וווּ מיליע איז אויס־געוואַקסן, האָט שוין אַן אַנדער אויסזען. ווען זי איז פונדאַנען אַוועקגעפאָרן, זײַנען דאָ געשטאַנען פיר הילצערנע צווײשטאָקיקע געדיכט־באַפּעלקערטע הײַזער. אין איינעם פון זיי האָט זי פיל יאָרן געוווינט מיט דער באָבע זלאַטע. איצט שטייט אויפן אָרט פון זייער הויז א פינפגאָרנדיקע געבײַדע, וואָס איר גאַנצן אונטערשטן גאָרן פאַרנעמט א גאַסטראָנאָם. צוויי הײַזער זײַנען אָבער נאָך יאָ פאַרבליבן. באַלד וועט זי אָנהייבן גיין איבער די דירעס, ווי דאַן, ווען זי איז נאָך געווען א קינד — א קינד פון דעם הויף. זי טראַכט, פון וועמען הייבט מען אָן. דער טאָג האַלט שוין באַם סאָף, מאַנצבלען זיצן אין שאָטן פון די עטלעכע איבערגע־בליבענע טאָפּאָליעס און שפּילן אין דאָמינאָ; ווײַבער זיצן אויף די בענקלעך און אויף די גאַנע־קעס; א פילקעפּיקע טשאַטע קינדער טראָגט זיך אַרום איבערן הויף מיט א געפילדער, פונקט ווי אין אירע צײַטן. די ווײַבער רײַסן איבער זייער גערייד־דרײַ און שטעלן אָן פאַרשנדיקע אָפּשאַצערישע בליקן אויף דער אומבאַקאַנטער אין דער ברוינער קורטקע און בלויע הויזן, וואָס שטייט אינמיטן הויף מיט א טשעמאָדאַנדל. מיליע דערזעט צווישן די ווײַבער עטלעכע באַ־קאַנטע פּנימער, און באַ איר קומט אויף א שטיפערישער געדאַנק — וואַרטן, ווער פון זיי וועט צוגיין.

די ערשטע גיט זיך אַ לאָז צו איר די באַרגוזינערן; זי עטעמט שווער דורך די פאַרלייגטע נאָזלעכער, כאַפּט מיטן מויל כריפּעדיק לופֿט:

— מיליע! ווײַבעלעך, ס'איז דאָך אונדזער מיליע!

עס קומען אונטער נאָך עטלעכע ווײַבער. אַ קושעניש, אַ געלעכטער, אויסרופֿן:

— צו אונדז, מיליע, צו אונדז! ניין, צו אונדז!

מיליע איז זייער גערירט פֿון דער באַגעגעניש. „אין דער היים“. אין איר הויף געדענקט מען זי און מע נעמט זי אויף ווי אַן אייגענע. און דאָ דערפֿילט זי, ווי אַ פּאָר קרעפּטיקע און צאַרט־ווייכע פֿרויען־הענט נעמען זי אַרום. די נאָזלעכער אירע גיט אַ קיצל אַ רייעך פֿון קיי־איידעלער פּאַרפֿום. זי גיט זיך אַ קער: מאַרע. אַ העל־בלאָנדע, ניט צו דערקענען. די ליפּן קיימאַט ניט געשמינקלט, נאָר אַלציינס אַרויסרופֿעריש רויט. אָ, אַלטער פֿרײַנט!

מאַרע לאָזט אַ טרער, נאָר די שטים אירע איז ברוסטיק פֿעסט.

— קום, — זאָגט זי, נעמענדיק מיליעס טשעמאָדאַן, — קום אַהיים!

5

מיליען האָט די מאַמע געבראַכט אַהער אַ פֿינף־ צי אַ זעקסיאָריקע — פּונוואַנען, ווייסט זי ניט ביז הײַנטיקן טאָג. פֿון דער באָבען — דער אַלטער זעליטשיכען, וועלכע האָט זי אויסגעהאָדוועט, האָט זי געהערט, אַז פֿון ניקאָלײַעוו, פֿון דער באַרגוזינערן — אַז פֿון קאָלײַ, אַ יישעוו אין צאָפּן־קרים, דזשאַנקאָיער ראַיאָן. און אין די מעטריקעס, וואָס מע האָט געפֿונען בא איר מאַמען אין בײַטעלע, איז שוואַרץ אויף ווײַס געשטאַנען, אַז מיליע לייבאָוונע איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל סאָסניצע אויף אוקראַינע.

די מאַמע — אַ קליינטשיק שוואַרצכיינעוודיק ווײַבעלע מיט פֿלינקע קײַלעכדיקע אויגן — איז אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ קינדער־גאָרטן פֿאַר אַ דערציִערן, אָבער אין אַ האַלב יאָר אַרום האָבן זיך בא איר גענומען ווײַזן סימאָנים פֿון עפּעס אַ בייזער קרענק. זי האָט אָנגעהויבן אָפּט אַרומפֿאָרן אין דער קאַנטישער שטאָט צו דאָקטוירים; וואָכנלאַנג אָפּגעלעגן אינעם היגן שפּיטאָל. און איינמאָל אינגאַנצן פֿון דאָרטן זיך שוין ניט אומגעקערט. מיליען האָט מען אין קינדער־גאָרטן געזאָגט, אַז די מאַמע איז אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ לאַנגער צײַט ערגעץ ווײַט־ווײַט.

עס האָט געהאַלטן, מע זאָל די זעקסיאָריקע מיליע אָפּגעבן אין קינדערהיים. זי געדענקט, ווי איצט: מע האָט איר פֿאַרפֿלאָכטן די צעפּעלעך מיט אַ נײַער סטענגע, געגעבן אַ שאָקאָלאַדל; עמעצער האָט איר געשענקט אַ קוקלע, וואָס האָט געקענט עפֿענען און פֿאַרמאַכן די אויגן; שכיינעס זײַנען אַרײַן, געקוקט אויף איר און געשאָקלט מיט די קעפּ; נאָכדעם האָט מען זי אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל, און עפּעס אַ פֿרעמדע פֿרוי האָט זי אָנגענומען פֿאַרן הענטל און אַוועקגעפֿירט.

אין הויף זײַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן די קינדער, און עמעצער האָט מיט אַ קלינגענדיק קעלכל אויסגעשריִען:

— מילקען פֿירט מען אַוועק אין קינדערהיים!

דאָס איז געווען אין אַ זומערדיקן אינדערפֿרי. מיליען האָבן זיך פֿאַרגעדענקט קלאָפּנדיקע העק. מע האָט פֿאַריכט דעם הויף־טויער. אַ קעצל איז איבערגעלאָפֿן דעם וועג, און די פֿרוי, וואָס האָט זי געפֿירט, האָט בייז אויסגעשפּיגן און זיך גענומען שילטן. און דאָ איז אומדערוואַרט מיט גרויס אימפּעט פֿון ערגעץ אָנגעלאָפֿן די באָבע זלאַטע — די זעליטשיכע, וועלכע האָט געוווינט מיט זיי איבער אַ טיר. דאָס קאָפּטיכל האָט זיך בא דער אַלטער אַראָפּגעשלאָגן אָן אַ זײַט, זי האָט מיט קאַס אַרויסגעריסן דעם קינדס הענטל פֿון דער פֿרויס האַנט און, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, זיך מיט איר אַוועקגעלאָזט מיט אײַלנדיקע טריט צו זיך אין צימער. די פֿרוי איז געבליבן שטיין אָפּהענטיק אינמיטן הויף.

— גאָט איז מיט אײַך, זלאַטע! — האָט זי איר נאָכגעשריִען. — וווהין נעמט איר דאָס קינד! מע דאַרף עס דאָך אָפּגעבן אין דיטדאָם!

די זעליטשיכע — דעמלט אַ ייִדענע פֿון אַ יאָר פֿופֿציק מיט עפּעס, אַ נידעריקע, אַ זשוואַווע, האָט אַ ריי יאָרן געאַרבעט אַלס קעכנע אין דעם זעלבן קינדער־גאָרטן, וואָס מיליעס מאַמע. אין הויף האָט מען געוווּסט, אַז איר איינציקער זון איז אין צוויי־און־פֿערציקסטן יאָר אומגעקומען אין די שלאַכטן בא סטאַלינגראַד, און זײַט דעמלט איז זי, די באַריידעוודיקע און שטענדיק גוט געשטימטע, געוואָרן אַ ביזלעכע שווײַגערן. געטאָן אַלץ שווײַגנדיק, אַפֿילע עמעצן אַ טיוווע.

אין זיקאָרן בא מיליען איז פארבליבן, אז עפּעס האָט זיך אין הויף דעמלט געטאָן. צו זעליטשיכען אין צימער זײַנען אריַנגעקומען און ארויסגעגאנגען מענטשן, גערעדט, געמאכט מיט די הענט, עפּעס אײַנגעטײַנעט מיט דער באָבען, אָנווײַזנדיק אף איר, אף מיליען. די באָבע האָט פאראקשנט געשאָקלט מיטן קאָפּ אף ניין. און סאָפּקאָלסאָף איז מיליע געבליבן מיט איר.

מיליע געדענקט זיך א ביסל שפּעטער אין א ייִנגלשער קעפּקע מיט א גרויסן דאשעק, אן ארופגערוקטן אף די אויגן, אין אָפּגעבליאקעוועטע, שטענדיק פארדריפּעטע בלויע שאראַווארן, ניט אונטערצושיידן פון די ייִנגלעך אין הויף. קיין קליידל האָט מען אף איר אין יענער צײַט ניט געקאָנט ארופציִען ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן. מיט א לאנגן דראָנג אין די הענטלעך שיפּט זי זיך אף א ברעט אין דער גרויסער קאַליוזשע, וואָס אנטקעגן הויז, און דעם גאנצן לאנגן זומער־טאָג קאָן מען זי ניט אריַנמאניען אין שטוב. לערנען זיך האָט מיליע אין די ערשטע קלאסן זיך אונטערגעפּוילט; דערפאר האָט זי ארויסגעוויזן גרויס כיישעק צו מאָלערײַ און דעריקער צו קלעפּן פיגורלעך. אף די פענצטער אין צימער זײַנען שטענדיק אָנגעשטעלט געווען פערדלעך און קעצעלעך פון פלאסטילין. אז מיליע איז א ביסל אונטערגעוואקסן, האָבן זיך גענומען ווײַזן אויך מענטשעלעך און פענעמער פון די שכיינים — זייער ענלעכע.

באזונדערס ענלעך, געדענקט זי, האָט זיך דעמלט באקומען דאָס פּאָנעם פון דער אלטער באָבע דראטש. א קורצע, א ברייטע ייִדענע מיט היפשע ווײַסע וואָנצן, ווי בא א קאץ, שטענדיק אין א שווארץ געווענטן קליידל ביז די פּיאטעס. געוווינט האָט זי איינזאם אהינטער א פענצטערל, שטענדיק א פארהאנגענס מיט א פארגעלטער, פארזשעסענער מיט פליגן צײַטונג.

איינמאָל האָט זי אָפּגעשטעלט מיליען אין הויף, מיט א ווייכער גלעטנדיקער באוועגונג פאריכט אף איר די אראָפּגעפּאָרענע אף א זײַט קעפּקע און מיט איר סקריפּענדיקער שטים צו איר גענומען ריידן:

— ווייס, מײַן קינד, אז די זעליטשיכע, די אלטע זלאטע, איז דיר קיין באָבע ניט און קיינמאָל ניט געווען. זי איז דיר אזא באָבע, ווי איך בין דיר א באָבע. די זעליטשיכע איז דיר א ווילד־פרעמדע...

מיליע האָט געקוקט אף דער אלטערס אָדערדיקע הענט מיט די שווארצע גרויסע און הארטע נעגל, אפן קאדיק, וואָס האָט זיך בא איר גיך־גיך באוועגט אונטער דער טונקעלער צערונצלטער הויט, געשוויגן בייז און פאראקשנט און נאָכדעם זיך ארויסגעקערעוועט און אוועק פון איר. שפּעטער האָט זי אָפּגעזוכט צווישן די שטאלן א היפשלעכן פאניער־בויגן און מיט א קויל אָנגעמאָלט אף אים א „באבא יאגא", רײַטנדיק אף א בעזעם, זייער ענלעך אף דער אלטער באָבע דראטש. דעם פאניער האָט זי אוועקגעשטעלט בא איר אפן גאנעק.

און איינמאָל ווינטער האָט מיליע אין הויף אויסגעקלעפּט פון שניי און באגאָסן מיט וואסער א געזעצטן קרומפּיסיקן מענטשן, שטארק ענלעך אף בענטשיקן דעם הויף־קערער. בענטשיק איז געווען אפן זיבעטן הימל. ער האָט הויך ארויסגעדריקט זײַן אנציקונג און גערופן אלע פארבײַגייער אָנקוקן, ווי ער שטייט א „לעבעדיקער" מיט דער לאָפּעטע אין דער האנט.

— ווי א לעבעדיקער! ווי א לעבעדיקער! — האָט ער געשריִען.

גראָד אין דעם זעלבן טאָג איז פארבײַ דעם שנייִקן בענטשיקן דורכגעגאן דער כאבאראָווסקער סקולפּטאָר כלאָוונע טעסקער. ער איז געקומען אף עטלעכע טעג צו דער שוועסטער, וואָס האָט געוווינט דאָ אין הויף. טעסקער האָט זיך אָפּגעשטעלט און שמייכלענדיק באטראכט די קאָמישע שנייִקע פיגור. ער האָט פארשטאנען, אז דאָס מוז זײַן די ארבעט פונעם מיידעלע, וועגן וועלכן די שוועסטער האָט אים עטלעכע מאָל געהאט דערציילט:

— א קליינער טײַוול!

טעסקער איז דעמלט ארײַן צו דער זעליטשיכען. מיליע, וואָס איז געווען באוווּסט אין הויף צווישן די גרעסטע שטיפער און אזעספענעמער, האָט זיך דאפקע דעמלט פארשעמט פארן הויכן אומבאקאנטן מענטשן מיט דער שווארצער באָרד; זי האָט זיך פארשלאָגן אין א ווינקל הינטער דער באָבעס בעט, און מע האָט זי ניט געקאָנט ארויסשלעפּן פון דאָרטן. דער באָבען איז שוין אליין אויסגעקומען ווײַזן דעם ארײַנגעקומענעם מיליעס מאכערײַקעס.

— קלעפּט טאָג און נאכט, — האָט די אלטע געזאָגט, און עס איז ניט געווען קלאָר, צי זי קלאָגט זיך, אָדער זי בארימט זיך מיט דעם, — מע קאָן זיך שוין קיין פלאסטילין ניט נאסטארטשען...

מיליע האָט זיך פון איר באהעלטעניש צוגעהערט צו יעדן וואָרט פון דעם ארײַנגעקומענעם. יענער האָט זיך אינטערעסירט גאָר ניט מיט אירע קעצעלעך און הינטעלעך, נאָר וויאזוי זי לערנט זיך אין שול... מיליע איז שטארק בייז געווען אף דער באָבען, וואָס האָט דעם

פרעמדן ארויסגעלייגט דעם גאנצן עמעס, אז ניט וואזשנע, גאָר ניט וואזשנע, אז זי פוילט זיך אונטער, סע טרעפט, אז זי ברענגט א „צווײ"...

— ע, דאָס טויג ניט! דאָס טויג ניט! — האָט דער אומבאַקאַנטער זיך געווענדט צו דער זײַט, ווו מיליע איז געזעסן אין איר באַהעלטעניש. — וואָס איז דאָס פאר א סקולפּטאָר, וואָס באַקומט „צווייען".

ער איז אוועק און מיטגענומען איינס פון אירע „ווערק" — א לאַנגנאָזיק קאָמיש קעפּל פונעם מײַסעלע וועגן בוראַטינאָ. זינט דעמלט פלעגט טעסקער, קומענדיק אין שטאָט, זיך אַרײַנכאַפּן צו דער אַלטער א קוק טאָן אף מיליען. נאָך זײַן ערשטן באַזוך איז מיליע געוואָרן ניט צו דערקענען. זי האָט זיך מיטאַמאָל פאַנאַטיש פלײַסיק א נעם געטאָן צום לערנען. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיליע האָט דאַפקע א שאַרף קעפּל צו מאַטעמאַטיק. אינעם קלאַס־זשורנאַל האָבן זיך גענומען ווײַזן „פינפן".

אינעם נײַנטן קלאַס האָט מיליע, ניט פרעגנדיק בא קיינעם, פאַרלאָזט די שול און אוועק אַרבעטן אין בוי־טרעסט: געגנוג צו זיצן בא דער באָבען אפן האַלדז! אײַנגעאַרעדט צו גיין אף דער בויונג האָט איר עלטערע כאַווערטע מאַרע קאַהאַן, וועלכע האָט שוין געאַרבעט אַלס אויסשטאַטערן.

איר טרוים צו זײַן א סקולפּטאָר האָט זי אָבער ניט פאַרלאָזט. זי האָט זיך געלערנט אין דער אָוונט־שול און זי פאַרענדיקט מיט א זילבערנער מעדאַל. די מיטשילער האָט עס פּאַרכי־דעשט: מיליע האָט „געצויגן" אף א גאָלדענער. ערשט מיט א צײַט שפּעטער האָט מען זיך אָנגעשטויסן אף דער עמעסער סיבע פון דעם — אף א גאָלדענער מעדאַל האָט מען געדאַרפט שיקן די שריפטלעכע אַרבעטן אף ליטעראַטור אין געגנטבילד־אָפּטייל און פון דאָרטן, מעג־לעך, אויך אין קאַנט־בילד. און פאַר דעם האָט סײַ די לערערן פון ליטעראַטור, סײַ דער די־רעקטאָר, וועלכער האָט זיך ניט איבעריקס פאַרלאָזט אף דער לערערן, מוירע געהאַט, טאָמער געפינט מען א גרײַז. אף א זילבערנער מעדאַל האָט מען די שריפטלעכע אַרבעטן אין ערגעץ ניט געדאַרפט שיקן.

נאָך דרײַ יאָר אַרבעטן אינעם בוי־טרעסט אַלס שטוקאַטור און מאַליאַר איז מיליע אוועק־געפאָרן לויט טעסקערס אײַצע קיין לענינגראַד און אָנגעקומען אין דעם רעפּין־אינסטיטוט אפן אָפּטייל פון סקולפּטור.

איר איז דעמלט געווען נײַנצן יאָר.

6

און אָט איז זי ווידער מיט מאַרען. מאַרעס צימער — א געראַמער, אַן אויסגעשטאַטער לויט איר געשמאַק: א ברייטער דיוואַן, איבערגעדעקט מיט א ריזיקן רויטן טעפּיך; אף דער וואַנט איבערן דיוואַן האָט זיך נאָך פאַרהיט דער גאָבעלען, וואָס מיליע האָט אויסגעמאָלט צו מאַרעס געבורטסטאָג — א קאָפּיע פון דעם, וואָס דער באַרגוזינערנס טאָכטער האָט צוגעשיקט דער מוטער פון אשכאַבאַד, — א רויט־בלאָווער, מיט א געאָמעטריזירטן אָרנאַמענט; אפן אויס־געבעטן מיט לינאָלעום דיל — אויך א טעפּיך, א מער טונקעלער. אין צימער איז געשטאַנען א טעלעוויזאָר „עלעקטראָן". פוןביידע זײַטן זשורנאַל־טישל — מאַסיווע פאָטעלן פון איין קאָליר מיטן דיוואַן. מאַרע איז געווען אין א כאַלאַט פון עפּעס א רויטן שטאָף מיט גאָלדפאַר־ביקע שטרײַפן; זיי זײַנען געזעסן איינע אַנטקעגן דער אַנדערער אין די פאָטעלן. מאַרע האָט געררייכערט און דערציילט מיליען וועגן דעם, וואָס איז מיט איר פאָרגעקומען פאַר די אַכט יאָר, וועגן איר אַרבעט אין דעם קאָמבינאַט פאַר שטייגער־באַדינונג.

— הינטערפּיסלעך. הינטערפּיסלעך. ניטפּאַרגינערײַ. אינטריגעס!

— בא די פאַבריקמאַכערס אויך אינטריגעס? — האָט מיליע געלאַכט.

— וואָס דען האָסטו געמיינט? נאָר בא אײַך, בא די קונסט־מענטשן! נאָך וואָסערע אינ־טריגעס! איך בין אָבער אויך א האַרט ניסל. ווער פאָרט בא זיי אף די קאָנטישע און זאָנאַלע קאָנקורסן? ווער ברענגט דיפּלאָמען פון דער ערשטער מאַדרייגע? ווער איז בא זיי א דאַמען־מײַסטער עקסטרא־קלאַס?

מיליע האָט זיך דערוווסט, אז מאַרע איז פאַר דער צײַט געוואָרן אויך א פעלדשער־קאָס־מעטיסט און פאַרוואַלטעט איצט מיט א קאָסמעטישן קאַבינעט, וואָס ווערט מאַמעש באַלאַגערט פון קלײַענטור.

— אייגנטלעך, — האָט מאַרע געשמייכלט, — עמעצע קינסטלער זײַנען מיר! מיר האָבן צו טאָן מיט לעבעדיקע מענטשן, ניט מיט ליים און ניט מיט שטיין. אין אונדז נייטיקט מען זיך דערוויַל מער, איידער אין אײַך. מיר האָבן אַ ברייטערע אאודיטאָריע.

זי האָט געוואָלט זיך דערוויסן, פאַרוואָס איז מיליע פאַרזעסן ביז זעקס און צוואַנציק יאָר, און צי זײַנען באַ איר פאַראַן „ייִנגלעך".

— פאַראַן איינער.

זי האָט איר דערציילט וועגן קאַזיקן.

— און דאָס איז ערנסט, צי אַזוי זיך?

— איך מיין, אַז ערנסט. ווייסט דאָך: באַ מיר „אַזוי זיך" קאָן ניט זײַן.

— זע, מילקע, ברי זיך ניט אָפּ! איך קען זיי, די דיריזשאָרן דײַנע!

זי, מאַרע, האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אָפּגעבריט, כאַסענע געהאַט און זיך צעגאַנגען.

— עפּעס רעכטס מאַכט זיך ניט, — האָט זי זיך געקלאָגט, — אַלץ דרויב, קליינינקע פּיִ־שעלעך, אָדער... עס שאַדכענען זיך באַוויַבטע — „זשענאַטיקעס"... שטעל זיך פאָר, פאַר איינעם אַזאַ אַ באַוויַבטן מיליטערישן דאָקטער האָט מען מיך פּראָראַבאַטעוועט אָף אַ פּראָ־פאַריינישער פאַרזאַמלונג. די צנועס אונדזערע, די פאַריקמאַכערשעס און דערהויפּט די שנײַ־דערקעס, האָבן אָף זיך שיר די קליידלעך ניט צעריסן פון צוויזאַקישער אופגעבראַכטקײַט. געוואָלט מיר צונייען „בּיטאַוואָיע ראַזלאָזשעניע".

מיליע האָט געגומען פאַנאַנדערפרעגן וועגן דער באָבען, וועגן איר לעבן נאָך איר אוועקפאָר. זי געדענקט, ווי באַם געזעגענען זיך אָפּן וואָקזאַל האָט די באָבע — שוין אַ שטאַרק געעלטערטע — געוויינט און געזאָגט, אַז מיט מיליען וועט זי זיך שוין מער ניט זען. מיליע האָט אויך געוויינט און זי געטרייסט, צוגעזאָגט קומען איבעראַיאָר אָף קאַניקולן; זי האָט אָבער ניט געהאַלטן קיין וואָרט איבער מאַנגל אין געלט אָף אַ בילעט ביזן ווײַטן מיזרעך, אַפּילע מיטן צוג אַהין און צוריק. זי האָט עס אָפּגעלייגט אָף איבעראַיאָר און איז אוועקגע־פאָרן מיט אַ סטודענטישן בוי־אַטריאַד קיין קאַרעליע. און ווינטער האָט זי באַקומען פון מאַ־רען אַ בריוו, אַז מע האָט די אַלטע אַרויסבאַגלייט אין דער אייביקער רו.

— פאַרן טויט האָט די אַלטע אַלץ גערעדט וועגן דיר, געהאַלטן אין איין רופן דיך: ווו איז מיליטשקע?

מיליע איז אופגעשטאַנען און אַרויסגענומען פון טשעמאָדאַן אַ ניט גרויסן מאַרמאָרנעם באַרעליעף. מאַרע האָט דערזען דער אַלטער זלאַטעס פּאָנעם — אַ פּאָנעם פול מיט גוטסקײַט און אינערלעכער דערהויבנקײַט.

מאַרע האָט אַ לענגערע ווײַלע געקוקט אָפן באַרעליעף.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט פאַרטראַכט, — אַזאַ איז זי טאַקע געווען. וויפל דאַרף מען אָפּ־צאָלן פאַר אַזאַ מין שטיקל אַרבעט?

— אַ סאַך. אַ גאַנץ לעבן.

מאַרע האָט אַ פּיר געטאָן מיט די לאַנגע אָנגעקלעפּטע ווימעס:

— דו, מילקע, וויניקער פון אַ גאַנץ לעבן נעמסטו ניט!

7

די באָבע ליגט אָפן נײַעם בעסוילעם. אָבער ווו? די שכיינים אינעם הויף געדענקען שוין אויך מעטושטעש. די באַרגווזינערן גיט יאָ אָן אַ סימען: זי ליגט לעם דובראָווסקיס פּרוי...

דובראָווסקי, דער דירעקטאָר פון דעם גרויסן רעסטאָראַן, האָט געשעטלט דעם ווײַב אַ רײַכע מאַציייווע. איז לויט יענער מאַציייווע קאָן מען יאַקאָבי געפינען זלאַטעס קייווער; אַ צווייטע שכיינע האָט נאָך געגעבן אונטערגעזאָגט: וועדליק זי געדענקט, דאַרף מען אָפּציילן דרײַ צי פיר און צוואַנציק רייען פונעם טויער רעכטס...

דער נײַער בעסוילעם איז שוין אויך זיך היפּש צעוואַקסן; די רייען קוואָרים האָבן זיך אין דער דורכזיכטיק־בלויער לופט איבערגעגאָסן מיט זילבערפאַרב פון די מאַציייוועס, מיט דער בונטער קאָלירקײַט פון די פּאַפּירענע בלומען און שוואַרצע טאַשמעס אַהינטער די צאַמען. מיליע האָט זיך דערפילט אומהיימלעך: אין איר לעבן איז איר אויסגעקומען צו זײַן אין אַזעלכע ערטער נאָר אָפן וואָלקאָוו־בעסוילעם אין לענינגראַד און אין דער קרעמאַטאָריע אָף דער לעוויַע פון איינער זייערער אַ סטודענטקע. דאָרט זײַנען אָבער געווען נאָך אַ סאַך מענטשן, און דאָ איז זי איינע אַליין. נאָר אָט האָט זי דערזען, אַז דאָס לעבן שטעלט זיך

אויך דאָ ניט אָפּ: אפן גאַנעק פונעם װעכטער־שטיבל האָט זיך געװײנלעך־װאַכעדיק, ניט געײַלט געפּאָרעט מיט טעפּ און עמערס אַ בלאָנדע פרוי, געשריִען אָף די װײַסקעפּיקע קינדער, װאָס זײַנען דאָ אַרומגעלאָפן, װי אָף אַ באַליביקן הויף. הינטער די צאַמען האָבן מענטשן מיט לאָפּעטעס געבראַכט אין אָרדענונג די אײַנגעפּאַלענע קװאָרים. פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן אַ װײַבערשער געװײן.

מיליע האָט אָפּגעציילט דרײַ און צװאַנציק רייען פון דעם װעג רעכטס, נאָכדעם פיר און צװאַנציק. אויך דאָ האָבן זיך געטראָפן רײַכע מירמלנע מאַצײװעס, נאָר ניט די, װעלכע זי האָט געזוכט. זי איז געבליבן שטיין פאַרצװייפלט. קלאָר, אַז די שכײנע האָט אָנגעפּלאָנטערט! װאָס טוט מען? זי האָט באַשלאָסן געדולדיק גײן פון ריי צו ריי און זוכן, װיפל דאָס זאָל ניט דױערן. ערשט אין דער נײַן־און־דרײַסיקסטער ריי האָט זי צװישן דעקאָראַטיװע בלויע יאָד־לעס דערזען דובראָװסקיס פּרױס מאַצײװע. אָט איז דער באַבעס קײװער, אַ געדיכט פּאַרװאַק־סענער מיט בוריאַן און פּיריי. די־פאַרב פון דער אײַזערנער צאַם איז שוין לאַנג אָפּגעקראָכן; די הילצערנע גאַלקעס, װאָס האָבן אָרעמלעך באַקרױנט די װינקל־שפּיצן אירע, האָבן זיך אױסגעקרישלט און זײַנען אַרױסגעפאַלן, און די פּוסטע לעכער האָבן אױסגעזען, װי שרײַענ־דיקע מײַלער. מיליע איז אַ לענגערע צײַט געשטאַנען בײַ דער צאַם מיט אַ געבױגענעם קאָפּ און געװײנט; זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אופשטעלן אין זיקאָרן מיט אַלע פּראָטים דער באַבעס פּאָנעם, דערמאָנט אירע פאַרלאַנגזאַמטע באַװעגונגען דאָס לעצטע יאָר פאַר מיליעס אָװעקפאָר, איר ברײט געװאָרן שװאַרץ קלײד, אירע פאַרבאַהאַלטענע טרערן, װען זי פלעגט אַ טראַכט טאָן, אַז אָט פאָרט מיליע פון איר אַװעק...

זי האָט זיך געגומען אױסװאָרצלען דאָס װילדגראָז פונעם קײװער, געװאָלט אָנשיטן אָף אים עטלעכע לאָפּעטעס פרישן טרוקענעם זאַמד פון דער קופּע, װאָס איז געלעגן בײַם װעג, נאָר זיך באַטראַכט, אַז אַלציינס װעט דאָך אים אױסקומען צעגראָבן בײַם אופשטעלן די מאַ־צײװע!

אַנטקעגן, אין דער צװײטער ריי, האָט זי בײַ אַ צאַם דערזען אַן עלטערן הױכן מאַנצבל מיט אַן אַנטבלױזטן װײַסן קאָפּ. ער איז געשטאַנען אומבאַװעגלעך, דער בליק צוגעשמידט צו דער פּאָטאָגראַפיע פון אַ יונג מיידל מיט זײער אַ שײנעם לעבנספרײדיקן פּאָנעם. מיליע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָפן הענטל פונעם גראַבײַזן און זיך פאַרקוקט אָפן אַלטן: אָט איז אַ דערשיי־טערנדיקע טעמע — אַ פאָטער, װאָס האָט פאַרלאָרן זײַן אײנציק קינד...

זי האָט אים דערנאָך באַגלײט מיטן בליק, װען ער האָט זיך גענומען דורכקלײַבן דורך די שמאָלע, פאַרװאַקסענע מיט שטעכלקעס דורכגענג צװישן די קװאָרים. ער איז אַרױס אָפן פּרײַען בעסױלעם־פּעלד מיט די רײען נאָך לײדיקע גריבער; דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. װעגן װאָס טראַכט ער? בײַ מיליען איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז אָט אַ־דער עלטערער מענטש טראַכט װעגן יענעם שטיקל ערד, װאָס װאַרט אָף אים דאָ, און זי האָט זיך געפּרװוט פּאָרשטעלן, װי אומהײמלעך עס דאַרף זײַן אַ מענטשן צו װיסן, אַז ערגעץ דאָ, אָף אָט אַ־דעם שטעטך, װו ער שטײט, װעט ער געפינען זײַן אײביקע רו!

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ אָף אַ כאַבאַראָװסקער בעסױלעם ליגט איר מאַמע, װעלכע זי האָט קױם געדענקט, נאָר איר קײװער קאָן מען שױן אװאדע ניט געפינען. אירע געדאַנקען האָבן זיך אומגעקערט צו דער, װאָס איז געלעגן דאָ, אַהינטער דער צאַם, און אומ־דערװאַרט פאַר זיך אַלײן, אַרױסגערעדט:

— נו אָט, מײַן טײַערע, מײַן ליבע באַבע, מײַן אײנציקע, איך בין געקומען!

אין דער בוכהאַלטעריע פונעם קאָמבינאַט פאַר שטײגער־באַדינונג האָט מיליע באַצאָלט פאַר אופשטעלן אַ מאַצײװע און פאַר אָפּפאַרבן די צאַם. דער מײַסטער, אַ סטולער געזעצ־טער מאַצבל מיט אַ געגאָלטן גוליעװאַטן קאָפּ, האָט דערקענט מיליען. ער האָט מיט איר גע־אַרבעט אינעם בױ־טרעסט.

— דו לעבסט, מאַליאַר?

מיליע האָט אים געזאָגט, אַז די אַרבעט װעט זי מאַכן אַלײן. ער װעט איר נאָר העלפן.

— מיטן גרעסטן קאָװעד,— האָט דער מײַסטער געשטשירעט זײַנע גרױסע געלע צײן,— פאַרגעס נאָר ניט פאַרכאַפּן אַ האַלבע בוטל אָף צו באַװאַשן — װײסט דאָך אַלײן.

שאַבעס זײַנען יאַמטשיק, מאַרע, די באַרגוזינערן און נאָך עטלעכע פון די אַלטע שכיי־נים געפאָרן מיט מיליען אָפן בעסױלעם. דער קײװער איז שױן געװען אָנגעטאָן אין בעטאָן און געהאַט אַן אױסזען פון אַ שטיבעלע מיט אױסגעקלעפּטע בלומענבלעטער אָף די װענט־לעך און מיט געזימסן בײַ די װינקלעך און בײַ די ראַנדן פון דעם שיפּועדיקן דעכל. דער

הויכער פּירקאַנטיקער אָבעליסק מיטן מירמלנעם באַרעליעף און די צאַם האָבן זילבערדיק געגלאַנצט. יאַמטשיק האָט צוגעשטעלט צום אָבעליסק אַ קראַנץ מיט אַן אויפשריפט: „פון אײַערע שכיינים".

— נו, אַט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיליען, — האָסטו שוין אַ פּרוּוו געטאָן דײַנע קויכעס אויך אין אָט אָ־דעם טרויעריקן זשאַנער.

די ווײַבער האָבן באַקוקט דובראָווסקיס פּרויס קײַוועט. ער איז אויך געווען היפּש פאַרלאָזט און פאַרוואַקסן מיט גראָז. עס איז געווען צו זען, אַז שוין גאַנץ לאַנג האָט מען אים ניט באַזוכט.

— ער האָט כאַסענע געהאַט, — האָט די באַרגוזינערן געשאָקלט מיטן קאָפּ, — האָט ער ניט וואָס צו גיין אַהער.

עס איז געווען אַ לויטערער סאָף־אווגוסט־טאָג. אַ לײַכט ווינטעלע האָט שטיל, בעסוילעמדיק, געררישט אין די בלעטער פון די אַרומיקע ווערבעס און סאַמעט־ביימער, אין דעם הויכן געדיכטן גראָז צווישן די צאַמען. עס האָט געשמעקט מיט ווּיאַניענדיקן פֿאַלין.

אַף דער פּאָטשט האָט אַף מיליען געוואַרט אַ טעלעגראַם:

„איך האָב דיך ליב. ק."

8

מיליע גייט אַרום איבער דער שטאָט.

שוין אַכט יאָר, ווי זי וווינט אין גרויסע שטעט, נאָר וועגן איר שטאָט, ווו זי איז אויסגעוואַקסן, דערמאָנט זי זיך אַלעמאָל מיט אַ צאַרט געפיל. עס איז באַ איר אין האַרצן פאַרבליבן אַ צוגעבונדנקײַט צו די געמיטלעכע געסלעך אין עק שטאָט מיט זייערע סעדעלעך און גערטענער. אַ באַזונדערן שטאָלץ אָבער רופן באַ איר אַרויס די נײַע גאַסן, ווו אַ סאַך פון די פּינפּגאָרנדיקע הײַזער זײַנען „אירע". איר בריגאַדע האָט זיי געבויט. אָט איז טאַקע איינס פון זיי אַנטקעגן דעם גרויסן סקווער אַפן סאָוועטן־פּלאַץ. אָ, מיט אים, מיט אָט אָ־דעם הויז, איז באַ איר פאַרבונדן אַ גאַנצע געשיכטע!

דאָס איז געווען דאָס לעצטע יאָר פון איר זײַן דאָ.

...אין דעם הויז האָט געאַרבעט זייער יוגנטלעכע אויסשטאַטער־בריגאַדע — שטוקאַטורן און מאַליאַרן, און זי, מיליע, האָט דעמלט צײַטווײַליק פאַרטראָטן דעם קראַנק־געוואָרענעם בריגאַדיר. דער פּראָראַב, אַ יונגער געלבלעכער באָכער, האָט אָפט געגומען אַרײַנקוקן אין די סעקציעס, ווו די מיידלעך האָבן געאַרבעט. דערזען איינמאָל מיליען אַף הויכע קאָזלעס אין איר אָפּגעבליאַקעוועטן קאָמבינעזאָן און רויטן טיכל, איז ער צוגעגאַן צו איר:

— נו, „זאַם", ווי גייט עס?

— ווי איר זעט.

— סטאַזש פאַרן אינסטיטוט?

— ניט אויסגעשלאָסן.

— נו און די אַרבעט אַליין — אַ שטויביקע, אַ שמוציקע?

מיליע האָט אים שמייכלענדיק אָנגעקוקט:

— ווי פאַר וועמען. פאַר מיר — אַ פאַרגעניגן.

און ווי אַף צו ווײַזן, אַז די אַרבעט איז איר בעעמעס אַ פאַרגעניגן, האָט זי לײַכט, ווי שפּילנדיק זיך, אַ נעם געטאָן פונעם סאָקאָל אין דער האַנט אַ פולע קעלמע שיטערן געמיש, מיט אַ בליץ־שנעלער באַוועגונג אַ פלעסקע געטאָן אים איבער דער סטעליע; נאָך עטלעכע פלינקע שלײַדערס מיט דער קעלמע, פאַרפליעסקעט אַ היפּשן שטיק; בעריעש אַ גיי געטאָן איבער דער אָנגעשפּריצטער מאַסע מיטן סאָקאָל, און אָט איז שוין אַ גרויסער קוואַדראַט אַף דער סטעליע אויסגעגלײַכט. נעם און פאַרגײַב מיט דער „טיאַרקע"!

דער פּראָראַב האָט אַנציקט אַ פיר געטאָן מיט דער קין:

— אַרטיסט!

מיליע האָט זיך צעלאַכט: אַקאָרשט מיט עטלעכע מינוט פאַר דעם האָט זי געהערט, ווי דער פּראָראַב האָט זיך געבײַזערט אַף אַ שאָפער, וואָס האָט אַראָפּגעשלײַדערט פון אַ סאַמאָסוואַל ציגל און געלאָזט אַ באַרג בראָך־שטיקער: „ע, דו, אַרטיסט!"

— אַט אַ־דאָס זאָג איך דאָך אויך! — האָט זי פֿריילעך אַראָפּגעשריִען צו אים פֿון די קאָזלעס. — אונדזער ברודער אַן אויסשטאַטער דאַרף זײַן אַן אַרטיסט, אַ ווירטואָז!

מיליע געדענקט, ווי גייענדיק איינמאָל צום קלאַדאָווושטשיק אויסשרײַבן אַלאַבאַסטער, איז זי פֿאַרגאַנגען אַ קוק טאָן אין סעקציע, וווּ מע איז שוין צוגעטראָטן צום פֿאַרבן. מאַרע איז געשטאַנען און געשפּאַקליעוועט אַ טירל פֿון אַ וואַנט־שראַנק. מיליע האָט באַמערקט אַפֿן טירל־ברעט עטלעכע פֿלעקן די גרייס ווי אַ זילבערנע מאַטביייע.

— מאַרע, — האָט זי מיט פֿאַרוווּרף געזאָגט, — און די פֿלעקן!

— נישקאָשע. אונטער דער פֿאַרב וועט מען ניט זען.

— איצט — ניט, אָבער אין אַ כּוידעש־אַנדערהאַלבן אַרום?

מאַרע האָט זיך אַ קרים געטאָן:

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? אין נאַריאַד גייט דען אַרײַן שאָבן? ניין. ניט איך האָב דאָך זיי געמאַכט.

— דאָס וועלן זײַן פֿלעקן אָף אונדזער געוויסן!

— אוי, דײַנע הויכע רייד, מילקע...

דאָך האָט זי אָן כּיישעק גענומען אַ שטיקל גלאָז און אָנגעהויבן אַראָפּשאָבן די פֿלעקן. מיליע איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען און געטראַכט וועגן מאַרען. מאַרע איז אָנגעקומען אַרבעטן אָף דער בויוונג מיט אַ יאָר צוויי פֿאַר איר. הײַנט האָט זי געהאַט פֿלינקע, בעריעדיקע, און אײַנגיכן איז זי געוואָרן איינע פֿון די בעסטע אויסשטאַטערנס אינעם בוי־טרעסט. אָבער שוין פֿון סאַמע אָנהייב האָט זי באַשלאָסן: קיין מאַליאַר וועט זי ניט בלײַבן. באַקומט זי נאָר די צוויי יאָר סטאַזש, פֿאַרט זי גלײַך אַוועק קיין כאַבאַראָווסק אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, און אַ גוטן טאָג!

אָפּגעאַרבעט צוויי יאָר. געפֿאָרן אָפּגעבן די אַרײַנטריט־עקזאַמענעס און ניט דורך לויטן קאָנקורס. אוודאי וואָלט זי, מיליע, אויך שטאַרק איבערגעלעבט, אָבער מאַרע איז שוין געווען צו אויפֿגערייצט, צו געפֿאַלן בא זיך, געקוקט אָף זיך ווי אָף אַ לוי־יוצלעך, און אַלץ דערפֿאַר, וואָס איר איז ווידער אויסגעקומען זיך נעמען פֿאַר דער קעלמע מיט דער באַרשט... אָף דער אַרבעט האָבן זיי זיך אָפּט געאַמפּערט. דאָך איז מען געווען כאַווערטעס, און מיליע, כאָטש אַ ייִנגערע אָף עטלעכע יאָר, האָט געהאַלטן פֿאַר איר כּויוו אונטערצומונטערן מאַרען, ווען יענע פֿלעגט אַרײַנפֿאַלן אין אַ שווערער שטימונג. זי געדענקט, ווי איינמאָל האָט זי בא איר געפֿרעגט, צי וויל זי ניט גיין אָף אַ קאָנצערט.

— אָף וואָס פֿאַר אַ קאָנצערט?

— אַ מאָסקוווער פּיאַניסטן. אַ לאָורעאַט.

מאַרע האָט מיט אומעטיקן גלײַכגילט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— כ׳וויס... קום.

די פּיאַניסטן איז געווען גאָר אַ יונג מיידל, ניט קיין הויכע, אַ שוואַרצלעכע, אַ דאַרלעכע, מיט אַ באַשיידענעם, שעמעוודיקן שמייכל.

— האָט געמעגט זײַן אַ ביסל שענער, — האָט מאַרע אומצופֿרידן געבורטשעט, — זע דאָס קליידל! זע דעם פֿאַרקאָם! סע פּאַסט צו איר, ווי... אָף דער בינע דאַרפֿן אַרויסטרעטן, האַלט איך, נאָר שיינע. דאָס אויג זאָל האָבן אָף וואָס זיך אָפּשטעלן, טאַלאַנט און שיינקייט דאַרף זײַן איינס.

— אויב אַזוי, — האָט מיליע אַ שמייכל געטאָן, — ביסטו אַ גרויסער טאַלאַנט.

בייסן אַנטראַקט זײַנען די מיידלעך אַרויס אין פֿאָיע, אַ קוק געטאָן אָף זיך אין דעם גרויסן שפּיגל אָף דער וואַנט. אינעם העל־גרינעם אָנצוג, וואָס אַזאַ האָט מיליע צום ערשטן מאָל אין לעבן אָפּגענומען פֿון דער אַטעליע, האָט זי זיך אַליין אויסגעזען העכער ווי אינדער־עמעסן, דערוואַקסענער, און דאָס האָט איר פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן; זי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם בליק אָף מאַרעס בלוי קלייד: מאַרען פּאַסט אַלץ! מאַרע איז אַ שיינהײַט. מאַרע בליט. אין פֿאָיע קוקט מען זיך אָף איר אום. בא איר איז אַ היפּש ביסל באַקאַנטע יונגעלײַט. באַם באַקענען זיך שטעלט זי זיך פֿאָר: „טעכניק־לאַבאָראַנט” און באַהאַלט אויס איר עמעסע פּראָפֿעסיע. מיליע ווייסט דערפֿון און אָפּטמאָל רופֿט זי מאַרען אין אַ שפּאַס: „טעכניק־לאַבאָראַנט מיט אַ פֿאַרבער־באַרשט אין האַנט”.

— נו, וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק? — מיליע האָט פֿון דער זײַט אַרײַנגעקוקט דער כאַווערטע אין די אויגן.

מאַרע האָט אָפּגעזיפֿצט:

— דו זאָגסט — טאַלאַנט... פֿאַראַן אַזעלכע גליקלעכע מענטשן, ווען מענס לעבן איז דורכויס קלער יאָמטעוו. מיר מיט דיר, צום באַדויערן, געהערן ניט צו זיי.

זי האָט געזאָגט „מיר", ווײַל מיליעס טרוים צו זײַן א סקולפּטאָר האָט זי געהאַלטן פאַר פּוסטע יונגמיידלשע כאַלוימעס.

— און אין אונדזער ארבעט, מיינסטו, דאַרף מען ניט האָבן קיין טאַלאַנט?

מארע האָט מיט פאַרדראָס א לאַך געטאָן:

— טאַ־לאַ־אַנט! הער זיך צו, ווי קאָמיש דאָס קלינגט. פאַרדריפּעטע שטוקאַטורן, שמיר־רערוקעס, און אויך — טאַלאַנט! אזעלכע, ווי מיר מיט דיר, דאַרפן גיין אין שפּאַן און שווײַגן.

אהיימגייענדיק נאָכן קאָנצערט, האָבן זיי פאַרגעזעצט דעם שמועס. מיליע האָט געזאָגט:

— איך בין ניט קיין פאַרדריפּעטער שטוקאַטור, און אזא וועל איך קיינמאָל ניט זײַן, איך לעב מיט מײַן ארבעט, טראַכט וועגן איר די גאַנצע צײַט, ווי מאַכן בעסער, שענער, זי זאָל פאַרשאַפן מענטשן פרייד, ווי א קונסט־ווערק, אָט ווי דאָס שפּילן פון דער פּיאַניסטן. יאָ, יאָ. אָט הער: אנומלטן האָט דער פּראָראַב זעלענצאָוו זיך אָפּגעשטעלט א קוק טאָן, ווי איך ארבעט. ער האָט געזאָגט: „ארטיסט". זייער מעגלעך, אז ער האָט געלאַכט פון מיר, אָבער דאָס וואָרט „ארטיסט" איז געווען צום אָרט. נאָר מיט אָט אָ־דעם וואָרט דאַרף מען מעסטן און שאַצן אונדזער ארבעט.

— ארבעטן ארבעטסטו געזונט, — האָט מארע געמוזט מודיע זײַן, — נאָר צו וואָס אָט־אָ־די היכע ווערטער „טאַלאַנט"? טאַלאַנטן פאַרנעמען זיך מיט עפּעס אנדערש, בעסערס.

מארע האָט דעמלט געהאַט א קרענקלעכן פאַרגעניגן צו קראַצן זיך די ווונד,ריידן וועגן דער אייגענער מינדערווערטיקײַט. מיליע האָט פאַראַקשנט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין!

זי איז געווען פאַנאַטיש איבערצײַגט, אז אויסשטאַטן ווױנונגען פאַר מענטשן איז אויך קונסט, וואָס פאָדערט א געפיל פאַר שיינקײַט און א גוטן געשמאַק, שוין ניט ריידנדיק וועגן מײַסטערשאַפט. מאָדנע, וואָס מארע האָט עס ניט געוואָלט פאַרשטיין!

דער בריגאַדיר איז נאָך אַלץ געווען קראַנק, און מיליע האָט אים געמוזט פאַרטרעטן. די טעג זײַנען בא איר געווען פול מיט ארומלויפעניש, מיט פאַרשיידענע בריגאַדירישע האַ־וועניש און זאָרג. אָבער יעדע פרײַע מינוט האָט זי פאַרגעזעצט צו ארבעטן אין דער ניט־גרויסער סעקציע צום הויף, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט מיט א שמאָל קאָרידאָרל פון די איבעריקע דירעס. בא מיליען איז דעמלט אופגעקומען א געדאַנק — אויסשטאַטן אָט אָ־די געוויינלעכע דירע, ווו ס'וועט, מעגלעך, וווינען א פּאַשעטע מישפּאָכע, אזוי, אז מע זאָל גלײַך דערזען דעם אונטערשייד צווישן דעם, וואָס ווערט געמאַכט מיט ליבע און עכטער מײַסטער־שאַפט, פון דעם, וואָס ווערט געמאַכט נאָר אַף אויסצופילן די נאָרמע. זי האָט זייער שטרענג געזוכט בא זיך די מינדסטע דעפעקטן אין דעם טינקעווען, אין דעם פאַרבן. עטלעכע מאָל זיך פאַרהאַלטן, ווען אלע זײַנען אוועק אהיים. איבערגעמאַכט.

און אין איינעם א טאָג נאָך דער ארבעט איז זי זיך דורכגעגאַן איבער די סעקציעס און געבעטן אלעמען ארײַן אין דער דירע, וועלכע זי האָט אויסגעשטאַט.

עמעצער האָט אומצופרידן אויסגערופן:

— אמאָל אין א נאָווינע א פּראָדוציר־באַראַטונג!

— ניין, — האָט מיליע אין פאַרלעגנהײַט א שמייכל געטאָן, — ניט קיין באַראַטונג — אַן עקזאַמען.

— וואָס? וואָס?

— איך וויל פאַר אײַך האַלטן עקזאַמען.

דערהערנדיק, מיט וואָס פאַר אַן ערנסט מיליע רעדט ארויס דאָס דאָזיקע וואָרט, האָבן זיך די מיידלעך אַף א ווײַל פאַרלאָרן: דאָס ערשטע מאָל האָט מען זיך צו זיי געווענדט מיט אזעלכע רייד. פאַרינטריגירטע, האָבן זיי איינע נאָך דער אנדערער זיך אוועקגעלאָזט אין מיליעס סעקציע.

גלײַך באַם עפענען די טיר האָט אין די אויגן יאָמטעווודיק א שײַן געטאָן די בלאַנקענדיקע אלעבאַסטער־ווײַסקײַט פון די ווענט און פון דער סטעליע, פון די שפּיגל־גלאַנציקע געפּאַרבטע דילן.

— מיידלעך, — האָט זי דעמלט זיך געווענדט צו די כאַווערטעס. — אָט זײַט איר אלע פאַכלײַט. באַטראַכט מײַן ארבעט און זאָגט אָפן: וואָס פעלט דאָ? איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס כ'האָב געקענט.

— טאַקע אַן ארטיסטקע! — האָט מארע א קרים געטאָן אירע שײַנע ליפּן אין א סאַרקאַס־טיש שמייכעלע. — שטייט אַף די קאָלעס און כאַלעמט וועגן רום, וועגן אפּלאָדיסמענטן. וויל ניט פאַרשטיין, אז קאָלעס פון א שטוקאַטור זײַנען קאָלעס — ניט קיין עסטראַדע!

בא מיליען האָבן די אויגן באַקומען אַ בייזלעכן גלאַנץ:

— פאַר דיר, מאַרע, ניט, און פאַר מיר — אַן עסטראַדע. און לאַך פון מיר.

די מיידלעך האָבן זיך טאַקע צעלאַכט, נאָר באַלד געוואָרן ערנסט, געגומען אַרומגיין איבער די צימערן, זיך געפּרוּווט טשעפּען צו יעדער קלייניקייט, אויסזוכן פעלערן און צום סאָף געמוזט אָנערקענען: „אויסגעצייכנט".

מיליע האָט אַליין ניט דערוואַרט, אַז ערשט נאָכדעם וועלן זיך די מיידלעך פאַרהאַלטן אַף דער אַרבעט און עס וועט זיך אָנהייבן עפּעס ענלעכס אַף אַן אימפּראָוויזירטער פּראָדוציר־באַראַטונג, נאָר גיכער אַף אַ כוואַרישן שמועס וועגן דער אייגענער אַרבעט. מע האָט גענומען אַרומגיין איבער אַנדערע, שוין אויך אויסגעשטאַטע סעקציעס, געקוקט אַף דער אייגענער אַרבעט מיט נײַע אויגן, ניט שוינענדיק קיינעמס אייגנליבע, אופדעקן דעפעקטן. מיט אַן אופּ־רעגונג, וואָס אַזאַ האָט מען ביז אַהער ניט געפילט, האָבן די מיידלעך זיך צוגעהערט צו די באַמערקונגען און שטורמיש איבערגעלעבט:

— אָט אַ־דער ווינקל, זאָיע...

— וואָס — „אָט אַ־דער ווינקל!" וואָס?

— און דאָ זע דאָס פאַרבן...

— אַף דעם לייגן אַכט — וועסטו די נאָרמע ניט אויספילן און וועסט פאַרדינען וואַסער אַף קאַשע!

— נו, און בא גולקאָ! גיב אַ קוק איר אַרבעט!

און נאָכדעם האָט מען זיך ערשט אויסגעזעצט אַפן טרעפּ־מאַרש באַם אַרײַנגאַנג, און עס איז אַוועק אַ שמועס וועגן דער צווייטער יוגנטלעכער בריגאַדע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן. יענע האָבן מיט אַ קורצער צײַט צוריק באַקומען דעם נאָמען „בריגאַדע פון קאָר־מוניסטישער מי" און די איבערגעגיינענדיקע רויטע פאָן. מיליע איז געזעסן אָן אַ זײַט אַף אַן אונטערשטער טרעפּ, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַפן פּאַרענטש און זיך מיט אינטערעס צוגעהערט צום געשפּרעך. איצט, האָט זי געהאַלטן, איז געוווּן די רעכטע צײַט צו ריידן מיט דער בריגאַדע וועגן דעם, וואָס זי האָט שוין אַ לאַנגע צײַט אויסגעטראָגן אין די געדאַנקען.

— מיר, מיידלעך, — האָט זי אָנגעהויבן, — ווייסן, וואָס שיינקייט איז, און קענען זי שאַפן. מיט אונדזערע הענט קענען מיר באַפּוצן דעם שענסטן פּאַלאַץ. איז פאַרוואָס אַרבעטן מיר אַזוי... איך וויל ניט זאָגן — שלעכט, נאָר אַזוי וואָכעדיק, אָן אַ שעפעריש פײַערל, פאַרוואָס זאָלן מיר, צום בײַשפּיל, ניט אויסשטאַטן אָט דאָס הויז טאַקע מיט געשמאַק, אָפּגעבן עקזאַמען אַף מײַסטערשאַפט, און דאָס זאָל טאַקע ווערן אַף ווײַטער די מאַרקע פון אונדזער יוגנטלעכער בריגאַדע.

— אומעטום — עקזאַמען, — האָט מאַרע לאַכנדיק צעפּירט מיט די הענט. — אין אינסטי־טוט — עקזאַמען, אין טעכניקום — עקזאַמען. דאָ אין בריגאַדע שטוקאַטורן — אויך עקזאַמען!

מע האָט דעמלט לאַנג און הייס נאָך אַרומגערעדט מיליעס פאָרשלאָג. יענער טאָג איז געוואָרן אַ „היסטאָרישע" דאַטע אינעם לעבן פון דער בריגאַדע. אָך, האָט מען זיך דאָס אַף מאָרגן אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט! „געריסן שטיקער" איינער פון דעם אַנדערן פאַרן קלענסטן דעפעקט אָדער נאַכלעסיקייט. מע האָט עס געשטעמפּלט מיטן שענדלעכן וואָרט „כאַלטורע". און אינגיכן טאַקע איז גולקאָס בריגאַדע — אַזוי האָט מען זי גערופן, כאָטש ברי־גאַדיר איז געווען אַן אַנדער מיידל — באַקומען אינעם בוי־טרעסט דעם רום פון די בעסטע אויסשטאַטער.

— „גולקאָס בריגאַדע" — ס'קלינגט, האַ? — שמייכלט מיליע.

דער אַכצניאָריקער „גרימזוען" איז עס בעפּיירעש געווען געפעלן. מאַרע איז אינגיכן אַוועק פון דער בריגונג זיך לערנען פאַר אַ דאַמען־פאַריקמאַכער און מאַניקיורשטשיצע. מיליע האָט דעמלט געזאָגט, אַז אייגנטלעך, איז זי געבליבן די זעלבע אויסשטאַטערן, ווי געווען, נאָר אָנשטאָט באַפּוצן וווינונגען פאַר מענטשן, וועט זי איצט פּוצן פינגער פון ליידיקגייערנס און קעפּ, אָפּטמאָל פּוסטע. און דאָס איז, לויט איר מיינונג, אַ סאַך אַ ווײַניקער בעקוועדיקע באַשעפטיקונג!

...מיליע טוט עטלעכע מאָל אַ שנעל מיטן פּאָטאָ־אַפּאַראַט, וואָס בא איר אַפן אַקסל, נעמט אַראָפּ דאָס „היסטאָרישע" הויז, לעם וועלכן זי שטייט. ס'איז דאָך אויך אירס אַ „ווערק"! זי דערפילט, ווי סע ציט זי אַרײַנצוגיין אין איינע פון די דירעס, וועלכע זי האָט מיט אירע הענט אויסגעשטאַט, אַ קוק טאָן אַף די ווענט און אַף דער סטעליע, אַף טיר און פענצטער. דאָ האָט זי אַמאָל אָפּגעגעבן עקזאַמען אַף מײַסטערשאַפט!

9

מיליע גייט אום איבער דער שטאָט.

פאַר איר ציט זיך אוועק אַ ברייטע גאַס, וועמענס סאָף פאַרלירט זיך ערגעץ אין אַ גאָר ווײַטער מעטושטעשער בלויקייט. אַנטקעגן מיליען און פאַרבײַ איר פליסט אַ שטראָם מענטשן. די שטאָט וואַקסט: נײַע סקווערן, נײַע פּלעצער, אָבער אַף די פּלעצער און סקווערן זעט מען ניט קיין דענקמעלער, קיין סקולפּטורן. דאָס פאַרדריסט זי. זי האָט שוין וועגן דעם גערעדט מיט יאַמטשיקן, וואָס איז פאַרגאַן צו מאַרען זיך זען מיט מיליען:

— אַ שטאָט אָן מאָנומענטאַלער סקולפּטור ווערט אָן אַ סאַך פון איר כאַראַקטער און אָנבליק!

— נאָך אַ יונגע שטאָט, — האָט דערויף יאַמטשיק געזאָגט.

— שוין ניט אַזאַ יונגע. דו מיט מאַרען זײַט שוין דאָ געבאָרן געוואָרן.

מאַרע איז געשטאַנען באַם שפּיגל און פאַנאַנדערגעקעמט אירע לאַנגע האָר. זי האָט אַ קוק געטאָן אַף מיליען איבערן אַקסל:

— ווײַזט אויס, אַז סקולפּטור איז דערווײַל נאָך ניט אַזאַ נייטיקע זאַך. ערשטנס, דאַרף עס קאָסטן געלט. אומזיסט וועט דאָך קיינער דיר ניט אַרבעטן; צווייטנס, זײַנען דאָ ניטאָ קיין סקולפּטאָרס. דו אַליין וווינסט אויך אין וולאַדיוואָסטאָק.

— נו, יאָ, — איז מיליע מאַסקים, — קיין פּראָפעסיאָנעלע סקולפּטאָרס זײַנען דאָ דערווײַל ניטאָ. דאָס איז אויך עמעס, כאָטש וואָס הייסט, ניטאָ קיין אייגענע סקולפּטאָרס! — זי גיט זיך שאַרף אַ קער צו מאַרען און צו יאַמטשיקן. — און זי איז וואָס? אַ פרעמדע? דאָ האָט מען זי אַ קײַלעכיקע יעסוימע אויפגעצויגן, די באָבע זלאַטע, דער גאַנצער הויף. אָט אַ־דער שטאָט איז זי אַ באַלכויוו אָפן גאַנצן לעבן. פריִער איז זי געווען אַ בויערן, האָט זי געבויט און אויסגעשטאַט הײַזער, איצט איז זי אַ סקולפּטאָר — וועט זי מיט אירע הענט באַצירן די שטאָט.

מאַרע האָט גוטמוטיק געשמייכלט, ווי אַן עלטערע שוועסטער:

— מיליע מיט אירע הויכע ריידן!

מיליע גייט פאַרבײַ דעם קולטור־פּאַלאַץ מיט זײַנע מאַסיווע זײַלן באַם ברייטן אַרײַנגאַנג, און איר פאַלט אײַן, אַז דעם פּאַסאַד וואָלט מען געקאָנט באַצירן מיט אַ שיינעם פריז אַף אַ מאָטיוו פון בירגערקריג אָפן ווײַטן מיזרעך, אָדער פון דער געשיכטע פון דער געגנט, וועגן אירע ערשטע בויער.

זי פאַרקערט זיך צו דער דאַמבע, וואָס איז באַ די שיפּועדיקע אָפּהאַנגען פאַרוואַקסן מיט יונגע ווערבעס און ציט זיך קײַלעכדיק אויסגעבויגן לענגויס דער בירע ביזן סאָף פּאַרק, שטעלט זיך אָפּ און קוקט אַף די שוין טונקעלע שטראָמענדיקע וואַסערן פונעם טײַך און אַף די ווײַטע רוקנס פון די בלוי־לילאָווע בערג אָפן האָריזאָנט. און אָט איז דער פּאַרק. דאָ איז די לופט אָנגעזעטיקט מיט טערפּקע וויאַנענדיקע אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. מיליע דערמאָנט זיך, ווי זי פלעגט קומען אַהער מיט די מיידלעך פון איר בריגאַדע, אָדער אַף עטיודן, — זי האָט זיך דעמלט פאַרנומען פלײַסיק אויך מיט מאָלערײַ, — אָדער מיט יאַמטשיקן — אַ לאַנג אויסגעצויגן באַכערל, וואָס האָט געשריבן לידער אין ווײַסע פערזן און איז געווען ניט גלײַכגילטיק צו איר, און זי, מיליע, האָט עס געוווּסט און פלעגט מיט קלוימערשטער קעצישער צערטלעכקײַט צושטיין צו אים: „יאַמטשיק, מע זאָגט, דו ביסט אין מיר פאַרליבט?" אין פּאַרק, געדענקט זי, איז אַמאָל געשטאַנען אַ גיפּסענע פיגור פון אַ דיסק־וואַרפערן, אַ גאַנץ קנאַפּע קונסט־ווערק, אָבער דאָך — אַ סקולפּטור. איצט איז זי ניטאָ. מיליע גייט איבער די אַלייען, ווו סע זײַנען אויסגעשטעלט די פּאָרטרעטן פון די העלדן פון בירגערקריג און פּאָטערלענדישער מילכאָמע, פון די העלדן פון סאָציאַליסטישער מי. וויפל הערלעכע פּנעמער, וואָס בעטן זיך פאַרקערפּערט צו ווערן אין מירמלשטיין, אין בראָנדז, אין גראַניט!

זי דערזעט בומאַגינס פּאָרטרעט, געמאָלט מיט קאָלירטע קוילן. מיליע טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום מיטן טרוים — שאַפן אים אַ דענקמאָל אין דער גאַנצער גרייס און דאַפקע פון בירעקאַנער מירמלשטיין. באַ איר האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט צענדליקער עסקיזן און געמעלן פון דער סקולפּטור. פאַראַן אַפילע אַ מאַקעט: בומאַגין אין אַ קאַסקע, מיט אַן אויטאָמאַט אַף דער ברוסט, מיט אַ בינטל גראַנאַטעס אין דער האַנט... דורך זײַן פּאָנעם, דורך זײַן פיגור, געוווּנען אין אַ שטאַרקן ראַקורס, וויל זי איבערגעבן דעם העלדנמוט פונעם סאָוועטישן שלאַכטמאַן.

10

פון קאַזיקן באַקומט מיליע יעדן טאָג א טעלעגראַם אָפּן אַדרעס פון דער פּאָטשט: „איך האָב דיך ליב. ק."

איינע אַזאַ טעלעגראַם האָט מאַרע דורכגעלייענט. „עפּשער, — האָט זי א טראַכט געטאָן, — עפּשער איז בא מיליען טאַקע אַנדערש. עכט. ערנסט. מילקע איז ניט פון די, וואָס לאָזן זיך נאַרן".

— דײַן קאַזיק, — האָט זי געזאָגט, — האָט אַן אָרעמע פאַנטאַזיע: אַלץ איינס און דאָס זעלבע. נאָר בא מאַנצבלען איז עס דאַפּקע א מײַלע.

און פאַרטראַכט צוגעגעבן:

— איך וואָלט זייער וועלן, דיר זאָל זײַן גוט...

גייענדיק איבער דער לאַנגער שאָלעם-אַליכעם-גאַס צום זאַוואָד „דאַלסעלמאַש", ווו, לויט איר מיינונג, וואָלט געדאַרפט שטיין בומאַגינס דענקמאָל, האָט זי געטראַכט וועגן קאַזיקן. זי האָט זיך דערמאָנט מאַרעס ווערטער: „איך וואָלט זייער וועלן, דיר זאָל זײַן גוט". וואָס ווײַטער וועט זײַן, ווייסט זי ניט, נאָר איצט איז איר גוט. גוט אַף דער נעשאָמע, און אַזאַ גליקלעך געפיל איז בא איר, אַז זי וואָלט זיך געקאָנט איצט נעמען פאַר עפּעס גאָר-גאָר באַדײַטנדיקס.

באַנאַנד מיט דעם אָבער פּײַניקט זי א געפיל פון מיטלײַד צו מאַרען: אַזאַ שיינע, יונגע און אין גרונט ניט קיין נאַרישע און קאָן אַלץ ניט אײַנאָרדענען איר פּערזענלעך לעבן! זי טראַכט וועגן זיך, אַז, מעגלעך, גאָר אינגיכן וועלן פּאַרקומען ערנסטע ענדערונגען אין איר אייגן לעבן, און זי פילט, ווי א פריידיקע אומרויִקײַט פאַרפילט איר גאַנצן וועזן. זונטיק ענדיקט זיך בא קאַזיקן דער סעמינאַר, און זיי וועלן צוזאַמען פאָרן אַהיים. דעמלט, אין כאַ־באַראָווסק, האָט איר קאַזיק געזאָגט קלאָר „אַהיים" — צו אים. אין איר צימערל וועלן זיי פאַרפאָרן נאָר צונעמען אירע זאַכן.

— די שטיק ליים אויך? — האָט מיליע לאַכנדיק געפרעגט.

ליים... זי האָט זיך דערמאָנט די אימפּאַזאַנטע פיגור פון קאַזיקס מוטער, ווי זי שפּאַנט מיט פעסטע טריט, טראָגט פאָרויס זיגרײַך, מאַיעסטעטיש די הויכע ברוסט, און אין וואָס זי זאָל ניט זײַן אָנגעטאָן, גיט זיך מיליען אויס, אַז זי זעט זי נאָר אין דעם סטאָמאַטאָלאָגיש היטעלע און שניי-ווײַסן שטײַף-אָנגעקראָכמאַלעטן כאַלאַט.

„קאַזמעזשו! קאַזיק!"

קאַזיק, ווייסט מיליע, איז זייער אַן איבערגעגעבענער זון. פון דער מוטער קלײַבט ער זיך ניט אוועקגיין, און עס איז ניט נייטיק: די דירע, וועלכע זיי האָבן באַקומען נאָך דעמלט, ווען דער עלטערער ברודער, דער אינזשעניער, האָט מיט זיי געלעבט, איז א געראַמע, א פּירצימערדיקע, מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. יאָ, אָבער צי וועט זי קאָנען זיך אײַנלעבן מיט דער „פּאַני זאָסיע", ווי מיליע רופט זי אָן, מיט איר היפּערטראָפּירטער שפּיטאָל-ציכטיקײַט, מיט איר פּאַניקאַלן שוידער פאַר א שטױבעלע אָפּן קלאַוויר-דעקל... מיליע האָט זיך פאָרגע־שטעלט די אָנגעוועקסלטע ביז זוניקן גלאַנץ דילן און די אויסגעשפּרייטע אַף זיי טעפּיכער, איבער וועלכע עס איז גאָר א פאַרשוועכונג צו מאַכן א טראָט; דאָס מעבל — שטענדיק אין די ציכן. און זי, מיליע, וועט אין אָט דעם „טעמפּל" פון זויבערקײַט אָנשלעפּן שאַכטלעך מיט פּלאַסטילין! זי שטעלט זיך פאָר, ווי יענע וועט זיך דאָס קרימען: „מיליעטשקע, אין א דירע"...

אין מיליען דערוועקט זיך פּלוצלינג די אַמאָליקע יונגע אויסשטאַטערן, וועלכע האָט עט־לעכע יאָר צוריק געאַרבעט אין אָט די אַרומיקע הײַזער: „זויבערקײַט! שיינקײַט, פּאַני זאָסיע! איך קאָן נאָך אײַך ווײַזן, וואָס הייסט שיינקײַט! וואָס הייסט א שיינער אינטעריער, אַפילע לויט אײַער וואַרשעווער געשמאַק!"

11

דרײַ טעג פליִען דורך, און אָט דאַרף מען שוין אוועקפאָרן. עס הייבט זיך אָן דאָס נײַע לערניאָר. זי האָט נעכטן געקלונגען אין וולאַדיוואָסטאָק אין דער מאָלערײַ-שול, זיך דערוויסן, ווי גייט דער אופנאַם, צי זײַנען פאַראַן עפּעס פּערספּעקטיווע כעוורע. דאָס טרײַבל האָט אַראָפּגענומען דער פּאַרוואַלטער מיטן לערן-טייל כרוסטאַל. ער האָט זיך דערפרייט, דער־הערנדיק איר שטים:

— פונוואנען קלינגט איר, מיליע? פון צאָפן דעם ווײַטן?
— פון ביראָבידזשאַן.
מיליע האָט דערהערט זײַן באַסאָוון געלעכטער:
— פון פויר קיין וולאַדיוואָסטאָק פאָרט מען שוין דורך ביראָבידזשאַן?
ער האָט זי באַדאַנקט פאַר די קעסטלעך רויג, וואָס זי האָט צוגעשיקט פון פויר — אַ מאַטאָנע אים און נאָך עטלעכע גוטעפּרײַנט.
— מיליע, — האָט ער געשריִען אין טרײַבל, — קומט גיכער! איר פעלט אונדז אויס!
— וועמען? אײַך?
ווען מיליע איז אָנגעקומען ארבעטן אין דער מאָלערײַ־שול, האָט כרוסטאַל, אַן אַלטער באָכער מיט דאָנזשואַנישע שטיק, געפּרוּווט מאַכן אַף איר העפּטיקע אַטאַקעס, נאָר געקריגן אַ שאַרפן אָפּשניט. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט זיי שפּעטער ווערן גוטעפרײַנט. פאַר איר אָפּפאָר אין פויר איז ער אַרײַן זיך געזעגענען.
ער האָט, ווי זײַן שטייגער, גענומען בלעטערן די פּאַפּקעס מיט די עסקיזן, וואָס זײַנען געלעגן אַפן איינציקן פענצטער, און מיליע האָט דערפילט, ווי בא אים איז מיטאַמאָל געפאַלן די שטימונג; די שטענדיק איראָנישע אויגן זײַנען פֿול געוואָרן מיט אַ שווערן טרויער. ער האָט זיך, ווי שטענדיק, גענומען קלאָגן אַף דער פּעדאַגאָגישער ארבעט, וואָס עסט אוף די גאַנצע צײַט און די ענערגיע, און עס בלײַבט ניט קיין צײַט אַף צו שאַפן עפּעס רעכטס, באַדײַטנדיקס.
— אָט בא אײַך, מיליע, קלעקט אַף אַלץ צײַט, אַפּילע אַף אײַער קאַפּיטאַן.
ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַ שמייכל, אָבער עפּעס ראַכמאָנעסדיקס, דערשלאָגנס איז געווען אין דעם אויסזען פון אָט אָ־דעם גאַנץ שײנעם פּערציקיאָריקן מאַנצבל. זי האָט גע־וואָלט אים זאָגן עטלעכע אופּמונטערנדיקע ווערטער, אָבער וואָס? אַלס פּאַרוואַלטער מיטן לערנטייל איז ער אַף זײַן אָרט, נאָר אַלס מאָלער... זי איז באַקאַנט מיט זײַן שאַפונג: מיטלמע־סיקע אייל־בילדער, עטלעכע ניט קיין שלעכטע אַקוואַרעלן, וואָס ווײַטער פון דער שול־אויסשטעלונג זײַנען זיי ניט אַוועק.
ער האַלט אויך, אַז אומעטום זײַנען אינטריגעס. איבער זיי האָט מען זײַנס גאָרנישט ניט גענומען אַף דער זאָנאַלער אויסשטעלונג. ער האָט איין מאָל געהאַט די אומפּאָרזיכטיקייט זיך שלעכט אָפּרופן וועגן אַ כאַלטור־בילד פון דעם פּאָרזיצער פון פּרימאָריער מאָלער־פּאַרבאַנד אַליין, איז אָט... „בא אײַך קלעקט אַף אַלץ צײַט״. מיליע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: צײַט! צײַט! ווו נעמט מען זי?
ווי נאָר זי וועט קומען קיין וולאַדיוואָסטאָק, וואַלגערט זיך באַלד אַף איר ארוף אַ באַרג מיט ארבעט: לימודים אין צוויי גרופּעס; אַ קאָנקורס אַף לאָזאָס אַ דענקמאָל פאַר אָכאָטסק; די פּאָרמירונג פונעם ספּעקטאַקל „אַ מענטש פון דער זײַט״, וועלכן עס שטעלט דער דראַמקאָ־לעקטיוו פון ארטיאָמער פּאָרצעלײַ־זאַוואָד; זי איז קוראַטאָר פון דעם צווייטן קורס; זי איז אויך געהילף פון דעם אָנפירער מיטן טעאָרעטישן סעמינאַר פאַר די לערער — מאָלער, און דערצו נאָך פירט זי אָן מיט אַ סקולפּטור־קרײַזל אינעם שטאָטישן פּיאָנער־פּאַלאַץ...
און עפּשער טאַקע דאַפקע פון אָט אָ־די סאַך ארבעטן און פליכטן, וואָס וואַרטן אַף איר, דערפילט זי אין איר פעסטן רײַף־מיידלשן קערפּער אַ צופלוס פון ענערגיע, אַ שלאַל קויכעס און אַ ווילן וואָס גיכער אַרײַנטאָן זיך איבערן קאָפּ אינעם ברויז, אין דער בוטשע, נאָך וועלכע זי האָט זיך שוין, דעם עמעס געזאָגט, פאַרבענקט.

12

טעג שטייען נאָך אַלץ שײנע. זוניקע. עס איז דער לעצטער טאָג פון מיליעס זײַן דאָ. מאָרגן פאָרט זי אַוועק. ארומגעגאַרטלט מיט מאַרעס אַן אַלטן פאַרטעך, קלעפּט זי פון ליים אַ סקולפּטור־ביוסט פון אַ פּיאָנערקע — אַ מאַטאָנע דעם פּיאָנערישן פּאָרפּאָסט פונעם הויף. און כאָטש דער טעניס־טיש, אַף וועלכן זי קלעפּט דעם ביוסט, שטייט לעם דעם פּאָרפּאָסט־בײַדל אָן אַ זײַט אין דער טיפעניש פונעם הויף, איז זי די גאַנצע צײַט ארומגערינגלט מיט בײַגעריקע, וואָס דאָס ערשטע מאָל אין לעבן קומט זיי אויס צו זען, ווי אַ סקולפּטאָר ארבעט. און בענטשיק האָט זיך דאָ ארומגעדרייט אין זײַן גרינעם זעקלדיקן ראָק און מויז־קאָלירענע הויזן און געשריִען מײַסע באַלעבאָס:
— מענטשן, וואָס קלײַבט איר זיך אַף אַ בייזוווּנדער?
— מענטשן, לאָזט אַ מענטשן ארבעטן!

מיליע האָט אים באַרויקט:

— עס מאַכט ניט אויס, בענטשיק.

די באַרגוזינערן איז געטרײַ אָפּגעזעסן באַם טעניס־טיש אַלע סעאַנסן מיטן מיידעלע, וואָס האָט פּאָזירט, געקוקט אויף מיליעס הענט, ווי זיי קנעטן געשיקט די פּײַכטע ליים, גלעטן זי; איר רויטבאַקיק פּול פּאָנעם האָט היספּילעסדיק געשײַנט:

— איך בעט אײַך, אַ פּראָסטע שטיק ליים, און עס ווערט דערפֿון אַ פּאָנעם!

דאָס מיידעלע, וואָס האָט פּאָזירט מיליען, אַ לאַנגפּיסיקע, אַ קוועקזילבער, מיט שוואַרצע לאַנגע צעפּעלעך און שוואַרצע לעבעדיקע אייגלעך אויפֿן קײַלעכיקן זון־אָפּגעבריענטן פּאָנעם, איז געזעסן אויף אַ טאַבורעט אָנגעגווידערט מיט זייער אַן ערנסטער און וואַזשנער מינע: פֿון אַלע קינדער דאָ אין הויף האָט מען אויף צו קלעפּן די סקולפּטור פֿון דער פּיאָנערקע געוועמען נאָר זי! אָט אָ־דער געדאַנק האָט איר צוגעגעבן קויכעס און אַמביציע אָפּצוזיצן עטלעכע שאָ אין איין און דער זעלבער פּאָזע. צוערשט איז עס געווען גאַנץ ציקאַווע צו קוקן, ווי מיליע קישעפּט מיט אירע פֿינגער איבער דער גרוי־גרינער ליים, נאָר נאָכדעם איז עס איר נימעס געוואָרן; זי וואָלט אָבער פֿאַר קיין פּאַל ניט אײַנגעגאַן אָפּצוטרעטן איר אָרט אַן אַנדערן.

צווישן די, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום איר, האָט מיליע באַמערקט אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר דרײַצן־פֿערצן, ניט קיין הויכער, מיט אַן אָנגענומען כיין־גריבעלע אויף איינער פֿון זײַנע קײַלעכדיקע באַקן; די גרויע טויבן־אויגן, מיט וועלכע ער האָט „געשלונגען" יעדער באַוועגונג פֿון אירע הענט, האָבן געלויכטן פֿון אַנציקונג. אין דער האַנט איז בא אים געווען אַ לעדערן קוישל, פֿון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטאַרצט עפּעס אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַסן טוך. דאָס ייִנגל איז צוגעגאַן צו דער באַרגוזינערן, — ווײַזט אויס, אַ נאָענט באַקאַנטע, און שעמעוודיק עפּעס אַרײַנגערוימט איר אויפֿן אויער. יענע האָט אויסגעהערט און אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ.

— ס'איז צו דיר, — האָט זי אַ ווײַז געטאָן אויף אים מיליען, — ער האָט דיר עפּעס צו ווײַזן.

דער סקולפּטור־ביוסט פֿון דער פּיאָנערקע איז שוין געווען פֿאַרטיק, און מיליע האָט זיך געקליבן גיין וואַשן די הענט און איבערטאָן זיך. זי איז צוגעגאַן צום ייִנגל און אופֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אים:

— וואָס ווילסטו מיר ווײַזן?

— אַזוי... עפּעס.

— ווייסטו וואָס, — האָט מיליע געזאָגט, דערזעענדיק אַרום זיך אַ געזעמל פֿון נײַגעריקע פּנעמער און אָנגעשפּיצטע אויערן, — לאָמיר אַרײַן אין שטוב.

אין צימער האָט מאַרע גערעדט מיט עמעצן אין טעלעפֿאָן און הויך געלאַכט. פֿונעם טרײַבל האָט זיך געהערט אַ שטאַרקע מאַנצבלשע שטים. קעדיי ניט שטערן איר, איז מיליע מיטן ייִנגל אַרײַן דורכן קאָרידאָרל אין אַ דערבײַיִק קעמערל.

— ווי הייסטו?

— איזיע.

— וואָס ווילסטו מיר ווײַזן?

ער האָט אַרויסגענומען פֿונעם קוישל צוויי ניט גרויסע פֿיגורן. איינע — אַ סאָלדאַט אַ גרענעצלער אין אַ קאַסקע און פּלאַשטש־פּאַלאַטקע פֿון פּלאַסטילין, די צווייטע, פֿון האָלץ געשניצט, האָט געהייסן „מײַן כאַוור פּיציע".

דער יונגער שניצער האָט גוט איבערגעגעבן אינעם האָלץ די צעשויבערטקייט פֿון די האָר אויפֿן קעפּל פֿונעם ייִנגעלע פּיציע; די אייגלעך, דאָס קרומלעכע אַזעסדיקע נעזל זײַנען געווען פֿול מיט שטיפֿערײַ, מיט שעלמישקייט און צוזאַמען מיטן אַגרעסיוו־אַרויסגעשטעלטן אַקסעלע געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז אָט אָ־דער פּיציע (ניט געדאַכט זאָל ער ווערן!) קלײַבט זיך אָפּטאָן אָדער האָט שוין אָפּגעטאָן עמעצן אַ שפּיצל!

מיליע האָט באַטראַכט דאָס פֿיגורל, געדרייט עס אויף אַלע זײַטן: אַ קינדערשע שניצערײַ, אָבער שוין אין אָט דער קינדערשער אַרבעט איז געווען צו מערקן געבענטשטע פֿון דער נאַטור הענט, וועלכע סע גיט זיך „אליין" פֿון זיך עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע זוכן דאָס יאָרנלאַנג און קאָנען דאָס ניט דערגרייכן.

זי האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַן מאַמע — אַן אַרבעטערן פֿון דער טריקאָטאַזש־פֿאַבריק — וויל, אַז ער זאָל נאָך דער שול גיין אין היגן מעכאַנישן טעכניקום. שניצן און קלעפּן, זאָגט זי, איז ניט קיין פּראָפֿעסיע. ער אָבער האָט פֿעסט באַשלאָסן — נאָר אין אַ מאָלערײַ־שול!

— און ווי לערנסטו זיך?

— נאָרמאַל.

— וואָס הייסט „נאָרמאַל"? ניטאָ קיין „צווייען"?

— נו, „צווייען"...

— „דרײַען" א סאך?
— פאַראַן א „דרײַ" אַף... זינגען.

מיליע האָט שפּאַסיק א ריר געטאָן מיטן פינגער דאָס קײן־גריבעלע אַף זײַן באַק:

— איז וואָס איז דאָס פאַר א סקולפּטאָר, וואָס האָט אַף זינגען א „דרײַ"!

דאָס ייִנגל האָט אויך א שמייכל געטאָן.

— אוי, איזיע, — האָט מיליע געזאָגט, — מע דאַרף זיך אַף דעם לערנען יאָרן און יאָרן.

דאָס ייִנגל האָט אַף איר אופגעהויבן זײַנע טמימעסדיקע טויבן־אויגן:

— שניצן און קלעפּן וועל איך שוין סײַוויסײַ אַלעמאָל. דאָס גאַנצע לעבן.

מיליע האָט א קער געטאָן פּיציען אין פּראָפיל, נאָכדעם ווידער אוועקגעשטעלט אים מיטן פּאָנעם צו זיך:

— נו, אויב דו וועסט ניט איבערטראַכטן, וועל איך דיר העלפן אָנקומען צו אונדז אין דער מאָלערײַ־שול. פאַרענדיק נאָר גוט דעם אַכטן קלאַס.

דאָס ייִנגל האָט דערפילט, ווי אַן אָנגענעמע מעכײַעדיקע קילקײַט דרינגט אים אינגאַנצן דורך און בלײַבט שטיין באַם סאַמע האַרצן. אַזא גליק! אַן עמעסער סקולפּטאָר האָט געקוקט זײַנע פיגורלעך און לייגט אים פאָר אָנקומען צו זיי אין א מאָלערײַ־שול, וועגן וועלכער ער טרוימט. ער האָט געקוקט אַף מיליען מיט א פאַרגעטערנדיקן בליק, און עס האָט זיך אים ניט געגלייבט, אַז זי האָט אַזוי, ווי ער, א פּאָשעט געוויינלעך ייִנגל, געלעבט אָט אַף דער גאַס, אין אָט־אָ־דעם הויף. אים האָט זיך פאַרוואָלט אָט־אָ־די אַנציקונג מיט עפּעס אויסדריקן.

— איך וויל אײַך שענקען אָט־אָ־דאָס, — האָט ער זיך אומאַנטשלאָסן געווענדעט צו מיליען, אָנווײַזנדיק אַף פּיציען.

— אָ, דאָס איז א מאַטאָנע! א דאַנק, איזיע, וועסט קומען צו אונדז אין וולאַדיוואָסטאָק, וועל איך דיר אויך שענקען מײַנס א ווערקל.

נאָך זײַן אוועקגיין איז מיליע אַרײַן צו מאַרען. מאַרע איז געזעסן מיט די פיס אַפן דיוואַן און זיך מיט א קליין פײַלכל געפוצט די בלאַס־ראָז געפאַרבטע לאַנגע נעגל.

— דו געפינסט אָבער דײַנע קונדן! — האָט זי געלאַכט.

מיליע האָט געקוקט אין פענצטער אַפן ייִנגל. ער איז געגאַנגען איבערן הויף צום טויער, צעיאָצט געטענצלט, אונטערוואַרפנדיק אידערלופטן דאָס קוישל. אָט האָט ער פאַרקערעוועט הינטערן ראָג פון דעם גרויסן ציגלנעם הויז און איז ניט געוואָרן.

— נאָך שווער צו זאָגן, — האָט זי זיך אָפּגערופן, — נאָר מעגלעך, אַז... געפונען...

פּונעם טישל האָט מיט אַ מאַמזעריש אויגל געקוקט פּיציע.

— ווער ווייסט, — האָט מאַרע געזאָגט, — עפּשער וועט פון אים אויסוואַקסן א סקולפּטאָר.

מיליע האָט א שמייכל געטאָן:

— אין אונדזער געגנט מיט איר בירָאָקאַנער מירמלשטיין וועט נאָך אויסוואַקסן ניט איין סקולפּטאָר.

א ווײַלע האָבן זיי געשוויגן.

— איצט, מיליע, — האָט מאַרע געזאָגט, — וועסטו זיך שוין אַהער לאַנג ניט אויסקלײַבן!

— איבעראיאָר און אַף א גאַנצן זומער. ס'איז דאָ היפּש אַרבעט!

„...אויב עפּעס בילכערס וועט ניט שטערן!..." — האָט מאַרע געוואָלט זאָגן, נאָר זיך אָפּגעהאַלטן.

זי האָט זיך פאַרקוקט אַף מיליעס פינגער מיט די ברייטע נעגל. „ווונדערלעכע קלוגע פינגער! — האָט זי א טראַכט געטאָן, — דאַרפן ניט קיין לאַק און קיין מאַניקיור".

איר איז מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן אַפן האַרצן. די עטלעכע טעג, וואָס מיליע איז דאָ אָפּגעווען מיט איר, האָבן אַרײַנגעטראָגן אין איר נעשאָמע עפּעס אַן אומרויִקײַט, א ניט־באַפרידיקטקײַט — ניט מיט איר אַרבעט, נאָר מיט זיך אַליין, מיט איר אייגענעם לעבן. אָט וועט מיליע אוועקפאָרן... און מאַרען האָט זיך אַף אַן אויגנבליק פאָרגעשטעלט מיליעס לעבן דאָרט, אין דער גרויסער יאַם־שטאָט, אין עפּעס א פאַנטאַסטיש פילפאַרביקער צויבער־שײַן, גאָר ניט ענלעך אַף אירס. אין זיקאָרן איז בא איר אופגעשווומען א דערמאָנונג: אַמאָל זײַנען זיי, צוויי יונגע אַרבעטערנס, געווען אַף א קאָנצערט פון א מאָסקווער פּיאַניסטן. זי האָט דעמלט געזאָגט צו מיליען:

„טאַלאַנט... פאַראַן אַזעלכע גליקלעכע, וועמענס לעבן איז דורכויס יאָמטעוו. מיר מיט דיר, צום באַדויערן, געהערן ניט צו זיי..."

האָט זיך אַרויסגעוויזן:

מיליע געהערט יאָ צו זיי!

■ ■ ■

אלעקסאנדער ליזען

פינף נאָוועלן

...און נאָך זיבן אומבאוווסטע

דער טאנץ־פּלאַץ איז געווען א רונדער, א פּארצוימטער, דאָס איז, אוואדע נישט קיין פּארקעט, נאָר, מיילע, דרייען זיך קאָן מען. איז אָבער א צאָרע, וואָס דער פּלאַץ איז קליין, און יונגע, וואָס גארן א טאנץ טאָן, זײַנען א סאך. דערפאר איז דאָס טאקע ניט קיין טענץ, נאָר א טאַפּטשערײַ אף איין אָרט.

האָט מען זיך דערטראכט — אײַנשטעלן א שטרענגן סיידער. ארײַנגאנג — לויט בילעטן. די בילעטן האָט מען געמוזט פּארהיטן ביזן לעצטן טאנץ. ווי אין טראמוויי — ביזן לעצטן אָפּשטעל. ווארעם דער סיידער איז געווען אזא: אָנגעטאָפּטשעט זיך א מינוט צען, פלעגן די פּארשוויצטע פּאָרלעך, באלד נאָכן לעצטן אקאָרד פונעם אָרקעסטער, ס'הייסט פונעם באיאן און דעם פידל, זיך א לאָז טאָן פונעם אָרט אף דער „פרישער לופט". קעדיי אָבער צוריק־קערן זיך, האָט מען אלע מאָל געדארפט באווײַזן דעם קאָנטראָליאָר די צעקנייטשטע פּאַפּירלעך.

בין איך געשטאנען, כ'האָב געקוקט, געטראכט און ניט געקאָנט פארשטיין, עס קאָן זיך מאכן דערפאר, וואָס איך בין נישט קיין היגער: צוליב וואָס, אשטייגער, דארף מען זיך מיט אזא אימפּעט שטופּן אף דער „פרישער לופט" און צוריק, — דער טאנץ־פּלאַץ איז דאָך אָן ווענט און אָן א דאך?.. האָט מען מיר אופגעקלערט, אז אף יענער זײַט פונעם הילצערנעם פּארקן איז פאראן פיל מערער פרישע לופט. פארוואָס? האָט מען מיר געענטפערט: איר מוזט טאקע אלץ וויסן. פארוואָס, פארוואָס! אז מע זאָגט, אײַך, מעגט איר גלייבן. דאָרטן, אנטקעגן קלוב, איז פאראן א בעסוילעם, וואקסן דאָרטן ביימער, קוסטעס און די לופט איז טאָמיד ריין און פריש.

דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן מאָדנע. בין איך אוועק אהין כאפּן א קוק מיט די אייגענע אויגן.

יאָ, ס'איז געווען אן אלטער בעסוילעם. פון איין זײַט — דאָס שטעטל מיט אן אספאלטירטן וועג, אף וועלכן עס יאָגן צענדליקער מאשינען, פון דער צווייטער זײַט — ווײַן־הײַזער. פון דער דריטער — א פלינק פאבריקל מיט א קוימענדל, ווי א ציגאַרעט. און פון דער פערטער — א קלוב מיט אָט אָ־דעם טאנץ־פּלאַץ.

דער בעסוילעם איז געווען גאָר אן אלטער. מעקאבער זײַן פלעגט מען שוין דאָ ניט. באם ארײַנגאנג איז געשטאנען א מאָנומענט מיט א פינפעקיקן שטערן אפן שפּיץ און מיט פרישע קווייטן אפן פּאָסטאמענט. די נאכט איז געווען א ליכטיקע. האָב איך זיך אָנגעבויגן און גענומען לייענען דעם אופשריפט:

„דאָ זײַנען באערדיקט סאָוועטישע קריגסלײַט, וועלכע זײַנען געפאלן אין די שלאכטן פארן היימלאנד:

דער עלטערער לייטענאנט זארעמבא י. פ.
דער גווארדיע־סערזשאנט קראסנאָגובאָוו מ. אָ.
דער סערזשאנט טאָכאדזע ג.
די סאָלדאטן: מוסטאפּײַעוו
מילמאן ס. ב.
ווארילויק נ. ט.
און נאָך זיבן אומבאוווסטע".

מיטאמאָל האָב איך אופגעהויבן דעם קאָפּ. ניט ווילנדיק א ציטער געטאָן. עפּעס א שאָטן האָט זיך אָפּגעטיילט פונעם מאָנומענט און זיך געלאָזט גלײַך אף מיר. איך בין עטוואָס אָפּגעטראָטן אין א זײַט. איצט האָב איך זיך געקאָנט אײַנקוקן אינעם שאָטנס פּאָנעם. זייער אלט, זייער דאר, זייער בלייך, זייער פארקנייטשט און אײַנגעשרומפּן. עפּשער זעט ער אויס אזוי איבער דער לעוואָנע־שײַן? בלויז די אויגן זײַנען געווען גרויסע, ברייט־צעעפנטע און שטארע. עפּעס אן אומפארשטענדלעכער געפיל

האָט א דריק געטאָן דאָס הארץ און באלד אָפּגעלאָזט. פארשטייט זיך, ניין, ס'איז ניט געווען קיין געפיל פון שרעק — אין דער האנט האָט דער שאָטן געהאלטן א שטעקן. איך האָב דערהערט די ערשטע אקאָרדן פון א שטראוס־וואלס, א פרייַע אימפּראָוויזאציע פונעם היגן באַיאַניסט, צו וועלכן ס'האָט זיך באלד פארייניקט דער פידל.

— ווער זייַנט איר? וואָס טוט איר דאָ? — האָב איך א פרעג געטאָן באַ דעם אלטן, וואָס איז אזוי ענלעך געווען אף א שאָטן.

אצינד האָט ער א צאַפּל געטאָן, גלייַך ווי ער וואָלט מיך ערשט איצט באמערקט.

— גאָרניט... כ'שפּאציר... א ביסל... — האָט ער געענטפערט אזוי שוואך, אז איך האָב קוים געהערט.

— אָט אָ־דאָ? אפן בעסוילעם?

דער אלטער האָט זיך אָנגעשפּארט מיט ביידע הענט אפן שטעקן. קוקנדיק אין א זייַט, האָט ער געשטאַמלט:

— פאר אייַך איז דאָס א בעסוילעם... פאר מיר — א הייליק אָרט.

— איר האָט דאָ עמעצן?

דער אלטער האָט א צוק געטאָן מיטן אקסל.

— כ'ווייס נישט.

וואָס הייסט — ער ווייסט ניט? ווער דען ווייסט?.. צווישן די ביימער, די טונקעלע ביימער, האָט אלץ אויסגעזען אומהיימלעך־סוידעסדיק. איבערהויפּט, ווען אנטקעגן שטייט אן אלטער אויסגעדאַרטער שאָטן, וואָס רעדט צו אייַך און קוקט עפּעס אין א זייַט. איך האָב אים מער קיין פראגעס ניט פארגעבן. סײַווי וועט ער ענטפערן אָדער „גאָרניט", אָדער „כ'ווייס ניט". און עפּשער האָט ער פון איינזאמקייַט, פון איינזאמער אלטקייַט פארגעסן די מענטשלעכע שפּראך, פארגעדענקט נאָר איינצלנע ווערטער. בין איך אויך אנשוויגן געוואָרן. זייַנען מיר אזוי געשטאַנען איינער קעגן אנדערן, און יעדער האָט זיך געטראכט זייַנס. וואָס ער האָט געטראכט, ווייס איך ניט. איך אָבער האָב אָט וואָס געטראכט:

א זאָקן באַם מאָנומענט, א דאַרער, אלטער און שלאַבעריקער זאָקן. ער זוכט עמעצן. לאָמיר זאָגן — זייַן זון. זייַן זונס קייווער. וואָלט ער געהייסן מילמאן אָדער זארעמבא, וואָלט דער אלטער ניט געענטפערט — „כ'ווייס ניט". הייסט עס, אז ער זוכט אים צווישן די אומבאַוווּסטע, צווישן די זיבן אומבאַוווּסטע. אָבער וועלכער פון זיי?.. וואָס פאר א נאַפּקעמינע! אמאָל האָט ער געהאַט איין לעבעדיקן זון. איצטער האָט ער זיבן טויטע. קוויטן פאר אלע! ווייַל אלע זייַנע זין ליגן דאָ אפן הייליקן אָרט. דאָס אָרט איז הייליק. וואָרעם הייליק איז דאָס בלוט, וואָס די באַערדיקטע האָבן פארגאָסן, און דאָס לעבן, וואָס זיי האָבן מאקריוו געווען פארן היימלאנד.

„איז דאָס טאקע אזוי?" — פרעג איך באַ דער נאכט, ווייַל דעם אלטן זע איך שוין נישט.

די נאכט שווייַגט. ס'איז שטיל. נאָר אז מע הערט זיך גוט אייַן, קאָן מען אופכאפּן אייניקע קלאנגען. צווערשט — שטילע, פון זיך דערווייטערנדיקע טריט. דערנאָך — מוזיק. די טריט רייַסן זיך מיטאמאָל איבער. דער אלטער האָט זיך, ווייַזט אויס, אָפּגעשטעלט, מעגלעך באַם טאַנץ־פּלאַץ.

דער צווילינג

ביידע זייַנען זיי אוועק אפן פראָנט, סימכע און מוישע. סימכען האָט מען דערהארגעט. מוישע איז געקומען אהיים. אים האָבן באַגעגנט כאנע און אידע. ביידע זיך מיט טרערן פארגאָסן.

באַ כאנען — טרערן פון פרייד:

— מוישעלע איז געקומען!

באַ אידען — טרערן פון טרויער:

— מייַן סימכע וועט קיינמאָל שוין ניט קומען...

מוישע האָט זיך צעקושט מיט זיי.

געקומען איז מוישע באַטאָג. ביז אפּדערנאכט האָט ער זיך אָפּגערוט, דערנאָך געלייגט זיך שלאָפן. קאַיאָר איז ער שוין געווען אף די פיס. געמאכט אָרדענונג אין דעם פארוואָרלאָזטן הויפל. אָנגעהויבן ראַמען האָט ער פון דער זייַט, ווו עס געפינט זיך אידעס פענצטער. כאנע האָט דאָס באמערקט. לעסאָטע אָבער מאכט זי א שווייַג. וואָדען? זי וועט זיך שטעלן קריגן מיט אים אפן צווייטן טאָג פון זייַן צוריקקער? נאָך א פינפיאָריקער צעשיידונג?..

אפן אנדערן טאָג האָט מוישע זיך אייַנגעאָרדנט אף א זאַוואָד. און אין צוויי וואָכן ארום געבראכט אהיים די ערשטע פּאָלוטשקע.

ער האָט אריַינגערופן אידען, זי אנידערגעזעצט באַנאַנד מיט כאנען, ארויסבאקומען דאָס געלט פונעם בייַטעלע און צעטיילט דאָס אף דרייַ גלייַכע כאלאָקים. צוויי כאלאָקים כאנען, און איין כיילעק — אידען.

האָבן זיי זיך ביידע צעוויינט.

באַ כאנען — טרערן פון פארדראָס:

— אזויפיל געוואַרט, געמוטשעט זיך. אויסגעריסן געוואָרן. און ער צעטרענצלט די פּאָלוטשקע... מ'וואָלט געקאָנט מייַנען — א גוויר־אדיר!

באַ אידען — טרערן פון דאנקבארקייַט:

— דו ביסט א ווילער מענטש, מוישע. איך

ניִיטיק זיך אָבער ניט אין דײַן געלט. איך
פאַרדין אַליין אַף זיך.

— איז אויב אַזוי, — ענטפערט איר מוישע, —
טאָ לייג דאָס אַוועק. וועלן מיר צונויפשקראַ־
בען א ביסל געלט סימכען אַף א מאַציייווע.
כ׳ווייס, ווו זײַן קייווער איז.

כאַנע האָט א טראַסק געטאָן מיט דער טיר.
אידע האָט געזאָגט:

— אָט זעסטו, מוישע!.. כ׳דאַרף ניט דאָס
געלט.

אין א כאַדאָשים דרײַ אַרום פרעגט מוישע
כאַנען:

— ווּעסט פאָרן מיט אונדז צו סימכען?

— מיט וועמען עפּעס, „מיט אונדז״? — פרעגט
כאַנע. כאָטש זי ווייסט אַפּריִער דעם ענטפער.

— מיט מיר און מיט אידען.

— איז וואָס דאַרפסט איר נאָך מיך? א דריטע
וועט אײַך דאָך שטערן.

מוישע האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל.
אַרויסגעלאָפן פון שטוב. כאַנע האָט אים נאָכ־
געשריגן:

— דו ווייסט דאָך, אַז איך בין שוואַנגער. ווי
זשע קאָן איך אַצינד אַרומפאָרן?

אומגעקערט האָבן זיי זיך אין א וואָך אַרום.

— ווי גייט עס עפּעס, כאַנעלע? — פרעגט
מוישע, לאַשטשענדיק זיך.

שווײַגט זי. ענטפערט גאָרניט. באַרויגעזט זיך.

טוט מוישע א שפּײַ און גייט אַוועק אַפן
זאַוואָד, אַף דער אַרבעט. פון דער אַרבעט —
נאָך ערגעץ־ווו. עפּשער דעם ברודער מאַזקיר
זײַן. אומגעקערט זיך שפּעט.

זאָגט אים כאַנע מיט א שטאָך:

— מוישע!

שווײַגט ער.

רופט זי אים ווידעראַמאָל:

— מוי־שע!

זאָגט ער איר:

— כ׳בין נישט מוישע. כ׳בין סימכע.

צעשרײַט זיך כאַנע:

— א מענטש זופט זיך אַזוי אָן, אַז ער
פאַרגעסט זײַן אייגענעם נאָמען!

ער אָבער ווידעראַמאָל, אײַנגעשפּאַרט:

— כ׳בין סימכע.

כאַפּט זיך כאַנע אָן פאַרן בויך און צעוויינט
זיך.

ווערט מוישען ניט גוט אַפן האַרצן. ער טוט
א גלעט איר אַקסל און זאָגט איר:

— כאַנוסיע, — מאַכט ער, — רעווע ניט. הער
מיך אָקאָרשט אויס. דו ווייסט דאָך, אַז מיר
זײַנען א צווילינג, איך און סימכע. מיר זײַנען
אַזוי געראָטן איינער אינעם צווייטן, אַז אַפילע
די מאַמע פלעגט זיך אַמאָל טויע זײַן. איז וואָס
זשע וואָלט געווען, ווען אין יענעם טאָג, וואָס
איך בין געקומען פון דער מילכאָמע, וואָלט
איך זיך אָנגערופן סימכע. יאָ, סימכע. וואָלט
איך, הייסט עס, געדאַרפט אַרײַנגיין צו אידען
אין שטוב אַרײַן און ניט צו דיר. אַזוי? צי
ניין? וואָס שווײַגסטו? אָדער ווען עס טרעפט
קאַפויר: די קויל טרעפט מיך און ניט סימכען.
איז וואָס?.. וואָלט ער דיר ניט געדאַרפט העלפן?
וואָסי, ביסט אים דען א פרעמדע? איז הער
זשע אויס מיט קאָפּ, כאַנעלע. פאַרן טויט האָט
מיר סימכע געזאָגט: „נו, מוישע... איך שטאַרב
פאַר אונדז ביידע... איז לעב און אַרבעט פאַר
אונדז ביידע. און זאָלסט נישט פאַרגעסן אי־
דאָטשקען...״

מוישע רעדט אָט אַזוי, און כאַנע פאַרגיסט
זיך מיט טרערן.

— נו, געזונט שוין, כאַנעלע. ס׳קאָן אים נאָך
שאַטן. ער וועט נאָך, כאַלילע, זײַן א וויינער.

ווישט כאַנע אויס די אויגן מיטן עק טיכל,
זיפּצט אָפּ, ווי א קליין קינד, און פרעגט:

— איר האָט אים געשטעלט א דענקמאָל?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ניט געסטײַעט קיין געלט.

נעמט כאַנע אַרום מוישען, דריקט אים צו צו
זיך.

— אויב ס׳וועט, מירצעשעם, זײַן א ייִנגעלע,
וועלן מיר אים א נאָמען געבן סימכע. גוט?

צעשמייכלט זיך מוישע מיט אַלע ברוינע
קנייטשן פון זײַן פאַרפאַליעט פּאָנעם:

— כ׳ווייס דען נישט, אַז דו האָסט א גאָלדן
האַרץ!

די בלינדע

יאָרנוויִז פלעגן זיי גיין איבער דעם וועג,
די בלינדע. צוערשט — גלײַך. פון דער לינקער
זײַט — שטיבער, געוועלבן, א גרויסער מענטשן־
געדראַנג, א געפאַרלאָזער, וואָרעם א בלינדן
וועט יעדער איינער אָפּטרעטן דעם וועג, זאָל
ער אַפילע זײַן א ניוועזעק. פון דער רעכטער
זײַט — א ליאַזגערײַ פון רעדער איבער רעלסן,
א שאַרף און קימאַט טאָמיד אָן אומדערוואַרטע
טראַמוויי־קלינגערײַ. פריִער האָבן נאָך געשאַלט
הילכיקע סירענעס פון שטענדיק טומלדיקע אויך
טאָמאָבילן. אַצינד אָבער, דאַנקען גאָט, הערט
מען זיי שוין ניט, אָפּגעשאַפן, פאַרשטעקט זיי
די מײַלער.

דערנאָך דאַרף מען פאַרקערעווען אַף לינקס,
אין פּאַסאַזש אַרײַן. אַהער איז גרינג צו טרעפן.
דאָס שטעקל, ווי אָן אויסגעצויגענע לאַנגע
האַנט, שטויסט זיך ניט אָן אַף קיין שטיינערנע
ווענט, נאָר דרינגט לײַכט אַרײַן אין א פּוסט־
קײַט. דאָס שטעקעלע שיקט מען פאַריס ניט
מאַכמעס נויט, נאָר צוליב געוווינהייט. לויטן

צוגווינטעלע קאָן מען גלײַך באַשטימען, אָן א שטעקן, אז דאָ הייבט זיך אָנעט א דורכגאַנג. שפּאַנען מיט קליינע פּאָרזיכטיקע טריט איבערן פאַסאַזש איז באַקוועם. עמעס, דאָ איז א ביסל ענגער, דערפאַר אָבער — רויִקער. ניט קיין טראַמווײַען, ניט קיין טראָלייבוסן, ניט קיין מאַשינעס. מע קאָן אפילע אופהערן אָנ־קלאַפּן מיטן שטעקל איבערן טראָטואַר־ראַנד. ווען דו ווערסט זיך אפילע צופעליק אַראָפּלאָזן פון אים, איז די סאַקאָנע אויך ניט גרויס. עמעס, ערגעץ אין דער סאַמע מיט, האָט א בוים צעשפּרייט זײַנע צווײַגן. מע פילט אים, דעם בוים, לויטן רייעך. אפילע ווינטער, ווען ער איז הויל נאַקעט, פילט מען אים, אָ־דעם רייעך.

נו, איז גוט. ביסטו, הייסט עס, דערגאַנגען ביזן עק פונעם פאַסאַזש. ערגעץ דאָ, אין דער סאַמע מיט, באַם ארויסגאַנג, דאַרף שטיין אַן אײַזערנער סטויפּטשיק. מע האָט אים דאָ ספּע־ציעל אוועקגעשטעלט, אז די מאַשינעס זאָלן נישט קאָנען אַרײַנפאָרן אהער. נאָר דער אײַ־זערנער שוימער האָט זיך בעקאָוועדיק אוועק־געשטעלט אין סאַמע צענטער, שטויסט מען זיך אַמאָל אָן אין אים. קומט צו הילף די דריטע האַנט. גאַנץ כאַוועריש טוט זי אים א פּאַטש איבער זײַן אײַזערנעם רוקן — אהא, אָט איז ער, דער באַלעבאָס, — מוז מען פאַרקערעווען א ביסל לינקס, אָדער רעכטס, קעדיי דורכ־שטופּן זיך צווישן אים און א וואַנט. דערנאָך מאַכסטו שוין א צוויי־דרײַ זיכערע טריט און גייסט ווידער ארויס אף א טומלדיקער גאַס.

אצינד דאַרף מען ווידער א קערעווע טאָן אף לינקס. פונדאַנען איז שוין ניט ווײַט צו דער אַרבעט, א פּופּציק מעטער, ניט מער. נאָכדעם גייט מען אַרײַן אין א הויף, און דאָ קאָנסטו שוין זײַן זיכער באַ זיך, גלײַך ווי אין דער היים: די קלאַנגען און די רייכעס זײַנען היי־מישע, אַלט־באַקאַנטע. טאַקע דאָ געפינט זיך די פאַבריק, ווו זיי, די בלינדע, אַרבעטן.

זײַנען זיי אזוי יאָרנווײַז געגאַנגען איבערן אויסגעפלאַסטערטן וועג.

איינמאָל אָבער האָט זיך באַוויזן אף זייער וועג א בריגאַדע אַרבעטער, וואָס האָט הענדעם־פענדעם צעוואָלגערט דעם טראָטואַר, אָנגע־בערגלט גאַנצע הויפנס שטיינער און אײַזערנע רערן און, ווי עס טרעפט זיך, פּלוצעם אנט־רונען געוואָרן — מע האָט די בריגאַדע דרינ־גענד „אריבערגעוואָרפן" אף אַן אנדער, מער וויכטיקן אָדער מער נייטיקן „אָביעקט". פאַר זיי, פאַר די אַרבעטער, איז דאָס געווויס אַלצײנס. פאַר די בלינדע אָבער איז דאָס געווען זייער שלעכט.

און דעריקער פאַר יענעם בלינדן, וואָס האָט זיך דער ערשטער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

ער איז געגאַנגען, ווי געוויינלעך. צוערשט — גלײַך. פון לינקס — די רייכעס פון שטיבער און געוועלבן און דער געהילך פון מענטשן־גע־דראַנג. פון רעכטס — א ליאַזגערײַ פון רעדער און א שאַרפע טראַמווײַ־קלינגערײַ. דערנאָך האָט ער פאַרקערעוועט אף לינקס אין פאַסאַזש אַרײַן. דערפילט דעם גערוך פון פאַרוועלקטן געבלעטער, אַרומגעגאַנגען דעם בוים פון דער לינקער זײַט, דערגאַנגען בעשאָלעם ביזן עק פונעם פאַסאַזש, אָנגעטאַפּט מיטן שטעקן דעם אומבאַוועגלעכן אײַזערנעם שוימער, אַרומגע־גאַנגען אים פון רעכטס און ווידער פאַרקערע־וועט אף לינקס. אַלץ, ווי געוויינלעך.

דאָ אָבער האָט מיטאַמאָל געטראָפן עפּעס אומגעוויינלעכס. דער בלינדער האָט זיך פּלוצעם אָנגעשטויסן אף א קופּע שטיינער און איז אַנידערגעפאַלן. פאַלנדיק, האָט ער צעקלאַפּט דעם שטערן אין א שאַרפן שטיין, דער קאָפּ האָט זיך באַ אים פאַרדרייט, דאָס שטעקל האָט זיך ארויסגעגליטשט פון די אָפּגעשוואַכטע פינגער און אוועקגעקײַקלט זיך.

פּאַמעלעך, מיט גרויסער אָנשטרענגונג, האָט ער זיך אונטערגעהויבן, שווער סאָפּענדיק זיך אַראָפּגעלאָזט אף די קני׳עס און קורדעמקאָל גע־נומען טאַפּן מיט די הענט אַרום זיך. מיט צוויי הענט האָט ער געזוכט די דריטע — דעם שטעקן. אָן אים איז ער געוואָרן אומבאַהאָלפן אין דער אַרומרינגלונג פון אײַזן און שטיינער.

שאַרנדיק האָט ער אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט עפּעס קלאַפּיקס, גליטשיקס. האָט ער א ריס געטאָן די האַנט אף צוריק און געגומען זיך אָפּשקראַבן מיט א שטיין די אָנגעקלעפּטע בלאָטע פון דער דלאָניע. ער האָט זי געריבן, שטאַרק געריבן, מיט א גאָפּיל פון עקל. דער שטיין, א גלאַטער אין דער מיט, איז געווען שאַרסטקע אף די ראַנדן, שאַרסטקע ווי גלאָז־פּאַפּיר. ער האָט דערפילט א ווייטאָק און א רייעך פון בלוט. איז פאַרוואָס קומט קיינער ניט צוהילף? שוין זשע געפינט ער זיך אין א מידבער?.. צי עפּשער מיינט מען, אז סע וואַל־גערט זיך עפּעס א שיקער?..

ענדלעך האָט ער אָנגעטאַפּט זײַן שטעקל, דערפרייט זיך, אופגעשטעלט זיך אף די פיס און גענומען זוכן א נײַעם שטעג אף אַרומצוגיין דעם אָנגעוואַלגער פון אײַזן, שטיינער און בלאָטע. דער שטעג האָט געמוזט ארויסשלענג־לען זיך אַפּן ברוק. פּלוצעם האָט אים עפּעס א שטאַרקן שטויס געטאָן אין דער זײַט. פאַלנדיק, האָט דער בלינדער איינצײַטיק דערהערט א דומפּן קלאַנג פון א מאַשין, וואָס האָט שאַרף פאַרהאַמעוועט, און א פאַרצווייפלט זידלערײַ:

— וואָס שלעפּסטו זיך אַרום, צו אַלדי רו־כעס, איבערן ברוק?

דער בלינדער האָט א קרעכץ געטאָן:

— איך בין דאָך בלינד...

דער שאָפער איז ארויס פון דער קאבינע, אופגעהויבן דעם בלינדן און ארויסגעשטאמלט:

— אז שטענדיק דארף מען זיך איַילן, דער קאָפּ גייט אזש כאָדאָראָם. ווער האָט עס ציַיט זיך צוקוקן, ווער ס׳איז בלינד און ווער ס׳איז זעעוודיק!.. וווהין באדארפט איר?

— אין פאבריק גיי איך... דאָרטן, ווו די בלינדע ארבעטן.

— טאָ זעצט זיך גיכער אין דער קאבינע, וועל איך איַיך איינס־צוויי צושטעלן אפּן אָרט.

דער שאָפער האָט אים גענומען פארן אָרעם. דער בלינדער אָבער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און פארקערעוועט צוריק צום פאַסאזש.

א פארכידעשטער האָט דער שאָפער א געשריי געטאָן:

— ווּוהין זשע גייט איר?

דער בלינדער האָט אופגעהויבן אף אים זיַין פארדיַיגעט פּאָנעם.

— כ׳מוז צווווארטן אף מיַינע כאווירים... כ׳מוז זיי וואָרענען... כ׳מוז זיי וויַיזן דעם ניַיעם שטעג...

און באלד האָט ער זיך אוועקגעשטעלט באַנאנד מיטן סטויפּטשיק. צוויי וועכטערס. איינער — אן איַיזערנער, דער צווייטער — א מענטשלעכער.

באם דעמב

געבוירן אין 1588.

אזוי זאָגט אונדז אָן א שילדל. אין טויזנט פינף הונדערט אכט און אכציק.

וויפל זשע יאָר איז אריבער זינט דעם?

דריַי הונדערט פינף און אכציק.

אויב נעמען און צונויפלייגן די יאָרן פון אונדז אלע דריַי, וועט עס באטרעפן ווייניקער פון אן אכטל. אן אכטל פון זיַינע יאָרן. וואָרעם דעם עלטסטן פון אונדז, ראָמאנען, איז קוים צוואַנציק. און דער ייִנגסטער, אוסטיען, וועט איבעראיאָר זיַין אכצן.

אצינד ווייס איך שוין, וואָס הייסט עס „א גריַיז־גרויער זאָקן”. ווי פעסט איז ער אָבער, קרעפטיק! אָט שטייט ער אנטקעגן אונדז, א שטאָלצער, א מעכטיקער, א מאיעסטעטישער. וויל אים אוסטיע ארומנעמען — ע־הע! — צוליב דעם מוזן מיר פארייניקן אונדזערע דריַי פּאָר הענט.

וואָס איז געשען זינט דאן, זינט דעם 1588 יאָר?

פּיאָטער דער גרויסער האָט געגרינדעט פעטערבורג. באָגדאן כמעלניצקי האָט צעשמעטערט די פוילישע כאיאָלעס אונטער זבאָרעוו. באָרעך שפּינאָזע איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, פינף און פערציק יאָר אלט געוועזן. איראַקלי דער צווייטער האָט פאראייניקט גרוזיע. מאנדיגולע האָט אופגעהויבן הויך די מעריַדע־פאָן אין באשקיריע. ס׳איז פאָרגעקומען די פראנצויזישע רעוואָליוציע. ס׳איז געוועזן סטעפאן ראזין. ס׳איז געוועזן לאָמאָנאָסאָוו. ס׳איז געוועזן אוריַיעל אקאָסטא. געוועזן... געוועזן...

אומדערוואַרט האָבן זיי זיך דערוויַיטערט, אוועק אין דער טונקל־גרינער וואלד־טיפעניש, ראָמאן און אוסטיע. בין איך פארבליבן אויגאף־אויג מיטן דעמב. די הויט איז בא אים גרוי, ווי בא א העלפאנד. עפשער פונעם שטויב פון פיר יאָרהונדערטער. און עפשער טאקע מאכמעס אלטקיַיט. איז אָבער ניין! די קרוין איז בא אים א געדיכטע, א יונג־גרינע, אזא צעשפּרייטע, אז אונטער איר וואָלטן געקאָנט געפינען א שאָטן א האלבע מייע מענטשן.

מיַינע אויגן דערזעען פלוצעם אף זיַין הויט א נישטיקע טאטויִרונג: „לייזערקע און אוסטיע”. א נישטיקע אין פארגליַיך מיט זיַין גוואלדיק גרויסן גוף, א האלב־אָפּגעמעקטע מיט די הענט פון דער ציַיט.

ווען איז דאָס אויסגעקריצט געוואָרן? אין 1911 צי אין 1793? צי עפשער אין 1678?

ווער איז זי געוועזן, אוסטיע? א גימנאזיסטקע צי א טאָכטער פון א ליַיב־אייגענעם?

און לייזערקע, ווער איז ער געוועזן? א יעשיוועבאָכער, צי א רענדארס א זון, אן אוריידע פון טעוויע דעם מילכיקן?

צי איז ער געשטאנען, לייזערקע, ווי איך אצינד, און געקריצט מיט א מעסערל אָדער מיטן קלינגל פון א קאָסע, א באזונטער פון א הייסער יונגער זון, צי א באלויכטענער פון א פולער און קאלטער לעוואָנע, צי גאָר א באשיַינטער פון א בייזוווּנדערדיקן אָפּגלאנץ פון א בלוט־רויטער סרייפע, בייס א לעצטער באַגעגעניש מיט זיַין געליבטער, פאר וועלכער ער האָט נעקאָמע גענומען פונעם אויסגעלאָסענעם פּאָרעץ און אנטלויפנדיק אונטערגעצונדן זיַין גוט?

איז וואָס שוויַיגסטו, זאָקן? דו האָסט דאָך אלץ געזען, אלץ איַינגעזאפּט, אלץ פארגעדענקט...

דער אלטער האָט א שאָקל געטאָן מיטן שפּיץ קאָפּ. מיר אָבער האָט זיך אויסגעדאכט, אז דער גאנצער וואלד האָט זיך צערוישט.

פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט אָט דעם אוראלטן ריז קאָן מען ניט ליַיגן. ניט מאכמעס פּאכעד — ס׳איז פּאָשעט א ביזאָיען. זאָג איך זיך און וויל, אז דער אלטער זאָל אויך הערן, זאָג אזוי ווי ס׳איז: דאָס הארץ קלעמט מיר. ס׳גייט אויס פון בענקשאפט. אוסטיע איז אנטלאָפן מיט ראָמאנען,

אין א טונקל־גרינער וואלד־טיפעניש געלאָזט מיך אליין...

טאַקטלאָז? ניין. אוועקלויפנדיק, האָט זי אויס־געשריגן:

— צאַצקע זיך מיט דײַן אלטן, און מיר וועלן דיר ניט שטערן.

איך האָב אויך שיר ניט נאָכגעשריגן: „א גרוס דיר, א גרוס פון א מיידל, וואָס האָט אויך געהייסן אוסטיע... דו הערסט — או־ו־וסטיע־ע־ע...״

כ'האָב אָבער פאַרביסן די צונג. איר פרייד־לעכן אויסגעשריי: „...און מיר וועלן דיר ניט שטערן״ האָט דער ווידערקאָל דערטראָגן א ביסל פאַרענדערט — „...און דו וועסט אונדז ניט שטערן״...

שטיי איך אצינד פאַרגליווערט, אומבאַוועג־לעך, ווי אָט דער ריז. און אינווייניק אין מיר איז אויך אַלץ פאַרדובעניעט געוואָרן. איז גוט. און אָט אזוי שטייען מיר איינער קעגן אנדערן, א ריז און א קאַרליק, און א רעגע זעט אויס, ווי א פאַרגליווערטער יאָרהונדערט. דערנאָך נעם איך ארויס פון דער קעשענע א מעסערל, שאָב אָפּ „לייזערקע״ און שנײַד אויס אָנשטאָט דעם — „ראַמאַן״. כ'בעט מעכילע באַם אלטן פאַר די קאַרבן, וואָס איך האָב אָף אים אויסגעשניטן. פאַר זײַן קרעפּטיק לײַב איז דאָס ניט מער ווי א נאָדל־שטאָך. ווער זאָגט, אז געטאָן האָב איך דאָס טאַקע צוליב זײַן אומגעהייערער גרויסקייט.

אוסטיע איז אָבער געווען זיכער, אז געטאָן האָב איך דאָס צוליב איר. ס'הייסט, אליין זיך איידל באַזײַטיקט. איך זאָל ניט זײַן דער דריי־טער. ניט אָפּלאָזנדיק ראַמאַנס האַנט, האָט זי א כאַפּ געטאָן מײַנע, און מיר האָבן אינדרײַען ארומגענומען דעם זאָקן.

איך האָב אָבער באַפרײַט מײַן האַנט, א נייג געטאָן זיך און שווײַגנדיק דערווײַטערט זיך.

פונדעסטוועגן האָב איך באַמערקט, ווי אוסטיע האָט א צוק געטאָן מיט אירע שאַרפע אַקסלען. ווי איינער זאָגט: „ער איז, צי ער מאַכט זיך?״

ענטפער איך איר אין מײַנע געדאַנקען אָט אזוי:

„דאָס האָב איך זיך פאַרנייגט פאַרן דעמב. דערפאַר, וואָס ער איז אזוי וווּנדערלעך גרויס און געדולדיק. דערפאַר, וואָס ער איז אין זײַן אַלטקײַט אַלציינס יונג. פאַרן פריידיקן טרויער, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפן. טרויער צוליב יענער אוסטיע, וואָס איז אנטרונען געוואָרן. און פרייד — פאַר אָט דער, דער לעבעדיקער, וואָס האָט אזעלכע זאַפטיקע ליפּן...״

עלעגיע

אלע מאָל, ווען סע ווערט מיר שווער אָפּן הארצן, רוף איך דיך. זעצסטו זיך באַנאַנד מיט מיר. מ'הערט ניט דײַנע טריט. מ'הערט ניט דײַן אָטעם. און דאָס בענקל אונטער דיר טוט ניט קיין סקריפּע. נעם איך זיך דערציילן דיר וועגן מײַן טרויער, מײַן הארצווייטעק.

דו הערסט מיך אופמערקזאַם אויס און שווײַגסט.

„וואָס שווײַגסטו, רייזעלע?.. רוף זיך אָן, מײַן ליבע... רייזל... רייזעלע... ראָזע... רייזקעלע...״

דו האָסט געהאַט באַ מיר צוואַנציק נעמען. איינער צאַרטער פונעם אנדערן. דו רופסט זיך אָבער ניט אָפּ ניט אָף איינעם פון זיי.

איצט פיל איך אָף מײַן געזיכט דײַן בליק. איך דריי ניט אויס דעם קאָפּ צו דיר, כ'זאָל דיך ניט אָפּשרעקן. נאָר קעגן מײַן ווילן זוך איך אים, כאַפּ איך אים, דײַן בליק. איך שמייכל צו דיר, און דו ענטפערסט מיר מיט א שמייכל. און שמייכלסט אזוי, ווי נאָר דו איינע קענסט: מיטן פּאָנעם, מיט די ליפּן, מיט די אויגן, מיט די ליבע קנייטשלעך, וואָס ארום זיי. ווי דעמלט. דו געדענקסט?

...כ'האָב געוואָרט אָף דיר א שאָ, צוויי, דרײַ. א האַלבע נאַכט איז שוין פאַרבײַ. נעם איך ארום די צווײַג, וואָס בייגט זיך איבער דער באַנק, און מוסער זי:

— פאַרוואָס זשע קומסטו ניט, ראָזעלע?

„ניין. אזוי שפּעט וועט זי שוין ניט קור־מען...״ — רײַסט זיך ארויס פון מײַנע הענט די צווײַג.

האָב איך זיך אוועקגעשלעפּט אהיים. געלייגט זיך שלאָפן. דורכן שלאָף הער איך: עמעצער רופט מיך.

סע קלינגט דער טעלעפאָן. מיר דאַכט זיך אָבער:

— ...קלינג. קלאַנג. קלימפּערט די לופט. קלע־טער צו מיר, מײַן קינד, מײַן קליינס...

פאַרשלאָפן, באַרויגעזו, פרעג איך דאָס טרײַבל:

— ווער איז דאָס?

קיין ענטפער. קיין קלאַנג. טויט־שטיל.

„ביסט א נאַר! ביסט א גוילעם! דו ביסט...״ — האָב איך זיך אליין געזידלט. וואָרעם איך בין געווען זיכער, אז דאָס ביסטו געווען, אז מײַן באַרויגעזער אויסרוף האָט דיך דערשראָקן.

ווען איך וואָלט געוווּסט...

איך האָב זיך אָנגעטאָן.

אָט איז זי, די באַנק. די צווײַג. דו זיצסט און נעמסט ארום א צווײַג. די זעלבע. און עפּשער מוסערסטו זי אויך, ווי איך. „פאַרוואָס קומט ער ניט?״

אין מײַן נארישן קאָפּ איז פּלוצעם אופגעשווומען עפּעס אזוינס, ניט גוטס. נעקאָמעדיקס...

כ׳מוז דיך א קאפּעלע א מוטשע טאָן פאר יענע פארפאלענע דרײַ שאָ. באהאלט איך זיך אונטער א בוים.

דײַן קאָפּ, זע איך, בײגט זיך צוזאמען מיט דער צווײַג אלץ נידעריקער און נידעריקער. בײג איך זיך אויך, ווײַל איך וויל זען דײַן געזיכט. זען, צערטלען. איך טו פּלוצעם א פרעג עמעצן, א דריטן, וואָס מע זעט אים נישט, וואָרעם ער איז אײַנגעהילט אין א כאשכעס:

— זי איז שיין? זי איז ווונדערשיין?

די נאכט שווײַגט. ענטפער איך זיך אליין:

— כ׳וואָלט ניט געזאָגט...

נאָר ווען זי זעצט זיך צו צום ראָיאל, ווען זי הייבט אָן שפּילן, ווערט איר געזיכט אזוי באגײַסטערט, אזוי הימל־זויבער, אז מע קאָן זיך אין איר פארליבן. אז מע מוז זיך אין איר פארליבן.

פארוואָס האָב איך זיך דערמאָנט אין דײַן שפּילן?

ווײַל די נאכט איז געווען פול מיט מוזיק. און מיט דיר.

מיטאמאָל בין איך ארויס פון מײַן באהעלטעניש. דו האָסט א ציטער געטאָן. כ׳האָב געדארפט בעטן בא דיר אנטשולדיקונג. האָב איך דיך פארשיט מיט פאָרווורפן. דו ביסט געווען בלייך, ווי דער פרימאָרגן אָן א זון, ביסט געזעסן אײַנגעהויקערט, די האנט צוגעדריקט צו דער ברוסט. „כ׳בין קראנק... מיר איז ניט גוט...“ ניין, דו האָסט דאָס ניט געזאָגט. אניט וואָלט איך דיך אָפּגעטראָגן אהיים אף די הענט.

...טיילמאָל פארבעט איך דיך דורכשפּאצירן זיך איבערן פּארק. שווײַגנדיק נעמען מיר זיך פאר די הענט, און מיר בלאָנקען ארום, ניט איבער די אלייעס, ניט איבער די שטעגלעך, צווישן דער נאכט און די ביימער. איך מוז זיי ארומגיין. דו — נישט. דו דרינגסט דורך זיי דורך, גלײַך ווי דו וואָלסט געשפּרײַזט ניט צווישן ביימער, נאָר צווישן זייערע שאָטנס. און עפּשער ביסטו גאָר אליין א שאָטן? איך זאָג דיר:

— רייזעלע, כ׳מוז בא דיר בעטן מעכילע.

דו האלטסט אָבער אין איין שווײַגן. און דאָס פארשאפט מיר לײַדן. וואַרט איך צו, ביזוואנען דו טוסט מיטאמאָל א קלאַפּ מיט דײַנע לאנגע קלעזמער־פינגער איבער דער לופט. סע דערהערן זיך באקאנטע אקאָרדן. כ׳וואָלט קיינמאָל ניט געטראכט, אז די לופט, וואָס איז אומזיכטבאר, קאָן זײַן אזוי הערבאר, קאָן זײַן אזוי עלאַסטיש, קלאנגענפול.

„מעכילע? פארוואָס? נארעלע מײַנס. ווי קליין איז דאָס, ווי נישטיק קליין אין פארגלײַך מיט אונדזער גרויסער ליבע...“

אָט אזוי, שמייכלענדיק, ענטפערסטו מיר מיט ווונדערבארע קלאנגען. און איך בין גליקלעך. א ריזיקע פארשיקערנדיקע גליק־כוואליע גיט זיך א הייב אינווייניק אין מיר, און איך האלט זיך אײַן מיט אלע קויכעס, אז זי זאָל ניט ארויסשטראָמען פון מיר מיט א פרייד־געלעכטער. דאָ־אָ וואָלט דאָס געווען ניט אָנשטענדיק. ווײַל אומבאמערקט בין איך אריבער פונעם פּארק אפן בעסוילעם. ס׳איז געוואָרן ווייניקער ביימער און מערער מאציייוועס. און קוקנדיק אף מיר, וואָלט קיינער נישט געקאָנט זאָגן, אז דו ביסט געשטאָרבן. הײַנט איז פּונקט א יאָר. כ׳גלייב אליין ניט. מיר דאכט זיך, אז אויב כ׳וועל דיך הילכיק א רוף טאָן, וועסטו זיך אָפּרופן. פליסטער איך שוין מער ניט. איך שרײַ:

— רייזל! ריי־זע־לע, דו הערסט מיך?!

— ...ייזל... זע־לע... יכ...כ..., — ענטפערט מיר גלײַכגילטיק דער ווידערקאָל.

ווײַל מײַנע איז די וועלט

פאַראַן זײַנען ערגעץ נאָך סקווערן

פאַראַן זײַנען ערגעץ נאָך סקווערן,
ווו ס׳זיצן פאַרליבטע אַף בענק,
ווען הויך אַזוי וואַנדערן שטערן?
ווי ס׳וואַנדערן שטערן, כ׳געדענק.

פאַראַן נאָך א סטעזשקע אין קאָרן,
וואָס לויפט אין די זאַנגען ניט דרייסט
און ווערט אײַנדערווײַטנס פאַרלאָרן?
די סטעזשקע דאַרף זײַן ערגעץ, כ׳ווייס.

פאַראַן איז אין צוויטן אין ווײַסע
א סאַד אין פאַרטאָגיקן שלאָף,
ווען אַלץ איז אַרום — ווי א מײַסע?
פאַראַן אַזא קישעף, איך האָף.

פאַראַן איז א דאַמפּער א גרינער,
וואָס טראָגט די פאַרליבטע אין ווײַט,
ווען ס׳קומט ניט קיין שלעכטס אפן זינען?
דער דאַמפּער — די כוואַליעס ער שנײַדט.

ער שנײַדט זיי שוין יאָרן און יאָרן,
און קומען אַף זיי כ׳ווער ניט מיד.
אָט לויפט זי — די סטעזשקע אין קאָרן,
דער סאַד איז אין פרײַקן צוויט.

אין א ווינטיקער נאַכט

עס לאָזן ניט די ווענט
דעם ווינט צו מיר אין צימער,
איך פיל אים ניט, דעם ווינט,
איך הער נאָר, ווי ער ברומט
מיט בייזע קאָלערליי
צעווילדעוועטע שטימען,
וואָס ריגלען מײַנע ווענט,
ווי מיט א רייף, אַרום.

ס׳איז וואַרעם אין מײַן שטוב,
אַזוי ווי אין אַן אויער,
און רויִק פאַלט די שײַן
פון גרינלעכן פלאַפאָן.
נאָר סײַוויסײַ מײַן נאַכט
אַף שטיקלעך ליגט צעבויערט,
צעפיצלט בלײַבט מײַן שלאָף.

אין טיפער זאָרג פאַרטאָן.
עס האָט דער ווינט צעוויגט
פון אַלטן דעמב די צווײַגן
און לאָזט אים ניט צורו,
די בלעטער רײַסט ער אָפּ.
אין נעסט אַף ביימער־קרוין
כ׳פאַרשטיי, ווי פייגל לײַדן, —
עס וואַרפט אַמאָל א ווינט
א פויגל־קינד אַראָפּ.

איך זע ניט, נאָר איך פיל,
ווי אײַנעם טײַך די וועלן
עס טרײַבט און טרײַבט א ווינט
און בערגלט אויס זײַן פלאַך.
אויב די לעוואָנע וואָלט
אין טײַך זיך שפּיגלען וועלן,
צעבראָכן וואָלט זי זיך
אין טײַך געדאַרפט.

עס בייזערט זיך דער ווינט
און לאָזט דעם טײַך ניט שלאָפן,
און ס׳רוען ניט די פיש
אין זאַמדיק־ווייכן שויס.
צעטרײַבט דער ווינט מײַן שלאָף,
די אויגן בלײַבן אָפן,
ווײַל מײַנע איז די וועלט —
ווי ברייט זי איז און גרויס.

אַף מײַנע פייגל, כ׳פיל,
א ווינט־געפאַר עס לאָקערט.
פאַרטרײַבט די רו דער ווינט,
פאַרטרײַבט די זילבער־פיש,
דער מוילעד מײַנער קוקט
אין שפּיגל־טײַך דערשראָקן,
און שערבלעך רײַנעם גאָלד
ער זוכט אינעם קאַמיש.

נאָר שפּעטער, ווען דער ווינט
וועט שטיל א מידער ווערן
און ס׳וועט ניט זײַן באַדראָ׳ט
פון ווינט די גאָרע וועלט,
כ׳וועל אויסלעשן די שײַן...
זאָל לײַכטן בלויז מײַן שטערן
און שיטן פּאַסמעס גאָלד
אַף סטעזשקעס בא מײַן שוועל.

בערעזעס

די יונגע בערעזעס דערשראָקענע שטייען —
עס שינדט זייער קאָרע דער פראָסט מיט די
שנייען.

און אלטע בערעזעס — פארומערטע, שטילע,
קוים-קוים וואָס דעם פראָסט מיט די שנייען
זיי פילן.

זיי ווייסן: א קרײַז קומט זיי צו אונטער קאָרע,
און אָרט פאר די קרײַזן איז קנאַפּער געוואָרן.

די קאָרע איז ווארעם, דער שניי איז א קאלטער.
די יונגע בערעזעס כ'פארשטיי און די אלטע.

וואָס פריִער מײַן כידעש פלעגט גאדלעדיק
וועקן,
עס הערט מיך ניט אוף איצט מיט ייִעש צו
שרעקן.

די יונגע בערעזעס פארכידעשטע שטייען.
די אלטע — פארומערטע קוקן אף שנייען.

בא מאָטל גרוביאַנס קייווער

ער איז געבליבן ווײַט, אין וואָסטריאַקאָוואָ,
און מיר — אוועק מיר זײַנען ניט געײַלט.
מיר האָט געדאכט: געזען כ'האָב אזוי נאָענט
ניט זײַן מאציייווע, נאָר א פּײַער-זײַל.

און ס'האָבן מיך געבריט די פּײַער-צונגען,
נאָר איך בין פונעם ווייטעק ניט אוועק,
ווײַל אינעם פלאם-געקנאַל האָט ער געזונגען —
זײַן טויט מיט לידער אייגענע פארמעקט.

עס האָבן שטיל געוויגט זיך ביימער-קרוינען,
דער טאָג איז בלוי געוועזן און צעהעלט.
געטרוימט כ'האָב: ס'איז ניט זײַן מאציייווע-
קוימען,
נאָר פראָסט א קוימען פון זײַן קינדער-וועלט.

דער קוימען פון זײַן טאטנס שטוב. אין אָוונט
פון אים צום הימל שווימען פלעגט א רויך.
דער קוימען אָבער איז אין וואָסטריאַקאָוואָ,
א בראָנזענער — ער הייבט זיך אוף אין הויך,

ווי דורכגעמאכט ער וואָלט שוין אלע שליאכן
און שטיין געבליבן אין זײַן גאנצער גרויס,
ווי טאקע ס'וואָלט דורך זײַנע לונגען שוואכע
דער רויך פון די פארסארפּעטע ארויס.

מיר דאכט זיך אלץ: געזען כ'האָב פונדערנאָענט
ניט זײַן מאציייווע, נאָר א פּײַער-זײַל.
ער איז געבליבן ווײַט, אין וואָסטריאַקאָוואָ,
און מיר — אוועק מיר זײַנען ניט געײַלט.

* * *

כ'ווייס בלויז, ווי עס הייסט דער געזעץ,
און ניט מערער —
די צוציִונגס-קראפט פון דער ערד.
ווי עפּל עס פאלן דעריבער די שטערן
אין ערדישע אָרעמס פארקלערט.

און פעלדזן, ווי קנעכט פון געזעץ אָט דעם
הארבן,
אין יאַם-טיף זיך גליטשן אראָפּ.
און אויך רעגנבויגנס מיט קאָלערליי
פארבן
פון הימל-ראַנד רײַסן זיך אָפּ.
און פויגלען, וואָס היימיש אין וואָלקן-שוים
שוועבן,
צו ערד ציִען זיי זיך פארגאפט.
און איך וועל זיך אויך ווען-עס-איז
אונטערגעבן
דער ערדישער צוציִונגס-קראפט.

ווי ווייצענע זאנגען, ווי קאָרענע זאנגען,
וואָס שווימען אין הארבסטיקן רויך.
דעם קלאַל זײַנען אויוער בלויז העכסטע
געזאנגען,
דעם קלאַל זײַנען אויוער בלויז צארטסטע
פארלאנגען,
געבענטשטע מיט פּאַניקער הויך.

מאָטל טאַלאַליעװסקי

געקניפּט און געבונדן

ראָמאַן

1. אין דערוואַרטונג

די גרינע ווערבע־צווײַגעלעך, וואָס קומען די ערשטע באַגריסן די וועלט מיטן אָנהייב פרילינג, די אָנגעשוואָלענע קנאָספּלעך, וואָס אָט־אָט וועלן פון זיי זיך אויספּיקן דינינקע בלעטלעך, דער בלויער הימל, וואָס בעט זיך מאַמעש, מע זאָל קוקן אַף אים, — אַלץ, אַלץ אַרום האָט איידעס געזאָגט: דער פרילינג גייט, דער פרילינג קומט, די הערצער צו דער־פרייען!

עס טרעפט אַמאָל, אַז די ווערבע־צווײַגעלעך צעגרינען זיך פאַר דער צײַט, די קנאָספּלעך ווערט פלוצעם קאַלט, און דער הימל ווערט אומגעריכט פאַרנעפּלט... איינס אָבער בלײַבט אומגעענדערט — דאָס וואַרטן, דאָס ווילן וואָס גיכער דערלעבן צו זען לעבן זיך דאָס פּיצעלע, דאָס ברעקעלע, וואָס איז שוין געוואָרן טײַערער פון גאָר דער וועלט. און ס׳איז שוין גאָר ניט וויכטיק, צי דער הימל איז אויסגעלײַטערט, צי פאַרנעפּלט, צי די גראָזן האָבן זיך שוין אויסגעשפּרייט אין די סעדער און פּאַרקן, — וויכטיק איז איבערקומען די לאַנג דער־וואַרטע מינוט...

אָלגע האָט געוווּסט, אַז אָט־אָט וועט די וויכטיקסטע מינוט אין איר לעבן סאָפּקאָלסאָף קומען און באַפרײַען זי פון דעם פּײַנלעכן געפיל פון דערוואַרטונג. עס וועט געשען! עס מוז געשען, ווי עס טרעפט אין פרילינג מיט די אָנגעשוואָלענע קנאָספּן. זי, אָלגע, וועט ווערן א מאַמע!

נאָך שטאַרקער פון אָלגען האָט דערויף געוואַרט איר באַשערטער — עליע.

קיין גרעסער גליק אַף דער וועלט, ווי ווערן א טאַטע, איז, זיכער, ניט פאַראַנען. און אויב עמעצער מיינט, אַז די ליבע צום קינד איז בא דער מוטער שטאַרקער, ווי באַם פאָטער, האָט ער בעפּיירעש א טאָעס! אויב עמעצער צווייפלט אין דעם, זאָל ער א שמועס טאָן מיט עליע קירשטיין, מיט איליא מיראָנאָוויטשן, ווי מע רופט איצט אים, דעם פאַבריק־מײַסטער.

עליע קירשטיין האָט געציילט די טעג, די מינוטן, ווען ער וועט דערהערן דעם ערשטן אויסגעשריי פון זײַן קינד, דערזען זײַן בליק, זײַן שמייכל. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זײַן קינד וועט זיך מיטאַמאָל א צי טאָן צו אים מיט די ראָזע הענטלעך, אים אָנכאַפּן פאַר די ברילן צי פאַר דער נאָז אַזוי, ווי דאָס טוען אַלע קליינינקע קינדער. עפּשער גאָר אויסטאָן

דער ערשטער טייל פונעם ראָמאַן אונטערן נאָמען „הייסע הערצער" איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין די נומערן 11 — 12 פאַרן 1970 יאָר.

די ברילן? נאָר דאַן וועט ער דאָך ניט זען דעם קינדס כיין, דעם שמייכל, וואָס וועט אים דער־מאָנען איר, אַלגעס, שמייכל.

עליעס מאַמע, ראַכל, וואָס איז געקומען מיט אַ פּאָר וואָכן פריִער, קעדייי ניט פאַרשפּע־טיקן, האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס וועט אומבאַדינגט זײַן אַ זון. און ענלעך וועט ער זײַן בעפּיירעש אָף אים, אָף עליען, ווײַל זינט די וועלט שטייט, איז באַוווסט, אַז קינדער זײַנען דאָסראָוו גערעאָטן אין די, וועלכע וואַרטן אָף זיי שטאַרקער. און ווער וואַרט נאָך אַזוי אָף אַ קינד, ווי ער, עליע?..

— ווען ווייסטו אים שוין ברענגען אָף דער וועלט? — פלעגט עליע פרעגן, זאַרגזאַם אונטערהאַלטנדיק אַלגען, זי זאָל, כאַלילע, זיך ניט אויסגליטשן.

— וואַרט, וואַרט, נאָך אַ ביסעלע. אַלץ וועט פּאַרקומען צו דער צײַט, — ענטפערט אים אַלגע, און די ליפּן אירע, וואָס זײַנען לעצטנס אַ ביסעלע געשוואָלן געוואָרן, טוען אַזוי כיי־נעוודיק אַ שמייכל, אַז עליען דאַכט זיך אויס — שענער פון אַלגען איז ניטאָ אָף דער גאָרער וועלט. אפילע נאַדיע אַלפערין, איר נאָענטסטע כאַווערטע, אַ מיידל מיט אַ לענגלעך פּאָנעם, מיט צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, — נאַדיע, וואָס האָט זיך באַ זיי אין טעכניקום גערעכנט פאַר דער ערשטער שיינהײַט, קומט ניט צו זײַן אַלגען, און ווען אַלגע וועט זײַן מיט מאַזל אַ מאַמע, וועט זי ווערן נאָך שענער. אָט ערשט ניט לאַנג האָט עליע אין איינעם אַן אַלבאָם געזען אַ קאָלירטע רעפּראָדוקציע פון דעם באַוווסטן בילד „מוטערשאַפט”. זייער אַ שיינע פרוי! נאָר אַלגע איז פאַרט שענער.

עליע שטעלט זיך פאָר, ווי ער טראָגט דאָס קינד אָף די הענט, ווי ער זעצט עס אַרײַן אין אַ שליטעלע און פירט עס אַרום, און די גאַס, דאָס גאַנצע שטעטל ווטשעראַשניע, די גאַנצע וועלט איז אים מעקאַנע!

אויב דאָס וועט זײַן אַ זון, וועט ער אים מיטנעמען מיט זיך אָף דער פאַבריק, ער זאָל פון קלייניוויז זיך צוגעוווינען צום רויש פון די מאַשינעס, ליב באַקומען די פאַבריק. אויב דעם קינד איז באַשערט ווערן אַ פּראָפעסאָר צי אַ דאָקטער — זאָל עס פון קלייניוויז אָן האָבן אָפּשײַ פאַר די, וואָס אַרבעטן אָפן קאָנווייער צי באַם שמעלץ־אויוון.

ס'וואָלט אַלץ געווען גוט, ווען עליען זאָל אַזוי ניט הריזען דער געפּיל פון אייפער. זײַן כשאַד איז געקומען דערפון, וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער ראַיאָנישער צײַטונג סטעפּאַניוק האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן זייער אינטערעסירן מיט דער נײַער ביבליאָטעקערן. „וואָס האָט עס זיך אין אים פּלוצעם אַזוי צעפלאַקערט דער אינטערעס צו דער ביבליאָ־טעק?” — האָט עליע געהאַלטן אין איין טראַכטן. פּאַראַכטאָגן מאָנטיק האָט סטעפּאַניוק פּלוי־צעם באַזוכט די זאָקן־פאַבריק — געקומען אַ קוק טאָן, וויאַזוי ווערן אויסגענוצט די נײַע פּאַטערלענדישע מאַשינעס, וויאַזוי פילן זיך די דאָרפישע מיידלעך, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנ־גען צווייכאָדאָשימדיקע קורסן — טאַקע מיט דער הילף פון דעם מײַסטער עליע קירשטיין — און פאַרדינען שוין ניט ווייניקער, ווי זײַן אַלגע, די געלערנטע און פאַראַנטוואָרטלעכע אָנפי־רערן פון אַזאַ גרויסער ביבליאָטעק.

דאָס, וואָס דער רעדאַקטאָר אינטערעסירט זיך מיט דער לאַגע פון דער ווטשעראַשניער זאָקן־פאַבריק, איז גראַדע גוט, ווײַל ער, עליע, איז אויך ניט גלײַכגילטיק צו די פראַגן. אַנומלטן האָט ער זיך אַפילע גאַנץ היפּש צעוווערטלט מיטן פאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פון פאַבריק, מיטן פליכעוואַטן רויכמאַנען, וואָס איז מער ווי אין צוויי מאָל עלטער פון עליען און וועלכער באַרימט זיך אָפט, אַז ער האָט פאַרענדיקט צוויי אינסטיטוטן מיט איין אוניווער־סיטעט, און ווען מע לאָזט אים, וואָלט ער געקאָנט זײַן אַ מיניסטער... דער רויכמאַן זאָגט, אַז ער ווייסט אָף אויסווייניק, וואָס עס טוט זיך באַ אים אין יעדן צעך און אין די פילצאַליקע סקלאַדן מיט רויוואַרג און פאַרטיקער פּראָדוקציע. עליע האָט אים עטלעכע מאָל דערוויזן, אַז ער, רויכמאַן, זאָגט אַ ליגן, אַז ער פאַרבלענדט די אויגן ניט נאָר דעם דירעקטאָר, נאָר אויך די הויכע אינסטאַנציעס מיט די פאַלשע באַריכטן, און אַז, סאַפּקאָלסאָף, וועט זיך אויסלאָזן...

— וואָס וועט זיך אויסלאָזן?! — איז רויכמאַן געוואָרן אופגעבראַכט.

— אַז אַלע אײַערע אינסטיטוטן און אוניווערסיטעטן האָבן די ווערט אַ פּעטרישקע... אײַך דאַרט דען דער קאָפּ, וואָס מיר אַרבעטן לויט אַ פאַרקלענערטן פּלאַן און נוצן ניט אויס אַלע אונדזערע מעגלעכקײַטן?

— פּכע! מעגלעכקײַטן!.. וואָס פאַרשטייסטו אין די פראַגן?

וועגן דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס האָט עליע דערציילט זײַן פרוי. אַלגע האָט אים גע־לויבט אין טאָג אַרײַן:

— אָט אַזאַ האָב איך דיך ליב!

— איז דאָך אַוואַדע גוט! — האָט עליע, אַ צופרידענער, געשמייכלט.

— איך, אַף דײַן אָרט, וואָלט אָט דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט ניט נאָר אים, נאָר דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. זאָל מען וויסן, וואָס דאָס איז פאַר א פויגל!

אין א פּאָר טעג אַרום האָט זיך סטעפּאַניוק באַוויזן אַף דער פאַבריק. זאָל דאָס הייסן, אַז אַלגע האָט אים גלײַך אָפּגעטראָגן די נײַס? זיכער אַזוי! הייסט עס — באַגעגענען זיי זיך?.. ווען? ווו?

אָט גייט ער, דער רעדאַקטאָר!

סטעפּאַניוק האָט אָפּגעשטעלט עליען און ליבלעך א פרעג געטאָן:

— ווען זשע וועט מען אײַך קאָנען באַגריסן?

— מיט וואָס, אײַגנטלעך? איך האָב נאָך גאָר עפּעס אַזוינס ניט אויפגעטאָן...

— איך מיין, ווען וועט איר שוין א טאַטע?

עליע האָט א קוק געטאָן אַף סטעפּאַניוקן מיט זײַנע צוויי שײַנענדיקע אויגן:

— איך בין שוין געוואָרן א טאַטע...

— דאַרף מען דאָך אײַך באַגריסן! — האָט סטעפּאַניוק אים דערלאַנגט זײַן ברייטע האַנט.

— א דאַנק... איר וואָלט געמעגט א קוק טאָן, וואָס פאַר א יאַט דאָס איז!

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!

— כאַפּט זיך אַמאָל אַרײַן, איר וועט זען, ווי מיר וווינען?

צי סטעפּאַניוק ווייסט!

עליע האָט ניט פאַרגעסן דעם אָונט, ווען דער רעדאַקטאָר האָט אים באַגעגנט א שיקערן און קוים אַרײַנגעשלעפּט אים אין שטוב. אַלגע, די נײַע ביבליאָטעקערן, האָט דעמלט ניט געוווּסט, וווּהין זיך אַהינטאָן פאַר כאַרפּע... און ביכלאַל איז וואָטשראַשניע אַזאַ שטעטל, אַז ניט וויסן, ווו עס לעבט אַזאַ כאַשעווער קולטור־טוער, ווי אַלגע, איז אוממעגלעך.

איצט האָט שוין עליע כאַראַטע, וואָס ער האָט אים אײַנגעלאַדן.

סטעפּאַניוק האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אַף זיך און טאַקע דעם זעלבן אָוונט געקומען מיט א שקאַרמיץ קאָנפעקטן פאַר איר, דער קימפּעטאָרן, און מיט א פלאַש ווײַן אין א קונ־ציק אויסגעפּלאָכטענעם, שטרויענעם קוישל...

מע איז געזעסן א שאָ צוויי, גערעדט, געכאַכמעט זיך. עליע האָט גאָר ניט געוווּסט, אַז דער שטרענגער רעדאַקטאָר, וואָס איז מיט א יאָר צען עלטער פון אים, קאָן זײַן אַזוי יונג און שאַרפזיניק. אין זײַן אָנוועזנהײַט איז אַלגע געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. זי האָט אָנגעווירן די ערנסטקײַט, מיט וועלכער, ווי עס דאַכט זיך עליען, זי טיילט זיך אויס צווישן צענדליקער אַנדערע פרויען, וואָס ווימלען פאַר זײַנע אויגן א גאַנצן טאָג אַף דער זאָקן־פאַבריק.

דאָרט, אין דער הויפּטשטאָט, אָפּן זאַוואָד, ווו עליע האָט פריער געאַרבעט, זײַנען אויך געווען פרויען, נאָר עליע קירשטיין האָט זיי ניט באַמערקט, דער קאָפּ איז אים ניט געווען דערבײַ, ווי די מאַמע זײַנע פלעגט זאָגן. און ווען דער קאָפּ איז געוואָרן דערבײַ, האָט אים אַלגע אָנגעטאָן א צווייטע פּאָר ברילן, דורך וועלכע עליע האָט געזען נאָר זי, אַלגען.

דאָ, אַף דער פאַבריק, האָט עליע די צווייטע פּאָר ברילן אַראָפּגענומען, ווײַל ווו ער טוט זיך ניט קיין קער און קיין ווענד, שטייט אים אַלגע פאַר די אויגן... זי באַגלייט אים אַף יעדן שריט און טריט. זייער אָפט קומט אים אויס צו באַזוכן דעם קאָנווייער־צעך, זיך אַרײַנכאַפּן אינעם שפּול־צעך, אינעם טומלדיקן קאַלטן צעך, ווו מע סאָרטירט און ווו מע פּאַקעוועט אײַן די פאַרטיקע סכוירע. ווי נאָר ער קומט אַהין אַרײַן, באַגעגענען אים פרויען — עלטערע און יינגערע — וועלער מיט א שמייכל, וועלער מיט א ווונק צי מיט א וויק. באַזונדערס וואַרפט אַף אים אַן אויג בראָניע — די שוואַרצכיינעוודיקע דיקלעכע פרוי פון דער בוכהאַלטעריע — די גרעב, זאָגט זי, איז בא איר פון צופיל זיצן באַם שרײַבטיש... בראָניע! זי וועט מאַמעש אויפגעבראַכט, ווען זי דערהערט, ווי עמעצער רופט אים אונטער די אויגן „אָטשקאַריק". זי, לעמאַשל, דער־לויבט זיך ניט אים אַזוי אָנרופן. פאַרקערט, זי האָט ליב אים אָפּשטעלן, אָפּגעבן אים א גוט־מאָרגן, דערפרעגן זיך, וואָס מאַכט זײַן יונג ווײַבל... און עפּשער נייטיקט ער זיך אין עפּעס — זי איז דאָך א גאַנצע מאַכערן אין דער שטייגער־קאָמיסיע פון דער פאַבריק!

ווי ניט געניט עליע איז אין הילכעס ליבע, דאָך דערפילט ער, אַז מיינען מיינט זי, די שוואַרצכיינעוודיקע בראָניע פון דער שטייגער־קאָמיסיע, ניט אַזוי העלפן דער קימפּעטאָרן, ווי טאַקע אים, עליען. עליע אַליין ווייסט, אַז ער איז איר צום האַרצן... ער האָט, זאָגט זי, א ווייך ייִדיש האַרץ, און ביכלאַל...

וואָס אָט דער „ביכלאַל" באַטײַט, הייבט עליע ניט אָן צו פאַרשטיין... אַפאַנאַסי אַניסימאָ־וויטש, אַן עכט רוסישער מענטש, האָט אויך א ווייך האַרץ, און דער פאַרטרעטער, עפראַיִם רויכמאַן, וועלכער נעמט זיך גראַדע איבער מיט זײַן ייִדישקײַט און מיט זײַן ייִכעס, האָט סטאַם קיין האַרץ ניט, און ביכלאַל... (אָט האָט ער שוין אויך באַנוצט בראָניעס באַליבט

וואָרט „ביכלאַל"). נאָר ווייניקער פון אַלץ ליגט אים אין קאָפּ אַט די בראָניע! אים לאָזט ניט צורו דער רעדאַקטאָר סטעפּאַניוק.
זונטיק איז סטעפּאַניוק ווידער געקומען. ער האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט, אַז אַלגע האָט אים געבעטן געפינען אַן אָרט אויף די שפּאַלטן פון דער ראַיאָנישער צייטונג פאַר אירע קורצע ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, איז ער ספּעציעל געקומען, זי זאָל אים געבן די נאָטיצן. און נאָך מיט אַן אויסרייד איז ער געקומען: עס וואָלט גוט געווען, ווען דער יונגער מייסטער עליע קירשטיין זאָל אָנשרייבן אַן אַרטיקל, וויאַזוי ער, דער געוועזענער אַרבעטער פון אַ גרויסן הויפּטשטאָטישן מאַשינבוי־זאַוואָד, טיילט זיך מיט זיין דערפאַרונג מיט די יונגע כוורים, וואָס האָבן ניט לאַנג אָנגעהויבן באַהערשן די נייע פּאַטערלענדישע טעכניק, און וויאַזוי די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע העלפט אים אין אָט דער ביז גאָר וויכטיקער אַרבעט.
עליע האָט אַ קוק געטאָן אויף אַלגען, ווי איינער רעדט: ער מיינט דאָס ערנסט, צי דאָס איז אַ טערעץ, מיט וועלכן ער איז ווידער געקומען, קעדיי זיך באַגעגענען מיט איר? ווייל אויב גוט אַ טראַכט טאָן, איז וואָס איז עליע פאַר אַ שרייבער, צי ווי רופט מען עס — רע־פּאָרטיאָר?.. און וואָס קאָן ער שרייבן וועגן דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אַז ער איז נאָך אַליין דערווייל ניט קיין פּאַרטייער...
פּאַראַיאָרן, ווען עליע האָט זיך געהאַלטן אַן אייצע מיטן „אַלטן פּאַקיר" — מיט אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטשן — צי זאָל ער בייטן דעם גרויסן זאַוואָד אויף דער ווטשעראַשניער זאָקן־פּאַב־ריק, האָט אים דער אַלטער געזאָגט:
— איך, לעמאָשל, וואָלט אויף דיין אָרט זיך ניט געכאַפּט. דאָ קען מען דיך, דאָ וועט מען דיך גערן אופנעמען אין פּאַרטיי, איך דער ערשטער וועל דיר געבן אַ רעקאָמענדאַציע. און דאָרט? ווער קען דיך דאָרט? ווער ווייסט דיך דאָרט? דו וועסט דאָרט אַלץ מוזן אָנהייבן פונדאַסניי...
יאָ, עליע האָט טאַקע דאָ, אין ווטשעראַשניע, אָנגעהויבן אַפּדאַסניי. אָבער אויף אַלע זיינע גוטפריינט געזאָגט געוואָרן אַזאַ אָנהייב! דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־ביוראָ האָט אים דאָ ניט לאַנג אַ זאָג געטאָן:
— וואָלסט שוין געמעגט ווערן אַ קאָמוניסט.
— אַ קאָמוניסט בין איך שוין! — האָט אים עליע מיט ווירדע געענטפערט.
— כ'מיין, אַ מיטגליד פון פּאַרטיי. שוין צייט, דו זאָלסט אַ טראַכט טאָן...
— איך האָב שוין געטראַכט... נאָך דאָרט, אויף מיין זאַוואָד...
— איז דאָך אוואַדע גוט! איך, צום ביישפּיל, בין גרייט דיר געבן אַ רעקאָמענדאַציע. די צווייטע, בין איך זיכער, וועט דיר געבן אַבראַם באַריסאָוויטש...
— אַבראַם באַריסאָוויטש האַלט ניט פון מיר... — האָט עליע שטיל אַ זאָג געטאָן.
— האָסט אַ טאָעס! דאָס, וואָס ער איז מיט דיר ניט קוצעניו־מוצעניו, הייסט ניט, אַז ער האַלט ניט פון דיר. ער קוקט זיך צו צו דיר, ער וואַרט, ווען דו אַליין וועסט באַ זיך באַשטי־מען דערלאַנגען אַ מעלדונג. אַבראַם באַריסאָוויטש איז פון יענע פראַנטאָוויקעס, וואָס זיינען שטרענגער פונעם מיליטערישן סטאַטוט.
— דאָס פילט זיך אויף יעדן שריט און טריט!
— נאָר ער קען שעצן אַ מענטשן. און דאָס איז גראָד ניט קיין קלייניקייט!
אָט דער געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די צעכן פון דער פאַבריק, איז עליען געקומען אויפן געדאַנק איצט, בייס דעם שמועס מיט סטעפּאַניוקן.
— דעם עמעס געזאָגט, — האָט עליע, פאַרכטנדיק דעם שניפּס אויף זיין דאַרן האַלדז, געענטפערט דעם רעדאַקטאָר, — וואָלט וועגן דעם, כ'מיין וועגן מיין אַרבעט, געדאַרפט שרייבן אַן אַנדערער... עס קאָן זיך באַקומען, אַז איך בין אַ באַרימער.
— ווען איך האַלט אייך פאַר אַ באַרימער, וואָלט איך אייך ניט פאָרגעלייגט אַרויסטרעטן מיט אַן אַרטיקל.
— נו, גוט, כ'וועל אַ פּרוּוו טאָן...
— אַלגע אַנדרייעוונע וועט אייך באַ אַ נויט קומען צו הילף, — סטעפּאַניוק האָט גוטמור־טיק אַ ווונק געטאָן צו אַלגען, וואָס האָט שווייגנדיק זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. — דער איקער: מער פאַקטן, פאַקטן. און ניט מוירע האָבן, אויב עמעצן וועט דאָס ניט געפעלן...
אַלגע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר עליען און ניט ווילנדיק אים פאַרגלייכט מיט סטעפּאַניוקן. דער רעדאַקטאָר איז, פאַרשטייט זיך, מער סאָליד. דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט שוין זיין אייגענעם קלאָרן קוק אויפן לעבן, ער איז ניט ענלעך אויף יענע יונגעלייט, וואָס האַלטן אין איין טראַכטן, ווי זעען זיי אויס אין יענעמס אויגן. ניין, ער, סטעפּאַניוק, האָט אַ ברייטן וועלט־באַנעם און סטאַרעט זיך ניט אויסנעמען מיט שאַרפזיניקער פּלוידעריי, מיט אַן

אומדערוואַרטן פרישן אַנעקדאָט. עס מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז אַלץ, וועגן וואָס ער רעדט, איז אים, סטעפּאַניוקן, פרעמד, ביז גאָר ווילד. ער באַמערקט אַפילו ניט, אַז ווען ער פאַרטראַכט זיך, ווערט בײַ אים אַנטבלויזט די אונטערשטע ליפּ און צוויי טיפע קנייטשן באַווײַזן זיך אויף זײַנע פולע רויטלעכע באַקן...

עליע האָט זיך געלאָזט אײַנריידן און געגנומען שרײַבן דעם אַרטיקל. נאָר די גאַנצע צײַט האָט אים ניט געלאָזט צורו דער געדאַנק: פאַרוואָס האָט סטעפּאַניוק גראָד אים, עליען, אויסגעקליבן?

ביז איצט האָט עליע ניט געוווּסט, וואָס איז אַזוינס אייפער. וועגן דעם שרעקלעכן געפיל האָט ער בלויז געלייענט אין די ראָמאַנען, וועלכע אַלגע פלעגט אים ברענגען פון איר ביבליאָטעק. אין די ראָמאַנען פלעגט די אייפערזיכטיקײַט פאַרפירן די העלדן גאָר־גאָר ווײַט. אַ קליינינטשקער כשאַד געבווירט דעם אומצוטרוי, וואָס דערפירט אָפט צו אַ געט. נאָר ניט ער און ניט אַלגע זײַנען פון די, וואָס לאָזן זיך פאַרפירן פון אַ מעשוגאַס.

מיטן סייכל פאַרשטייט ער דאָס, אָבער דאָס האַרץ...

עליע ליגט מיט אָפענע אויגן, טוט אָפּטמאָל אַ טיפן זיפץ.

די נאַכט האָט אײַנגעהילט דעם צימער אין עפּעס סוידעסדיקס. אַזוי, דערמאָנט זיך עליע, פלעגט ער ליגן אין זײַן קינדער־בעטעלע, דאָרט, בײַ זיך אין דער היים, און וואַרטן, עס זאָל זיך אים כאָלעמען עפּעס אַ געשיכטע, וואָס ער האָט אויסגעלייענט אין די ביכלעך... ער האָט אַפילו פאָרויס געוווּסט, וואָס עס וועט זיך אים כאָלעמען... און איצט? איצט טראַכט ער וועגן זיך און וועגן זײַן גוירל. אַלץ בוילעטער הערט זיך דאָס קלאַפּן פונעם וואַנטזייגער און דער סקריפּ פונעם לאָדן, וואָס בעט זיך מאַמעש, מע זאָל אים פאַריכטן. עליעס פּלוצעמדיקער קרעכץ איז מיט עפּעס ענלעך אויפן סקריפּ פונעם לאָדן.

— וואָס קרעכצסטו אַזוי, עליע? — שעפּטשעט אַלגע, ווי זי וואָלט מוירע האָבן אויפוועקן דאָס פּיצעלע.

— עס ווײַזט זיך דיר אויס. ס'איז דער לאָדן... שלאָף, שלאָף.

— איך האָב זיך שוין אויסגעשלאָפן. פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?

— פרעג מיך גרינגערע זאַכן...

— וואָס טוט זיך עס מיט דיר?

— עס ווײַזט זיך דיר אויס. שלאָף, שלאָף!

— עפּשער האָט זיך עפּעס געטראָפן אויף דער אַרבעט?

— וואָס קאָן זיך דאָרט טרעפן?

— מאַלע וואָס עס קאָן...

— דאָרט איז אַלץ אין אָרדענונג...

— און ווו איז בײַ דיר ניט אַלץ אין אָרדענונג?

— אויפן האַרצן, — האָט זיך עליע אומדערוואַרט מוידע געווען.

— דאָס קאָן אַפילו אַ בלינדער דערזען.

— דו, צום בײַשפּיל...

— וואָס זשע קומט דאָרט פאָר, אין דײַן האַרצן?

— שלאָף, שלאָף, אַלינקע!

— עפּשער האָסטו זיך פּלוצעם פאַרליבט אויף דער עלטער...

עליע האָט זיך אָפּגעקערעוועט צו דער וואַנט. איינגיכן איז ער אַנשלאָפן געוואָרן, און עס האָט זיך אים אַנגעהויבן פלאָנטערן אַ מאָדנער כאָלעם, וואָס איבערדערציילן אים וואָלט ער בעשום־אויפן ניט געקאָנט. איינס האָט זיך אים יאָ פאַרטשעפּעט אין מויעך: קיין ווטשע־ראַשניע איז פּלוצעם געקומען צו פאָרן אַלגעס כאַווערטע נאַדיע אַלפעריין. אַלגע און נאַדיע האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אויפן ברייטן דיוואַן און ריידן זיך אויס דאָס האַרץ איינע דער צווייטער. דאָס, וואָס נאַדיע האָט דערציילט אַלגען וועגן איר מאַן, דובאָוון, האָט עליע ניט געהערט, נאָר דאָס, וואָס זי האָט געפרעגט בײַ אַלגען, — דאָס האָט ער גוט דערהערט! און געפרעגט האָט נאַדיע אַן ערעך אַזוי:

— נאָך וואָס דאַרפסטו אים, נאַרעלע?! וואָס איז ער דיר פאַר אַ פּאָר?

עפּעס האָט זי איר נאָך געהאַט געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט עליען אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף...

סאַראַ לעפּישער כאָלעם! ער, עליע, איז דאָך נאַדיען אַזוי געוווען צום האַרצן. אַלגע אַליין האָט וועגן דעם דערציילט, ווען זיי זײַנען שוין געוואָרן מאַן און ווײַב. ווי זשע קומט עס, אַז נאַדיע זאָל אַזוינס אַרויסברענגען פון איר מויל?!.. שוין זשע האָט ער זיך אַזוי געענדערט?

די סיבע דערפֿון, וואָס נאַדיע אַלפֿערין איז אים געקומען צו כאַלעם, איז, מיסטאָמע, דער בריוו, וואָס אַלגע האָט פֿון איר באַקומען. א בריוו אף אכט זײַטלעך!

— מעגסט איבערלייענען, וואָס זי שרײַבט, — האָט אים אַלגע געגעבן נאַדיעס בריוו, — לייען, לייען אף א קאָל!

און עליע האָט איר, ווי שטענדיק, צוליב געטאָן און געלייענט:

„אַלינקע, שוועסטערקע מײַנע!

דו שטעלסט זיך גאָר ניט פֿאָר, ווי איך בין גליקלעך, וואָס דו ביסט שוין געוואָרן א מאַמע... אָך, ווי פֿאַרשיידן עס איז אונדזער מאַזל, אונדזער גוירל, אַלינקע!..”

עליע האָט א קוק געטאָן אף אַלגען און פֿאַרגעזעצט לייענען:

„עס איז שוין אַדורך אזא היפּשע צײַט, ווי איך האָב כאַסענע געהאַט מיט יעגאָרן, נאָר קיין מאַמע בין איך ביז איצט נאָך ניט געוואָרן... קאָסטיע מיט קאַטיען האָבן שוין אויך א קינד, א מיידעלע. פֿאַראַכטאָגן זונטיק האָט קאָסטיע זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ביבלִיאָטעק און גלײַך אפֿן שוועל אויסגעשריגן: „איר מעגט שוין פֿאַרשרײַבן נאָך א לייענער אין אײַער ביבלִיאָטעק!”.

קאָסטיע האָט דערמיט גאָרניט געמיינט, נאָר פֿאַר מיר איז דאָס געווען ווי א שטאָך אין האַרצן. אונדזער קלײַנדיקע קאַטיע, זאָגט מען, איז גאָר שענער געוואָרן. הײַנט די לידער, וואָס זי האָט שוין געווידמעט איר טעכטערל? צוויי פֿון זיי האָב איך אליין אָפּגעשיקט אין איינעם א זשורנאַל, און מע האָט צוגעזאָגט זיי אָפּדרוקן. איך האָב דיר, דאַכט זיך, געשריבן, ווי מײַן קאַטיע האָט מיך געהאַלטן אין איין קושן, ווען זי האָט דערפֿילט, אַז זי איז שוין טראָגעדיק. פּונקט ווי איך וואָלט איר אויסגעשאַדכנט איר קאָסטיען. מיט מײַן יעגאָרן איז קאָסטיע דער בעסטער גוטערברודער. אָט דאָ ניט לאַנג איז ער געקומען מיט קאָסטיען און, ווי דער שטייגער איז, נאָך אפֿן שוועל אויסגעשריגן: „צעוואַלגער דעם אויוון און באַגעגן דעם ליבן גאַסט!”

קאָסטיע, לאָזט זיך אויס, האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די עקזאַמענעס אין באַרג־אינסטיטוט. איז בא וועמען, אויב ניט בא דובאָוון, קאָן ער קריגן די נייטיקע ביכער און גריינטלעכע קאָנספּעקטן? „מײַן אידייע־פֿיקס, — האַלט אין איין טײַנען מײַן יעגאָר, — איז מאַכן פֿון קאָסטיען א הויפּט־אינזשעניער פֿון אונדזער שאַכטע!” — „ווי זשע וועט זײַן מיט קאַטיען? — האָב איך געפֿרעגט. — וועסט זי איבערלאָזן מיטן ברעקעלע?” — „קאַטיע איז ניט פֿון די, וואָס האָבן מוירע פֿאַר שוועריקײַטן!” ווען קאָסטיע איז אוועק, האָט יעגאָר געזאָגט: „אָט וועסטו זען, ער וועט נאָך ווערן מײַן פֿאַרטרעטער. אף אַזוינע, ווי ער, האַלט זיך אונדזער שאַכטיאָרישע גוואַרדיע!..”

עליע האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן לייענען נאַדיעס בריוו, ווי אין שטוב איז אַרײַנגעקומען מאַרינע שעוווטשוק, אָנגעטאָן אין א שווערן פּעלץ, מיט א וואַרעמער שאַל אפֿן קאָפּ. די באַקן זײַנען בא איר רויט געווען פֿון פֿראָסט, די ווִיעס און ברעמען — ווײַס פֿון געפֿריר.

— נו, יאַק זשע ווי טוט, מאַלאָדצי?! — האָט זי אויסגערופֿן, שטייענדיק נאָך אף דער שוועל.

זי האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם פּעלץ, א הוקע געטאָן אף די צוגעשוואָלענע פֿינגער און צורעכט געמאַכט די האָר פֿון קאָפּ, וואָס האָבן זיך עטוואָס צעשויבערט.

די אַלטע מאַרינע שעוווטשוק פֿונעם נאָענטן דאָרף בערעזיווקע, מיט וועלכער אַלגע האָט מיט א יאָר פֿינף צוריק צופֿעליק זיך באַקענט אין צוג, האָט געמאַכט אף אַלגען אן אײַנדרוק פֿון א מענטשן, וואָס האָט א באַזונדערע האַנאָע, ווען ער טוט גוטס א צווייטן. מאַרינע, וואָס האָט, ווי אן אייגענע שוועסטער, באַוויינט די פֿאַרשטאָרבענע אַלטע ביבלִיאָטעקערן ראָזע סאַלאָמאָנאָווגע, האָט געהאַלטן פֿאַר איר כויוו באַזוכן דאָס יונגע פֿאַרפֿאָלק, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן דעם שווערן וועג, ווײַל אויסכאָווען א קינד, ווען אי די מאַמע, אי דער טאַטע זײַנען פֿון פֿרי ביז שפּעט אף דער אַרבעט, איז ניט פֿון די גרינגע זאַכן.

א שאָד, וואָס זי האָט דאָ שוין ניט געטראָפֿן ראַכיליען — עליעס מאַמע.

מאַרינע וואָלט זי אײַנגערעדט אַריבערפֿאָרן אהערצו, קיין וואָטשעראַשניע, צום זון און צום אייניקל. נאָך וואָס זיצן דאָרט אײנע אליין?!

— זי איז שוין אַצינד ניט אליין...

— איך האָב געהערט, געהערט, — האָט מאַרינע א זיפֿץ געטאָן, — נאָר ווערדליק איך פֿאַרשטיי, איז דאָס ערשטע אייניקל נעענטער און טײַערער פֿון א צווייטן מאַן, ווען ער איז אַפּילע א מיניסטער.

דאָס יונגע פֿאַרפֿאָלק האָט זיך צעשמייכלט.

— ער איז גראָד זייער א ווילער מענטש! — האָט עליע געפֿרווט פֿאַרטיידיקן זײַן מאַמע.

— טאָ זאָל ער צוזאַמען מיט איר אריבערפאָרן אהערצו, צו די קינדער.

— גרינג צו זאָגן, אריבערפאָרן...

— און ווי לאָזט מען עס איבער דעם זאַוואָד?! — האָט זיך אָנגערופן אַלגע. — אַ לעבן אַף אים אָפּגעאַרבעט און פּלוצעם פאַרלאָזן?..

— וואָס איז דאָ צו ריידן, — האָט מאַרינע ווידער פאַריכט די האָר אַפן קאָפּ און איבער־געבונדן דאָס ווײַסע שאַלעכל. — די נאַרישע ווײַבער האָבן צומאָל ליב דעם צווייטן מאַן נאָך שטאַרקער, ווי דעם ערשטן. ניט אַלע, פאַרשטייט זיך, — האָט זי זיך פאַרכאַפּט, — איך, צום בײַשפּיל, בין אויך געפעלן געוואָרן איינעם אַ שטאַטישן, דאַפּקע אַ לײַטישן מענטשן, אַ בוכהאַלטער, אַ רעוויזאָר, נאָר איך האָב אים געזאָגט: „דושעניו, שלאָג עס זיך אַרויס פונעם קאָפּ און האָב דיר אַ גוטן שליטוועגס, ווײַל ווײפל איך וועל לעבן, וועל איך דיך אַלעמאָל פאַרגלײַכן מיט מײַן ערשטן, און פון דער פאַרגלײַכונג וועסטו שטענדיק פאַרשפּילן”.

פאַרזיכטיק, שיר ניט אַף די שפּיץ פינגער, איז מאַרינע צוגעגאַנגען צום שלאָפנדיקן קינד. זי וואָלט דאָך איצט זיכער שוין געוואָרן אַ באָבע, ווען דאָס גרויסע פײַער נעמט באַ איר ניט צו אירע צוויי זין. פאַר וועלכע זינד האָט זי גאָט אַזוי געשטראָפט, וואָס זי איז געבליבן אַף דער עלטער אָן קינדער, אָן אייניקלעך? דאָס צווייטע מאָל כאַסענע האָבן האָט זי ניט געוואָלט, לייגט זי אַרײַן איר גאַנצע ליבע אינעם קינדער־גאָרטן, וואָס זי האָט אָרגאַ־ניזירט אין איר קאָלווירט. ניטאָ דער טאָג, זי זאָל זיך ניט אַרײַנכאַפּן אינעם ראַשיקן „אינ־קובאַטאָר”, — אַזוי האָט זי אין אַ שפּאַס אָנגערופן דעם קינדער־גאָרטן.

„באָבע מאַרינע” רופט מען זי, און זי איז גליקלעך, וואָס זי האָט, קיין אייגענע ניט, אַזויפיל אייניקלעך.

— נו, און דײַן מאַמע, זי קלײַבט זיך ניט אריבערפאָרן אהער?

— די מאַמע אירע איז קראַנק, — האָט אָנשטאָט אַלגען געענטפערט עליע.

מאַרינע איז אויך ניט פון די, וואָס האָבן אַ סאַך פרײַע צײַט. ווי נאָר עליע איז אוועק צו דער אַרבעט, האָט זי זיך געגעזעגנט:

— כ'דאַרף גיין אין ראַיקאָם.

ווען אַלגע איז געבליבן אַליין, האָט זי אַרויסגענומען דעם העפט, וואָס איר האָט נאָך פאַראַיאָרן געשענקט ראַיסע סאַלאָמאָנאָוונע, און פונקט ווי די אַלטע ביבליאָטעקערן, וואָס האָט טאָג־אײַן, טאָג־אויס געפירט איר טאָגבוך, האָט אויך אַלגע געסטאַרעט זיך פאַרנאָטירן דאָס וויכטיקסטע. „עס וועט צוניץ קומען, אויב ניט מיר, איז מײַן אייניקל”, — האָט זי געשפּעפט פון זיך אַליין. אַלגע פלעגט ניט פאַרבאַהאַלטן איר טאָגבוך, ווײַל קיין שום סוידעס זײַנען אין אים ניט געווען.

אין איינעם אַ זונטיק פאַרנאַכט האָט עליע צופעליק זיך אָנגעשטויסן אַפן העפט, אים אַ מיש געטאָן און פּלוצעם דאָרט אָנגעטראָפן אַף סטעפּאַניוקס נאָמען. „איז מײַן כשאַד, הייסט עס, ניט קיין אומזיסטער? — האָט עליען אַ ברי געטאָן אַ געדאַנק. — אינטערעסאַנט, וואָס שרײַבט זי דאָרט וועגן אים?”

אים האָבן שוין ניט אַזוי אינטערעסירט אַלגעס געדאַנקען און באַאָבאַכטונגען, ווי די פּראָטים, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו דעם רעדאַקטאָר, דעם פּאַרזעסענעם באָכער...

עליע האָט געמישט און געמישט דעם טאָגבוך, געהאַפּט אָנטרעפן אַף עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים עפענען די אויגן. אָבער אומזיסט: אַלגע איז ריין געווען פון אַ מינדסטער אוולע.

2. אומדערוואַרטע זאָרגן

דאָס נײַע יאָר האָט זיך באַ נאַדיע אַלפעריען אָנגעהויבן מיט אָן אַנגינע. זי האָט זיך, זעט אויס, גאַנץ פײַן צוגעקילט. מיט אַ פאַרבונדענעם האַלדז איז זי אַרומגעגאַנגען איבער די גוט אָנגעהייצטע צימערן, און ס'איז מאַמעש אַ ראַכמאָנעס געווען אַף איר צו קוקן. יעגאָר איז אַף איר בייז געווען.

— ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד! — האָט ער, אָן אופגעבראַכטער, צוגעלייגט זײַן ברייטע דלאָניע צו איר שטערן. — אין דרויסן איז אַזאַ קעלט, אַזאַ ווינט, און דו מיינסט, אַפּאָנעם, אַז דו ביסט נאָך אַלץ אַ פּיאָנערקע...

— יעגאָר! הער אויף, איך בעט דיך!

— און פאַר וועמען האָסטו עס זיך געדאַרפֿט אויספּײַנען?

יעגאָר איז אָפּאַנעמעסן געוועזן אָפּגעבראַכט, לעמײַ נאַדיע האָט זיך געלאָזט אײַנריידן און צוזאַמען מיט די כעוורע קאָמיוגיסטן געמאַכט אַזאַ ווײַטן און שווערן מאַרש אַף ליזשעס. נאַדיע האָט גערופֿן אויך אים, יעגאָרן:

— ביסט נאָך ניט אַזוי אַלט, — האָט זי אים געזאָגט מיט איר ליבן שמייכל, — זאָלסט אין אַזאַ וווּנדערלעכן וועטער זיך פֿאַרשפּאַרן אינעם אָנגערייכערטן צימער און שפּילן אַ פֿינף הונדערט איינס מיטן פֿאַרטאָרג און מיט זײַן אַנפּיסע...

— איך בין אָבער אויך ניט אַזוי יונג, ווי דײַן קאַטיע און וואַליע מיט איר דאָדיקן, וואָס ווייסן גאָר ניט, וואָזוי מע טוט זיי אָן, די ליזשעס.

— ביסטו, הייסט עס, קעגן ספּאָרט?

— איך בין קעגן לײַכטזינן! אויב דו ביסט שוין יאָ אַזוי קעגן מײַן פֿינף הונדערט איינס, קאָנען מיר זיך אַראָפּכאַפּן קיין דאָניעצק אין טעאַטער.

— טעאַטער? מיט פֿאַרגעניגן!

— דעם עמעס גערעדט, האָב איך זיך שוין גוט פֿאַרבענקט נאָך אַ גוטן טעאַטער. די ספּעקטאַקלען, וועלכע דו שטעלסט מיט דײַנע היגע אַרטיסטן, זײַ מיר מויכל, נאַדינקע, זײַנען ניט פֿאַר מיר...

אַזוי צי אַזוי, נאָר נאַדיע האָט אויסגעפֿירט. איצט ליגט זי מיט אַן איבערגעבונדענעם האַלדז.

אונטער דער שוואַרצער קאַזאַקישער בורקע, וואָס יעגאָר האָט געבראַכט מיט זיך פֿון דער מילכאָמע, האָט נאַדיע אײַנגעדרעמלט. אופֿגעכאַפּט האָט זי זיך, ווען ס׳האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר און עס האָט זיך אַרײַנגעשטעלט קאַטיע, איר טרײַער געהילף. דאָס פּאָנעם בײַ קאַטיען איז געווען פֿריש און כיינעוודיק.

— איך האָב אײַך אופֿגעוועקט?

— ס׳מאַכט ניט אויס, ס׳מאַכט ניט אויס, — האָט נאַדיע הייזעריק געענטפֿערט.

— ווי פֿילט איר זיך? — האָט קאַטיע שטיל געפֿרעגט.

— ווי אַ מענטש, וואָס איז פֿלוצעם געוואָרן שטום... קום אַרײַן, זעץ אַ ביסעלע מיט מיר. וואָס הערט זיך דאָרט אין אונדזער באַלעבאַטישקײַט?

קאַטיען געפֿעלט, ווען זייער ביבליאָטעק רופֿט מען באַלעבאַטישקײַט, — זי איז גליקלעך, וואָס זי איז אין איר די צווייטע באַלעבאָסטע.

— אַלץ איז אין פֿולער אָרדענונג!.. עמעס, נעכטן איז בײַ אונדז געווען אַ שווערער טאָג. עס האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט עטלעכע יונגעלײַט צוזאַמען מיט דער געפֿאַרבטער בעסטיע... נו, איר ווייסט דאָך, וועמען איך מיין.

נאַדיע האָט גראָד ניט פֿאַרשטאַנען, וועמען האָט עס קאַטיע געקרוינט מיט אַזאַ נאָמען. נאָר ווען קאַטיע האָט געגומען דערציילן מיט אַלע איינצלהײַטן, וואָזוי די שוין ניט גאָר יונגע פֿרוי האָט זיך אופֿגעפֿירט, ווי זי האָט אַרויסגענומען פֿון איר געשטריקטן רענצעלע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, פֿאַררייכערט און מעכאַבעד געווען די כעוורע, האָט נאַדיע פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט זי יעגאָרס געוועזענע קאַלע, טאַסיע, וועלכע האָט זיך באַוויזן דאָ סאַמע דאַן, ווען נאַדיע אַלפֿערין האָט זיך פֿאַרשריבן מיט יעגאָר דובאָוון.

אַף אַ רעגע שווימט אוף פֿאַר נאַדיעס אויגן איר ערשטע באַגעגעניש מיט דער דערשראָ־קענער און בלייכער טאַסיע, ווען זי איז געקומען צו איר, צו נאַדיען, אין ביבליאָטעק און זי געוואָרנט, אַז יעגאָר איז אַן אַכזער, אַז בײַ אים איז אַ שטיינערן האַרץ, און דערבײַ געבעטן זי, נאַדיען, זי זאָל וועגן איר געשפּרעך ניט דערציילן יעגאָרן.

טאַסיע האָט ניט געפֿאָלגט יעגאָרן, ווען ער האָט איר געייצעט פֿאַרלאָזן דעם יִשעוו און זיך אײַנאָרדענען אַף אַרבעט דאָרט, ווו מע קען זי ניט, אָנהייבן אַ נײַ בלעטל אין איר פֿאַרפֿלעקטער בי׳אָגראַפֿיע. זי איז געבליבן הי, זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ שנײַדער־אַטעליע. אַ ביײַטערן איז זי געווען אַ גוטע. זי האָט אַ סאַך געאַרבעט, גוט פֿאַרדינט, און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז טאַסיע האָט צוביסלעך אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אין אַלע אירע פּאַסירונגען.

ווען עמעצער פֿלעגט זי פֿרעגן וועגן איר פֿרי׳ערדיקן נאַוונאַדעווען, פֿלעגט זי מיט אַ געמאַכ־טער פֿרייִלעכקײַט אַ זאָג טאָן אַ שורע פֿון אַ ליד, וואָס זי האָט ערגעץ אַמאָל געהערט: „דיעלאַ דאַוונאָ מינוווּשיך דניי...”

דאָס האָט געזאָלט באַטײַטן: אַ מענטש דאַרף זיך וואָס ווייניקער אומקוקן צוריק.

שוין אַ היפּשע צײַט, ווי אַרום טאַסיען האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען עטלעכע יונגעלײַט, וואָס האָבן ליב פֿאַרברענגען מיט אַ גאַניטער, דורכגעטריבענער פֿרוי, וועלכע האָט זיך איר קוק אַפּן לעבן. מיט אַ פֿרוי, וואָס קען אויסטרינקען און דערבײַ ניט ווערן שיקער. קיין מאַן

האָט זי ניט, און עס מאכט אן איַינדרוק, אַז זי זוכט אפילע ניט קיין ערנסטן שידעך און פאַדערט ניט פון א מאנצבל, ער זאָל זיך איר דערקלערן אין ליבע...

— וואָס איז אַזוינס ליבע? — בקירעט טאַסיע נאָכן צווייטן צי דריטן גלעזל בראַנפן. — ליבע איז א קייט, א צײַמל, א שווערע פענטע אף די פיס! ליבע איז אן אויסטראַכטעניש פאַר יונגע נאַראָנים... עפּשער בין איך ניט גערעכט?

— גערעכט צי ניט גערעכט, — באַמקעט איר צו איינער פון די יונגעלײַט, — דער איקער איז מאכן א קויסע. אָן דעם איז דאָס לעבן ניט ווערט קיין דרײַער!

און טאַסיע זאָגט זיך ניט אָפּ. צוביסלעכווײַז האָט מען זיך שוין צוגעווינט באַגעגענען זי אינעם רעסטאָראַן צווישן די פריילעכע כעווורע, וועלכע זײַנען בעטעווע געווען גאַנץ ווילע יאַטן, האָבן ניט שלעכט געאַרבעט און, כאַלילע, קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. אינעם קולטור-פּאַלאַץ זײַנען זיי זעלטן ווען אַרײַנגעקומען. אין דער ביבליאָטעק — נאָך זעלטענער. דערפאַר טאַקע האָט קאַטיען, נאַדיעס פאַרטרעטערן, פאַרכידעשט, ווען זיי זײַנען נעכטן אין אָוונט אַרײַנגעקומען זאַלבעפערט און זיך אופגעפירט אַזוי פרעך, אַז זי האָט זיי געמוזט אַרויסשטעלן פון ביבליאָטעק.

— דו איינע — קעגן פיר?

— וואָס עפּעס איינע? און וווּ איז קאַסטיע?!

— ער איז דערבײַ אויך געווען?

— גאַנץ צופעליק. ער קומט דאָך שטענדיק מיך צונעמען אהיים...

— איז, הייסט עס, פאַרגעקומען א פײַערלעכע באַגעגעניש... איך שטעל זיך פאָר.

— זיי זײַנען געקומען מיט אַן אויסרייד, לעמײַ איך זיץ דאָ טאָג ווי נאַכט און דערלויב, אַז מײַן שעף, דאָס הייסט איר, זאָלט מיך אַזוי עקספּלואַטירן, אַז איר, הייסט עס, נוצט אויס די לאַגע, וואָס דער מאַן אײַערער איז א גרויסער נאַטשאַלניק, און אַז זינט איר האָט כאַסענע געהאַט, דערקענט איר שוין קיין מענטש ניט...

— אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט, כלעבן!

— קאַסטיע האָט זיך געמוזט אַרײַנמישן און אַרויסשטעלן זיי. ס'האָט שיר ניט אויס־געבראָכן א געשלעג. ווען עס קומט ניט צופעליק אַרײַן דער פאַרטאָרג דאַווידענקאָ, וואָלט מען געמוזט אַרויסרופן די מיליציע...

ווי קיינמאָל ביז איצט, האָט נאַדיע געוואָלט זיך טרעפן מיט טאַסיען, זי האָט אפילע געזען פאַר זיך אירע אויסגעלאָשענע אויגן. אָט אַזעלכע האָבן זיי זיך איר פאַרגעדענקט זינט יענעם אינדערפרי, ווען זי האָט זיך מיט טאַסיען באַגעגנט צום ערשטן מאָל — פּוסטע, אויסגעלאָ־שענע אויגן.

קאַטיע האָט איבערגעריסן איר דערציילונג. נאַדיע, וואָס האָט זיך געפרווווט פאַרשטעלן, ווי דאָס אַלץ האָט אויסגעזען, האָט זיך פאַרטראַכט.

— וועגן וואָס האָט איר זיך עס אַזוי פאַרטראַכט?

— סטאַם אַזוי, וואָסי דען?

— סטאַם אַזוי... איך ווייס גראַד, וועגן וואָס איר קלערט.

קאַטיע האָט זיך צוגעזעצט נעענטער צו נאַדיען.

— איך האָב אײַך ניט געוואָלט דערציילן, ניט געוואָלט אײַך פאַרשאַפן איבעריקע לייד, נאָר ווײַבאַלד איך פיל, אַז איר זײַנט גרייט מויכל זײַן אפילע א נידערטרעכטיקן פאַרשוין, א סוינע, האָב איך באַשטימט דערציילן. אַזוינס טאָר מען ניט פאַרשווײַגן!

קאַטיע האָט א קוק געטאָן אף איר האַנטזייגערל, וואָס קאַסטיע האָט איר געשענקט, ווען ער האָט זי אהיים געבראַכט פונעם געבורט-הויז, און זיך ווידער אָנגערופן:

— געווען איז דאָס בייס די אַקטיאַבער-יאָמטויווים. איך בין שוין דעמלט געווען אין די הויכע כאַדאָשים... נו, בין איך געבליבן אין דער היים. מיט אַזא בויך גייט מען ניט אף קיין פײַערלעכע פאַרזאַמלונגען. איז קאַסטיק אַוועק אליין. טאַקע דאַן האָט מען אים אָנגערופן מיטן ערן-נאָמען — נאָוואַטאָר, אים געלויבט אין טאָג אַרײַן, צוויי מאָל דערמאָנט זײַן נאָמען אינעם יאָמטעוו-באַפעל. אײַער יעגאָר האָט גערעדט וועגן אים — אף אונדז אַלעמען געזאָגט געוואָרן! אפן קאָנצערט איז קאַסטיע ניט פאַרבליבן. באַם אַרויסגאַנג האָט אים טאַסיע אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט... קאַסטיע האָט זי ליב, פונקט ווי איך, און סטאַרעט זיך ווי ווײַט מעגלעך זי אויסמײַדן. ווער וויל עס דען האָבן צו טאָן מיט א מענטשן, וועלכער האָט בייס דער אָקופּאַ־ציע מיטגעאַרבעט מיט דער פּאָליציי?.. בעקיצער, זי האָט אים באַגלייט ביז אונדזער שטוב און געהאַלטן אין איין אײַנריידן, אײַנטײַנען, אַז דובאָוו האָט בא אים צוגענומען זײַן גע־ליבטע און אַז א צווייטער אף קאַסטיעס אָרט וואָלט דאָס אים קיינמאָל ניט מויכל געווען.

צי עפשער איז ער, קאַסטיע, אַזאַ מאַנצבל, וואָס האָט ניט קיין געפיל פון זעלבסטווירדע? זי, טאַסיע, וואָלט אַזוינס קיינמאָל ניט מוחל געווען. זי וואָלט געגומען נעקאָמע!

— נו, און ווײַטער? וואָס זשע איז געווען ווײַטער?

— ווײַטער? גאָרניט. איך האָב אים נאָר געזאָגט, מײַן קאַסטיען, אַז וועגן דעם אַלעמען וואָלט ער אומבאַדינגט געדאַרפֿט דערציילן דעם נאַטשאַלניק.

— וואָס זשע האָט ער דיר געענטפֿערט?

— ער האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון מיר. „נאָך וואָס, — האָט ער געזאָגט, — זאָל איך אים פֿאַרשאַפֿן אומזיסטע יעסורים? זאָל זי זיך בײַלן!"

— און איר וואָס האָט ער געענטפֿערט? — נאַדיע האָט זיך אופֿגעזעצט, אַראָפּוואַרפֿנדיק פֿון זיך די בורקע.

— איר האָט ער געזאָגט, אַז זי איז אַ נידערטרעכטיקער נעפֿעש. אַז טאָמער וועט כאָטש אַ האָר פֿאַלן פֿון דובאָוון... וועט זי שוין אַפּילו ניט האָבן קיין צײַט און קיין מעגלעכקייט צו כאַראָטעווען; נו, פֿון דעמלט איז שוין אַדורך אַ היפּשע צײַט. מער האָט ער זיך מיט איר ניט באַגעגנט.

— און ווי רעכנסטו, קאַטיע, איך דאַרף וועגן דעם אַלעמען דערציילן יעגאָרן?

— טוט, ווי איר פֿאַרשטייט, נאַדיענקע. איר זײַנט קליגער פֿון מיר...

עס האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן. דאָס האָט יעגאָר איר אָנגעזאָגט די גוטע בסורע: פֿאַר דער שאַכטע „ניצאָכן" האָט מען אויסגעטיילט דרײַ נײַע קאָמבײַנען, דאָס הייסט, אַז אים, יעגאָרן, פֿאַרטרויט מען זיי אויספּרוּוון.

— ביסטו גליקלעך? — האָט אים נאַדיע אַ פֿרעג געטאָן.

— און ווי פֿאַרשטייסטו?! אַוואַדע גליקלעך! איבער אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, וועט די שאַכטע „ניצאָכן" באַרימט ווערן אַף גאַנץ דאָנבאַס! נו, און דײַן פֿאַרטרעטערן איז נאָך באַ דיר?

— פֿונוואַנען ווייסטו, אַז זי איז באַ מיר?

— איך שפּיר נאָך איר יעדן שריט...

— ניין, טאַקע, וואָס דאַרפֿסטו זי?

— ניט אַזוי זי, ווי איר מאַן דאַרף איך, קאַסטיען! איך זוך אים איבערן גאַנצן ייִשעוו. עפּשער ווייסט קאַטיע, וווּ ער איז.

קאַטיע האָט געזאָגט, אַז ער איז אַוועק צו די דאַווידענקאָס. עס זײַנען דאָך געקומען צוגאַסט ניורע מיט איר מאַן, וויל קאַסטיע אויסנוצן די געלעגנהײַט, זיי זאָלן מיט אים אַ ביסל קנעלן מאַטעמאַטיק.

— איז זאָל זי אים באַלד געפֿינען און שיקן אין דער שאַכטע־פֿאַרוואַלטונג.

צו די דאַווידענקאָס איז גאַנץ ווײַטלעך, נאָר אַז מע דאַרף, איז דאָך ניט שײַעך! אַף איר מאַזל, איז קאַסטיע אָנגעקומען איר אַנטקעגן. די קאָנסולטאַציע איז געווען אַ קורצע. דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק האָט זיך געאײַלט. מע האָט פֿאַרזיכערט קאַסטיען, אַז ניורע וועט אַליין אַרײַנקומען צו אים.

פֿירנדיק זײַן ווײַב אונטער דער האַנט, האָט קאַסטיע דערציילט, אַז ער האָט נאַרוואַס געהאַט אַ פֿרישן גרוס פֿון טאַסיען.

— וואָס זשע, זי האָט זיך שוין צום פֿאַרטאָרג אויך צוגעשאַרט?

— וואָס רעדסטו נאַרישקײַטן?!

— וואָס זשע דען?

— איך האָב זיך דאָרט באַגעגנט מיט דאַדיקן, מיטן קינסטלער, נאַדיעס כאַווער...

— דאַדיק קאַמעראַוו? וואָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט ער צו טאַסיען?

— זי האָט באַ אים באַשטעלט איר פּאָרטרעט...

— ווי־אַ־ס?! איר פּאָרטרעט? וווּ וועט ער אים אַרויסשטעלן? עפּשער באַ אונדז אינעם קולטור־הויז, צווישן די בעסטע און כאַשעוווסטע לײַט פֿון דער שאַכטע?

— אַזאַ נאַרישקײַט וועט ער ניט טאָן!

— פֿאַר וועמען זשע מאָלט ער זי?

— פֿאַר איר און פֿאַר זיך...

און קאַסטיע האָט איר דערציילט, אַז פּונקט דאָס זעלבע האָט ער אויך געפֿרעגט באַ דאַדיקן. דער גוטמוטיקער, פֿלעגמאַטישער דאַדיק האָט אים דערקלערט, אַז דעם געהאַלט, וואָס ער באַקומט צוזאַמען מיט זײַן וואָליעטשקען, איז זייער אַ קנאַפּער. מוז ער נאָך ערגעץ־ווו צולייגן אַ האַנט, קעדיי פֿאַרדינען אַ פֿרישע קאָפּעקע. ווען ער איז אַנומלטן צוזאַמען מיט וואָליען אַרײַנגעגאַנגען אין אַטעליע באַשטעלן פֿאַר איר אַ מאַנטל, האָט אים טאַסיע געזאָגט:

— איך וועל אײַך אופנייען אזא מאנטל, אז דער גאנצער ייִשעוו וועט אײַך מעקאנע זײַן, דערפאר אָבער מוזט איר אָנמאָלן מײַן פּאָרטרעט.
— וואָס הייסט — איך מוז? — האָט זיך דאַדיק פאַרכידעשט.
— גאָט מײַנער, ניט אומזיסט, כאָלילע! איך וועל אײַך באַצאָלן, וויפל איר וועט הייסן... און וועל אײַך פּאָזירן, וויפל מע באַדאַרף. מיט איין טנײַ, דער פּאָרטרעט זאָל זײַן כאָטש א ביסעלע שענער, ווי איך זע איצט אויס.
— כ'פאַרשטיי ניט, וואָס הייסט שענער?
— דאָס הייסט — אָן די קנייטשן אפן פּאָנעם און אפן שטערן...
— די קנייטשן אפן פּאָנעם קאָן מען פאַרשמירן...
— אָט דאָס וויל איך טאַקע!
די באַשטעלונג האָט דאַדיק אָנגענומען און האָט דעריבער געמוזט עטלעכע אוונטן פאַרברענגען בא איר, בא טאַסיען.
אין אוונט, ווען קאָסטיע איז געקומען אהיים, האָט אים קאַטיע געצווונגען, ער זאָל איר ווידעראַמאָל דערציילן, וואָס דאַדיק האָט אים געזאָגט וועגן טאַסיען.
— וואָס איז דאָ צו דערציילן? — האָט קאָסטיע א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אים איז פּאַשעט דערווידער געוווען זיך נאָכאַמאָל אומקערן צו דער טעמע.
— דאַדיק זאָגט, אז ער האָט געהאַט די מעגלעכקײַט שאָענוויַז קוקן אין טאַסיעס אויגן און אַלע מאָל אַנטפּלעקן אין זיי אזא טיפן אָפּגרונט, וועלכן אים איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען. ביכלאַל, זאָגט ער, איז אים ליבער צו מאָלן ליכטיקע פּענעמער, פּענעמער פון מענטשן, וואָס פילן זיך יונג און קרעפטיק און זײַנען פאַרליבט אינעם לעבן. נאָר אז מע וויל פאַרדינען עטלעכע רובל, מוז מען זיך פאַרנעמען אויך מיט אזא שטיקל אַרבעט.
פאַרשטייט זיך, ווען ער פרעגט בא נאַדיען, וואָלט זי אים אָפּגערעדט דערפון, זײַן מאָלערײַ איז דאָך ניט נאָר א פּאַרנאָסע־זאַך. פאַרקערט! זי וואָלט אים דערציילט אַלץ, וואָס זי ווייסט וועגן דער מיִעסער בריִע. און כאָטש זי האָט ניט ווייניק יעסורים פון איר אייגענער אַרבעט און האָט וועגן וואָס צו זאָרגן, האָט זי ניט געקאָנט זיך באַפרײַען פונעם געפיל, אז פאַר דאַדיקס קינסטלערישער טעטיקײַט טראָגט זי אויך א געוויסע אַכרײַעס. נאָר מיט וואָס האָט זי אים געקאָנט העלפן?..

3. ווען דאָס האַרץ הייבט אָן ווי טאָן...

דער רעדאַקטאָר האָט געהאַלטן וואָרט, און אין דער ראַיאָנישער צײַטונג איז טאַקע געווען אָפּגעדרוקט עליעס אַרטיקל.
וועגן דעם, אז עליע קירשטיינס פאָרשלאָגן האָבן א פּרינציפּיִעלע באַדײַטונג, אז דאָס זײַנען געדאַנקען פון א יונגן מײַסטער, וועלכן עס טוט ווי דאָס האַרץ פאַר יעדער קליינײַט אַף דער פאַבריק, האָט דער רעדאַקטאָר באַטאָנט אין זײַן לייטאַרטיקל.
ווען דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם וואַסילי איוואַנאָוויטש האָט באַקומען די צײַטונג, איז אין קאַבינעט בא אים פונקט געווען אַבראַם באָריסאָוויטש, דער דירעקטאָר פון דער זאַקד־פאַבריק.
דערזען דאָס אַרטיקל, האָט וואַסילי איוואַנאָוויטש זיך אופגעהויבן פון טיש:
— געלייענט?
— וועגן וואָס?
— „וועגן קליינקײַטן, וואָס וואַקסן אַריבער...", עפּשער איז דער אַרבקאָר ניט גערעכט?
— גערעכט. נאָר פאַרוואָס האָט ער וועגן דעם אָנגעשריבן און ניט אַרײַנגעקומען צו מיר, ניט געהאַלטן זיך קיין אייצע?
אַף א רעגע איז פאַר זײַנע אויגן אויסגעוואַקסן דער יונגער מײַסטער מיטן שניפּס אפן דינעם ייִנגלשן האַלדז און מיט די גראָבעברילן, וואָס מאַכן אים אַף א סאַך עלטער. ער קען אים גוט, אָט דעם עליע קירשטיין... דאַכט זיך, אזא שטילער, אזא באַשיידענער, און אָט האָסטו דיר! אָט דער שטילער און באַשיידענער יונגערמאַן אין די ברילן קלײַבט זיך גוט פאַנאַנדער ניט נאָר אין די דעטאַלן פונעם קאָנוויער, ער איז, לאָזט זיך אויס, באַקי אויך אין די קאָמפּליצירטע פראַגן פון עקאָנאָמיק. און עפּשער האָט אים עמעצער מיטגעהאָלפן?
— וואָס שײַעך דער קריטיק פון אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, — האָט זיך אָנגערופן דער דירעקטאָר, פאַרשפּיליענדיק דאָס אייבערשטע קנעפּל פונעם קיטעל, וועלכן ער טראָגט

נאָך פון מילכאָמע־צײַט, — איז זי, אין גרונט גענומען, א גערעכטע. נאָר ווי האָט ער גע־וואגט! ער איז דאָך נאָך ניט ארויסגעקראָכן פון די קאָמיוגישע הייזעלעך, ער האָט דאָך ערשט ניט לאנג אײַנגעגעבן א מעלדונג אין ביוראָ פון קאָמיוג, מע זאָל אים רעקאָמענדירן אין פארטיי!

— ווילסט זאָגן, ווי וואגט ער, אן אומפארטייִשער, קריטיקירן די ארבעט פונעם פארטיי־קאָמיטעט?

— איך זאָג עס ניט! נאָר אזוי ארויסטרעטן, איז, אויב דו ווילסט וויסן, אוואנגארדיזם...

— ווערליק איך פארשטיי, אברהאם באָריסאָוויטש, איז אָט דאָס ארטיקל די בעסטע רע־קאָמענדאציע פאר א קאָמיוגיסט, וואָס קומט אָן אין פארטיי!

— דאָס וועט שוין באשטימען דער קאָמיטעט, וואסילי איוואנאָוויטש.

אברהאם באָריסאָוויטש האָט ניט ליב געהאט אונטערבאָמקען. ער האָט אין אלע פראגן געהאט זײַן אייגענע מיינונג און דערמיט זייער אויסגענומען בא דעם פארטיי־אקטיוו פונעם ראיאָן און באם סעקרעטאר באזונדערס.

— און ווי מיינסטו רעאגירן אף דעם ארטיקל, כאווער דירעקטאָר?

אברהאם באָריסאָוויטש האָט זיך אף א רעגע פארטראכט און, אָפּשפּיליענדיק דאָס אייבער־שטע קנעפּל פון זײַן קיטעל, ניט געכאפּט געענטפערט:

— קוידעמקאָל זיך גוט פּאנאנדערקלײַבן אין די „קלייניקײַטן"...

— וועלכע זײַנען ווײַט ניט קיין קלייניקײַטן! — האָט אים איבערגעשלאָגן דער סעקרע־טאר. — איך וואָלט אף דײַן אָרט צונויפגערופן אַן אָפענע פארטיי־פארזאמלונג און עפּשער טאקע א פארזאמלונג פונעם גאנצן קאָלעקטיוו, מיטן אָנטייל, פארשטייט זיך, פונעם אווטאָר פונעם ארטיקל. איך וואָלט אויך געקומען — אויב וועסט מיר געבן צו וויסן.

אברהאם באָריסאָוויטש איז בעטעווע ניט געווען קיין מאָרעשכוירעניק. נאָר גראָד דאָס מאָל האָט ער זיך געפילט ניט אמבעסטן. ער האָט געוווּסט, אז וואסילי איוואנאָוויטש האלט פון אים א וועלט. אף די ראיאָנישע פארטיי־פארזאמלונגען פלעגט מען געווייינלעך ווארטן, וואָס וועט זאָגן דער דירעקטאָר פון דער זאָקן־פאבריק — דער גרעסטער אונטערנעמונג אינעם ראיאָן. ווען אברהאם באָריסאָוויטש פלעגט דערלאָזן א פעלער, האָט ער קיינמאָל ניט געוואָרט אף מיטלײַד. נאָר הײַנט האָט זיך אים גראָד געוואָלט, אז וואסילי איוואנאָוויטש זאָל אים טרייסטן, אים זאָגן: „ניט שרעקלעך! פעלערן באגייט ניט בלויז דער, וואָס טוט גאָרניט. די פאבריק איז נאָך א נײַע, זי שטעלט זיך ערשט אף די פיס...". אפן הארצן איז בא אים געווען, ווי אינעם פארשנייטן דרויסן... א בייז יאנוואר־ווינטל האָט אים געפּאטשט אין פּאָנעם, געשטאָכן די אויגן. פונעם ווינטל קאָן מען זיך פארשטעלן צי אָפּקערעווען, נאָר ווי קערעוועט מען זיך אָפּ פון די שארפע באשולדיקונגען? אין דער ארויסטרעטונג פונעם יונגן מײַסטער איז דאָך ניט פאראן קיין סימען פון בייזוויליקײַט...

באזונדערס האָט קירשטיין באטאָנט, אז די פאבריק־אָנפירונג זאָרגט ווייניק וועגן די קינדער־אנשטאלטן.

„דאָס האָט אים זיכער זײַן ווײַבל אונטערגעזאָגט", — האָט אברהאם באָריסאָוויטש א קלער געטאָן. ער האָט אנומלטן געהערט איר פארטראַג אף אן אָוונט לעקאָוועד דעם פרויען־טאָג. איצט איז שוין אָלגע אליין א מאמע און פאר איר וועט אינגיכן שטיין די זעלבע פראגע: אף וועמען לאָזן דאָס קינד, ווען זי וועט זײַן אין ביבליאָטעק.

„און טאקע, אף וועמען וועט זי עס איבערלאָזן?" — האָט אברהאם באָריסאָוויטש פּלוצעם א טראכט געטאָן, ווי דאָס וואָלט געווען זײַן קינד.

אין אָוונט, ווען עליע איז געקומען אהיים, האָט אים אָלגע באגעגנט ביז גאָר א דער־פרייטע:

— לאָמיר פארגעדענקען הײַנטיקן טאָג, ווען דו ביסט בא מיר געוואָרן א שרײַבער!

— לאָך ניט, — האָט עליע איר געענטפערט. — די געשיכטע ווייסט פון אזעלכע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן בא דרײַסיק און נאָך שפּעטער...

— דו האָסט זיך שוין אפילע מאטריִעך געווען ארײַנקוקן אין דער געשיכטע?

— אז מע איז א מאָן פון אזא ליטעראטור־קענערן...

— און וואָס זאָגט מען אף דער פאבריק?

— מע כידעשט זיך...

— אזא שטילע טויב און — נא דיר! — האָט זיך אָלגע צעשמייכלט.

— דאָס בין איך, הייסט עס, די שטילע טויב?

אָלגע האָט בא אים אראָפּגענומען די פארהויכטע ברילן און דערבײַ פארשאַרט אף ארויף זײַנע צעשויבערטע האָר:

— אין שטוב מעגן דײַנע אויגן א ביסל אָפּרוען.

— אָן די ברילן, מײַן טײַערע, זע איך אויס א ביסל לעפּיש...

— פאַר מיר פאַרשפּאָרסטו זיך אויספּײַנען! געפעלסט מיר אַזוי אויך.

ער איז צוגעפאַלן צו איר געזיכט און זי געגומען קושן. אַלגע האָט זיך אויך צוגעטוליעט צו אים. עליע האָט זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע זײַנע פלעגט אים פּונקט אַזוי אַרומנעמען, ווען ס'איז איר גוט געווען אויפן האַרצן.

— נו, און וואָס מאַכט עפּעס אונדזער ניקאָלײַ?

עליע איז צוגעגאַנגען צום קינד, וואָס איז געלעגן אָפּן בעט, אײַנגעוויקלט אין א לײַכט קאָלדרעכל, וואָס די באָבע ראָכל האָט צוגעשיקט פאַרן אייניקל. קיין בעטעלע האָט מען נאָך ניט אײַנגעשאַפט, נאָר נישקאָשע — מע באַגייט זיך דערווײַל אָן דעם.

עליע האָט געוואָלט צוליב טאָן דער מאַמען און געבן זײַן זון דעם טאַטנס נאָמען — מייער, מיראָן. איבער דעם נאָמען איז בא דעם יונגן פּאָרפאָלק שיר ניט פאָרגעקומען קיין קריג. ווען מע האָט געבראַכט די קימפּעטאָרן פון געבורט-הויז, האָט ראָכל געפרעגט:

— ווי זשע האָט איר אים געקרוינט, מײַן אייניקל?

— מיר האָבן באַשטימט אים אָנרופן ניקאָלײַ, — האָט אַלגע די ערשטע זיך אַרויסגעכאַפּט.

— וואָס עפּעס ניקאָלײַ?! — האָט ראָכל אויפגעהויבן אירע פאַרכידעשטע אויגן. זי איז געווינט געווען צו דעם, אַז א נײַגעבוירענעם רופט מען אָן נאָך א פאַרשטאָרבענעם קאָרעווע, קעדיי זײַן נאָמען זאָל בלײַבן אינעם נײַעם דאָר... שוין זשע האָט איר עלינקע ניט פאַרשטאַנען, אַז דער מאַמע זײַנער וואָלט ליבער געווען גאָר אַן אַנדער נאָמען?.. און זי, אַלגע? די שנור אירע וואָלט אויך געמעגט פאַרשטיין, אַז אַזא ליכטיקער מענטש, ווי ס'איז געווען עליעס טאַטע, ער איז דאָך אומגעקומען אָפן פראָנט, האָט פאַרדינט, מע זאָל א נאָמען געבן נאָך אים. פאַרוואָס זשע זאָל דאָס אייניקל ניט הייסן, לאָמיר זאָגן, מיראָן? עס וואָלט דען שלעכט געקלונגען: מיראָן איליטש!

נאָר ראָכל האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט — ניט אַרײַנמישן זיך אין די סיכסוכים פונעם יונגן פאָרפאָלק. זי האָט גוט געוווּסט, אַז צוליב א נאַרישן וויקועך קאָן אַמאָל אויסברעכן א מיספאַרשטייעניש, א קריגערײַ, א סינע. אָנומלטן האָט זי אַפילו געייצעט דעם זון:

— גיב איר נאָך! פאַרגעס ניט, זינו מײַנער, אַז זי האָדעוועט דאָס קינד און אַז איבער א נאַרישקײַט קאָן אַמאָל איבערברעכן בא איר די מילך.

— איך פאַרשטיי. און איך גיב איר נאָך... שוין לאַנג גיב איך איר נאָך. און אויב דו ווילסט וויסן, מאַמע, איז בא אונדז גראַד געווען א רייד וועגן דעם. געוועזן, זאָל איך אַזוי געזונט זײַן!

— האָסטו, הייסט עס, געוווּסט, און מאַסקים געווען?

— עס לאָזט זיך אויס, מאַמע, אַז זי האָט שוין לאַנג באַשלאָסן — אויב עס וועט בא אונדז זײַן א זון, וועט מען אים אָנרופן ניקאָלײַ.

און עליע האָט גענוי דערציילט דער מאַמען וועגן דעם געשפּרעך, וועלכן ער האָט געהאַט מיט אַלגען.

ניקאָלײַ אָסטראָווסקי איז פאַר אַלגען א מוסטער, ווי אַזוי צו לעבן און קעמפן. ווען זי איז געקומען אַהער, קיין ווּטשעראַשניע, האָט אויך די פאַרשטאָרבענע ראיסע סאָלאָמאָנאָוונע געהאַלטן אין איין דערמאָנען אָסטראָווסקיס נאָמען. זי האָט דערציילט, ווי אַזוי זי, צוזאַמען מיט א גרופּע קאָמיוגיסטן, האָבן באַזוכט אין סאָטשי דעם שרײַבער, געערעדט מיט אים. אָף שטענדיק האָט זי פאַרגעדענקט זײַן שמייכל. ווען זי זאָל געווען האָבן א זון, האָט געזאָגט די אַלטע ראיסע, וואָלט זי אים א נאָמען געגעבן ניקאָלײַ.

ראָכל האָט אויסגעהערט עליעס פאַרענטפערן זיך, געקוקט אים אין די אויגן און אַלע־מאָל דערמאָנט זיך אין איר מייערן, וועמענס נאָמען איז פאַר איר געווען אַזוי טײַער און ליב. אָך, ווי ער איז ענלעך, איר עליע, אָף מייערן! און עפּשער איז טאַקע ניט וויכטיק, ווי דאָס אייניקל הייסט. די מאַמע אירע פלעגט אַמאָל זאָגן: ניט וויכטיק איז דאָס היטל — וויכטיק איז דער קאָפּ... און דער קאָפּ איז בא עליען — אָף אַלע אירע ליבע געזאָגט געוואָרן! אווּדע וואָלט זי געוואָלט לעבן באַם זון, אַלע טאָג אים זען פאַר די אויגן, נאָר מער ווי צוויי וואָכן זיך פאַרהאַלטן אין ווּטשעראַשניע האָט זי ניט געקאָנט. זי האָט דאָך פאַרלאָזט די אייגענע שטוב מיט איר אַפּאַנאַסי, וועלכער בענקט נאָך איר און ציילט די טעג — ווען וועט זי זיך שוין אומקערן אַהיים. ווער וואָלט זיך גאָר געקאָנט ריכטן, אַז אַזא באַיאָרטער מענטש, ווי אַפּאַנאַסי, וואָס האָט אָפּגעלעבט א לעבן און איז שוין, דאַכט זיך, געווינט גע־וואָרן צו איינזאַמקײַט, זאָל זיך אַזוי פאַרליבן.

אפאַנאַסי רופֿט זי „מײַן אַלטיטשקע". אַזוי פֿלעגט זי רופֿן אין דער יוגנט אויך איר אומגעקומענער מאַן, מייערקע קירשטיין. עליע רופֿט אויך זײַן אַלגען אַלטיטשקע, און בײַ אים קלינגט עס אויך, ווי בײַ איר מייערן — „טײַערע". ראַכל איז גליקלעך. זאָלן זיי זיך עלטערן אין נאַכעס און אין פֿריידן. און דאָס אייניקל? זאָל עס הייסן אַזוי, ווי איר, אַלגען, איז ליב.

נאָר צי איז עליע גליקלעך?

מיט אַ שפּיץ אויער האָט עליע געהערט, אַז סטעפּאַניוקן וויל מען אַריבערפֿירן אין דער געגנטלעכער צײַטונג. נאָר ס'איז, זעט אויס, אַ פּוסטער קלאַנג, ווײַל סטעפּאַניוק האָט בײַ זײַן לעצטן באַזוך גערעדט מיט אַלגען וועגן גאָר וויכטיקע פּלענער, וואָס ער, אַלס רעדאַקטאָר, קלײַבט זיך דאָ צו פֿאַרווירקלעכן. ער טרוימט זען ווטשעראַשניע צווישן די שענסטע און פֿאָרגעשריטענע ראַיאָנען פֿון דער גאַנצער רעפּובליק.

— און איינער פֿון מײַנע טרוימען, — האָט ער געזאָגט, — איז זיך דערשלאָגן, מע זאָל אונדזער ראַיאָן געבן אַ נײַעם נאָמען...

— מיט וואָס איז שלעכט דער אַלטער נאָמען? — האָט זיך עליע אַרײַנגעמישט, קעדיי באַווײַזן סטעפּאַניוקן, אַז ניט אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז טויערס לאָקש. — דער איקער איז דאָך ניט אינעם נאָמען?!

— איר זײַנט דער איינציקער, איליאַ מיראָנאָוויטש, בײַ וועלכן מײַן פֿאָרשלאָג רופֿט אַרויס אַ צווייפֿל, — האָט זיך סטעפּאַניוק עטוואָס באַליידיקט. — אינעם נאָמען „ווטשעראַשניע" שטעקט אַזוי פֿיל אָפּגעשטאַנענקײַט. מיר איז אָפּטמאָל אַפֿילו אַ בּיזאָיען צו זאָגן, ווו איך לעב און אַרבעט...

— אַ נאָמען איז אַ באַדײַנגלעכע זאַך...

— דאָס רעדט איר שוין ווי אַ צולאָכעסניק, איליאַ מיראָנאָוויטש, דאָס איז איצט זייער מאָדנע בײַ אַ אייניקע יונגעלײַט. אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַ צײַטווײַליקע זאַך — מאָדע! אַז מע ווערט עלטער, הייבט מען אָן פֿאַרשטיין טיפֿער... איך וויל אײַך דערמיט, פֿאַרשטייט זיך, ניט באַליידיקן. אָט האָט איר, צום בײַשפּיל, ניט געגעבן אײַער זון קיין אַלטמאָדישן נאָמען, עפּשער בין איך ניט גערעכט?

— דעם נאָמען האָב איך אויסגעקליבן! — האָט זיך אַלגע אָנגערופֿן מיט אַ באַזונדערער ווירדע. — איך!

פֿון דעם, וואָס סטעפּאַניוק איז פֿאַרנומען מיט צוטראַכטן אַ נײַעם נאָמען פֿאַרן ראַיאָן, איז צו זען, אַז ער קלײַבט זיך ניט אַרויספֿאָרן. אַ שאָד! ס'וואָלט געווען אַ סאַך גלײַכער, ווען ער פֿאָרט פֿונדאַנען אַוועק. „דאַלי אָטשי, דאַלי סערצע", ווי עליעס מאַמע האָט ליב צו זאָגן.

אָפּן זיבעצנטן — דאָס איז געווען פּונקט שאַבעס — האָט אַבראַם באַריסאָוויטש צונויפֿגערופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿונעם גאַנצן קאָלעקטיוו, אויף וועלכער דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַשטימט באַהאַנדלען עליע קירשטיינס אַרטיקל „וועגן קלײניקײַטן, וואָס וואַקסן אַריבער..." די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אינעם גרויסן קאָנווייער־צעך. און כאָטש די מאַשינעס זײַנען געשטאַנען, איז אין צעך געווען גאַנץ ראַשיק.

אַבראַם באַריסאָוויטש האָט הײַנט געהאַט דעם אויסזען פֿון אַ שטאַרק פֿאַרדײַגעטן מענטשן. די גערדיכטע ברעמען האָבן זיך בײַ אים אויסגעצויגן אין איין גראָדער ליניע. דער שניפּס, וועלכער איז אויף אים שטענדיק אַקוראַט אויסגעבונדן, איז הײַנט אַ ביסל פֿאַרוקט אויף אַ זײַט. די פּיפּקע, וואָס ער האַלט געוויינלעך אין איין סמאַליען, שטעקט בײַ אים איצט אינעם לינקן ווינקל פֿונעם פּליישיקן מויל אַ פֿאַרלאָשענע, ווי ער וואָלט אין איר אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

עליע קירשטיין איז אַרײַנגעקומען אין צעך אָן ערנסטער. קיינער וואָלט אים, דאַכט זיך, ניט געקאָנט אַרויסרופֿן אויף אַ וויץ צי אויף אַ שפּאַס, ווי עס טרעפֿט, ווען ער באַווײַזט זיך דאָ, קעדיי אויסרעגולירן אַ מאַשין אָדער פֿאַרבײַטן אַ דעטאַל.

צווישן די, וואָס פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן באַם טיש, איז אויך דער רעדאַקטאָר סטעפּאַניוק. דער סעקרעטאַר פֿון ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט אים ספּעציעל געבעטן, ער זאָל בײַזײַן אויף דער הײַנטיקער פֿאַרזאַמלונג.

סטעפּאַניוק זיצט לעבן עליען, און עס מאַכט אָן אײַנדרוק, אַז ער, דער רעדאַקטאָר, איז גרייט יעדע רעגע, אויב מע וועט דאַרפֿן, זיך אײַנשטעלן פֿאַר אים.

ניט אָפּט רופֿט אַבראַם באַריסאָוויטש צונויף אַזאַ פֿאַרזאַמלונג. ער וואָלט אויך עפּשער

הײַנט ניט צונויפגענומען דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, נאָר אַן אַנדער ברײַרע האָט ער געהאַט? אַזעלכע אַרטיקלען באַװײַזן זיך ניט יעדן טאָג.

אַבראַם באָריסאָוויטש נעמט ענדלעך אַרויס די פּיפּקע פון מויל, לייגט זי אַוועק אויפן טיש, פאַרשאַרט אַף אַרויף די גראָווע קוטשמע האָר, וואָס האַלט אין איין אַראָפּגליטשן זיך אַפן הויכן שטערן.

— קיין פּרעזידיום וועלן מיר הײַנט ניט אויסקלײַבן, — מעלדעט ער קורץ. — אַף דער טאָג־אָרדענונג בײַ אונדז שטייט בלויז איין פראַגע, טײַערע כאַווײרים.

— דאָס וועט מען שוין ווײַטער זען! — האָט זיך אָנגערופן אַן אַלטע שפּולניצע, וואָס איז געזעסן לעבן עקסטן פענצטער. — עפּשער וועלן אַרויסשווימען נאָך אַנדערע פראַגן?..

— גאַנץ מעגלעך, כאַווערטע קאָסטיוקאָווא. בײַ אײַך, ווי מיר איז שוין פון לאַנג באַוווּסט, שווימען זיי אויף, די פראַגן און „פראַגעלעך”, אָן אַ סאָף.

וואַרוואַרא קאָסטיוקאָווא, שוין אַן עלטערע פרוי, איז אַף דער פאַבריק באַרימט מיט איר קענען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. אַמאָל האָט זי זיך פאַרנומען מיט וואַרפן קאָרטן, ביז אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָט זי אַרויסגערופן צו זיך דער פאָרזיצער פונעם ראַיויס־פּירקאָם און איר געזאָגט:

— וואַרוואַרא קאָסטיוקאָוואַ, איך אײַצע דיר, מאַך אַ סאָף צו דײַן בלאָפערײַ, צײַט צו ווערן אַ מענטש.

— וואָס הייסט בײַ דיר ווערן אַ מענטש? אַרײַנטרעטן אין קאָלכאָז צי עפּשער גאָר ווערן אַ דינסט אַף דער עלטער?

אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש האָט איר געקוקט גלײַך אין די אויגן:

— אַף דער זאָקן־פאַבריק דאַרף מען האָבן מענטשן. אַ קאָפּ אַף די פּלייצעס האָסטו, הענט זײַנען בײַ דיר, קיין אײַנהאָרע ניט, געזונטע! פינגער, האָב איך באַמערקט, האָסטו אויך גאַנץ פלינקע, ווען דו האָבן דאַרט אָן אָרנטלעך שטיקל ברויט און צום ברויט אויך...

אין עטלעכע טעג אַרום איז וואַרוואַרע אָנגעקומען אַף דער זאָקן־פאַבריק. פון די קאָרטן האָט זי זיך טאַקע אָפּגעזאָגט, נאָר פון זײַן אַ קאָכלעפל צווישן די פרויען, באַזונדערס צווישן די, וואָס פלעגן קומען צו איר זיך אָן אײַצע האַלטן, האָט זי זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן. זי האָט, ווי פריִער, ליב, מע זאָל זי זען און הערן, שפּרינגט זי אַלעמאָל אַרויס מיט אַ קלאָצקאַשע, מיט אַ באַמערקונג און צומאָל אויך מיט אַ נוצלעכן פאָרשלאָג.

— איז אויב די כאַווערטע קאָסטיוקאָווא האָט ניט מער וואָס צו זאָגן, וועלן מיר אָנהייבן אונדזער פאַרזאַמלונג פון דער הויפּט־פראַגע. דאָס ערשטע וואָרט וועלן מיר געבן אונדזער קאָרעספּאָנדענט, דאָס הייסט אונדזער מײַסטער איליאַ מיראָנאָוויטש קירשטיינען.

עטלעכע מיידלעך, צווישן זיי אויך בראָניע פון דער בוכהאַלטעריע, האָבן אָנגעהויבן אַפּלאָדירן. עליע האָט אויסגעטאָן די ברילן, זיי אויסגעווישט מיטן שניי־ווײַסן טיכל, אַ קוק געטאָן אַפן עולעם און גלײַך זיך פאַרהוסט.

— אייגנטלעך, וואָס איז דאָ צו ריידן? די צײַטונג האָט איר דאָך אַוודע געלייענט?

— געלייענט, געלייענט, — האָבן זיך אָנגערופן עטלעכע שטימען.

— איר פאַרשטייט אַליין.. ווען אַ קליין טראָפּנדל סמאָלע פאַלט אַף אַ ווײַס קלייד... ווען אַ נישטיק שטויבעלע פאַלט אַרײַן אין אַן אויג... עפּשער האָב איך אַ טאָעס?!

— אַזאַ יאָר אַף מיר, ווי ער איז גערעכט, — האָט זיך אָנגערופן וואַרוואַרע.

— איז ווי קאָן מען זײַן גלײַכגילטיק צו קלייניקײַטן, וואָס זײַנען ווײַט ניט קיין קלייני־קײַטן? — עליע האָט אַ הייב געטאָן די ברילן, ווי זיי וואָלטן אים שטערן עפּעס זען. — וואָס איז ווערט יענער אַרבעטער, ווען מען עס טוט ניט ווײַ דאָס האַרץ, ווען פון גוטן רויוואַרג, וואָס מיר קריגן, אַרבעטן מיר אויס זאָקן פון זייער אַ נידעריקער קוואַליטעט?

— אַזאַ יאָר אַף מיר, ווי ער איז גערעכט! — האָט ווידער אויסגערופן די אַלטע וואַר־וואַרע.

— כאַווערטע קאָסטיוקאָווא, זײַט אַזוי גוט, טײַערע, — האָט זיך אופגעהויבן דער דירעק־טאָר, — שטערט אונדז ניט!

עליע האָט אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע זײַן גראָבן בלאָקנאָט.

— דאָ זײַנען בײַ מיר פאַרשריבן אייניקע ציפערן... צענדליקער טויזנטער רובל וואַרפן מיר אַרויס אַפן ווינט. אין פאַרגלײַך מיטן פאָריקן יאָר איז בײַ אונדז דער בראַק אויסגעוואַקסן אַף צוועלף מיט אַ דריטל פּראָצענט. איר ווייסט, וואָס דאָס באַטרעפט? — האָט עליע שיר ניט אויסגעשריגן. — דאָס הייסט, אַז יעדע נײַנטע פּאָר זאָקן גייט לעִיבעד... אַ בּיזאָיען און אַ ווייטעק!

— נאָך אַ מין בּיזאָיען און ווייטעק! — האָבן זיך געלאָזט הערן עטלעכע שטימען מיטאַמאָל.

— איך האָב אָנגעשריבן וועגן קלייניקייטן, נאָר דאָס זײַנען, ווי איר זעט, גאָר ניט קיין קלייניקייטן!

— האַלעוויַ וואָלטן אַלע אַזוי טראַכטן, כאַווער קירשטיין, — האָט אַבראַם באָריסאָוויטש אַרויסגענומען די פּאַרלאַשענע פּיפּקע פונעם מויל.

— ווער זשע איז אין דעם שולדיק?

— איך! — האָט גאַנץ אָפּריכטיק געענטפערט דער דירעקטאָר און דערבײַ אַ קוק געטאָן אַף אים, ווי אײנער רעדט: וואָס טויג דאָ לאַנג ברײַען, שולדיק איז שטענדיק דער באַלעבאָס. — רעד, רעד, ברודערקע, שמײַס מיך מיט דײַנע ציפערן און פאַקטן. דאָס איז אַ גאַנץ שאַרפע בײַטש!

נאָר עליע האָט גאָרניט אין זינען געהאַט סטאַם שמײַסן דעם דירעקטאָר. ער איז ניט פון די, וואָס ווילן זיך אַרויסשטעלן פאַרן סאַמע קליגסטן. ער איז ניט פון די, וואָס נעמען נע־קאָמע. וואָס האָט אים דען אַזוינס שלעכטס געטאָן דער דירעקטאָר? וואָס קאָן ער האָבן צו אָט דעם אויסגעמאַטערטן און פאַרדײַגעטן מענטשן, וואָס לייגט אַרײַן די גאַנצע נעשאָמע אין דער פאַבריק? דאָס האָט דאָך ער, אַבראַם באָריסאָוויטש, צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פון ראַי־קאָם וואַסילי איוואַנאָוויטשן געמאַכט פון אַ קלייניטשקער, קימאַט אַ קוסטאַרישער אונטער־נעמונג, אַזאַ גרויסע זאָקן־פאַבריק.

— און די זאָקן און די זעקעלעך, וואָס מיר לאָזן אַרויס פאַר די קליינע קינדער... אַ פאַר־שטעטער ביזאַיען!

— וועגן דעם איז אין דײַן אַרטיקל גאָרניט געזאָגט געוואָרן! — האָט געמאַכט אַ באַמער־קונג דער פּאָרזיצער פון פאַבריק־קאָמיטעט, אַ באַיאָרטע פרוי מיט אַ שראַם אַפן שטערן, וואָס איז איר געבליבן פון דער מילכאָמע. — נאָר וועגן דעם וועל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער...

— שלאָג אים ניט איבער!

— וואָס איז דאָ צו ריידן?! — האָט עליע, איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, זיך ווידער אָנגעג־רופן. — אײנער מײַנער אַ באַקענטער האָט דאָ ניט לאַנג זיך אומגעקערט פון קיִעוו און האָט מיר מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז ער האָט פאַר זײַן פרוי געקויפט אַ מאַטאַנע — צווײ פּאָר זאָקן, נאָר ניט אַזעלכע, ווי מיר אַרבעטן אויס... אונדזערע, ס'הייסט פון אונדזער פאַבריק, ליגן דאָרט גאַנצע בערג און קײנער וויל זיי ניט קויפן. איך בין שיער ניט פאַרברענט געוואָרן פאַר כאַרפּע... איך וויל פרעגן: ווו איז אונדזער „אָטעקאַ“[1], וווהין קוקן די מענטשן, וועמען מע האָט פאַרטרויט דעם שטעמפּל? און וואָס איז אַזוינס אַ שטעמפּל? דאָס איז אונדזער גע־וויסן... איז עפשער דאַרף מען בא זיי צונעמען דעם שטעמפּל? צונעמען, און אונדזער געוויסן זאָל זײַן ריין...

— ווו ביסטו, כאַכעם, פריִער געווען? — האָט זיך אופגעהויבן אַ היכוווקסיקע פרוי אין אַ בלוי טיכל.

עליע האָט דערויף גאָרניט געענטפערט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז זײַן פליכט איז באַ־זאָרגן די נאָרמאַלע אַרבעט פון די מאַשינעס, און ער טוט עס מיט פלײַס און פאַרשטאַנד. אַלע האָבן אויך געוווּסט, אַז אין דעם, וואָס די פּראָדוקציע איז אַזאַ שלעכטע, — איז ניט זײַן שולד.

עליע האָט פאַרגעזעצט:

— איך האָב געוואָלט זיך אָפּשטעלן אַף אַזאַ קלייניקײַט, ווי גלײַכגילטיקײַט, וועלכע מע קאָן ניט און מע טאָר ניט מויכל זײַן!

— צו וועמען גלײַכגילטיקײַט? — האָט זיך אָנגערופן אַן אומבאַקאַנטע שטים פון דער לעצטער ריי.

— צו אַלץ און צו אַלעמען! — האָט עליע אויסגעשריגן, גלײַך ער וואָלט נאָר געוואַרט אַף אַזאַ פראַגע.

— פאַקטן! דערווײַז מיט פאַקטן!

— צופיל נעמסטו אַף זיך!

— אַ נײַער פּראָקוראָר! וואָס זאָגט איר אַף אים?!

— פונוואַנען האָט ער זיך גענומען, אַזאַ קלוגיטשקער?

— מאַכט ניט קיין יאַריד, כאַווײרים טײַערע! — האָט זיך ווידער אופגעהויבן אַבראַם באָריסאָוויטש און אַ טרייסל געטאָן מיט דער פּיפּקע. — זעצט פּאָר, איליאַ מיראָנאָוויטש.

עליע האָט אופגעמישט די געשיכטע מיט דער פּאַרטיע פוילע פאָדעם, וואָס מ'האָט גע־לאָזט אין דער אַרבעט, געמאַכט עטלעכע טויזנט פּאָר זאָקן, אבי אויספּילן דעם פּלאַן...

[1] „אָ ט ע ק אַ“ — אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל.

— ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ באַלעבאַטעווען?!

עמעס, פּאַסירט האָט עס דאַן, ווען דער דירעקטאָר איז געלעגן אין שפּיטאָל. ס'האָבן זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט די מינען־שפּליטערס, וואָס זײַנען באַ אים געלעגן נאָענט באַם האַרצן, זעקס וואָכן האָט ער זיך געראַנגלט מיטן טויט, די געפערלעכע אָפּעראַציע האָט אופגערודערט די גאַנצע פאַבריק. עליע האָט דעמלט געגעבן אַ גלאָז בלוט — עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַ זיי איז דער זעלבער „רעזוס", און ווער ווייסט, מעגלעך, אַז גראָד אָט די גלאָז בלוט האָט געראַטעוועט אַבראַם באַריסאָוויטשן.

דעם דירעקטאָר האָט דעמלט פאַרביטן זײַן פאַרטרעטער עפראַים רויכמאַן, וועלכער האָט געוואָלט דערווײַזן, אַז אונטער זײַן אָנפירונג וועט די פאַבריק איבערשטײַגן די פּלענער.

רויכמאַן איז געווען זיכער, אַז אַבראַם באַריסאָוויטש וועט זיך שוין ניט אומקערן אַף דער פאַבריק און ער, רויכמאַן, וועט ווערן דער באַלעבאָס. איז ער מאַמעש געקראָכן פון דער הויט, קעדיי זיך אויספּײַנען.

איצט איז דער דירעקטאָר געזעסן באַם רויט־פאַרשפּרייטן טיש און אויסגעהערט איין „קלייניקײַט" נאָך אַ צווייטער. רויכמאַן איז געווען צופרידן, וואָס זײַן נאָמען האָט מען אַפילע ניט דערמאָנט. עליע, וואָס האָט אַזוי גרינטלעך אַנאַליזירט דעם צושטאַנד פון דער פאַבריק, איז שוין מיד געוואָרן. רויטע פלעקן האָבן באַדעקט זײַן בלייך פּאָנעם, גלײַך ער אַליין וואָלט אין אַלץ שולדיק געווען.

אַ מאָדנע זאַך: אים האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט דאָס לידעלע „זאָקן, זאָקן, זאָקן", וואָס די מאַשינעס האַלטן דאָ אין איין זינגען. מיט אָט דעם לידעלע האָט זיך אָנגעהויבן זײַן לעבן אין װטשעראַשניע. דאָס ריטמישע געזאַנג פונעם קאָנווייער פלעגט זיך אים אַפילע כאָלעמען... איצט שווײַגן די מאַשינעס, ווי ס'וואָלט זיי אויך ווי געטאָן, ווײַל אויב ער, זייער מעכאַניקער, ערגערט זיך אַזוי, איז עס דאָך מיסטאָמע ניט אומזיסט!

ס'איז נאָך, דאַכט זיך, ניט אַזוי שפּעט, עס האָט ערשט ניט לאַנג זיך פאַרענדיקט די ערשטע וואַכטע, נאָר די זון, וואָס האָט ליב זיך שפּיגלען אין די מאַשינעס און גנייוויש אונטערווינקען צו די שיינע פּולברוסטיקע דאָרפישע מיידלעך, האָט הײַנט אויסגעמיטן די היציקע פענצטער פונעם ראַכוועסדיקן צעך. די לאַנגע מאַטעווע ליומינעסצענץ־לעמפּ האָבן, ווי אומיסטן, באַגאָסן די פּנעמער מיט אַ גרויער בלייכקײַט.

עליע האָט פאַרענדיקט זײַן רעדע.

אַף פאַרזאַמלונגען באַדאַנקט מען געוויינלעך דעם רעדנער מיט אַ פּליעסקערײַ. הײַנט אָבער איז מען געזעסן שטיל, מיט אַ נאָגנדיקן געפיל. די מאָדנע שטילקײַט איז פול געווען מיט נײַגער: וואָס וועט ווײַטער זײַן?

— נו, איז ווער וויל זיך אַרויסזאָגן? — האָט דער דירעקטאָר זיך געווענדט צו דעם אוילעם.

סטעפּאַניוק האָט זיך אָנגעבויגן איבער זײַן בלאָקנאָט. מער פון אַלץ האָט אים אופגע־בראַכט עפראַים רויכמאַנס פּרעכע רעדע. ווי אַן אומשולדיק שעפעלע, האָט רויכמאַן געגומען דעם „גרויסהאַלטערישן יונגאַטש אין די ברילן, באַ וועלכן עס ליגט נאָך דער מאַמעס מילך אַף די ליפּן... ווי דערוואַגט ער זיך גאָר אופהייבן אַ האַנט אַף אַזעלכע פאַרדינסטפולע און כאַשעווע טוער, ווי אַבראַם באַריסאָוויטש? און ווען?! איצינד, ווען אַבראַם באַריסאָוויטש האָט איבערגעטראָגן אַזאַ שווערע אָפּעראַציע!.."

— ווּ זײַנט איר געווען, כאַשעווער כאַווער קאָרעספּאָנדענט, — האָט ער אָנגעשטעלט אַף אים זײַנע בײַסיקע אייגעלעך. — ווּ זײַנט איר געווען, ווען אַבראַם באַריסאָוויטש האָט בלוט פאַרגאָסן אַף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע?.. און איצט טשעפּעט איר, זיך צו אַלץ. דאָס איז אײַך ניט צום האַרצן, יענץ איז אײַך ניט געפעלן...

דער דירעקטאָר האָט געפּרוווט אים איבערשלאָגן, מאַכן אַ באַמערקונג, אַז אַזוי טאָר מען ניט, נאָר רויכמאַן האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— מיר וועלן קיינעם ניט דערלאָזן ווארפן אַ שאָטן אַף אונדזערע אויסגעפּרוווטע אָנפּי־רער, וואָס זײַנען מיט לײַב און לעבן!..

רויכמאַן האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זײַן פּלאַמיקע דראָשע. אַף דער שוועל פון דעם קאָנווייער־צעך האָט זיך באַוויזן דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמי־טעט — וואַסילי איוואַנאָוויטש.

דערזעענדיק דעם סעקרעטאַר, איז רויכמאַן געוואָרן געלאַסענער:

— פאַרשטייט זיך, צו דער קריטיק פון אונדזער באַלשעוויסטישער פּרעסע דאַרף מען זיך צוהערן. די פּאַרטיי לערנט אונדז, אַז אויב אין אַ נאָטיץ איז פאַראַן פינף פּראָצענט עמעס,



איז שוין קעדײַ, זי זאָל געדרוקט ווערן... אָבער, טײַערינקע מײַנע! מע דאַרף דאָך נעמען אין אַכט, ווער קריטיקירט און וועמען מע קריטיקירט. עפּשער בין איך ניט גערעכט, וואַסילי איוואַנאָוויטש?

אַלע האָבן זיך אַ קערעווע געטאָן צו דער טיר.

— איך האָב אַ פֿאָרשלאָג, מע זאָל אײַנלאַדן אין פּרעזידיום דעם ערשטן סעקרעטאַר פֿון אונדזער ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, — האָט רויכמאַן פֿײַערלעך אויסגערופֿן און דער ערשטער גענומען אַפּלאָדירן.

— דאָס איז שוין גאָר אַן איבעריקע זאַך! — האָט וואַסילי איוואַנאָוויטש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַראָפּגענומען דאָס היטל. — באַ אײַך קומט דאָ פֿאָר אַ זאַכלעכע פֿאַרזאַמלונג, און קיין פּרעזידיום האָט איר, זעט אויס, ניט אויסגעווײלט. ריכטיק? זעצט פֿאָר! זעצט פֿאָר אײַער אַרויסטרעטונג.

— איך האָב שוין אַלץ געזאָגט, זאָל ריידן דער אוילעם... מיר... וואָס זײַנען מיר? מיר זײַנען ניט מער, ווי די באַדינער פֿונעם פֿאָלק, כאַווער וואַסילי איוואַנאָוויטש, מעשאָרסים, אַזוי צו זאָגן...

— דאָס ביסטו, הייסט עס, אַ מעשאָרעס? — האָט זיך אויפֿגעהויבן אַן אַלטער אַרבעטער. — ווען ס'איז אַמאָליקע צײַטן, וואָלסטו געווען אַ פֿײַנער פֿאַבריקאַנט און ניט קיין דינער, ווי דו זאָגסט.

נאָך עטלעכע זאָקנמאַכערנס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט. דערנאָך האָט אַ וואָרט גענומען דער דירעקטאָר. ער האָט באַדאַנקט די רעדנער און באַזונדערס עליען:

— קירשטיין איז אַוודע גערעכט, דער איקער איז דאָס, וואָס דער יונגער מײַסטער איז ניט גלײַכגילטיק, וואָס ער ווייטעקט פֿאַר דער פֿאַבריק, פֿאַר יעדער „קלייניקײַט"!

דערנאָך האָט גענומען אַ וואָרט דער סעקרעטאַר פֿון ראַיקאָם.

— מיר וואָלט זיכער ליבער געווען אײַך באַגריסן מיט נײַע דערפֿאָלגן, איידער אויסהערן דאָס צעטל „קלייניקײַטן", וואָס אויב איר ווילט, שטייען זיי ניט ווײַט פֿון פֿאַרברעכנס, פֿאַר וועלכע הײַנט מישפּעט מען נאָך פֿאַר זיי ניט, צום באַדויערן... אָט האָט דאָ איינע אַ שפּולניצע געפֿרעגט דעם יונגן מײַסטער: „וואָס היצסטו זיך אַזוי און וואָס גייט עס דיר אָן מער, ווי אַנדערע?"

— טאַקע יאָ, — האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט וואַרוואַראַ קאָסטיוקאָווא. — אַלעמען לערנט ער, דער פּיסאַקאַ...

וואַסילי איוואַנאָוויטש האָט ניט געוואָלט פֿאַרפֿירן קיין געשפּרעך מיט דער געוועזענער קאָרטנוואַרפֿערן. און ניט צו איר האָט ער גערעדט דאָ, אויף דער פֿאַרזאַמלונג. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך ער איז שולדיק אין דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער פֿאַבריק. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז הונדערטער אויגן קוקן אויף אים און פֿרעגן: „כאַווער סיניצאַ! דו ביסט דאָך דער פֿאָרשטייער פֿון דער פּאַרטיי. ווי זשע קומט עס, וואָס דו קאָנסט ניט געבן קיין קלאָרן ענטפֿער: ווער איז שולדיק אין דעם אַלעמען? אַדרעבאַ, רעד!"

— דער ערשטער געבאָט פון אונדזער לעבן איז דער עמעס, — האָט ער געזאָגט, — און דאָרט, ווו מע טרעט אָפּ פונעם עמעס, מוז קומען א דורכפאַל, א מאַפּאָלע.

— אין דעם גייט עס דאָך! — האָט אויסגעשריגן דער אַלטער ארבעטער.

— און וועמען, אייגנטלעך, נארן מיר אָפּ, כאַווײרים? — וואַסילי איוואַנאָוויטש איז, קענטיק, שווער געווען צו ריידן דאָ, אינעם צעך, מיט וועלכן ער האָט שטאָלצירט, ווי מיט אַן אייגן קינד. ווי לאַנג ערשט איז ער אַליין געשטאַנען אין א ספּעצאָווקע באַם וואַרשטאַט?

— מיר אַלע, — האָט ער געזאָגט, — יאָ, מיר אַלע זײַנען דאָ איין באַלעבאָס. נו, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מע וועט אראָפּנעמען פון דער ארבעט די איצטיקע אָנפירונג. נו, און ווײַטער? וועט דען די נײַע אדמיניסטראַציע אַליין אימשטאַנד זײַן שטעלן די אונטערנעמונג אָף די פיס? אָן איַיך, אָן איַיער באַוווסטזײַן, אָן איַיערע הערצער, וואָס זאָלן ווייטעקן, ווי באַ אָט דעם יונגן מײַסטער, וועלן דאָ קיין שום רייד ניט העלפן.

אין דרויסן האָט געגומען טונקעלער ווערן, און די לאַנגע ליומיניסצענץ־לעמפּ האָבן הע־ לער באַלויכטן דעם גרויסן צעך, אַלע זײַנע ווײַססטע ווינקעלעך.

קיין שום טרייסט־ווערטער האָט דער סעקרעטאַר ניט געזאָגט, און דאָך איז אַלעמען נאָך זײַן רעדע גרינגער געוואָרן אָף דער נעשאָמע. בלויז איין מענטש איז געבליבן אומצופרידן — גראָד דער, וואָס האָט אַזוי פלאַמיק באַגריסט דעם סעקרעטאַר, ווען יענער האָט זיך באַוויזן אָף דער שוועל פונעם קאָנווייער־צעך. עפראַיִם רויכמאַן האָט אין הארצן טיף געגלייבט, אַז נאָך אַזא ארטיקל וועלן געוויס געמאַכט ווערן הארבע אויספירן בענעגייע דעם דירעק־ טאָר, — ס׳הייסט, באַפרײַ, ברודערקע, דאָס אָרט פאַר אים, דעם צווייטן מאָל דיפּלאָמירטן רויכ־ מאַנען.

רויכמאַן האָט אפילו געפּרוווט באַגלייטן דעם סעקרעטאַר, נאָר וואַסילי איוואַנאָוויטש האָט אָף אים א קוק געטאָן אַזוי, אַז עס האָט געקאָנט באַטײַטן: פּלאָנטער זיך ניט אונטער די פיס, מירן זיך יאַקאָס באַגיין אָן דײַנע באַגלייטענישן...

4. טאַסיעס מאַזל

דער צימער, וואָס דער יִשעון־ראַט האָט אויסגעטײלט פאַר קאָסטיען און קאַטיען, האָט געשײַנט. זינט זיי האָבן כאַסנע געהאַט, איז אַלץ ארום געווען פול מיט פרייד און מיט האַפענונגען.

אינעם צימער איז געשטאַנען א ברייט בעט, א טיש אָף דרײַ פיס, ביכער־פּאָליצעס, וואָס קאָסטיע האָט אַליין צונויפגעקלאַפּט פון ריין אויסגעהובליעוועטע סאָסנע־ברעטער, און א קינדער־בעטעלע — א מאַטאָנע פון די דאַווידענקאָס. אין אָט דעם בעטעלע זײַנען אויסגע־ כאַוועט געוואָרן אַנפּיסעס עלטערע טאָכטער ניורע, דאָס ייִנגעלע וואָוועטשקע, וועמען די באָבע דאָמנע רופט ניט אַנדערש, ווי „ווירעדאָק”... איצט איז דאָס בעטעלע פאַרפּוצט מיט בונטע סטענגעס און שפּילעכלעך, וועלכע קאָסטיעס כאַווײרים האָבן געבראַכט, ווי נאָר נאָך־ דיושע איז געבוירן געוואָרן: גומענע קאַטשקעלעך, פישעלעך, מאַלפּעלעך. קאָסטיעס גאָר א יונגער פרײַנט, וועלכער האָט אָקאָרשט זיך אומגעקערט פון דער ארמיי און נאָך אפילו ניט באַוויזן צו פאַרבײַטן דאָס כאַקי־העמדל אָף א ציווילן בעגעד, האָט געשענקט דעם קינד אַן אויטאָמאַט, א טאַנק און א קוילנוואַרפער פון פּלאַסטמאַסע.

— קיין בעסערע שפּילעכלעך האָסטו ניט געקענט צוטראַכטן פאַר א מיידעלע?

— א מאָשל, ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז דאָס וועט זײַן א מיידל?!

— וואָלסטו כאָטש צוגעוואַרט א ביסל!

— איך בין א מענטש, וואָס האָט פײַנט צו וואַרטן...

צוליב דער קליינטשקער נאַדיושע האָט קאָסטיע אופגעהערט רייכערן, זיך אָפּגעזאָגט פון אַן איבעריקן טראָפּן, וואָס אָן אים, ווי ער פלעגט זאָגן, איז א שאַכטיאָר קיין שאַכטיאָר ניט!

קאַטיעס פאַרנאַכטיקע ארבעט אין ביבליאָטעק צווינגט קאָסטיען פאַרבלײַבן מיטן קינד. מע האָט דאַפקע פאָרגעלייגט קאַטיען, זי זאָל זיך אריבערפירן אין קינדערגאָרטן — דער זעל־ בער געהאַלט און ניט ווײַט פון דער שטוב. נאָר די יונגע ביבליאָטעקערן האָט זיך אָפּגעזאָגט:

— עס גייט דען נאָר אינעם געהאַלט? און וואָסי שײַעך באַקוועמלעכקײַטן, אַז מע האָט אַזא מאַן, ווי מײַן קאָסטיע...

קאָסטיע איז ווירקלעך געווען א גוטער מאַן און א זעלטענער טאַטע.

— וואָלסט געמעגט נעמען א מוסטער פון קאַסטיע רודענקאָ! — האָט ניט איין מאָל געטײַנעט צו איר דאַדיקן וואליע רובטשיק, וועלכע איז פריִער פון אלע אירע כאַווערטעס געוואָרן א מאמע. — אָט דאָס הייסט א טאטע! און דו...
— וואָס איך?
— מײַנע אויגן קריכן מיר ארויס, ביז איך דערזע דיך...
— וואָס זאָל איך טאָן, אז מײַן פאך איז אזא?.. האָסט עס געדאַרפט פּאַרויסזען, וואַלינקע.
באַזונדערס איז וואליען ניט געפעלן געווען, וואָס לעצטנס האָט איר דאַדיק אָנגעהויבן זוכן זײַטיקע פּאַרנאָסעס. זײַן ערשטע ארבעט אזא איז געווען דער פּאָרטרעט פון דער פרוי פונעם רעסטאָראַן־דירעקטאָר טאמארע.
קיין געלט פעלט איר ניט, טאמארען. זי פּאַרדינט ניט ווייניקער פון איר מאַן. זי האָט גאָלדענע הענט. די קאָפּטלעך, וואָס זי שטריקט, מעג מען שיקן אף אן אויסשטעלונג. אין קלייט וועט מען אַזוינס פאר קיין שום געלט ניט קריגן. די באַרימטע מאָדניצע, טאַסיע, וועלכע איז, ווי זי זאָגט, שוין אריסגעוואוען א וועלט, באַשטעלט בא איר אלץ, וואָס זי דאַרף.
נאָדיע קומט אויך אָן צו איר... טאמארע האָט איר אויסגעשטריקט א סוויטער מיט צוויי גרויסע הירשן אף דער ברוסט. ווען קאַסטיע האָט דערזען נאָדיען אין דעם סוויטער, האָט ער א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט:
— זעט נאָר! ווי איין מאמע וואָלט זיי געהאַט!
— ווער מען?
— די סוויטערס!
— בא וועמען איז דען נאָך פאראן אזא? — האָט נאָדיע ניט פאַרשטאַנען.
— בא דער געפּאַרבטער טאַסיען...
ווען קאַסטיע האָט נאָכדעם דערציילט וועגן דעם זײַן קאַטיען, האָט זי זיך צעלאַכט:
— און פונוואַנען ווייסטו, וואָס פאר א גאַרדעראָב טאַסיע פּאַרמאָגט?
— דאָס האָט דאַדיק זי פּאַרייבּיקט אף א פּאָרטרעט אין אזא סוויטער. כ'האָב אליין געזען דעם פּאָרטרעט. באַזונדערס האָבן זיך אים אײַנגעגעבן די צוויי הירשן. אך, סאַרא הירשן! וואָלסט געמעגט א קוק טאָן!
— קיין אנדער ארבעט האָב איך ניט!
קאַטיע האָט פײַנט געהאַט טאַסיען ניט נאָר דערפאַר, וואָס זי פאַרסאַמט דאָס לעבן איר כאַווערטע נאָדיע אלפּערין, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ארום איר האָבן זיך אָנגעהויבן ארומדרייען גאַנץ ווילע כעווריע פון קאָסטיעס בריגאַדע. איינעם פון זיי, דעם מאָבּיליזירטן סאָלדאַט אראַנטשיקן, וואָס איז ייִנגער פון איר אף א יאָר נײַן־צען, האָט זי שיר ניט פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער איז אפילע אין איינעם א שיינעם טאָג אריבערגעפּאָרן פון דער צוזאמענוווינונג צו טאַסיען אין איר געמיטלעכן צימערל, וואָס געפינט זיך גראַד ניט ווײַט פון דער שאַכטע.
— קיין ראַשיקע כאַסענע וועט בא אונדז ניט זײַן, — האָט אראַנטשיק געזאָגט צום בריגאַדיר זײַנעם, — נאָר דו מיט דײַן ווײַבעלע און נאָך א פּאָר קאָרעשעס וועלן מיר אײַנלאַדן. איין מאָל האָט מען דאָך כאַסענע!
— טאַקע ווײַל איין מאָל, — האָט אים קאַסטיע ארומגענומען, — אייצע איך דיר, זאָלסט זיך ניט לאָזן אראָפּפירן פונעם גלײַכן וועג... קלאָר?!
— ניט זייער קלאָר...
— ווײַל דו קענסט זי ניט און ווייסט ניט, וואָס דאָס איז פאר א בריִע, אָט די געפּאַרבטע.
— אלע זײַנען אציִנד געפּאַרבטע, — האָט דער רויטער אראַנטשיק זיך קינדעריש צעלאַכט. — אויך מיר א כיסאָרן — געפּאַרבט...
— זי איז דאָך עלטער פון דיר אף...
— עלטערע פרויען, זאָגט מען, זײַנען צען מאָל געטרײַער... כוץ דעם, האָט זי א צימער — א פאַרגעניגן!
— הייסט עס, צוליבן צימער האָסטו כאַסענע מיט איר?
— עס זײַנען מיר שוין דערעסן די צוזאמענוווינונגען, עס ווילט זיך שוין א ביסל לעבן ווי א מענטש...
— האָסטו זי כאָטש געפרעגט, צי האָט זי דיך ליב?
— אַזוינס פרעגט מען ניט, אזוינס דערפילט מען, ברודערקע!
אראַנטשיק האָט באַגלייט זײַן בריגאַדיר ביז צו דער שטוב און אלץ אײַנגעטײַנעט מיט אים, אז די זאַך איז שוין א באַשטימטע און אז ער, דער בריגאַדיר מיט זײַן קאַטיען, וועלן זײַן בא אים די אָנגעלייגטסטע געסט. די כאַסענע איז באַשטימט אפן נאָענטן זונטיק.

קאַסטיע האָט פאַרבעטן אַראַנטשיקן צו זיך אהיים. בא קאַטיען איז פונקט געווען אַן אָפּרו־טאָג, און זי האָט זיך פאַרנומען מיט שטוב־אַרבעט. דערהערט, וועגן וואָס קאַסטיע אַמפּערט זיך מיטן צונטער־רויטן באַכער, וואָס איז פונקט, ווי זי, באַשאַטן מיט קלײַען, איז בא קאַטיען שיר ניט אַרויסגעפאַלן פון די הענט דער טאַץ מיט די פאַרברוינטע פּלעצעלעך, וואָס זי האָט ליב געהאַט באַקן יעדן זונטיק.

— קיין שענערע פּאַר האָסטו זיך ניט געקאָנט אויסקלײַבן?

— זי איז דען א מיעסע? — האָט אַראַנטשיק אופגעהויבן אַף איר זײַנע צעטומלטע אויגן.

— כ׳מיין — קיין פײַנערע, קיין לײַטישערע...

— און מיט וואָס איז זי ניט קיין פײַנע און ניט קיין לײַטישע? שוין דערמיט, וואָס זי איז מאַסקים געמען אַזא קלײַנדיקן, ווי איך, פאַר א מאַן, איז זי דאָך שוין א לײַט! — האָט אַראַנטשיק זיך פריילעך צעלאַכט. — זי ריזיקירט דאָך, מײַן קאַלע...

— מיט וואָס, אַשטייגער?

— מיט דעם, וואָס אונדזערע קינדער וועלן אויך זײַן צונטער־רויט...

קאַטיע האָט פילדײַטיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נאַר וואָס דו ביסט, וועגן וועלכע קינדער רעדסטו? טאָסיע וועט דיר געבוירן קינדער? דאָס, וואָס קאַטיע האָט דערציילט, האָט אַראַנטשיקן איבעראַשט. דאָס, וואָס זי איז עלטער פון אים, — אַרט אים ניט. אים אַרט אויך ניט, וואָס זי האָט שוין געהאַט א מאַן. קאָרג טראַגעדיעס זײַנען געווען בײַס דער מילכאָמע? נאָר דאָס, וואָס ער וועט בלײַבן אָן קינדער! בא זײַן טאַטן זײַנען געווען זיבן זין און דרײַ טעכטער. און ער, אַראַנטשיק, וועט, הייסט עס, בלײַבן ווי א פוסטער זאַנג?

דער געוועזענער אַרטילעריסט איז אוועק פון רודענקאָס שטוב ווי א פּריטשמעליעטער. בעטעווע א שעמעוודיקער, האָט ער ניט געוווסט, ווי ווײַטער זיך אופירן. ערשט נעכטן איז אַלץ שוין געווען אָפּגערעדט... זי האָט שוין אפילע געפּויעלט באַם דירעקטאָר פון דער אַטעליע, מע זאָל פאַר איר כאַסן אין מעשעך פון פיר טעג אופנייען א שוואַרצן אַנצוג. ווי זשע קאָן ער אָט אַזוי־אָ?..

קאַסטיע האָט געטראָפן יעגאָרן באַם הייב־קאָרב — און זיך אויך אײַנגעשלאָסן אין דער אַרבעט, ווײַל אַף וועמען נאָך, ווי אַף קאַסטיען, קאָן יעגאָר דובאָוו אַזוי זיך פאַרלאָזן?

דער אינזשעניר, וואָס איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען אַף דער שאַכטע „ניצאַכן", האָט זיך ניט געהאַלטן מײַסע קענער און ווייסער. ווי עס פּאַסט פאַר א באַשיידענעם געלערנטן, האָט ער זיך אופגעפירט אַזוי, גלײַך ער וואָלט פון שטענדיק אָן געאַרבעט אין איין בריגאַדע מיט קאַסטיען.

א היפּשן טייל פון די מאַשין־דעטאַלן האָט מען שוין באַוויזן אַראָפּלאָזן אין שאַכטע. די קנאַפּע שײַן פון די לעמפּלעך, וואָס האָבן באַלויכטן די שוואַרצע, גלאַנציקע לאַוועס, האָט זיך געפּרווט פאַרמעסטן מיט די שאַכטיאָרישע לאַמטערנדלעך, וואָס האָבן ווי אונטערגעוווּנקען אין די הענט און אַף די היטלען פון די קוילנגרעבער.

קאַסטיע רודענקאָ האָט אין דער שאַכטע זיך געפילט ווי בא זיך אין שטוב — אַלץ איז אים דאָ געווען באַקאַנט. מיט פאַרמאַכטע אויגן וואָלט ער געפינען זײַן אַלטיטשקן קאָמבײַן, וועלכער האָט שוין זײַנס אָפּגעדינט און וואָלט שוין געמעגט שטיין ערגעץ אין א שול, אַז די קינפטיקע שאַכטיאָרן זאָלן זיך דערווײַל לערנען אַף אים. דער דאָזיקער געדאַנק איז אים אופגעקומען ערשט אַצינד, ווען ער האָט באַטראַכט דעם נײַעם קאָמפּליצירטן אַגרעגאַט, וואָס קומט פאַרבײַטן דעם אַלטן קאָמבײַן.

נעכטן איז ער, דער אַלטיטשקער, נאָך געווען אין פולן גאַנג, און הײַנט שטייט ער ווי א פאַרגעסענער. מע גייט פאַרבײַ, קימאַט ניט באַמערקנדיק אים.

שוין עטלעכע שאָ, אַז זיי פאָרען זיך דאָ, אונטער דער ערד. אַלע זײַנען שוואַרץ, ווי די רוכעס. די ציין און די ווײַסלעך פון די אויגן טיילן זיך נאָך שטאַרקער אויס מיט זייער ווײַסקייט.

— איך מיין, אַז אַף הײַנט וועט זײַן גענוג! — האָט יעגאָר זיך געווענדט צום אינזשעניר.

— איר זײַנט דאָ דער באַלעבאָס... — האָט אים געענטפערט דער גאַסט, — באַפעלט...

— בא אונדז אין אַרמיי פלעגט מען זאָגן, — האָט זיך אָנגערופן אַראַנטשיק, וועלכער איז געווען שטאַלץ דערמיט, וואָס אים האָט מען אויך געגומען אויספילן אַזא בעקאָוועדיקע שליכעס, ווי אײַנשטעלן דעם נײַעם קאָמבײַן, — „קריך אַרויס פון דער פעל, נאָר פיל אויס דעם באַפעלן"

— נו, איז באַפויל איך איבערײַסן די אַרבעט ביז מאָרגן!

מע האָט זיך אופגעהויבן אַרוּף, ווען די לעוואָנע האָט שוין אַרויסגעקוקט דורך די שיטערע וואָלקנס און אָן א שיר פּריילעכע פּײַערלעך האָבן באַלויכטן דעם יישעוו.

— עפשער וועלן מיר צוזאַמען פאַרברענגען אַן אָוונט? — האָט געפרעגט דער גאַסט, ווען מע איז פאַרבײַגעגאַנגען דעם רעסטאָראַן, פונוואַנען ס'האָט זיך געטראָגן מוזיק פון א ראַדיאָלע.

— אָן מיר, — האָט זיך דובאָוו אָנגערופן, — איך בין אַף א שטרענגער דיִעטע...

— מיר זײַנען אַלע „דיִעטשיקעס", — האָט א שמייכל געטאָן אַראָנטשיק. — און אַף מיר וואַרט אויך א פרוי...

— אַזאַ מאַזל איז שוין בא זיי, בא די פרויען, שטענדיק וואַרטן זיי... — האָט א זאָג געטאָן דער גאַסט.

— דאָס איז גראָד ניט קיין שלעכטע געוווינהײַט: וואַרטן. הא, וואָס זאָגסטו, קאָסטיע?

— זעלבסטפאַרשטענדלעך!.. ערגער איז דעם, וועלכער האָט ניט, ווער עס זאָל אַף אים וואַרטן...

— נו, איז ווי איר ווילט זיך. און איך האָב זיך שוין גוט אויסגעהונגערט.

צוזאַמען מיטן גאַסט זײַנען אַוועק נאָך עטלעכע כעוורע פון דער בריגאַדע. קאָסטיע מיט יעגאָרן האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים.

קאַטיע האָט זיך שוין באָמרויִקט. עטלעכע מאָל אַרויסגעלאָפן אַף דער גאַס, א קוק טאָן, צי גייט ניט איר מאַן.

אײַנעם געסל, ווו זיי וווינען, איז שאַ־שטיל. וווּ־ניט־ווו גייט א גרויער רויך פון די קוי־מענס. באַשײַנט פון דער לעוואָנע, מאַכן די רויכן אַן אײַנדרוק פון גרויסע זײַלן, וואָס שפּאַרן אונטער דעם באַנאַכטיקן הימל. פון ערגעץ דערטראָגט זיך א צעצויגענער פּײַף — דאָס איז פאַרבײַגעלאָפן א צוג, וואָס שטעלט זיך דאָ אַפילע ניט אָפּ. ער באַגרענעצט זיך, ווי קאַטיע זאָגט, בלויז מיט א הילכיקן זײַ־געזונט.

קאַטיע איז שוין געווען גרייט זיך לאָזן צו דער שאַכטע, קעדיי זיך דערוויסן, וואָס זאַמט זיך דאָרט אַזוי לאַנג איר קאָסטיע, נאָר אַף ווּעמען לאָזט מען איבער דאָס קינד? זיצט זי, אָן אָנגעטאָנענע, באַם טיש, אַף וועלכן עס שטייט דער וואַרמעס פאַר קאָסטיען. דערנעבן ליגט א העפט, אין וועלכן קאַטיע פאַרשרײַבט אירע „געגראַמטע זעונגען און באַאַבאַכטונגען".

עס טרעפט, אַז זי שרײַבט אָן א ליד, וואָס איז איר, דאַכט זיך, געפעלן און זי איז גרייט דאָס איבערלייענען איר גרעסטן מייוון — נאַדיען. נאָר אָפּטער צאַמט זי דאָס געפיל — זי ווערט שטרענגער צו זיך און צו אירע שאַפונגען; וואָס מערער זי לייענט, אַלץ מערער איבערצײַגט זי זיך, אַז דיכטונג איז ניט דאָס גראַמען א וואָרט מיט א וואָרט. ניט יעדערער איז געבענטשט מיט מאַזל אַרײַנצודרינגען אין דער מענטשלעכער נעשאָמע.

נאַדיע האָט שוין אַפילע אַנומלטן געפרעגט בא איר:

— וואָס איז געשען, קאַטינקע, וואָס דו האָסט אופגעהערט מיר, באַווײַזן דײַנע לידער? האָסט מיר אופגעהערט פאַרטרויען?

— גאָט איז מיט אײַך, נאַדינקע! וואָס רעדט איר?!

— וואָס זשע, עפשער האָסטו אופגעהערט שרײַבן?

— איך שרײַב... נאָר איך שעם זיך אײַך באַווײַזן...

— אַזוי גאָר! דאָס איז שוין גראָד א גוטער סימען. ערגער איז, ווען מע איז אין זיך פאַרליבט... אײַנעם שרײַבן איז פונקט ווי אײַנעם לעבן...

— דאָס האָב איך שוין אַליין פאַרשטאַנען...

עס האָט א סקריפּע געטאָן די טיר, און ביידע — קאַטיע און דאָס מיידעלע — האָבן אויסגעשטרעקט צו קאָסטיען די הענט.

— וואָס אַזוי שפּעט?! ביסט פּיטש־נאַס.

— נאָך דער אַרבעט בין איך דאָך געווען אונטערן דוש! נו, וואָס מאַכט עפּעס אונדזער באַלערינקעלע?

קאָטיען געפעלט, ווען קאָסטיע רופט זייער מיידעלע — „באַלערינקעלע". פאַר דער כאַסענע האָט קאַטיע אָנטיילגענומען אין אײַנעם א קאָנצערט. קאָסטיע און נאַדיע אַלפּערין האָבן געזונגען א דועט, און זי, קאַטיע, האָט געטאַנצט. נאָך איר אַרויסטרעטונג איז צו איר צוגעגאַנגען דער הויפּט־אינזשעניער, זי אַרומגענומען און מיט באַגײַסטערונג אויסגעשריגן:

— ביסט דאָך אַן עמעסע באַלערינע, קאַטינקע!

פון יענעם אָוונט איז בא זיי אַוועק — קאַטיע די באַלערינע! האָט מען עס דערנאָך צוגעקלעפּט אויך צו זייער מיידעלע.

— דײַן באַלערינע איז הײַנט שיִר ניט אַרויסגעפאַלן פון איר בעטעלע...

קאַסטיע האָט גענומען דאָס קינד אַף די הענט און עטלעכע מאָל דאָס אונטערגעוואָרפן. דעם מיידעלע איז געפעלן געווען די שפּיל, זי האָט אַזש געקוויטשעט פון פאַרגעניגן.

— זעץ זיך שוין צום טיש, ביסט דאָך אוודאי הונגעריק... צי עפּשער האָט אײַך דובאַוו מכבד געווען מיט אַ ווערטשערע?

— דובאַוו?!.. קענסט ניט דובאַוון? — און קאַסטיע האָט איר דערציילט, וויאַזוי ער און דער שעף האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אינזשעניערס אײַנלאַדונג.— מיר זײַנען אַוועק אַהיים. עטלעכע יאַטן און אויך אַראַנטשיק זײַנען אַוועק מיט אים. אָפן האַרצן באַ דעם באַכער איז, ווי דו פאַרשטייסט אַליין, איצט ניט פריילעך...

— אַ פּוסטער באַכער! — האָט קאַטיע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט... ווי שעמט ער זיך ניט האָבן צו טאָן מיט אַזאַ...

— אַראַנטשיקן דאַרף מען פאַרשטיין. ער האָט געהאַט זייער אַ שווערע קינדהייט... דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט...

ווער־ווער, נאָר זי, קאַטיע, ווייסט, וואָס הייסט אויסוואַקסן אָן טאַטע־מאַמע, זיך וואַל־גערן אין דער פרעמד...

קאַטיע האָט גאָר ניט געוווּסט, אַז אַראַנטשיק איז אַ ייִד, געמיינט, אַז מײַסטרענקאָ איז זײַן אייגענע פאַמיליע. וויַזט זיך אַרויס...

ווען דאָס קינד איז אײַנגעשלאָפן געוואָרן און דאָס פּאָרל האָט זיך שוין אויך אויסגעבעטן ניט ווײַט פונעם קינדער־בעטעלע, האָט קאַסטיע פּלוצעם אַ זיפץ געטאָן.

— וואָס זיפצסטו אַזוי שווער, מײַן אַלטיטשקער?

— עס ווײַזט זיך דיר אויס.

— מיך נאַרט מען ניט!.. וואָס איז געשען, קאַסטיע?

— איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן אונדזער אַרטילעריסט.

— איך האָב אויך נאָרוואָס געטראַכט וועגן אים.

— ווייסט, איך האָב שוין כאַראַטע, וואָס כ'האָב זיך אַרײַנגעמישט אין זייער „ראָמאַן"...

— דו האָסט אַנדערש ניט געקאָנט און ניט געטאָרט טאָן! איר זײַנט דאָך כאַווריים!

— יאָ, געוויס, כאַווריים. נאָר שוין זשע, טראַכט איך, דאַרף אַ מענטש דאָס גאַנצע לעבן צאָלן פאַר אַ פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען אין דער יוגנט?!

פאַראַט איז ניט קיין פעלער, קאַסטיע! פאַראַט איז דער סאַמע שווערסטער און גרעסטער פאַרברעכן,— האָט קאַטיע געזאָגט אַזוי אַנטשיידן, אַזוי בייז, אַז קאַסטיע האָט אַזש אַ ציטער געטאָן.

— כ'האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ שטרענגער פּראָקוראָר, קאַטיע!

— און איך האָב ניט דערוואַרט, דו זאָלסט אַזוי גרינג קאָנען מוחל זײַן...

קאַסטיע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ביסט, דאַכט זיך, גערעכט, מײַן אַלטיטשקע...

— טראַכט וועגן מיר, וואָס דו ווילסט, זאָג, אַז איך בין אַ שטרענגע, אַ שלעכטע, אַז מײַן האַרץ איז פון שטיין, נאָר קיין אַנדערע וועל איך ניט ווערן. גוטסקײַט האָט ניט צו טאָן מיט גלײַכגילט. און איך וויל ניט, אַז אויך דו זאָלסט זײַן אַ „גוטינקער", מיטאָמאָל פאַרגעסן, וואָס דער סוינע האָט אונדז אָפּגעטאָן.

קאַטיע האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט איין אָטעם. זי האָט וועגן דעם ניט איין מאָל געטראַכט, לייענענדיק וועגן דער שוואַרצער גזירע, וואָס די פאַשיסטן האָבן געבראַכט אַף אונדזער ערד. „פריִער אָדער שפּעטער,— האָט זי געטראַכט,— מוז קומען די שאָ, ווען אַ מענטש דאַרף אָפּצאָלן פאַר אַלע זײַנע טאַטן, פאַר אַלע זײַנע געגנג. ווי אַ שאָטן גייען נאָכן מענטשן נאָך אַלע זײַנע אופטועז — גוטע און שלעכטע — און קיינער, כוץ אים, איז פאַר זיי ניט פאַראַנטוואָרטלעך. צאָל, צאָל פאַר אַלץ, און באַקום פאַר אַלץ, וואָס דו האָסט אופגעטאָן פאַר דײַן לעבן!"

יענעם אָוונט און יענעם געשפּרעך וועט קאָסטיע קיינמאָל ניט פאַרגעסן. בעטעווע אַ גוטער, האָט קאָסטיע געפּרוווט דערקלערן טאַסיעס פעלערן און בלאָנדזשענישן מיטן קורצן וואָרט — מאַזל... ס'הייסט, וואָס האָט זי געקאָנט טאָן, אַז דאָס מאַזל אירס איז אַזאַ?.. קאַרג זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זײַנען געשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ מאַזל? נאָר זײַן קאַטיעס אופגעבראַכטקײַט, אירע שטרענגע ווערטער, ניט פאַר קיינעם, פאַר אים אַליין, האָט אים ווי דערוועקט פון אַ טיפן שלאָף. און ער האָט אויך אַ טראַכט געטאָן: מוחל זײַן אַ פאַראַט איז אויך פאַראַט! יאָ, יאָ! פאַראַט! און איך וויל ניט זײַן קיין פאַרעטער! איך מוז, איך מוז עפענען די אויגן דעם באָכער, וואָס האָט אַזויפיל זיך אָנגעליטן.

„און עפּשער וואָלט טאַסיע געוואָרן אַ לײַט, ווען זי פאַרבינדט איר מאַזל מיט אַראַנ־

טשיקן? — האָט זיך פּלוצעם אַרײַנגעגאַנוועט א געדאַנק. — עפּשער וואָלט זי אויסגעקויפט אירע זינד מיט אירע געטרײַע זאָרגן וועגן אים, דעם אײנזאַמען באָכער?"

אינעם רעסטאָראַן איז געגאַנגען אַלץ ווי געוויינלעך. דער איינפוסיקער דירעקטאָר פונעם רעסטאָראַן איז געזעסן אַף זײַן ברייטן שטול, ווי אַף א העסעבעט. אינעם האַלבטונקעלן ווינקל, אין דער אַרומרינגלונג פון עטלעכע יונגעלײַט, איז געזעסן טאַסיע.

דער דירעקטאָר איז געווען צופרידן, וואָס אַלץ גייט שטיל און לײַטיש. נאָר אָט האָבן זיך דערטראָגן באַזונדערע אויסגעשרייען. דערווײַל האָבן זיי אים ווייניק געריר. „אין א רעסטאָראַן מוז זײַן טומלדיק, — אַזוי האָט אים ניט איין מאָל געזאָגט זײַן טאַמאַרע. — דריקער מיש זיך ניט. טו דיר דײַנס! היט אָפּ דאָס געזונט! זײַ צופרידן, וואָס דו ביסט לעבן געבליבן און האָסט מיך פאַר א ווײַב...”

טאַסיע איז געווען גליקלעך, וואָס זי קאָן געבן צו וויסן דעם גאַנצן יישעוו, אַז איצט איז זי שוין מער ניט קיין אײנזאַמע. מיילע, איר איז ניט באַשערט געווען ווערן יעגאָר דובאָווס פרוי. עפּשער איז עס גאָר צום גוטן!.. די וועלט זאָגט דאָך: אַף ניט גיין און ניט פאָרן זאָל מען קיין כאַראָטע ניט האָבן... ווער ווייסט... בעסער איז, אַז מע פליט ניט אין די הויכע הימלען — פאַלן פון א גרויסער הייך איז געפערלעכער... א פרוי אין איר, טאַסיעס, עלטער דאַרף ניט שטאַרק איבערקלײַבן. מיילע, איז ער ניט אַזא אויסגעשפּילטער, ניט אַזא ספּריטנער, ווי זי האָט אַמאָל מיידלוויַיז געטרוימט, דערפאַר אָבער וועט ער שטענדיק ציטערן איבער איר, ניט זוכן זיך קיין צווייטע... פאַראַן מענער, וואָס האָבן ניט ליב, ווען דאָס ווײַב איז קליגער... אָבער אַראָנטשיק איז פון אַן אַנדער שניט. אים וועט גראָד געפעלן, וואָס זײַן פרוי איז דערפאַרענער פון אים. אָ, טאַסיע ווייסט, ווי מע דאַרף זיך אופירן מיט א מאַנצבל, ער זאָל זי טראָגן אַף די הענט...

נאָר ווו פאַרהאַלט ער זיך אַזוי לאַנג?

— אַף וועמען וואַרט איר עס הײַנט אַזוי, טאַסיע, אַף וועמען קוקט איר עס אַזוי אַרויס?!

— אַף מײַן אַרטילעריסט! שאַט, אָט גייט ער שוין! — טאַסיע הייבט זיך אוף און גייט באַגעגענען איר כאָסן, וואָס איז אַרײַנגעקומען צוזאַמען מיטן אינזשענער פון דאָניעצק.

— זײַט באַקאַנט, — האָט אַראָנטשיק זיך אָנגערופן צום אינזשענער, — טאַסיע.

טאַסיע האָט אויסגעשטרעקט איר האַרטע האַנט, און ס'האָט פון איר א ווייע געטאָן מיט איידעלע פּאַרפומען — א מאַטאָנע פונעם הויפּט־אינזשענירס פרוי. זי האָט די פּאַרפומען געבראַכט פון בוקאַרעשט, ווו זי איז געווען מיט איר מאַן.

טאַסיע האָט בעפיירעש געוואַרט, אַז אַראָנטשיק וועט זי פאָרשטעלן ווי זײַן קאַלע. נאָר נישקאָשע, זי וועט אים אויסלערנען, ווי־אַזוי זיך צו פירן.

די כעוורע, וואָס האָבן אַרומגערינגלט טאַסיען, האָבן באַטראַכט דעם גאַסט. זיי האָבן געהערט וועגן זײַנע שליכעס און געוווסט, אַז קאָסטיע און אַראָנטשיק אַרבעטן אויך באַם אײַנשטעלן די נײַע מאַשינעס. די כעוורע האָבן געוווסט, אַז אינגיכן דאַרף פאָרקומען די כאַסענע. האָבן זיי ניט געמאַכט קיין ווענז דערפון, וואָס טאַסיע האָט אָפּגעפּערט די געסט צו א פרײַען טיש.

אַראָנטשיק האָט זיך צוגעזעצט א פאַרדײַגעטער. ער מוז דאָך איר זאָגן, אַז ס'איז אויס שידעך, אַז זי איז, ווי מע פלעגט אַמאָל זאָגן, „אויס קאַלע, ווידער מוידן!”.

ווי אַפּצולאָכעס האָט די ראַדיאָלע געזונגען וועגן גליק, וואָס באַגלייט יעדן איינעם, וועלכער איז פאַרליבט און וועלכער קאָן ליב האָבן...

5. געקניפּט און געבונדן

א גאַנצן טאָג האָט מאַרינע שעווטשוק געפּאַטערט איבער א מיספּאַרשטייעניש מיטן פאַרוואַלטער פון ביבקאַלעקטאָר.

דער קלוב, ווו איוואַן אָסטאַפּאָוויטש האָט געאַרבעט, האָט מיט גרויסע שוועריקײַטן זיך באַפרײַט פון אים — פּאַשעט אים מעשאַלייעך געווען. דעם עמעס גערעדט, האָט וואַניע ניט געוואָלט פאַרלאָזן די אַרבעט אין קלוב, ווו ער האָט, לויט זײַן טיפער איבערצײַגונג, אַרויסגעוויזן אַזויפיל טאַלאַנט.

— וואָס איז די מײַסע?! — האָט ער, אַן אופגעבראַכטער, געפרעגט באַם נײַעם פאַרוואַל־

טער פון קלוב. — פריִער האָב איך געטויגט, און איצט, ווען מע האָט מײַן טאַטן אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט, טויג איך שוין ניט?!

— אײַער טאַטן האָט קיינער ניט אַראָפּגענומען, — האָט אים באַרויִקט דער נײַער פּאַר־וואַלטער. — אײַער טאַטע האָט אַליין דערלאַנגט אַ מעלדונג, מע זאָל אים באַפרײַען...

— אָף אַזאַ נאַרישקײַט איז מײַן טאַטע ניט פֿייִק!

— איר האָט אין אים אַ טאָעס!... צום באַדויערן, האָבן מיר ווייניק אַזעלכע, וואָס נעמען זיך אָן מיט מוט צו מעלדן, אַז זיי זײַנען אָפּגעשטאַנען פון דער צײַט.

— און ווען וועט איר נאָכפאָלגן מײַן טאַטנס בײַשפּיל? — האָט כוצפּעדיק אַ פרעג גע־טאָן וואַניע.

איצט האָט וואַניע געאַרבעט אין ביבקאָלעקטאָר.

אָלגע אַנדרייעווונע און גאַלינקע, זײַן פרוי, האָבן אים מיטגעהאָלפן.

וואַניע האָט גראָד זיך פאַרינטערעסירט מיטן ביכער־איניען. ס'האָט אָבער געטראָפן אָן אומגליק. באַם צונויפשטעלן דאָס צעטל ביכער און בראָשורן פאַרן בערעזיווקער קאָלווירט האָט וואַניע היפּש אָנגעפּלאָנטערט. ער האָט אַרײַנגעשיקט אַ גאַנצן פּאַק ביכער וועגן שעפּסנצוכט, ווײַנטרויבן, יאַגד און קעדוימע אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן צום קאָלווירט קיין מינדסטן שײַכעס ניט. האָט מען באַשטימט די דאָזיקע ביכער אומקערן אינעם ביבקאָלעקטאָר. דער בוכהאַלטער איז אַליין געפאָרן קיין ווטשעראַשניע אויסקלאָרן דעם איניען, נאָר וואַניע האָט אפילו ניט געוואָלט ריידן מיט אים. ער האָט זיך גאָר צעשריגן אָפן בוכהאַלטער:

— כ'פאַרשטיי ניט, וואָס האָט עס צו אײַך? און וואָס אַרט עס אײַך, איר צאָלט, כאָלילע, פון אײַער קעשענע?

דער בוכהאַלטער האָט זיך אומגעקערט אָן אופגעבראַכטער. מאַרינע האָט געהייסן אײַנ־שפּאַנען דאָס פערד און איז גלײַך אוועקגעפאָרן קיין ווטשעראַשניע, קעדיי פרעגן באַ וואַ־ניען, וואָס הייסט עס באַ אים: אָן אייגענע קעשענע?

מאַרינע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איר קאָלווירט פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין שאָף, אַז קיין ווײַנגערטענער האָט ער אויך ניט, און אַז קיין יעגער איז אין זייער בערעזיווקע אָפן לעבן ניט געווען. צו וואָס זשע טויגן איר אַזעלכע ביכער?

וואַניע האָט זי געבעטן זיך צוזעצן און אים אויסהערן רויִק.

— צוליב עטלעכע צענדליק ביכלעך לוינט ניט מאַכן אַזאַ גוואַלד, כלעבן! נעמט זיך ניט צום האַרצן, מומעניו, דערפאַר וועל איך אײַך געבן עטלעכע ביכלעך, וואָס גאַנץ בערעזיווקע וועט פון זיי לעקן די פינגער.

— האָסטו זיי כאָטש אַליין איבערגעלייענט?

— גענוג פונמײַנעטוועגן, וואָס מײַן גאַלינקע שלינגט זיי, ווי די האַלעשקעס... איר קענט דאָך מײַן ווײַבל?!

מאַרינע שעווטשוק האָט זי זייער גוט געקענט, אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטשעס שנור, ניט איין מאָל זי באַגעגנט באַ אָלגען אין שטוב.

נאָך דעם, ווי מאַרינע איז געקומען צו אַ שטיקל שאָלעם מיט וואַניען, איז זי אַרײַנגע־לאָפן אָף עטלעכע מינוט צו אָלגען אין ביבליאָטעק. דאָ האָט זי געטראָפן דעם רעדאַקטאָר סטעפּאַניוקן.

אָלגע האָט פאַרשפּאָרט זיי פאַרשטעלן איינע דעם אַנדערן, ווײַל ס'איז ניט געווען קיין איין קאָלווירט אינעם ראַיאָן, וועלכן דער רעדאַקטאָר זאָל ניט געווען באַזוכן.

אין בערעזיווקע איז סטעפּאַניוק שוין אַ היפּשע צײַט ניט געווען. ער האָט מערער ליב געהאַט באַזוכן די ווירטשאַפטן, ווו ס'איז ניט אַלץ אין אָרדענונג, ווו מע דאַרף זיך דער־גרונטעווען צו די סיבעס, פאַרוואָס די ווירטשאַפט שטייט אָפּ.

ניט געקוקט אָף דעם, וואָס אָף אָן אָנגעזעען אָרט איז געהאַנגען אַ פלאַקאַט „שטער ניט אַ צווייטן לייענען און טראַכטן!", האָט מאַרינע אָף אַ קאָל זיך געווענדט צום רעדאַקטאָר:

— עפּשער וואָלסטו זיך ווען־ניט־איז אַראָפּגעכאַפּט אויך צו אונדז קיין בערעזיווקע?

— אַ דאַנק פאַר דער אײַנלאַדונג.

— פאַרשטייט זיך, צווישן אַזוינע צוויי טײַערע מאָלאַדיטשקעס, ווי אָלגע און גאַלינקע, איז עפּשער מער צום האַרצן...

— זאָרגט זיך ניט, כאַוועריטע שעווטשוק, מיר האָבן אין אײַך ניט פאַרגעסן.

— וואָס זשע, האָסט שוין אויסגעזוכט עפּעס אַ מאַטעריאַל קעגן מיר?

— גאָט זאָל היטן! — האָט זיך סטעפּאַניוק צעלאַכט. — פונקט פאַרקערט! איך האָב שוין אפילו געקראָגן אײַער פּאָטאָ, אָט טוט אַ קוק. — און איר דערלאַנגט אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע, אָף וועלכער מאַרינע איז געשטאַנען, אַרומגערינגלט מיט קליינוואַרג. — איר האָט זי דערקענט?

— ווער האָט עס מיר אָפּגעטאָן אזא שפּיצל?! עפּעס געדענק איך ניט, מע זאָל מיך פאָטאָגראַפירן...

מארינע האָט גענומען אין די הענט דאָס בילד און, ווי עס פּאַסירט ניט זעלטן אין אַזעלכע פאַלן, האָט פאַר אירע אויגן זיך דורכגעטראָגן א שטיק פון איר פאַרגאנגענעם לעבן...

...מארינע האָט פאַרגעדענקט דעם פּאַרעץ מיט זײַן רײַכן מאַיאָנטעק, וווּ דער זיידע, צוזאמען מיט זײַנע ברידער און שוועסטער, האָבן געאַרבעט און געלעבט ווי שקלאַפן. דער טאַטע איז אָבער געווען ניט פון די, וואָס שטעלן אונטער דעם האַלדז־און־נאַקן.

מארינעס טאַטע — סטעפאַן שעווטשוק — האָט אין טויזנט נײַן הונדערט פינפצן יאָר, ווען מארישקע איז קוים אַלט געווען פינף יאָר, אונטערגעצונדן דעם פּאַרעצס הויף און איז דערפאַר פאַרשיקט געוואָרן אַף קאַטאָרגע צוזאמען מיט נאָך עטלעכע אַזעלכע, ווי ער. אומגעקערט האָט זיך סטעפאַן ערשט אינעם אכצנטן יאָר, ווען מארינע איז שוין געווען א דערוואַקסענע, מיט צוויי לאַנגע צעפּ, א הויכע און א שלאַנקע, און אַלע כעוורע פון בערעזיווקע פלעגן ווערן נאָך איר די קאַפּאָרע.

סטעפאַן האָט זיך אומגעקערט קיין בערעזיווקע ניט אַליין, נאָר מיט איינעם א יונגן שוואַרצכיינעוודיקן באָכער, וואָס איז ייִנגער געווען פון אים אַף גוטע צען־פופצן יאָר.

— דאָס איז איינער פון מײַנע פרײַנט, — האָט סטעפאַן געזאָגט צו די, וואָס זײַנען געקומען אים באַגריסן מיטן אומקערן זיך בעשאָלעם אהיים. — איינער פון די, וואָס זײַנען אַלפּי־נעס לעבן געבליבן אין יענער שוואַרצער נאַכט, ווען מיר זײַנען אַנטלאָפן פון דער קאַטאָרגע. דרײַ פון די אַנטלאָפענע האָבן די וואָלפהינט, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן א לאָז געטאָן אַף אונדז, צעריסן אַף שטיקער... איינער האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קױכעס און איז א טויטער געפאַלן א פּאָר ווערסט פאַרן דאָרף, וווּהין מיר האָבן זיך מיט גרויס מאַטערניש דערקליבן. און בלויז מיר אינצווייען — איך און דאַווידקע — האָבן זיך געראַטעוועט...

דאַווידקע איז געווען א פעסטער, געזונטער באָכער. סטעפאַן פלעגט אָפט דערמאָנען, ווי דאַווידקע האָט אים אונטערגעמונטערט אין די שווערע מינוטן.

דאַווידקע האָט געפאָלגט סטעפאַנען און איז ניט אַוועק קיין קיִעוו, ווי ער האָט עס פריִער געהאַט באַשטימט, נאָר איז געבליבן אין דאָרף.

אין די ווינטער־פאַרנאַכטן פלעגן זיך בא סטעפאַנען פאַרזאַמלען די בערעזיווקער פּויערים. בא דער שײַן פון קאַנעצל, וואָס דאַווידקע האָט געמאַכט פון א סנאַריאַד־הילזע, פלעגן די געוועזענע קאַטאָרזשאַנעס — סטעפאַן און דאַווידקע — דערציילן, וואָס זיי איז אויסגעקומען אויסצושטיין. סטעפאַן האָט אָפט געהוסט און געקרעכצט, אַמאָל פלעגט א טרער א פינקל טאָן אַף זײַנע וויִעס. דאַווידקע איז געזעסן אַף דער לאַנגער באַנק און האָט געשוויגן.

— אין אָט די אָפּדערנאַכטן האָט מארינע — מארישקע, ווי ס'האָט זי גערופן דער טאַטע, — ליב געהאַט צו קוקן אַפן שוואַרצכיינעוודיקן „קאַטאָרזשניק", וואָס האָט אזא יונגער שוין באַוויזן אַזויפיל איבערצולעבן. פאַר אירע אכצן יאָר האָט זי אַליין שוין ניט ווייניק זיך אָנגעמוטשעט, נאָר די איבערלעבונגען פון איר טאַטן מיט דאַווידקען האָבן זי דערשיטערט. נאָר א מאָדנע זאַך: ווען דער טאַטע פלעגט דערציילן וועגן זייער לעבן אַף דער קאַטאָרגע, האָט אַלץ אויסגעזען וויסט און פינצטער, נאָר פלעגט דאַווידקע אַרײַנשטעלן א וואָרט, איז דאָס געווען ווי א ליכטיקער שטראַל. ניט אַלץ איז דאָרט געווען אַזוי מאַרעשכווירעדיק. אויך דאָרטן איז געווען לעבן! אויך דאָרטן זײַנען געווען מענטשן.

און א ליבלעכער שמייכל פלעגט באַלויכטן זײַן לענגלעך טונקל פּאָנעם, ווען ער פלעגט אָנהייבן דערציילן וועגן דעם פרילינג אין דער טונדרע, וועגן דעם קורצן זומער, וואָס פלעגט דערמונטערן זייערע נעשאָמעס, אַרויסרופן בענקשאַפט נאָך דער אייגענער אוקראַיִנישער ערד.

— וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידן? פרילינג איז אומעטום פרילינג!.. — טוט סטעפאַן א שאָקל מיטן גראָוון קאָפּ.

מארינע האָט געוואָלט ריידן מיט דאַווידקען דאַפקע ניט אין דער אָנוועזנהײַט פון די בערדיקע שכיינים...

אַנומלטן, ווען מארינקע איז געבליבן מיט דאַווידקען אויג־אַף־אויג, האָט זי א פרעג געטאָן:

— נו, און פון אײַער קאַלע האָט איר באַקומען בריוו?

— קעדיי באַקומען בריוו פון א קאַלע, — האָט ער זיך צעלאַכט, — דאַרף מען זי קוידעמקאָל האָבן.

— וואָס זשע, קאַרג מיידלעך זײַנען פאַראַן אַף דער וועלט?

— ביסט גערעכט, מארישקע. נאָר דאָרטן, וווּ מיר זײַנען געווען...

אויך אין בערעזיווקע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט דער ליבער פרילינג מיטן וואַרעמען ווינטל,

וואָס האָט אָפּגעקערט דעם שנײַ פּונעם וויהאָן. די ווערבעלעך האָבן געגומען גרינען, און דער הימל איז געוואָרן בלוי, ווי מאַרינעס אויגן.

אין איינעם א זונטיק גאַנצפרי האָט דאַוויד געבעטן מאַרינען, זי זאָל אופזידן א טאָפּ וואַסער און אופגיסן אים — ער מוז זיך אויסצוואַגן דעם קאָפּ. קיין זייף איז אין שטוב ניט געווען. האָט מאַרישע פאַרגעלייגט אויסוואַשן די האָר מיט אַש.

— מײַן מאַמע פלעגט מיר אַמאָל וואַשן די האָר מיט א געלעכל פון אן איי...

— און וואָס נאָך פלעגט פאַר אײַך טאָן אײַער מאַמע? — האָט מאַרינע געפרעגט, קוים אײַנהאַלטנדיק דעם אייגענעם פלאַטער.

— מײַן מאַמע... וואָס קאָן טאָן א מאַמע, ווען זי מוז פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָרעווען אַף יענעם, — האָט דאַווידקע איר שטיל געענטפערט, צוקעמענדיק די גע־דיכטע האָר. — זי איז געווען א דינסט בא איינעם א נאָגיד. מיך האָט דערצויגן מײַנע א מומע, א נייטערן, וואָס האָט געלעבט בא אירן א ברודער, אין א קעלער, אַף א פאַרוואָר־פענער גאַס. דער ברודער איז געווען אן אַרבעטער, קוים וואָס ער האָט פאַרדינט אַף ברויט פאַר זײַניקע.

דער הימל איבער בערעזיווקע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי בלוי, דאָס ווינטל האָט געשמעקט, ווי קיינמאָל ניט, און דער סטעפּ איז געווען פול מיט אומרו, פול מיט דערוואַר־טונג. די אויסגעשטערנטע נעכט זײַנען איר געוואָרן באַזונדערס ליב און טײַער, ווײַל זי איז ניט אליין... זי האָט געפילט דאַווידקעס אָטעם, אפילו ווען ער איז ניט געשטאַנען לעבן איר.

דער טאַטע אירער, סטעפּאַן שעווטשוק, האָט איינײַנעם מיט נאָך עטלעכע אָרעמע פּויערים זיך גענומען גרייטן צום פרילינג־פאַרזײַ. דאַווידקע האָט זיי געהאָלפן פאַריכטן די עטלעכע אַקערס און באָראָנעס, וואָס זײַנען געבליבן אַפן פאַרעצעס הויף. מאַרישקע האָט, א פאַרגאַפּטע, נאָכגעקוקט, ווי עס אַרבעטן זײַנע געניטע הענט. זי האָט געוואָלט, אַז דער פרילינג זאָל דויערן וואָס לענגער, מוירע געהאַט, אַז נאָכן פרילינג וועט ער אוועקפאָרן צו זײַנע קרוויוּים. מאַרינע פלעגט מיט אומגעדולד וואַרטן, עס זאָל שוין ווערן טאָג, זי זאָל אים קאָנען ווידער זען אַף זייער הויף, אופגיסן אים פון דער קופּערנער קוואָרט די קאַלטע וואַסער פון זייער קרעניצע...

באַזונדערס איז איר ליב געווען, ווען דאַווידקע פלעגט זיך אומקערן פונעם פעלד צוזאַ־מען מיט איר טאַטן, זען, ווי ער טוט זיך אויס האַלבנאַקעט, שטעלט אונטער די ברייטע פּלייצע און טוט א באַפויל:

— אַנו, זשאַלעווע ניט קיין וואַסער, מאַרינקע!

— נאַרעלע! — האָט זי אים שוין גערופן אַף דו. — איך זשאַלעווע דען? איך האָב פּאַשעט מוירע, דו זאָלסט זיך ניט צוקילן... ווי וועל איך זיך פאַרענטפערן פאַר דײַן מאַמען?

דער פרילינג ברעכט אוף די פאַרקאָוועטע טײַכן, מאַכט גרין די דערוואַכטע ביימער, פאַרזייטע פעלדער... פרילינג מעקט מיטאַמאָל אויס אלע דערינערונגען פון דער ווינטערדיקער קעלט, פון די זאַווייען... און נאָך א זאַך טוט אָפּ דער פרילינג — ער פאַרשיקערט די יונגע הערצער, וואָס זײַנען אזוי געראָטן אין די שלאַנקע ביימלעך אין דער צײַט פון בליִונג...

עס זײַנען נאָך ניט פאַרשאָטן געוואָרן די געשלענגלטע שוצגראָבנס, ניט צורעכט געמאַכט די אויסגעקרימטע פּלויטן און שטאַכעטן, דאָ און דאָרט סטאַרטשען נאָך די האַלב־צעוואַלגערטע קוימענס פון די כאַטעס, וואָס די מילכאָמע האָט כאָרעוו געמאַכט... נאָר קיין שום זאַך איז ניט אימשטאַנד אָפּשטעלן דעם פריידיקן גאַנג פונעם פרילינג.

אַז מאַרינע האָט זיך פאַרליבט אין דאַווידקען, באַמערקן שוין אלע אירע כאַווערטעס.

— ווו האָסטו אים גענומען, אזא טײַערן באָכער?! — פרעגט מען בא איר.

— דער טאַטע האָט מיר אים געבראַכט אלס א מאַטאָנע...

— האָט ער דיך שוין כאָטש א קוש געטאָן?

— און אויב יאָ, איז וואָס?! — ענטפערט מאַרינע מיט שטאָלץ.

ס'איז געווען אן עמעס. אין איינעם א פרילינגדיקן אָוונט האָט ער זי אַרומגענומען, צו־געדריקט צום האַרצן און... יאָ, ס'האָט נאָר געפעלט טאַקע דער קוש... „שוין זשע איז ער אזא שעמעוודיקער, אזא ניט דרייסטער?!... פאַרוואָס זשע האָט ער מיך קיין קוש ניט געטאָן?! — האָט מאַרינע געטראַכט. — עפּשער דערפאַר, וואָס איך בין א פּאַשעט בערעזיווקער מיידל און ער איז דאָך פאָרט א גרויסשטאָטישער?!"...

אַן אַנדערס מאָל וועט זי שוין ניט וואַרטן, ביז ער וועט זיך דערוועגן, זי וועט אים אליין אַרומנעמען...

געשען איז דאָס גאָר איינגיכן.

מאַרישקע און דאַוויד האָבן זיך אומגעקערט פון דעם געוועזענעם פּריצישן הויף, ווו די

דאַרפסלײַט האָבן געשאַפן אַ קלוב. יענעם אָוונט האָט ער, דאַוויד, דערציילט דער דאָרפישער יוגנט וועגן דעם, וויאַזוי ער מיט סטעפּאַן שעווטשוקן האָבן אין יאַקוטיע זיך באַגעגנט מיט גריגאָרי פּעטראָווסקין, דעם געוועזענעם דעפּוטאַט פון דער דומע, און ווי די יאַקוטער האָבן ניט געוואָלט אים אָפּלאָזן פון זייער קאַנט. דאַווידקע האָט אָנגעמאָלט אַ דערשיטערנדיק בילד וועגן דעם לעבן אַף דער קאַטאָרגע. ווען ער האָט פאַרענדיקט דערציילן, האָט איינער אַ באַכערעץ זיך אופגעהויבן און אַרויסגעוואָרפן די האַנט אַף פּאַרויס:

— איך האָב אַ פראַגע!

— נו־נו, לאָמיר הערן.

— שיינע יאַקוטקעס זײַנען דאָרט פאַראַן?

— דאָס איז שוין אָפּהענגיק דערפון, ווער ווי עס פאַרשטייט, וואָס שיינקייט הייסט... אָט דו, צום בײַשפּיל, ווי האַלטסטו: דו ביסט אַ שיינער?

— פרעגט באַ די מיידלעך, וועלן זיי אײַך זאָגן! — האָט ער זיך צעלאַכט אַף אַ קאָל. — נאָר איך פרעג דאָך וועגן די יאַקוטקעס!

מאַרינע איז געוווען אופגעבראַכט אַפן גאַלן ווערגעלעץ, וואָס האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן. אָט דער הויכער דראָנג מיט די גאָלע וואָנצעלעך האָט זי דאָ ניט לאַנג אָפּגעשטעלט באַ דער קרעניצע און כוצפּעדיק געפרעגט, צי געפעלט ער איר און וואָס וואָלט זי געזאָגט, ווען ער שיקט צו איר אַרײַן שאַדכאָנים — סטאַראָסטעס, הייסט עס...

— ביסט צו שיין פאַר מיר, — האָט זי אים געענטפערט. — דיך וואָלט איך ביכלאַל אַוועק־געשטעלט אַפן גאָרטן, זאָלסט שרעקן די פויגלען...

סטעפּאַן שעווטשוק האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס באַ זײַן מאַרינען אַפן האַרצן טוט זיך. כאָטש ער האָט געהאַלטן, אַז זײַן טאַכטער האָט זיך ניט וואָס צו כאַפּן.. זאָל זי נאָך אַ ביסל געניסן פון דער מיידלשער פרײַהײַט — זיך אָנהוליען און אָנטאַנצן!

דעם עמעס גערעדט, האָט מאַרינעס טאַטע געהאַלטן, אַז בעסער איז, ווען עס האָבן כאַסענע מענטשן פון איין שטאַנד, פון איין מאַדרייגע. דאַווידקע איז פּאָרט אַ שטאָטישער באָכער... צי וועט ער קענען זיך איבערבאַנדערשן און ווערן אַ דאָרפסמאַן, צי וועט ער ליב באַקומען די ערד, דאָס פעלד און דעם אַקער אַזוי, ווי ער, סטעפּאַן, ווי זײַנע טאַטעס און זיידעס...

מאַרינע האָט וועגן אַזעלכע זאַכן ניט געטראַכט. דאַווידקע איז פאַר איר געווען דער איינציקער. און ווען דער טאַטע אירער האָט זיי ביידע, זי און דאַווידקען, געזען גיין פונעם סטעפּ, האָט ער שוין אַלץ פאַרשטאַנען. האָט מאַרינקע שטיל, ווי פאַרשעמט, זיך אָנגערופן:

— ס'איז, מיסטאַמע, אַ באַשערטע זאַך, טאַטע...

דאַווידקע איז מיטאַמאָל דרייסט געוואָרן און פאַרענדיקט מאַרינעס געדאַנק:

— איך זאָל ווערן אײַער איידעם, סטעפּאַן...

— איך זע שוין, אַז דערצו גייט עס. וועסטו בלײַבן דאָ, צי דו וועסט זי באַ מיר צו־נעמען?..

— וואָס הייסט צונעמען? — האָט מאַרינע ניט פאַרשטאַנען.

— צונעמען הייסט צונעמען, — האָט דער אַלטער אַ זיפץ געטאָן. — מיר, אַשטייגער, וואָלט ליבער געווען, ווען דו בלײַבסט דאָ, באַ אונדז, מיט אונדז...

— און ווי וועט זײַן מיט מײַן איינציקער שוועסטער — מיט ראַכילקען?

— זאָל זי אויך קומען אַהער, מיר האָבן גענוג פּלאַץ!

נאָר דאַווידקעס שוועסטער — ראַכילקע — איז געבליבן אין שטאָט.

דאַווידקע איז געוואָרן אַ כאַשעווער טוישעוו אין דער באַנײַטער בערעזיווקע. די ערשטע קאָמונע, וואָס איז אופגעקומען אין דער געגנט, האָט אים אויסגעוויילט אַלס אָנפירער. אינגיכן איז דאַווידקע געוואָרן אַ טאַטע פון אַ צווילינג. און ביידע זין זײַנען געווען אין אים געראָטן. פון איר, פון מאַרינען, האָבן זיי געיאַרשנט בלויז די קיינגריבעלעך אַף דער לינקער באַק, באַ איינעם פון זיי איז דערצו געווען אַף דער רעכטער האַנט אַ צייכן, ווי באַ דער מאַמען. דערמיט האָט זי זיי טאַקע אונטערשיידט, די ציגײַנערלעך אירע, ווי די קאָמונאַרן האָבן גע־רופן דעם צווילינג.

קיין גליקלעכערע פון מאַרינען איז ניט געווען אין גאַנץ בערעזיווקע!

נאָר דאָס גליק, זאָגט מען, איז אויך ניט אייביק. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז סטעפּאַן שעווטשוק, דער פאָרזיצער פונעם קאָמנעזאַם, צוזאַמען מיטן איידעם דאַווידן, אומגעקומען. ווען מע האָט זיך אומגעקערט פונעם ראַיאָנישן צוזאַמענפאָר פון די אָרעמע פּויערים, איז אַ באַלעגופישע באַנדע אָנגעפאַלן אַף זיי און דערשאָסן.

פון דעמלט אָן איז זי, מאַרינע, געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער קאָמונע. שפּעטער האָט מען די קאָמונע רעאָרגאַניזירט אין אַ קאָלווירט, און זי איז ווידער געוואָרן פאָרזיצער.



ראכילקע האָט זייער ליב געהאַט דעם ברודער. נאָר צו צאָרעס ווערט מען צוגעווינט... זי פלעגט אָפּט אָנשרײַבן א קאַרטל צו איר בערעזיװקער קרויווע, זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם געזונט פון אירע צוויי פלעמעניקעס, נאָר זייער זעלטן געווען בא איר צוגאַסט.

ראכילקעס פלעמעניקעס האָבן ניט פארשעמט דעם טאַטנס נאָמען. בייס דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט מען זיי באַלוינט מיט שלאַכט־אָרדענס.

סאַרא גליקלעכע איז געווען די מאַמע זייערע, מארינע! זי האָט שטאָלצירט מיט אירע העלדן און מיט אומגעדולד געוואַרט, זיי זאָלן שוין צוריק־קומען אהיים, די אָדלערס אירע.

נאָר אין שלאַכט פאַר קיִעוו, ווו עס האָט געווינט אַמאָל זייער טאַטע, זײַנען זיי בײדע אומגעקומען.

די יאָרן גייען... מארינע האָט זיך געעלטערט, נאָר זי טראָגט אין זיך דעם העלן פונק פון איר ליבע צו דאַווידקען, און אָט דער פונק דערוואַרעמט איר הארץ.

מיט איר געניט אויג האָט מארינע באמערקט, אַז דער רעדאַקטאָר סטעפּאַניוק איז ניט גלײַכגילטיק צו אָלגען. און ווײַל זי פילט זיך דאָ מײַסע קרויווע — זי קאָן אפילע שווערן, אַז עליע, אָלגעס מאַן, איז א קאַפּעטשקע ענלעך אַף זײַן פעטער דאַווידקען, וואָלט זי ניט געוואָלט, אַז אָלגע זאָל אפילע א קלער טאָן וועגן עמעצן, אכוץ עליען... נאָר — הײַנטיקע צײַטן!

ביז שפּעט אין אָוונט האָט זיך מארינע פארהאַלטן בא אָלגען. דאָס, וואָס עליע איז מארינעס א קאָרעוו, האָט אָלגע געוווּסט נאָך פריִער, נאָר איצט, ווען מארינע האָט אַזויפיל דערציילט וועגן איר לעבן, וועגן איר ליבע און וועגן אירע גרויסע פארלוסטן, איז זי אָלגען געוואָרן פיל נעענטער, אייגענער... ניט אומזיסט זאָגט די וועלט: „געקניפּט און געבונדן"...

— און ווי קאָן דען אנדערש זײַן? — האָט אָלגע זיך צוגעטוליעט צו איר ווי צו אן אייגענער מאַמע.

דער אויסגעשטערנטער הימל, וואָס האָט זיך אָן עפּן געטאָן פאַר מארינען, ווען זי האָט זיך ארײַנגעזעצט אינעם שליטן, א פארשפּרייטן מיט אן אַלט דאָרפיש טעפּיכל, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַזוי טיף און אַזוי סוידעסדיק, אַז זי האָט זיך שיִר צעזונגען פאַר פרייד. פונוואַנען איז זי געקומען, די פּלוצעמדיקע פרייד? מעגלעך דערפון, וואָס זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אין איר יוגנט, אין איר ליבע, צי עפּשער דערפון, וואָס זי האָט זיך א ביסל אויסגערעדט דאָס הארץ מיט אַזא טײַערער און ליבער פרוי...

— געקניפּט און געבונדן, געקניפּט און געבונדן, — האָט זי געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן, פארניוּרענדיק זיך אינעם וואַרעמען פעלץ.

(סאָף קומט)



צום 75=טן געבורטסטאָג פון עזראָ פינינבערג

יעווע פינינבערג

זיכרוינעס וועגן עזראָן

עזראָ, נאָך גאָר א פיצל קינד, זיצט אין א הויך קינדערש בענקעלע. די באָבע — זי האָט זייער ליב איר עזיען — איז לעבן אים.

מיטאמאָל, מיט אן אויסגעשריי: „אוי, עזיע פאַלט!“ — פאַלט זי אָפן דיל און שטאַרבט.

(דאָס האָט מיר דערציילט עזראָ, און אים האָבן עס אמאָל דערציילט זײַנע עלטערן).

אז עזראָ איז געבוירן געוואָרן, האָבן די עלטערן זײַנע ניט געוווסט, וואָס פאַר א נאָמען אים געבן.

האָט זײַן פאָטער גענומען זײַן טאַנאַך, אָן עפן געטאָן, — האָט זיך באַקומען: „עזראָ־האַסויפער“. האָט מען באַשטימט אָנרופן דאָס קינד עזראָ.

דערנאָך פלעגט עזראָ אין א שפּאַס זאָגן: „ס'איז מיר שוין פון טכילעס אָן באַשערט א שרײַבער צו זײַן“.

עזראָס עלטערן האָבן געהאַט דרײַ קינדער: לייקע, נאָך איר עזראָ, און דער ייִנגסטער — יאַנקל. די עלטערע שוועסטער — לייקע — פלעגט אָפטמאָל שיקן דעם קליינעם עזראָן אין דער שטאָט־ביבליאָטעק בײַטן ביכער און פלעגט אים דערבײַ אָנזאָגן:

— זע זשע, זאָלסט זאָגן: „דײַטיע ניע פּאָ־וועסט, ניע ראַסקאַז, א טאָלקאָ ראָמאַן“.

איינמאָל האָט לייקע לאַנג געוואַרט אָף זײַן אומקערן זיך. עזראָ האָט, צוריקגייענדיק פון דער ביבליאָטעק, אַרײַנגעקוקט אין ביכל און איז אזוי פאַרטאָן געוואָרן אין דעם, אז ער האָט, פאַרגעסנדיק וועגן אַלץ, זיך צוגעזעצט אָף א שטיין און געלייענט און געלייענט, — ביז ער האָט ניט געענדיקט דאָס ביכל, — ערשט דעמלט האָט ער זיך געכאַפּט און זיך געלאָזט אהיים.

לייקע פלעגט אויסבאַהאַלטן פון עזראָן די ביכלעך, וועלכע זי לייענט. זי פלעגט אים זאָגן: „דו ביסט נאָך צו קליין אָף צו לייענען אזעלכע ביכער“. אָבער עזראָ פלעגט אונטערקוקן, ווו

לייקע באַהאַלט דאָס ביכל, און מיט אומגעדולד וואַרטן, די שוועסטער זאָל שוין אַוועקגיין. דעמלט פלעגט ער זיך צום ביכל צוכאַפּן.

לייקע פלעגט גיין אָף „מאַיאָווקעס“, „מאַ־סאָווקעס“. „מאַיאָווקע“, „מאַסאָווקע“ — ווער־טער, וואָס עזראָן האָבן זיך פאַרגעדענקט פון דער גאָר פרי:ער קינדהײַט.

צו פינף יאָר איז עזראָ געוואָרן א כיידער־ייִנגל. אין כיידער איז ער געווען דער סאַמע

קלענסטער. הארבסט־צייַט פלעגט מען אים ברענגען אין כיידער אף די הענט. און אהיים פלעגט ער זיך אומקערן אפן זעלבן אופן.

ס׳איז יאָמקיפער. קיינער איז ניטאָ אין דער היים. עזראָ שטייט אף דער שוועל פון שטוב. אין גאס איז שטיל און פוסט. מיטאמאָל ווערט דער הימל פארכמארעט און עס רוקט זיך אָן א מוירעדיק־שווארצער וואָלקן. דאָס קינד ווערט דערציטערט און טוט א געשריי: „ס׳איז גאָט!”. וועגן אָט דעם פאל איז בא עזראָן פאראן א ליד: „אין אָנפאנג איז געוועזן א כמארע”.

עזראָ איז געוואקסן איינזאם. טאטע־מאמע האָבן קיין באזונדערע אופמערקזאמקייַט צו אים ניט ארויסגעוויזן. באלעווען א קינד איז דאָ ניט אָנגעגאנגען. נאָר די עלטערן האָבן געזען, אז עזראָ טיילט זיך אויס פון די אנדערע קינדער — שטענדיק מיט א ביכל אין האנט, שטענדיק פארטיפט אין זיך.

עזראָ האָט אָנגעהויבן שרייַבן לידער זייער פרי. מיט אים האָט געלערנט א לערער אין דער היים. איינמאָל האָט אים עזראָ דורכגעלייענט א ליד. דער לערער איז געווען אנציקט. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער א קוש געטאָן עזראָן אין שטערן און געזאָגט: „דו וועסט זייַן א דיכטער!”

נאָכן כיידער האָט עזראָ זיך געלערנט אין דער רוסישער שול. דאָרטן האָט זייַנע אויסערגעוויינלעכע פייִקייַטן באמערקט דער לערער פון ליטעראטור. איינמאָל האָט מען די שילער פארגעבן א „סאָטשיניעניע” אף א פושקין־טעמע. דער לערער האָט הויך אָפגעשאצט עזראָס ארבעט און געזאָגט:

«Это не просто школьное сочинение, это начало большого романа»

(„דאָס איז ניט קיין איינפאכע שול־ארבעט, דאָס איז אן אָנהייב פון א גרויסן ראָמאן”).

אין 1914 באקענט זיך פיניבערג מיט מוישע כאשטשעוואצקין און לייב קוויטקאָן. עס איז פאראן א פאָטאָגראפיע, וווּ זיי זייַנען איינדרייַען. עזראָ איז נאָך א ייִנגעלע פון 15 יאָר. כאשטשעוואצקי און קוויטקאָ זייַנען עלטער פון אים אף עטלעכע יאָר.

יעדערער פון זיי שרייַבט לידער. זיי כאווערן זיך, לאָזן ארויס א האנטשריפטלעכן זשורנאל.

דאָס זייַנען די ערשטע גייַסטיק נאָענטע כאווירים עזראָס. צו מוישע כאשטשעוואצקין איז עזראָ הארציק געווען צוגעבונדן א לאנגע צייַט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערהערט דעם נאָמען עזראָ פיניבערג אין מאָסקווע אין יאָר 1923, פון מייַן שוועסטער מירען און פון נאָכעם אויסלענדערן — פון ניוקען, ווי מיר האָבן אים גערופן.

ניוקע און מירע זייַנען ערשט געקומען צו פאָרן פון קיִעוו, זיי האָבן דערציילט וועגן דעם שטארקן אייַנדרוק, וואָס עס האָט אף זיי דאָרט געמאכט א יונגער ייִדישער דיכטער פינינבערג. בא ניוקען און מירען האָב איך געזען און געלייענט עזראָ פינינבערגס ערשטע ביכעלע „אָטעם”.

און ס׳האָט זיך מיר באזונדערס פארגעדענקט דעמלט די ליד:

אליין און פאר זיך
בא אָפריס פון דוירעס
זיץ איך, פארוואָרפן
די הענט אף די קניִעס.

אין דעקאבער 1923, בא אויסלענדערן אין שטוב, אף דער גאס טשיסטיע פרודי, האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען עזראָ פינינבערגן. ניט קיין הויכער, א שווארצכיינעוודיק פאָנעם. געדיכטע שווארצע האָר. אָנגעטאָן אין א טונקלבלאָווער טאָלסטאָווקע. ער איז געזעסן באם טיש, ווייניק גערעדט. מער געהערט. אין די אויגן און אף די ליפן א שמייכל.

אז ער איז אוועקגעגאנגען, האָבן מיר גערעדט וועגן אים. און עס האָבן זיך מיר פארגעדענקט ניוקע אויסלענדערס ווערטער: „אין דעם מענטשן איז פאראן מעטאל”. די דאָזיקע ווערטער זייַנען געווען צוגעפאסט צו דעם דעמלטיקן אייַנדרוק, וואָס עזראָ פיניבערג האָט איבערגעלאָזט.

עס איז געווען אן אייַנדרוק, ווי פון עפעס א פארבאָרגענעם גלאנץ, אָט ווי פון זילבער, נאָר מיט א בלאָוון אָפשייַן.

איך געדענק אן עפיזאָד בא כאשטשעוואצקין אין שטוב (עזראָ האָט דעמלט בא אים געוווינט). אכוץ מישע מיט סאָרע כאשטשעוואצקע זייַנען דאָ געווען ניוקע אויסלענדער, מירע און איך. עזראָ פינינבערג לייענט אונדז זייַנע לידער. עס איז פארבליבן אין זיקאָרן זייַן פראָסטע מאניר פון לייענען. ווי אָפגעהאקט־קאטעגאָריש האָבן דורכגעקלונגען די שורעס:

כ׳קאָן דאָ ניט זייַן, כ׳דארף דאָ ניט זייַן.
כ׳וויל דאָ ניט זייַן.
ס׳איז דאָרטן יאָמטעוו.

דאָס זייַנען געווען שורעס פון דער ליד „כאָלעמט, כאָלעמט זיך דער אָפגעהיטער ווייַן...”

ווי איך האָב א סאך שפעטער זיך דערוווּסט, האָט עזראָ געשריבן די ליד אין 1923 אין אומאן, פונוואנען ער האָט זיך געריסן אין דער גרויסער שטאָט ארייַן.

כ׳דערמאָן זיך נאָך א פאל. מיר זיצן זאלבעפינף בא א טישל אין א קאפע בא די ניקיטסקע טויערן: עזראָ פינינבערג, ארן גורשטיין, שאָלעם גאָרדאָן און, דאכט זיך, כאשטשעוואצקי. ארן גורשטיין און עזראָ פינינבערג האָבן זיך דעמלט נאָרוואָס באקאנט. כ׳געדענק דעם נייַגער, מיט וועלכן עזראָ האָט זיך צוגעקוקט צו גורשטיינען. ער שטעלט גורשטיינען פארשיידענע פראגעס, און גורשטיין, עטוואָס שעמעוודיק, ענטפערט. שאָלעם גאָרדאָן טוט א זאָג צו עזראָן, אָנדייַטנדיק אף גורשטיינען: „איר ווייסט, ער האָט דאָך אמאָל געשריבן לידער?” עזראָ האָט זיך פארינטערעסירט און האָט א בעט געטאָן, אז גורשטיין זאָל עפעס איבער־

לייענען. גורשטיין האָט מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל געענטפערט, אַז ער וועט ניט לייענען, ווײַל די לידער זײַנען שלעכטע. נאָר עזראַ איז ניט אָפּגעשטאַנען, און גורשטיין איז געצווּנגען געווען לייענען.

עזראַ האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט און נאָכדעם געזאָגט, אַז טאַקע, די לידער זײַנען שוואַכע.

— איר זעט, איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז די לידער זײַנען שלעכטע, — האָט זיך פאַרענטפערט גורשטיין מיט אַ שולדיקן שמייכל.

זומער 1926, בײַם איינער פון אונדזערע באַגעגענישן אין מאָסקווע, וווּהין עזראַ פלעגט קומען צו פאָרן פון כאַרקאָוו, האָט ער מיר דערציילט: אין 1919 האָבן אין דער שטאָט אומאַן אָרודעוועט די פּעטליוראָווצעס. ייִדן האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן, וווּ נאָר מע האָט געקענט. יעדע נאַכט פלעגן די פּעטליוראָווצעס אַרײַנרײַסן זיך אין די ייִדישע הײַזער, אַרויסטרײַבן די אײַנוווינער און אוועקפירן זיי אין פעלד צעשיסן. די פּעטליוראָווצעס האָבן שוין באַוויזן צו זײַן קימאַט אין אַלע ייִדישע הײַזער. זיי זײַנען אָבער נאָך ניט געווען אין דער שטוב, וווּ מיט אַ גרופּע ייִדן איז געווען אויך עזראַ. יעדע נאַכט האָט מען זיך דאָרט געריכט, אַז אָט־אָט וועלן די באַנדיטן זיך אַרײַנרײַסן. און ס'איז געשען. אין איינעם אַ באַנאַכט האָבן זיי אַרומגערינגלט די שטוב, אופגעבראָכן די טירן, אַרײַן און אָנגעהויבן ראַבעווען. איינער פון די באַנדיטן האָט געהייסן אַלעמען אויסשטעלן זיך אין אַ ריי און האָט גענומען אָפּקלײַבן, וועמען אוועקפירן מיט זיך.

בײַם דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, האָט אַ מאָדנע רויִקײַט אַרומגעכאַפּט עזראַן. ווען דער באַנדיט האָט אים באַפוילן: „אַהין גייען!”, האָט עזראַ קאַלט אַ קוק געטאָן אַף אים און מיט אַ הויך־געהויבענעם קאָפּ רויִק דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דעם פּעטליוראָווער, אָבער ניט אַהין, וווּהין יענער האָט באַפוילן, נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. קיינער האָט אים ניט פאַרהאַלטן.

אָט אַזוי צופעליק איז עזראַ לעבן געבליבן.

עזראַס דערציילונג האָט מיך דערשיטערט, און, מיסטאָמע, לויטן אויסדרוק פון מײַן פּאָנעם, האָט ער עס דערזען. ער האָט אופמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף מיר, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַנשוויגן געוואָרן.

זומער 1927 איז עזראַ געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע. מיר וווינען בײַ מײַנע עלטערן. פאַרנעמען דעם צימער פון מײַן ברודער, וועלכער האָט דעמלט געדינט אין דער רויטער אַרמיי. אַ ליכטיקער זומער איז עס געווען בײַ אונדז. מײַן ווילע מאַמע האָט זיך געזאָרגט וועגן אונדז. מײַנע עלטערן איז זייער געפעלן געווען, ווי עזראַ זינגט ייִדישע פאָלקסלידער. מיר זיצן אַלע בײַ דעם גרויסן עס־טיש, און עזראַ זינגט זײַן באַליבטע פאָלקסליד וועגן דעם שנײַדער.

עזראַ האָט אויך ליב געהאַט הערן, ווי מײַן מאַמע זינגט ייִדישע פאָלקסלידער. מער פון אַלע איז אים געפעלן געווען שוין גאָר אַן אַלטע ליד וועגן אַן אָרעמאַן:

אַמאָל איז געווען אַ געטלעכער מאַן,
האָט ער ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן,
ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן אַף זײַנעם לײַב,
ניט די קינדער און ניט דער ווײַב.
טראַ־לאַ־ליאַ־ליאַ...
האָט ער געהאַט אַ מעכטיקע פרו
און זיבן קינדער צו דערצו.
זאָגט צו אים די מעכטיקע פרו:
וואָס וועט זײַן פון דערפון?
טראַ־לאַ־ליאַ־ליאַ...
ניט קיין זאַלץ און ניט קיין ברויט,
ניט קיין לעבן און ניט קיין טויט.
טראַ־לאַ־ליאַ־ליאַ...
טו זיך אָן, ווי אַ העלד,
און גיי אַרויסעט אין פרײַען פעלד,
גאָט פון הימל וועט צוקוקן
און וועט דיר עפּעס צושיקן
טראַ־לאַ־ליאַ־ליאַ...

די דאָזיקע ליד האָט עזראַ ליב געהאַט ביזן סאָף פון זײַן לעבן. ער פלעגט זאָגן, אַז דאָס איז אַן עכטע פאָלקסטימלעכע ליד.

איינמאָל, טאַקע דעם זומער, האָבן מיר געלייענט עדגאַר פּאָ. עזראַ האָט זייער געהאַלטן פון דעם דאָזיקן שרײַבער, באַזונדערס איז אים געפעלן געווען די פּאָעמע „וואָראָן”. ער פלעגט מיר ציטירן שורעס פון אָט דער פּאָעמע. דעמלט טאַקע האָט עזראַ פאָרגעלייגט אָנרופן אונדזער זון, וואָס וועט געבוירן ווערן, — עדגאַר.

און אַזוי האָבן מיר טאַקע אונדזער זון אָנגערופן — לעאָקאָווער עדגאַר פּאָ.

אין אָט דעם זומער פלעגן מיר אָפט זען זיך מיט מוישע כאַשטשעוואַצקין. בײַ אים אין שטוב פלעגן מיר זיך באַגעגענען מיט ראָסינען, האַלקינען, גאָדינערן. בײַ כאַשטשעוואַצקין פלעגן פאָרקומען הייסע ליטעראַרישע שטרײַטן.

אין אָנהייב 1928, נאָך וווינענדיק אין מאָסקווע אַף דער שטשיפּאָק־גאַס, האָט עזראַ געשריבן זײַן אינסצענירונג „באַם דניעפּער” לויט דער פּאָעמע זײַנער, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען.

פאָרגעלייגט האָט אים אָנשרײַבן די אינסצענירונג מ. רובינשטיין — דער רעזשיסער פונעם דראַמקאָלעקטיוו אין מאָסקווער ייִדישן קלוב.

„באַם דניעפּער” איז מיט דערפאָלג געשטעלט געוואָרן אין די ייִדישע קלובן פון מאָסקווע, קיִעוו און אַנדערע שטעט. מע פלעגט זי אויך שטעלן אין די ייִדישע שולן, און אומעטום האָט זי שטאַרק אויסגענומען.

אין 1931 — מיר האָבן דעמלט געוווינט אין קיִעוו — האָט מען עזראַן מיט מיר און אונדזער זון גאַריקן אײַנגעלאַדן אין אַ ייִדישער שול אַף אַ פאָרשטעלונג „באַם דניעפּער”. געשפּילט האָבן זי די שילער.

עזראַן האָט זייער גערירט די וואַרעמקייַט, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן צו אים די קינדער און די לערער פון דער שול.

שפּעטער. האַרבסט. מיר קערן זיך אום פון „פּושטשאַ וואַדיצאַ" קיין קיִעוו. די ערשטע צייַט וווינען מיר אין אַ האָטעל אַף וואָלאַדימירער גאַס. און אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום גיט זיך אונדז איַין דינגען אַ צימער אַף דער לעוואַ־שאָווער גאַס. מיט אָט דער צייַט פּאַלט צונויף עזראַס איַינריַיס מיט דער ליטעראַרישער גרופּע „בוי".

איינמאָל זיץ איך מיט גאַריקן אַף די הענט באַם טיש. עזראַ שפּאַנט איבערן צימער.

— דו ווייסט, — ווענדט ער זיך צו מיר, — איך האָב באַשלאָסן אַוועקגיין פון „בוי".

און ער זאָגט מיר, אַז די אָרגאַניזאַציע באַ־פרידיקט אים ניט, וויַיל זי איז אַ פּראָלעטקולטאָזע, זי איז אָפּגעריסן פון די מאַסן און סטימולירט ניט צו שעפערישער מי.

— אָבער ווייסט, — גיט ער צו, — אוי, וועט עס זיַין אַ קלאַפּ פאַר די מיטגלידער פון „בוי"!

אַף זיַינע ליפּן באַוויַיזט זיך אַ שמייכל: ס'איז פאַראַן אין דעם אַן אויסדרוק פון פאַרדראָס — עזראַ איז זייער באַפריַינדעט מיט די מיטגלי־דער פון „בוי" — אי אַ פונקעלע פון הומאָר — עזראַ שטעלט זיך פאָר אַף אַ רעגע דעם טומל, וואָס וועט זיך דאָרט אופהייבן. נאָר אַ רעגע — און עזראַ איז ווידער ערנסט. פאַרטראַכט שפּאַנט ער איבערן צימער. און מיטאַמאָל — זיכער און ווי אַ לאַסט אַראָפּגעוואָרפן:

— יאָ, כ'האָב באַשלאָסן. כ'שריַיב אַ מעלדונג אין דער צייַטונג „עמעס" מיט אַ באַגרינדעטער דערקלערונג!

און עזראַ פּילט עס אויס.

דאָ ווילט זיך מיר זאָגן וועגן דעם, ווי שטאַרק האָט עזראַ ליב געהאַט ריַיזעס. מיט וואָס פאַר אַ ליַידנשאַפט האָט ער געטרוימט וועגן זען פאַרשיידענע קאַנטן און לענדער. אונטער דער ווירקונג פון אָט דעם געפיל האָט עזראַ דעמלט אָנגעשריבן דעם ציקל לידער „ביימער און באַ־נען", אָפּגעדרוקט אינעם בוך „אין פרי פון יאָר". נאָר אינגיכן האָט ער זיך באַפריַיט פון אָט דער שווערער שטימונג, אין דער פינפטער ליד פון דעם ציקל לאַכט ער פון דעם, וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אָט־די וויי־טעקדיקע געפילן:

אין דער הויפּטשטאָט מאָסקווע אָט די ליד
צעריַיס איך.
ברודער, ברודער־לעבן, ס'איז אַ פּוסטע מיַיסע...
. . . .
באַ דעם לאַנד דעם גרויסן מיטן רויטן שטערן
איז די צייַט אַ האַרבע, איז די צייַט אַ שווערע.
וואָס זשע פאַר אַ באַנען, וואָס זשע פאַר אַ
ריַיזעס?
ברודער, ברודער־לעבן, מ'דאַרף זיַין שטאַרק,
ווי איַיזן!

די ערשטע פיר לידער פון ציקל האָט עזראַ אָנגעשריבן נאָכאַנאַנד. און די פינפטע האָט ער געשאַפן אין אַ צייַט אַרום.

דעם פרילינג און דעם זומער פון 1929 האָט עזראַ צוזאַמען מיט איציק פעפערן געאַרבעט איבער דער פּיעסע „שלעק" פאַרן קיִעווער ייִדישן טעאַטער.

אין קיִעוו זיַינען דעמלט אָפט פאָרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן. עס פלעגן קומען אַף זיי אַרבעטער, לערער, ליטעראַטן, געזעלשאַפט־לעכע טוער. דער אינטערעס צו אָט די אָוונטן איז געווען אַ גרויסער. אָפט איז מען געזעסן אָנגעטאָן אין די אייבערשטע ווינטערדיקע בגאָ־דים, וויַיל ס'איז געווען קאַלט.

אין פּרעזידיום זיצט מען אויך אין די בגאָ־דים. אָט דאָרטן פון רעכטס זע איך עזראַן. ער קען ניט רויִק זיצן אַף איין אָרט, וואָרפט ער זיך איבער מיט צעטעלעך, אין וועלכע עס זיַינען ניט זעלטן געווען עזראַס קורצינקע עפּי־גראַמקעלעך־עקספּראָמטן, אַף וועלכע ער איז געווען אַ גרויסער מיַיסטער.

און אָט שטייט ער אַף דער בינע. דער מאַנטל פאַנאַנדערגעשפּיליעט, אַפן האַלדז אַ פּיִאַלעטע־ווע קאַשנע — ער לייענט די ליד „דורכגעפרי־לינגט אַף די הויכע שפּיזן".

עזראַ לייענט פּאַשעט, אָן שום מאַנירלעכקייַט. די שטים איז ניט שטאַרק, נאָר זי קלינגט פריַי, פון סאַמע ברוסט און מיט קראַפט פון טיפע עמעסדיקע געפילן.

אַף איינעם אַ שעפערישן אָוונט האָט עזראַ געלייענט לידער, וואָס זיַינען שפּעטער אַריַין אין זיַין בוך „אַן ערד אָן אַנדערע". אַ שטאַרקן איַינדרוק האָט געמאַכט די ליד „אַ שאָד", גע־ווידמעט מוישע־לייב האַלפּערן. אַ וואַרעם אַריַינפיר־וואָרט אַף דעם אָוונט האָט געהאַלטן נויעך לוריע.

נאָך דעם מיינונגס־אויסטויש איז אַרויסגע־טראָטן דער יונגער טאַלאַליעווסקי מיט אַ טעַנע: פאַרוואָס האָט געדאַרפט פינינבערג נוצן אַזעלכע גראָבע ווערטלעך, ווי „אידיאָט" און אַנד.

עזראַ האָט אים געמוזט דערקלערן, אַז דאָ איז אויסגענוצט מוישע־לייבס לעקסיק און דער־פאַר איז עס באַרעכטיקט.

פאַראַן באַ עזראַן צוויי לידער: „אין דער פּעטשערסקער לאַווריע" און „דעמאָנסטראַציע". זיי גייען אויך אַריַין אין זיַין בוך „אַן ערד אָן אַנדערע". מיר ווילט זיך דאָ דערציילן וועגן דעם, וויאַזוי מיר האָבן מיט עזראַן אַמאָל אין קיִעוו באַזוכט די פּעטשערסקע לאַווריע און דעם געוועזענעם קייסערס סאָד, וויַיל מיר דאַכט, אַז עזראַ האָט אָנגעשריבן אָט די לידער אונטער דעם איַינדרוק פון אָט אָ־די באַזוכן.

מיר זיַינען געקומען אין דער לאַווריע אין אַ העלן זומער־טאָג.

מיר זיַינען געשטאַנען לעבן די קוואַרים פון אַסקאָלד און דיר, באַטראַכט די אַלטע, פאַר־זשאַווערטע טשוהונענע פליטעס. נאָך דעם האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער הייל פון דער

לאַורע. באַם אַרײַנגאַנג איז געזעסן באַ א טישל א מאָנאַך, באַ וועלכן מיר האָבן געקויפט וואַקסענע ליכטלעך.

דורך טונקעלע פײַכטע קאָרידאָרן האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער טיף פון דער הייל. דאָרטן אָף די טישן אונטער גלאָז האָבן מיר געזען דאָס געביין פון די הייליקע. עס איז דאָרט געווען פײַכט, טונקל און עקלדיק, און מיר זײַנען אַפּגיך אַוועק פון דאָרטן.

און אויבן איז געווען אַזוי ליכטיק און וואַ־רעם. עזרא האָט פאָרגעלייגט, מיר זאָלן אַרופ־גיין אָף דעם טורעם פונעם קלויסטער־גלאָק. נאָר דער טורעם איז געווען פאַרשפאַרט. מיר האָבן לאַנג און אומזיסט געזוכט דעם מענטשן, וועלכער זאָל אונדז עפענען.

אַפן וועג צו דער לאַורע האָט זיך אונדז געטראָפן אַן אַלטער האַלב־צעפוילטער הילי־צערנער צײילעם מיט א סקולפּטור פון גע־קרייצטן קריסטוסן אָף אים.

עזרא האָט מיר דערציילט, אַז אין 1921 צי אין 1922 האָט ער איינמאָל אין וועג אויך אָנ־געטראָפן אָף אַזא סקולפּטור, זי האָט אָף אים געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק, און ער האָט אָנגעשריבן די ליד, וואָס איז אַרײַן אין זײַן ביכעלע „אָטעם":

אינמיטן פון שליאַך,
ווו ס'הודען אין וועלט טעלעגראַפישע
שטאַנגען,

אין לעוואַנעדיק מאַנטל,
געקאָרטשעט, פאַרפרוירן
ז'מײַן ברודער געהאַנגען.

דעם קייסערס סאַד האָט זיך אויסגעשפרייט אָף א באַרג. דער אויסזען פונעם פּאַרק איז געווען גאַנץ אייגנאַרטיק. שיין זײַנען געווען די אַלטע, צעצווײַגטע ביימער, די אַלייען, וואָס האָבן זיך געשלענגלט פון אונטן אַרויף. עזרא האָט געזאָגט, אַז סע דערמאָנט אים די אומאַניער „סאָפּיִעווקע", נאָר „סאָפּיִעווקע" איז א סאַך שענער.

דעם ווינטער פון 1931—1932 האָט עזרא געאַרבעט איבער דער איבערזעצונג פון לעאָ־נאָווס «Соть». עזראַן איז דאָס דאָזיקע ווערק שטאַרק געפעלן געווען. בייס דער אַרבעט פלעגט עזרא אָפט מיך צורופן, איך זאָל אויס־הערן דעם אָדער יענעם אויסצוג, וואָס אים איז באַזונדערס געפעלן. ער איז געווען אַנציקט פון דעם, ווי לעאָנאָוו מאָלט דאָס גע־שטאַלט פון דער מוטער.

עזרא האָט איבערזעצט אויך ווערק פון אַנדערע שרײַבער. איבערזעצן פלעגט ער זייער גיך. אָט זע איך אים, ווי ער זיצט באַם שרײַבטיש. לעבן אים ליגט פאַנאַנדערגעעפנט לעאָנאָווס דיקער בוך. און עזראַס האַנט לויפט גיך, גיך איבערן פּאַפּיר. קיין זײַטלעך פראָזע־איבערזעצונגען, געשריבן אָף שוואַרץ, זײַנען באַ עזראַן ניט געווען. כ'געדענק א זומער־טאָג אין מאָסקווע אין 1936. עזרא האַלט באַם פאַרענדיקן איבערזעצן מ. גאָרקיס «Дело Артамоновых» („אַרטאַמאָנאָווס געשעפט"). ער איז שוין זייער מיד, נאָר ער מוז אומבאַ־דינגט הײַנט פאַרענדיקן. ער בעט מיך, איך זאָל אים דיקטעווען דעם רוסישן טעקסט. איך דיק־טעווע אים א שאָ צוויי־דרײַ נאָכאַנאַנד. כ'סטאַ־רע זיך דערבײַ כאַפּן דעם ריטם פון עזראַס שרײַבן. ס'האָט מיך געפרייט, וואָס די רויִקע באַדאַכטקייט אָף עזראַס פּאָנעם און דער גיכער ריטמישער געלויף פון זײַן האַנט ווערן ניט צעשטערט.

אין 1944, ווען אונדזער רויטע אַרמיי האָט טריומפאַל געשפּאַנט אַלץ ווײַטער און ווײַטער אָף מײַרעוו, איז די גאַנצע אופמערקזאַמקײַט עזראַס געווען צוגעשמידט צו די געשעענישן אָף די פראָנטן. ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן זיך געפרייט מיט אונדזערע זיגן. מיט דעם, וואָס דער וועג צו בערלין ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ קירצער און קירצער.

דעמלט האָט עזרא אָנגעשריבן זײַן ליד „אײַ־וועט זײַן באַ אונדז א יאָמטעוו". עזרא האָט באַ מיר געפרעגט, ווי געפעלט מיר דער אויס־דרוק „איליא פון מוראָם" און פאַרוואָס דער אויסדרוק „איליא פון מוראָם" קלינגט בעסער ווי „איליא מוראָמעץ".

איך האָב מײַן מיינונג דעמלט אַזוי דער־קלערט: „אַז מע זאָגט „איליא מוראָמעץ", איז „מוראָמעץ" קלינגט ווי א פאַמיליע צום נאָמען און מע פילט ניט דעם באַטײַט פונעם וואָרט „מוראָמעץ". אָבער אַז מע זאָגט „איליא פון מוראָם", באַלעבט עס דאָס געשטאַלט, און מע שטעלט זיך פאָר קלאָר דעם גיבער איליא, וואָס שטאַמט פון מוראָם.

עזרא הערט זיך צו אופמערקזאַם, ווי איך סטאַרע זיך אויסדריקן מײַן געדאַנק, און די אויגן זײַנע שמייכלען, און אין דער זעלבער צײַט זײַנען זיי באַ אים ווי פאַר־טראַכט.

איך פיל: עזרא ווייסט זייער גוט, פאַרוואָס און מיט וואָס איז בעסער אַזוי און ניט אַנ־דערש. נאָר ער האָט ליב א שמועס טאָן וועגן זײַן ליד, דורכקאָנטראָלירן זיך, זײַן אייגענעם געדאַנק. און אויך א הער טאָן, וויאַזוי וואָלט אופגענומען זײַן ליד דער לייענער.

עזרא האָט אויך ליב געהאַט צו הערן, וויאַזוי עס קלינגט זײַן ליד פון דער זײַט. צוליב דעם פלעגט ער מיך בעטן דורכלייענען זײַן ליד אָף א קאָל.

אַזוי איז אויך געווען דאָס מאָל. ווען כ'האָב דורכגעלייענט די ערשטע שורע פון דער ליד, האָט מיך עזרא פאַריכט — ער האָט געזאָגט, אַז נאָך יעדער ווענדונג דאַרף מען זיך אָפּשטעלן. אָט אַזוי:

וואָס זשע מאַכט איר, יאַראָסלאַוולער,
טולער, קיִעווער, קאָסטראָמער?

און אַז ס'איז דערגאַן צו דער שורע: „ברײַ־דער מײַנע אָף מילכאָמע", האָט עזרא געזאָגט,

אז דאָס וואָרט „ברידער" דאַרף מען אויסריידן צאַרט, האַרציק און האָט באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף אויסריידן דאָס וואָרט „ברידער".

אין 1944, באַזונדערס אין 1945, אינטערעסירט זיך עזראָ מיט ביבלישע מאָטיוון. ער האָט צופעליק געקויפט פאַר ניט טײַער די ביבל אין צוויי בענדער. אין דעם פּעריאָד שרײַבט עזראָ זײַנע לידער פונעם ציקל „טרױמפאלע טויערן".

עזראָ איז געווען ביז גאָר פילבאַר צו יעדן ציטער פון לעבן. ס'איז נאָך די מילכאָמע ניט געענדיקט. דאָס האַרץ איז נאָך פול מיט ווײ און שווידערלעכן פּײַן פון די אומגליקן, נאָר אַרום און אַרום פילט ער שוין די לעבעדיקע פרייד פון לעבן. אַרום און אַרום זײַנען צעשפּרייט די שיינע קלאַנגען פון „שיר־האשירים". און דאָס האָט אַזוי דיכטעריש־דערהויבן אויסגעדריקט עזראָ אין זײַן ליד „צוויי שטימען".

ס'איז זומער באַטאָג. עזראָ פילט זיך ניט געזונט. ליגט אין בעט מיטן פּאָנעם צום אָפענעם פענצטער. לעבן פענצטער וואַקסט א בוים. מע זעט א שטיק בלויען הימל.

— אזא דין צווײַגעלע, — זאָגט עזראָ, — און האַלט אונטער א גאַנצן הימל.

די לעצטע צײַט האָט עזראָ שטאַרק געוואָלט דיכטעריש איבערזעצן טיילן פון ביבל. ער האָט געוואָלט אײַנשליסן די איבערזעצונגען אין זײַן בוך „פון וועלט־דיכטונג", וועלכן דער פאַרלאַג „עמעס" האָט געקליבן זיך דרוקן. ער האָט באַוויזן דיכטעריש איבערזעצן בלויז א טייל פון „שיר־האשירים".

„דער מענטש, וואָס שטאַרבט ניט" האָט עזראָ פאַרטראַכט, ווי א פּאָעמע, וואָס כאַפּט אַרום א גרויסע עפּאָכע, אָנגעהויבן פונעם גאָר ווײַטן מיטלאַלטער און געענדיקט מיט אונדזערע טעג.

עזראָ האָט מיר דערציילט, וויאַזוי ער האָט דעם „מענטש, וואָס שטאַרבט ניט" באַגעגנט אין מאָסקווע. ס'איז געווען אין אויגוסט 1941. עזראָ האָט באַדאַרפט זיך טרעפן מיט איינעם א כאַווער, מיט וועלכן ער האָט אָפּגערעדט צוזאַמען פאָרן אין דער מיליטער־טייל, וווהין מ'האָט זיי געשיקט דינען.

לויטן אָנגעווויזענעם אַדרעס איז עזראָ צוגעגאַנגען צו א טויער פון א גרויסן הויף. באַם אַרײַנגאַנג איז געשטאַנען אַן אַלטער ייִד מיט א גראָווער באָרד. איבערן אַקסל זײַנעם איז געהאַנגען א פּראָטיוואָגאַז. עזראָ איז צוגעגאַנגען צו אים פרעגן, ווו וווינט יענער כאַווער. און דער אַלטער האָט אים פּינקטלעך אויסגעמאָלט וויאַזוי דורכגיין. פונעם ייִדן האָט געווייעט מיט רויִקײַט און זיכערקײַט. עזראָ האָט זיך פאַרהאַלטן א ביסל שמועסן מיט אים. און דער ייִד האָט אים דערציילט וועגן די אײַנוווינער פון אָט דעם גרויסן הויז — ווער און וואָס איז יעדערער. אין די פּאַשעטע רייד פון אָט דעם אַלטן מאַן האָט זיך געפילט אַן אייגנאַרטיקע באַציִונג צו מענטשן, צו געשעענישן און א רײַכע לעבנס־דערפאַרונג. ער האָט פאַרינטערעסירט עזראַן.

— און ווער זײַט איר? — האָט אים עזראָ געפרעגט.

— איך בין א דעזשורנע פונעם 5־טן סעקטאָר, — האָט ער געענטפערט.

אַף מאָרגן איז עזראָ אַוועק אַף דער מילכאָמע. נאָר אין זיקאָרן זײַנעם איז פאַרבליבן דאָס געשטאַלט פונעם גראָווען ייִדן, דעם „דעזשורנע פונעם 5־טן סעקטאָר". שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די געשטאַלטן פון דער פּאָעמע „דער מענטש, וואָס שטאַרבט ניט".

זומער 1946. מיט די וואַרעמע טעג לעבט אוף א ביסל עזראָ. ער הייבט אָן צוביסלעך אַרויסגיין אין גאַס, אין שטאָט. נאָר לאַנג אַרומשפּאַנען איז אים שווער. פּלוצעם הייבט אָן באַ אים ווײ טאָן דאָס האַרץ, ער מוז דעמלט צוטוליען זיך צו א סלופּ און איבערוואַרטן, ביזוואַנען דער ווייטעק וועט דורכגיין.

דעם זומער האָט עזראָ באַוויזן אָנשרײַבן די ליד „צום זון דעם רויטאַרמייער". אונדזער זון גאַריק דינט אין דער רויטער אַרמיי אַפן ווײַטן מיזרעך. מיר האָבן אים ניט געזען שוין אָנדערהאַלבן יאָר. אַף זײַנע בריוועלעך וואַרטן מיר מיט אומגעדולד. נאָר בריוו גייען פון דאָרט לאַנג, ביזוואַנען מע דערוואַרט זיך אַף זיי... דעם ענטפער גאַריקן פּלעגן מיר אַלעמאָל שרײַבן צוזאַמען.

איינמאָל באַטאָג קער איך זיך אום אַהיים פון שטאָט און דערזע עזראַן, ווי ער שפּאַנט איבערן צימער. לויטן פּאָנעם זײַנעם, לויט זײַנע באַוועגונגען דערקען איך עזראַס זינגעוודיקע שטימונג.

שטילינקערהייט האָב איך געפרעגט:

— עזראָ, וואָס שרײַבסטו?

ער האָט געענטפערט מיט א שמייכל:

— דיר וועט געפעלן, וואָס איך שרײַב: ס'איז וועגן גאַריקן. דו ביסט דאָ אויך פאַראַן, — האָט ער צוגעגעבן.

און ער האָט מיר דורכגעלייענט די ליד „צום זון דעם רויטאַרמייער". די ליד ברענג איך דאָ געקירצט:

און אַלע פרי איך פלי אַהין,
צום זוים פון דאָרעם־סאַכאַלין:
מײַן זון דאָרט שפּאַנט מיט טויזנט זין
און וואַכט און היט די ברעגן.
ס'איז ווײַט צו פאָרן מיט א באַן,
איז פליט מײַן האַרץ צום אָקעאַן
און קושט דעם ליבן יונגנמאַן —
מײַן לויכטנדיק פאַרמעגן.

די מאַמע בענקט נאָך דיר, ווי דען?
זי שטרעקט צו דיר די צאַרטע הענט.
כאַטש אַף א ווײַל דײַן פּאָנעם זען —
ביז גאָר וואָלט איר געוואָלט זיך.
נאָר לאַנג צו פאָרן מיט א שיף.

פון יעדער שורע אין דײַן בריוו,
ווו יונגער מוט איז לויטער־טיף,
די מאמע ווערט אלץ שטאָלצער.

העט־ווײַט, העט־ווײַט, בא סאמע ראנד
פון אייגן לאנד, פון טײַער לאנד
איר זון מיט טויזנט שאָמרים שפּאנט, —
מיט זיכערע און פעסטע.
דו קומען וועסט געזונטערהייט,
זי וועט דיך צוטוליען מיט פרייד:
— דאָס לאנד האָט, זון, דיר צוגעגרייט
דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

אף גאָר דער פרײַער לענג און ברייט
דער בויער בויט, דער זייער זייט.
א פרישע פרייד, א שיינע פרייד
ווערט צאפּלדיק געבוירן.
און סאָנים לויערן אפּסנײַ.
א הויכער, שטאָלצער היטער זײַ.
דער פאָן דער רויטער דין געטרײַ,
מײַן איינציקער, מײַן יוירעש.

צו פיניבערגס לעצטע ארבעטן, ווי מיר דערמאָנט זיך, געהער דאָס ווערק „דא סילוואַ" אָדער „דער ייִד פון פּאָרטוגאל".

דאָס האָט געדארפט זײַן א פּיעסע וועגן א באוווסטן דראמאטורג פון די אינקוויזיציע־צײַטן — א ייִדן דא סילווא, וואָס די אינקוויזיציע האָט אים באשולדיקט, אז ער איז א מאַראַן, און האָט אים פארברענט.

די פּיעסע איז בא עזראַן געווען אינגאנצן דורכגעטראכט. ער האָט זי מיר דערציילט פון אָנהייב ביזן סאָף.

איך גיב דאָ איבער, וואָס כ'האָב פון דעם פארגעדענקט:

אין ערשטן אקט באווײַזט זיך דא סילווא ווי א גליקלעכער, א צופרידענער פון זײַן רום.

דאָס ערשטע בילד. ער שטייט מיט זײַן געליבטער און ליבנדער פרוי באם פענצטער. דורכן פענצטער זעט מען דעם פּלאץ און די געבײַדע פון טעאטער. מיט פרייד קוקן זיי, ווי דער עולם שפּארט אין טעאטער, — הײַנט גייט די פּרעמיערע פון זײַן פּיעסע.

זיי זײַנען ביידע שיין אָנגעטאָן — באלד וועלן זיי אויך אוועקגיין אין טעאטער. די פּרעמיערע איז דורכגעגאנגען מיט גרויס דערפאָלג. דא סילווא מיט די נאָענטסטע פרײַנט און פארערער זײַנע קערט זיך אום אהיים.

אין דער היים איז בא אים א יאָמטעוודיקע סודע. ער איז ארומגערינגלט מיט פרײַנט. עס הערשט אן אטמאָספער פון גליק און פרייד. דערנאָך רײַסט זיך ארײַן אין דא סילוואס לעבן אזעלעכס, וואָס פארכמארעט זײַן לעבן.

דא סילווא האָט א סאך סאָנים — ניט־פארגינערס. דאָס אלץ נוצט אויס די אינקוויזיציע צוליב אירע בלוטיקע אינטריגעס.

אינעם פינאל־בילד פירט מען דא סילוואן און זײַן פרוי צום שײַטער.

און אין דער זעלבער צײַט גייט דער עולם ארויס פון טעאטער, זינגט די אָקאָרשט געהערטע פון דער בינע דא סילוואס פריילעכע לידער, די לידער פונעם באליבטן דראמאטורג.

עזראָ האָט געהאט א וווּנדערלעכן כוש צו ליטעראַרישער שאפונג. זײַנע פאָדערונגען צו שרײַבער ביכלאל און צו זיך פערזענלעך זײַנען געווען הויכע און שטרענגע.

עזראָ פלעגט שטארק איבערלעבן, ווען ער האָט געזען, ווי עמעצער פּרווּוט אויסנוצן דעם נאָמען שרײַבער צוליב קליינלעכע, פערזענלעכע אינטערעסן.

עזראָ האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אז א שרײַבער זאָל לעבן אויסער געזעלשאפטלעכע אינטערעסן. זײַן א שרײַבער האָט בא אים באטײַט זײַן פארבונדן מיטן פאָלק, מיט זײַנע אינטערעסן און שטרעבונגען, דינען דעם פאָלק מיטן שטארקן, קינסטלערישן וואָרט.

דערפאר האָט ער אזוי ליב געהאט שטשעדרינען, נעקראסאָוון, גאָרקין, מאיאקאָווסקין. זײַן קוק אף א דיכטער און זײַן שעפערישער מי דריקט אויס עזראָ באזונדערס קלאָר אין די לידער „פאָלק", „א קאמייע", „א זײַל פון אײַזן" (פונעם בוך „אין ריזיקן פײַער").

צו עזראַן פלעגן אָפט קומען יונגע ייִדישע דיכטער. איבערהויפּט זײַנען דאָס געווען יונגעלײַט סטודענטן, וואָס האָבן ליב געהאט עזראַס שאפונג. ווען מיר האָבן נאָך געוווינט אין קיִעוו, פלעגן אָפט צו אונדז ארײַנקומען דריז און טאלאלאיעווסקי.

עזראָ האָט ליב געהאט די באזוכן פון די דעמלט יונגע דיכטער און פלעגט זיך האלטן מיט זיי פּאָשעט און צוגעלאָזט.

ער האָט אופמערקזאם אויסגעהערט זייערע לידער, געפירט שמועסן וועגן דיכטונג, אָנגעוויזן אף כעסרוינעס, זיך געפרייט, ווען ער פלעגט הערן א גוטע ליד.

זייער צוגעבונדן צו עזראַן איז געווען הענעך שווערדיק, וועלכן עזראָ האָט אויך זייער ליב געהאט. מיט שווערדיקן האָט זיך עזראָ באקענט אין 1936, אין מינסק, וווּהין ער איז געקומען אלס אָנטיילנעמער פונעם פּלענום פון שרײַבער־פארבאנד. עזראָ האָט געשעצט שווערדיקס טאַלאנט. איך געדענק דעם עקספּראָמט, מיט וועלכן עזראָ האָט זיך איינמאָל געווענדט צו שווערדיקן: „שווערדיק, זײַט ניט געשעדיקט".

אין 1940 איז שווערדיק, זײַענדיק אין מאָסקווע, געקומען צו אונדז.

עזראָ האָט זייער ווייטעקלעך איבערגעלעבט די יעדיִע וועגן שווערדיקס אומקום אפן פראָנט.

אין איינעם א בריוו פון פראָנט צו זײַן פרוי שרײַבט שווערדיק: „אלץ נעענטער ווערט מיר אזא גרויסער און ריינער מענטש, ווי פיניבערג, וועמענס פרײַנט איך האָב דאָס גליק צו זײַן".

ס'געדענקט זיך מיר נאָך א באָכערל פון א יאָר צוואנציק, א דיכטער און אָנפאנגער, א מאָסקווער סטודענט — אײַזענווארג. איינמאָל האָט ער געלייענט בא אונדז אף

אויסוויינִיק א סאַך עזראָס לידער. און ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט אַזויפיל לידער. אינגיכן, נאָך דעם ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז אײַזענוואַרג געקומען צו אונדז געזעגענען זיך. ער האָט געזאָגט, אַז מע האָט אים מאָביליזירט און מע שיקט אים דינען אין אַן אונטערוואַסערשיפל. פון וועג האָט ער צוגעשיקט עזראָן א בריוו מיט א ליד. מער קיין ידיעס פון אײַזענוואַרגן זײַנען ניט געווען.

איך וויל דערמאָנען וועגן דער האַרציקער צוגעבונדנקײַט צו עזראָן פונעם דיכטער מענדל ליפשיץ, וועלכער פלעגט אָפט זײַן בא אונדז. עזראָ איז געווען דער רעדאַקטאָר פון ליפשיצעס א לידער־זאַמלונג.

ווען עזראָ פלעגט רעדאַגירן א בוך, האָט ער אַרײַנגעלייגט אין דעם די גאַנצע נעשאָמע זײַנע. ער האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט קאַרגע, פאָרמעלע אָנווײַזונגען, נאָר זיך געסטאַרעט דערקלערן דעם אַווטאָר, אין וואָס באַשטייט דער אָדער יענער פעלער, וועלכן מע דאַרף באַזײַטיקן. וויפל געדולד האָט עזראָ אַרויסגעוויזן, קעדיי דערשלאָגן זיך, אַז דער אַווטאָר זאָל פאַרשטיין, וואָס פאָדערט זיך פון אים. דערפאַר אָבער פלעגט דער שרײַבער אַוועקגיין פול מיט טיפער דאַנקבאַרקײַט צו עזראָן.

ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע האָט עזראָ רעדאַגירט אַליעוווסקיס בוך „אָנהייב לעבן“. רעדאַגירן אַליעוווסקין איז געווען שווער און אַכרײַעספול. אָבער דאַפקע בייס אָט דער אַרבעט האָבן זיי זיך שטאַרק באַפרײַנדעט.

אין דער ליד „מיר געזעגענען זיך“, געשריבן אין 1941, גיט איבער עזראָ דאָס געפיל פון צעשיידן זיך מיט אַליעוווסקין פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט. אָט זײַנען שורעס פון אָט דער ליד:

. . . .

געווען איז עס זומער, זומער פאַרנאַכט,
און ס׳האָט אין דער לופט שוין געעטעמט
מיט שלאַכט,
מיט פליִען אין פלאַמיקע טעג אַרײַן.
לאָמיר זיך, כאַווער, געזעגענען!..

. . . .

געקוקט האָט אין פענצטער א זומער־פאַרנאַכט,
לעם טיש האָט די ביקס, דער רעוואָלווער
געוואַכט.
דעם לאַנד, וואָס צום גליק האָט געבוירן אונדז,
זיגן מיר האָבן געשווירן זיך.

און מונטער און שטאָלץ איז געווען דער געמיט,
און יעדער פון אונדז האָט געלייענט א ליד:
„צו פריילעכע פרילינגן־זומערן
מיט גרויסן ניצאָכן זיך אומקערן!“

●

עזראָ פינינבערג איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע פּאָפּוליאַריזאַטאָרן פון דער רוסישער, מײַרעוו־אייראָפּעיִשער, אוקראַיִנישער, גרוזינישער פּאָעזיע. אין די דרײַסיקער יאָרן זײַנען דערשינען זײַנע מײַסטעריישע איבערזעצונגען פון געטעס „פאַוסט“, פושקינס און לערמאָנטאָווס לידער, שאָטא רוסטאַוועלִיס „דער העלד אין טיגער־פעל“, גאָרקיס „אַרטאַמאָנאָווס געשעפט“, פּאַוסטאָווסקיס „קאַראַ־בוגאַז“ און אַנד.

אין עזראָ פינינבערגס אַרכיוו, וועלכער ווערט פאַרהיט אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָבן מיר געפונען אַן איבערזעצונג פון עטלעכע קאַפּיטלען פון א. ס. פושקינס „יעווגעני אָניעגין“. איינס פון די קאַפּיטלען לייגן מיר פאָר דעם לייענער.

די פּובליקאַציע האָט צוגעגרייט צום דרוק כ.ביידער.

א. ס. פושקין

יעווגעני אָניעגין

(אויסצוגן פונעם ראָמאַן)

XLVI

ווער ס׳האָט געלעבט, געטראַכט — פאַראַכטן
די מענטשן מוז אין האַרץ אין זײַנעם.
ווער ס׳האָט געפילט — אויף אים די מאַכט האָט
פון טעג פאַרגאַנגענע די פּײַנען,
דער פון קיין צויבער ווייסט שוין מער ניט,
דער נערט זיכרוינעס־שלענג. די שווערע
כאַראָטע לאָזט אים ניט צורו.
דאָס אַלעס — אָפטמאָל גיט עס צו
דעם שמועסן א כיין א היפּשן.
אָניעגינס שפּראַך האָט טכילעס מיך
געאַרט, נאָר צוגעוווינט זיך גיך
כ׳האָב צו די רייד, וואָס פול מיט גיפט שוין,
און צו די שפּאַסן, האַלב מיט סאַם,
צום גאַל פון בייזן עפּיגראַם.

XLVII

אין זומער־נעכט, ווען הימל שפּרייט זיך
העל־דורכזיכטיק און ליכטיק־בלאָ
אויף דעם ניעווא־טײַך אויפן ברייטן
און ס׳שטראַלט ניט אָפּ דאָס וואַסער־גלאָז
דאָס פריילעכע די׳אַנעס פּאָנעם,
מיר פלעגן דעם אַמאָל דערמאָנען,
די ליבע פון אַמאָל — אַפּסנײַ,

און ווידער צאַרט, פון זאָרגן פריַי,
פון נאַכט־אָטעם באַצויבערט־מילדן,
מיר פלעגן שטומע זיצן דאַן.
ווי פון געפענק אַן אַרעסטאַנט,
וואָס פליט צום וואַלד אין כאַלעם ווילדן,
מיר פלעגן מיטן טרוים אַוועק
צום אָנהייב פון די יונגע טעג.

XLVIII

מיט האַרץ, וואָס בענקט נאָך טעג יענע,
און אָנגעלענט אינעם גראַניט,
פאַרקלערט געשטאַנען איז אָניעגין,
ווי יענער דיכטער אין זײַן ליד.
געוועז איז שטיל, בלויז אין דער נאַכט־ווײַט
דו הערסט דעם איבערוף פון וואַך־לײַט;
ס׳האָט בלויז אַ ווײַטער דראָזשקע־קלאַפּ
זיך אַף מיליאָן־גאַס אופגעכאַפּט.
געשווּמען בלויז אַ שיפל שטיל דאָן
אַף דרעמלענדיקן טײַך אַ צײַט;
ס׳האָט אונדז געצויגן אין דער ווײַט
אַ האָרנדל, אַ ליד אַ מילדע.
נאָר זיסער אונדזערן געמיט
געוועזן איז פאַרט טאָרקוואַטאָס ליד!

XLIX

אָ, אַדריאַטיקס ווילע וועלן,
אָ, ברענטאַ! כ׳וועל אײַך זען אַמאָל.
פול מיט באַגײַסטערונג מיט העלער,
כ׳וועל הערן אײַער צויבערקאָל.
פאַר אייניקלעך פון אַפּאָלאָן ער
לויט לירע שטאָלצער אַלביאָנער
איז נאָענט מיר און מיר באַקאַנט.
אין גילדענעם איטאַליע־לאַנד
כ׳וועל זיך אין פרײַען גליק פאַרטיפן
מיט יונגפרוי פון ווענעציע, וואָס
אָט שווײַגט, אָט רעדט זי אָן אַ מאָס,
אין אַ געהיים גאָנדאָלע־שיפל.
באַהערשן כ׳וועל אין יענער נאַכט
די ליבע־שפּראַך, פּעטראַרקעס שפּראַך.

L

צי קומט די שעה פון פרײַהײַט מײַנער?
שוין צײַט, שוין צײַט! איך בעט זי: קום!
באַם יאַם איך וואַרט אַף וועטער פײַנעם,
די ווײַטע זעגלען רוף איך שטום.
אין שטורעמס, אין די וועל־געשלעגן,
אין פראַנק־און־פרײַע יאַמען־וועגן
ווען וועל איך פראַנק־און־פרײַ אַוועק?
פאַרלאָזן אָט דעם גרויען ברעג

פון ווילדער קראַפט, וואָס האָט ניט ליב מיך,
אַף דאָרעם־וועל, אונטער דער שײַן
פון הייסער אַפריקע פון מײַן,
כ׳וועל זיפצן וועגן רוסלאַנד טריבן,
ווו כ׳האָב געליבט, ווו כ׳האָב געשמאַכט,
ווו כ׳האָב באַגראָבן טיף דאָס האַרץ.

LI

מיט מיר באַזוכן לענדער ווײַטע
געוווען איז אָניעגין גרייט:
נאָר גיך, נאָר גיך אַף לאַנגע צײַטן
עס האָט דער גורל אונדז צעשיידט.
געשטאָרבן איז זײַן פאָטער דעמלט.
דאַן האָבן אים געגומען קלעמען
די געלטמאַנער מיט זשעדנעם דראַנג.
ס׳האָט יעדער זײַן פאַרשטאַנד און גאַנג.
אָניעגין לאָדענישן פּוסטע
האָט פײַנט געהאַט. האָט ער געשענקט
זיי די ירושה, ווײַל געזען
אין דעם ער האָט קיין שום פאַרלוסט ניט,
ווי ער פון לאַנג געריכט האָט זיך:
דער אַלטער וועט שוין ניפטער גיך.

LII

און טאַקע, אָט, פון פאַרוואַלטער
א בריוו באַקומט ער מיטאַמאָל:
דער פעטער ז׳קראַנק, באַם שטאַרבן האַלט ער,
וואָלט זיך געזעגענען געוואָלט.
אַדורכגעלייענט די יעדיעה,
אָניעגין האָט געלאָזט זיך פליען,
אָט פאָרט ער מיט דער פּאָטשט אַוועק
און גענעצט שוין פאָרויס אין וועג,
בלויז צוליב געלט אַף זיפץ און אומעט
און שעקער איז ער אײַנגעגאַן
(דערמיט הייבט אָן זיך מײַן ראָמאַן);
נאָר ווי צום פעטערס דאָרף געקומען,
ער זעט: שוין יענער אויסגעשפּרייט
ליגט אַפן טיש, צו קווורע גרייט.

LIII

מ׳האָט זייער פײַן אים אופגענומען;
פון ווײַט און נאָענט צו דעם מעס
זײַנען סײַ פרײַנט, סײַ פײַנט געקומען —
די שטענדיקע לעווײַ־געסט.
מ׳האָט דעם פאַרשטאָרבענעם באַגראָבן,
גאַלאָכים, געסט געטרונקען האָבן,
מ׳איז זיך צעגאַן דערנאָך פאַרטאָג,
ווי מ׳וואָלט אָן איניען אָפּגעטאָן.
אָניעגין בלײַבט אין דאָרף דאַן וווינען,

אף וואלד, זאוואָדן, וואסער, ערד
א באלעבאָס, כאָטש ביז אהער
פון דעם געוועזן ער איז א סוינע;
אים פרייט, וואָס פונעם אלטן וועג
צו וואָס־ס׳ניט־איז איז ער אוועק.

LIV

צוויי טעג ז׳אים נײַ געווען די שטילקײַט,
די איינזאמקײַט פון ברייטן פעלד,
פון וואלד פון טונקעלן די קילקײַט,
דאָס לויטער ריטשקעלע, וואָס קוועלט;
דעם דריטן האָט שוין זײַנע אויגן
דער וואלד, דאָס פעלד ניט צוגעצויגן;
דערנאָך גענדרעמלט ר׳האָט — און גאָר;
דערנאָך דערזעען האָט ער קלאָר,
אז ס׳הערשט אין דאָרף דער זעלבער לאנגווײַל,
כאָטש ניט פאראן קיין גאס, קיין זאל,
קיין קאָרטן, פערזן און קיין באל.
ס׳איז די כאנדרא אים נאָכגעגאנגען,
נאָך אים אלס שאָטן נאָכגעשפרײַזט,
פונקט ווי א ווײַבל א געטרײַס.

LV

צו דאָרפיש לעבן פרידלעך־ליכטיקס
געקומען בין איך אָף דער וועלט:
אין שטיל — קלינגט בעסער ס׳קאָל פון דיכטונג,
דער שאפונגס־טרוים ווערט לײַכט און העל.
אין שאָען פרײַע, זויבער־ווילע,
כ׳גיי אום לעם אָזערע דער הוילער,
ס׳הערשט far niente אָט די טעג.
כ׳ווער אין פרימאָרגנס אופגעוועקט
צו זיסן ווילָטיק, פרײַהײַט קלאָרער.
איך שלאָף א סאך, איך לייען קנאפּ,
דעם פליִענדיקן רום ניט כאפּ.
ניט דען אזוי צוריק מיט יאָרן
האָב איך די טעג מיט גליק א סאך
אין שטילן פוסטעפּאס פארבראכט?

LVI

איר, קווייטן ליבע, פעלדער שטילע!
איך בין געטרײַ אײַך אָן א שיר.
באוויַזן פריי איך זיך דעם כילעק
צווישן דעם העלד מײַנעם און מיר,
עס זאָל דער שפּעטנדיקער לייענער
צי א פארשפרייטער א געמיינער
פון קונציקן רעכילעס־וואָרט
די שטריכן מײַנע זען דאָ קלאָר
און זאָל ניט פלאפּלען אומדערטרעגלעך,
אז כ׳האָב דאָ מײַן פאָרטרעט געמאָלט,

ווי בײַראָן, דער פּאָעט פון שטאָלץ,
באַגלײַך ס'איז שרײַבן גאָר ניט מעגלעך
פון קיינעם קיין פּאָעמעס שיין,
כוץ וועגן איינעם, זיך אליין.

LVII

מיט אַלע דיכטער אָט אַזוי איז —
זיי זײַנען טרוימעריש־פאַרליבט.
עס פלעגן מיר די ליבע פרויען
זיך כאָלעמען, אין האַרץ די טיף
האָט זיי פאַרהיט, מיט כיין באַוואוּסט זיי;
די מוזע האָט דערנאָך באַלעבט זיי:
אַזוי האָב איך מײַן טרוים־באַגער
באַזונגען — ס'מיידל פון די בערג,
אויך די, וואָס באַם סאַלגיר געפאַנגען.
און אָט, גאָר אָפט דערהער איך הײַנט
פון אײַך די פראַגע, מײַנע פרײַנט:
„נאָך וועמען זיפצן די געזאַנגען?
אוועלכער יונגפרוי הייס־פאַרבענקט
דער ליריעס ליד האָסטו געשענקט?

LVIII

ס'האָט וועמענס בליק צערודערט גרינג דיך,
מיט צאַרטקייט וועד באַלוינונג גיט
דער טיף־פאַרקלערטקייט פון דײַן זינגען?
פאַרגעטערט וועמען האָט דײַן לידז?"
ניט קיינעמס, פרײַנט! איך קאָן זיך שווערן,
דעם דולן אומרו פון באַגערן
כ'האָב אומדערפאַלגרײַך דורכגעלעבט.
ווייל דעם, וואָס האָט מיט אים באַהעפט
דעם גראַמען־פלאַם: דערמיט דאָס פײַער
פאַרדאָפּלט ער פון דיכטונג־היץ.
פּונקט ווי פּעטראַרקע, טוט ער איצט —
דעם ווייַ פון האַרץ ער שטילט, דערבײַ ער
געכאַפּט האָט אויך דעם טאַם פון רום;
נאָר איך געליבט האָב נאַריש, שטום.

LIX

די ליבע — דורך, די מוזע קומט דאַן,
און ס'לײַטערט אויס זיך דער געדאַנק.
אַ פרײַער, ווידער כ'זוך דעם בונד דאַן
פון זין, געפיל און צויבער־קלאַנג.
איך שרײַב, און ס'פילט דאָס האַרץ קיין אָל ניט,
די פעדער מײַנע מער שוין מאָלט ניט
לעם ליד, וואָס ניט פאַרענדיקט איז,
קיין פרויען־קעפּ, קיין פרויען־פיס;
ניט אויפלאַמען וועט דאָס פאַרלאָשנס.
איך טרויער נאָך, נאָר אָן שום טרער,
באַלד אין מײַן האַרצן שטיל שוין ווערט.

קיין שפור פון שטורעם איז ניטאָ שוין:
און מײַן פּאָעמע וועט באַשטיין
פון פינף און צוואַנציק לידער, כ׳מיין.

LX

כ׳האָב שוין באַקלערט די פאָרם פון פּלאַן דאָ,
און ווי מײַן העלד געדופן ווערט;
דערווײַל זשע איז אין מײַן ראָמאַן דאָ
פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל ערשטס.
כ׳האָב שטרענג באַקוקט. אויב וועלן זוכן,
געפינען פיל מ׳עט ווידערשפּרוכן.
נאָר איך פאַריכט ניט — כ׳לאָז זיי דורך;
דעם כויוו כ׳וועל צאָלן דער צענזור,
פאַר זשורנאַליסטן אויכעט כאַפּן
אין גרײַז מײַן מי איך גיב אוועק;
איז גיי זשע צו דעם ניעווער ברעג,
מײַן ווערק מײַן נײַס, וואָס כ׳האָב געשאַפּן,
די גאָב פון רום פאַרדין מיר דאָרט:
רעכילעס, רויש און זידלוואָרט!

ייִדיש — עזרא פינינבערג

הירש רעלעס

באַם סאָוש און באַם דניעפּער

(רייזע־בילדער)

מאַרק סאַוועליעוויטש

אין קלימאָוויטשי איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון פיל לערער, אינזשעניערן און דאָקטוירים, אַז זיי קומען אַרויס פון לייטוסעס אַקאַדעמיע, און דערבײַ גרויסן זיי זיך מיט דעם. דעריבער האָט זיך מיר פאַרוואָלט וויסן, וואָס הייסט עס „לייטוסעס אַקאַדעמיע". דערוויס איך זיך, אַז אַזוי רופט זיך דאָ די היגע מיטעלע אָוונט־שול. געגרינדעט האָט זי דער אינוואַליד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, דער לערער מאַרק סאַוועליעוויטש לייטוס. שוין איבער פינף און צוואַנציק יאָר, אַז ער איז דער דירעקטאָר פון דער דאָזיקער שול. פרילינג 1973 האָט די שול אַרויסגעגעבן דעם טויזנטסטן אַטעסטאַט, וועלכן ס'האָט באַקומען דער אַרבעטער פון סעליקאַטנעם קאָמבינאַט וויקטאָר קאָוטון.

די מערהײַט פון די, וואָס האָבן פאַרענדיקט די אָוונט־שול, האָבן נאָכדעם באַקומען העכער בילדונג.

בלויז אין קלימאָוויטשער ראַיאָן אַרבעטן 36 לערער, וואָס האָבן פון אָנפאַנג געלערנט באַ לייטוסן.

מע קאָן דאָ אָנרופן פיל דאָקטוירים, אינזשעניערן, עקאָנאָמיסטן, וואָס זײַנען אַרויס פון דער זעלבער אַקאַדעמיע.

וועגן דעם דירעקטאָר פון דער אָוונט־שול, און ביכלאַל וועגן גאַנצן פּעדקאָלעקטיוו זאָגט מען, אַז פון זייערע הענט קאָן זיך ניט אַרויסדרייען קיין איין יונגערמאַן, וואָס האָט ניט קיין מיטלבילדונג. אויב ער וויל אַפילע בעשום־אויפן זיך ניט לערנען, נעמט מען אים מיט גוואַלד, און נאָכדעם פאַרינטערעסירט מען אים מיט די לימודים אַזוי, אַז ער לאָזט ניט דורך קיין איין לערן־טאָג.

קלער איך, מע דאַרף זיך באַקאַנען מיט לייטוסן. איך בין דאָך אויך אַ פּעדאַגאָג, און אַרבעט אויך אין אַן אָוונטשול.

עמעס, באַ אונדז גייט עס ניט אַזוי גוט. ס'טרעפן פאַלן, אַז שילער לאָזן דורך די לימודים אָן שום סיבעס. אייניקע קאָן מען מיט קיין קלעמען ניט אײַנהאַלטן אין שול. שפּעטער, ווען זיי ווערן שוין עלטער, דינען זיך אויס אין אַרמיי, קומען זיי צום סייכל און קערן זיך אַליין אום אין שול. אינטערעסאַנט, וויאַזוי גיט זיך אײַן דער היגער אָוונט־שול אײַנהאַלטן די שילער.

און אַזוי־ווי איך בין געווען אין קלימאָוויטשי זומער, אין דער צײַט פון די קאַניקולן, האָב איך באַשטימט באַזוכן לייטוסן.

איך גיי אַרײַן אין ראַיאָנעם בילדונגס־אָפּטייל צו דערוויסן זיך לייטוסעס אַדרעס, טרעף איך אָן אָפּן פאַרוואַלטער באָריס גריגאָריעוויטש טשעמאָדאַנאָוו, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן.

— אויב אײַך אינטערעסירט בלויז לייטוסעס אַדרעס, — זאָגט ער מיר, — איז עס גרינג צו דערוויסן זיך. האָגאַם אונדזער ראַיאָנער צענטער, ווי איר זעט, איז ניט קיין קליינער יִישעוו, נאָר שטעלט אָפּ יעדן אייניציקן און פרעגט, ווו ווױנט דאָ מאַרק סאַוועליעוויטש, אַפילע ניט אָנרופנדיק די פאַמיליע זײַנע, וועט ער אײַך ווײַזן.

איך גיי אַרויס אַף דער צענטראַלער גאַס. מענטשן, קיין אײַנהאָרע, ווי אין אַ גרויסער שטאָט.

איז באַ װעמען זאָל איך פּאָרט פרעגן?

און דאָ װאַרפט זיך מיר אין די אויגן א היכער יונגערמאַן אין די מיטעלע יאָרן, װאָס האַלט א הראַבליע אין די הענט.

— אנטשולדיקט, װוּ לעבט דאָ לייטוס?

— מאַרק סאָװעליעװיטש?

— יאָ.

— קומט, איך װעל אײַך װײַזן.

מיר פאַרקערעװען אין א געסל אָפּ רעכטס.

— פונװאַנען קענט איר מאַרק סאָװעליעװיטשן? — פרעג איך אים.

— װאָס רעדט איר? איך בין דאָך פון זײַן אַקאַדעמיע. איצט זײַנען מיר קאָלעגן. איך אַרבעט אלס לערער פון פיזיק אין דער מיטלשול נומ. 4.

ביכלאַל איז די פאַמיליע לייטוס זייער פּאָפּולער אין מאָהילעװער קאַנט.

עטלעכע לייטוסעס האָבן זיך געלערנט מיט מיר אין װיטעבסקער ייִדישן טעכניקום.

מיט מיר אָף איין קורס האָט זיך געלערנט א מיידל פון כאַטימסק. באַסיע לייטוס האָט זי געהייסן. א שװאַרצײנעװדיקע, מיט גרויסע בלויע אויגן.

דער לערער פון פיזיק בלאָק פלעגט פלוצעם, בייסן לימעד, א זאָג טאָן צו איר:

— לייטוס, װאָס װוּנדערסטו זיך?

דאָס פלעגט אַרויסרופן א געלעכטער באַ די צוהערער.

מיט א קורס העכער פון מיר האָט זיך געלערנט מייערקע לייטוס, א הויכער, א דאַרער, אויך, דוכט זיך, פון כאַטימסק, נאָר ער האָט קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו באַסיע לייטוס.

מייערקע האָט פאַרמאָגט א קעשענע־זייגער — אָנשטאָט ציפערן ייִדישע בוכשטאַבן. איך געדענק, אין צוזאַמענװוינונג, בייס א שמועס, פלעגט ער אַרויסנעמען דעם זייגער, א קװעטש טאָן א שרײַפּל, און דאָס אייבערשטע דעקעלע פלעגט זיך האַסטיק עפענען.

— כעװרע, צײַט גיין עסן װעטשערע! — פלעגט ער אויסשרײַען.

און מיר, אויסגעהונגערטע כעװרע, פלעגן לויפן אין גאַרקיך, װוּ אָף יעדן האָט געװאַרט 50 גראַם ברויט, א פּאָר לעפל װינעגרעט און א קאַראַמעלקע, װאָס האָט געהאַט אַן אויסזען פון א פּיצינק קישעלע. אָקרעפּ — װיפל דאָס האַרץ גלוסט! דאָס איז געװען אין די באַװוּסטע הונגער־יאָרן. איך געדענק, מייערקע פלעגט טײַנען, אַז ער טרוימט דערלעבן אַזאַ צײַט, װען ער װעט קאָנען עסן ברויט צו זאַט. ברויט מיט װאַסער, מער דאַרף ער גאָרנישט. װאָרעם ס׳איז ניטאָ קיין געשמאַקער עסן פון קאָרן־ברויט. איינמאָל איז געקומען דערצו, אַז ער האָט געװאָלט פאַרקויפן דעם זייגער פאַר דרײַ לעבלעך ברויט, נאָר מיר האָבן אים אָפּגערעדט.

זאָל זײַן, אַז דאָס איז יענער לייטוס? ס׳קאָן זיך מאַכן. מייער און מאַקס איז דאָך איין און דער זעלבער נאָמען.

מיר שטעלן זיך אָפּ באַ א שיינער הילצערנער שטוב. אָף דער װעראַנדע זיצט א פרוי און רײַבט קאַרטאָפל אָף א ריבײַזן.

— איך פיר צו אײַך א גאַסט, — זאָגט איר אַן מײַן באַגלייטער.

— מיט געסט זײַנען מיר שטענדיק צופרידן, — ענטפערט זי און קלאַפּט אָפּ פונעם ריבײַזן די אָנגעריבענע קאַרטאָפל, דערבײַ פרעגט זי באַ מײַן באַגלייטער: — איר האָט זיך דאָך געקליבן ערגעץ פאָרן?

לויט איר טאָן פאַרשטיי איך, אַז אין געסט האָבן די לייטוסעס קיין מאַנגל ניט.

— אָט, צוליב די קראָליקעס האָב איך זיך פאַרהאַלטן, — ענטפערט ער אָף איר פראַגע. — איך פאַרמאָג שוין איבער פופציק. דאָס װײַב האָט קיין צײַט ניט צו פאַרנעמען זיך מיט זיי. זי אַרבעט דאָך. מע דאַרף היי פאַר זיי אָנגרייטן. האָב איך געקויפט א הראַבליע. אויב איר װילט, קאָן איך אײַך ברענגען א פּאָר קראָליקעס אָף צעפּלאָדען.

— מײַנער װעט זיך מיט דעם ניט פאַרנעמען, — ענטפערט זי. — ער איז פאַרטאָן אין די ביכער.

מײַן באַגלייטער געזעגנט זיך און גייט אוועק.

די פרוי פירט מיך אוועק אין הויף.

אין סעדל, אָף א האַמאַק, ליגט אַן עלטערער מענטש און לייענט א בוך.

באַמערקנדיק אונדז, גיט ער זיך א הייב אוף פון אָרט, און דאָ דערקען איך אים, — טאַקע מייער לייטוס! אַזוי װי ער איז געװען דאַר און הויך, אַזוי איז ער פאַרבליבן. ס׳װאַרפט זיך אין די אויגן די צעשעדיקטע רעכטע האַנט. קאָנטיק, דעם כירורג פונעם מיליטערישן האָספּיטאַל איז ניט װייניק אויסגעקומען צו האָרעװען אָף צו פאַרהיטן זי כאָטש ביז דער דלאָניע. אָפּן פּאָנעם זײַנען אויך פאַראַן שראַמען פון שפּליטערס.

ער קוקט אָף מיר פאַרװוּנדערט. דערנאָך גייט ער צו און נעמט מיך אָן מיט דער לינקער האַנט.

— שאַ, באַלד װעל איך זיך דערמאָנען, װער דו ביסט, נאָר זאָג ניט... — דערבײַ קװעטשט ער מיר אַזוי פעסט די האַנט, װי ער װאָלט מוירע האָבן, אַז איך זאָל זיך ניט אַרויסרײַסן פון אים און ניט נעלעמען װערן.

— מייערקע, לאָז אָפּ די האַנט, — בעט איך זיך באַ אים.

— ניין, איך װעל ניט אָפּלאָזן, ביז װאַנען איך װעל זיך אַליין ניט דערמאָנען, װער דו ביסט.

— זעסט דאָך, און דיך האָב איך גלײַך דערקענט.

— וואָלסט מיך אויך ניט דערקענט, ווען דו ווייסט ניט, אַז איך בין דאָ, — און פּלוצעם שרײַט ער אויס: — הירשקע!

— יאָ, איך. איצטער קאָנסטו מיך שוין אָפּלאָזן?

— דו וועסט דאָך אים דערשטיקן, — באומרויִקט זיך זײַן ווײַב.

— דו ווייסט, אסינקע? מיר האָבן צוזאמען געלערנט זיך אין טעכניקום. די בעסטע יאָרן אונדזערע זײַנען דאָרטן דורך.

דערנאָך, אַז ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, איז ער אוועק אין שטוב און האָט געבראַכט אַ פאָטאָ: פון דעם ארויסלאָז פון 1933 יאָר, ווען ער האָט געענדיקט דעם טעכניקום.

אָט איז הירשעלע קאפּלאַן, מײַן בען־איר, מײַן נאָענטער כאַווער פון דער קינדהײַט. אין די יאָרן פון מילכאָמע איז ער געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ פאַרטיזאַנישער צײַטונג אין פּאָלעסיע. איצט אַרבעט ער אַלס לעקטאָר אין האָמלער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי.

אָט איז כײַעלע דאָנסקאַיאַ, דאָס בלאָנד מיידל, וואָס האָט כאַסענע געהאַט פאַר סעגאַלן, וועלכער איז אומגעקומען אפן פראָנט. דאָנסקאַיאַ אַרבעט ערגעץ אין האַראָדאָק. און אָט איז איטשע רובּיניטש.

— גיי רוף אַהער מעניען, — ווענדט זיך לייטוס צום ווײַב.

— מעניע קאַזאַטשקאָוו איז דאָ?

— אַלע יאָרן פון נאָך דער מילכאָמע. ער האָט געאַרבעט בּאַ מיר אין שול, איצט איז ער אַף פּענסיע. דער זעלבער לעץ, ווי געווען, שטענדיק כאָכמעט ער זיך. לעבט אַליין, ניט קיין באַווײַבטער.

מעניע קאַזאַטשקאָוו דאַרף זײַן עלטער פון מיר אַף אַ יאָר צען, אויב ניט מערער.

זײַנע וויצן געדענק איך נאָך ביז איצט. פיל פון זיי זײַנען מיר צוניץ געקומען, בייס איך האָב געאַרבעט אין ווײַסרוסישן סאַטירישן זשורנאַל „וואָזשאַק”.

מעניען פלעגן אין די הונגעריקע צײַטן אָנקומען פּעקלעך פון דער היים. גאַנץ אָפט פלעגט ער שטילערהייט מיר אַרײַנרוקן אין דער האַנט אַ שטיקל כאַזער אָדער אַן אָקראַיִעץ ברויט...

איך דערצייל לייטוסן, אַז איך בין קאָמאַנדירט פון אַ זשורנאַל, און אַף וויפל איך האָב זיך דאָ פיל אָנגעהערט וועגן זײַן אַקאַדעמיע, וואָלט איך וועלן עפּעס אָנשרײַבן.

— איך בין דאָך אויך אַ לערער פון אַן אָוונט־שול, — זאָג איך.

— אויב אַזוי, ווייסטו זייער גוט, וויִאַזוי אונדז אַלעמען קומט אויס צו האָרעווען און מיט וואָס פאַראַ שוועריקײַטן מיר שטויסן זיך אָן.

אויסער אַלץ, דאַרף מען אַרײַנגיין אין דער לאַגע פון אונדזערע שילער אויך: ס'איז ניט אַזוי גרינג, אָפּאַרבעטנדיק אַ סמענע, זיך זעצן נאָכדעם אַף פינף שאָ לערנען. אייניקע לערער גיט זיך אײַן בעסער דערגרייכן דעם ציל, אייניקע ערגער. אַזוי אַז איבעריקס איז ניטאָ וועגן וואָס צו שרײַבן. נאָר איך האָב פאַר דיר אַן אויסגעצייכנטע טעמע, דו ביסט פּאָשעט ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

ער נעמט ווידער די פאָטאָ און טוט אַ באַווײַז:

— אָט דעם יאַט קענסטו?

— פאַרשטייט זיך. דאָס איז מייער עלקין, ער האָט זיך זייער גוט געלערנט אַף מאַטעמאַטיק. ער פלעגט אונדז אַלעמען העלפן לייזן אויפגאַבעס. געווען אַמאָל זייער אַ שיינער יאַט. די סטודענטקעס פלעגן זיך אַף אים פאַרקוקן, נאָר ער פלעגט פון זיי ווײַכן, מאַכמעס ער איז געווען זייער אַ שעמעוודיקער.

מאַרק גייט אַרײַן אין שטוב און ברענגט נאָך אַ פאָטאָ: עלקין אין אַן אוניפאָרם פון אַ טאַנקיסט. דאָס צאַרטע פּאָנעם איז שטרענג. די ליפּן פאַרביסן. ווי ער וואָלט ספּעציִעל צוגעפּאַסט זײַן איידל פּאָנעם צו דער מיליטערישער אוניפאָרם.

— איצטער הער מיך אויס אויפמערקזאַם. עלקין שטאַמט אויך פון כאָטימסק. פאַר דער מילכאָמע האָט ער דאָ געאַרבעט אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק, פונדאַנען איז ער אוועק אין אַרמיי. דאָס איז געווען נאָך ביז דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. די ערשטע צײַט פלעג איך באַקומען פון אים בריוו. נאָכדעם האָט זיך אונדזער פאַרבינדונג איבערגעריסן.

אָט דאָ ניט לאַנג רופט מיך אַרויס דער היגער וואָיענקאָם, איוואַן וואַסיליעוויטש, אַגעוו ער האָט אויך פאַרענדיקט אונדזער אָוונט־שול, און ער פרעגט בּאַ מיר: „איר האָט געקענט דעם לערער מייער ביניאָמינאָוויטש עלקין?” — עס האָט מיך גענומען וואַרפן אין היץ און אין קעלט. „ניט אַנדערש, ווי ער האָט זיך געפונען”, טראַכט איך. „וואָס הייסט, צי האָב איך געקענט? — ענטפער איך. — נאָענטע כאַווײרים געווען”. און דאָ דערוויס איך זיך, אַז אין ברעסקער פעסטונג לעבן מיזרעכדיקן וואַל, ווו מע האָט געמאַכט אַ דורכגאַנג צום מעמאָריִאַלן קאָרפּוס, האָבן די בויער זיך אָנגעשטויסן אַף אַ ברודער־קייווער, דאָרט זײַנען באַגראָבן געווען 17 קעמפער. אַף איינעם פון זיי האָט זיך פאַרהיט אַ קאָמאַנדירישער פּלאַנשעט, אַ קאָמפּאַס און אַ פּלאַסטמאַסעווער מעדאַליאָן, ווו ס'האָט זיך געפונען אַ צעטעלע. די עקספּערטן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער מעדאַליאָן האָט געהערט דעם סערזשאַנט עלקין מייער ביניאָמינאָוויטש. אין צעטעלע איז אָנגעוויזן זײַן היימישער אַדרעס: קלימאָוויטשי, זעליאָנאַיאַ, 45.

וועגן דעם איז אָפּגעדרוקט אין פיל צײַטונגען. אייניקע פון די פאַרטיידיקער פון דער בריסקער פעסטונג, וועלכע האָבן אים געקענט, האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע דערינערונגען וועגן אים. זיי שרײַבן, אַז ער איז געווען א געוואגטער שלאכטמאַן. די היגע צײַטונג האָט ניט לאנג צוריק געווידמעט עלקינען א גאנצע זײַט. זײַן פּאָרטרעט איז אויסגעשטעלט אין קריטשעווער מוזיי.

די דאָזיקע געשיכטע האָט מיך אופגערודערט און פאַרוווּנדערט. ווער האָט זיך געקאָנט פּאָרשטעלן, אַז דער שטילער איידעלער באָכער, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרטראָגן אין ביכער און אין מאַטעמאַטישע אופגאבן, וועט ווערן איינער פון די העלדן פון דער בריסקער פעסטונג.

איך בין אזוי געווען פאַרנומען מיט די אייגענע געדאַנקען, אַז איך האָב אפילע ניט באַמערקט, ווער עס איז ארײַן אין סעדל.

כ׳האָב דערזען פאַר זיך קאַזאַטשקאָוון. ווען איך באַגעגן אים ערגעץ צופעליק, וואָלט איך אים גלײַך דערקענט. דאָס זעלבע קײַלעכדיקע פּאָנעם. אמאָל האָט מען זײַן פּאָנעם געקאָנט פאַרגלײַכן צו א פרישן עפּל, איצטער — צו אַן אָפּגעבראָטענעם. די זעלבע געדיכטע שעוועליורע, עמעס ניט קיין שווארצע, נאָר א ווײַסע. און דער שמייכל, ווי אמאָל, ניט נאָר אין די אויגן און אף די ליפּן, נאָר אפן שטערן, אף די ברעמען און אף די באקן.

— ברוכים האבאָים!

דאָס קאָל אויך דאָס זעלבע. נאָר איצט א ביסל הייזעריקלעך.

אין טעכניקום פלעגט ער ליב האָבן באווײַזן זײַנע קענטעניש אין העברעיִש, פלעגט ער בראָקן מיט פּסוקים, ווּ מע האָט באַדאַרפט און ווּ מע האָט ניט באַדאַרפט.

— דו ווייסט, אַז דורך דיר בין איך געוואָרן א געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, — זאָגט ער מיר, — איך האָב איינמאָל אָנגעפרעגט זיך אין רעדאַקציע, צי וויסן זיי דײַן היימישן אַדרעס, האָט מען גלײַך מיר געענטפערט, מע האָט מיר צוגעשיקט דײַן אַדרעס און געבעטן, איך זאָל ווערן א געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל. כ׳האָב זיך גערן אָפּגערופן. און פאַרוואָס ניט? איך בין דאָך אויך אמאָל געווען א לערער פון ייִדישער ליטעראַטור. אלע יאָר שאַף איך בא דרײַסיק, פערציק אַבאָנענטן.

— ווייניקלעך, — זאָג איך אים.

— זעסט, מײַנע ווערטער, — באַשטעטיקט מייער.

— דײַן אַדרעס ליגט שוין בא מיר א יאָר פינף, — זאָגט מיר מעניע, — איך קלײַב זיך דיר אַלץ אָנשרײַבן. נאָר דו ווייסט דאָך די מײַסע מיט יענער ייִדענע, וואָס האָט זיך געקליבן אָפּקאָכן פאַרן מאַן שטשאַוועל. אינדערפרי איז זי אוועק לײַען א טעפּל. האָט זי א גאנצן טאָג מיט דער שכיינע געפּלאַפּלט, ערשט פאַרנאַכט איז זי אוועק אַהיים קאָכן דעם שטשאַוועל, פאַרטשעפּעט זי זיך בא דער שוועל, פאַלט, צעברעכט דאָס טעפּל און זאָגט דערבײַ: „וואָס קומט ניט אַרויס פון אײַלעניש?“ אזוי איז מיט מיר. שטענדיק בין איך פאַרנומען, און איין גאָט ווייסט מיט וואָס. דאַכט זיך, א קלייניקײַט, און ס׳נעמט אָפּ צײַט.

מייער איז פאַרטאָן אין אַנדערע אייסאָקים. קאָנטיק, אַז מײַן קומען האָט אין אים אופגעוועקט פיל דערמאָנונגען.

— נו, און דעם געדענקסטו? — ווײַזט ער מיר אף א יאַטל, וואָס איז ענלעך אף א ציגײַנערל.

— פּאָטער, דאָס איז דאָך מענדלס שוואָגער — מוליע דאַווידאָוו.

— דאַווידאָוו איז געווען א הינקעדיקער, אויב דו געדענקסט, — זעצט פאָר מייער, — האָט מען אים אין אַרמיי ניט גענומען, איז ער געבליבן אין כאָטימסק. בייס ער האָט כאַסענע געהאַט מיט מענדלס שוועסטער, איז בא איר געווען שוין א מיידעלע פון א יאָר פיר. דערנאָך איז בא זיי געבוירן געוואָרן א זון. בייס דער אָקופּאַציע איז די מישפּאָכע אוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. מוליע פלעגט גיין אף זאַדאַניעס. ווען כאָטימסק האָט זיך באַפרײַט, איז ער פרײַוויליק אוועק אין דער אַרמיי. צוריק איז אים שוין ניט באַשערט געווען זיך אומקערן.

— וואָלסט אָבער געזען זײַן זון, — זאָגט צו מיר מעניע, — ער לעבט אין בריאַנסק. דער טאַטע מיט די ביינער, כאָטש ער געדענקט אים אפילע ניט. די זעלבע גענגעלעך, די זעלבע כאָכמעס, א קאָפּיע מוליע. איך ווּנדער זיך, אף וואָס די נאַטור איז פֿייִק.

— א ביסל איז ער אין פּעטער אויך געראָטן, — זאָגט אַסיע, — שוין איבער דרײַסיק יאָר אַלט, און האָט נאָך ניט כאַסענע געהאַט.

— איר הייבט שוין ווידער אָן? — וואָרנט זי מעניע מיט האַרץ.

— גראַדע איצט, ווען אײַער כאַווער איז דאָ, דאַרף מען טאַקע וועגן דעם ריידן, — גיט זיך ניט אונטער אַסיע. — עפּשער וועט ער קאָנען ווירקן אף אײַך.

— הער זיך אײַן, — ווענדט זיך צו מיר קאַזאַטשקאָוו. — דו דאַרפסט עס גוט פאַרשטיין. ס׳וועלן זיך צונויפגיין צוויי עלטערע מענטשן. יעדערער האָט שוין אָפּגעלעבט א לעבן מיט זײַנע געוווינהײַטן, מיט זײַנע מידעס, מיט זײַן כאַראַקטער. קאָן עפּעס אַרויסקומען גוטס דערפון? מיר וועלן דאָך סײַווי פאַרבלײַבן צווישן זיך פרעמדע מענטשן. און בא איר איז עס אַלץ פּאַשעט.

אסיע גייט אוועק אין שטוב און טראָגט ארויס א טישטעך מיט געפעס.

— עפשער ווייסטו עפעס וועגן כאַים ליפ־שיצן? — פרעגט בא מיר מעניע.

עס דערמאָנט זיך מיר, ווי מעניע פלעגט שטענדיק מאכן פון כאַימען כויזעק. וועגן די שפּיצלעך, וואָס מעניע פלעגט אָפּטאָן מיט ליפּ־שיצן, האָבן געוווּסט ניט נאָר די סטודענטן, נאָר אויך די לערער. נאָר ליפשיץ פלעגט עס אויפ־נעמען גוטמוטיק.

— וואָסי, דו האָסט זיך פארבענקט נאָך אים? — פרעג איך בא מעניען.

— פארוואָס זאָל איך נאָך אים ניט בענקען? ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער יאט. און טאָמער פלעג איך פון אים שפּאסן, פלעגט ער זיך ניט באליידיקן. אָ, ער איז שוין גאָר קיין נאָר ניט געווען.

— געדענקסט, ווי ליפשיץ האָט מיר קאליע געמאכט דעם זייגער? — פרעגט בא מיר מייער.

— ניין, דאָס געדענקט זיך מיר ניט.

— ווי קומט עס? דער גאנצער טעכניקום האָט געוווּסט דערפון, און דו האָסט זיך גע־קײַקלט פון געלעכטער. איינמאָל דערקלערט ליפשיץ דעם געזעץ פון צוציִונגס־קראַפט. „גיב אַף א רעגע דעם זייגער״, — ווענדט ער זיך צו מיר. איך דערלאנג אים דעם זייגער. ער נעמט אים פארן קייטל, הייבט אוף און ווײַזט, ווי דער זייגער ציט זיך אַף אראָפּ. פּלוצעם פאלט בא אים ארויס דער זייגער. איך הייב אים אוף, ער שטייט. „כאַים, — זאָג איך מיט הארץ, — האָסט דאָך מיר צעבראָכן דעם זייגער״. — „מייערקע, דאָס איז דאָך ניט איך, — ענטפערט ער מיט א געלאסן קאָל, — דאָס איז די צו־ציִונגס־קראַפט״.

און אָט שטייט שוין אפן טיש פון קאַלטוווּ. געפילטע פיש, הינער־פליש, פרישע פּאָמי־דאָרן, אוגערקעס, ווורשט, האָלענדער קעז, פארשיידענע געריכטן, וואָס איך ווייס אפילע ניט, וואָס דאָס איז.

— האָסט א גרויסע מישפּאָכע? — פרעג איך בא מייערן.

— דרײַ זין. אלע האָבן זיי באקומען הויכ־בילדונג, פארהייראטע. כ׳האָב שוין אייניקלעך, נאָר מײַנע קינדער לעבן ניט הי. אינגיכן וועלן זיי קומען צוגאַסט. זיי נעמען דעם אורלויב אין איין צײַט. אין שטוב ווערט, קיין אײַנהאָרע, ענג, אז ס׳איז ניטאָ ווו א קער טאָן זיך.

— צי געדענקסטו, מייערקע, ווי דו האָסט געטרוימט דערלעבן אזא צײַט, ווען דו וועסט קאָנען עסן ברויט צו זאט? — פרעג איך בא אים.

— מיר דערמאָנט זיך עס טאקע גאנץ אָפט, — ענטפערט ער. — אָבער דעמלט איז אונדז גע־ווען פריילעך. מיר האָבן ניט פארשטאנען, ווי גוט עס איז, ווען מע איז יונג. די יונגע פאר־שטייען עס איצטער אויך ניט.

אין אָוונט גייען מיר שפּאצירן.

לעבן דער שטוב באגעגנט אונדז דער פאר־וואלטער פונעם ראַיאָנעם בילדונגס־אָפּטייל.

— נו, איר האָט גרינג געפונען דעם אד־רעס? — פרעגט ער בא מיר.

— דער ערשטער, וועמען איך האָב באגעגנט, האָט מיר אָנגעוויזן.

— און מײַן אדרעס ווייסן ניט אלע, — ענט־פערט מיר באָריס גריגאָריעוויטש, — נאָר די, וואָס זוכן מיך, האָבן א גוטן אָריִענטיר. איך לעב אנטקעגן לייטוסן.

ס׳איז געווען פארשטענדלעך, וואָס ער האָט מיט דעם געוואָלט אויסברייַען.

דער נאכט־וועכטער

ווי נאָר איך בין ארײַן אין סאָווירטישן הויף, האָט מיך גלײַך באמערקט דער נאכט־וועכטער, וואָס איז געזעסן אפן בענקעלע לעבן דער קאָנ־טאָר. ער האָט געדולדיק געווארט, ביז איך וועל זיך צו אים דערנעענטערן. די גרויע אָוטשאר־קע, וואָס איז געזעסן לעבן אים, האָט אָנגע־שפּיצט די אויערן און בייז געקוקט מיר אין די אויגן, ווארטנדיק אפן באלעבאָס׳ באפעל. פון אומגעדולד האָט זי געגנומען וואָיען. דער באלעבאָס האָט עפעס צו איר א מורמל געטאָן, און זי איז אנשוויגן געוואָרן.

א קליינינקער, א שטשופּלער, א סוטולער, מיט א לאנגער דינער נאָז און דינע ליפּן, איז דער וועכטער ניט געווען ענלעך אף א גע־וואגטן פארטיזאנער.

— דאָס זײַט איר סאָלאָמאָן אבראַמאָוויטש אָשעראָוו?

— יאָ.

איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. סאָלאָמאָן אבראַ־מאָוויטש האָט געפרעגט פארכידעשט:

— צוליב וואָס האָט איר געדארפט אזוי פרי קומען? איר האָט געקאָנט מיך טרעפן אין דער היים...

— באטאָג שלאָפט איר דאָך, ווילט זיך ניט שטערן אײַער רו.

קאָנטיק, אז מײַן ארגומענט איז געווען פאר אים ניט אינגאנצן איבערצײַגעוודיק, נאָר קיין וועזן פון דעם האָט ער ניט געמאכט.

— נו, מיילע, — זאָגט ער און לייגט אוועק די הענט אף די קני. — איז וואָס פארלאנגט איר פון מיר?

— איך האָב געוואָלט פארגעבן אײַך אייניקע פראגן וועגן דער צײַט, ווען איר זײַנט געווען אין פארטיזאנישן אָטריאד.

— דאָ, אין קלימאָוויטש, ווי אומעטום אין ווײַסרוסלאנד, ווײַנען צענדליקער געוועזענע

פאַרטיזאַנער. צווישן זיי אויך ייִדן. ס׳איז פאַ־
ראַן דאָ אַפילו איינער, וואָס האָט געקעמפט
אין יוגאָסלאַוויע, לײַזער טראַקטינסקי הייסט
ער. איז וואָס האָט איר אויסגעקליבן גראָדע
מיך?

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אָף דער פראַגע
ניט געקאָנט פינקטלעך ענטפערן. דערוווּסט
האָב איך זיך וועגן אַשעראָוון פון מײַן כאַווער
מענדל קאַזאַטשקאָוו, וועגן דעם, אַז סאָלאָמאָן
אַבראַמאָוויטש און זײַן ווײַב האָבן געקעמפט
אין פאַרשיידענע אָטריאַדן און האָבן איינער
פונעם צווייטן קיין ידיעס ניט געהאַט, ביז
ווײַסרוסלאַנד איז באַפרײַט געוואָרן פון די
היטלעריסטן. בייס דער מילכאָמע האָט זיי גע־
טראָפן א גרויסער אומגליק. ביידע קינדער
זייערע זײַנען אומגעקומען אין געטאָ. נאָכן
קריג זײַנען בא זיי געבוירן געוואָרן נאָך דרײַ
קינדער. צוויי זין און א טאָכטער. די זין זײַנען
שוין איצט באַווײַבטע. ביידע אינזשעניערן.
איינער אַרבעט אָפן מינסקער טראַקטאָרנעם,
דער צווייטער לעבט אין סאַראַטאָוו. די טאָכטער
האָט געענדיקט א טעכנישע שול און אַרבעט
אין קלינעצי.

סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש וואָרט געדולדיק אָף
מײַן ענטפער.

— איך וועל שרײַבן אויך וועגן אַנדערע גע־
וועזענע פאַרטיזאַנער, — זאָג איך.

עס גייט פאַרבײַ אונדז דורך א מאַנצבל, שוין
ניט קיין יונגער. אין א בלויען קאָמבינעזאָן, אין
דער האַנט האַלט ער עפּעס א שלאָסער־אינ־
סטרומענט.

— אַבראַמאָוויטש, — ווענדט ער זיך צום
נאַכט־וועכטער, — האָסט שוין געהערט די נײַס?

— וואָסי? — שטרענגט זיך אָן אַשעראָוו.

— ניקאָלײַ פילימאָנאָוויטשן האָט מען פון אונדז
צוגענומען, קיין מינסק, אין מיניסטערסטווע.

עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די דאָזיקע
ידיעה האָט עפּעס א פערזענלעכע שײַכעס צום
נאַכט־וועכטער. אָף זײַן דאַר פּאָנעם האָט זיך
ווי אַנגערוקט א שאָטן.

— עפּשער זײַנען דאָס נאָר קלאַנגען?

— שוין געקומען א צווייטער אָף זײַן אָרט.

— ווער איז ניקאָלײַ פילימאָנאָוויטש? —
פרעג איך בא אַשעראָוון.

— אונדזער ערשטער סעקרעטאַר פון ראַי־
קאָם. א זעלטענער מענטש! ווען ניט ער, וואָלט
איך שוין לאַנג קיין וועכטער ניט געווען...

דער דירעקטאָר וויל מיך אַרויסבאַגלייטן אָף
פענסיע, האָט ער אָנגעהויבן זוכן עפּעס א פּרי־
טשעפּקע צו מיר. אַז מע זוכט, געפינט מען.
מיט א פּאָר כאָדאָשים צוריק, אין רעכטן ברען
פון דער פאַרזיי־קאַמפּאַניע, קומט צו לויפן דער
הויפּט־מעכאַניקער און זאָגט מיר: „אַבראַמאָ־
וויטש, איך מוז טייקעף אַרויספירן א קייפל
סאָליאַרקע, און דער דירעקטאָר איז ניטאָ אין
דער היים, קאָן איך קיין פּראָפּוסק פון אים ניט
קריגן". נו, אויב אַזאַ זאַך, איז דאָך ניט שײַעך,
איבער דעם, וואָס איך וועל ניט געבן קיין סאָ־
ליאַרקע, קאָן זיך אָפּהאַלטן די אַרבעט. און די
צײַט וואַרט ניט. א קלייניקײַט, דער רעכטער
ברען פון פאַרזיי־קאַמפּאַניע...

אָף מאָרגן רופט מיך אַרויס דער דירעקטאָר.
„פאַרוואָס האָסטו אַרויסגעלאָזט א קייפל סאָ־
ליאַרקע אָן א פּראָפּוסק? אויב דו האָסט אַזוינס
דערלאָזט, בין איך ניט גאַראַנטירט, אַז דו טוסט
עס ניט דאָס ערשטע מאָל. מוז איך דיך באַ־
פרײַען פון דער אַרבעט". איך זע שוין, אַז דאָס
איז א צוטשעפּעניש, און אויב אַזוי, איז דאָך
נאַריש צו פאַרענטפערן זיך. מאַלע וואָס א
מענטש רעדט אָף דער הייסער מינוט. גיי איך
מיר אין אָוונט מיט מײַן לינדען אָף דער אָר־
בעט. ווי גאַרנישט וואָלט ניט געווען. איך קום
צו גיין, ערשט אָף מײַן אָרט שטייט שוין
מישקע קראַווצאָוו, א געזונטער לייב, מיט א
יעגער־ביקס איבערן אַקסל. „גיי, — זאָגט ער
מיר, — אַבראַמאָוויטש, אַהיים. פון הײַנט אָן בין
איך דאָ דער נאַכט־דירעקטאָר". איז מיר פינצ־
טער געוואָרן אין די אויגן פון אַזאַ ידיעה. א
גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. ניט
נאָר איך, דאָס ווײַב איז אויך יענע נאַכט ניט
געשלאָפן. קוים טאָג דערלעבט. איך קום אין
קאָנטאָר, וויל דער דירעקטאָר גאַרניט ריידן
מיט מיר. „כ׳האָב אָן דיר גענוג קאָפּדריי־
ניש, — זאָגט ער מיר, — צוויי טראַקטאָרן זײַנען
אַרויס פון סטראָי".

די אַרבעטער פון סאָווירט, מײַנע נאָענטע
כאַווירים, זײַנען געווען אויסער זיך. „ניט שיין
איז ער זיך מיט דיר באַגאַנגען", — האָבן זיי
געטײַנעט.

אין דער היים געפין איך זיך קיין אָרט ניט.
באַטאָג איז נאָך ווי־ניט־איז. דעריקער באַנאַכט.
שוין פינף און צוואַנציק יאָר, אַז איך בין א
נאַכט־וועכטער, האָב איך זיך אָפּגעוווינט שלאָפן
באַנאַכט. ליג איך אין בעט, ווי אין געהאַקטע
ווונדן.

אויב אַזוי, מוז מען דאָך עפּעס טאָן. קלער
איך: איידער גיין קלאָגן זיך אין די העכערע
אינסטאַנציעס, וועל איך פּרוּוון נאָכאַמאָל אַרײַ־
גיין צום באַלעבאָס. בעסער, אויב ער וועט אַליין
איבערטראַכטן, איידער מע וועט אים צווינגען
בײַטן דעם באַפעל.

איך קום צו גיין, זאָגט מיר די סעקרעטאַרשע,
אַז ער איז פאַרנומען. נאָר אָפן האַרצן איז גע־
ווען אַזוי אָנגעזאָליעט, אַז איך האָב זי ניט
געפאָלגט. איך טו אָן עפן די טיר, ערשט דאָרטן
זיצט עמעצער בא אים. לויטן אויסזען א גאַנץ
וואַזשנער און לײַטישער מענטש. ניט אַנדערש,
קלער איך, אַן אָנגעפאַרענער לעקטאָר. „מע

קאָן?" — פרעג איך. איך זע, דער באַלעבאָס קווענקלט זיך. „א ביסל שפּעטער, — ענטפערט ער, — איצט בין איך פאַרנומען". נו, קלער איך מיר, אויב ער רעדט מיט מיר ווייכער, איז עס א גוטער סימען. וויל איך שוין ארויסגיין. ערשט איך הער, ווי דער גאַסט זאָגט אים: „נעמט אוף דעם אַלטן, וואָס וועט ער וואַרטן הינטער דער טיר".

אויב אַזוי, איז דאָך שוין אַנדערע רייד. גיי איך צו צום טיש, ערשט דער באַלעבאָס בעט מיך זיך צוזעצן און זאָגט צו מיר מיט א ווייכער שטים: „אבראַמאָוויטש, מיין ניט, אז איך האָב צו דיר עפּעס, איך וויל פּאַשעט פאַרשטאַרקן די וואַך. דו ביסט דאָך שוין אַלט און שוואַך". — „און לינדע, מײַן אָוטשאַרקע, איז אַף וואָס? זי וועט זיך ספּראַווען מיט פינף גיבורים, אויב ס'וועט נייטיק זײַן. פאַר אַלע יאָרן, וואָס איך אַרבעט דאָ, האָט נאָך ניט געטראָפן, אז מע זאָל עפּעס גאַנווענען. און וואָס קאָן מען דאָ גאַנווענען? א טראַקטאָר, צי א דרעשמאַשין? איך בין פּאַשעט א דעזשורנער.

אַמאָל קלינגט מען אין טעלעפאָן, אַמאָל קומט עמעצער צו פאָרן און מע דאַרף אים אופנעמען".

„וועגן וואָס האַנדלט זיך דאָ?" — פרעגט דער יונגערמאַן. פיל איך דאָך שוין, אז ער איז ניט פּאַשעט א לעקטאָר, און איך דערצייל אים די גאַנצע געשיכטע. „סעמיאָן אַפאַנאַסיעוויטש, האָסט באַאוולט דעם כאַווער", — זאָגט ער צום דירעקטאָר פון סאָווירט. „נו, אויב אַזוי, — זאָגט צו מיר מײַן באַלעבאָס, — קאָנסטו הײַנט ארויס אַף דער אַרבעט". — גיי איך שוין ארויס פון קאַבינעט מיט א געהויבענער שטימונג. „איר ווייסט, ווער דאָרטן זיצט? — זאָגט צו מיר די סעקרעטאַרשע אין אופּנאַם-צימער, — דאָס איז דאָך דער ערשטער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, און איר האָט זיך אַרײַנגעריסן אינמיטן זייער געשפּרעך מיט אײַער איניען. כ'וועל איבער אײַך באַקומען א באַמערקונג פונעם דירעקטאָר". דעם עמעס געזאָגט, ווען איך ווייס, ווער דאָרטן איז, וואָלט איך טאַקע ניט אַרײַנגעגאַנגען, נאָר גוט, וואָס איך האָב ניט געוווּסט.

האַקלאַל, שוין באַלד דרײַ כאָדאָשים נאָך דער געשיכטע, און, ווי איר זעט, אַרבעט איך. ערשט איצט דערוויס איך זיך, אז ניקאָלײַ פּילימאָנאָוויטש האָט פאַרלאָזט אונדזער ראַיאָן. איז ווי זאָל דאָס מיך ניט אַרן? ניט נאָר איך, אַלע האַלטן פון אים. ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל אַף אים זאָגן עפּעס שלעכטס. נאָר מיך אַרט עס באַזונדער. און אויסער אַלץ, האָב איך טאַקע מוירע, אז דער דירעקטאָר וועט זיך איצט ערשט צו מיר אָנהייבן טשעפּען דערפאַר, וואָס איך האָב אים אָנגעטאָן ביזיוינעס, בייס איך האָב זיך אַף אים געקלאָגט פאַר ניקאָלײַ פּילימאָנאָוויטשן.

דער הויף איז פול געוואָרן מיט מענטשן. די זון איז שוין געשטאַנען הויך. סאָלאָמאָן אבראַמאָוויטש האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, ווי קליין ער איז אין וווּקס.

— צײַט אַהיים גיין, — זאָגט ער. — איך האָב זיך פאַררעדט מיט אײַך.

דער הונט האָט זיך אויך אופגעהויבן פון אָרט.

צום טויער פאָרט צו א גאַזיק. עס גייט ארויס א פעסטער יונגערמאַן. לויט דעם, ווי אַשעראָוו האָט זיך אָנגעשטרענגט, האָב איך פאַרשטאַנען, אז דאָס איז דער דירעקטאָר.

— סאָלאָמאָן אבראַמאָוויטש, — ווענדט ער זיך צו אים, — דו געדענקסט דעם מענטשן, וואָס איז געזעסן בא מיר אין קאַבינעט, ווען איך האָב דיך אופגעשטעלט אַף דער אַרבעט? ווייסט, ווער דאָס איז געווען?

— דעם עמעס געזאָגט, האָב איך לעכאַטכילע ניט געוווּסט. ווען איך בין ארויס, האָט מיר די סעקרעטאַרשע געזאָגט...

— וואָס פאַרענטפערסטו זיך פאַר מיר? ניט אין דעם גייט עס. מע האָט אים צוגענומען פון אונדז. א שאָד.

— פאַרשטייט זיך.

— נו, וואָס קאָן מען טאָן? — האָט מיט באַדויערונג געזאָגט דער דירעקטאָר און מיט אײַלנדיקע טריט זיך געלאָזט צו דער קאָנטאָר. סאָלאָמאָן אבראַמאָוויטש האָט אים נאָכגעקוקט א ווײַלע און זיך אָנגערופן צו מיר:

— וואָס איז שײַעך מײַן פאַרטיזאַנישער טעטיקײַט, וואָלט איך אײַך געייצעט שרײַבן וועגן אַנדערע, וואָרעם איך בין געווען א געוויינלעכער פאַרטיזאַן און בין געגאַנגען אַף אָפּעראַציעס צוזאַמען מיט אַלעמען. קיין באַזונדערע אופגאַבן איז מיר ניט אויסגעקומען אויסצופילן. מע פלעגט זיך אַף מיר ניט פאַרלאָזן צוליב מײַן שוואַכן געזונט, כאָטש אין שלאַכט פלעג איך ניט אָפּשטיין פון אַלעמען...

שכײנים

פריִער, ווען איליא סעמיאָנאָוויטש און זאַכאַר אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס לעבן אַפן ראָגגעסל א שטוב קעגן א שטוב, זײַנען ביידע געווען פאַרוואַלטערס פון וואַרשטאַטן אין קאָמבינאַט פון שטייגער-באַדינונג, איז די באַציִונג צווישן זיי געווען גאָר אַן אַנדערע, איידער איצטער, ווען זאַכאַר אַלעקסאַנדראָוויטש איז געוואָרן דער דירעקטאָר פונעם קאָמבינאַט.

דאַן, דאָס הייסט איידער ס'איז פאָרגעקומען די ענדערונג, האָט איליא סעמיאָנאָוויטש געפילט זיך אַלס גלײַכער בענגלייע זײַן שאָכן

און בא א געלעגנהייט ניט דורכגעלאָזט א שפּאַס צו טאָן פון אים גלאַט אַזוי, אין גוטן מוט, ניט מיינענדיק דערביי קיין שלעכטס. און דער שאָכן, וואָס האָט ליב געהאַט מער הערן, איידער ריידן, פלעגט אופנעמען דעם שפּאַס גוטמוטיק.

שפּאַסן האָט איליא סעמיאָנאָוויטש ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. דעריקער, ווען ער פלעגט זײַן א ביסל אונטערן גלעזל, וואָס עס פלעגט טרעפן ניט אָפט, מאַכמעס דאָס ווײַב האָט אים אָפּגעהאַלטן פון א שנאַפּס, ניט צוליבן געלט, נאָר קעדיי צו פאַרהיטן דאָס געזונט, איבער די נערוון, וועלכע פלעגן זיך בא אים צעשפּילן גאַנץ אָפט. יעדער מינדסטע אומאָנגענעמלעכקייט טראָגט ער איבער קרענקלעך.

און נאָך א כאַלאַס איז געווען בא איליא סעמיאָנאָוויטשן: קאָפּירן זײַן שאָכן אין שטייגערדיקע איניאַנים. זאָל דער שאָכן צובויען א וועראַנדע צו דער שטוב, וועט אינגיכן זײַן בא אים אויך אַזא וועראַנדע. דער שאָכן האָט פאַרפלאַנצט לילייעס אין פאַליסאַדניק, האָבן זיך באַוויזן לילייעס אויך אין פאַליסאַדניק פון אַנטקעגן.

אויסערלעך און לויט די מאַנירן זײַנען די שכיינים געווען פאַרשיידענע.

איליא סעמיאָנאָוויטש — א הויכער, מיט א בלאָנדער טשופּרינע (עמעס, שוין א שיטערלעכע) און מיט ווייצענע געדיכטע וואָנצעס. אויסגעזען האָט ער ייִנגער פאַרן שאָכן, כאָטש זיי זײַנען קימאַט געווען אין איין עלטער. ביידן איז שוין געווען אַרום די פופציק.

זאַכאַר אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען ניט קיין הויכער, א פעסטער, דער קאָפּ ריין געגאָלט, לויטן כאַראַקטער א רויקער. אים אַרויספירן פון גלײַכגעוויכט איז געווען ניט אַזוי פּאַשעט. דערצו איז ער געווען א שווײַגער און פלעגט מער טאָן, איידער ריידן.

ווי די מערהײַט פרויען, פלעגן זייערע ווײַבער זיך סטאַרען איבערשטײַגן איינע די צווייטע אין די מאָדעס. דער אונטערשייד איז נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס זאַכאַר אַלעקסאַנדראָוויטשעס ווײַב דאַרע, וועלכע איז געווען פיל ייִנגער פונעם מאַן און האָט אויסגעזען זייער שלאַנק, פלעגט אין אָוונט אין די נײַע מאַלבושים אַרומדרייען זיך אין פּאַרק אָדער באַם טאַנץ־פּלאַץ לעבן קולטור־הויז, און בא איליא סעמיאָנאָוויטשעס פרוי קלאַווע זײַנען די קליידער מערסטן געלעגן אין שאַפע. אויסער דעם, ווערט קלאַוועס פיגור פון יאָר צו יאָר דיקער, און קיינע מיטלען — ניט קיין פיזקולטור און ניט קיין דיִעטע — העלפן ניט. זי ווייסט ניט, פונוואַנען האָט זיך עס גענומען אויף איר קאָפּ, מאַכמעס אַלע אירע קרויווים פון דער מאַמעס און טאַטנס צאַד זײַנען ביז דער טיפער עלטער געווען דאַרע און קוואַרע.

צוליב דער סיבע גייען בא איר אַראָפּ פון דער מאָס די קליידער, און ס'קומט אויס אָפּטראָגן זיי אין קאָמיסיאָנקע, פאַרקויפן ביליקער, איידער זיי קאָסטן, און פאַרן געלט אײַנשאַפן זיך נײַע.

קריגן נײַע זאַכן פלעגט זיך איר אײַנגעבן גיכער, איידער דאַרען, מאַכמעס, אַלס מאַנירקיורשע, איז זי געווען אויסגעבונדן מיט די פאַרקויפערנס פונעם אוניווערמאַג, וועלכע פלעגן צו איר אויך דאַרפן אָנקומען.

און אָף וויפל דאַרעטשקע פלעגט זיך אין די נײַע מאַלבושים אַרומדרייען אין די אָוונטן אין סקווער, פלעגט קלאַווע געבן אָנצוהערעניש, אַז איר שכיינע איז בא א געלעגנהייט ניט קעגן א פלירטעווע טאָן. זי אַרבעט אַלס דערציִערן אין קינדערגאָרטן און דאָרטן זײַנען קיין מאַנצבלען ניטאָ, אויסערן וואַכטיאָר פּאַוועל אַנופּריִעוויטש, וועלכן ס'איז שוין צײַט גיין אָף פּענסיע.

אָבער צי ס'איז אָן עמעס, וואָס די שכיינע רעדט, איז שווער פעסטצושטעלן, אָף קלאַוועס רייד קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן. קיין בײַזווייליקע ספּלעטניצע איז זי ניט, נאָר אָפּט גיט זי אַרויס אירע האַסאַגעס פאַר דער ווירקלעכקײַט.

ווען ס'איז געוואָרן פעסטגעשטעלט, אַז זאַכאַר אַלעקסאַנדראָוויטשן האָט מען באַשטעטיקט אַלס דירעקטאָר פון קאָמבינאַט פון שטייגער־באַדינונג, האָט זיך באַם שאָכן אויפגעוועקט א צווייענדיקער געפיל. פון איין זײַט, האָט אים געקימערט, פאַרוואָס האָט מען ניט אים באַשטימט אַלס דירעקטאָר. עמעס, קיין הויכע בילדונג פאַרמאָגט ער ניט, דערפאַר איז ער ענערגיש און קריכט ניט אין קעשענע נאָך א וואָרט, ווי זײַן שאָכן. נו, און פון דער צווייטער זײַט, איידער אָן אַנדערער, איז שוין בעסער, וואָס טאַקע זאַכאַר אַלעקסאַנדראָוויטש איז געוואָרן דער דירעקטאָר. פאַרט א נאָענטער מענטש. אויסער דעם, וועט איצט זיך פאַרשטאַרקן איליא סעמיאָנאָוויטשעס אויטאָריטעט אויך. מע ווייסט, אַז דער נײַער דירעקטאָר וועט אים אין קריוודע ניט לאָזן. כוץ אַלץ, וועט מען דורך איליא סעמיאָנאָוויטשן אַמאָל קאָנען זיך עפּעס דערשלאָגן באַם דירעקטאָר.

קלאַוועטשקע האָט די דאָזיקע נײַס אופגענומען אָף איר אויפן.

— איצטער וועט די וועראָטשקע נאָך מער פאַרײַסן דעם עק, — האָט זי געזאָגט וועגן דאַרען. — ערשטנס, וועט דער מאַן זעלטענער זײַן אין דער היים, און, צווייטנס, וועט וועט זײַן צו איר גלײַך — א קלייניקייט, א דירעקטאָרס א ווײַב!

— הייבסט שוין אָן דײַנע באַבסקע שטיק! ווייסט ניט, אַז איך פאַרטראַג עס ניט?

— אז וואָס איך זאָג, טײַנעסטו, אז דאָס איז באבסקע שטיק! קומט אויס, אז איך טאָר שוין קיין וואָרט ניט אויסריידן.

אירע ארגומענטן האָבן דעם מאן נאָך מער ארײַנגעבראכט אין קאס.

— אז צו אלץ איז בא דיר נאָך א קורצער זיקאָרן אויך, — האָט ער איר מיט גאל געזאָגט, — כ'האָב מיט דיר טויזנט מאָל געטײַנעט, אז איך קאָן ניט איבערטראָגן דײַנע פליאָטקעס, און דו פארגעסט זיך.

דאָס ווײַב האָט אים ניט דערווידערט.

איצט, ווען זאכאר אלעקסאנדראָוויטש איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון קאָמבינאט, האָבן זיך געענדערט די באציִונגען צווישן די שכיינים.

ערשטנס, האָבן זיי נאָך דער ארבעט זיך אָנגעהויבן טרעפן זעלטענער, איידער פריִער, מאכמעס זאכאר אלעקסאנדראָוויטש איז געווען פארנומען, ער פלעגט אָפט קומען שפעט פון דער ארבעט. אויסער דעם, איז ער אָפט געווען אין קאָמאנדירונג. אזוי אז אין גאָרטן האָט מען אים געזען נאָר אין די אָפרו־טעג און אויך ניט אלע מאָל.

איצט, בייס א טרעפעניש, האָט שוין איליא סעמיאָנאָוויטש ניט אָפגעשפאסט פון זײַן שאָכן, ער פלעגט מיט אים פירן א זאכלעכן שמועס און בא א געלעגנהײַט ניט פארגעסן אויסנוצן זײַן פרײַנטשאפט מיטן דירעקטאָר אף ארויסצוקריגן בא אים עפעס. ניט פאר זיך, פארשטייט זיך, נאָר פארן ווארשטאט אָדער פאר די ארבעטער.

און דער דירעקטאָר פון זײַן זײַט האָט זיך געסטארעט בא א מעגלעכקײַט אויספילן דעם שאָכנס ביטע.

די ארבעטער פון ווארשטאט האָבן גוט געוווּסט די באציִונגען צווישן זייער שעף און דעם דירעקטאָר, פלעגן זיי אָפט טאקע ווענדן זיך מיט ביטעס צו דעם פארוואלטער. איינער בעט, מע זאָל אים העכערן דעם ראזריאד, א צווייטער קלאָגט זיך, אז ער קאָן שוין מער ניט לעבן מיט דער מישפּאָכע אף א פריוואטער דירע, וואָרעם פון דער באלעבאָסטע איז ניט אויסצוטראָגן: אי זי בארײַסט, אי זי איזדיעקעוועט זיך, און ס'האָט אים שוין דערעסן ווארטן אף דער דירע, וואָס מע האָט אים צוגעזאָגט. און איליא סעמיאָנאָוויטש איז זיך מישטאדל באם דירעקטאָר פאר אלעמען.

צווישן די ווײַבער האָבן זיך אויך געענדערט די באציִונגען. קלאָוועטשקע האָט שוין אויפגעהערט צו בארימען זיך פאר דער כאווערטע מיט אירע קליידער און האָט זיך געסטארעט צוניץ קומען דער שכיינע מיט אירע פראקטישע אייצעס: וויִאזוי בעסער צוגרייטן דעם אָדער יענעם געריכט, וועלכע גראָזן נוצן בא דער אָדער יענער קרענק און דאָס גלײַכן.

קלאָווע האָט אויפגעהערט באריידן די שכיינע, עס זאָל, כאלילע, ניט דערגיין צו יענער.

טרעפט זיך אמאָל אין א זונטיק־טאָג, בייס א פרײַנטלעכן שמועס טוט א זאָג דער דירעקטאָר צו זײַן שאָכן:

— די פארוואלטערס פון אנדערע ווארשטאטן גיבן מיר אָנצוהערן, אז איך בין צופיל אויפמערקזאם צום ווארשטאט, וואָס רעמאָנטירט די שטייגער־מאכשירים. זיי האלטן, אז די שנײַדער־אטעליע און די בויער־בריגאדע פארדינען ניט ווייניקער אויפמערקזאמקײַט. דער פארוואלטער פון דער שערערײַ האָט מיר פּאָשעט געזאָגט, אז ער באדויערט, וואָס ער וווינט ניט מיט מיר בישכיינעס.

די דאָזיקע אָנצוהערעניש איז שטארק ארײַן איליא סעמיאָנאָוויטשן אין דער נאָז.

ער האָט באשטימט אײַנשטעלן א געוויסע דיסטאנץ אין זײַנע באציִונגען מיטן דירעקטאָר.

אָבער אין הילכעס באציִונגען צווישן מענטשן איז ניט אזוי לײַכט אײַנצוהאלטן א דיסטאנץ, זי זאָל שטענדיק זײַן אף איין און דעם זעלבן אָרט.

טכילעס האָט ער אויפגעהערט ווענדן זיך צום דירעקטאָר מיט באקאָשעס און האָט זיך געסטארעט וואָס ווייניקער טרעפן זיך מיט אים. ווען זאכאר אלעקסאנדראָוויטש פלעגט זיך פארען אין גאָרטן, האָט איליא סעמיאָנאָוויטש זיך געמאכט, אז ער באמערקט אים ניט. ס'האָט זיך געשאפן אן אײַנדרוק, אז יענעם האָט עס ניט שטארק געארט. דעריבער איז איליא סעמיאָנאָוויטש געקומען צום אויספיר, אז דער דירעקטאָר איז ניט קעגן, וואָס זייער פרײַנטשאפט האָט זיך איבערגעריסן. דאן האָט איליא סעמיאָנאָוויטש אף דער ארבעט אויך גענומען ווײַכן פונעם דירעקטאָר. בא א נויטווענדיקײַט פלעגט ער זיך ווענדן בעסער צום הויפט־אינזשעניער טראָפימאָוון.

די ארבעטער האָבן אויך באמערקט, אז צווישן דעם שעף פונעם צעך און דעם דירעקטאָר קומט עפעס פאָר. ניט אנדערש ווי א שווארצע קאץ איז צווישן זיי דורכגעלאָפן. נאָר מע האָט עס אויסגעטײַטשט, אז דאָס איז מיסטאָם אן אָפגערעדטע זאך צווישן זיי. פאר לײַטן סטארען זיי זיך ווײַכן איינער פונעם צווייטן, און אינדערעמעסן איז מען קוצעניו־מוצעניו, ווי פריִער. און צוליב וואָס זיי פראָוען אזוינע אָנשטעלן, איז אויך פארשטענדלעך. ערשטנס, מע זאָל ווייניקער צושטיין צו איליא סעמיאָנאָוויטשן, אז ער זאָל זײַן פאר זיי א מיליץ־יוישער באם דירעקטאָר, צווייטנס, אויב דער דירעקטאָר וועט שוין יאָ באפרידיקן דעם שעפס ביטע, טאָ זאָל זיך ניט וואָרפן אין די אויגן זייער אינטימע פרײַנטשאפט.

איצטער, ווען די פרײַנטשאפט צווישן די מענער האָט זיך איבערגעריסן, האָבן די ווײַבער אויך אופגעהערט באמערקן איינע די צווייטע. אף וויפל דער קאָנפליקט צווישן די שכיינים איז וואָס ווײַטער אלץ מער אָנגעוואקסן, האָט עס געבראכט צו מיספארשטייענישן.

אין וואַרשטאט האָט אָנגעהויבן קאפריזעווען דער דינאמאָ־מאָטאָר. ער האָט זיך געגייטיקט אין רעמאָנט, מע האָט געדארפט איבערוויקלען דאָס דראָט אפן באראבאן. גראדע דעמלט איז דער הויפט־אינזשעניער טראָפימאָוו געווען אין אורלויב. איליא סעמיאָנאָוויטש האָט געטראכט, אז ס'וועט גאָרנישט ניט געשען, מע קאָן צו־ווארטן, ביז טראָפימאָוו וועט זיך אומקערן. אָבער באקומען האָט זיך ניט אזוי, ווי דער פארוואלטער האָט געטראכט.

ס'איז פאָרגעקומען א קורץ־פארשליסונג, וואָס האָט זיך שיר ניט געענדיקט מיט א סרייפע. דאָס האָט שוין דער דירעקטאָר ניט פארשוויגן. ער האָט ארויסגערופן דעם פארוואלטער פון וואַרשטאט און האָט אים דערלאנגט א גאָב:

— פארוואָס האָט איר ניט געגעבן צו וויסן, אז דער מאָטאָר נייטיקט זיך אין א דרינגענ־דיקן רעמאָנט?

— איך האָב געטראכט, אז מירן זיך ווי־ניט־איז באגיין, וואָרעם די אנדערע פארוואלטערס קאָנען נאָך אופווארפן, אז אף מײַן וואַרשטאט לייגט די דירעקציע מער אופמערקזאמקײַט, איידער אף אנדערע, — האָט געגעבן אן אָנצור־הערעניש איליא סעמיאָנאָוויטש.

— אף אלץ דארף זײַן א מאָס, — האָט דער דירעקטאָר געגעבן צו וויסן. — אזא זאך טאָר מען ניט דורכלאָזן, ניט אָנעמענדיק קיין מיט־לען. דאָס שמעקט מיט פולקאָמער נאכלעסיקײַט, וואָס האָט געקאָנט ברענגען ווער ווייסט צו וואָס פאר א שאָדן — אזוי, אז איך וועל געצווּונגען זײַן אָנעמען בענעגייע אײַך מיטלען.

א מאָדנע דערשײַנונג. מענטשן, וואָס זײַנען איינער מיטן צווייטן אף „איר“, איז בייס זיי קריגן זיך, גייען זיי איבער אף „דו“, און די, וואָס זײַנען שטענדיק אף „דו“, „אירצן“ זיך בייס א קריג.

— איר האָט ניט געוווּסט, אז מיר האָבן צווי רעזערוו־מאָטאָרן?

מיט דער פראגע האָט דער דירעקטאָר, קאָנ־טיק, געוואָלט גרינגער מאכן די סיטואציע, זײַענדיק איבערצײַגט, אז איליא סעמיאָנאָוויטש וועט ענטפערן, אז ער האָט ניט געוווּסט. נאָר יענער האָט זיך זײַנע אמביציעס, און וועלנדיק דערווײַזן, אז ער ווערט ווייניק באָטל פונעם דירעקטאָרס דראָונגען, האָט ער אנט־שיידן געענטפערט:

— געוווּסט.

— אויב אזוי, זאָלט איר מיר מאָרגן צושטעלן א שריפטלעכע דערקלערונג, וויאזוי איז דער־לאָזט געוואָרן די אוואריע, און הײַנט זאָלט איר ניט אוועק פון דער ארבעט, ביז דער מאָטאָר וועט ניט פארביטן ווערן.

איליא סעמיאָנאָוויטש איז אין יענעם אָוונט געקומען אהיים ארום נײַן אזייגער אין אָוונט. באנאכט האָט ער ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. ס'האָט ניט געהאָלפן קיין ליומינאל. דאָ איז שוין קלאווע ארויס מיט לאָשן:

— מאָרגן זאָלסטו אים דערלאנגען א מעל־דונג, אז ער זאָל דיך באפרײַען פון דער ארבעט. וועסט זיך אײַנאָרדענען ערגעץ אנדערש. טאָ־מער וועסטו ניט זײַן קיין פארוואלטער, מאכט אויך ניט אויס. דאָס געזונט איז טײַערער. — באמערקנדיק, אז דער מאן שווײַגט, האָט זי אָנגעהויבן נאָך דרייסטער אים אונטערהעצן. — קוק ניט, וואָס ער איז א שווײַגער, ער וועט דיך טאָטשען און טאָטשען.

אף מאָרגן אינדערפרי איז זאכאר אלעקסאנ־דראָוויטש מיט א פארביטערט הארץ און מיט ניט זיכערע טריט געגאנגען צום דירעקטאָר. דאָס קליינע פאפירל, וואָס ער האָט געהאלטן אין דער האנט, איז שווער געווען, ווי די שווערסטע מאסע. א קלייניקײַט, אזויפיל יאָרן אָפּגעארבעט אין קאָמבינאט, מיט די ארבעטער פון וואַרשטאט זיך צונויפגעלעבט, ווי ס'וואָלט געווען זײַן געזינד, צוזאמען געפרייט זיך מיט די דערפאָלגן, קרענקלעך איבערגעטראָגן די דורכפאלן, געטאָן אלץ, עס זאָל זײַן גוט, און פלוצעם ווערט אלץ איבערגעריסן. נאָר, קאָנ־טיק, קלאווע איז גערעכט. ניטאָ קיין אנדער אויסוועג. ער וויל פון אים טאקע פּאָטער ווערן.

דער דירעקטאָר איז געזעסן אליין אין קאָ־בינעט. דערזעענדיק איליא סעמיאָנאָוויטשן, האָט ער טיף אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. „מיסטאָ־מע מיינט ער, אז איך גיי בא אים בעטן מעכי־לע, — האָט א טראכט געטאָן זאכאר אלעקסאנ־דראָוויטש. — ער קאָן לאנג ווארטן“...

דער דירעקטאָר האָט איבערגעלייענט די מעלדונג און איז געוואָרן אויסער זיך.

— וואָס האָסטו זיך אזוי אָנגעזעצט אף מיר? — פרעגט ער מיט צאָרן. — מיילע, האָב איך דיר געזאָגט, אז מע וואַרפט מיר אוף, וואָס איך לייג אף דײַן צעך מער אכט, איידער אף אנדערע, ס'איז דאָך טאקע אן עמעס. דארף מען ניט זײַן אזוי אופגעבראכט.

ערשט איצט האָט איליא סעמיאָנאָוויטש בא־מערקט, אז פאר דער צײַט, וואָס זייער פרײַנט־שאפט האָט זיך איבערגעריסן, האָט זיך דער שאָכן מערקבאר געענדערט. אונטער די אויגן זײַנען בא אים די קנייטשן געוואָרן נאָך טיפער, די קינבאקן נאָך שארפער.

דער דירעקטאָר האָט גענומען די מעלדונג, צעריסן זי און אַרײַנגעוואָרפן אין קאָרב.

— ווי אַרבעט דער נײַער מאָטאָר? — האָט ער געפרעגט.

— ניט שלעכט.

— זאָלסט אָבער ניט פאַרגעסן אָנשרײַבן אַ דערקלערונג.

איליא סעמיאָנאָוויטש איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַוועק צו דער אַרבעט.

קלאַווע האָט זיך קוים דערוואַרט, דער מאַן זאָל קומען עסן מיטיק.

— נו? — האָט זי בײַ אים געפרעגט, ווי נאָר ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל.

— טאָמער האָב איך זיך שוין איין מאָל יאָ צוגעהערט צו דײַנע באַבסקע רייד, — האָט ער מיט קלוימערשטער בייזקײַט איר געענטפערט, — האָב איך טאַקע גענוג ביזיונעס געהאַט דערפון. מאַלע וואָס עס טרעפט זיך אויף אַן אַרבעט. ניט געדאַרפט דערלאַנגען די מעלדונג. ס׳איז מיר אַ ביזאָיען געווען פאַר זאַכאַרן.

די פרײַנטשאַפט צווישן די ווײַבער האָט זיך אויך אופגעשטעלט. דאַרעטשקע האָט זיך, קאָנטיק, גוט פאַרבענקט נאָך דער שכיינע, זי לויפט צו איר נאָך אייצעס, ווען מע דאַרף און ווען מע דאַרף ניט.

און די אַרבעטער פון וואַרשטאַט האָבן, קאָנטיק, פאַרשטאַנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען. זיי האָבן אופגעהערט צושטיין צום פאַרוואַלטער, אַז ער זאָל פאַר זיי זײַן אַ גוטער בעטער באַם דירעקטאָר.

די שנור

דאָ קאָן מען זען אין גאַס אַ יונגע, ניט קיין הויכע פרוי מיט בלויע אויגן, באַזוימטע מיט שוואַרצע געדיכטע ברעמען.

מענטשן, אַפילע ניט קיין היגע, באַמערקן גלײַך, אַז זי איז אַן אָנגעפאָרענע.

מיט דער דאָזיקער פרוי גריסט מען זיך מיט אָפּשײַ. מע באַציט זיך צו איר מיט מיטגעפיל. מענער קוקן אויף איר מיט פאַרטײַעטן נײַגער. און אייניקע פרויען — מיט אומרו.

מיטגעפיל רופט זי אַרויס דערפאַר, וואָס זי איז געבליבן אַ יונגע אַלמאָנע מיט אַ קינד, און זי האָט פאַרלאָזט לענינגראַד, וווּ זי איז געבוירן געוואָרן, און איבערגעפאָרן אַהער, אין אַ קליין שטעטל.

מיט אָפּשײַ באַציט מען זיך צו איר, ווײַל זי איז איבערגעפאָרן צוליב שווער־און־שוויגער. די אַלטע האָבן פאַרלוירן צוויי זין אויף דער מילכאָמע, און דער דריטער, דער מיזיניק, וואָס האָט געלעבט אין לענינגראַד, איז פּלוצעם געשטאָרבן. דאָס אַלטע פּאָרפאָלק איז פאַרבליבן עלנט. פון צאָרעס זײַנען ביידע קראַנק געוואָרן, און ווען די שנור מיטן אייניקל פאָרן צו זיי ניט אַריבער, וואָלטן זיי שוין, מעגלעך, אויף דער וועלט ניט געווען.

מענער קוקן אויף איר מיט פאַרטײַעטן נײַגער, ווײַל נאָך אַזאַ שיינהײַט איז אין גאַנצן אַרום ניטאָ. „ווען זי וואָלט נאָר וועלן, וואָלט זי יעדן מאַנצבל פאַרדרייט דעם קאָפּ", — טײַנען וועגן איר די פרויען.

איבערהויפּט באַאומרויִקט זיך איר שכיינע דינקע, די קלאַדאָווטשטשיצע פון „מעזשקאָלכאָזסטראָי".

דינקע לעבט אַ רויִק לעבן. אײַנדערפרי גיט זי אַרויס די אינסטרומענטן, פאַרנאַכט נעמט זי זיי צו. דאָס טעכטערל איז אין קינדערגאָרטן. די באַלעבאַטישקײַט פירט די שוויגער. איר מאַן וואַסיוטע איז פאַררעכנט אַלס שלאָסער אין דער זעלבער קאָנטאָר, וווּ דינע אַרבעט, נאָר פאַקטיש איז ער דער קאַפּעלמייסטער פון היגן בלאָז־אָרקעסטער, וועלכער שפּילט אויף פײַערלעכע אָוונטן, אויף דעמאָנסטראַציעס און בײַ פאַרשיידענע אָפיציִעלע צערעמאָניעס, און, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אויך אויף לעווײַעס. וואַסיוטע האָט אַ כאַלאַס פאַרקוקן זיך אויף דער שכיינע. און כאָטש ער סטאַרעט זיך דאָס ניט אַרויסווײַזן, דאָך באַמערקט עס דינקע. עמעס, די שכיינע קוקט ניט אין זײַן זײַט, פּונקט אַזוי, ווי זי קוקט ניט אויף אַנדערע מענער, וואָס גלאָצן אויף איר די אויגן.

כאָטש דינקע האָט ליב צו פאַרברענגען מיט דער שכיינע, דאָך זוכט זי אויס אויף איר פאַרשיידענע כעסרוינעס. פאַרשטייט זיך, הינטער די אויגן. אַפילע צו דער שכיינעס נאָמען טשעפּעט זי זיך.

— וואָס פאַר אַ מאַריִע איז זי? לויטן פּאַספּאָרט הייסט זי דאָך מירע.

וועגן מאַריִעס שיינקײַט האָט דינקע אויך איר מיינונג. זאָגן, אַז זי איז מיִעס, איז אַלצײַנס, ווי אויף טאָג זאָגן נאַכט. טײַנעט זי:

— קאָסמעטיק מאַכט וווּנדער.

אַפילע בענעגייע מאַריִעס האַלטן זיך האָט דינקע אויך איר מיינונג:

— אַלץ איז ביז אַ צײַט. זי וועט זיך צוגעוווינען צו איר לאַגע און וועט מיט דער צײַט דערלאַנגען יענע גאַסטראָלן...

נאָר ווער הערט זיך צו צו דינקעס פּלאַפּלערײַ?

פיל פרויען שטאָלצירן מיט מאַריִען און שטעלן זי אַרויס אַלס בײַשפּיל.

ווען, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, עס שטאַרבט אָפּ אַ פרוי און דער מאַן האָט אײַנגיכן כאַסענע פאַר אַ צווייטער, זאָגן די פרויען:

— אט וואס מענער זיינען. מיר, פרויען, זיינען אנדערע. — און מע ברענגט אלס ביישפיל מאריען.

און מאריע, ווי זי וואלט געפילט, אז אף איר ליגט די מיסיע צו דעמאנסטרירן די פרויישע הויכע מאראל, לייגט קיין שום אכט ניט אף די מענער, וועלכע ווארפן אף איר בליקן, אזוי אז דער סאמע דרייסטער פון זיי וואגט ניט צוגיין פארפירן מיט איר א שמועס.

באטאג איז זי פארנומען אף דער ארבעט. זי איז א קינדער־דאקטער און ארבעט אין דער היגער פאליקליניק. פארנאכט קומט איר אויס פירן די באלעבאטישקייט אין שטוב. פארט א מישפאכע. די טאכטער איז קיין צוועלף יאר נאך ניט אלט. און די אלטינקע זיינען שוואך און אומבאהאלפן. מע קאן זיך אף זיי מיט גארנישט ניט פארלאזן. קומט אויס אליין אויספילן אי די מאנצבלשע, אי די פרויישע ארבעט.

דער שווער זינאווי סעמיאנאוויטש האט אמאל אין שטעטל געקערט וועלטן. ער איז געווען א דירעקטאר פון א מיטלשול, און אויסער דעם, איז ער דא געווען איינער פון די אנגעזעענע געזעלשאפטלעכע טוער. נאך דער מילכאמע איז ער א צייט געווען דער הויפט־אגראנאם פון עמטעס, און אט שוין פופצן יאר, אז ער איז אף פענסיע. נאכן טויט פונעם מיזיניק איז זינאווי סעמיאנאוויטש א צייט געווען צוגעקוועטש צום בעט. מ'האט שוין א מאל געטאן אף אים מיט דער האנט, נאר ווען די שנור מיטן אייניקל זיינען איבערגעפארן אהער, איז ער אופגעשטאנען, קאן מען זאגן, טכיעס־האמייסים.

די פרוי זיינע סאפיע לעאנאווונע איז אויך ניט אבי ווער. פופציק יאר האט זי אפגעארבעט אלס לערערן אין דער היגער שול און איז מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דער דערציונגס־ארבעט. שוין צען יאר, אז זי איז אף פענסיע. ניטא שוין יענע קויכעס. אפילע קארטאפל אפשיילן קאן זי ניט. די הענט טרייסלען זיך. דערצו ווערט פון טאג צו טאג ערגער די ריִע. קיין ברילן העלפן שוין ניט. א קלייניקייט, אזויפיל טרערן פארגאסן נאך די זין! די לעצטע צייט איז אנגעפאלן אף דער פרוי עפעס אן אפאטיע צו אלץ. זי קאן אפזיצן שאענווייז און שווייגן. אזוי אז די גאנצע באלעבאטישקייט אין שטוב פירט מאריע.

ווען מע זעט זי בא דער פליטע אין פארטעכל, קומט אויס עפעס מאדנע. אזא עלעגאנטע פרוי איז מען געווינט זען אין טעאטער אף דער בינע, אף א שפאציר, ארומגערינגלט מיט קאוואלערן, אדער אפן ברעג פון יאם, נאר ניט אין קיך, ווו מאריע טוט געשיקט אלע שווארצע ארבעטן.

— טאכטערקע, — בעט זיך בא איר דער אלטער מאמעש מיט א וויינענדיק קאל, — גענוג שוין צו הארעווען, רו אפ, גיי זיך דורך א ווילע.

— ס'מאכט ניט אויס, באומרויקט זיך ניט.

און אז זי ווערט פארטיק מיט אלץ און לייגט איין דאס קינד שלאפן, איז אדער זי לייענט א בוך, אדער זי ליגט און טראכט.

די שוויגער האט זיך צוגעוווינט צו דער לאגע, נאר דער אלטער קאן זיך ניט בארויקן. אזא בריליאנט, אזא יונגינקע, און אף וואס גייט בא איר אוועק דאס לעבן. אים קימערט, וואס צוליב זיי זעט זי ניט די ווייסע וועלט. זיי האבן זי פארוואנדלט אין א קארבן. איז דאס ניט קיין גאזלאנעס פון זייער זייט? ניט שוין באמערקט זי עס ניט, די אלטע? קאנטיק, אז צו איר דערגייט עס ניט, ווארעם זי איז שוין לאנג ניט די, וואס אמאל. און צוריק גערעדט, ווי וועט דאס אויסזען, אז דער שנור וועט אלץ דערעסן, זי וועט נעמען דאס קינד, און זיי וועלן זיך אומקערן קיין לענינגראד.

צוויי יאר זיינען אדורך.

ווען מאריע ווערט פארטיק מיט דער שטוב־ארבעט און די טאכטער שפילט זיך נאך מיט די כאווערטעס, טוט זי אן די העלע הויזן, וואס מאכן נאך שענער איר שלאנקע און דינע טאליע, דאס העלע רעקל מיט די קורצע ארבל און לאזט זיך אראפ פון בערגל צום בלויען סאזש, ווו ס'שעמערירן מיליארדן גינגאלדענע פליטערלעך, איבערהויפט אין יענער זייט, ווו ס'לאזט זיך אראפ די זון.

מאריע האט דארט איר ארט אין טאל, צווישן די בערג, אפן פניאק פון דער בערעזע, וועלכע ס'האט אין דער צייט פון א געוויטער צעשפאלטן א דונער. די בערעזע האט מען אפגעזעגן און צוגענומען, נאר דער פניאק איז פארבליבן. האט עמעץ אף אים צוגעקלאפט א ברעט, מע זאל דא קענען זיצן.

איינמאל באמערקט זי לעבן טייך א יונגן מאן מיט א ווענטקע.

גלייך קומט איר אפן געדאנק, צי איז עס ניט דער פארוואלטער פון לערן־אפטייל פון דער היגער אונט־שול זאכאר סאוועליעוויטש, וועגן וועלכן דינקע דרייט איר א קאפ.

פאר דער לעצטער צייט האלט דינקע אין איין זארגן זיך פאר מאריען:

— ס'איז ניט קיין טאכלעס צו לעבן אן א מאן, — טייַנעט זי צו איר. דערביי דערציילט דינקע, אז דער אלטער באכער זאכאר סאוועליעוויטש האט איינמאל זיך אויסגערעדט פאר זיין מאמען, אז כאטש מע רעכנט אים פאר א גרויסן איבערקלייבער, נאר מיט מאריען וואלט ער כאסענע געהאט אפילע מארגן. זיין מאמען

איז עס שטאַרק אַרײַן אין דער נאָז. ווײַל זי, אַז דינקע זאָל באַקענען מאַריזען מיט איר זון. זי זאָגט, אַז איר אַרט ניט, וואָס באַ מאַריזען איז דאָ אַ טאָכטער, — זאַכאַר וועט דעם קינד פאַרבײַטן אַ טאַטן.

— דאָס וועט קיינמאָל ניט זײַן, — האָט איר אַנטשיידן געענטפערט מאַריזע.

— נו, אויב אַזוי, ביסטו גאָר ניט אַזאַ קלוגע, ווי מע האַלט דיך, — האָט אָף דעם געענטפערט דינקע.

„ניט אַנדערש, אַז דאָס איז ער, — האָט אַ קלער געטאָן מאַריזע, זיצנדיק אָפּן שטאַם, — דינקע האָט אים מיסטאָמע געזאָגט, ווו מע קאָן מיך טרעפן אין אָוונט”.

מאַריזע האָט פעסט באַשטימט ניט לייגן קיין אַכט אָפּן דאָזיקן מאַנספּאַרשוין. אויב ער וועט אָנהייבן צו איר צושטיין, וועט זי שוין וויסן, וויאַזוי אים צו ענטפערן.

דאָך גיט זי אַ בליק אין זײַן זײַט און באַמערקט, אַז לויטן אויסזען דערמאָנט ער אַ ביסל איר פאַרשטאָרבענעם מאַן מישען. יענער פלעגט אויך אַזוי זיצן מיט דער ווענטקע אָנגענייגט באַם טײַך, און די האָר פלעגן באַ אים אויך אַזוי זײַן צעפּאַטלט.

זי הייבט זיך שנעל אויף פון אָרט און גייט מיט אײַלנדיקע טריט אַהיים. עס פאַרדריסט זי, וואָס זי וועט שוין מער ניט קאָנען פאַרברענגען אין די אָוונטן אָף איר באַליבט אָרט. אַ שאָד, אַזאַ שיין אײַנזאַם ווינקל.

ווען זי הייבט זיך אויף אָפּן בערגל, דערזעט זי אַ פרוי מיט אַ קאָפּ געפאַרבטע ווײַסע האָר. דאָס ווײַסע קליידעלע פלאַטערט פון ווינט.

— אַנטשולדיקט, — ווענדט זיך יענע צו מאַריזען, — איר האָט באַם טײַך צופעליק ניט געזען אַ יונגנמאַן אין אַ מײַקע?

— אָט זיצט ער, הינטערן בערגל.

— אָט אַן אומגליק, פון טאָג ביז נאַכט זיצט ער מיט דער ווענטקע באַם טײַך, און איך מיט די קינדער זײַנען שטענדיק אַליין.

הייסט עס, אַז ס'איז ניט דער פאַרוואַלטער פון לערן-טייל. איז דאָך אַוודאי גוט. דאָס אָרט בלײַבט פאַר איר. נאָר באַלד וועט אָנקומען דער ווינטער מיט די לאַנגע אָוונטן. און אין שטוב איז אַזוי אומעטיק. לאַרע לעבט מיט אירע זאָרגן און מיט אירע פריידן. וואָס פאַרשטייט זי? אַ קינד נאָך. און מיט די אַלטע איז אויך ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן, אויסער וועגן שטייגער-זאַכן. עמעס, דער שווער איז נאָך פּולקאָם באַ די געדאַנקען, נאָר ער פילט זיך שטאַרק שולדיק פאַר איר. און די אַלטע איז שוין בײַכלאַל אויסגעוועפּט. נאָר האַיאָר ווינטער וועט זי, מאַריזע, געפינען אַ רעטונג, ווען ס'וועט איר זײַן שטאַרק אומעטיק. זי וועט דעראָבערן לייזשעס און שפּאַצירן איבערן פעלד, זי וועט אָנהייבן גיין אין קינאָ. און מיטאַמאָל קומט איר אָפּן געדאַנק כאַטש פונווײַטן אַ קוק טאָן אָף זאַכאַר סאַוועליעוויטשן. אינטערעסאַנט, וויאַזוי זעט ער אויס, דער טשורדאַק, וואָס קאָן זיך ניט צוקלײַבן קיין פּאָר. זי כאַפּט זיך אַליין פאַרן געדאַנק, אַז פריער פלעגט זי וועגן אַזעלכע זאַכן גאָר ניט טראַכטן. ניט אַנדערש, אַז דינקע איז שולדיק.

מיט די געדאַנקען גייט זי צו צו דער שטוב.

— אײַ־אײַ־אײַ, סאַראַ קראַסאָוויצע די ביסט אין דעם גאַרניטער! — שטעלט זי פּלוצעם אָפּ דינקע. — פרי גייסטו הײַנט פון שפּאַציר.

— מײַן צײַט איז ניט נאָרמירט.

— און איך האָב זיך גראַדע הײַנט אויסגעקליבן אַ קוק טאָן, וויאַזוי דו פאַרברענגסט דאָרטן מיט זיך אַליין.

אין שטוב וואָרטשעט די אַלטע אָף לאַרען:

— שוין אַזאַ מויד אויסגעוואַקסן, און קאָן קיין טיי ניט פאַרקאָכן. כ'וואָלט עס אַליין געטאָן, ווען די אויגן וואָלטן געזען און די הענט וואָלטן געפאָלגט.

— באַלד פאַרקאָך איך טיי, — פאַרענטפערט זיך מאַריזע, — כ'האָב גאָר פאַרגעסן.

זי טוט זיך איבער און נעמט זיך צו דער שטוביקער מעלאָכע.

באַנאַכט קומט אַרײַן אין דער מאַמעס שלאָפצימער לאַרע. זי זעצט זיך אָפּן ברעג בעט, און באַ דער שײַן פונעם נאַכט-לעמפּל קוקט זי זיך אײַן אין דער מאַמעס פּאָנעם.

מאַריזען באַאומרויקט עס. זי האָט קיינמאָל אָף איר טאָכטער אַזוינס ניט באַמערקט.

— וואָס קוקסטו אַזוי אָף מיר?

— גאַרניט, — ענטפערט לאַרע, און נאָך אַ פּאַוזע גיט זי צו: — מיר דוכט עפּעס די לעצטע צײַט, אַז דו ווערסט אַן אַנדערע.

— אַוועלכע? — פרעגט די מוטער מיט אָנשטרענגונג.

— איך ווייס אַליין ניט. — און פּלוצעם כאַפּט זי אַרום די מאַמען און טוליעט זיך שטאַרק צו איר.

„מע דאַרף נעמען אורלויב, — טראַכט מאַריזע, שטיקנדיק די טרערן. — מירן צופאָרן קיין לענינגראַד”. ניט-ווילנדיק קומט איר אָפּן געדאַנק דער אינזשעניר וואַסיליעוו, וואָס האָט געלעבט בישכיינעס מיט זיי. אַליין האָט ער געלעבט. און די לעצטע צײַט, ווען איר מאַן איז געשטאָרבן, פלעגט וואַסיליעוו אַרײַנגיין צו זיי. גלאַט אַזוי זיך. נאָר וואָס גייט עס איר אָן? איר ווערט ניט אײַנגענעם, וואָס זי האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט אין וואַסיליעוון, נאָר צופאָרן קיין לענינגראַד דאַרף מען, אַזויפיל פרײַנט דאָרטן און באַקאַנטע... אָף די אַלטיטשקע וועט דאָ דינקע דערווײַל אַכטונג געבן. זי וועט ניט אָפּזאָגן.

פון לענינגראַד זײַנען זיי געקומען פריילעכע, לעבעדיקע.

די אַלטע האָבן זיך קוים אָף זיי דערוואַרט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַלץ ווידער אַוועק ווי געוויינלעך.

בייס מאַריַע איז געגאַנגען אין גאַס, האָט מען, ווי פריַער, געקוקט אָף איר מיט אָפּשײַ, מענער — מיט נײַגער. נאָר איצט האָט זיך עפּעס געפילט, אַז זי איז ניט אינגאַנצן גלײַכגילטיק צו די מענערישע בליקן. און אָף אַ קאָמפּלימענט ענטפערט זי מיט אַ גוטמוטיק שמייכעלע.

אָט דאַן איז דינקע, די שכיינע אירע, פּולקאָם אַרײַן אין איר ראָל.

ערעוו אַקטיאַבער־יאָמטעוו קומט זי אַרײַן צו מאַריַען אַן אויסגעפּוצטע און לייגט פאָר:

— טו זיך איבער און קום אָפן קאָנצערט.

— וואָס האָסטו מיטאַמאָל צוגעטראַכט?

— דו דאַרפסט עס טאָן צוליב מיר. וואָסירטע וועט זײַן פאַרנומען מיטן אָרקעסטער, און מיר וועט אומעטיק זײַן צו זיצן אַליין.

מאַריַע האָט זיך געקווענקלט, דאָך האָט זי צוליב געטאָן דער שכיינע.

זייערע ערטער זײַנען געווען אין דער דריטער ריי. לעבן מאַריַען איז געזעסן אַ יונגערמאַן מיט רונדע פעסטע פּלייצעס. דער זאַל איז שוין געווען געפּאַקט מיט מענטשן, נאָר דער קאָנצערט האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן.

— זײַט באַקאַנט! — האָט דינקע פאָרגעשטעלט מאַריַען דעם יונגנמאַן.

— זאַכאַר סאַוועליעוויטש, — האָט ער זיך אָפּגערופן. זײַן שטערן איז געווען באַדעקט מיט שווייס, קאָנטיק פון אויפרעגונג, דאָס פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אומבאַהאָלפנקײַט און פאַרלאָרנקײַט.

מאַריַע האָט זיך אויך דערפילט ניט באַקוועם, נאָר זי האָט זיך גיך באַהערשט.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצערט, האָט זאַכאַר סאַוועליעוויטש פון צײַט צו צײַט געפּרוווט פאַרפירן אַ שמועס מיט מאַריַען. זי האָט געענטפערט אָף זײַנע פראַגן און געקוקט דערבײַ אויפמערקזאַם אָף דער בינע, ווי עס וואָלט זי אינדערעמעסן שטאַרק אינטערעסירט די אַרויסטרעטונגען פון די היגע אַרטיסטן.

ווען מע איז געגאַנגען אַהיים, האָט דינקע געמאַכט אַ פּרוּוו לאָזן דאָס פּאָרל אַליין. זי האָט געוואָלט בלײַבן וואַרטן אָפן מאַן.

— וועלן מיר אויך צוּוואַרטן אָף אים, — האָט פאָרגעלייגט מאַריַע, און דערפאַר האָט זי פון דינקען געקראָגן אַ קניפּ אונטערן אָרעם.

— נו, מיילע, — האָט באַשטימט דינקע, — מײַן מאַן וועט אַליין טרעפן דעם וועג.

דינקע האָט זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט זאַכאַר סאַוועליעוויטשן, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ לעפּישעוואַטער, ווי מאַריַען האָט זיך געדוכט. פאַרקערט, ער איז אַ גאַנץ שאַרפזיניקער, פאַרשטייט אַן אָנצוהערעניש און קאָן פרײַ אונטערהאַלטן אַ געשפּרעך. ווען ער שמייכלט, זעט ער אויס גאַנץ סימפּאַטיש. די קאָמפּאַניע האָט שפּאַצירט אין גאַס. מאַריַע האָט שוין לאַנג אַזוי ניט פאַרבראַכט.

באַם געזעגענען זיך האָט זאַכאַר סאַוועליעוויטש אָפּגערעדט מיט די פרויען אָף מאָרגן אין אָוונט זיך טרעפן אין קינאָ.

— זאָל וואַסיוטע אויך קומען, — האָט ער פאָרגעלייגט.

— אויב ער וועט זײַן פרײַ, — האָט געענטפערט דינקע.

ווען זאַכאַר סאַוועליעוויטש איז אַוועק, האָט דינקע געקראָגן אַן אויסרייד פון מאַריַען:

— געפונען אַן אָרט, וווּ צו באַקאַנען אונדז. איצט וועט דאָס גאַנצע שטעטל וועגן דעם ריידן.

— זאָל מען ריידן, — האָט געענטפערט דינקע, — איך זע אין דעם קיין שום פאַרברעכן ניט. דאַרפסט אַ טראַכט טאָן וועגן זיך אויך. מע קאָן ניט לעבן נאָר צוליב יענעם. דעריקער, וואָס ער געפעלט דיר, דאָס וועסטו ניט לייקענען, עס פילט זיך.

— אײַ, ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן, — האָט אָף דעם געענטפערט מאַריַע און איז אַוועק אַהיים.

— וווּ ביסטו געווען אַזוי שפּעט? — האָט מיט אומרו געפרעגט לאָרע.

— וואָס, דו שלאָפסט נאָך ניט? — האָט זיך פאַרוווּנדערט די מאַמע.

דער אַלטער איז אויך געווען וואַך. ער האָט געלייענט אַ בוך. דאָס איז געווען ניט ווי געוויינלעך. עלף אַזייגער שלאָפט ער שוין קעסיידער.

אָף מאָרגן, ווען דינקע איז געקומען רופן מאַריַען, האָט לאָרע קאַטעגאָריש געמאָלדן:

— איך וועל אויך מיט אײַך גיין אין קינאָ.

— קינדער פון שול־עלטער איז פאַרבאָטן באַזוכן די אָוונטיקע סעאַנסן, — האָט איר שטרענג אַ זאָג געטאָן דינקע. — דו ווייסט דען ניט?

— נו, וועט די מאַמע אויך ניט גיין, — האָט געענטפערט לאָרע, נעמענדיק פעסט די מוטער אונטערן אָרעם.

— שרעק זיך ניט, איך וועל ניט גיין, — האָט באַרויִקט די מוטער דאָס קינד.

— נו, אַבי שטיל, — האָט אַ זאָג געטאָן דינקע.

ס׳האָט זיך געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז זי פילט זיך אַ ביסל שולדיק.

דינקע איז אוועק וואָרענען זאכאר סאָווע־ליעוויטשן, אז ער האָט ניט וואָס צו וואַרטן לעבן קינאָ־טעאַטער.

ס'האָט זיך איינגעשטעלט דער ווינטער.

מיט א באַרג שניי איז פּאַרפּאַראַשעט גע־וואָרן דער פּניאַק אין טאָל, ווו מאַריַע פּלעגט ליב האָבן זיצן אין די זומערדיקע אָוונטן.

דער טײַך איז פאַרגלאָזט געוואָרן.

שאבעס און זונטיק אין די אָוונטן טוט מאַ־ריַע אָן דעם ספּאָרט־קאָסטיום, שטעלט זיך אַף די ליזשעס און לאָזט זיך יאָגן וויַיט הינטערן שטעטל. אהיים קומט זי שפּעט אין אָוונט.

— צו אלע מיַילעס איז זי נאָך זייער א געוואָגטע, — זאָגט מען אין שטעטל. — ווי האָט זי ניט מוירע אליין זיך יאָגן איבערן פעלד און איבערן וואלד?

נאָר יעגאָר דער פּאַסטעך, דער אלטער באָביל, וואָס לעבט הינטערן טײַך באַם וועלדל, באַמערקט, ווי ניט וויַיט פון זײַן שטוב וואַרט שטענדיק אַף מאַריַען א ליזשניק — א סוואָרע, אז דאָס איז דער לערער פון דער היגער אָוונט־שול. זיי יאָגן זיך אין פּאָר איבערן פעלד. באַם טײַך שיידן זיי זיך, און יעדערער פּאָרט צו זיך אהיים. נאָר אויב דאָס פּאָרל וויל ניט, אז לײַט זאָלן זיי באַמערקן צוזאמען, איז וואָסיל ניט פון די, וואָס וועט עס פּאַנאַנ־דערפּויקן.

שוין א שאָק מיט יאָרן, אז ער לעבט אליין און ווייסט גוט, ווי ביטער עס איז, אז מע האָט ניט פאַר וועמען דאָס הארץ אויסצורײדן.

ניט פאַרהיילטע ווונדן

אַפן ראַג פונעם קאָמיוגישן געסל וואַרפט זיך אין די אויגן א הילצערנע געשאָליעוועטע שטוב, וואָס איז אויסגעפּארבט אין א העלן קאָליר. הינטער דער שטוב — א געדיכטער סאָד.

דאָ לעבט דער פּאַרוואַלטער פון לערן־טייל פון דער מיטלשול באָריס יעפימאָוויטש.

אין די יאָרן פון מילכאָמע האָט ער זיך באַטייליקט אין די שלאכטן און איז דערגאַנגען ביז בערלין. ער האָט זיך אומגעקערט פון קריג מיט ביידע פיס, מיט ביידע הענט, מיט זעענ־דיקע אויגן און מיט הערנדיקע אויערן.

אין דער היים האָט ער זיך דערוווּסט א שרעקלעכע ידיעה: זײַן עלטערע טאָכטער טאַמאָטשקע, וואָס איז אלט געווען פיר יאָר, איז אומגעקומען; דער סאָף פונעם אייפּעלע איז געווען א שרעקלעכער.

ווען אין שטעטל האָבן געבאַלעבאַטעוועט די ברוינע כײַעס, האָט עמעצער געגעבן צו וויסן, אז באַ באָריס יעפימאָוויטשעס ווײַב ניי־נע אלעקסייעוונע זײַנען ביידע טעכטערלעך פון א ייִדישן טאַטן. האָט מען די קינדער צוי־גענומען אין געטאָ. דעמלט איז די מאַמע אויך מיט זיי אוועק אהין.

טאַמאָטשקע, די עלטערע, איז געווען א שוואַרצכײנעוודיקע, דאָס פּנעמל — א שמאָלס, די אייגעלעך שוואַרצינקע, טרויעריקע.

גאַלאָטשקע, די ייִנגערע, וואָס איז אלט גע־ווען צוויי מיט א האַלב יאָר, איז געווען בלאָנד, דאָס פּנעמל — רונד, דאָס נעזל — א קירפּאַ־טינקס, די אייגעלעך — בלוייִנקע. א קאָפּיע פון דער מוטער. האָט זיך געפונען א יונגערמאַן, א וויַיסרוס, וואָס האָט אײַנגערעדט די פּאָליציי, אז נינע אלעקסייעוועס ייִנגער טעכטערל איז פון איר. דער פּאָליציַיאנט האָט זיך געלאָזט אונטערקויפן און איז מאסקים געווען באַפרײַען פון געטאָ די מוטער מיט דער ייִנגערער טאָכ־טער, און די עלטערע זאָל פאַרבלײַבן מיט די ייִדן. אָבער די מוטער איז בעשום־אויפן ניט אײַנגעגאַנגען אַף דעם.

— זאָל מען צונעמען פונדאַנען גאַלינקען, — האָט זי געזאָגט, — און איך מיט טאַמאָטשקען וועלן דאָ בלײַבן.

האָבן די ווײַבער פון געטאָ גענומען איר אײַנרעדן:

— גאַליע איז דאָך אַן אייפּעלע. ווי וועט זי אויסקומען אָן דער מאַמען? און ווער ווייסט, צי וועט דער טאַטע זיך אומקערן פון מילכאָ־מע? אויסער דעם, אז דו וועסט זײַן הינטער די דראָטן, וועט זיך דיר עפּשער אײַנגעבן ארויס־ראַטעווען טאַמאָטשקען. וועסט זיך פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער. און דערוויַיל וועלן מיר דײַן קינד דאָ ניט פאַרלאָזן.

די ווײַבער האָבן גענומען אײַנרעדן טאַמאָטש־קען, אז זי זאָל דאָ איבערבלײַבן מיט זיי אַף א פּאָר טעג, ביז די מאַמע וועט זי צונעמען פונדאַנען.

לעכאַטכילע האָט דאָס קינד ניט געוואָלט, דערנאָך איז עס מאסקים געווען מיט א תנײַ, אז מע זאָל איר ברענגען עפּעס וואָס צו עסן און די ליאַלקע אירע „סוועטלאַנע". מיט דער ליאַלקע וועט איר זײַן פריילעכער.

די ליאַלקע און עפּעס וואָס צו עסן האָט זיך יאָ אײַנגעגעבן איבערגעבן טאַמאָטשקען, נאָר ארויסראַטעווען זי פון געטאָ האָט מען ניט געקאָנט.

מע דערציילט, אז ווען מע האָט די ייִדן גע־פירט אין לעצטן וועג, האָט איינע א פרוי פאַר איין האַנט געהאַלטן איר זון, פאַר דער צוויי־טער — טאַמאָטשקען. דאָס מיידעלע איז שוויַי־גנדיק געגאַנגען, פעסט דריקנדיק צום הארצן די ליאַלקע „סוועטלאַנע".

ווען דער פּאָטער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע און זיך דערוווּסט פון דער שרעקלעכער געשיכטע, איז ער, וואָס האָט פיל מאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, געפאַלן אַף דער ערד און מיט די קולאַקעס געשלאָגן זיך אין קאָפּ. און די פרוי נינע אַלעקסייעוונע איז געשטאַנען לעבן אים מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ און האָט געשוויגן. איר פּאָנעם איז געווען פאַרגליווערט, אין די בלויע אויגן האָט געברענט אַ פיבער, נאָר קיין סימען פון אַ טרער.

— ווי האָסטו עס דערלאָזט? — האָט ער גע־שריִען.

זי האָט אים קיין וואָרט ניט געענטפערט. ווען דער געדאנק איז גיווער געווען די געפילן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי איז ניט שולדיק.

נאָר זי האָט זיך ניט געקאָנט מויכל זײַן דאָס גאַנצע לעבן.

די פריילעכע, לוסטיקע נינע האָט זיך פאַר־באָרגן אין זיך, געוואָרן שווײַגנדיק און איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. אין שפּיטאָל, ווו זי האָט געאַרבעט אַלס מעדשוועס־טער, פלעגט מען זעלטן ווען הערן פון איר אַ וואָרט. שווײַגנדיק פלעגט זי באַדינען די קראַנ־קע, ענטפערן נאָר אַף פראַגן. דאָך האָט מען זי זייער געאַכטעט. ווען זי האָט מיט מיטלײַד אַ קוק געגעבן אַף וועמען־ניט־איז פון די קראַנקע, פלעגט יענעם גרינגער זײַן איבער־צוטראָגן די שווערסטע ווייטעקן. אַ באַרויִקנ־דיקע צאַרטקײַט האָט געשטראָמט פון אירע פאַרומערטע גוטע בליקן.

ווען אַ כוילע פלעגט ווערן זייער שלעכט, פלעגט ער מיט די לעצטע אָנגעשטרענגטע קויכעס בעטן:

— רופט נינע אַלעקסייעוונע.

און יענע האָט אוועקגעוואָרפן די היימישע אייסאָקים און גלײַך געקומען צו לויפן. אין שטוב האָט זי אויך ווייניק גערעדט. צום מאַן האָט זי זיך באַצויגן מיט אַכטונג, און די טאָכ־טער האָט זי געהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

אין איר אָנוועזנהײַט האָט מען ניט אַלע מאָל געקאָנט אײַנשליסן די ראַדיאָ אָדער דעם טעלעוויזאָר. ווען מע פלעגט איבערגעבן די לעצטע נײַס אָדער אַ לעקציע — איז נאָך ווי־ניט איז, נאָר קייִן מוזיק האָט זי ניט געקאָנט איבערטראָגן, איבערהויפּט פריילעכע.

מע האָט געמיינט, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט עס באַ איר איבערגיין — די צײַט, האַלט מען, איז דער בעסטער רופֿע. ערשט ווו? יאָרן זײַנען אַדורך, און נינע אַלעקסייעוונע האָט ניט גע־קאָנט צו־זיך קומען.

די טאָכטער גאַליע איז געוואַקסן, ווי אַ בלום. זי איז געווען שיין, געראָטן און האָט זיך גוט געלערנט. מע קאָן ניט זאָגן, אַז די מאַמע איז צו דעם געווען גלײַכגילטיק, נאָר אַף איר פּאָנעם האָט מען ניט באַמערקט קיין סימען פון פרייד.

די טאָכטער איז אויך געווען אין זיך אײַנ־געשלאָסן און פלעגט אָפט זיצן פאַרומערט. ס'איז שווער געווען פעסטצושטעלן, צי ווײַל דער מאַמעס צושטאַנד האָט אַף איר געווירקט, צי ווײַל טיף אין הארצן האָט זי אויך איבער־געלעבט די טראַגעדיע פון איר שוועסטערל, נאָר גאַלינע איז געווען אַן ערנסטע, אַ פאַר־טראַכטע, און זעלטן ווען פלעגט מען זי זען אַף אַ וועטשערינקע צי אַף אַנדערע פאַרווײַ־לונגען. בלויז אין די גרויסע יאָמטויווים פלעגן די כאַווערטעס זי פאַרשלעפּן אין געסט. זי פלעגט זיך אײַנשפּאַרן, ניט וועלן גיין, נאָר די מוטער האָט שוין דעמלט זי געבעטן:

— גיי!

באַ באָריס יעפימאָוויטשן איז אויך די ווונד אין הארצן ניט פאַרהיילט געוואָרן. גאַנצע טעג איז ער פאַרנומען אין שול, און אין די אָוונטן זיצט ער איבער די העפטן, שטודירט ביכער. אַף די שול־אָוונטן זעט מען אים ניט.

אַף גאַלינעס כאַסענע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער היגער קאַפע, זײַנען דער קאַלעס עלטערן געזעסן שווײַגנדיק, פאַרטיפטע אין זיך. קיין מוזיק האָט ניט געשפּילט. די מוטער האָט, קאָנטיק, געפילט, אַז מיט איר אָנוועזנ־הײַט ווערט פאַרשטערט די סימכע, האָט זי אונטער אַ טערעץ, אַז איר טוט וויי דער קאָפּ, פאַרלאָזט די קאַפע. דער מאַן איז אויך מיט איר אוועק.

און אָט איז שוין פופצן יאָר נאָך גאַליעס כאַסענע.

שוין אַ לענגערע צײַט אַרבעט זי אַלס הויפּט־אינזשעניער אין קאָמבינאַט פון שטיי־גער־באַדינונג. דער מאַן איז אַ שאָפער. זיי האָבן שוין צוויי קינדער. די יונגע מישפּאָכע לעבט באַזונדער.

שוין העכער צוויי יאָר, אַז נינע אַלעקסייעוו־נע איז אַף דער וועלט ניטאָ. אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט. פאַר אַלע יאָרן האָט זי טאָמאָטש־קעס נאָמען קיין איין מאָל ניט אַרויסגעבראַכט. נאָר אַפן טויטן בעט אין די לעצטע מינוטן האָט זי געשריִען:

— טאָמאָטשקע, אייפּעלע מײַנס, איך גיי צו דיר...

זי האָט דאָס גאַנצע לעבן ניט געקאָנט זיך מויכל זײַן, וואָס זי איז צוזאַמען מיט דער טאָכטער ניט געבליבן אין געטאָ.

באָריס יעפימאָוויטש לעבט איצט אַליין אײַ־נעם שיינעם געשאַלעוועטן הויז, וואָס איז אויסגעפאַרבט אין אַ העלן קאָליר.

דאָס שטעטל קלימאָוויטש איז באַנײַט. שוין לאנג ניטאָ קיין רויִנען, וואָס די מילכאָמע האָט געשאפן. אפן אָרט פון די פארברענטע הײַזער שטייען נײַע. די גאסן אספאלטירט. עס וואקסן פילשטאָקיקע געבײַדעס. ס׳איז אויסגעוואקסן א נײַער לעבנסלוסטיקער דאָר, וואָס ווייסט פון די שרעקלעכע מילכאָמע־יאָרן נאָר פון קינאָ און פון דער ליטעראטור. נאָר די ווונדן אין די הערצער פון די געליטענע ווערן ניט פארהיילט.

אינקע און איר באָבע

אינקע איז אלט פיר יאָר. לויט איר עלטער איז זי שוין צו זעלבשטענדיק. דאָס באמערקן אלע. ווען זי צעהוליעט זיך, צעגיסט זיך איר שמייכל אף די ליפּן און אפן קירפּאטע נעזעלע. ס׳פילט זיך מאמעש, אז זי ווייסט פריִער, אז דאָס, וואָס זי וועט זאָגן, וועט ארויסרופן בא די דערוואקסענע א געלעכטער. געוויינלעך, ווי בא אלע קינדער, איז איר זעלבשטענדיקײַט א כיינעוודיקע, א נאַיִווע.

די עלטערן נעמען זיך איבער מיט זייער ערשטלינג, איבערהויפּט דער פאָטער אירער, אריק. ער האלט אין איין דערציילן גוזמעס פון זײַן טאָכטער.

אָבער די באָבע, אריקס מוטער, וואלענטינע אבראמאָוונע, האלט אין איין טײַנען:

— אינקע איז אָפּגעשטאנען פונעם קינדערשן קאָלעקטיוו, אין קינדערגאָרטן גייט זי ניט און איז שטענדיק צוזאמען מיט דערוואקסענע. דאָס קינד הערט אויס, וואָס מע דארף און וואָס מע דארף ניט...

וואלענטינע אבראמאָוונע האָט דערבײַ איר קאוואָנע.

צוליב דעם, וואָס אינקע גייט ניט אין קינדערגאָרטן, איז די באָבע געצוווּנגען געוועזן ארויס אף פּענסיע און ווערן א ניאנקע בא אירע קינדער. און דאָס איז ניט פאר איר באטור.

פיל יאָרן האָט זי געארבעט אלס פארוואלטער פון שנײַדער־אטעליע, געוועזן שטענדיק פארטאָן און פארטראָגן אין דער ארבעט. איר איינציקן זון אריק, וואָס איז געבוירן געוואָרן שוין נאָכדעם ווי ס׳איז אָנגעקומען די יעדיִע וועגן אומקום פון איר מאן באם שטורמעווען קעניגסבערג, פלעגט זי זען נאָר אין די אָוונטן, ווען זי פלעגט אים צונעמען פון די יאסליעס אָדער פון קינדערגאָרטן, און ער איז אויסגעוואקסן ניט ערגער פון אלע קינדער.

זי איז שטענדיק געוועזן פארהאוועט — געהאט צו טאָן ניט נאָר מיט דער פארוואלטונג און מיט די שנײַדער פון אטעליע, נאָר אויך מיט צענדליקער באשטעלער און באשטעלערנס, וועלכע פלעגן איר דולן א קאָפּ און קיין מינוט רוען ניט לאָזן.

נאָר מיט איר געדולד און ענערגיע האָט זי עס געקאָנט אויסהאלטן.

בייס זי האָט דערלאנגט א מעלדונג, אז זי גייט אוועק אף פּענסיע, האָט דער דירעקטאָר פונעם קאָמבינאט געפּרוּווט איר אײַנריידן, אז זי זאָל נאָך א ביסל ארבעטן. און טאקע, זי פילט זיך נאָך געגוג קרעפטיק, ניט קוקנדיק אף אירע זיבן און פופציק יאָר. זי איז ענערגיש, קיינער גיט איר ניט אירע יאָרן. האָט די שנור זי פארשקלאפט בא די שטוב־איניאָנים, און זי זעט איצט ניט די ווײַסע וועלט. אפילע אין די אָוונטן קאָן זי פון שטוב ניט ארויסגיין.

קאָלזמאן איר זון האָט זיך געפונען אונטער דער מאמעס האזשגאָכע, האָט זי נאָך געקאָנט אף אים ווירקן. איצט פאָלגט ער ניט די מאַמען. און די שנור, כאָטש זי האלט אים אין די הענט, קאָן פאָרט אים ניט אָפּגעווינען פון איין כאלאס, פונעם ביטערן טראָפּן. פאר דער לעצטער צײַט האָט ער באקומען א מאָדע קומען פון דער ארבעט שפּעטער, ווי אלעמאָל, און קומען קומט ער אונטערן גלעזל. עס דערגייט שוין אָפּט צו סקאנדאלן, און אויב וואלענטינע אבראמאָוונע וועט אין אזוינע פאלן ניט זײַן אין שטוב, איז ווער ווייסט, צו וואָס עס וואָלט געקאָנט דערגיין.

און אז זי האָט שוין יאָ א מעגלעכקײַט אין אָוונט ארויסצוגיין פון דער שטוב, איז דאָס אויך א קליין פארגעניגן. זי איז שוין איצטער ניט אין צענטער פון אופמערקזאמקײַט, ווי פריִער. און דערפון שקראבעט גוט אונטערן הארצן.

ווען אינקע וואָלט גיין אין קינדערגאָרטן, וואָלט וואלענטינע אבראמאָוונע נאָך געארבעט אף דער אלטער שטעלע. וואָרעם מיט דער נײַער פארוואלטערן איז מען ניט גאָר צופרידן. אָבער רײַע, די שנור, האָט מוירע אָפּגעבן אינקען אין קינדערגאָרטן. דאָס קינד איז זייער פילבאר צו פארקילונג. באם קלענסטן צוגווינט כאפּט עס א לונגען־אָנצינדונג. אין מעשעך פון די לעצטע צוויי יאָר האָט זי שוין עטלעכע מאָל איבערגעטראָגן די דאָזיקע שווערע קרענק. נאָר וואלענטינע אבראמאָוונע געפינט דאָ אויך א סיבע אף אופוואַרפן דער שנור:

— אז די גאנצע צײַט קוטעט זי דאָס קינד און נעמט ניט אָן קיין שום מיטלען אף צו פארהארטעווען עס. דוכט זיך, א יונגע פרוי, האָט העכערע בילדונג — און לעבט מיט פארצײַטיקע באגריפן...

וואלענטינע אבראמאָוונע האלט ביכלאל, אז רײַע איז ניט קיין גלײַכונג צו איר זון. יענער

איז א היזכער, א שיינער, פונקט ווי דער טאַטע, כאָטש אריקן איז ניט באַשערט געווען זען אים. אריק וואָלט אָנגעקומען אין אַספּיראַנטור, ווען רײַקע פאַרדרייט אים ניט דעם קאָפּ. און מיט וואָס האָט זי אים אזוי צוגעצויגן צו זיך, אָט די געזונטע מויד מיטן רונדן ראָזעווען פּאָנעם? ניט אַנדערש, ווי מיט די אַנטבלויזטע גראָבע פּאָלקעס. ביז ער האָט זיך פאַרדרייט מיט רײַען, האָט ער אַף פרויען אפילע ניט געקוקט.

נאָך דער כאַסענע איז רײַע די ערשטע צײַט געווען שטיל, ווי א טויב. קיין וואָרט האָט מען פון איר ניט געהערט. נאָר וואַלענטינע אבראַמאָוונע האָט מיט אלע כושים געפילט, אז דאָס איז בלויז אַן אָנשטעל. דער פאָרגעפיל האָט זי ניט אָפּגענאַרט. רײַע איז גיך אַרײַן אין דער ראָל. און איצט איז זי די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב. און זאָג איר ניט אזוי א וואָרט, ווערט זי אין קאַס און הייבט אָן ביכלאַל איגנאָרירן די שוויגער. איז בעסער ניט אָנהייבן זיך מיט איר, זאָל גיין, ווי עס גייט.

דאָך האָט וואַלענטינע אבראַמאָוונע טיף אין האַרצן געהאָפט, אז זי איז נאָך פון טיראַזש ניט אַרויס. אינקע ווערט עלטער. זי וועט אַוועק אין שול, וועט מען שוין ניט דאַרפן זיך שטענדיק ניאַנטשען מיט איר. און דאַן וועט וואַלענטינע אבראַמאָוונע ווידער אַוועק אַרבעטן אַף דער אַלטער שטעלע. טאָמער ניט קיין פאַרוואַלטערן, אַרט עס זי ניט, וועט זי זײַן א טעכנאָרוק. דעריקער ניט אָפּשטיין פונעם לעבן. די האָפענונג גיט איר צו מונטערקײַט.

באַטאָג, ווען די באָבע ספּראַוועט זיך מיט די היימישע אינייאָנים און לייענט א בוך, זיצט לעבן איר אינקע און מאָלט עפּעס מיט קאָלירטע בלײַערס.

בא איר באַקומען זיך גוט פאַרשיידענע כײַעס, הײַזער און ביימער.

די ערשטע קומט פון דער אַרבעט די מאַמע.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן,— ווענדט זי זיך צו דער שוויגער.— כ'בין אלע קראָמען אויסגעגאַנגען און קיין רעכטן הערינג ניט געקראָגן.

— מאַמע, און אין פּראָמטאָוואַרנעם מאַגאַזין ביסטו געווען?— פרעגט אינקע, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פון דער אַרבעט.

ווערט א געלעכטער.

זי באַטראַכט א געמעל און א ביכל פאַר קינדער און פרעגט:

— באָבושקע, וואָס זײַנען דאָס פאַרא הײַזער הינטערן וועלדל?

— דאָס איז א ווינונגס־יישעוו,— דערקלערט די באָבע.

אַף די ליפּן פון דער שנור לייגט זיך אויס אַן איראָנישער שמייכל. נישקאָשע פון א דערקלערונג.

— וואָס איז דאָס אזוינס א ווינונג־יישעוו? — פרעגט אינקע.

— א דאָרף,— דערקלערט די מאַמע, און אינקען ווערט אלץ קלאָר.

— א קינד דאַרף מען געוווינען צום נײַעם לעקסיקאָן,— באַמערקט די באָבע.

רײַע שווײַגט און נעמט זיך פאַר דער שטוב־אַרבעט.

איצט האַלטן אלע אין איין ציטערן, צי אריק וועט קומען צו דער צײַט, צי ער וועט ווידער ערגעץ ניט פאַרבלאָנדזשען. און אז ער קומט צו דער צײַט, איז אין שטוב פריילעך און רײַע איז צו אים גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן.

ווען אין דרויסן איז וואַרעם, שפּילט זיך אינקע אין הויף. אין גאַס לאָזט מען זי ניט אַרויס אָן דערוואַקסענע.

דאָ אין הויף איז ניטאָ קיין קליינוואַרג פון איר עלטער.

צײַטנווײַז שפּילט זיך מיט איר די שילערן פון צווייטן קלאַס וואַראָניקע: א פלינקע, א בלאָנדע, מיט זומער־שפּרענקעלעך אַף פּאָנעם. וואַראָניקע לייענט אינקען מײַסעלעך, שפּילט זיך מיט איר אין באַהעלטעניש.

וואַראָניקעס טאַטע איז א מיליציאָנער, די מאַמע — א בוכהאַלטער אין דער היגער רעדאַקציע. ווען די עלטערן זײַנען אַף דער אַרבעט, בלײַבט וואַראָניקע אליין. אָסיען־ און ווינטער־צײַט קאָן זיך אינקע ניט דערוואַרטן, ווען וואַראָניקע וועט קומען פון דער שול. ווען יענע גרייט די לימודים, זיצט אינקע לעבן איר און מאָלט.

זומער איז אינקען אויך אומעטיק. וואַראָניקע איז דאַן אין פּיאָנערישן לאַגער, דאָס קליינוואַרג פון קינדערגאָרטן פאָרט אַרויס אין וואַלד. דאַן קומט אויס אינקען זײַן נאָר צווישן דערוואַקסענע. פאַרנאַכט דערציילט אינקע אלע נײַסן, וואָס זי האָט געהערט אין הויף. און כאָטש די באָבע הערט עס אויס מיט אינטערעס, דאָך באַמערקט זי:

— נו, דאַרף עס א קינד וויסן?

נאָר ניט דער זון און ניט די שנור לייגן ניט קיין אַכט אַף דער דאָזיקער רעפּליקע. זיי קוועלן און פרייען זיך, וואָס זייער טאָכטער האַלט זיך ווי א דערוואַקסענע.

איינמאָל, דאָס איז געווען סאָף אויגוסט, קומט אינקע מיט א גדולע:

— וואַראָניקע האָט מיך אײַנגעלאַדן אַף אימענינעס. דאָרטן וועלן זײַן א סאַך קינדער.

די עלטערן זײַנען געווען ווײַט ניט גלײַכגילטיק צו דער דאָזיקער בסורע. און מע האָט גענומען מיט דער פולער ערנסטקײַט באַ־

טראַכטן, וואָס פאַר א מאַטאָנע דאַרף זי אונטער־טראָגן דער אימענינִיצע.

— די בעסטע זאַך איז א ביכל, — האָט פּאַר־געלייגט די באָבע.

בא דער שנור איז דורכגעלאָפן אן איראָני־שער שמייכל אף די ליפּן:

— א ביכל!..

מע האָט באַשטימט קויפן א קינדערשע נייִ־מאַשין, אף וועלכער מע קאָן טאַקע שטעפּן. דערנאָך האָט מען לאַנג אינקען אינסטרוקטירט, וויאַזוי זי זאָל צוטראָגן די מאַטאָנע און וויאַזוי זי זאָל זיך האַלטן צווישן די געסט. זי וועט דאָך זײַן דאָרט די קלענסטע.

— זאָלסט טאָן אַזוי, ווי אַלע טוען, — האָט געזאָגט דער טאַטע.

ווען זי איז געקומען צו דער אימענינִיצע, זײַנען שוין אַרום טיש געזעסן א סאַך מיידעלעך און ווראַניקע אין א ווײַס קליידעלע אין סאַמע אויבנאָן.

אינקע האָט פּינקטלעך געטאָן אַלץ אַזוי, ווי מע האָט זי געלערנט.

זי איז צוגעגאַנגען צו ווראַניקען, דערלאַנגט איר די מאַטאָנע און האָט הילכיק געזאָגט:

— איך באַגריס דיך מיטן געבורטסטאָג און ווינטש דיר גוט לערנען זיך, פאָלגן די עלטערן און זײַן שטענדיק פריילעך און מונטער.

אַלע האָבן גוטמוטיק געשמייכלט.

ווראַניקע איז געווען זייער צופרידן פון דער מאַטאָנע.

אינקען האָט מען אוועקגעזעצט באַם ברעג טיש לעבן לאַריסקען — א שמעוודיק מיידעלע, וואָס האָט זיך ניט וואָזשנע געפילט צווישן די געסט...

— לאַריסקע, זאָלסט צוזען דאָרטן דײַן שאָכנ־טע, — האָט ווראַניקעס מאַמע געוואָרנט און אַליין אוועק אין קיך צוגרייטן טיי.

לאַריסקע איז געזעסן ווי א פּריטשמעליעטע. זי האָט זיך געסטאַרעט ניט מאַכן קיין איבערי־קע באַוועגונגען, קעדיי ניט צוציִען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען, און דערפאַר האָט זי שלעכט אויסגעפילט דעם אָנזאָג פון דער באַלעבאָסטע.

אינקע האָט זיך ניט פאַרלאָזט אף לאַריסקעס שעפּטום. זי האָט זיך געסטאַרעט אַלץ טאָן, ווי אַלע טוען, אַזוי ווי מע האָט זי געלערנט אין דער היים. ווען מע האָט אויפגעהויבן די בעכער־לעך, אָנגעפילטע מיט סאָק, האָט זי אויך אויפ־געהויבן איר בעכערל. אַלע האָבן געטרונקען, האָט אינקע אויך דאָס זעלבע געטאָן. כאָטש זי האָט קיין טאָרט ניט ליב, נאָר זי האָט געגעסן אַזוי ווי אַלע.

א ביסל לעבעדיקער אַרום טיש איז געוואָרן, ווען סוועטקע מיט דער בלאָנדער גריווקע האָט פאַרפירט א שמועס וועגן וואַסיע קאַזירקין, וואָס האָט געבראַכט אין קלאַס א ווײַס מײַזעלע, וואָס איז בייס די לימודים אַרומגעלאָפן בא אים אין פאַרטע.

דאָ האָבן אַלע גענומען איבערשלאָגן איינער דעם צווייטן. מע האָט דערציילט ניסים וועגן קאַזירקינס שפּיצלעך.

אינקע האָט מיט אַן אָפן מויל געהערט די דאָזיקע מײַסעס.

— אַך, ווען מע פאַרופט אים אהער, וואָלט געווען פריילעך, — האָט עמעצער פון די מיי־דעלעך א זאָג געטאָן.

א צווייטע האָט דערווידערט:

— מע דאַרף אים דאָ זייער האָבן, עס סטײַעט פון אים אין קלאַס!

דער שמועס האָט זיך די גאַנצע צײַט געפירט אַרום קאַזירקינען.

אינקע האָט אויפמערקזאַם געהערט און דערבײַ געסטאַרעט זיך עסן.

בייס מע האָט דערלאַנגט דעם צעשניטענעם קאַוון, האָט אינקע, ווי אַלע, גענומען א שטיקל און מיט בײדע הענטלעך עס צוגעטראָגן צום מויל. זויגנדיק דעם קאַוון, האָט זי אויסגעשמירט די בעקלעך.

סוועטקע, וועלכע האָט דערציילט וועגן קאַ־זירקינס שפּיצלעך, האָט פּלוצעם געכאַפּט א קוק אף אינקען און אויסגעשריגן:

— זעט נאַר, זי האָט זיך אויסגעשמירט, ווי א כאַזערל.

אייניקע קינדער האָבן זיך צעלאַכט.

סוועטקע האָט ניט געוואָלט באַליידיקן אינ־קען. זי האָט פּאַשעט געוואָלט פריילעך מאַכן דעם עולם. נאָר אינקע איז געוואָרן רויט, זי האָט אוועקגעלייגט דעם קאַוון, זיך פאַרנייגט און ביטער זיך צעוויינט, רײַבנדיק מיט די נאַסע הענטלעך די אויגן.

— אוי, וואָס האָט פּאַסירט? — איז גלײַך צו־געלאָפן ווראַניקעס מוטער.

אינקע האָט געכליפּעט.

ווראַניקע, וועלכער ס'איז ניט געפעלן געווען סוועטקעס אויפטו, האָט מיט האַרץ דערקלערט:

— זי האָט געזאָגט, אַז אינקע האָט זיך אויס־געשמירט, ווי א כאַזערל.

— שאַט, באַלד וועט אַלץ זײַן אין אָרדע־נונג, — האָט ווראַניקעס מוטער געזאָגט און אָפּגעפירט אינקען צום קראַן.

אינגיכן האָבן זיי זיך אומגעקערט. אינקעס פּענעמל איז געווען ריין און לויכטנדיק.

— נו, ווער איז איצטער א כאַזערל? — האָט ווראַניקע געפרעגט, און אַלע האָבן מיט שפּאַס געטײַטלט אף סוועטקען.

געקומען אַהיים איז זי שפּעט אין אָוונט. דאָס קנעפּל פון עלעקטראָ־גלעקל קאָן זי ניט דער־לאַנגען, קלאַפּט זי מיטן פּיסל אין טיר.

— שאט, מע גייט שוין פון די אימענינעס, — מעלדעט דער טאטע, עפענענדיק ברייט די טיר. — אנו, גיב נאָר אַן אָטעם.

אינקע ווייסט, וואָס דאָס באטײַט. ס'טרעפט, אז די מאמע ווענדט זיך אזוי צום טאטן, ווען ער קומט שפעט פון דער ארבעט.

— סאָק געטרונקען, — פארענטפערט זיך אינ־קע.

— נו, דערצייל, ווי האָסטו פארבראכט? — פרעגט די מאמע.

אינקע דערציילט מיט אלע פינקטלעכקײַטן, און ווען זי דערגייט צו דער געשיכטע, וויאזוי סוועטקע האָט זי אויסגעלאכט, צעוויינט זי זיך ווידער.

— פיר יאָר און אייפעלע, שיקט מען זי צווישן גרויסע קינדער אַף אימענינעס, — ווארפט אוף מיט הארץ וואלענטינע אבראמאָוונע.

די עלטערן שמייכלען שולדיק. קאָנטיק, ס'איז זיי א ראכמאָנעס אפן קינד. זיי שטעלן זיך פאָר, וויאזוי זי האָט איבערגעלעבט, בייס סוועטקע האָט זי אויסגעלאכט.

און דאָ נעמט זיך ווידער וואלענטינע אבראַ־מאָוונע פאר די אלטע ארגומענטן:

— א קינד דארף זײַן אין סוויווע פון איר עלטער. מע מוז זי אָפגעבן אין קינדער־גאָרטן.

אינקע וויל ניט אין קינדערגאָרטן. דאָ איז איר בעסער.

— באבושקע, האָסט זיך שוין פארבענקט נאָך דער ארבעט? — פרעגט זי.

— נו, דארף אזוינס א קינד וויסן? — ווארפט אוף די אלטע.

רײַע געפינט, אז איצט איז דער סאמע פאסי־קער מאָמענט עפענען בא דער שוויגער די אויגן אַף אלץ.

— אויב איר וועט שטארק צושטיין, קאָן מען אינקען אָפגעבן אין קינדערגאָרטן. זי איז טאקע גרעסער געוואָרן און פילט זיך שטארקער. אָבער אײַך וועט פון דעם גרינגער ניט ווערן. אין אטעליע זיך אומקערן וועט איר סײַווי דער־ווײַל ניט קאָנען.

— וואָסי? — שטרענגט זיך אָן די אלטע.

— נו, צי דען באמערקט איר ניט? אלע ווייסן שוין פון דעם, אויסער אײַך. אינגיכן וועט איר א צווייט מאָל ווערן א באָבע.

ערשט איצט באמערקט די אלטע, אז בא דער שנור טיילט זיך אויס דער בויך.

— אוי, ווי איז מיר! — כאפט זיך וואלענטינע אבראמאָוונע פארן קאָפ.

די שנור מיטן זון צעלאכן זיך, און די אלטע איז דערשטוינט און ווייסט ניט, וויאזוי אופצו־נעמען די ידיעה: פרייען זיך צי דײַגעגען.

יאשע קוקוי

אין איינעם א זומערדיקן אָוונט האָט זיך אין קלימאָוויטש באוויזן עפעס א מאָדנער פארשוין, א קליינינקער, א געזעצטער, אָנגעטאָן, ווי א פארקויפער פון א באקאליי־קראָם: אין א ווײַסן כאלאט און אין א ווײַס מיצל. די דאָזיקע ספע־צאָווקע האָט שוין לאנג געבענקט נאָך א ווע־שערײַ. ווען די סאן־אינספעקציע דערזעט אים אזוי־אָ לעבן פארקויף־סטענד, וואָלט זי אים געוויס שטראפירט פאר אנטיסאניטאריע.

דער דאָזיקער אָנצוג האָט בוילעט אויסגע־טיילט זײַן רונד באוואקסן פאָנעם, א פארפּאַ־ליעטס פון דער זון. ווען דער פארשוין וואָלט אזוי דײַטלעך און שארף ניט גערעדט אַף רו־סיש, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז דאָס איז אן אוזבעק.

אַף דער פלייצע איז בא אים געהאנגען א כא־קענער מאָגערער קלומעק.

ביכלאל, ווען אין קלימאָוויטש קומט א נײַער מענטש, לייגט מען אַף אים קיין באזונדערע אכט ניט. ס'איז ניט אמאָליקע צײַטן, ווען אן אָנגעפאָרענער פלעגט זיך ווארפן אין די אויגן. איצט טיילן זיך מיט גאָרנישט ניט אויס די אָנגעפאָרענע פון די היגע. אויסער דעם, אין קלימאָוויטש, ווו עס פונקציאָנירט א גרויסער סיליקאטנער זאוואָד, קומען זייער אָפט קאָמאנ־דיראָוואָטשנע. אזוי אז אן אָנגעפאָרענער מאכט דאָ קיין רושעם ניט. אָבער דער דאָזיקער פאר־שוין האָט צוגעצויגן די אופמערקזאמקײַט מיט זײַן מאָדנעם אָנצוג.

דעם ערשטן וויזיט האָט ער אָפגעשטעקט דער קאפע, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דער אווי־טאָסטאנציע, וווהין ער איז אָנגעקומען מיטן אווטאָבוס.

אין קאפע זײַנען געזעסן ליבהאָבער פון ביר, וועלכע קלײַבן זיך אהער צונויף נאָך דער ארבעט. אייניקע ציט אהער ניט אזוי דער ביר, ווי א קאָמפאניע. דאָ קאָן מען אָפט הערן א וויץ, און מע קאָן אמאָל אויך זיך ארויסווײַזן פאר לײַטן, אז מע איז ניט קיין ליימענער גוילעם.

דערזעענדיק בא א טישל, לעבן דער טיר, דעם נײַעם פארשוין אין כאלאט, מיטן קאָלפעק אפן קאָפ, האָט דער אוילעם מיט נײַגער אים באטראכט. עפעס א מאָדנער נעפעש!

— איך וואָלט געמעגט שווערן, אז איך האָב אים געזען אין באָברויסק אפן וואָקזאל. ער האָט מיט א בארשט־וועגעלע געראמט דאָרטן דעם דיל, — האָט געמאָלדן סטיאָפע אנושקין, א גע־זונטער יונג, אין א ווײַסער וואָלענער קאָפטע.

— גיכער פון אלץ האָסטו אים געקאָנט זען ארום סאמארקאנד ערגעץ, רײַטנדיק אַף אן אייזל, — האָט געענטפערט יאשקע כאָטימסקער, א ייִד פון אריבער די פופציק, וואָס פארמאָגט

שוין אייניקלעך אין מאָהיליאָוו, נאָר האלט זיך נאָך אלץ מאָלאָדצעוואטע און איז שטענדיק אין א קאָמפּאניע פון יונגעלײַט. מיט אלטווארג וויל ער קיין אייסאָקים ניט האָבן, וואָרעם יענע פירן נאָר געשפּרעכן וועגן זייערע קראנקײַטן, אָדער ווען זיי זײַנען שוין יאָ אופגעלייגט, דערציילן זיי סטאם מײַסעס, פון וועלכע עס שלאָגט מיט טויט כאלאָשעס. גאָר אנדערש איז פארברענגען מיט יונגע, מיט זיי קאָן מען שפּאסן, פירן וויקוכים, לײַכט איבערגיין פון איין טעמע אף א צווייטער.

כאָטימסקער איז פארעכנט פאר איינעם פון די בעסטע צושנײַדער אין סאלאָן־אטעליע. אלע מאָדניצעס ווילן, אז זייערע באשטעלונגען זאָל אויספילן נאָר ער. אָפט פאלט אים ארײַן דערפאר א זײַטיקער רובל, פון וועלכן ער זאָגט זיך ניט אָפּ. נאָר די דאָזיקע מאמטאקים גייען בא אים אוועק אף דער קאָמפּאניע, וואָס זיצט איצט באם טישל. אין די אָוונטן איז ער זיי מעכאבעד מיט ביר, און אמאָל, אויב אים גילט אָפּ פון א גוטן קליִענט, איז ער מעכאבעד מיט קאָניאק אויך. און דערפאר טאקע איז כאָטימסקער געשעצט און געאכטעט בא די ליבהאָבער פון אן אומזיסטן שנאפּס.

אינגיכן איז צום אומבאקאנטן פארשוין צוגעגאנגען די אָפיציִאנטקע ליובע, א שלאנק, בלאָנד מיידל אין א העל־בלויער בלוזקע.

דער אוילעם האָט מיט אינטערעס געקוקט, וויִאזוי וועט זי זיך דורכשמועסן מיטן גאסט.

— בא אונדז באדינט מען ניט קיין קליִענטן, אָנגעטאָנענע אין אן אייבערשטן אָנצוג, — האָט זי אים איידל געוואָרנט, האלטנדיק אין איין האנט א בלאָקנאָטל און אין דער צווייטער — א בלײַער.

— איז פארוואָס זשע איז ניטאָ קיין גאַרדעראָבשטשיק? — האָט געפרעגט דער קליִענט.

— ער האָט נעבעך מוירע, אז מע זאָל בא אים ניט צולאקכענען זײַן שיינעם אָנצוג, — האָט געשפּאסט מישע כאָטימסקער.

— דער גאַרדעראָבשטשיק ארבעט בא אונדז ווינטער, — האָט געענטפערט די אָפיציִאנטקע, — זומער האָט ער דאָ ניט וואָס צו טאָן. אלנפאלס, האָט נאָך ניט געטראָפן, אז מע זאָל בא אונדז עפּעס צוגאנווענען.

קאָנטיק, אז דאָס האָט איבערצײַגט דעם קליִענט. ער האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, א נעם געטאָן דעם רוקזאק, וואָס איז געלעגן אפן דיל, און איז אוועק אין גאַרדעראָבנע.

אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט גאָר אן אנדער מענטש — אין אן אוניפאָרם פון אן אײַזנבאן־ארבעטער. די ברוסט איז געווען באהאנגען מיט פארשיידענע סוווּעניר־צייכנס. איצט האָט ער אויסגעזען גאָר געוויינלעך. עמעס, דער קיטעל איז געווען אף אים צו ברייט, די הויזן — לאנג. קאָנטיק, די אוניפאָרם איז ניט אף אים גענייט געוועז.

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט: דאָס איז ער, — האָט אנושקין באשטעטיקט, — אין באָברויסק אפן וואָקזאל איז ער אויך אזוי געווען אָנגעטאָן. מע האָט דערציילט, אז ער איז א ביסל א טשודאקעוואטער און זיצט ניט אײַן אף איין אָרט. ארבעט א ביסל צײַט אין איין שטאָט און לאָזט זיך ווײַטער. אָט אזוי לעבט ער אָן א היים און אָן א געזינד.

די אָפיציִאנטקע איז ווידער צו אים צוגעגאנגען. דער קליִענט האָט גענומען באטראכטן די מעניו. זי האָט געדולדיק געוואַרט, ביז ער וועט אויסקלײַבן וואָס צו באשטעלן.

נאָר יענער האָט זיך ניט געײַלט, באטראכטנדיק יעדער זײַטל פון מעניו, וואָס האָט געהאט אן אויסזען פון אן אלבאָם.

סאָפּקאָלסאָף האָט מען פון אים דערהערט א וואָרט:

— א גלאָז טיי.

בא די טישלעך האָט מען זיך איבערגעקוקט. די אָפיציִאנטקע האָט געשמייכלט.

דער אוילעם האָט זיך איבערצײַגט, אז מע האָט צו טאָן מיט עפּעס א טשודאק.

— און וואָס וועט איר צובײַסן? — פרעגט העפלעך די אָפיציִאנטקע.

— פארן שלאָף עס איך ניט, — האָט ער אף דעם געענטפערט.

די אָפיציִאנטקע איז אוועק אין קיך.

דער קליִענט האָט לאנגזאם באטראכט די געמעלן אף דער וואנט און קיין שום אכט ניט געלייגט אף די טשיקאווע בליקן פון די ארומיקע, נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צו איינעם פון די יונגעלײַט, וואָס איז געזעסן אליין בא א טישל (קאָנטיק, אויך אן אָנגעפאָרענער):

— איר ווייסט ניט, מיט וואָס האָט זיך פארענדיקט דער מאטש מינסק — טביליסי?

— צוויי נאָל לעטויוועס טביליסי, — האָט יענער געענטפערט.

— אוי, וויי!

דער טשודאק האָט פארשטעלט מיט די הענט די אויערן און האָט זיך ביטער פארקרימט. קאָנטיק, אז די ידיִעה האָט אים דערצאָרנט.

די אָפיציִאנטקע האָט אוועקגעשטעלט אפן טישל צוויי גלעזער טיי און צוויי בולקעלעך.

— איר האָט א טאָעס, ס׳איז ניט מײַן באשטעלונג, — האָט שארף דערווידערט דער קליִענט.

— ס׳מאכט ניט אויס. ס׳וועט אײַך קיין געלט ניט קאָסטן, — האָט אים בארויִקט די אָפיציִאנטקע. — און ביז איר וועט זיך לייגן שלאָפן, וועט איר זיך ווידער אויסהונגערן.

זי איז טייקעף נעלעם געוואָרן.

דער קליענט האָט א צײַט געקוקט אפן קי־בעד און האָט טאקע ניט אויסגעהאלטן. אין מעשעך פון דרײַ מינוט איז ער פארטיק געוואָרן מיט אלץ, וואָס די אָפיציאַנטקע האָט אים דער־לאנגט.

— אוי, ער איז דאָך גוט הונגעריק, — האָט א זאָג געטאָן סטיאָפּע אנושקין.

איצט האָט מען אף אים געקוקט ניט נאָר מיט שפאס, נאָר אויך מיט מיטלייד.

— ביטע, אין אונדזער קאָמפּאניע, — האָט אים אײַנגעלאָדן מישע כאָטימסקער.

— איך געברויך ניט קיין אלקאָהאָל! — האָט ער אנטשיידן געענטפערט.

— ביר הייסט אויך אלקאָהאָל? — האָט סטיאָ־פּע דערווידערט.

— סײַוויסײַ טרינק איך ניט.

דאָך האָט ער זיך אופגעהויבן פון אָרט און איז צוגעגאנגען צו דער קאָמפּאניע.

זײַן פּאָנעם איז געווען ערנסט און פארזאָרגט:

— די יעדזיע, אז מינסק האָט אזוי מיִעס פאר־שפּילט דעם מאטש, האָט מיך דערהארגעט, — האָט ער מיט צאָרן א זאָג געטאָן.

— מיילע, איר וועט ווי־ניט־איז לעבן בלײַבן, — האָט אים געענטפערט מישע, גלעטנ־דיק דערבײַ די געפארבטע וואָנצעס, וואָס ער האָט פארלאָזט, אונטערהאלטנדיק די הײַנטצײַ־טיקע מאָדע. — לאָמיר ריידן וועגן מער פּראַק־טישע זאכן. לאנג וועט איר בא אונדז פארברענ־גען?

— ס'איז אָפּהענגיק, ווי־אזוי איך וועל זיך דאָ אײַנאָרדענען מיט ארבעט און מיט א דירע. אין באָברויסק איז מיר געווען ניט שלעכט, נאָר מיט ווינונגען איז דאָרטן צאָרעס. כ'האָב געווינט בא אן אלט פּאָרפּאָלק, איז צו זיי א זון געקו־מען פון ארמיי, האָב איך געמוזט באפרײַען די דירע.

— און וואָס איז אײַער פאך? — האָט בא אים כאָטימסקער געפרעגט.

— איך בין א נאכט־וועכטער, פופצן יאָר גע־ארבעט אף דער שטעלע אין סאמארקאנד. קיין אייך גנייווע האָט אין מײַן דעזשורסטווע ניט געטראָפן. וועגן דעם באשטעטיקט די צײַגעניש, וואָס מע האָט מיר דאָרטן ארויסגעגעבן.

— און פארוואָס זײַט איר אוועקגעפאָרן פון סאמארקאנד?

— דער קלימאט איז מיר ניט אונטערגעגאנ־גען. איך בין אן אינוואליד. די פענסיע, וואָס איך באקום, איז פאר מיר ווייניקלעך. קומט אויס ארבעטן. אין באָברויסק האָב איך גע־ארבעט אף דער אײַזנבאן־ליניע.

— וואָס פאר א שטעלע האָט איר דאָרט פארנומען? — האָט אים א פרעג געטאָן סטיאָפּע.

— א נאפּקעמינע! — האָט אים שארף גע־ענטפערט דער גאסט. — זאָגט מיר בעסער, ווו קאָן מען זיך דאָ אײַנאָרדענען אף קוואַרטיר?

דעם עמעס געזאָגט, וואָלט זיך קיינער ניט אָפּגעזאָגט נעמען אים צו זיך נעכטיקן. אין די הײַזער איז בא אלעמען פרײַ, נאָר גיי נעם אן אומבאקאנטן מענטשן, וואָס מע קען ניט און מע ווייסט ניט. עפּשער איז ער אינדערעמעסן גאָרניט אזא נעבעכל, ווי עס דוכט זיך. אויסער אלץ, איז ער פון וועג. ווער ווייסט, ווו ער האָט זיך געוואלגערט.

— פארוואָס עפּעס האָט איר אויסגעקליבן אונדזער שטעטל? — האָט בא אים געפרעגט סטיאָפּע.

— ווײַל ס'איז נאָענט פון באָברויסק און פון מאָהיליאָוו, — האָט ער געענטפערט. — מע וועט קאָנען אמאָל צופאָרן אין א שטאָט. און אויסער אלץ, אין קינדערהיים האָט מען פארשריבן אין מײַן מעטריקע, אז איך בין פונדאנען א געבאָ־רענער, — האָט ער קאלטבלוטיק צוגעגעבן.

די לעצטע רעפּליקע זײַנע האָט גראָדע אלע־מען פארינטערעסירט.

— שא, — האָט זיך פלוצלינג אופגעהויבן פון זײַן אָרט דער שאָפער פונעם צעמענט־זאוואָד לאזער, וואָס איז געזעסן באם פענצטער און האָט אופמערקזאם געשפּירט נאָכן שמועס, — ווי איז אײַער פאמיליע? און ווי הייסט איר?

— יאשע קוקוי.

— אוי, דאָס איז דאָך מוישע דעם גערשטע־וועטנס א זון! — האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט לאזער. — קוקט זיך גוט אײַן, ער איז דאָך פונקט דער טאטע. יענער איז אויך געווען א קורצער, א גראָבער, מיט א רונד פּאָנעם. פאר דער מילכאָמע איז ער געשטאָרבן. און די מאמע איז אוועק פון דער וועלט נאָך פריִער פארן מאָן. א זון איז בא זיי געווען, האָט מען אים אין קינדערהויז אָפּגעגעבן.

— פארוואָס געדענק איך עפּעס ניט, ווער איז דאָס געווען מוישע דער גערשטעוועטער? — האָט געפרעגט כאָטימסקער.

— נו, צי דען האָסטו פארגעסן די געשיכטע, וואָס מיט אים האָט געטראָפן? איינמאָל אין א ווינטער־טאָג איז ער אוועק נאָך וואסער. ארום ברונעם איז די ערד געווען פארפרוירן. איז ער אוועק אין שטאל נאָך א לאָם, גייט ארויס דאָס ווײַב און זעט: די עמער שטייען לעבן ברונעם און דער מאן איז ניטאָ. לויפט זי צו ניט טויט, ניט לעבעדיק און שרײַט: „מוישע, ביסט דאָ? דאָ!" — האָט זיך דערהערט פון ברונעם. האָט זי ניט פארשטאנען, אז ס'איז א ווידערקאָל, און האָט אופגעהויבן א גוואלד. זײַנען אָנגעלאָפן מענטשן. זעט ער, מוישע, פון שטאל, ווי מע לויפט, לויפט ער אויך צום ברונעם. פון דעמלט

אָן האָט מען אים גענומען רופן „דער געראַטע־וועטער".

— אוי, איך דערמאָן זיך טאַקע, — האָט אַ זאָג געטאָן קאַטימסקער.

— שאַט, אויב אַזוי, האָט ער דאָך אַ פּעטער, פון מאַמעס צאַד, — מישט זיך אַרײַן אַ הויכער ייִד מיט אַ ריין ראַזירטן קאָפּ. — שײַע הייסט ער און וווינט ניט ווײַט פון קאָניקאָוון, דעם אוליטשקאַם.

— וואָס פאַר אַ פּעטער? וואָס פאַר אַ שײַע? — האָט דערווידערט יאַשע קוקוי. — איך האָב קיין שום שײַכעס ניט צו אים. לויט דער מעטריקע און לויטן פּאַספּאָרט בין איך גאָר אַ רוסישער, און לויטן פאָטער בין איך מיכײַלאָוויטש, אַזוי אַז מײַן טאַטע האָט ניט געהייסן מוישע, און דרייט קיין קאָפּ ניט.

יאַשע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, נאָר מע האָט אים אײַנגערעדט, אַז ער זאָל דאָ פאַרברענגען נאָך אַ ווײַלע, מע וועט אים אײַנאָרדענען מיט אַ וווינונג.

לאַזער איז אוועקגעגאַנגען אָנזאָגן דעם פּעטער.

יענער איז געקומען ניט טויט, ניט לעבעדיק און געפאַלן דעם פּלעמעניק אָפן האַלדז:

— יאַנקעלע! כאַטש דו האָסט זיך אויסגעפּערנען! פון דער גרויסער מישפּאָכע זײַנען מיר געבליבן נאָר צווייען.

דער פּלעמעניק האָט זיך געריסן פון זײַנע הענט:

— ס'קאָן ניט זײַן! ס'איז אַ מיספאַרשטייעניש! — האָט ער געטײַנעט.

דאָך איז ער אוועק צום פּעטער אַהיים.

אָף מאָרגן האָט שוין וועגן אים געוווּסט דאָס גאַנצע שטעטל.

— ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז מוישע קוקויס אַ זון וועט זיך אויסגעפינען! ווער ווייסט, עפּשער זײַנען ניצל געוואָרן נאָך מענטשן, וואָס זיי ווייסן גאָרניט, אַז זיי זײַנען דאָ געבאָרן געוואָרן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז יאַשע קוקוי געקומען אין קאַפע אַ ריינער, אין אַ נײַעם אָנצוג, שוין אָן די סוווענירן־צייכנס אָף דער ברוסט. דאָס בערדעלע איז געווען אַרומגעשוירן. ער האָט זיך צוגעזעצט צו דער זעלבער קאָמפּאַניע.

— פינף בוטלען ביר! — האָט ער באַשטעלט.

ליובע די אָפיציאַנטקע האָט אָף אים געקוקט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און איז טײַקעף אוועק אויספילן זײַן באַשטעלונג.

— איין מינוטעלע! — האָט יאַשע צו איר אויסגעשריִען. ליובע האָט זיך אומגעקערט. — און אַ גרויסע פּליטקע שאָקאָלאַד זאָלט איר אויך ברענגען!

— גוט!

— איר געברויכט דאָך ניט קיין אַלקאָהאָל? — האָט אים סטאַפּע דערמאָנט.

— דאָס וויל איך אײַך מעכאַבעד זײַן.

ווען ליובע האָט געבראַכט זײַן באַשטעלונג, האָט ער קוידעמקאָל גענומען דעם שאָקאָלאַד.

— דאָס איז פאַר אײַך, — האָט ער געזאָגט ליובען, — און פאַר דער נעכטיקער טיי און פאַר די פאַר בולקעלעך זאָלט איר אויך פאַרעכענען, איך צאָל פאַר אַלץ.

ליובע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן קיבעד, נאָר, באַמערקנדיק, אַז יאַשע האָט זיך באַליידיקט, האָט זי דעם שאָקאָלאַד גענומען.

יאַשע האָט אויך אויסגעטרונקען אַ גלאָז ביר מיט דער קאָמפּאַניע.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז ער אויסגעבונדן געוואָרן מיטן גאַנצן שטעטל.

אײַנגעאָרדנט האָט ער זיך אַלס נאַכט־וועכטער אין מיטלשול. צו דער אַרבעט קומט ער צען אין אָוונט, און זעקס אינדערפרי איז ער שוין פרײַ.

כאָטש באַם פּעטער אין שטוב איז פרײַ און געראַם, מאַכמעס די קינדער געפינען זיך ניט הי, האָט ער דאָך וווינען באַם פּעטער ניט געוואָלט. מע האָט אים אויסגעטיילט אַ צימער אין אַ קאָמונאַל הויז.

אַזויווי פיל אײַנוווינער פון שטעטל זײַנען עלטערע מענטשן, וואָס זײַנען ניט אימשטאַנד באַדינען די באַלעבאַטישקײַט, און אַפילו פאַר געצאָלטס וויל קיינער זיך ניט פאַרדינגען העלפן עפּעס, מאַכמעס מע איז באַזאָרגט, נוצט מען אויס יאַשען אָף אַזוינע זאַכן. און ער פאָלגט, ער העלפט באַגיסן אַ גאָרטן, צונויפזאַמלען די גערעטעניש, אָנהאַקן האָלץ, אַמאָל געטרויט מען אים ניאַנטשען זיך מיט אַ קינד. קיין געלט וויל ער ניט נעמען פאַר דער טירכע. נאָר מע שטופּט אים מיט גוואַלד.

— יאַשע, וואָס וועסטו טאָן מיטן געלט? — פרעגט מען באַ אים.

— דאָס קלײַב איך אָף מוזיק, — ענטפערט ער מיט אַ שמייכל.

ס'האָבן זיך געפונען באַלאָנים, וואָס האָבן אים געוואָלט כאַסענע מאַכן. מע האָט אים געשאַדכנט אַ וואַרשעווער ייִדענע, וואָס איז דאָ פאַרבליבן נאָך דער מילכאָמע. באַשע הייסט זי און אַרבעט אַלס געפּעס־וואַשערין אין קיך פון סיליקאַטנעם זאַוואָד. איר ייִדיש ריידן פאַרשטייען נאָר די, וואָס האָבן זיך געלערנט אין אַ ייִדישער שול. באַשע איז ניט קעגן דעם שידעך, נאָר יאַשע האַלט ניט דערבײַ. נאָך דעם, ווי אַלייעווע פון סאַמאַרקאַנד האָט אים אַזוי מיִעס אָפּגענאַרט, זאָגט ער, קאָן ער אָף קיין פרויען ניט קוקן. ווער איז די אַלייעווע און וויאַזוי האָט זי אים אָפּגענאַרט, דאָס דערציילט ער קיינעם ניט.

אין יעדער שטוב איז ער אַן אייגענער מענטש. ס'טרעפט, אין אָוונט קלאַפּט ער אָן ערגעץ אין א טיר:

— שליסט טייקעף איַין דעם טעלעוויזאָר. איך דאַרף קוקן דעם פוטבאָל־מאַטש.

זיַין באַקאַשע ווערט גליַיך אויסגעפילט.

— יאַשע, האָסט דאָך אַן אייגענעם טעלעוויזאָר, — זאָגט מען אים.

— ביזוואַנען איך וועל זיך דערקלײַבן אהיים, וועל איך אַ גאַנצן טײַם דורכלאָזן.

ס'טרעפט, אַז מע לאָזט אים אַליין אין שטוב באַם טעלעוויזאָר, וואָרעם וועגן זײַן ערלעכקײַט איז ניט שײַעך צו ריידן. וועגן דעם גייען אַפּילע אַנעקדאָטן אין שטעטל.

איינמאָל האָט ער זיך באַרימט פאַר לײַטן:

— כ'האָב הײַנט פאַרדינט אַ דרײַער.

— וויאַזוי?

— כ'האָב געפונען הונדערט און פופציק רובל, האָב איך אָפּגעגעבן דעם פאַרוואַלטער פון קאָפּע, האָט ער מיר דערפאַר געגעבן אַ דרײַער.

— פאַרוואָס האָסטו דאַפקע אים אָפּגעגעבן דאָס געלט? — פרעגט מען בא אים.

— קיין פרעמדס דאַרף איך ניט, — ענטפערט ער אַנטשיידן.

און אַף וויפל ער איז צוגעלאָזט און זאָגט קיינעם ניט אָפּ, נוצט מען אים אויס, ווו מע דאַרף און ווו מע דאַרף ניט.

ווען בא עמעצן פאַלט אויס אַ יאָרצײַט, פאַרבעט מען אים אַלס אַ צענטן צו אַ מיניען. דאָ לאָזט ער זיך לאַנג בעטן.

— אייגנטלעך, בין איך ניט קיין גלויביקער, — מעלדעט ער. און אַז ער זאָגט שוין צו קומען, אײַלט ער זיך ניט. ס'קומט אויס וואַרטן אַף אים, ווי אין די פאַרצײַטיקע יאָרן פלעגט מען וואַרטן אַף אַ ראָוו אָדער זייער אַף אַ כאַשעווון מאַן. אַז מע דערזעט אים דורכן פענצטער, זאָגט מען אָן די בסורע:

— ער גייט!

גליַיך ווי ער טרעט איבער די שוועל, מעלדעט ער:

— צײַט אָנצוהייבן, ווײַל פאַרהאַלטן זיך קאָן איך ניט.

און מע פאָלגט אים, וואָרעם אָן אים קאָן מען קיין צען מענטשן ניט צונויפקלײַבן.

ס'טרעפט, אַז אים סטײַעט ניט קיין געדולד אויסזיצן ביזן סאָף. דאַן זאָגט ער:

— מאַכט עס בעקיצער, באַלד הייבט זיך אָן די טראַנסליאַציע פון פוטבאָל־מאַטש.

אַף וויפל ער פאָלגט אַלעמען און העלפט מענטשן, איז ער געוואָרן איינער פון די נוצלעכסטע לײַט אין שטעטל.

מע האַלט אין איין ציטערן, ער זאָל, כאָלילע, ניט אָנטראַכטן און אוועקפאָרן פונדאַנען. נאָר עס האַלט ניט דערבײַ.

דער זיוועג

זינעס עלטערן האָבן קימאַט פאַרויסגעזען, וואָס עס וועט זיך באַקומען, אויב די טאָכטער וועט כאַסענע האָבן מיט דעם פאָטאָגראַף. זיי האָבן זי ניט איין מאָל געוואָרנט, אַז קיין האָניק וועט זי בא אים ניט לעקן, וואָרעם ער איז אַ טרינקער, אַ הוליאַקע, און אַזאַ וועט ער שוין פאַרבלײַבן.

און אַזוי איז עס טאַקע.

שוין צוויי יאָר נאָך דער כאַסענע. זיי האָבן שוין מיט מאַזל אַ קינד, ער, דער טאַטקע, קומט אָפּט שפּעט אהיים אונטערן גלעזל. און וואָס ווײַטער, טרעפט זיך עס מיט אים אָפּטער. און זינע זיצט נעבעך אין די אָוונטן אַפן גאַנעקל מיטן קינד אַף די הענט און וואַרט, ביז דער באַשערטער וועט קומען.

— רעכט אַף איר, — טײַנעט די מוטער. — זי האָט דען ניט געזען, וועמען זי נעמט?

דאָך צאַפּלט בא איר דאָס האַרץ, קוקנדיק, ווי די טאָכטער מאַטערט זיך. און דער טאַטע טײַנעט, אַז ער קלײַבט זיך בעסער פאַנאַנדער אין די דאָזיקע פראַגן.

— ווען זינע וואָלט געוווען אין דײַן עלטער, וואָלט זי אויך אַזוי ווי דו, אַלץ פאַרויסגעזען...

— האָט מען דאָך איר אויסגעלייגט, ווי אַף קאָרטן, וויאַזוי עס וועט איר אויסקומען צו לעבן מיטן הוליאַקע, איז פאַרוואָס האָט זי אונדז ניט געפאָלגט? ווען זי נעמט לאַזערן, אונדזער שאָכן, איז וואָס וואָלט איר געפעלט! אַן אינזשעניער, אַן איבערגעגעבענער מאַן, טרינקט ניט. די לערערקע ציליע באַריסאָווונע לעבט דאָך פאַר אים גליקלעך. ביז הײַנט גייט ער אויס נאָך זינעס טריט. איז פאַרוואָס האָט זי אים פאַרבראַקעוועט?

— אײַ, מע קאָן מיט דיר, ניט ריידן, — ענטפערט ער מיט האַרץ.

ער נעמט אַראָפּ פון דער פּאָליצע בעלינסקיס אַ באַנד, זוכט אויף דאָס אָרט וועגן „יעווגעני אָניעגין" און ווײַזט דעם ווײַב:

— נאָ, לייען, וועסט זיך אַליין איבערצײַגן, אַז ליבע איז אַ געפיל, וואָס גיט זיך ניט אונטער קיין לאָגישער אויסגערעכנטקײַט, און דו ווילסט איבערמאַכן די וועלט.

זינעס טאַטע, נאַטאַן, איז אַ מוליער. אָפיציעל האָט ער פאַרענדיקט זעקס קלאַסן. נאָר ער האָט געהאַט אַ כאַלאַס לייענען אַלע ווערק, וואָס די טאָכטער האָט אין מיטלשול געלערנט לויט דער פּראָגראַם. אַזוי אַז אַף ליטעראַטור וואָלט ער געקאָנט אָפּגעבן עקזאַמען פאַר צען קלאַסן. איצט לייענט ער אויך צוביסלעך, דעריקער די ווערק פון די קלאַסיקער.

דאָס ווײַב זײַנס, ראָזע, איז א בוכהאַלטער, נאָר ווײַטער פון כעזשבוינעס ארבעט בא איר דער קאָפּ ניט.

— וואָס ווײַזסטו מיר בעלינסקין? קוק בעסער, ווי דײַן טאָכטער מאַטערט זיך. זי איז דאָך געווען אזא קראַסאַוויצע, און איצט איז פון איר גאָרנישט ניט געבליבן. נאָר גיי טײַנע! טאַמער האָט זיך מיר שוין אײַנגעגעבן אים אײַנריידן, אז ער זאָל גיין געבן א גאָב דעם שיקער, קומט ער פון דאָרטן אויך א בעגילופנדיקער. ס'איז דאָך א כאַרפּע פאַר לײַטן!

— נו, און אז מע נעמט א קאָפּ, איז עק וועלט?

— ווי איך זע, קימערט דיך מער, וואָס דו קאָנסט צוזאמען מיט אים ניט טרינקען.

ראָזע, פאַרשטייט זיך, טרײַבט איבער. דאָך קאָן מען ניט זאָגן, אז איר רעפּליק האָט קיין גרונט ניט. נאַטאַן זאָגט זיך ניט אָפּ פון א ביסל בראַנפן, ווען עס מאַכט זיך. עס טרעפט, אז אינעם טאָג פון דער פּאָלוטשקע קומט ער פון דער ארבעט ניט קיין ניכטערער.

— מע קאָן ניט אָפּשטײַן פון לײַטן. מיר קומט אויס צוזאמען מיט זיי טיילן אי פריידן, אי ליידן, — פאַרענטפערט ער זיך פאַרן ווײַב.

און אין דער צײַט, ווען עס קומט פאָר דער דאָזיקער געשפּרעך צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, זיצט זינע מיטן קינד אָפּן גאַנעקל און וואַרט אָף איר מאַן.

די עלטערן האָבן זיך אָפּגעטיילט פון איר. זיי וווינען ניט ווײַט פונדאַנען אין א הויז, וואָס געהערט זייערע קרוויים, וועלכע זײַנען ארויסגעפאָרן פונדאַנען און קומען אהער פאַרברענגען בלויז זייער אורלויב.

„באַלד וועט ארויס דער שאָכן און וועט זיך אָנהייבן פאָרען אין גאָרטן", — קומט איר אָפּן געדאַנק. און טאַקע לאַנג וואַרטן קומט איר ניט אויס. לאַזער גייט ארויס אין א מײַקע און אין שאָרטעס. ער נעמט באַם פאַרקן די קירקע, דעם גראַבײַזן און גייט צו די קלובניק־קוסטעס, וואָס וואַקסן לעבן די עפּלביימער, און הייבט זיך אָן פאָרען, ווי אַלעמאָל, ווען זינע זיצט אָפּן גאַנעקל און וואַרט אָפּן מאַן. מיט דעם וויל ער אונטערשטרײַכן: „זעסט, זינע, סאַראַ רויִק לעבן דו וואָלסט געהאַט, ווען דו וואָלסט נעמען מיך. וואָס וואָלט דיר געפעלט, האַ?"

— וואָס פאָרעסטו זיך דאָרטן אַלע אָוונט? — דערהערט זיך ציליע באַריסאָווגעס שטים.

— איך באַארבעט די קוסטעס. אליין טוט זיך גאָרנישט, — פאַרענטפערט ער זיך, פילנדיק, אז זינע שטויסט זיך עפּעס אָן.

— וויפל אָוונטן דאַרף מען אָף א פאָר קוסטעס?

זינע פאַרשטייט, אז די לערערקע פילט, וואָס דאָ קומט פאָר, אז יענע איז אייפערזיכטיק.

— דאָס דאַרף מען דאָך טאָן זייער פּאַרזיכטיק, — ענטפערט ער מיט פאַרדראָס.

— האָסט דאָך צוגעזאָגט הײַנט אופהענגען די נײַע ליוסטרע.

— איך גיי. איך גיי!

ער לאָזט זיך צום פאַרקן, לייגט אוועק די מאַכשירים, דרייט אָפּ דעם קראַן באַם שלאַנג, וואַשט אויס די הענט און גייט אין שטוב.

זינע איז אין הארצן צופרידן. איר געפעלט, וואָס לאַזער גייט ארויס צוליב איר זיך פאָרען אין גאָרטן. איר איז אויך אָנגענעם, וואָס די לערערקע פאַרשטייט עס און איז אייפערזיכטיק. זינע האָט ניט קיין שום האָפענונג אָף לאַזערן. ערשטנס, איז עס אומעגלעך, און, צווייטנס, האָט זי קיין כאַראַטע ניט, וואָס זי האָט ניט פאַרבונדן איר גורל מיטן באַלעבעסל, ווי זי רופט לאַזערן. כאָטש זי וואָלט מיט אים געהאַט א רויִק לעבן, וואָלט איר דאָך ניט געווען אינטערעסאַנט מיט אים. ער איז א נודניק. די צײַט וואָלט זיך מיט אים געצויגן, ווי פעך. צו אזא איבערצײַגונג איז זי געקומען נאָך דאַן, ווען פון צײַט צו צײַט פלעגן זיי צוזאמען גיין שפּאַצירן. ווען ציליע באַריסאָווגע וואָלט ניט געווען טאָג און נאַכט פאַרנומען מיט דער ארבעט, וואָלט איר אויך אומעטיק געווען מיט אים. ניט אומזיסט פאָרט זי זומער מיטן קינד צו אירע עלטערן און קערט זיך אום, ווען ס'ענדיקט זיך בא איר דער אורלויב.

גאָר אן אנדערער איז באָרקע. כאָטש ער טרינקט, איז דאָך מיט אים אינטערעסאַנט. שטענדיק איז ער אופגעלייגט, שטענדיק שפּאַסט ער.

נאָר דאָך פרייט זי, וואָס לאַזער קאָן זי ניט פאַרגעסן. ס'הייסט, אז זי איז נאָך עפּעס ווערט. און דאָס דערמונטערט זי.

דער זייגער איז שוין ארום נײַן אין אָוונט, און באָרקע איז נאָך ניטאָ פון דער ארבעט. וואָס ווײַטער, קומט ער אַלץ שפּעטער.

זי וואָלט געגאַנגען אים זוכן, דעם טאַכשיט, נאָר וווּ וועסטו אים געפינען? זינט זי האָט אים געמאַכט דעם סקאַנדאַל אין קאַפע, גייט ער ניט אהין. ער טרינקט איצט ערגעץ אַנדערש.

נאָר שאַט, אָט עפנט זיך דאָס טויערל, און ער איז דאָ.

סאַראַ אויסזען ער האָט געקראָגן פאַר דער לעצטער צײַט! דאָס פּאָנעם טונקל, די אויגן גלאַנצן, די שוועלירע צעפאַטלט. אפילע לויטן אויסערלעכן אויסזען קאָן מען באַשטימען, אז ער איז שוין צו ווײַט פאַרקראָכן אינעם טרינקען. און אויב זי וועט עס ניט אָפּשטעלן, וועט נאָכדעם זײַן שפּעט.

— אוי, מײַנע פייגעלעך! — כאַפּט ער ארום דאָס ווײַב און דאָס קינד און קושט זיי ביידן. פון מויל הערט זיך עפּעס א רייעך. נאָר ס'איז

ניט קיין רייעך פון אלקאָהאָל. הייסט עס, ס'איז עפּעס א נײַער קונץ אַף פאַרמאַסקירן דאָס שנעפּסל, וואָס ער האָט געכאַפּט. ליובקע, דאָס מיידעלע זייערס, כאַפּט דעם טאַטן ארום האלדז, און די מישפּאָכע גייט אין שטוב אַרײַן.

זינע אײַלט זיך ניט צו דערלאַנגען אים צו־בײַסן. זי ווייסט, אז ער איז ניט הונגעריק.

— האָסט דאָך צוגעזאָגט נאָך דער ארבעט גלײַך קומען אהיים, — טײַנעט זי צו אים.

— האָב איך טאַקע ביז איצט געאַרבעט. מע דאַרף דאָך פאַרענדיקן די פּאַטאָס פאַר דער וויטרינע. דער זאַווקאָם פון צעמענט־זאַוואָד טרײַבט אין האלדז־און־נאַקן.

— און ווען האָסטו באַוויזן אונטערהאַלטן דאָס האַרץ? — שטייט זי פון אים ניט אָפּ.

ער גייט צו איר צו נאָענט און קוקט איר אין פּנים אַרײַן:

— נאַ, נאַ, עס הערט זיך?

— מיך וועסטו ניט נאַרן, האָסט שוין צוגע־טראַכט א נײַעם קונץ. פאַרגעדענק, וואָס איך זאָג צו דיר. מער לײַד איך ניט. ס'וועט נעמען אַן עק.

איצט רעדט ער מיט איר אנדערש:

— נו, וואָס אַרט דיך, אז איך נעם אַמאָל א קאַפּ? ס'האָט ווען־ניט־איז געטראָפן, אז איך זאָל דיר פאַרלייקענען כאָטש א רובל פונעם גע־האַלט? קליִענטן זײַנען מיך מעכאַבעד.

— מיט דעם האַרגענען זיי דיך אוועק. זיי וועלן דיך דערפירן צום אָפּגרונט.

— מעגסט זײַן זיכער, אז צו דעם וועט עס ניט דערגיין. פאַרגעס ניט, אז דײַן באַרע האָט נאָך א קאָפּ אַף די פּלייצעס.

— אלע שיקורים טײַנען אַזוי.

אַף מאָרגן איז ער געקומען א ביסל פריִער, נאָר ווידער אונטערן גלעזל.

דאָ האָט זינע שוין ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט זיך געווענדט אין קאַמיוגישן קאָמיטעט פון קאָמבינאַט. מע האָט צונויפגערופן א פאַרזאַמ־לונג, און מע האָט באַרקען דערלאַנגט אַזאַ גאַב, אז ער האָט באַדאַרפט א צענטן פאַרזאָגן, ווי־אַזוי צו שיקערן.

— וועט ער ניט אופהערן טרינקען, גיי איך פון אים אוועק, — האָט זי אָפּיציִעל געמאָלדן אַף דער פאַרזאַמלונג.

באַרע האָט געגעבן א וואָרט, אז מער טרינקט ער ניט.

מע האָט געמאַכט שאַלעם צווישן זיי, און דאָס פּאַרפאָלק איז אוועק אהיים.

בא באַרען אַפן האַרצן איז געווען גוט אָנגע־זאַליעט. אַזויפיל ביזיונעס אויסגעשטאַנען... אין יעדער שטוב וועט מען איצטער וועגן אים ריידן. מע וועט מיינען, אז ער איז טאַקע אַן אלקאָהאָליק.

גראַדע איצט, זײַענדיק אַזוי פאַרצאַרנט, האָט זיך ווי קיינמאָל געוואָלט פאַרטרײַבן די שווע־רע געדאַנקען מיט א שנאַפּס.

ער האָט באַשטימט אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל, אז זי זאָל אים פאַרגעדענקען.

ווען זינע האָט געבראַכט דאָס קינד פון דער מאַמען, פרעגט זי בא אים:

— וועסט עפּעס עסן?

ער שאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ.

האָט זי אוועקגעשטעלט געפעס, ברויט און איז אוועק צו דער פּליטע.

זי גייט אַרײַן מיטן פײַנקאָכן און בלײַבט שטיין דערשטוינט: באַרע גיסט בראַנפן אין אַן אַליומיניעווע שיסעלע, אין וועלכן ס'איז אָנ־געבראָקט ברויט.

— האָסט דאָך אַף דער פאַרזאַמלונג געגעבן א וואָרט, אז דו וועסט מער ניט טרינקען!

— איך טרינק דען? — פרעגט ער מיט פאַר־וווּנדערונג. — איך עס דאָך!

כאַפּט זי דעם טשעמאָדאַן, וואַרפט אַרײַן איי־ניקע זאַכן, נעמט דאָס קינד אַף די הענט און לויפט אוועק צו די עלטערן.

ווען דער טאַטע האָט זיך דערוווּסט פון דער מעַיסע, האָט ער זיך געקאַטשעט לאַכנדיק, און דאָס ווײַב האָט אַף אים געשריִען:

— א שיינער געלעכטער, וויינען דאַרף מען. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם שפּיצל, וואָס באַרקע האָט אָפּגעטאָן.

און אַף וויפל ער איז געווען אַף אַזאַ ארבעט, וואָס צו אים פלעגן אָנקומען קליִענטן פון די אַרומיקע דאַרף־סאָוועטן, און דעריבער האָבן אים אלע געקענט, האָט מען וועגן דער דאָזי־קער געשיכטע גערעדט אין גאַנצן ראַיאָן.

נאָר באַרען האָט דער שפּאַס טײַער געקאָסט.

שוין באַלד א כוידעש, ווי זינע מיטן קינד געפינען זיך בא אירע עלטערן. באַרע קומט אהין אלע אָוונט זי אײַנרײדן, אז זי זאָל גיין אהיים, נאָר ס'העלפט ניט.

עמעס, פאַר דער צײַט האָט ער קיין טראָפּן שנאַפּס אין מויל ניט גענומען. נאָר זינע האָט מוירע, אז ווי נאָר זי קערט זיך אום צו אים, וועט זיך אלץ אָנהייבן איבעראַנײַס.

די מאַמע רעדט איר אײַן:

— שנײַד אָפּ אינגאַנצן. קאַלזמאַן ביסט נאָך יונג, וועלן זיך געפינען באַלאָנים, ניט קוקנ־דיק, וואָס דו האָסט א קינד.

— הער ניט, וואָס זי רעדט, — טײַנעט דער טאַטע, — דײַן מאַמע איז אַן אָפּגעשטאַנענער מענטש, קוק ניט אַף דעם, וואָס זי איז א בוכ־האַלטער. מאַטער אים נאָך א קליינע צײַט און קער זיך אום. מעגסט זײַן זיכער, ער וועט שוין ווײַטער אַזוי אָפּט ניט טרינקען.

די טאָכטער האַלט, אז דער טאַטע איז, ווײַזט אויס, גערעכט.

איך — אַן אײדעס פון דער באַשולדיקונג

אין סאָף מאַרט 1974 האָב איך געקראָגן אַ בריוו פון ווין, אין וועלכן מע האָט מיר צווישן אַנדערס מיטגעטיילט, אַז דער פראַנקפורטער געריכט פון געשווירענע באַנײַט דעם פּראָצעס קעגן דעם געוועזענעם אָבערשאַרפירער הובערט גאָמערסקין, וועלכער איז אין 1950 פאַרמישפּעט געוואָרן צו אײביקער טפיסע פאַר די פאַרברעכנס, וועלכע ער איז באַגאַנגען אין דעם פאַרניכטונגס־לאַגער סאָביבאָר.

גאָמערסקי האָט זיך דערשלאָגן, אַז זײַן איניען זאָל אָפּסנײַ באַטראַכט ווערן. ער האָט געפּרוווט אָפּזוכן אַ ווידערשפּרוך צווישן די באַווײַזן פון די אײדעס אויף זײַן פּראָצעס און די גוויִעס־אײדעס אויפן פּראָצעס איבער אַנדערע פאַרברעכער אין סאָביבאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט פופצן יאָר שפּעטער אין דער שטאָט האַגען (דײַטשישע פעדעראַטיווע רעפּובליק), און איז אין 1972 באַפרײַט געוואָרן פון טפיסע.

אָט דער בריוו האָט אויפגעוועקט אין מיר אַ דערמאָנונג וועגן די געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען מיט דרײַסיק יאָר צוריק. אָט זע איך ווידער די צווישן וועלדער פאַרוואָרפענע אײַזנבאַן־סטאַנציע. מע טרײַבט אונדז אַרויס פון די פראַכט־וואַגאָנעס, אין וועלכע מ'האָט אונדז פיר מעסלעס געפירט אָן שפּײַז און אָן אַ טרונק וואַסער... „שנעל"... „שנעל". מע לאָזט אונדז ניט זיך אַרומקוקן, מיר זאָלן ניט באַווײַזן עפּעס צו פאַרגעדענקען...

און אָט איז אַ גרויסער פּלאַץ, אַן אַרומגעצוימטער מיט שטעכדראָט. דאָס איז סאָביבאָר. דער בלוטיקער סאָביבאָר, דער פאַשיסטישער פאַרניכטונגס־לאַגער. ביז ס'איז ניט אָנגעקומען אָט דער בריוו, האָב איך ניט געוווּסט, אַז דער הענקער הובערט גאָמערסקי איז באַפרײַט פון אָפּקומען די שטראָף ביזן סאָף. אַרויסלאָזן אויף דער פרײַ דעם דאָזיקן מערדער — הייסט שענדן דעם אָנדענק פון די הונדערטער טויזנטער מענטשן, וועלכע ער האָט אומגעבראַכט.

אין 1965 האָט מען אין דער שטאָט האַגען געמישפּט די עסעסאָווצעס פונעם סאָביבאָרער פאַרניכטונגס־לאַגער — פרענצעלן, באָלענדערן, פוקסן, וואָלפן, לעמבערטן, יורסן, צירקען און אַנדערע פאַרברעכער. גאָמערסקי איז אין יענער צײַט געזעסן אין טורמע, נאָר מ'האָט געמישפּט זײַנע שותּפים, און ער איז אויפן פּראָצעס אַרויסגעטראָטן אַלס אײדעס. אַכוץ פרענצעלן, וועלכער איז פאַרמישפּט געוואָרן צו אײביקער טפיסע, זײַנען די איבעריקע אָפּגעקומען מיט ווייכער שטראָף. פיר עסעסאָווצעס האָט מען בכלל פרײַגעשפּראָכן, ווײַל טרײַבנדיק די טויזנטער מענטשן אין די גאַזקאַמערעס, האָבן זיי, זעט איר, בלויז אויסגעפילט היטלערס באַפעל.

דער ווייכער ווערדיקט פאַר זײַנע פרײַנט האָט, פאַרשטייט זיך, גאָמערסקין צוגעגעבן מוט, און ער האָט באַשלאָסן דערלאַנגען אַ פּראָטעסט קעגן דעם אורטייל איבער אים. ווי מיר זעען, האָט דער געריכט פון דער שטאָט פראַנקפורט־אויף־מײַן איבערגעקוקט דעם איניען, און אין 1972 איז גאָמערסקי באַפרײַט געוואָרן.

אין אַ צווייטן בריוו פון מײַ 1974 האָט מען מיר געגעבן צו וויסן, אַז דער געריכט פון די געשווירענע פון פראַנקפורט־אויף־מײַן קלײַבט זיך אָנהייבן קעגן הובערט גאָמערסקין אַ נײַעם פּראָצעס און האָט בעדייע דעם 9 — 11 יול אויסהערן מײַנע באַווײַזן אַלס אײדעס פון דער באַשולדיקונג.

דער געריכט פון די געשווירענע פון דער שטאָט פראַנקפורט־אויף־מײַן (פּאָרזיצער פונעם געריכט — שנײַדער, ריכטער — וויכטער, פּראָקוראָר — עקערט, אַדוואָקאַטן — שווײַצער און

לאָרענצען, עקספּערט־פּסיכיאַטער — שומשעכער) איז געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, קעדיי אויסצוהערן מײַנע גווינס־איידעס.

דעם 17 יול 1974 זײַנען אין מאָסקווע, אונטערן פּאַרזיץ פונעם אויספאָרשער פאַר ספּעציע־לע אײַניאָנים בא דער פּראָקוראַטור פון פּססר וולאַדימיר פּאַוולאָוויטש מאַקאַראָוו, אויסגע־הערט געוואָרן מײַנע באַווײַזן וועגן די פאַרברעכנס, וואָס עס איז באַגאַנגען אינעם פאַרניכ־טונגס־לאַגער סאָביבאָר דער עסעסאָווער הובערט גאָמערסקי, וועלכער האָט דאָרט אין די יאָרן 1942—1943 געהאַט דעם טיטל אָבערשאַרפירער פון עסעס. דאָס איז געווען א סאַדיסט, א קאַלטבלוטיקער מערדער. ווי נאָר איך האָב זיך צוגעזעצט צום טיש, איז אין מײַן זיקאָרן אופגעקומען אַלץ, וואָס ס'איז מיר אויסגעפאַלן איבערצולעבן אין סאָביבאָר מיט דרײַסיק יאָר צוריק, דער קאַמף, וואָס מיר האָבן אויסגעהאַלטן, וויסנדיק, אַז מיר פאַרמאָגן ניט מער ווי איין שאַנס פון טויזנט אָף בלײַבן לעבן.

וו. נ. מאַקאַראָוו האָט, זעט אויס, באַמערקט מײַן צושטאַנד און האָט אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט געבעטן די געשווירענע ריכטער, זיי זאָלן נעמען אין באַטראַכט מײַן עלטער און אַז די דער־מאָנונגען וועגן דעם איבערגעלעבטן זײַנען מעסוגל אַרויסצורופן בא מיר א נערוועזן צושטאַנד, ווי אויך, אַז זינט יענע געשעענישן זײַנען שוין פאַריבער דרײַסיק יאָר און כ'האָב שוין וועגן א סאַך זאַכן געקאָנט פאַרגעסן.

די דאָזיקע אַרײַנפיר־ווערטער פונעם פאַרזיצנדער האָבן מיך א ביסל באַרויקט.

די זיצונג האָט מיט קליינע איבעררײַסן געדויערט זיבן שאָ. איך דאַרף אָפּמערקן, אַז אַלע פראַגעס זײַנען מיר פאַרגעבן געוואָרן אין א העפלעכער פאָרם, און כ'האָב געהאַט א מעגלעכ־קייט רויק ענטפערן אָף זיי. נאַטירלעך, ס'איז מיר אויסגעקומען אָנשטרענגען דעם זיקאָרן, אופשטעלנדיק די געשעענישן פון יענע טעג.

אין טויט־לאַגער סאָביבאָר האָב איך זיך געפונען פונעם 23 סענטיאַבער 1943 ביז דעם 14 אָקטיאַבער 1943 — סאַכאַקל צוויי און צוואַנציק טעג, דאָס הייסט — ביזן טאָג פונעם אופ־שטאַנד.

בא 5—7 טעג פאַר אונדזער אופשטאַנד האָט גאָמערסקי באַקומען אורלויב און איז אוועק־געפאָרן, אַזוי אַז פאַר מײַן צײַט איז גאָמערסקי פּאַקטיש געווען אין לאַגער 15—16 טעג.

פריִער פאַר אַלץ האָט דער געריכט פון די געשווירענע זיך אינטערעסירט מיט די פאַר־ברעכנס, וועלכע גאָמערסקי איז באַגאַנגען אין מײַן אָנוועזנהײַט, און וועלכע פון זיי האָב איך אַליין געזען.

איך האָב דערציילט וועגן דרײַ פאַלן, פון וועלכע איך בין געווען אַן איידעס און אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן. דער ערשטער פאַל. דעם 22 סענטיאַבער 1943, שפּעט אָפּדער־נאַכט, איז אונדזער עשעלאָן, וועלכער איז באַשטאַנען פון 25 פּראַכט־וואַגאָנען (איך האָב זיי איבערגעציילט נאָך אין מינסק, ווען מ'האָט זיי אָנגעלאָדן מיט מענטשן), אָנגעקומען אָף דער סטאַנציע סאָביבאָר און איז דאָ פאַרבליבן אָף דער גאַנצער נאַכט. אינדערפרי דעם 23 סענ־טיאַבער האָט מען א טייל וואַגאָנען אָפּגעטשעפּעט און אוועקגעטריבן אָף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער (אַהין האָט געפירט אַן אײַזנבאַן־ליניע).

מיט אויסגעשרייען „שנעל"... „שנעל" האָט מען אונדז אויסגעלאָדן און געגומען טרײַבן צו דער טעריטאָריע. ווי מיר האָבן שפּעטער זיך דערוווּסט, איז דאָס געווען דער צווייטער לאַגער. עס זײַנען צוגעקומען די עסעסאָווצעס. גאָמערסקי האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן פּאָרויס און האָט באַפוילן, אַז פונעם האַמוין זאָלן אַרויסגיין די טעסלער און סטאָליערס. עס האָבן זיך אָפּגעטיילט מער פון הונדערט מאַן. דאַן איז גאָמערסקי צוגעגאַנגען נעענטער, אָפּגעקליבן פון אָט דער גרופּע א צוואַנציק מענטשן און זיי אָפּגעשיקט צוריק צום איבערגעבליבענעם אוילעם. אונדז, א מאַן אַכציק, האָט פרענצעל אוועקגעפירט אין ערשטן לאַגער. אָפּדערנאַכט פון דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די אַנדערע מענטשן, וואָס זײַנען פאַרבליבן אָף דער טעריטאָריע פונעם צווייטן לאַגער, האָט מען דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערעס און דערנאָך פאַרברענט אָף ריזיקע שײַטערס. אַזויאַרום האָט גאָמערסקי גופע געמאַכט דעם אָפּקלײַב: ווע־מען פון אונדזער גרופּע איבערלאָזן און וועמען טייטן.

דער צווייטער פאַל. דרײַ מאָל א טאָג פלעגט מען די מענטשן אויסשטעלן אָפן אַפּעל־פּלאַץ, קעדיי דורכקאָנטראָלירן, צי קיינער איז ניט אַנטלאָפן. טייל מאָל פלעגט גאָמערסקי מיטהעלפן פרענצעלן אָפּגיך אויסשטעלן די מענטשן, דערבײַ פלעגט זײַן בײַטש זיך אַראָפּלאָזן אָף די, וואָס האָבן, ווי אים האָט זיך געדאַכט, פּאַוואָליע זיך געשטעלט אין סטראָי.

דער דריטער פאַל. איך געדענק ניט גענוי, ווען דאָס איז געווען — צי אין סאָף סענטיאַ־בער, צי אין אָנהייב אָקטיאַבער 1943. איך האָב מיט א גרופּע כאַווייריִם פון זיבן מענטשן געאַרבעט אין דעם אַזויגערופענעם פיליִאַל פונעם סטאָליער־וואַרשטאַט. דאָרט זײַנען מיט מיר געווען שלוימע לײַטמאַן (בייס אונדזער פּליִטע איז ער פאַרווּנדעט געוואָרן), אַלעקסאַנדער שוביאיעוו (אומגעקומען, קעמפנדיק אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד), די נעמען און פאַמיליעס פון די איבעריקע געדענק איך ניט.

גאָמערסקי איז אַרײַנגעקומען אין וואַרשטאַט מיט נאָך אײנעם אַן עסעסאָווער (ווי מיר

שײַנט — ניט פונעם סאָביבאָר־לאַגער) און גענומען אים באַווײַזן די שאַפע, וועלכע מ׳האָט געמאַכט פאַרזײַנעטוועגן און וועלכע איז שוין קימאַט געווען פאַרטיק. גאָמערסקי האָט באַפוילן איינעם א האָלענדער, ער זאָל אויסקערעווען די שאַפע. יענער האָט, פאַרשטייט זיך, באַדאַרפט עמעצן בעטן אים העלפן דאָס טאָן, נאָר ער האָט אליין גענומען רוקן די שאַפע, און זי איז אומגעפאַלן. גאָמערסקי האָט מיטן פויסט א קלאַפּ געטאָן דעם האָלענדער אין פּאָנעם, יענער האָט א פּראַל געטאָן אף דער ערד. אין א ווײַלע אַרום איז דער האָלענדער אופגעשטאַנען, גאָמערסקי האָט מיט א צווייטן קלאַפּ ווידער אים אומגעוואַלגערט אף דער ערד און מיט ווילדער רעציכע גענומען שרײַען, ער זאָל טייקעף אופשטיין. דער האָלענדער איז געלעגן פאַרכאַלעשט. האָט גאָמערסקי אַרויסגעכאַפּט דעם פּיסטאָלעט און עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן דעם האָלענדער אין קאָפּ. בעשאַסמײַסע בין איך געשטאַנען פון גאָמערסקין לעערעך אף א מעהאַלעך פון 6—7 מעטער.

דער געריכט פון די געשווירענע האָט געוואָלט פאַרפינקטלעכן, ווי׳אַזוי איז גאָמערסקי געווען אָנגעטאָן, פון וואָס פאַר א פּיסטאָלעט האָט ער געשאָסן, צי האָב איך באַם האָלענדער געזען די ווונדן פון די קוילן און צי בין איך זיכער, אַז דער האָלענדער איז געווען טויט.

מיר איז שווער געווען צו ענטפערן אף אָט די פראַגן. ווען מע האַרגעט אין דײַן אָנוועזנהײַט א מענטשן, קאָנסטו דען ווענדן די אפּמערקזאַמקײַט, ווי׳אַזוי איז גאָמערסקי געווען אָנגעטאָן און פון וואָס פאַר א פּיסטאָלעט ער האָט געשאָסן? איך געדענק פעסט: ווען גאָמערסקי איז אַרויס פונעם וואַרשטאַט, האָבן מיר זיך א וואָרף געטאָן צום האָלענדער. ער איז געלעגן מיטן פּאָנעם אַרוף. איך האָב געזען אף זײַן קאָפּ עטלעכע לעכער און זײַנע האַלבאָפענע אויסגעלאָשענע אויגן.

דער געריכט פון די געשווירענע האָט זיך אינטערעסירט אויך מיט אַזעלכס, וואָס האַגאַם עס איז פאָרגעקומען ניט אין מײַן אָנוועזנהײַט, האָב איך וועגן דעם געוווּסט לויט די דערציילונגען פון די סאָביבאָרער קאַצעטניקעס. איך האָב דערמאָנט דעם געריכט וועגן די 72 האָלענדער, וועלכע גאָמערסקי, פרענצעל און אַנדערע עסעסאָווצעס האָבן פאַרניכטעט אָנהייב זומער 1943. און געווען איז דאָס אַזוי. א גרופּע האָלענדער האָט פאַרטראַכט אַנטלויפן פונעם לאַגער, און איינער א וולאַסאָווער האָט פאַר א סאַך גאָלד זיי צוגעזאָגט מיטהעלפן. באַקומען דאָס געצאָלטס, האָט אָבער דער וולאַסאָווער אין לעצטן מאָמענט זיי פאַראַטן, מע האָט זיי שוידערלעך געפּײַניקט, נאָר דער עלטערער פון דער גרופּע האָט קיינעם ניט אויסגעגעבן. האָבן די עסעסאָווצעס באַשטימט פאַרניכטן אַלע האָלענדער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין לאַגער. עמעס, דעם מאָלער וואָן־דאַם האָבן זיי איבערגעלאָזט, אף וויפל ער האָט נאָך געהאַט ניט פאַרענדיקט מאָלן די פּאָרטרעטן פון די עסעס־לײַט אין סאָביבאָר־לאַגער. נאָר אין עטלעכע טעג אַרום, ווען וואָן־דאַם האָט פאַרענדיקט מאָלן, האָט מען אים דערשאָסן.

איך האָב דערציילט אויך וועגן אַזא פאַל. איינמאָל האָט א גרופּע פון דרײַסיק מאַן געאַרבעט אין וואַלד. צוויי פון זיי, באַוואַכט פון א וולאַסאָווער, האָט מען געשיקט נאָך וואַסער. אונטערוועגנס האָבן די דאָזיקע צוויי דערהאַרגעט דעם וולאַסאָווער און געמאַכט פליטע. עטלעכע מענטשן זײַנען דערפאַר טייקעף דערשאָסן געוואָרן אין וואַלד און די איבעריקע, דוכט זיך 11 מענטשן, האָט מען געבראַכט אין לאַגער און פאַרניכטעט. גאָמערסקי האָט זיך אויך באַטייליקט אין אָט דעם מאָרד.

גאָמערסקין האָבן אַלע לאַגערניקעס גערופן ניט אַנדערש, ווי „די כײַע". ער פלעגט מיט איין קלאַפּ פונעם פויסט איבערן קאָפּ אוועקלייגן אף טויט א הונגעריקן, אויסגעצערטן מענטשן. ווי עס האָבן דערציילט די כאַווײרים פונעם לאַגער, האָט גאָמערסקי דאָס געטאָן גאַנץ אָפט.

די געשווירענע ריכטער האָבן מיר געשטעלט אויך אַנדערע פראַגן, לעמאָשל:

פ ר א ג ע: פונוואַנען איז אײַך באַוווּסט, אַז מ׳האָט דערשטיקט מענטשן אין גאַז־קאַמערעס און דערנאָך זיי פאַרברענט אף שײַטערס?

ע נ ט פ ע ר: וועגן די גאַז־קאַמערעס האָבן דערציילט די מענטשן, וועלכע האָבן אינעם צווייטן לאַגער סאָרטירט די קליידער פון די אומגעבראַכטע. כוץ דעם, האָבן אַלע געזען די פלאַמען, דעם רויך פון די שײַטערס. רייכעס פון ברענענדיקע מענטשלעכע קערפּערס האָבן זיך דערטראָגן ניט בלויז צו אונדז, נאָר אף א סאַך קילאָמעטער אַרום דעם לאַגער.

פ ר א ג ע: ווי׳אַזוי איז אײַך באַוווּסט געוואָרן, אַז בא די פרויען און קינדער האָט מען אָפּגעשוירן די האָר? ווו האָט זיך געפונען די דאָזיקע שערערײַ?

ע נ ט פ ע ר: צווישן דעם צווייטן און דריטן לאַגער האָט זיך געצויגן א דראָטענער קאָרידאָר, דורך וועלכן מ׳האָט געפירט די הויל־נאַקעטע מענטשן. אפן וועג צום קאָרידאָר איז געשטאַנען א באַראַק, וואָס איז מיטן קאָרידאָר געווען פאַרייניקט. דורך איין טיר אין אָט דעם באַראַק פלעגט מען אַרײַנטרײַבן די פרויען און קינדער און פון א הינטער־טיר, שוין אָפּגעשוירענע, פירן זיי דורכן קאָרידאָר דירעקט אין דריטן לאַגער. וועגן דעם האָבן מיר דערציילט די לאַגערניקעס, וועלכע האָבן געשוירן די פרויען און קינדער.

פ ר א ג ע: ווי׳אַזוי האָט איר זיך דערוווּסט, אַז גאָמערסקי קלײַבט זיך אין אורלויב?

ע נ ט פ ע ר: מיר, די געפאַנגענע אין סאָביבאָר, האָבן שטענדיק געוווּסט, ווען דער אָדער

יענער עסעסאָוועץ קלײַבט זיך אין אורלויב. עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָרן פלעגן זיי אונטעריאָגן די שנײַדער, זיי זאָלן וואָס גיכער אַרויספּאַרטיקן די האַלבאַשע, וואָס זיי פלעגן זיך נייען פון דעם אָפּגענומענעם בײַ די פאַרוואַרטיילטע צײַג. אַ פּאָר טעג פאַרן אָפּפאָרן פלעגן זיי קומען אין דעם צווייטן לאַגער נאָך גאָלדענע מאַטבייעס און בריליאַנטן, וועלכע מ'האָט געפונען באַם סאָרטעווען די זאַכן פון די אומגליקלעכע.

פ ר א ג ע: איר האָט אין 1945 אָנגעשריבן אַ בוך וועגן סאָביבאָר?

ע נ ט פ ע ר: יאָ, ניט קיין גרויסע בראָשור.

פ ר א ג ע: מיר האָבן זי געלייענט. פאַרוואָס האָט איר אין אײַער בוך בלויז איין מאָל דערמאָנט גאָמערסקין אין דעם עפּיזאָד, ווען ער האָט פון אײַער עשעלאָן אָפּגעקליבן די סטאָליערס און טעסלערס. און איצט דערמאָנט איר גאָמערסקין נאָך צוויי מאָל: ווי אַזוי ער פלעגט שלאָגן די געפאַנגענע אויפן אַפּעל־פּלאַץ, און באַזונדערס וועגן דעם, ווי ער האָט דערמאָרדעט דעם האָלענדער. דאָס איז אַן ערנסטער פאַרברעכן, נאָר איר האָט וועגן אים אין 1945 ניט געשריבן. פאַרוואָס?

ע נ ט פ ע ר: די בראָשור, וועלכע איך האָב אָנגעשריבן אין 1945, האָט געהאַט דעם ציל צו שילדערן דעם קאַמף, וואָס די מענטשן האָבן געפירט אין פאַשיסטישן קאָנצלאַגער. צו יענער צײַט איז וועגן די פאַרברעכנס פון די פאַשיסטן אין די קאָנצלאַגערס שוין געווען ניט ווייניק אָנגעשריבן. צי האָט געלוינט זיך איבערכאַזערן, איבערהויפּט, אַז די מעטאָדן פון מערדערײַ זײַנען אין די לאַגערן אומעטום געווען איינע און די זעלבע. דערצו נאָך זײַנען די דערמאָנונגען נאָך געווען אַזוי ווײַטעקלעך פריש, אַז נאָכאַמאָל טראַכטן וועגן דעם איז געווען איבער די קויכעס.

פ ר א ג ע: איר האָט ניט געווענדט אײַער אויפמערקזאַמקייט, וואָס פאַר אַן אויסזען עס האָט געהאַט דער אָדער יענער עסעסאָוועץ, ווען זיי האָבן געפירט די מענטשן אין די גאַזקאַמערעס: אויפגעלייגט, פאַרומערט אָדער טרויעריק?

ע נ ט פ ע ר: זיך שטאַרק צוקוקן, וואָס עס האָט אויסגעדריקט דאָס געזיכט פון דעם אָדער יענעם עסעסאָוועץ, איז ניט אויסגעקומען. ווען עס פלעגן אָנקומען פרישע עשעלאָנען מיט מענטשן, פלעגט מען אונדז שטענדיק איזאָלירן. און צוריק גערעדט, וואָס פאַר אַ נאַפּקעמינע איז, צי מע טרײַבט אין דער גאַז־קאַמערע מיט אַ שמייכל צי מיט עפּעס אַן אַנדער מינע? ווען די עשעלאָנען פלעגן אָנקומען, האָבן די עסעסאָווצעס זיך געסטאַרעט וואָס גיכער צו פאַרניכטן זיי, די מענטשן זאָלן אַפילע ניט באַווײַזן אַ קלער טאָן, אַז מע פירט זיי צום טויט. וועגן דעם האָט אַפילע דערציילט דער מילכאָמע־פאַרברעכער, דער עסעסאָוועץ באָלענדער אין 1965, אויפן פּראָצעס אין דער שטאָט האַגען.

מיר, די געפאַנגענע אין סאָביבאָר, וועלכע מע האָט צײַטווײַליק איבערגעלאָזט לעבן, זײַנען געווען אָנגעטאָן ניט אין געשטרײַפטע קאָסטיומען, ווי אין די אַנדערע לאַגערס, מיר האָבן געטראָגן ציווילע קליידער. געטאָן האָבן עס די פאַשיסטן צוליב דעם, קעדיי די אַקאָרשט געקומענע, אויב זיי וועלן צופעליק עמעצן פון אונדז דערזען, זאָלן גלייבן, אַז מע האָט זיי אויך געבראַכט אויף אַרבעט. דאָס אַלץ איז געווען אַן אויגן־פאַרבלענדעניש.

פ ר א ג ע: צי האָט עקזיסטירט אין לאַגער אַ לאַזאַרעט? וועגן אים האָבן דערציילט אַנדערע קאַצעטניקעס. ווו האָט ער זיך געפונען?

ע נ ט פ ע ר: אין ערשטן און צווייטן לאַגער איז קיין לאַזאַרעט ניט געווען. איך האָב אים ניט געזען, נאָר מיר איז געווען באַוווּסט, אַז אין דריטן לאַגער איז קלוימערשט געווען אַן אַזויגערופענער לאַזאַרעט, וווּהין מע פלעגט אַוועקפירן קלוימערשט אויף היילונג די קראַנקע מענטשן פונעם אָנגעקומענעם עשעלאָן. די דאָזיקע מענטשן פלעגט מען אין לאַזאַרעט צעשיסן. שוין דאָס אַליין, וואָס דער לאַזאַרעט האָט זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע פונעם דריטן לאַגער — דעם פאַרניכטונג־לאַגער,— רעדט פאַר זיך.

פ ר א ג ע: פאַרוואָס האָט מען גראָד אײַך פאַרגעלייגט אַרײַנגיין אינעם אונטערערדישן קאָמיטעט?

ע נ ט פ ע ר: שווער צו זאָגן. צווישן די נײַ־אָנגעקומענע בין איך, דוכט זיך, לויט די יאָרן געווען דער עלטסטער. איך בין דעמאָלט אַלט געווען דרײַ־פיר און דרײַסיק יאָר, די איבעריקע זײַנען געווען ייִנגער. די קאַצעטניקעס פון סאָביבאָר האָבן באַמערקט, אַז צו מיר פלעגן זיך ווענדן אַלע פונעם מינסקער לאַגער, מיט וועלכע איך בין אַהער געקומען. ווען מיר זײַנען געקומען קיין סאָביבאָר, האָבן די קאַצעטניקעס אַרויסגעוויזן צו אונדז, סאָוועטישע מענטשן, גרויס אינטערעס. אַלעמען האָט אינטערעסירט איין פראַגע — וואָס הערט זיך אויף די פראָנטן?

יעדערער פון אונדז האָט דערציילט, וואָס אים איז געווען באַוווּסט. איך, אַשטייגער, האָב אינעם פרויען־באַראַק דערציילט וועגן דער מאַפּאָלע פון די פאַשיסטן הינטער מאָסקווע, בײַ סטאַלינגראַד, וועגן דער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין מינסק.

פ ר א ג ע: ווי אַזוי איז אײַך געלונגען אַנטלויפן פון אַזאַ לאַגער?

ע נ ט פ ע ר: מיר האָבן באַשלאָסן אויסנוצן די פּינקטלעכקײַט און די גיריקײַט פון די פאַשיסטן. אין דעם צווייטן לאַגער האָבן מיר פאַרגרייט אַ נײַעם לעדערנעם מאַנטל און וויסנ־

דיק, ווי יעדערער פון די עסעס־לײַט שטרעבט צו ווערן דער אייגנטימער פון טײַערע זאַכן, האָבן מיר זיי אײַנציקווײַז אײַנגעלאַדן א קוק טאָן אף אָט דעם מאַנטל. אף דער דאָזיקער ווענטקע האָבן זיך געכאַפּט די פיר פאַשיסטן, וועלכע האָבן גַעאַרבעט אין דעם צווייטן לאַגער. אַלע פיר זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן.

זעקס עסעסאָווצעס האָבן מיר פאַרניכטעט אין שנײַדערשן און שוסטערשן וואַרשטאַטן, וווּהין מיר האָבן זיי, אָנהייבנדיק פון פיר אַזייגער באַטאָג, אויך אייַנציקווײַז, מיט אַן אינטער־וואַל פון פופצן מינוט, אײַנגעלאַדן אָנצומעסטן אָדער באַקומען פאַרטיקע בגאָדים און שיך. דער פּלאַן איז געווען צו פאַרניכטן אַלע עסעסאָווצעס אין משך פון איין שאָ, קעדיי מ׳זאָל ניט באַווײַזן צו באַמערקן עמעצנס אָפּוועזנהײַט א לענגערע צײַט און ניט אופהייבן אַן אַליאַ־רעם. אונדזער פאַרטראַכט האָבן מיר אויסגעפילט, די עסעסאָווצעס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן אָן איבעריקן טומל, אַזוי, אַז די וואַך אין לאַגער האָט עס אַפילע ניט באַמערקט.

פ ר א ג ע : געוועזענע קאַצעטניקעס פון סאָביבאָר האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי האָבן געזען פּרענצעלן, ווען ער האָט בײַסן אופשטאַנד געשאָסן פון אַן אווטאָמאַט אין די אַנטלויפנ־דיקע אופשטענדלער. און איר האָט געזען פּרענצעלן, ווען ער האָט געשאָסן?

ע נ ט פ ע ר : יאָ.

פ ר א ג ע : בא וועלכע אומשטענדן?

ע נ ט פ ע ר : פּרענצעל האָט באַדאַרפט קומען אין וואַרשטאַט, ווו איך האָב אין אָט דעם טאָג געאַרבעט. נאָר ער איז ניט געקומען. דערווײַל האָט פּאַסירט אַזוי, אַז א פּאָליאַק האָט אין גאַראַזש דערהאַרגעט א פאַשיסט. דאָס איז בא אונדז לויטן פּלאַן ניט געווען פאָרויסגעזען, און מיר דוכט, אַז פּרענצעל האָט זיך אָנגעשטויסן אינעם גאַראַזש אפן טויטן קערפּער און זיך געלאָזט לויפן צום אָפיצערישן שטיבל נאָכן אווטאָמאַט, ניט באַווײַזנדיק נאָך אופצוהייבן אַן אַליאַרעם. נאָר דערהערנדיק דעם „הוראַ״, האָט ער זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס קומט פאָר, און זיך באַמיט מיט פײַער פונעם אווטאָמאַט אָפּשנײַדן אונדז דעם וועג צום געווער־סקלאַד.

איך בין געלאָפן קימאַט דער לעצטער פאַרבײַ דעם אָפיצערישן שטיבל און געזען פּרענ־צעלן. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דעם צווייטן אָפיצערישן שטיבל און געשאָסן פונעם אווטאָמאַט.

פ ר א ג ע : וויפל מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט?

ע נ ט פ ע ר : לערעך פיר הונדערט.

פ ר א ג ע : פוואַנען ווייסט איר דאָס?

ע נ ט פ ע ר : אפן צווייטן טאָג נאָך אונדזער פּלייטע האָט דער קאָמאַנדיר פון דער אָרדע־נונג־פּאָליציי פון ליובלינער קרײַז עפנטלעך מיטגעטיילט, אַז אין סאָביבאָרער לאַגער איז פאָרגעקומען אַן אופשטאַנד, עס זײַנען דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן נײַן עסעסאָווצעס, איינער איז פאַרווונדעט, איינער איז פאַרפאַלן געוואָרן און עס זײַנען אויך דערשאָסן געוואָרן צוויי וואַכמענער אויסלענדער. לויט אָט דער מיטיילונג האָבן זיך געראַטעוועט דרײַ הונדערט מאַן, די איבעריקע האָט מען געכאַפּט און צעשאָסן. אויב די פאַשיסטן האָבן מיטגעטיילט, אַז געראַ־טעוועט האָבן זיך דרײַ הונדערט, קאָן מען זיכער זאָגן, אַז אין דער ווירקלעכקײַט איז די צאָל געראַטעוועטע פיל גרעסער. די פאַשיסטן האָבן דאָך באַדאַרפט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זײַנען ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. און אויסער דעם, ווערט די צאָל פיר הונדערט באַשטעטיקט אויך דורך אַנדערע קוועלן.

איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַן אורטייל עס וועט אַרויסטראָגן דער פראַנקפורטער געריכט גאָמערסקין. איינס איז קלאָר: ס׳איז ניטאָ אַזא שטראָף, וועלכע זאָל זײַן גענוג פאַר די פאַר־ברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען.

אלעקסאנדער פעטשערסקי,

אָנפירער פונעם אופשטאַנד אין טויט־לאַגער סאָביבאָר.

י י ש ׂ ר א ל ס ע ר ע ב ר י אַ נ י

וויזיט=קאַרטלעך

דער סאָוועטנפאַרבאַנד נעמט ארונטער א סאך שאָלעכצן פון א נעשאָמע, וואָס איז צו אים סימפּאַטיש...

מ. אָ ל ג י ן

אין יענע יאָרן איז מען נאָך זייער וויניק געפלויגן מיט פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַנען. ווער רעדט נאָך פון אַזאַ ווײַטעניש ווי אַמעריקע. מינסק איז דעריבער געווען א מין טראַנזיט־פּונקט. קומען צו אונדז און אוועקפאָרן צוריק פלעגט מען דאָסראָוו מיט דער באַן, דורך דער באַרימטער סטאַנציע נעגאָרעלאָיע, וואָס איז געלעגן אַף דער גרענעץ פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פוילן.

קימאַט אַלע געסט — שרײַבער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער, פּאָליטישע טוער, ייִדישע און ניט־ייִדישע — האָבן געמוזט אַזוי אָדער אַנדערש, ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, קירצער צי לענגער, זיך אָפּשטעלן אין מינסק אָדער כאָטש אַפן מינסקער וואָקזאַל (א גראַנדיעזע פּײַערלעכע באַגעגעניש איז דאָ, לעמאָשל, פאָרגעקומען אין 1928 מיט גאָרקין), זיך באַגעגענען מיט די ערשטע סאָוועטישע מענטשן און סאָוועטישער אָרדענונג, לעבנשטייגער, באַקומען די ערשטע פרישע אײַנדרוקן.

ווען לייוויק האָט זיך אומגעקערט פון אונדז צוריק אין אַמעריקע, האָט ער שוין אין זײַן ערשטן ארויסטריט אונטערגעשטראָכן: „פאָרט איר אַריבער פון וואַרשע קיין מינסק, ווײַסרוסלאַנד, זעט איר שוין א נײַעם מענטשן, א טיפן גלויבן, א נײַע האָפענונג, כאָטש די מענטשן זײַנען נאָך אָרעם געקליידט און די גאַסן ניט זייער ריין...”

אין זײַן רעדע אַפן געזעגענונגס־אָוונט מיטן שרײַבער אָפּאַטאָשו אין 1928 (אָפּאַטאָשו איז צוויי מאָל געקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד), האָט דער דעמלטיקער רעדאַקטאָר פון מינסקער צײַטונג „אָקטיאַבער” אָשעראָוויטש געזאָגט:

— מיר זײַנען געווינט צו באַגעגענען געסט פון אויסלאַנד. סאָוועטנפאַרבאַנד איז געוואָרן א צוציִונג־קראַפט פאַר מיליאָנען מענטשן פון דער וועלט. קומען צו אונדז שרײַבער, קינסטלער, געלערנטע, באַטראַכטן, וואָס איז אַזוינס סאָוועטנפאַרבאַנד... דער שרײַבער אָפּאַטאָשו איז אויך געקומען צו אונדז. די ייִדישע מאַסן האָבן גלײַך דערפילט, אַז אָפּאַטאָשו איז זייערער א קאָרעוו. דאָס באַווײַזט הײַנטיקער אָוונט. דער דיכטער פון די „פוילישע וועלדער” איז נאָענט דעם ייִדישן אוילעם מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט פון די דאָזיקע וועלדער פאַרטריבן דעם „גאָלעס”, וואָס ער האָט זיי באַליבט געמאַכט און, אַזוי צו זאָגן, „נאַציאָנאַליזירט” אויך פאַר די ייִדישע מאַסן. דאָס איז א גרויסער געווינס אין דער ייִדישער ליטעראַטור... מינסק ליגט אַפן גרענעץ. מיר זעען דעם שרײַבער, ווען ער קומט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. מיר זעען אים אויך, ווען ער פאָרט אַוועק. טרעפט עס, מיר באַגעגענען דעם שרײַבער, ווען ער „בונטעוועט” זיך נאָך, און מיר באַגלייטן אים אין א פּאָר כאַדאָשים ארום שוין א צופרידענעם...

אין זײַן ענטפער־רעדע האָט אָפּאַטאָשו געזאָגט:

„איך בין שוין צוויי כאַדאָשים אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אָבער ערשט איצט כאַפּ איך מיך, אַז איך האָב נאָך קימאַט גאָרנישט ניט געזען. אַלץ, וואָס איך האָב געזען, איז ווי א בליץ, ווי א פלי פון א צוג... איר, ייִדישע שרײַבער דאָ, האָט א נײַעם שטייגער, און דאָס זײַנען אײַך אַלע מעקאַנע. מע דאַרף דאָ ניט זוכן קיין נײַס — מע שעפּט עס אַף יעדן טריט” („אָקטיאַבער”, 9 סענטיאַבער 1928).

אין אונדזער אויפגאַבע גייט דאָ ניט ארײַן צו געבן די עוואָליוציע פון דעם אָדער יענעם ייִדישן שרײַבער, וועלכער האָט דאַן באַזוכט

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד”, נום. 5, 1973 און נום. 9, 1974.

דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנע אידייִשע און איי־ דעאָלאָגישע זיגזאַגן. דאָס זײַנען דאָסראָוו גע־ ווען „קריטיש־דענקנדע“ פּערזענלעכקײַטן. איי־ ניקע — מיט פּראָגרעסיווע, און אייניקע אַפילע מיט ניט גאָר פּראָגרעסיווע אָנשויונגען לויט אונדזער באַנעם. איך וויל בלויז קאָנסטאַטירן, אַז זיי אַלע (אויסער געצײלטע אויסנאַמען, וועלכע זײַנען דאַן פאַרורטײלט געוואָרן מיצאַד אַלע איבעריקע) האָבן סײַ באַ אונדז און סײַ נאָך זייער אוועקפאָר אין אויסלאַנד, געשריבן באַגײַסטערטע אַרטיקלען, לידער און פּראָזע וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד. אַנדערע האָבן אויך דאָ זײַענדיק אָפן אַרויסגעזאָגט זייערע קריטישע באַמערקונגען וועגן דער אָדער יענער דערשײַ־ נונג.

אין איינעם פון זײַנע פּילצאָליקע אַרטיקלען וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד שרײַבט מוישע נאַדיר: „איך פּיל מיך אַ ביסל אָפּגענאַרט, ווי איינער, וואָס ער ווייסט (פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע. — י. ס.), אַז מע דאַרף אים אָפּנאַרן, און צום סאָף נעמט מען און מע נאַרט אים ניט אָפּ...“ („אָקטיאַבער“, 1926, 30 סענטיאַבער).

נאָך שאַרפער און נאָך „זעלבסטקריטישער“ האָט זיך אויסגעדריקט דער שרײַבער באַרוך גלאַזמאַן אין איינער פון זײַנע אַרויסטרעטונגען אין מינסק, אַף אַן אָוונט פון „אינבעלקולט“ אין לענין־קלוב:

„איך בין דאָ גאַנץ צופעליק. איך בין שוין אָפּן וועג קיין אויסלאַנד. פאַר מיר איז די הײַנ־ טיקע אַרויסטרעטונג ניט קיין גרויסע פרייד, ווײַל אין מעשעך פונעם יאָר, וואָס איך געפין זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, בין איך צוגעווינט געוואָרן צו פרייען זיך. אָבער די עפנטלעכע אַרויסטרעטונג פון ייִדאָפּטייל פון אינוויַסקולט איז אַ קרוינפרייד. איך בין איצט אויך אַן אַמע־ ריקאַנער, אָבער מער אַ היגער, ווי אַן אַמעריי־ קאַנער.

באַ מײַן קומען אַהער איז אין מיר געוועזן עפּעס פון בילעמען, וועלכער איז געפאָרן אַהער שעלטן און מוז אײַך גאָר צום סאָף בענטשן. איך פאָר אוועק פון סאָוועטנפאַרבאַנד אַ באַזיג־ טער און איך בין צופרידן פון מײַן מאַפּאָלע...“ („אָקטיאַבער“, 1925, 1 דעקאַבער).

דעם גרעסטן אײַנדרוק האָבן דאַן געמאַכט אַף די געסט די גרויסע אויפטוען און פּלענער פון דער סאָוועטנמאַכט אַפן געביט פון פּראָדוקטי־ וויזירן די ייִדישע מאַסן, דאָס באַזעצן ייִדן אַף ערד אין קרים, דערנאָך ביראָבידזשאַן און ביכ־ לאַל געזינטער מאַכן דאָס ייִדישע לעבן, כאָטש זייער אַספּעקט איז ניט גאָר צוניפגעפּאַלן מיט די צילן און שטרעבונגען פון דער סאָוועטנ־ מאַכט.

די יונגע סאָוועטנמאַכט, אירע דערהויבענע, הומאַניסטישע אידעאַלן און טאַטן האָבן אָפּט געצוווּנגען אַפילע אירע קעגנער צו בײַטן זיי־ ערע מיינונגען.

דער ציִוניסט רוּוון ברײַנין, ווי עס באַשטע־ טיקט דער אַמעריקאַנער „לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור“, איז נאָך זײַן באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד געוואָרן לינק געשטימט, האָט באַגײַסטערט אַגיטירט פאַר ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן און איז אַרויסגעטראָטן לעטוווּאָס דעם „איקאָר“ אין פאַרשיידענע שטעט אין אַמעריקע און גע־ מאַכט צוליב דעם די רײַזע איבער דאָרעם־אַפ־ ריקע. זײַן אײַנשטעלן זיך פאַרן סאָוועטנפאַר־ באַנד האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון אומצו־ פרידנקײַט אין ציִוניסטישע און העברעיִשע קרײַזן. זײַנע אַלטע כאַווײרים האָבן זיך פון אים אָפּגעטרייסלט...

בלויז אייב קאַהאַן, וועלכער האָט דאַן אויך באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, איז אַרויסגע־ טראָטן קעגן דער עצעם „סיסטעם“ פון דער סאָוועטנמאַכט, קעגן „זייער“ גאַנצן געדאַנקענ־ גאַנג. אין זײַן אינטערוויו דער ווײַסגוואַרדייי־ שער צײַטונג „פּאָסלעדניִע נאָוואָסטי“, אין בער־ לין, אונטער מיליוקאָווס רעדאַקציע, האָט אייב קאַהאַן טאַקע אַזוי געזאָגט: „אַלץ איז גוט, נאָר די סיסטעם טויג ניט“ („אָקטיאַבער“, 1927, 1 דעקאַבער).

אַף דער ווענדונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און קולטור־טוער „צו אַלע ייִדישע שרײַבער אין אייראָפּע און אַמעריקע וועגן העלפן דער ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג“, דעם געזערד און קאָמערד האָבן זיך אָפּגערופן קיי־ מאַט אַלע ייִדישע שרײַבער.

אין זײַן אַרטיקל „אַ פּאַשעטע זאַך“, געדרוקט אין דער „פרײַהײַט“ (איבערגעדרוקט מיט קיר־ צונגען אין „אָקטיאַבער“, 1926, 29 יון), לאַכט אויס לייוויק נאָמבערגן, וועלכער האָט אָפּגע־ דרוקט אַן אַרטיקל אין „טאָג“ קעגן דעם אויפ־ רוף, ווײַל „ליטעראַטן פאַרנעמען זיך ניט מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן, זיי דאַרפן אײַנהיטן זייער אינדיווידואַליטעט“... אין דער זעלבער צײַט האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס“ אַ סעריע אַנטיסאָוועטישע אַרטיקלען וועגן זײַן באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

באַזונדערס שאַרף אַטאַקירט נאָמבערגן דאָוויד בערגעלסאָן, אין זײַן אַרטיקל „נאָמבערג דער כאָלוש“ („אָקטיאַבער“, 1927, 27 אַפּרעל) פאַר זײַן „ענטפער דעם קאָלעגע בערגעלסאָן“, וווּ נאָמבערג טראָגט (אים) אונטער אַ גאַנצן צעטל טײַנעס און שטראָף־רייד:

„עמעס איז, — שרײַבט בערגעלסאָן, — אַז קאָ־ לעגע נאָמבערג האָט, זײַענדיק אין סאָוועטן־ רוסלאַנד, דאָרט קיין בוך ניט פאַרקויפט. פאַרוואָס? דאָ האָבן געוויס געקאָנט זײַן פאַר־ שיידענע סיבעס.

עס איז אָבער אַלעמען באַוווּסט אַן אַנדער, מײַסע מיט איינעם אַ שרײַבער (זײַענדיק אין סאָוועטן־רוסלאַנד, האָט ער קיין קאָוועד פון די יעווסעקן ניט געהאַט). ווי נאָר ער איז אַריבער די סאָוועטישע גרענעץ, אַזוי באַלד האָט ער פאַרקויפט זײַן „זידלען די יעווסעקן“ דעם אַמעריקאַנער „פאָרווערטס“ — ווי ער אַליין האָט זיך באַרימט — צו זייער אַ גוטן מעקעך — צו 50 דאָלער פאַר אַ „זידל“... דער

„פאָרווערטס" אליין האָט שוין אויך פארדרייט די נאָז און האָט געפונען פאר נייטיק צולייגן צו די ערשטע 50 דאָלער א שפּײַ אָט דעם שרײַבער אין פּאָנעם און געבן גלײַך אונטער זײַן ערשטן ארטיקל א באמערקונג, אז דאָס, וואָס אין ארטיקל ווערט געזאָגט וועגן די יעווסעקן, זאָגט ניט די רעדאקציע, ווײַל „ווי ס'שרײַבן אונדז אנדערע אייגענע קאָרעספּאָנדענטן (מאשמאָעס, מער באגלייבטע), טוען די ייִדסעקן זייער פיל, איבערהויפּט פאר די ייִדישע מאסן פון די שטעטלעך..."

שאָלעם אש און פּערעץ הירשביין מיט סאָוועטישע שרײַבער אין מאָסקווע.
צווישן די אָנוועזנדע: לעאָניד לעאָנאָוו, מיכאִיל קאָלצאָוו, יעפים זאָזוליא, באָריס פּילניאק, וולאדימיר לידין, אבראם עפראָס און אנדערע

איר זײַט פּאָשעט קאָמיש, ביים איר שרײַבט אוף אָף אײַער ארטיקל מיט גרויסע אויסיעס: „איך בין געפאָרן אפן יאריד"... און מײַן ארטיקל אין „פרײַהײַט", וואָס האָט אײַך אזוי אָפּגעבריט? דער אינהאלט פון די עטלעכע שורעס, וואָס איך האָב אײַך דאָרט געווידמעט, באשטייט אין דעם, וואָס „איר זײַט דורך אײַער באזוך אין סאָוועטנפארבאנד אָפּגעשטויסן געוואָרן צוריק צום שיכט, פאר וועלכן איר שרײַבט אין „מאָמענט"... אין רוסלאנד זײַט איר געווען אן אבסאָליוטער נול, וועלכן קיינער באמערקט ניט. מיטן געשמאק פון אזא איינעם רעכנט מען זיך ניט.

און אָט, צום בײַשפּיל, שווערט איר זיך, אז איר האָט געכאפּט קאָלאָסאלע היספּײַלעס פון דער גרויסער וועלט־געשעעניש — רוסלאנד, נאָר עס לאָזט זיך אויס, אז דער סאמע באגײַסטערטער, קימאט „לירישער" ארטיקל, וואָס איר האָט וועגן אָט דער גרויסער וועלט־געשעעניש אָנגעשריבן, איז אײַער ארטיקל וועגן איינער „א שיקסע", וואָס האָט שוין געהאט עפּשער צוואנציק מאנען. איר דערמאָנט דאָ, זײַט מויכל, זייער שטארק אין יענעם ייִדן, וואָס זאָגט וועגן זיך: פון אלע מילכיקסן געפעלט מיר... די שיקסע, וואָס מעלקט די קו"...

ווי געזאָגט, קלײַבן מיר זיך דאָ ניט צו דערציילן וועגן דעם ווײַטערדיקן וועג פון אונדזערע אמאָליקע געסט. מיר ווילן בלויז אָפּמערקן זייער באזונדערן „צושטײַער", די באזונדערע בלאט, וואָס די מערהײַט פון זיי האָבן דאן ארײַנגעשריבן אין דער לויפנדיקער ליטעראטור־כראָניק. זיי זײַנען געקומען מיט זייערע פּראָגרעסיווע „וויזיט־קארטלעך". קימאט בא איטלעכן פון זיי האָט זיך געפונען זײַן וואָרט וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור און וועגן דעם נײַעם סאָוועטישן לעבן.

אפילע שאָלעם אש, וועלכער האָט דאן געהאט א שארפן סיכסעך מיט מוישע ליטוואקאָוון, האָט נאָכן באזוכן די ייִדישע קאָלאָניעס אין אוקראַיִנע און קרים שטארק געלויבט די סאָוועטנמאכט. זײַן רעדע אף דער פאריייניקטער זיצונג פון די פּרעזידיומס פון דער צענטראלער פארוואלטונג און פונעם ראט פון געזערד האָט די צײַטונג „אָקטיאבער" פארן 12 יון 1928 פּובליקירט מיט א מונטערער באמערקונג פון דער רעדאקציע: „מיר דרוקן די רעדע פון ש. אשן און ווילן האָפן, אז אונטער דער ווירקונג פון דער ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג וועט ער עפּשער אויך בײַטן זײַן באציִונג צו דער ייִדישער פּראָלעטארישער געזעלשאפטלעכקײַט, וועלכע איז דער אָנשפּאר און די שטיצע פון דער פּארטיי און פון די סאָוועטן אין דער גראנדיעזער ארבעט פון פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע מאסן".

אין זײַן רעדע האָט אש געזאָגט פאָלגנדעס: „דאָס אלץ איז פאָרגעקומען נאָר אדאנק דער געשעעניש, וואָס הייסט אָקטיאבער־רעוואָליוציע; די ייִדישע קאָלאָניזאציע נייטיקט זיך אין צערטלעכקײַט. עס איז דער כויוו פון יעדן ייִדן צו שטיצן די ערד־אײַנאָרדענונג". און צום סאָף: „איך דאנק אײַך נאָכאמאָל! איך דאנק דער סאָוועטן־רעגירונג פארן נאכעסרועך, וואָס איך האָב געהאט, פאר איר גאנצער ברידערלעכער האנדלונג, פאר דער ברײַ־

דערלעכער האנט, וואָס זי האָט אויסגעשטרעקט די ייִדישע קאָלאָניעס״.

דער ערשטער פון די ייִדישע שרײַבער פון כוץ־לעאָרעץ איז געקומען צו אונדז צוגאַסט מאָריס ווינטשעווסקי. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. ווינטשעווסקי איז דאָך געווען דער „זיידע״ פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איינער פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערע ייִדישע דיכטער, א מיטגליד פון דער אמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געקומען אין 1924, און נאָך אים האָבן זיך א לאָז געטאָן א ריי אַנדערע שרײַבער און קולטור־טוער. ווינטשעווסקי איז אויך דאָ געווען א פּיאָנער, ווי אין זײַנע ערשטע פּאָליטישע און ליטעראַרישע טריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. געקומען איז ער ווי א גאַסט פון דער סאָוועטישער רעגירונג.

אַף דער סטאַנציע נעגאָרעלאָיע און אַפן מינסקער וואָקזאַל איז ער אופגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם, מיט רויטע פאָנען און מוזיק, מיטן געזאַנג פונעם „אינטערנאַציאָנאַל״ און פון זײַנע אייגענע רעוואָלוציאָנערע לידער.

אַזא מין טריומף האָט ער געהאַט אויך אין מאָסקווע, כאַרקאָוו, קיִעוו און אין אַנדערע שטעט און רעפּובליקן. ער איז אַרויסגעטראָטן אין די אַרבעטער־קלובן, אַף א ריי ליטעראַרישע אָוונטן, קאָנפערענצן, אין קינדערגערטנער און קינדערהיימען אאַוו.

אין א פאָרוואָרט צו דער בראָשור „מאָריס ווינטשעווסקי״, צו זײַן אָנקומען קיין קיִעוו, דעם 7 דעקאַבער 1924, ווערט געזאָגט:

„א האַלב יאָר צײַט איז שוין פאַרבײַ, זינט כ׳ מאָריס ווינטשעווסקי איז אונדזער באַליבטער גאַסט, און זײַן רײַזע־טריומף צעוואַקסט זיך אַלץ מער און מער. קיין איין ייִדישער דיכטער, קיין איין ייִדישער רעוואָלוציאָנער האָט קיינמאָל ניט זוכע געווען צו האָבן אַזא ראַשיקן און עמעס־האַרצלעכן קאַבאָלעס־פּאָנעם, ווי דער זיידע ווינטשעווסקי באַקומט עס איצט אָן אופהער אין די פאַרשיידנסטע שטעט און שטעטלעך אינעם ראַטנפאַרבאַנד,— סײַ פון פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, סײַ פון דער העלדישער רויטער אַרמיי, סײַ פון די ייִנגסטע לענינצעס, פון די פּראָלעטאַרישע קולטור־טוער, פון די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן, פון די האָרעפּאַשניקעס־קוסטאַרן, — זיי אַלע צוזאַמען פאַרוואַנדלען זײַן קומען צו אונדז אין פּססר אין אַן עמעסן פּראָלעטאַרישן יאָמטעוו...״

ווען ווינטשעווסקי איז געווען אין מינסק, איז ער אויך אַרײַנגעקומען צו אונדז, צו די זעצער פון „אָקטיאַבער״ אין דרוקערײַ. ער האָט זיך געגריסט מיט אונדז, פאַרפירט א לעבהאַפטיקן שמועס.

פון דעם דאָזיקן שמועס איז בא מיר פאַרבליבן אין זיקאָרן אַן אַפאָריזם, וועלכן איך האָב דערנאָך באַגעגנט אין ליטעראַרישע מעקוירעס און אויך אין אַרויסטרעטונגען פון רעדנער. דער אוטאָר פונעם דאָזיקן אַפאָריזם איז טאַקע, אַפּאַנעם, געווען ניט קיין אַנדערער, ווי ווינטשעווסקי. אַלנפאַלס, פון אים האָב איך עס געהערט צום ערשטן מאָל. ווינטשעווסקי האָט מיט א פרײַנטלעכן, איראָניש־הומאָריסטישן טאָן „געוואָרנט״ די זעצער:

— איר זאָלט וויסן זײַן,— האָט ער אָנגעהויבן מיט זײַן שוואַכער, א ביסל געבראָכענער שטים,— אַז אויב א מענטש שטאַרבט דאָסראָוו פון א האַרצפעלער, שטאַרבט אָבער א שרײַבער דעריקער פון א דרוקפעלער...

די דאָזיקע „קאַפּוליער אָנצוהערעניש״ פאַר אונדזער זעצער־פאַך האָט אַרויסגערופן א פריילעכן געלעכטער. דאָס איז אָבער גוט „אַרײַן אין לעבער״, און מיר האָבן עס אָפט דערמאָנט און איבערגעכאַזערט בא פאַרשיידענע געלעגנהײַטן — ווי דעם „זיידנס״ פרײַנטלעך „שטעכווערטל״, ווי איינע פון זײַנע פּילצאָליקע סאַטירישע פײַלן, מיט וועלכע ער האָט אָפט געשאָסן אין אַלץ, וואָס איז ניט אין אָרדענונג, ניט געזונט און ניט רעכט פּאַרטיק...

ווינטשעווסקי איז אויך געווען בא אונדז אין קלוב, אין זומער־גאָרטן, זיך פאָטאָגראַפירט מיט די זעצער און מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע „אָקטיאַבער״. איך בין אָפט בײַגעווען אַף זײַנע ליטעראַרישע אָוונטן אין פאַרשיידענע אַרבעטער־קלובן און אַפן גרעסטן פײַערלעכן אָוונט אין דער געבײַדע פון דער געוועזענער קאָרשול (דערנאָך איז דאָרט געווען דער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער פון ווײַסרוסלאַנד).

ווינטשעווסקיס „נויסע־קיילים״, ווי מע האָט אים דאַן גערופן, איז אומעטום געווען דער באַוווּסטער היסטאָריקער און אַרכיוויסט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ש(ס). אַגורסקי, מיט וועמען ווינטשעווסקי איז נאָך געווען באַקאַנט פון אַמעריקע, וווּ אַגורסקי האָט געלעבט א לענגערע צײַט ביז דער רעוואָלוציע. נאָך דער רעוואָלוציע האָט אים לענין א פּאָר מאָל קאָמאַנדירט קיין אַמעריקע. וועגן די דאָזיקע ריזיקאַלע און קאָמפּליצירטע פאַר יענער צײַט רײַזעס האָט אַגורסקי שפּעטער פּובליקירט א סעריע פאַרצייכענונגען אין „אָקטיאַבער״, אונטערן נאָמען „פון מאָסקווע קיין ניו־יאָרק (א רײַזע פון א באָלשעוויק)״. אַגורסקי איז א לענגערע צײַט געווען דער דירעקטאָר פונעם ייִדישן אינסטיטוט פון פּראָלעטאַרישער קולטור בא דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

ווען ווינטשעווסקי איז געווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און אויך נאָך זײַן אַוועקפאָרן, זײַנען דערשינען זײַנע אייניקע ביכער און זאַמלונגען. אויסער די געדרוקטע אין די סאָוועטישע צײַטונגען און זשורנאַלן אַרטיקלען און לידער און אויסער דער אָנגערופענער קיִעווער בראָשור מיט א פאַרצייכענונג וועגן ווינטשעווסקיס לעבן און שאַפן, זײַנען נאָך אַרויס: א בוך „ערינערונגען״ (מאָסקווע, 1926);

„קאמפס־געזאנגען“ מיט א פאָרוואָרט פון ש. אגורסקי (מינסק, 1924); א זאמלונג אין דער סעריע פון „ביבליאָטעק יידישע שרייבער“ — „ווינטשעווסקי, עדעלשטאט, באָווּשאָווער“ (קיעוו, 1931), א זאמלונג פאר דער שול „די ערשטע יידישע ארבעטער־דיכטער“ — ווינטשעווסקי, עדעלשטאט, באָווּשאָווער, ראָזענפעלד, צונויפגעשטעלט פון ד. קורלאנד. מיט א גרעסערן אריינפיר (מינסק, 1931); א בוך „דערציילונגען“ (מאָסקווע, 1926); „געקליבענע ווערק“) לידער, די דראמע „דער לעצטער נאבאָר“, דערינערונגען), קיעוו, 1939.

שוין נאָך ווינטשעווסקיס טויט איז פארפלאנירט געוואָרן אן אויסגאבע אין 6 בענדער אונטער דער רעדאקציע פון ש. אגורסקי, מ. לעוויטאן, ק. מארמאָר (וועלכער האָט זיך געפונען א לענגערע צייט אין סאָוועטנפארבאנד) און מאקס עריק (געקומען פון פוילן און זיך אָפּ שטענדיק באזעצט אין סאָוועטנפארבאנד — פריער אין מינסק, דערנאָך אין קיעוו). אין 1935 איז ארויס דער פינפטער באנד (דראמעס) מיט עריקס א פאָרוואָרט.

ווינטשעווסקיס שאפן איז געוואָרן א באשטאנדטייל פון דער סאָוועטישער יידישער קולטור.

קימאט אין איין צייט מיט ווינטשעווסקין איז קיין ראטנפארבאנד געקומען לייוויק (1925). זיינע איינדרוקן זיינען אינטערעסאנט און איבערציינגנדיק — סיי לויט זייער פרישקייט און אומיטלבארקייט און סיי לויט די עכט־לייוויקישע שטימונגספולע קאָמענטארן און פארגלייכונגען, לויט זייער מעטאפאָריסטיק און קאָנקרעטע דעטאלן. דאָס דערפילט מען גלייך ווי מע לייענט איבער זיין לירישע פארצייכענונג „באם סאָוועטישן גרענעץ“, געדרוקט אין „עמעס“ פארן 18 סענטיאבער 1925. עס וואָלט ניט געשאדט איבערדרוקן די פארצייכענונג אינגאנצן, אָבער דאָ וועלן מיר זיך באנוגענען בלויז מיט אייניקע אויסצוגן:

„איך קום צום באן אפן ווארשעווער גרויסן וואָקזאל. איך זע א צוג פון דריי וואגאָנעלעך. צוויי מאָל א וואָך נאָר גייט א צוג פון ווארשע קיין מינסק. א צוג פון דריי וואגאָנעס! פארשטייט איר, וואָס דאָס מיינט?

מיך באגלייטן צום באן זיינען געקומען נאָר א פּאָר מענטשן. נאָר צוויי. מיט אלע איבעריקע פריינט און באקאנטע האָב איך זיך געזעגנט פריער. אזוי אָפּגעמאכט. עס זאָל ניט זיין קיין גרויסער. אוילעם צום באן. פארשטייט איר, וואָס דאָס מיינט?

דער צוג רירט זיך, דער צוג יאָגט. שנעל געיאָג. צוועלף אין דער נאכט. איך גיי דורך די פּאָר וואגאָנעס, קוק אריין אין די קופּעס, פוסט... א מאָדנער אומרו האָט מיך ארומגעכאפּט, א קאָל פון איינזאמקייט האָב איך דערהערט. געזאנג פון עלנט, און גלייך נאָכדעם — געזאנג פון אויסדערווײלטקייט, געזאנג פון אקשאָנעס, געזאנג פון מערידע. אָט פון די לייידיקע בענק האָט געווייט מיט מערידע...

די איינציקע צעוואָרפענע פאסאזשירן שלאָפן שוין. מאָדנע וויגן זיי זיך און ווארפן מיט די קעפּ. מאָדנע האלטן זיי זייערע מיילער. וויאזוי שלאָפן זיי? וויאזוי? אייזערנע נערוון מוזן זיי האָבן, אָדער פון שטאָל זיינען געשמידט זייערע גופן...

אָט איז די גרענעץ. גרענעץ. לאנגע רייען שטעכיקע דראָט, געפלאָכטענע דראָט. ווייט, ווייט קוק זיך איין מיטן אויג, דורכפּאָרער, קוק זיך איין שארף. אָט אזוי איז צעטיילט די וועלט. און אָט זעסטו מיט דיינע אייגענע אויגן, וויאזוי די וועלט איז צעטיילט. מיט פּאָשעטע פיס ניט אדורכגיין דורך דעם דאָזיקן דראָט, אריינפלעכטן וועסטו זיך אין אים מיטן לייב מיט דיינעם, און צעשניטן און צעשטאָכן וועט ווערן דיין יעדער גליד — אָט ווי צעשניטן און צעשטאָכן עס איז די גאנצע וועלט, וואָס דו זעסט...

מיר זיינען אף סאָוועטישער ערד... דער צוג שטעלט זיך אָפּ. מע בעט אונדז ארויסטראָגן ווידער די זאכן צום רעווידירן. אף גרויסע לאנגע בענק ליגן ווידער אונדזערע טשעמאָדאנעס. גרייטע. ווארטן. באקוקט אונדז. רעווידירער קומען אריין. יונגע באָכערים מיט גלאנציקע רעקלעך און הויכע שטיוול. די אָנפירערן — א יונג מיידל אין א מיליטערישן אָנצוג. אף דער זייט א רעוואָלווער. א שארפער ענערגישער פּאָנעם און טיף אריינקוקנדיקע אויגן... איך לאָז ניט אראָפּ מיינע אויגן פונעם מיידל מיטן רעוואָלווער אפן אקסל. א מאָדנע שארפע שטימונג האָט זי אריינגעבראכט מיט זיך, און איך זע, ווי אלע באאמטע פאָלגן און פילן אויס איר יעדן באפעל. שטייף ווי שטאָל איז געוואָרן די לופט. מע רעדט ניט קיין איבעריקע ווערטער, מע טוט א טווּנג פינקטלעך און שטיל. פינקטלעך און איידל...

איך קאָן ניט אָפּרייסן מיינע אויגן פון דעם דאָזיקן פּאָנעם, וואָס איז פול מיט אזא מין מאָדנער אויסגעליטענער פארהארטעוועטער אקשאָנעס...

ווער עס וויל, קען גיין עסן מיטיק אין קליינעם רעסטאָראנדל נעבן סטאנציע. די זאכן אין וואגאָן וועלן זיין גאנץ. קיינער זאָל ניט מוירע האָבן.

איך קום אריין אין רעסטאָראנדל. אן אלטער עשעלאָן. עס גיט מיר א זעץ אין נאָז דער געשמאקער רייעך פון רוסישן באָרשטש און געפּרעגלטע קאָטלעטן. אייניקע זיצן שוין און עסן, טרינקען ביר און פלוידערן. די באלעבאָסטע, מיט א ברייטן שמייכלענדיקן פּאָנעם, גייט מיר אנטקעגן. איך באשטעל עסן און בעט דערצו א ביסל וואסער איינצוּוואשן די הענט. „מיט פארגעניגן“, — זאָגט די באלעבאָסטע, לויפט און ברענגט אריין אן עמער וואסער מיט א קופּערנעם קענדל און נעמט אליין מיר אופגיסן אף די הענט אזוי מוטערלעך גוט. דאָס קופּערנע קענדל גלאנצט מיר אין די אויגן

אַרײַן און דערמאָנט מיר אַזויפֿיל היימישעס,
אַמאָליקעס, שטעטלדיקס, און איך פֿיל מיך
אַזוי, ווי איך וואָלט באַדינט געוואָרן פֿון אַ
פֿרוי, וואָס איז אָף אַן עמעסן ענלעך צו מײַן
מאַמען.

איך זעץ זיך צום טיש. הייב אָן עסן. עס
עפֿנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן דאָס
מיידל מיטן רעוואָלווער אָפֿן אַקסל. זי זעצט
זיך בײַ מײַן טיש און גיט אַ זאָג מיט אַ רויִקן,
באַשיידענעם טאָן: ביטע, אַ גלאָז ביר... זי
זיצט אַנטקעגן מיר און טרינקט שטיל און
געלאַסן. די ברעמען אַ ביסל אַרונטערגעלאָזן.
איך קוק איר אין פּנים אַרײַן און קאָן זיך
אַלץ נאָך ניט אָפּוווּנדערן פֿון דער שטאָלענער
געלאַסענער זיכערקײַט, וואָס טראָגט זיך פֿון
דעם דאָזיקן מאָדנעם, פֿאַר מיר נײַעם, אומבאַ־
קאַנטן באַוואָפֿנטן מיידל, דער באַשיצערן פֿון
די סאָוועטישע גרענעצן..."

אין מינסק זײַנען פֿאָרגעקומען עטלעכע
גרויסע ליטעראַרישע אָוונטן מיט לייוויקן, ווי
אויך מער ענגע באַגעגענישן אין האָטעל „אײ־
ראָפּע" און אין לעניִן־קלוב, ווּ איך בין אויך
בײַגעווען, צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער
פֿון דער ליטעראַרישער גרופּע „יונגער אַר־
בעטער".

די דאָזיקע באַגעגענישן און אָוונטן זײַנען
שפּעטער באַשריבן געוואָרן סײַ דורך לייוויקן
אַליין, סײַ דורך די סאָוועטישע זשורנאַליסטן.
מאָסן־אָוונטן זײַנען אויך געווען אין מאָסקווע
און אין אַנדערע שטעט. לייוויק האָט באַזוכט
זײַן געבורט־שטעטל טשערווען. זײַנער אַ ברו־
דער איז מיט אים אָפּט מיטגעפֿאָרן און איז
בײַגעווען בײַ ס זײַנע אַרויסטרעטונגען.

לייוויק האָט געהאַלטן באַגײַסטערטע רעדעס.
עס זײַנען אָפּט פֿאָרגעקומען אויך געוויסע
פֿרײַנטלעכע דיסקוסיעס איבער אייניקע פֿראַגן,
וועלכע ער האָט באַרירט.

פֿאַר דער צײַט, וואָס לייוויק איז געווען אין
סאָוועטנפֿאַרבאַנד, זײַנען דערשינען דרײַ זײַנע
ניט קיין גרויסע ביכער: „אָפֿן ראַנד פֿון אָנ־
הייב", וועג־אײַנדרוקן, קיִעוו 1925; „שניי
אַראָפּגעפֿאַלענער", לידער, מאָסקווע, 1925;
„דורך זיבן טויטן", לידער, קיִעוו, 1926. די
וועג־אײַנדרוקן „אָפֿן ראַנד פֿון אָנהייב" האָט
לייוויק פֿאָרגעזעצט דרוקן אין אַמעריקאַנער
„פֿרײַהײַט". אייניקע אויסצוגן פֿון דער „פֿרײַ־
הײַט" זײַנען שפּעטער איבערגעדרוקט געווען
אין „אָקטיאַבער".

פֿאַר זײַן אָפּפֿאָר, אין יאַנוואַר 1926, איז לײַ־
וויק ווידער געקומען קיין מינסק פֿון מאָסקווע.
אָפֿן וואָקזאַל האָבן אים באַגעגנט פֿאָרשטייער
פֿונעם בילדונגס־אָפּטייל, פֿון „אינבעלקולט",
פֿון דער ליטגרופּע „יונגער אַרבעטער", פּעד־
טעכניקום און אַנד. אין מינסק האָט לייוויק
פֿאַרבראַכט עטלעכע טעג און איז אַרויסגע־
טראָטן אָף אַ ריי ליטעראַרישע אָוונטן. ער האָט
געהאַט אַ שמועס מיטן קאָרעספּאָנדענט פֿון
דער צײַטונג „אָקטיאַבער", געענטפֿערט אָף
פֿראַגן וועגן זיך, וועגן זײַנע טורמע־ און קאַ־
טאָרגע־יאָרן, וויאַזוי ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דער
פֿאַרשיקונג, וויאַזוי ער האָט אָנגעשריבן דעם
„גוילעם", אאַוו.

דעריקער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָף זײַ־
נע אײַנדרוקן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ער האָט
גערעדט וועגן די סאָוועטישע ייִדישע צײַטונ־
גען („זיי זײַנען טיף פֿאַרבונדן מיט זייערע
לעזער, האַגאַם אין דער אַרבעט האָט מען גע־
מעגט אַרײַנציִען נײַע ליטעראַרישע קויכעס"...),
וועגן ייִדישן טעאַטער („דער מאָסקווער מע־
לוכע־טעאַטער איז אַ גוואַלדיקע דערגרייכונג.
„אָפֿן אַלטן מאַרק" איז אַ שטאַרקע זאַך. שיין
איז אויך „די קישעפֿמאַכערן" און „200.000".
צום באַדויערן ווערן ניט געלונגען קאָפּירט די
מאָסקווער פֿאָרשטעלונגען אין דער פּראָווינץ.
צו אָפּט כאַזערט זיך איבער דער טראַפּאַרעט:
דער ראָוו, דער דײַען, די ציצעס, אַקוראַט ווי
אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד זײַנען ניטאָ קיין אינ־
טערעסאַנטערע טעמעס...")

אין לעניִן־קלוב איז דעם 15 יאַנוואַר פֿאָר־
געקומען אַ גרויסער אָוונט מיט נאָכעם אויס־
לענדערס אַ פֿאָרטראָג וועגן לייוויקס שאַפֿן.
אָפֿן אָוונט זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן אַ ריי
ייִדישע ליטעראַטן און קולטור־טוער.

ב. אָרשאַנסקי האָט צווישן אַנדערס געזאָגט:
„...מיר ווייסן, דער כ' לייוויק איז נאָך ניט אינ־
גאַנצן אונדזערער... מיר האָבן אונדזערע בע־
סטע קינדער אָפּגעגעבן אין קאַמף פֿאַר דער
מענטשן־באַפֿרײַונג. איר, כ' לייוויק, האָט אויך
אַ כיילעק אין דער דאָזיקער גאָלדענער און
בלוטיקער געשיכטע. פֿאַרוואָס האָבן אָט די
קינדער פֿונעם פֿאָלק, זייער בלוטיקער וועג,
ניט געקראָגן קיין אָפּקלאַנג אין דעם האַרץ
פֿונעם פּאָעט? פֿאַרוואָס האָט דער „גוילעם"
מער אויסגענומען, ווי אָט די מאַרטירער?.. דאָ
גייט ניט אין קליינלעכער מאָגניש. אַזוי
שטעלט די פֿראַגע די געשיכטע... איך וויל, אַז
ווּ איר זאָלט ניט זײַן, זאָלט איר זײַן מיט
אונדז..."

עס טרעט אַרויס דער כ' אָשעראָוויטש, רע־
דאַקטאָר פֿונעם „אָקטיאַבער":
„דער כ' לייוויק האָט זיך געקלאָגט, אַז אין
מינסק האָט ער ניט געפֿונען קיין פּאַטאָס צום
שאַפֿן, ער האָט ניט געזען קיין היסלײַוועס,
קיין באַגײַסטערונג. מיר זײַנען ניט קיין ספּע־
ציִאַליסטן אָף פּאַטאָס. עס דערמאָנט זיך דאָס
20־טע יאָר, ווען די אָפּפֿאָרנדיקע ייִדישע לי־
טעראַטן זײַנען געווען אין מינסק. דאָס איז
געווען אַ צײַט, ווען קיין מאַטעריעלע מעג־
לעכקײַטן פֿאַר ברייטער קולטור־אַרבעט איז
ניט געווען. איינער פֿון די אָפּפֿאָרנדיקע לי־
טעראַטן האָט דאַן געזאָגט: „וואָס קאָן איך מאַ־
כן, ווען די רויטע אַרמיי גייט באָרוועס? מע
זאָל אין אַזאַ מאָמענט דרוקן ביכער?" אָבער
מיר האָבן פֿונדעסטוועגן, בײַ גאָר קליינע מעג־
לעכקײַטן, בײַ אַ ביסעלע מיטלען, געאַרבעט,
און מיר זײַנען דערגאַנגען ביז דעם מאָמענט,
ווען מיר קאָנען אַנטוויקלען אַ גרויסע קולטו־
רעלע טעטיקײַט. ס'איז ניט ריכטיק, אַז בײַ

אונדז איז ניטאָ קיין פּאַטאָס, מיר אָבער האָבן א קלאסן־פּאַטאָס, א פּראָלעטארישע סימכע.

ווער געדענקט ניט דאָס אָנקומען פונעם פּראָלעטארישן שרײַבער, כ׳ ווינטשעווסקי, אין מינסק. מאסן מענטשן זײַנען אים ארויס באגעגענען. אפילע די רויטע ארמיי און דער רויטער קאָמאנדיר, כאווער גײַ, האָט אים באגריסט. איז דען דאָס ניט קיין באגײַסטערונג, קיין פּאַטאָס? עס בויט זיך א נײַ געזעלשאפטלעך לעבן, א נײַע קולטור, וועגן וועלכער די מענטשהײַט האָט נאָר געכאָלעמט. קולטור סטאם לעשעם קולטור איז פאר אונדז ניט נייטיק. מיר דארפן אזא קולטור, וואָס העלפט בויען דעם סאָציִאַליזם...

גיט אָפּ א גרוס, כ׳ לייוויק, די ייִדישע ארבעטער אין אמעריקע, גיט זיי איבער, אז מיר שאפן א נײַע געזעלשאפט, אז מיר זײַנען שוין מער ניט פארשקלאפט, מיר זײַנען צונויפגעבונדן מיטן רוסישן, ווײַסרוסישן, פּוילישן ארבעטער. גיט איבער, אז מיר פירן געמיינזאם א קאָלאָסאלע אופבוי־ארבעט".

פון מייעראָוויטשעס (מ. דאניִעלס) רעדע: „אונדזער ליטעראטור איז נאָך א קליינע, מיר קענען זיך ניט גרויסן מיט מאָנומענטאלע ווערק, אָבער מיר שעמען זיך ניט מיט דעם. מיר שטייען באם ראנד פון א נײַעם אָנהייב, לויט אײַער אייגענעם אויסדרוק. מיר באמיִען זיך אײַך פארשטיין. דאָס זעלבע פאָדערן מיר פון אײַך און פון אײניקע, אונדז מער נעענטערע, אמעריקאנישע שרײַבער".

פון דער גרופּע „יונגער ארבעטער" איז ארויסגעטראָטן מוישע טייף: „מיט דעם כ׳ לייוויק פארייניקט מיך אויך אונדזער פּראָפעסיע. דער כ׳ לייוויק איז א טאפּעטן־קלעפּער, איך — א טאפּעטן־מאכער (פריילעכע אפּלאָדיסמענטן). זאָל לעבן די שעפּסטווע פונעם כ׳ לייוויק איבער די יונגע אמעריקאנער ארבעטער־דיכטער!".

לייוויק באדאנקט פאר די רעדעס און באגריסונגען — סײַ פאר די, מיט וועלכע ער איז מאסקים, סײַ פאר די, מיט וועלכע ער איז ניט אינגאנצן מאסקים. ער דערקלערט, אז ער האָט גענומען דאָס וואָרט, קעדיי צו טיילן זיך מיט זײַנע שטימונגען. ער פאָרט ארום דעם סאָוועטנפארבאנד שוין באלד 4 כאָדאָשים, אויסגעוועזן אין די גרויסע צענטערן פונעם ייִדישן ייִשעוו, זיך באקענט מיט דער ייִדישער ארבעט. מיט די ייִדישע מאסן, אָבער ניט ווי א צושויער, ווײַל ער איז ניט קיין שאָליִעך, קיינער האָט אים אהער ניט געשיקט. זײַן ווילן צו זײַן פארבונדן מיט דעם לאנד, פונוואנען ער שטאמט, זײַן קליינער כיילעק, וואָס ער האָט דאָ, האָט אים געשטויסן אהער. „איך גרויס זיך ניט מיטן כיילעק, און בארים זיך אוואדע ניט. גיט מיר רעכט צו אורטיילן אזוי, ווי מײַן סייכל טראָגט, דאָס, וואָס איך זע, וואָס איך לעב איבער, און זאָל מיר געגעבן ווערן אָט דאָס רעכט, ווי אן אייגענעם מענטשן... איך פאָר פון אייראָפּע, איך קום פון אמעריקע, און איך האָב שוין געהאט די געלעגנהײַט צו דערציילן מײַנע אײַנדרוקן פון יענע לענדער, אײַנדרוקן גאנץ טרויעריקע. איך האָב ליב ווי א גרויס פּריש נײַ לאנד אמעריקע, אָט פּונקט ווי רוסלאנד. עפּעס א שײַכעס צווישן זיך האָבן דיביידע לענדער, עפּעס אלגעמיינס, קרוויועשאפט, וואָלט איך געזאָגט. דאָס זײַנען לענדער פון גרויסער אָנשטרענגונג און ווילן, פון א קאָלאָסאלן, מוירעדיקן וווּקס.

אָבער, צום באדויערן, איז די ריכטונג פון גרויס־אמעריקע ניט קיין ריכטיקע, א וועג א פארדרייטער. אף א גלײַכן, קלאָרן, שעפערישן קאָלעקטיוון וועג, א סאָציִאַליסטישן, גייט רוסלאנד. אמעריקע איז זײַטיק, יעכידיש, אינדיווידואליסטיש.

א גרויסער כילעק ליגט צווישן ביידע לענדער. ווער עס וויל זיך באפרידיקן נאָר מיט א צופרידן, זאט לעבן, יענער קאָן זיך באנוגענען מיט דער רײַכקײַט און זאטקײַט פון די שטאטן. מײַן רײַזע איבער אייראָפּע, און דערהויפּט איבער פּוילן, האָט מיר באוויזן, אז דאָרט איז די לאגע א פארצווייפלטע, א טרויעריקע...

פאר מיר איז געווען וויכטיק צו באקענען זיך מיט דער ייִדישער ארבעט דאָ. איך וויל ניט אָפּטיילן די ייִדישע ארבעט באזונדער פון דעם גאנצן בוי פון לאנד. איך בין ניט קיין סעפּאראטיסט, איך בין ניט געפאָרן אהער אויסקוקן, איך בין געקומען אהער זען דאָס גרויסע ברויזנדיקע לאנד אזוי ווי עס איז, אזוי ווי עס גייט און שטייט".

ווײַטער אַנטוויקלט לייוויק זײַן אייגנארטיקע טעאָריע פון „טראגיזם":

„פארוואָס האָט מען מוירע צו ארויסריידן דאָס וואָרט טראגיק? פארוואָס זאָל מען דאָס מיינען אין ערגערן זין? פארקערט, טראגיזם הייסט דערהייבונג. מע קען ניט קומען צו דער גרויסקײַט פון דער עפּאָכע, אויב מע וועט ניט פארשטיין דעם טראגיזם פונעם נײַעם לעבן. די שענסטע זאך איז טראגיזם.

דער קינסטלערישער טראגיזם קומט ערשט אָן. בענטשט די טראגישקײַט. רוסלאנד האָט זיך דורך דעם דערהויבן.

אלע איבעריקע לענדער לעבן איבער ניט טראגיזם, נאָר ערגערס — שטימונג פון פאנאנדערפאלן. זײַנען זיי דעריבער פארפאלן.

רוסלאנד איז אָבער פריש. אין רוסלאנד איז דאָ אן אופקום פון קויכעס.

איז דען ניט דער בעסטער באווײַז פון טראגיק דאָס נײַע ייִדישע לעבן, דער נײַער פויער, דאָס פאנאנדערגעפאלענע שטעטל?

זײַנען דען ניט קיין באווײַז פון טראגיק אלע שטרײַטן, ליטערארישע און געזעלשאפטלעכע, וואָס קומען איצט פאָר אין רוסישן לעבן, שטרײַטן צווישן שטאָט און דאָרף, איז דען ניט קיין באווײַז פון טראגיק, לאָמיר נעמען, אפילע אזא פאל ווי יעסענינס טויט?

רוסלאנד ברויזט מיט פרישער שעפערישער קולטור־ארבעט.

נײַע קונסט, א נײַער טעאטער, א נײַע ליד. דער ייִדישער קאמער־טעאטער אין מאָסקווע, צום בײַשפיל, — איז ער דען ניט קיין קאָלאָסאלער ניצאָכן? וויפל פרייד ער פארשאפט, ער האָט איבערגעשטיגן עפשער א סאך גרויסע טעאטערן פון אייראָפע...

א פרישער, א געזונטער רעגן האָט געגאָסן אף רוסלאנד און האָט באפרוכפערט אויך דאָס ייִדישע פעלד. עס קומען ארויס נײַע שפראָצונגען. דאָס האָבן מיר ניט אין אמעריקע. אמעריקע לעבט אין א פעריאָד פון טריקעניש. ס'גייען ניט קיין גוטע רעגנס...

איך האָב געביטן מײַן מיינונג נאָך דעם, ווי איך האָב פארבראכט דאָ א לענגערע צײַט. איך האָב געפונען, אז ניט נאָר איך בין וויכטיק אף דער וועלט, נאָר פאראנען עפעס וויכטיקערס פון מיר. איך האָב דערהערט דעם פרייליכן סקריפ פונעם רוסישן שניי, איך האָב דערפילט פליגלען, וואָס פלאטערן איבערן לאנד, די שיינקײַט פון די פליגלען, איך האָב דערפילט דעם אָפקלאנג פון דער יוגנט, דערזען די וועלט אין אן אנדער שײַן, אמעריקע — אין אן אנדער ליכט, די וועלט — אין אן אנדער געשטאלט.

עס שטייט א הארט לעבן אין וועג. א הארט, אָבער א גרויס לעבן, און ווער עס ווייסט עס, איז גליקלעך און ווערט באפליגלט פון דעם וויסן. מע דארף בענטשן דאָס וויסן. יעדע מעגלעכקײַט פון א נײַעם קלאנג, פון א נײַ ליד, זאָל אופגענומען ווערן און געזונגען ווערן פון אלעמען".

נאָך לייוויקס רעדע זײַנען אייניקע כאווייריםארויסגעטראָטן מיט ענטפער־רעדעס. אָרשאנסקי האָט זיך געווענדט מיט א רוף צו לייוויקן, ער זאָל קומען און ארבעטן א לענגערע צײַט מיט אונדז. ערשט דאן וועט ער אונדז דערפילן אינגאנצן, ערשט דאן וועט ער אונדז פארשטיין. אָשעראָוויטש האָט באמערקט: „לייוויק באזינגט דאָס ספעציפישע מאזל פונעם רוסישן פאָלק... ניט אין מאזל גייט דאָ: רוסלאנד האָט דורכגעמאכט א קאָלאָסאלע אָקטיאבער־רעוואָליוציע!". אויסלענדער האָט אופמערקזאם געמאכט, אז אונדזער דיכטונג ווארפט מען גראדע אוף דאָרט, אין אויסלאנד, דאָס, וואָס זי איז איבערפולט מיט פאטאָס, מיט צופיל אָפטימיזם פון בויען און שאפן. פון דעם פאטאָס וועלן מיר זיך ניט אָפזאָגן. „און דאָס איז די ריכטיקע לאגע, וועלכע לייוויק האָט געדארפט זען, און אף דעם באָדן וועט פאָרקומען אונדזער פארשטענדיקונג מיטן כ' לייוויק און מיט די אלע, וואָס וועלן גיין נאָך אים" (דער טעקסט פון די ארויסטרעטונגען איז גענומען פונעם באריכט וועגן דעם לייוויק־אָוונט אין דער צײַטונג „אָקטיאבער", 17 יאנוואר 1926).

באָרוך גלאזמאן איז געקומען אין סאָוועטנפארבאנד א ביסל פריִער פון לייוויקן, קימאט גלײַכצײַטיק מיט ווינטשעווסקין. דער דאָזיקער שרײַבער איז נאָך געווען בא אונדז ווייניק באוווסט. צו דער אינפאָרמאציע וועגן זײַן קומען האָט די רעדאקציע פון „אָקטיאבער" צוגעגעבן פאָלגנדיקע באמערקונג: „כ' באָרוך גלאזמאן איז אן אָנגעזעענער ייִדישער ליטעראט פון אמעריקע, א מיטארבעטער פון דער קאָמוניסטישער „פרײַהײַט". ער איז געקומען אין סאָוועטנפארבאנד, קעדיי זיך צו באקאנען מיט דעם נײַעם לעבן פון די ייִדישע מאסן".

ב. גלאזמאן איז געקומען קיין מינסק אין אָנהייב יאנוואר 1925.

ער איז געווען אין סאָוועטנפארבאנד ארום א יאָר צײַט און האָט באזוכט זײַן געבורטשטעטל קאפאטקעוויטש אין פאָלעסיע, די ייִדישע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניעס, א ריי סאָוועטישע שטעט און רעפובליקן. אין מעשעך פון דער דאָזיקער צײַט איז בא אונדז ארויס זײַן בוך „שטיינוועבס", נאָוועלן, מאָסקווע 1925, און באלד נאָך זײַן אוועקפאָרן — „פאנאנדערפאל", דערציילונגען, קיִעוו, 1926. אין אמעריקע האָט ער ארויסגעלאָזט עטלעכע ביכער, געווידמעט זײַן דערפארונג אין סאָוועטנפארבאנד: „סטעפ און ייִשעוו (אײַנדרוקן פון א נעסיִע איבערן ראטנפארבאנד)", דעם ראָמאן „לענדער און לעבנס", אין וועלכן עס איז געשילדערט דאָס לעבן פון א מישפאָכע אין אמעריקע און אין סאָוועטן־רוסלאנד. אינעם ראָמאן פילט זיך די ווירקונג פון גלאזמאנס באזוכן זײַן געבורט־שטעטל אין ווײַס־רוסלאנד.

פונעם סאָוועטנפארבאנד איז ב. גלאזמאן אָפגעפאָרן קיין פוילן, ווו ער האָט פארבראכט עטלעכע יאָר. אף צוריקוועגס קיין אמעריקע, אין 1929, האָט ער אויך באזוכט פאריזש און איז דאָרט ארויסגעטראָטן מיט א פאָרטראָג וועגן דער ייִדישער ליטעראטור. עס איז קעדײַ צו ברענגען אייניקע אויסצוגן:

„איך בין פארעכנט... אין דער ייִדישער שרײַבער־וועלט אלס פעסימיסט. אָבער דער פעסימיזם, וועלכער איז בא מיר געבאָרן געוואָרן אין אמעריקע און אופגעוואקסן אין פוילן, איז אָפגעשטאָרבן אין רוסלאנד. אין רוסלאנד, ווו יעדעס יאָר, יעדער טאָג, און אפילע יעדע שאָ איז אן עפאָכע א גאנצע, איז נאריש צו ריידן וועגן פעסימיזם און אונטערגאנג...

די בעסטע ווערק אין דער ייִדישער ליטעראטור פונעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט האָבן ניט געשילדערט דעם ייִדישן מאסן־מענטש, דעם ארבעטער און האָרעפאשניק, נאָר דעם בעסמעדרעש, דעם ראבאָנישן הויף און דעם קליינשטעטלדיקן גוויר, דעם באלעגוף. אזוי — פערעץ אין זײַן „גאָלדענער קייט", אזוי — אש אין זײַן „שלוימע נאָגיד" און אין „שטעטל", אזוי — אָפאטאָשו אין די „פוילישע וועלדער", און אזוי — לייוויק אין „גוילעם". ערשט נאָך דער רוסישער רעוואָליוציע האָט זיך די דאָזיקע לאגע אין דער ייִדישער ליטעראטור אָנגעהויבן ענדערן. אונטער דער ווירקונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער הייבט אָן די ייִדישע ליטעראטור צוריקצוקערן זיך צו איר

מאָקער... ניט בעסמעדרעש־מיסטיק איז הײַנט דער אינהאלט פון דער ייִדישער ליטעראטור, נאָר דאָס אופגעברויזט, בונטאריש ארבעטער־לעבן; ניט דער ביאלער רעבע, נאָר „באַטווין", ניט „שלוימע נאָגיד", נאָר „הירש לעקערט" און ניט די ראָמאנטישע פארגאנגענהײַט פון די פוילישע וועלדער, נאָר די האָפענונגספולע צוקונפט פונעם „דניעפּראָבוי"... („אָקטיאבער", 20 יאנוואר 1929).

צום באדויערן, האָב איך ניט געהאט די מעגלעכקײַט צו באקאנען זיך מיט ב. גלאזמאנס ראָמאן „לענדער און לעבנס" און וועל זיך מוזן באנוגענען מיט דער ארויסזאָגונג פונעם אמעריקאנער ייִדישן קריטיקער און דיכטער בער גרין וועגן דעם דאָזיקן ראָמאן. אָט וואָס מיר לייענען אין זײַן בוך „ייִדישע שרײַבער אין אמעריקע": „דער נאָמען פונעם בוך „לענדער און לעבנס" (איז) ניט קיין פּרעטענציִעזער, נאָר א בעעמעס־בארעכטיקטער. פאר אונדזערע אויגן גייען טאקע דורך לעבעדיקע שילדערונגען פון צוויי דורכויס פארשיידענע לענדער — אמעריקע און סאָוועטנלאנד — און מענטשן, לעבנס גאנץ פארשיידענע: מיט אן אנדער סוויווע, מיט אן אנדער צוגאנג צו זאכן, מיט אן אנדער געדאנקענגאנג. פון איין זײַט: דער טעמפּער פארשוין בונעם, וועלכער איז נאָך מער פארטעמפּט געוואָרן, פארדאָלאריזירט געוואָרן אין א סוויווע, ווו דער דאָלער איז איבער אלץ — בונעם מיט זײַנע פארגעניגנס (א באנקביכל, קאָוועד און סאָסאיעטי, מוּוויס, ווײַבער), פון דער צווייטער זײַט: סטערע און אירע קינדער. א פולשטענדיקער איבערבראָך אין לעבנס־באנעם פון מענטשן. גײַסט פון קאָלעקטיוויזם. נײַ־געבאָרענע מענטשן אָדער מענטשן אין איבערדערציִונג. סטערע (אויסגעצייכנט געשילדערט) שטייט פאר אונדז ווי דער פּראָטאָטיפּ פון דער נײַער סאָציִאליסטישער פרוי. איר איז ליב און אייגן דער קאָלעקטיוו, ווו זי ארבעט. איר ארבעט טוט זי געטרײַ און איבערגעגעבן. פון איר אָטעמט מיט סאָוועטישער פּאָשעטקײַט און געזונטקײַט — דער אָטעם פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. איר און אירע קינדער — דערצויגענע אין נײַעם גײַסט — איז ליב דאָס סאָוועטישע, ליב דאָס לאנד, וואָס בויט דעם סאָציִאליזם. צוזאמען לייגן זיי צו א האנט צו אָט דער בויונג. אָט דער צוגאנג פּאָטויפּעט זיך ניט אין בונעמס פארפעטעוועטן מויעך. א פרעמדער קערט ער זיך אום צוריק אין זײַן דאָלארן־סוויווע, ווו ער פילט זיך היימישער. אף אייביק פארלאָזט ער זײַן בלוט־און־פלייש, וואָס איז אים פון אָפּגעפרעמדט געוואָרן"...

אן אומדערווארטער גאסט איז בא אונדז געווען ייִסראָעל־יעהוישוע זינגער, וועלכער איז אויך געקומען פון די ערשטע — אין 1926. ער האָט דאן מיטגעארבעט אין „פאָרווערטס". קיין ביכער האָט ער בא אונדז ניט ארויסגעלאָזט. ער איז ביכלאל געווען א מענטש אן אײַנגעהאלטענער. זײַנע געדאנקען, געפילן, שטימונגען האָט ער געהאלטן „אין זיך". ער האָט זיך געהאט אף וואָס צו פארטראכטן, ווײַל אין דער צײַט פונעם בירגערקריג איז ער געווען אין סאָוועטנפארבאנד, און ער האָט געהאט מיט וואָס צו פארגלײַכן. ער האָט אין אויסלאנד ארויסגעלאָזט א בוך „נײַ־רוסלאנד (בילדער פון א רײַזע אין סאָוועטנפארבאנד)" און א ראָמאן „שטאָל און אײַזן", ווו עס זײַנען דאָ מאָטיוון פונעם בירגערקריג אין אוקראַיִנע.

מיט י.־י. זינגערן בין איך געווען פערזענלעך באקאנט, און ווען מיר האָבן זיך באגעגנט אין מינסק, האָבן מיר געהאט זיך וואָס צו דערמאָנען. איך האָב מיט אים געארבעט אין איין דרוקערײַ אין קיִעוו, אף דער „באָלשאיא וואָסילקאָווסקאיא", אין דער צײַטונג „די קאָמוניסטישע פאָן". ער — ווי א קאָרעקטאָר, און איך — אלס זעצער. אף וויפל איך געדענק, פלעגט ער וועגן זיך ריידן, ווי וועגן א מענטש „א נייטראלן". ער האָט דאן „שטילערהייט" זיך פארנומען מיט ליטערארישער ארבעט, אפילע אָפּגעדרוקט אין דעם קיִעווער סאָוועטישן ייִדישן זשורנאל „באגינען" א סאָציִאל־פארשארפטע דערציילונג „אין וואלד". און אויך אָנגעשריבן די דערציילונג „פערל", וועלכע מע האָט ניט געוואָלט דרוקן ניט אין מאָסקווע, ניט אין ווארשע, בלויז דער „פאָרווערטס" פון אמעריקע האָט זי אופגעהויבן אפן פיעדעסטאל.

נאָר דאָס לאָז איך דערווײַל איבער, ווי מע זאָגט, „פאר די קריטיקער". איצט אינטערעסירט מיך עפּעס אנדערש. איך וויל געפינען יענץ „פרוזשינקעלע", וואָס האָט אזוי פרי געבראכט זינגערן צוריק אין סאָוועטנפארבאנד ווי א גאסט. צי איז טאקע זינגער געווען א צופעליקער גאסט און צי איז ער געווען גאָר נייטראל, ווען ער האָט געלעבט אין קיִעוו, געארבעט אין דער „קאָמוניסטישער פאָן"? צי איז ביכלאל מעגלעך געווען אין יענע יאָרן צו זײַן נייטראל? פארשטייט זיך, אז ניין. און ס'איז ניט צופעליק, וואָס זינגער איז געקומען צו אונדז ווי א שטיקל „קאָרעוו". א ביסל אן „אָרעמער" (כאָטש ער איז גראָד געווען אָנגעטאָן אין א פרעכטיקן העלן אָנצוג, וואָס האָט דאן אף אונדזער אוילעם געמאכט דעם געהעריקן אײַנדרוק), אָבער דאָך א קאָרעוו. מיר געדענקט זיך אפילע, אז זינגער אליין האָט ערגעץ שפּעטער באשריבן דעם דאָזיקן „אײַנדרוק". ער האָט בא אונדז דאן ניט איבערגעלאָזט קיין ליטעראריש „וויזיט־קארטל". דערפאר האָט ער אָבער אוועקגעפירט גוטע מאטאָנעס פון דעם רײַכן קאָרעוו (וועלכער איז דאן געווען גראָדע „שלעכט אָנגעטאָן") — פרישן שטאָף פאר נײַע ביכער, און שוין דאפקע ניט קיין נייטראלע. זיי זײַנען אינגיכן דערשינען אין אויסלאנד (זע אויבן), שוין ווי א „סאָוועטיזירט" וויזיט־קארטל.

מוישע נאדיר איז געקומען צו אונדז צוגאסט קימאט אין איין צײַט מיט י.־י. זינגערן — אין 1926. ער האָט זיך אָפּט געדרוקט אין דער סאָ־

וועטישער פרעסע, און אויך אין דער „פרײַהײַט" האָט ער אָפט געשריבן וועגן זײַנע וועגאײַנדרוקן. בײס ער איז בא אונדז געוועזן און נאָך זײַן אָפּפאָרן זײַנען אין סאָוועטנפארבאנד דערשינען זײַנע ביכער — די הומאָרעסקע „פון מיר צו דיר", קיִעוו, 1927, און די „געקליבענע ווערק", מיט אן ארײַנפיר און באמערקונגען פון פראָפ. ש. בילאָוו, קיִעוו — כארקאָוו, 1937.

קימאט א יאָר צײַט האָט נאדיר געלעבט אין סאָוועטנפארבאנד. אים זײַנען געוועזן געווידמעט א רײ ליטערארישע אָוונטן אין פארשײדענע שטעט, וועלכע זײַנען דורכגעגאנגען מיט גרויס דערפאָלג. דער ייִדישער סאָוועטישער לײענער און די שרײַבער האָבן נאדירן ליב באקומען, ווי אן אײגענעם, און זיך הארציק מיט אים געזעגנט בא זײַן אוועקפאָרן. עס איז קעדײַ זיך אָפּשטעלן אָף מוישע נאדירס ארויסזאָגונגען, ווי מיר האָבן עס געטאָן און וועלן ווײַטער טאָן בענעגײַע אנדערע געסט, וועלכע האָבן אונדז געבראכט און איבערגעגעבן זײערע „וויזיט־קארטלעך".

דעם 11 אווגוסט איז נאדיר געקומען קײן מינסק. וועגן דעם האָט געמאָלדן דער „אָקטיאבער", דרוקנדיק אויך אן אנאָנס, אז דעם 13־טן וועט אין לעניך־קלוב פאָרקומען אן אָוונט, אָף וועלכן דער באוווּסטער ייִדישער שרײַבער מוישע נאדיר וועט האלטן א פאָרטראָג אָף דער טעמע: „פון ניו־יאָרק ביז מינסק". נאָכן פאָרטראָג — ארויסטרעטונגען.

אינעם נומער 182 פונעם „אָקטיאבער" פארן 1926 איז אויך אָפּגעדרוקט א שמועס פון מוישע נאדירן מיט א מיטארבעטער פון דער צײַטונג. דער הויפּט־ציל פון נאדירס רײַזע אין סאָוועטנפארבאנד איז צו „זען, ווי עס בויען זיך די פיר ווענט פון אײַער לאנד, זען, ווי עס בויט זיך דאָס נײַע לעבן אין סאָוועטנפארבאנד ביכלאל און דאָס ייִדישע לעבן ביפראט..."

אגעוו, באמערקט נאדיר, האָט ער דער ערשטער זיך אָפּגערופן אָף דער ווענדונג פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער וועגן אונטערהאלטן די ייִדישע קאָלאָניזאציע אין סאָוועטנפארבאנד. „האָב איך טאקע באשלאָסן מײַן ענטפער אָף דעם אופרוף באגלײטן מיט מײַן פערזענלעכן קומען... איך האָב דאָ בעדײַע צו באזוכן די נײַע ייִדישע ייִשוּווים, די ייִדישע שטעטלעך און ביכלאל באקענען זיך גרינטלעך מיטן ייִדישן לעבן אין סאָוועטנפארבאנד". קײן מינסק קומט ער איצט פון פוילן, ווו ער האָט פארבראכט א וואָכן פיר... ארײַנפאלן פונעם פאנסקן פוילן אין סאָוועטנפארבאנד איז פונקט אזוי ווי ארײַנפאלן פון גענעם אין גאניידן... „רוסלאנד, — פארענדיקט נאדיר, — איז בא מיר דאָס הײליקע לאנד". דער גאסט האָט געמאכט א שפאציר איבער מינסק צוזאמען מיטן קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג, געוועזן אין אן אָפּרו־הויז פאר ארבעטער, געשמועסט מיט די דאָקטוירים און אָפּרוענדיקע, דערנאָך אין א נאכט־סטאציאָנאר פאר שווינדזוכטיקע ארבעטער, אין לעניך־קלוב. זיך נאָכגעפרעגט באם ביבליאָטעקער וועגן די ביכער, אָף וועלכע ס'איז דאָ א נאָכפרעג, זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלײניקײַט פון אונדזער קולטור־בויווּנג („אָקטיאבער", נומ. 183).

אין דעם נומער פונעם 15 אווגוסט איז אָפּגעדרוקט א באריכט פון דעם גרויסן נאדיר־אָוונט אין לעניך־קלוב דעם 13 אווגוסט. דער זאל איז געוועזן איבערפולט. נאדיר איז ארויסגעטראָטן מיט א רעדע. ער האָט דערצײלט וועגן אמעריקע, וועגן דעם „גאָלדענעם לאנד", אין וועלכן עס איז שווער זיך צו אײַנוואקסן, ווײַל די קלאסן־קעגנזאצן זײַנען צו בוילעט, צו שארף.

„אין הײפעך צו אײניקע ייִדישע שרײַבער, האָב איך קײנמאָל זיך ניט געשוואָרן די ייִדישע ארבעטער אין ליבע און טרײַהײַט. כ'האָב זײ קײנמאָל ניט געזאָגט: כ'האָב אײַך ליב, ווײַל ווער זײַנען מיר, שרײַבער, און זײ — די ארבעטער? זײַנען מיר דען ניט אלע ווי אײנער מענטשן פון פאָלק, מענטשן, וואָס זײַנען ארויסגעוואקסן פונעם פאָלק? זײַנען דען ניט די יעסורים פון די ארבעטער — אונדזערע יעסורים, זײַנען מיר דען ניט פון אײן בלוט און פלײש?..

איך דארפט וויסן, אז די אינפאָרמאציעס וועגן סאָוועטנפארבאנד אין אויסלאנד זײַנען די פאלשסטע. אין אמעריקע און אין דער גאנצער וועלט איז נאָך אויך איצט פאָפּולער די לעגענדע וועגן דער אָרעמקײַט אין אײַער לאנד. פאר מײַן אָפּפאָרן פון פוילן האָט מיר אײנער א באקאנטער געזאָגט: „פאָרסט אין סאָוועטנפארבאנד, נעם מיט זיך א לעבל ברויט, זאלץ און ביכלאל „צײדאָ לאדערעך", עס זאָל דיר, כאָלילע, ניט אויסקומען צו הונגערן אין סאָוועטנרוסלאנד..." די בעסערע אמעריקאנישע און ייִדישע שרײַבער זײַנען מיט אײַך, די ערלעכסטע צווישן די ייִדישע קינסטלער האָבן געהערט דעם עכאָ, דעם ווידערקלאנג פון אײַער רוף און האָבן זיך אָפּגערופן אָף אים.

בא אײַך אין סאָוועטנפארבאנד איז איצט זײער פאָפּולער דאָס וואָרט „אמעריקאניזאציע". איך קאָן אײַך דערצײלן די מײַלעס פונעם „פאָרדיזם", פון דער „אמעריקאניזאציע". אין אמעריקע לעבט מען „קאָמפאָרטאבעל". אפילע א סאך ארבעטער לעבן „אין קאָמפאָרט". אָבער מע שלאָגט זיך ארויס פון די קויכעס צוליב דער קאָמפאָרטאבלקײַט. אין אמעריקע עקזיסטירט ניט דער מענטש, דער מענטש עקזיסטירט דאָרט נאָר צוליב דער מאשין... אמעריקע איז איצט א לאנד אָן אן אידײע. די אמאָליקע פארב פון איר פאָן איז אָפּגעקראָכן. פון דער אמאָליקער אידײע־פּיקס פון אמעריקע — פרײַהײַט און דעמאָקראטיע — איז קײן זײכער ניט געבליבן... אזא אידײע איז פאראן איצט נאָר בא אײַך אין לאנד, אין פססר".

נאדיר רעדט וועגן זײַן באציִונג צו קונסט. ער האלט ניט פון קונסט לעשעם קונסט. ער האלט פון קונסט לעשעם לעבן, לעשעם פרײד

און נאכעס, פון קונסט לעשעם בויען א נײַ לעבן, א שענערס איידער דאָס איצטיקע.

ביכלאל, זאָגט נאדיר, האָבן מיר פארוואנדלט קונסט אין אן איבערגעטריבענעם פעטיש — „דאָס איז די מיינונג פון דער אָרגאניזאציע, וועלכע הייסט מוישע נאדיר".

נאדיר דערציילט אינקורצן וועגן דער לאגע פון די ייִדישע ליטעראטן אין אמעריקע: „ווען מע האָט געפײַערט אווראָם רייזענס א יובילײ, האָט ער, בא זײַן גאנצער פּאָפּוליאריטעט, בא אלע זײַנע פארדינסטן, ניט געהאט מיט וואָס צו באצאָלן דירע־געלט דער באלעבאָסטע. בא אײַך באקומט דער יונגער קינסטלער כאריק פאר זײַן ארבעט אפן געביט פון בויען די ייִדישע קולטור — א סובסידיע פון דער רעגירונג".

צום סאָף פארזיכערט מ. נאדיר, אז זײַן עקסטאז־באגײַסטערונג פארן סאָוועטנפארבאנד — דאָס איז די באגײַסטערונג פון טויזנטער אמעריקאנער ארבעטער, וועלכע ריידן מיט זײַן מויל.

אין „אָקטיאבער" פארן 30 סענטיאבער און 1 דעקאבער איז פּובליקירט נאדירס אן ארטיקל „מ'קען זינדיקן". מיר וועלן ברענגען פון דאָרטן אייניקע טשיקאווע, עכט־נאדירישע ערטער וועגן זײַן רײַזע אין סאָוועטנפארבאנד.

„ווען פרײַנט און קאָלעגן זײַנען געוויר געוואָרן, אז איך האלט אין פאָרן קיין סאָוועטנרוסלאנד, זײַנען זיי געקומען צו גיין און מיר געגעבן אלערליי אייצעס־טויוועס. לייוויק האָט מיר געראטן, איך זאָל לעמאנאשעם מיטנעמען זייף. אָפּאטאָשו האָט מיר געראטן, איך זאָל מיר פארשפּילען די קעשענעס מיט אמעריקאנישע שוצנאָדלען (גראפּקעס). אָבער די בעסטע אייצע האָט מען מיר געגעבן אין פּוילן: „איר פאָרט, — האָט מיר געזאָגט א באקאנטער ווארשעווער גאָלד־סויכער, — אין א לאנד, וווּ מענטשן גייען ארום פארווילדעוועט — מיט בערד ביז צו דר'ערד. שערט זיך אָפּ בא „היינעשעק" אין ווארשע. שערט זיך אָפּ עטלעכע מאָל דורכאנאנד, קעדיי עס זאָל קלעקן אף דער גאנצער צײַט, וואָס איר וועט זיך מוזן מוטשען, נעבעך, אין דעם לאנד".

אָבער נאָך קליגערע אייצעס האָט מיר געגעבן א שטיקל שרײַבער פון א ווארשעווער בלאט:

— דו פאָרסט, מײַן קינד, — האָט ער גערעדט צו מיר ווי א טאטע, — אין אן אויסגעהונגערט לאנד ארײַן, עס זיך גוט אָן דאָ, איידער דו פאָרסט אוועק, קויף דיר א קישן מיט א לײַלעך, אניט וועסטו דאָרט ניט האָבן אף וואָס צו שלאָפן. ווען דו וואָלסט קענען מיטנעמען א בעטל, וואָלט ג'עווען נאָך בעסער, נאָר דאָס איז שוין צו שווער. דער איקער, — מאכט ער, — וואָלט איך דיר געראטן, מײַן קינד (ער זאָגט שטענדיק „מײַן קינד", אפילע צו הילעל ציטלינען), אויב דו מוזט שוין אומבאדינגט פאָרן קיין סאָוועטנרוסלאנד, טאָ... פאָלג מיך און פאָר ניט. וואָס וועסטו דאָרטן אין רוסלאנד טאָן, וואָס פארא פארגעניגנס וועסטו דאָרט האָבן? — אז זינדיקן קאָן מען דאָרט ניט?!"

ער האָט עס מיר שפּעטער צעקײַעט אף שיטער: „דו פארשטייסט, מײַן קינד, אין סאָוועטנפארבאנד איז ניטאָ קיין „מ'טאָר ניט", און אז מע טאָר אלצדינג — האָט עס שוין, מײַן קינד, קיין טאַם ניט, — ווײַל דעריקער, ווי מיר ווייסן, איז דאָך אין דער זינד דאָס געפיל, אז מ'טאָר ניט, וואָרעם (מאכט ער צו מיר און גיט א קעם דאָס שווארצע זומער־פייגעלע אונטער דער נאָז, וואָס ער רופט עס „באָנטשע"), אז דאָס זאלץ פארלירט זײַן טאַם, האָט מען דאָך ניט מיט וואָס צו באזאלצן... נעם, מײַן קינד, — מאכט ער, — אשטייגער, אמעריקע; זאָגסט דאָך אליין, אז דאָרטן טרינקט מען הײַנט מער ווי טאָמיד. איאָ? פארוואָס? ווײַל מע טאָר ניט, פארשטייסט? קום, מײַן קינד, וועלן מיר טרינקען „שאדלע מלעקע" (זויערמילך) און עס איבערשמועסן"...

מיר האָבן עס לאנג איבערגעשמועסט בא א טישל אין קאוויארניע. דאָס נעמלעכע קאווע־הויז — רעסטאָראנעלע — איז געווען ארומגעשטאכעטלט מיט גרינע שטאכעטן. דאָס האָט געהאט דעם טאַם פון א זעץ אין עלנבויגן. דאָס ברויט איז געווען „לעפּקע", די קארטאָפּליעס זײַנען בלאָ און ווײַס, און זיס און נודנע... דורך די שטאכעטן האָבן זיך געשטרעקט הענט פון בעטלער: „א נעדאָווע, פּראָשע פּאַניע — א נעדאָווע... א שטיקעלע ברויט דערלאנגט ארויס דורך די שטאכעטלעך, וועט אײַך גאָט בענטשן..."

נאָכן עסן האָט מײַן קאָלעגע געוואָלט בענטשן, נאָר עס איז ניט געווען צוליב וואָס, האָט ער א קוק געטאָן אף א פּוילישן זעלנער, וואָס איז פארבײַגעגאנגען, און געזאָגט:

— איצט וועל איך בענטשן און דאנקען גאָט... איך האָב שוין פארוואָס.

— פארוואָס?

— דו פרעגסט זיך נאָך „פארוואָס", — האָט ער געזאָגט. — אָט איז פארבײַגעגאנגען א פּוילישער זעלנער, און ער האָט מיר גאָרניט געטאָן"...

דעם זעלבן „שטיקל שרײַבער" שרײַבט נאדיר פון פּסקר:

„...און וועגן דעם, וואָס מ'קאָן דאָ ניט זינדיקן, שרײַב איך דיר, מײַן פרײַנט מיט דער קליינער, שאָפּעלער טשארלי־טשאפּלין־וואָנצע, אז דו האָסט (ווי קימאט איר אלע בענעגייע עס־עס־עס־ער) געהאט א טאָעס: ניט קיין העפקײרעס האָט זיך דאָ אײַנגעשטעלט, נאָר א טיפער, שווערער (שוין צו שווערער!) ערנסט, א פּראָקטיקײַט, א לעבנס־ריטואל, און ציטעריק ווערט ער געהיט, און פלאטערנדיק ווערט ער געשיצט, אָט דער נײַער נעס, וואָס הייסט: סאָוועטנפארבאנד.

עמעס איז: שווער איז דאָ א ביסל צו לעבן, ווײַל ס'איז אונדזער אייגנס.

דער כילעק, אשטייגער, פון דעם געפיל, וואָס איך לעב דאָ איבער, און, אשטייגער, דעם, וואָס איך לעב איבער אין אמעריקע, איז: ווי פון זיצן בא אן אייגענער פּיעסע, ביז זיצן בא א פרעמדער פּיעסע.

דאָ איז יעדער זאַך מײַנס. איך ציטער אַלץ, אַז די מוזיק מאַכט עפּשער אַ ביסל קאַליע. ווי גוט עס איז ניט, פֿיבערט אַלץ ס'האַרץ. דאַכט זיך: עפּשער וואָלט געקענט זײַן בעסער!

אין אַנדערע לענדער האָב איך ס'געפֿיל, אַז ס'איז גרינג און... פֿרעמד, און... אַ דײַגע מיר?! ס'איז זייער וועלט, זייער אָרדענונג — די וועלט פֿון די פּלישטים...

די „ברידערשאַפֿט", וואָס זייערע מילכיקע באַלדאַרשנס פּריידיקן, — איז די „ברידער־ליבע" פֿון קאַין און העוול.

דאָ איז שווערער, ווײַל ס'איז אייגענער. יעדער פֿעלער טוט וויי. יעדער פּרישטש ווערט אין געדאַנק פֿאַרגרעסערט ביז אַ בלאָטער.

ווײַל עס איז אונדזער פּרישטש, אויף אונדזער שיינעם, יונגן פּאָנעם... און פּרישטשעס זײַנען דאָ, סראָוו געבליבענע פֿון די אַלטע, מיִעסע קעסט, וואָס מיר האָבן געגעסן בײַ די צאַרן און בײַ די קלויסטערלעך. אָבער אַ טייל פּרישטשעס קומט שוין פֿון... הייסן בלוט, פֿון שלעכטער פֿאַרדײַונג.

די צײַט וועט ריייניקן, היילן. דאָס איז זיכער... די צײַט איז מיט אונדז. דער מאָרגן איז אײַנגעשפּאַנט אין אונדזער רײַטוואָגן..."

אין זײַן „אויפֿן ראַנד פֿון אָנהייב", וואָס איז אַרויס אין קיִעוו אין 1925, שרײַבט לייוויק: „יעדער פֿון אונדז דאַרף קומען אַהער און שטיין אונטערן מאָדנעם האָגל פֿון פֿראַגן, וואָרענונגען און מאָנונגען און רייצנדיקע אָנפֿאַלן, וועלכע שטאַמען סאָפּקאָלסאָף ניט פֿון ניט אַכטונג, נאָר, פֿאַרקערט — פֿון אַכטונג און צוטרוי, פֿון גרויסן פֿאַרלאַנג, מע זאָל זײַן מיט זיי; פֿון גרויסער בענקשאַפֿט נאָך יעדנס, יעדנס מיטהילף.

און ס'פֿאַרדריסט מיך זייער שטאַרק, און אויך יעדן פֿון די היגע שרײַבער פֿאַרדריסט, וואָס אָפּאַטאָשו, געפֿינענדיק זיך אין פּוילן... האָט אופּגעגעבן דעם געדאַנק צו פֿאָרן קיין רוסלאַנד, און איז אַוועק אַהיים קיין ניו־יאָרק. דער עמעס איז, אַז מע וואָלט אים אויפֿגענומען דאָ, ווי אַ גוטן אָנגעלייגטן גאַסט.

מע האָט אין אויסלאַנד קיין פֿאָרשטעלונג ניט קיין עמעסע פֿון דעם, וואָס דאָ טוט זיך, און סע דוכט זיך שיידים ווייסן וואָס... און אָפּאַטאָשו וואָלט זיכער באַדאַרפֿט דאָ זײַן. אָפּאַטאָשו מיט זײַן גרויסן פֿאַרנעם און שאַרפֿאויג האָט באַדאַרפֿט, געמוזט זען דאָס גרויסע, וואָס קומט דאָ פֿאָר..."

לייוויק האָט קיין טאָעס ניט געהאַט.

אָפּאַטאָשון האָט מען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אויפֿגענומען זייער וואַרעם (זײַן באַזוך איז פֿאָרגעקומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פֿון לייוויקס). דער בעסטער באַווײַז איז, וואָס ער איז געקומען אַהער אויך אַ צווייט מאָל — אין 1934. אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט ער אַרויסגעלאָזט עטלעכע ביכער, זייער נאָענטע צו אונדז לויטן גײַסט: „אַרום גרענד־סטריט. ראָמאַן", כאַרקאָוו, 1927; „אויף יענער זײַט בריק", כאַרקאָוו, 1929, צוויי אויפֿלאַגעס פֿון די „קוילנגרעבער". כאַרקאָוו, 1929, און מאָסקווע, 1939. ער איז בײַגעווען ווי אַ גאַסט אויף דער אַלפֿאַרבאַנדישער באַראַטונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

קיין מינסק איז אָפּאַטאָשו געקומען דעם 3 סענטיאַבער 1928 פֿון מאָסקווע, נאָך דעם, ווי ער האָט באַזוכט די ייִדישע קאָלאָניעס פֿון קרים און אוקראַיִנע. ער איז אויך געווען אין קיִעוו, כאַרקאָוו און אין אַנדערע שטעט. אין מינסק האָט ער געווײַלט עטלעכע טעג, און פֿונדאַנען איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק.

פֿאַר זײַן אַוועקפֿאָרן איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט אין זאַל פֿונעם בילדונג־הויז.

אָפּאַטאָשו האָט איבערגעגעבן אין אַ שמועס זײַנע באַגײַסטערטע אײַנדרוקן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ער האַלט פֿאַר אַ מיספֿאַרשטייעניש די דערקלערונג פֿון שאָלעם אַש, אַז אין פֿססר איז „ניטאָ קיין ייִדישע ליטעראַטור". די ייִדישע ליטעראַטור האָט אין ערגעץ ניט אַזאַ באָדן ווי דאָ („אָקטיאַבער", 5 סענטיאַבער 1928).

אין דער צײַטונג פֿונעם 9 סענטיאַבער זײַנען 2 זײַטן אָפּגעגעבן פֿאַרן באַריכט וועגן דעם ליטעראַרישן מאַסן־אָוונט אין בילדונג־הויז.

דעם אָוונט האָט געעפֿנט דונעץ. אָפּאַטאָשו האָט דורכגעלייענט אייניקע פֿון זײַנע ווערק: „קוילנגרעבער", „באַם ראָוו", „אין אַ פֿערדן־שטאַל", „פֿיר נעגערס". אים האָבן באַגריסט מ. דאַניִעל (מייעראָוויטש), ראַפּאַלסקי, כאַריק, אָשעראָוויטש, אַגורסקי, אַקסעלראָד, ראַווין (אַ לערער).

אין 1927, קימאַט מיט אַ יאָר פֿאַר אווראָם רייזענס קומען קיין פֿססר, האָט דער „אָקטיאַבער" אָפּגעדרוקט „אַ קאַפּיטל זיכרוינעס וועגן די רייזענס" פֿונעם עלטערן שרײַבער יאַקנעהאָז, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ לערער אין רייזענס שטעטל קאָידענאָוו. שוין דאַן אַ באַוווּסטער העברעיִשער שרײַבער, איז יאַקנעהאָז געווען דער ערשטער ליטעראַרישער לערער פֿונעם יונגן רייזען. אין זײַנע „עפּיזאָדן פֿון מײַן לעבן" שרײַבט אווראָם רייזען: „די נײַס, אַז יאַקנעהאָז איז געקומען קיין קאָידענאָוו, האָט געבראַכט דער פֿאָטער מײַנער אין אָנהייב זמאַן. ס'איז געווען אַ פּאָר טעג נאָך סוקעס. דער מיסכער פֿון טוווּע הייבט זיך אָן, נאָר מײַן פֿאָטער איז שטאַרק צערודערט. ער דערציילט, אַז באַם גרויסן טוווּע־סויכער האָט ער געטראָפֿן יאַקנעהאָזן, אַ העברעיִשן שרײַבער. ער האָט זיך מיט אים צערעדט — אַ מענטש ווי אַלע... און ס'איז אַ סוואָרע, אַז ער זאָל ווינען לעבן אונדז, טאַקע באַם טאַטנס ברודער, הירש דעם לאַמדן — אין דער הינטערשטער שטוב. דאָרטן וועט ער אויך האָבן דעם כיידער.

און אַזוי איז טאַקע געווען. יאַקנעהאָז, אָדער מיט זײַן ריכטיקן נאָמען יעשאַיאָהו־ניסן האַקויהען גאָלדבערג, וואָס איז דעמלט שוין געווען באַרימט בײַ די העברעיִשע לייענער, איז אין לעבן אַ גאַנץ געוויינלעכער יונגערמאַן, אַ

שעמעוודיקער, א צוריקגעהאלטענער, קען, דאכט זיך, קיין צוויי ניט ציילן. און אזוי־ווי פון זיין שרייבן אליין קען ער ניט האָבן קיין פּאַרנאָסע, האָבן אים די קאָידענעווער עטלעכע רייכע באלעבאטים און מאסקילים אראָפּגעבראכט פאר זייערע קינדער צו לערנען מיט זיי אי געמאָרע, אי העברעיש. ס׳האָט געהייסן — א האלבער לערער און א האלבער מעלאמעד".

ווייטער לייענען מיר בא רייזענען אין די „עפּיזאָדן": „האגאם איך באשעפטיק זיך שוין מיט לערעריי און האָב דערווייל עטלעכע שטונדן אין גאס, בא די נאָענטע שכיינים, נאָר דער הויפּט־ציל מיינער איז ליטעראטור. בא יאקנעהאָזן אין צימער, ווּהין איך קום עטלעכע מאָל א טאָג, שוויבלט און גריבלט מיט ליטעראטור, ליטעראַרישע נייעס, ליטעראַרישע רעכילעס אפילע".

קלאָר, אז יאקנעהאָז האָט געהאט וואָס צו דערציילן און וואָס צו דערמאָנען זיך, כאָטש אין דעם געדרוקטן קאַפּיטל איז געשילדערט בלויז א זייטיקער עפּיזאָד וועגן די רייזענס ביכלאל.

אין „אָקטיאבער" נום. 283 פאַרן 1928 איז פּובליקירט רייזענס א נאָוועלע „דער פּאָליטישער", און אין דער ליטעראַרישער זייט פונעם נום. 294 האָט איזי כאריק פארעפנטלעכט א ליד „צו אווראָם רייזענען":

מינסק — מיין פרייד און מינסק —
מיין טרויער,
מינסק — דו רויטער גרענעץ־פּאַס,
דורך דיין ברייט צעפּראלטן טויער
גיי איך אופנעמען דעם גאסט...
הארציק־דורכזיכטיקער דיכטער,
מ׳זאָגט: דו הערסט זיך אין מיין ליד,
כ׳ווייס אליין ניט, עפשער ריכטיק,
עפשער יאָ און עפשער ניט...
ס׳ווילט זיך איינס: מע זאָל מיך ליבן,
ווי מע האָט דיך שטענדיק ליב.

אין נעגאָרעלאָיע איז ארויסגעפאָרן א ספּעציעלע דעלעגאציע פון יידישע און ווייסרוסישע שרייבער אין באשטאנד פון די חח׳ אגורסקי, איזי כאריק, מוישע קולבאק, לימאנאָווסקי (ווייסרוסישער שרייבער) און אנד. פון רייזענס געבורט־שטעטל זיינען געקומען 50 מענטשן — ארבעטער, קוסטארן, טוער פון ראַיקאָם פון דער פּארטיי, פונעם ראַיִספּירקאָם, לערער און שילער פון דער יידישער שול. אפן וואָקזאל איז דורכגעפירט געוואָרן א קורצער מיטינג. רייזען האָט געזאָגט, אז ער איז „איבעראשט פון דער נייקייט, וואָס שוועבט איבער אלץ און אלעמען". „באזונדערס בין איך גערירט פון די ארויסטרעטונגען פון די ווייסרוסישע כאווירים. די ווייסרוסן זיינען אלעמאָל געווען פריינט פון די יידישע האָרעפּאשניקעס..."

אפן מינסקער וואָקזאל, ניט געקוקט אף דעם, וואָס ס׳איז שוין געווען 2 אזייגער באנאכט, זיינען אף דער פּלאטפאָרמע געשטאנען הונדערטער מענטשן: דעלעגאציעס פון די פּראָפאַריינען, פון דער קוסטארן־געזעלשאפט, ארבקאָרן, פּרעסע־טוער, שרייבער.

— איך בין געקומען צו אייך יונג ווערן! — שרייט אויס רייזען אפן מיטינג.

אין קולטור־הויז איז איינגעאָרדנט געוואָרן א גראנדיעזער רייזען־אָוונט. וועגן אים איז אין „אָקטיאבער" נום. 299 אָפּגעדרוקט א גענויער באריכט. עס האָבן גערעדט אָשעראָוויטש, אָרשאנסקי, באראשקאָ, באליצקי (די לעצטע צוויי פון דער ווייסרוסישער געזעלשאפטלעכקייט), דונעץ, אגורסקי. מיט באגריסונגען טרעטן ארויס: דזמיטראָק ביאדוליא (ווייסרוסישער שרייבער), פּאסינאָווסקי (שטאָט־סאָוועט), זאכארעוויטש („אָקטיאבער"־ארבקאָרן), סערעבריאני (פון די מינסקער דרוקער), טאבייניק (פּראָפאראט), פּערסקי (קוסטארן). איזי כאריק האָט דורכגעלייענט זיין ליד, געווידמעט רייזענען.

מיר גיבן דאָ אן אויסצוג פון רייזענס ענטפער־רעדע:

„מיינע טייערע כאווירים און לאנדסלייט! איך בין גערירט פון דעם קאבאָלעס־פּאָנעם. ווייניק זאָגן גערירט. איך פארמאָג נאָך ניט דערווייל דאָס פּאסיקע וואָרט אף אויסצודריקן אלע מיינע געפילן. דער שענסטער מאָמענט פון היינטיקן אָוונט איז געווען, ווען די כאווירים, ווייסרוסישע דיכטער און דער פאָלקסקאָמיסאר פאר בילדונג כאווער באליצקי האָבן גערעדט. דאָס איז געווען דער סימוואָל פון פארברידערונג... איך ווייס, אז איר גייט צו א גרויסן זיג, און אף דעם וועג האָט איר שוין א סאך דערגרייכט. איר האָט באפרייט דעם מענטשן פון אונטערדריקער. דער אמאָליקער באלעבאָס איז אָפּגעשאפן געוואָרן. עס איז געבליבן דער נייער הערשער, און דער דאָזיקער הערשער איז ניט קיין שלעכטער, ער דריקט ניט, פאר אים האָט מען קיין מוירע ניט. אָט די נייע הערשער באגריס איך. מיר וועט נאָך אויסקומען מיט אייך צו ריידן. איך האָב ניט קיין פּאסיקע ווערטער איצט צו ענטפערן. דאָס ריכטיקע וואָרט וועל איך זאָגן שפּעטער, ווען איך וועל קומען דערציילן וועגן אייער שיינקייט, ליבע כאווירים".

די יידסעקציע פון בעלאפּפּ האָט אָרגאניזירט א באנקעט, אף וועלכן עס זיינען בייגעווען אלע שרייבער פון מינסק. די דיכטער האָבן געלייענט זייערע לידער. רייזען האָט אין זיין וואָרט באזונדערס געלויבט די ראפּינירטקייט פון וואָרט און די נייע מאָטיוון, וואָס זיינען פאראן אין דער ליד פון די יידישע סאָוועטישע שרייבער. „עס ווערט באשטעטיקט מיין געדאנק, אז די נייע יידישע דיכטונג קומט פון סאָוועטנפארבאנד..."

פון מינסק איז רייזען אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע. פארן אָפּפאָר האָט ער נאָך געהאט א ספּעציעלע באגעגעניש מיט דער ארבעטער־יוגנט אין קלוב „קים", א קינדער־פרימאָרגן אין די יידישע שולן. ער איז ארויסגעטראָטן אף א גרויסן אינטערנאציאָנאלן אָוונט, ווו ער

איז באַגעגנט געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָ־
דיסמענטן, כאָטש דער גרעסטער טייל פונעם
אוילעם איז געווען א ווײַסרוסישער.

דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג פון דער
ווײַסרוסישער רעפובליק באַליצקי האָט אַף
איינעם פון די אָוונטן געזאָגט: „איך וואָלט
זייער וועלן, אַז רייזען, וועלכער איז אַליין א
געבוירענער פון ווײַסרוסלאַנד, זאָל אין זײַנע
נײַע שאַפונגען אָפּשפּיגלען דאָס נײַע לעבן פון
די ווײַסרוסישע האָרעפּאַשנע מאַסן" („אָקטיאַ־
בער", 6 יאַנוואַר 1929).

פון רייזענס באַגעגענישן אין אַנדערע שטעט
איז קעדײַ צו דערמאָנען דעם אָוונט אין דער
הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע כאַרקאָוו, אַף וועלכן
עס איז, צווישן אַנדערס, פאָרגעלייענט געוואָרן
א בריוו פון איציק פעפערן צו אווראָם רייזע־
נען (פעפער האָט זיך דאַן געפונען אין בער־
לין):

סע ליגט נאָך אַלץ דער פראָסט אַף
מײַנע פענצטער,
נאָר מיר איז וואַרעם, ווען דו רעדסט
און ווען דו שפּאַסט,
פון אַלע געסט ביסטו באַ מיר דער
שענסטער,
ווײַל דו ביסט ניט קיין גאַסט.
דו ביסט א פרײַנט, אַן אייגענער, א
ברודער,
וואָס האָט מיט אונדז אין שלאַכט־
פעלד ניט גערוט.
און דײַנע הייכע רייזענישע לידער
קלינגען אין מײַן אומרו, אין מײַן
בלוט.
מע דאַרף איצט ניט קיין טאַסטן און
קיין פאַקלען,
דעם שרײַענדיקן גלאַנץ פון פוסטע
רייד,
מיר ברענגען הײַנט די טרוקענע
סאַכאַקלען,
און זע די ווערט פון וואַכעדיקער
פרייד.
כ'געדענק פון קינדווײַז אָן דעם ליבן
נאָמען,
ווען מײַן טאַטע האָט געטײַטלט אַף א
בוך:
טו א לייען נאָר, איציק, רייזענען
אווראָמען,
ער באַשרײַבט קאַפּצאָנים, וואָס
הונגערן ווי איך.
כ'האָב געלייענט, און ס'איז ביז
הײַנט געבליבן
דער קלאַנג פון „הוליעט, הוליעט"
נאָך ביז איצט.
און יעדער וואָרט, וואָס איז מיט
וויי געשריבן,
איז הײַנט אין אונדז באַ יעדערן
פאַרקריצט.
דײַן היים איז איצטער לויטערער און
יינגער,
דער הימל און דער וועג איז ניט
פאַרוויסט,
און דו, דער פרײַנט, דער ליבלעכער,
דער זינגער
פון אַלע מײַנע ברידער, זײַ געגריסט!

אַף דעם אָוונט אין כאַרקאָוו איז אַרויסגע־
טראָטן מיט א גרויסער רעדע דער דעמלטיקער
אוקראַיִנישער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג
סקריפּניק, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן,
אַז „מיר האָבן איין קולטור — די סאָוועטישע
קולטור, וואָס ווערט געשאַפן אַף פאַרשיידענע
שפּראַכן"...

אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען דערשינען רײַ־
זענס אויסגעוויילטע ווערק אין דרײַ בענדער
מיט פאָרווערטער פון מוישע קאַץ צו איטלעכן
באַנד; א בוך דערציילונגען איז אַרויס אין
דער סעריע „ביבליאָטעק פון יידישע שרײַ־
בער" מיט ליטוואַקאָווס אַן אַרײַנפיר; א זאַמ־
לונג לידער און דערציילונגען איז דערשינען
אין מינסק. דאָס אַלץ — אין 1929, ווען רייזען
איז נאָך געווען באַ אונדז. באַלד נאָך זײַן
אוועקפאָר, אין 1930, איז אַרויסגעגעבן גע־
וואָרן אין כאַרקאָוו א זאַמלונג נאָוועלן און
סקיצן אונטערן נאָמען „נויט".

רייזען האָט באַ אונדז אָנגעשריבן א רײַ נײַע
לידער און אָפט פובליקירט אין צײַטונגען און
זשורנאַלן אַלטע לידער און דערציילונגען.
אין דריטן באַנד פון זײַנע אויסגעוויילטע
ווערק איז פובליקירט א ליד וועגן לענינען
און „וועגן דער רוסישער ליד".
אין דער ליד „לענין" איז פאַראַן אַזוינע
שורעס:

פאַרוואָס האָט אים מײַן ליד פאַרשוויגן?
צי איז זײַן גײַסט געווען מיר ווײַט?
ער האָט געוועקט דעם נײַעם ניגן
פון נײַער וועלט און נײַער צײַט...

„וועגן דער רוסישער ליד":

די רוסישע ליד איז מיר ליב,
די ליד פון איר פאָלק און פאָעט,
זי קלינגט אַזוי פריידיק און טריב,
זי וועקט, און זי וויגט, און זי גלעט...
און זינגט זי פון קנעכטשאַפט און
צוואַנג —
צעגיסט זי זיך ברייט, ווי איר פעלד,
און זינגט זי איר פרײַהייט־געזאַנג —
דערשרעקט זיך און וועקט זיך די
וועלט...

ווען רייזען האָט זיך אומגעקערט אַהיים פו־
נעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט ער געהאַט אין
פאַריזש אַן אייגנאַרטיקן קאַבאַלעס־פּאַנעם.
די יידישע בירגערלעכע קינסטלער האָבן
באַאיקאָטירט דעם אָוונט, וואָס די יידישע אַר־
בעטערשאַפט האָט אײַנגעאָרדנט דעם דיכטער.
אָבער ניט געקוקט אַפן באַיקאָט, איז דער
אָוונט דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. עס
זײַנען בײַגעווען העכער טויזנט אַרבעטער און

ארבעטערס. ס׳זײַנען ארויסגעטראָטן פֿאַרשטייער פון דער „קולטור־ליגע״, פון דער רעדאקציע „ארבעטער־שטימע״, פון די שולן און שול־קאָמיטעטן. אווראָם רייזען האָט זיך געטיילט מיט זײַנע אײַנדרוקן וועגן סאָוועטנפארבאנד:

„א יידישער שרײַבער האָט אמאָל געשריבן בלויז פאר יידן. אין סאָוועטנפארבאנד איז עס אנדערש. א יידישער שרײַבער, וואָס שרײַבט און שאפט עפעס נוציקס, ווערט אופגענומען פונעם גאנצן פראָלעטאריאַט, סײַ פון דעם רוסישן, סײַ פון דעם יידישן און סײַ פון די אלע פעלקער, וואָס באוווינען דעם סאָוועטנפארבאנד.

מע האָט מיך אופגענומען מיט ליבע אומעטום. אוקראַינער, ווי יידן, ווי רוסן. אלע זײַנען געקומען מיך באגריסן.

יידיש איז דערהויבן געוואָרן צו א מעלוכעשפּראַך און איז פולשטענדיק גלײַכבארעכטיקט.

די יידישע ליד האָט געקראָגן פליגל. די יידישע דיכטער שעפּן פון א קוואַל, וואָס לאָזט זיך ניט אויס און איז שטענדיק פריש.

איזי כאריק און איציק פעפער גיבן שטייגער־לידער. כאריקס „מינסקער בלאָטעס״ איז א גרויס ווערק. זײַן עפּאָפּייע „מיט לײַב און לעבן״ גיט שוין דאָס נײַע לעבן.

דאָוויד האָפשטיין האָט אָנגערירט וועלטמאַטיוון. די וועלט דארף נאָך אים אנטדעקן.

די פּראָזע האָט ווייניקער דערפאָלגן, ווײַל פּראָזע פאָדערט רויִקייט. דאָך האָט די פּראָזע אזעלכע פארשטייער, ווי איציק קיפּניס, גאָדינער, דאַניִעל.

קונסט און קולטור ווערט זייער געשעצט אין סאָוועטנפארבאנד. א גוט ווערק דרוקט מען דאָרט, ווען עס איז אפילו מיט געוויסע אָפּנייגונגען״.

רייזען פארענדיקט:

„מע האָט מיך געבעטן זאָגן דעם עמעס. זאָג איך אײַך דעם עמעס: איך בין באגײַסטערט און פארוווּנדערט. זיי וועלן זיגן, ווײַל זיי זײַנען גערעכט״.

מײַן ציל איז דאָ געווען צו באווײַזן, וויאַזוי די סאָוועטישע ווירקלעכקײַט האָט פּאָזיטיוו געווירקט אף די יידישע שרײַבער פון אויסלאנד, וועלכע האָבן אים באזוכט, וויאַזוי ער האָט, לויט מוישע אָלגינס טרעפלעכן אויסדרוק, ארונטערגענומען א סאך „שאָלעכצן פון זייער נעשאָמע״. צום באדויערן, האָט אָפּט, נאָכן צוריק־קומען פון די שרײַבער אהיים, נאָכאמאָל גענומען ווירקן אף זיי די קאָמפּליצירטע סוויווע, פון וועלכער זיי זײַנען געקומען און ווּהין זיי האָבן זיך אומגעקערט. דער רעזולטאַט איז אין אזעלכע פאלן געווען א דערשטוינענדיקער: דער זעלבער שרײַבער, וועלכער האָט אין סאָוועטנפארבאנד עפנטלעך אראָפּגעוואָרפן פון זיך די „שאָלעכץ״ פון צווייפל, פארדאכט, אומגלויבן, איז, אומקערנדיק זיך קיין אמעריקע, ווידער ארײַן אין אָט דער „שאָלעכץ״ אונטערן דרוק פון פארשיידענע אומשטענדן. דאָס איז אָבער א טעמע פאר א שמועס וועגן אנדערע מינים „וויזיט־קאַרטלעך״. איצט האָב איך געהאַט א ציל צו באַווײַזן אף קאָנקרעטע בײַשפּילן די אופווירקונג אף די יידישע שרײַבער פון אויסלאנד, וועלכע עס האָט געהאַט זייער דירעקטער קאָנטאַקט מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, נאָכן בירגערקריג אין אונדזער לאַנד.

בראַניק

א באגעגעניש אין דער רעדאקציע „ביראָבידזשאַנער שטערן״

דער קריטיקער און פאָרשער פון יידישער ליטעראטור יִסראָעל סערעבריאַני האָט אין סענטיאַבער — אָקטיאַבער ד. י. באזוכט ביראָבידזשאַן לויטן אופטראַג פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״. אין דער רעדאקציע פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן״ איז פאָרגעקומען א שעפערישע באגעגעניש פון י. סערעבריאַני מיט די מיטגלידער פון דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פארייניקונג און מיט די מיטארבעטער פון די אָרטיקע צײַטונגען. דער גאַסט האָט דערציילט וועגן ליטעראַרישן לעבן אין דער הויפּטשטאָט און זיך געטיילט מיט זײַנע שעפערישע פּלענער.

■ ■ ■

מענטשן־זייער צײַט און זייער גורל

ישׂראל שקאַלניק

א זעלנער אין דער דיכטונג, א זעלנער אינעם לעבן

אין דער באַיארישער רומעניע איז מאָרדכע זעלנער געווען אין דער ייִדישער סוויווע א באַוווּסטער נאָמען. זײַנע לידער פֿלעגט ער אויך ניט זעלטן אונטערשרײַבן מיטן עמעסן פֿאַמיליע־נאָמען — שקאָלניק. אָבער קיין פּראָפֿעסיאָנעלער דיכטער איז ער ניט געוואָרן. ער איז געוואָרן א פּראָפֿעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער.

דער גורל האָט אונדז, מיך און מײַן ברודער מאָרדכע, ניט איין מאָל צעשיידט. מיך, אשטייגער, האָט עס אין סאָף פֿון די צוואַנציקער יאָרן פֿאַרוואָרפֿן ווײַט פֿון טשערנאָוויץ, ווּ עס האָבן געלעבט אונדזערע עלטערן. איך געדענק, ווי נאָך צוויי יאָר אָפּזײַן אין אויסלאַנד האָב איך זיך ווידער אומגעקערט אהיים, נאָר מאָרדכען האָב איך אין טשערנאָוויץ ניט געטראָפֿן. כ׳האָב געוווּסט, אז ער לערנט זיך אין קעשענעוו. נאָר דער טאַטע האָט מיט הארצווייטיק געזאָגט:

— ער האָט געוואָרפֿן זײַן לערנען, אריבערגעפֿאָרן קיין בוקארעשט און געוואָרן א וואָיאַזשאָר אין אן אײַזן־געשעפֿט...

אין א פּאָר כאַדאָשים ארום, אין אָקטיאבער 1931, איז דערשינען אין קעשענעוו דער ערשטער און דער לעצטער נומער פֿון דער צײַטשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור, קונסט און צײַטפֿראַגן „אָנזאָג", ווּ עס זײַנען געווען אָפּגעדרוקט מאָרדכע שקאָלניקס צוויי לידער. די ערשטע ליד האָט געהייסן „פֿאַרטאָג". אין איר האָט זיך גערעדט וועגן מענטשן מידע, וואָס האָבן „אויסגעוואַשן זייערע אויגן אין דעם פֿרישן טוי" און קוקנדיק אַף דער פֿאַבריק, „ארויסגעזיפֿצט א שטילן אוי". די צווייטע ליד האָט געהייסן „צו מײַן מאַמען". דער יונגער דיכטער האָט ארויסגעזאָגט זײַן באַגער זיך אינגאַנצן אָפּצוגעבן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז דעמלט געווען אין אונטערערד. עס איז ניט איבעריק דאָ צו דערמאָנען, אז אין דעם טאָג, ווען ראַשקעוו איז געוואָרן סאָוועטיש, ווי עס דערציילט יעכיעל שרײַבמאַן, איז אָפֿן ערשטן אָוונט, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אינעם קולטור־הויז פֿונעם שטעטל, דעקלאַמירט געוואָרן מאָרדכעס ליד „צו מײַן מאַמען". נאָר דאָס איז געשען קימאַט מיט א צענדליק יאָר שפּעטער, און דערווײַל...

פֿאָרנדיק אין דער מיליטער־טייל, וווּהין מ׳האָט מיך מאָביליזירט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין בוקארעשט און אָפּגעזוכט מאָרדכען, וועלכן כ׳האָב צוויי יאָר ניט געזען און צו וועלכן כ׳האָב איצט דערפֿילט א דאָפּלטיקע צוגעבונדנקײַט — איך אליין האָב דעמלט אויך געזינדיקט מיט דער פּען.

מאָרדכע האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט מיר, נאָר ווען איך האָב פֿאַרפֿירט א שמועס וועגן דעם, אז ס׳גייט צו נאַכט און איך וואָלט וועלן א ביסל זיך אָפּרוען פֿאַרן ווײַטערדיקן וועג, האָט ער מיר געענטפֿערט:

— שלאָפֿן וועסטו בא מײַנעם א באַקאַנטן. צו זיך אַף דער קוואַרטיר קאָן איך דיך ניט נעמען.

מער קיין רייד וועגן זײַן סוידעסדיקער וווינונג האָב איך ניט פֿאַרפֿירט. מיר איז קלאָר געוואָרן, אז ניט נאָר איך קאָן דאָרט ניט נעכטיקן, נאָר ער אליין שלאָפֿט דאָרט אויך זעלטן. אין א צײַט ארום, ווען איך בין געקומען אַף אורלויב אהיים, האָט מיר מײַן פֿאָטער דערציילט, אז מאָרדכע באַזוכט אָפֿט טשערנאָוויץ „צוליב זײַנע געשעפֿטן".

— וואָס זשע פֿאַר א געשעפֿטן האָט ער מיט טשערנאָוויץ?

— איך וויים? — האָט מײַן פֿאָטער א ציי געטאָן מיט די אַקסלען. — ער שרײַבט אונדז פֿריער אָן, ווען ער וועט קומען, און איך גיי אים

מאַרדכע זעלנער מיט זײַן פֿרוי

שטענדיק באַגעגענען באַם צוג. כ׳העלף אים טראָגן דעם שווערן טשעמאָדאַן, אַף אונטערצורײַסן זיך. און אַז איך פֿרעג אים: „וואָס האָסטו אַרײַנגעלייגט אַזאַ שווערס?“, ענטפֿערט ער: „מוסטערן פֿון אײַזן־אַרטיקלען, איך בין דאָך אַן אַגענט פֿון אַן אײַזן־געשעפֿט!“

— וויפֿל זשע טעג זיצט ער אָפּ באַ אײַך? — וויל איך וויסן.

— אַמאָל אַ טאָג, אַמאָל צוויי. דערנאָך פֿאָרט ער אַוועק אין די אַרומיקע שטעטלעך פֿון דער בוקאָווינע, און ווען ער קומט זיך געזעגענען פֿאַרן אומקערן זיך צוריק קיין בוקאַרעשט, איז דער טשעמאָדאַן זײַנער ליידיק און גרינג.

נאָך אָט דעם שמועס האָב איך ניט געצווייפֿלט מער, אַז מײַן מאָרדכע איז געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. און כאָטש ער איז ייִנגער געווען פֿון מיר מיט אַ פּאָר יאָר, איז ער באַ מיר אין די אויגן אויסגעוואַקסן, מיט אַ גאַנצן קאָפּ מיך איבערגעוואַקסן...

ווען כ׳האָב זיך באַפֿרײַט פֿון דער מיליטער־דינסט און צײַטווײַליק זיך באַזעצט אין בוקאַרעשט, האָב איך שוין טאָגטעגלעך זיך מיט אים באַגעגנט. מאָרדכע האָט אָנגעהויבן אָפֿטער פֿירן מיט מיר וויכּוחים וועגן קונסט און ליטעראַטור, וועגן דעם אָרט, וואָס עס דאַרף פֿאַרנעמען אַ שרײַבער אין אַלגעמיינעם קאַמף אַף איבערצואַנדערשן דעם וועלט־סיידער.

כ׳געדענק ניט, צי איז אין די יאָרן 1932—1933 דערשינען עפּעס־וואָס פֿון מײַן ברודערס לידער. ער האָט פֿאָרגעזעצט זײַן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט און, וואַרשײַנלעך צוליב קאָנספּיראַציע־מאָטיוון, זיך ניט געדרוקט, נאָר ער האָט פֿאָרגעזעצט אין דער שטיל צו שרײַבן לירישע און מיט רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס אָנגעלאָדענע לידער, וועלכע זײַנען טיילווײַז דערשינען אין די יאָרן 1934 — 1935 אונטערן פּסעוודאָנים מאָרדכע זעלנער, אַ פּסעוודאָנים, וואָס איז געווען זײַן כאָלעם, אַ נאָמען, וועלכן ער האָט געשטרעבט צו באַרעכטיקן און דעראָבערן דורך רעאַלע טאַטן און — זאָל מיר דערלויבט זײַן צו זאָגן — וועלכן ער האָט ערלעך פֿאַרדינט.

זײַן קאָנספּיראַטיווער נאָמען איז געווען „דאָס בלויע העמדל“. וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט, ווען ס׳איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דער אורטייל פֿונעם מיליטערישן געריכט, לויט וועלכן „דאָס בלויע העמדל“ איז פֿאַרמישפּעט געוואָרן הינטערויגיק אַף צען יאָר טפֿיסע. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן זײַן טראַגישער וועג. וועלנדיק אויסמײַדן אַן אַלגעמיינעם דורכפֿאַל, האָט מאָרדכע באַשלאָסן (און געוויס ניט ער אַליין האָט עס באַשלאָסן) פֿאַרשווינדן פֿון בוקאַרעשט און מיט דער צײַט זיך אַריבערקלײַבן אין דעם לאַנד, ווו ער וועט קאָנען פֿרײַ פֿאַנאַנדערוויקלען זײַן טעטיקײַט, ווידמענען אַלע קויכעס דער בויונג פֿון אַ נײַער סאָציאַליסטישער וועלט.

אין טונקעלע ברילן, איבערגעבונדן דאָס פּאָנעם מיט אַ פֿאַטשיילע, קעדיי צו פֿאַרמאַסקירן די רעכטע באַק, אַף וועלכער ער האָט געהאַט אַ שוואַרצן געבורט־פֿלעק, באַוואַקסט פֿון אונדזער געטרײַען פֿאָטער און כאַווער, איז ער איבערגעפֿאָרן פֿון פֿערליץ אין זײַן געבורט־שטעטל זאַריצע. דאָ איז פֿאַרגרייט געווען פֿאַר אים אַ קאָנספּיראַטיווע דירע.

אונדזער מוטער, די קליינשטעטלדיקע פֿרוי, וועלכע האָט מיט גרויסן שטאָלץ מיר דערציילט, ווען כ׳בין געקומען זיך זען מיטן ברודער, אַז די כאַווערים רופֿן זי „די מוטער“, ווי פּעלאַגייע ניליאָוונע באַ גאָרקין, פֿלעגט דרײַ מאָל אין טאָג אים טראָגן עסן. אָפֿט פֿלעגט ער מיט איר אַרויסשיקן אָן אָנגעשריבענע ליד, זי פֿלעגט די ליד איבערלייענען און אַרײַנלייגן זי אין אַן אַלטן מאַכזער. אין אָט דער צײַט איז די שטוב פֿון אונדזערע עלטערן געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פֿון דער פּראָגרעסיוו געשטימטער יוגנט פֿון שטעטל. אַהער פֿלעגט מען קומען זיך אויסרעדן דאָס האַרץ, אויסהערן מאָרדכעס אַ נײַע ליד, זינגען פֿאָלקסלידער אַף פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

מאָרדכעס לאַגע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ געפֿערלעכער, און לויטן באַשלוס פֿון די כאַווערים האָט ער אָנגעהויבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די שטעט און שטעטלעך באַם ברעג פֿונעם דניעסטער.

וויפֿל קאָרבאָנעס האָבן אײַנגעשלונגען די וואַסערן פֿון אָט דעם גרויסן טײַך! וויפֿל מענטשן, דערשאָסענע פֿאַר וועלן איבערגיין די גרענעץ מיט סאָוועטן־רוסלאַנד, זײַנען ווינטערצײַט געבליבן ליגן אַפֿן אײַז!

מיט אַ פּעקעלע לידער אין קעשענע, צונויפֿגעלייגטע ווי אַ האַרמאָניק, די גרייס פֿון אַ פּעקעלע שוועבעלעך, האָט מאָרדכע זיך געלאָזט צום דניעסטער. ס׳האָט אים געפֿירט אַ פּויער, מיט וועלכן מע האָט זיך פֿון פֿריִער צונויפֿגערעדט. אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר: אָנשטאָט איבערצופֿירן מאָרדכען מיט אַ פֿישער־שיפֿל אַף יענער זײַט ברעג, האָט ער אים גלײַך צוגעפֿירט צו דער גרענעץ־וואַך...

און מיט דעם פּעקעלע לידער איז געשען אָט וואָס.

דער קאָמאַנדיר פון דער גרענעץ־וואַך, וועל־כער האָט אים באַזוכט, האָט צעוויקלט די „האַרמאָניק" און, אופהייבנדיק די אויגן צו מאָרדכען, א פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס?

— לידער, — האָט ער געענטפערט.

— דו שרײַבסט לידער?

— יאָ!

— לייען מיר איבער, וואָס דו שרײַבסט דאָרט.

— ווען מאָרדכע האָט אים איבערגעלייענט אין א רומענישער איבערזעצונג א פּאָר לידער זײַנע, האָט דער קאָמאַנדיר א זאָג געטאָן:

— גענוג! דו ביסט א באָלשעוויק, נאָר שרײַבן שרײַבסטו שיין. און ווײַל דער גורל האָט געוואָלט, אז דו זאָלסט ארײַנפאַלן צו מיר אין די הענט, וועלן די לידער ניט פאַרעכנט ווערן צווישן דײַנע פאַרברעכנס. איך אליין שרײַב אויך לידער — אָף רומעניש. עפשער שוואכערע. דײַנע לידער וועלן מיר פאַרניכטן, קיינער זאָל ניט וויסן...

ער האָט דאָס פּעקעלע ארײַנגעוואָרפן אינעם אײַזערנעם אייוועלע.

נאָכן אָפּזיצן קימאַט א יאָר אין טפיסע האָט זיך מאָרדכע געשטעלט פאַרן געריכט און פאַר גאַנוונען די גרענעץ באַקומען צוגעב־לעך זעקס כאַדאָשים און א געלט־שטראָף. באַ־פרײַענדיק זיך פון דער טפיסע, האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּערליץ, ווו ס'האָט געוווינט זײַן פרוי מירא, און ווידער גענומען פירן א ברייטע אופקלערונגס־ארבעט צווישן דער שטעטלדיקער אָרעמקײַט, ווי אויך צווישן די פּויערים פון די ארומיקע דערפער.

אין יון 1940 האָט מירא, וועלכע האָט אָפּ־געשפּאַרט אין די טפיסעס א לונגען־קראַנקײַט, באַגעגנט די רויטע ארמיי באַם קליינעם פענצ־טערל פון איר אָרעם שטיבל. ארויסגיין אָף דער גאַס האָט זי שוין ניט געקאָנט. מאָרדכע איז דעמלט אויסגעוויילט געוואָרן אלס ער־שטער פאַרזיצער פונעם שטעטלשן סאָוועט.

מירא האָט ניט לאַנג גענאָסן פון דער פרײַ־הײַט. אין עטלעכע וואָכן ארום נאָך דעם, ווי איר לעבנס־טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, איז זי געשטאָרבן. וועגן איר טויט האָט מײַן ברודער מיר צוגעשיקט פאָלגנדע שורעס: „זונ־טיק, דעם 11 אווגוסט 1940, איז געשטאָרבן אין עלטער פון 32 יאָר מײַן ליבע מירא. האָפענונג און גלויבן אין דעם נײַעם סאָוועטישן לעבן האָבן מיר געגעבן קויעך איבערצוטראָגן דעם גרויסן פאַרלוסט..."

אָנגעהויבן מיט לירישע לידער, איז מאָרדכע שקאָלניק אײַנגיכן איבערגעגאַנגען צו סאָציאַל־בונטאַרישע מאָטיוון און געוואָרן א זעלנער אין דער פּאָעזיע. און ווען עס איז געקומען די צײַט, איז ער פון א בונטאַר געוואָרן א זינגער פון דעם נײַעם לעבן, פון דער גליקלעכער צו־קונפט.

די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט איבערגעריסן יעדן מין פאַרבינדונג צווישן מיר מיט מײַן ברודער. אין 1944, נאָך דעם, ווי כ'האָב זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע צו זיך אהיים, בין איך געוווירע געוואָרן, אז פון אונדזער מישפּאָכע זײַנען זיבעצן מענטשן אומ־געקומען אין די לאַגערן פון טראַנסניסטריע, צווישן זיי דער פאָטער און די מוטער. וועגן מאָרדכען האָט קיינער גאָרנישט ניט געוווסט.

באַקאַנטע האָבן דערציילט פאַרשיידענע גע־שיכטעס וועגן אים. לויט אייניקע ידיעס, איז ער געפאַלן אָפן פראָנט ווי א העלד. אנדערע האָבן דערציילט, אז ער איז שווער פאַרוווּנ־דעט געוואָרן און ליגט ערגעץ אין א שפּיטאָל אָן ביידע פיס...

מײַנע פּרווון עפּעס געוווירע ווערן האָבן זיך געענדיקט אָן דערפאָלג, און פון אלע לעגענ־דעס, וואָס מ'האָט ארום זײַן אומקום געשאַפן, איז פאַרבליבן דער ביטערער און פאַרדריס־לעכער עמעס, אז מאָרדכע איז מער ניטאָ.

שטעלן אים א דענקמאָל? נאָר ווער ווייסט, ווו זײַן געביין איז אהינגעקומען?

און אָט זײַנען מאָרדכעס דרײַ לידער, וועל־כע איך האָב אָפּגעזוכט. די ערשטע צוויי זײַ־נען געווען געכאַסמעט — „שקאָלניק", די דרי־טע — מיטן פּסעוודאָנים „זעלנער".

מאָרדכע שקאָלניק

פאַרטאָג

ס'האָבן קלויסטער־שפּיצן
אָנגעצונדן זיך אין רויטער ליכט
פון ערשטע זונען־שטראַלן.
ס'האָבן בייז א קוויטש געטאָן
סירענעס פון פאַבריק...
און מענטשן מידע
האָבן אויסגעוואַשן זייערע אויגן
אין דעם פרישן טוי,
און קוקנדיק אָף בייזער כײַע,
וואָס דעכעט טײַוליש
מיט וואָלקנס שוואַרצן רויך, —
ארויסגעזיפצט א שטילן אוי...

צו מײַן מאַמען

זאָלן טרערן דײַנע אויגן, מאַמע, ניט
אויסלעשן.
עמעס, האָסט געווײַטעקט און אַזויפֿיל יאָרן
האָסט געוואַרט, כ׳זאָל שוין אַ גרויסער
ווערן,
איצט בין איך אַ קינד דער וועלטס געוואָרן!

וואַנדער איך אַרום אַף יענע גאַסן־געסלעך,
דאָרט, ווו קינדער קראַנקע בעטן ברויט
און מאַמעס שטיקן זיך אין טרערן:
„גאָט! ווען וועט זײַן אַ סאָף צו נויט?"
און ס׳ווישט דײַן זון אַראָפּ די טרערן
און צינדט אין הערצער אָן אַ פֿײַער:
„ניט פֿון גאָט וועט קומען הילף אײַך!
נעמט אַליין, אויב ס׳קינד איז טײַער!"

זאָל מײַן ליד דיך, מאַמע, טרייסטן,
עפּשער וועסטו דאָך פֿאַרשטיין:
ווען די מענטשן רופֿן־בעטן,
מוז איך, מאַמע, דאַרף איך גיין!

אויב קיין מוט וועסטו ניט האָבן
שענקען לײַדנדע דײַנע זין,
וועסטו מער ניט זײַן מײַן מאַמע!
איך וועל בלײַבן, וואָס איך בין!

ס׳וועט מײַן ליד

ס׳וועט מײַן ליד ניט בלײַבן נאָר אַזוי,
מיט שטיקער טאָג און זון, — פֿאַרשמאַכט
מיט שטיקער נאַכט, —
און צווישן שורעס פֿון מײַן ליד
וועט מיד ניט שמייכלען די פֿאַבריק...
ס׳וועט מײַן ליד ניט בלײַבן נאָר אַזוי,
מיט שטיקער ניט־געגעסן ברויט, —
מיט שטיקער נויט
און שורעס, געשלאָסענע מיט פּינטעלעך,
פֿון מידקײַט ניט דערזונגען ביזן סאָף...

ס׳וועט מײַן ליד ניט בלײַבן נאָר אַזוי,
מיט קייטן אַף די פֿיס און הענט, —
מיט טפֿיסע־ווענט.
ס׳וועט אינעם ריטם פֿון מײַן ליד
גיט הערן זיך דעם וועכטערס טריט.
ס׳וועט מײַן ליד ניט בלײַבן
נאָר צעשטעריש, —
אַף כוראַוועספּולן וועג
צו מאַרגעדיקע טעג
קלינגען וועט מײַן ליד, ווי אַ סירענע!
זינגען וועט מײַן ליד, ווי אַ מאַטאָר!

אַרן ראַסקין

מיט דער מאָס פון מענטשלעכקייט

ווילט איר וויסן, פונוואנען עס שטאמען די ערדישע זאפטן, מיט וועלכע ס׳איז מאמעש אָנגעטרונקען דער בעסטער טייל פון שירע גאָרשמאַנס פּראָזע, לייענט אופמערקזאם איבער די נאָוועלע „מײַן באָבע־זיידעס פרילינגן״.

א פריִער פרילינג־פרימאָרגן, וועלכן איר דערשפירט מיט אלע איינורים. די ערד האָט נאָך ניט באוויזן זיך אָפּצודעקן פונעם שניי, נאָר ס׳וועקט זיך שוין אומעטום לעבן... די באָבע שטייט אין סאָד בא דער בייט, פון וועלכער ס׳גייט אוף א רויכל, און קוקט פארכידעשט, ווי די ווינטער־צייבעלעס שפּיזן דורך די ערד, זי בייגט זיך אײַן, רייניקט אָפּ די ערד און רעדט: „או־או, זיך נעבעך אָנגעהאָרעוועט, ביז מע האָט זיך דורכגעשלאָגן צו דער שײַן...״ דער זיידע האלט דעם קאָפּ פאריסן צום הימל, קוויקט זיך מיט דער לויטערקײַט און ריינקײַט, זײַנע אויגן זײַנען פול מיט פריידיקע טראָפּנס. ער הייבט אוף זײַן אייניקל, די קליינע כאנקע, צו די סאמע אייבערשטע צווײַגן און רעדט אומגעדולדיק, גיך־גיך:

— זעסט? קוק! אָט פּיקן זיי זיך אויס!

דאָס קינד דערזעט דאָס ערשטע מאָל איינעם פון די „ווונדער שעבעוווּנדער״, וואָס קומען פאָר אין דער נאטור: ווי עס פלאצן טונקל־רויטע בראָדעווקעס און זיי לאָזן ארויס פרישינקע גרינע פליטערלעך. זי שרײַט אויס מיט קינדערשער היספּײַלעס:

„אוי, זיידינקע, א געזונט אין דיר, איך זע!״

טאקע דאן, אין דער פריִער קינדהײַט, אין די באָבע־זיידעס פרילינגן, האָבן זיך אָנגעהויבן שירע גאָרשמאַנס זעונגען, איז געבוירן געוואָרן שירעס געזאנג...

אינעם ליטווישן שטעטל קראָק, אין זיידנס און באָבעס הויז, ווו ס׳האָבן געהערשט נויט און דאכקעס, נאָר ווו מע האָט געוווּסט דעם טאם פון „מה נהא אילן זה!״[1], האָט זיך בא איר, דער קומענדיקער שרײַבערן, וואָס האָט געהערט צו די קינדער, וועלכע האָבן ניט קיין קינדהײַט, אויסגעכאָוועט די בענקשאפט נאָך ליכט און שײַן, דער דראנג צום לעבן, די ליבע צו דער נאטור. אין איר גאנצן שאפן דאָמינירט דער געראנגל צווישן געזונטן, נאטירלעכן און ווילקירלעכן, ברוטאלן. באזונדערס זעט מען עס אין די נאָוועלן, וואָס זײַנען געווידמעט דעם אמאָל, מיט וועלכן ס׳זײַנען פארבונדן ניט ווייניק טרויעריקע דערמאָנונגען בא דער שרײַבערן.

אין דער נאָוועלע „דער מיטעסער״ שילדערט ש. גאָרשמאַן א טראגעדיע, וועלכע קען געמאָלט זײַן נאָר אין א געזעלשאפט, וואָס איז געבויט אָף סאָציִאלער אומרעכט און אונטערדריקונג.

דער הונגער און די ביטערע נויט צווינגען די אָרעמע פרוי כײַע־הינדע מיטצוגיין מיט איר מאן כאטשע איבער די דערפער און איבערלאָזן אָן א מוטערלעך אויג אירע עלף קינדער. וועלנדיק ראַטעווען די קינדער פון הונגער, ווערט די אָרעמע מוטער פאקטיש אָן אומשולדיק שולדיקע אינעם טויט פון פינף פון זיי. צווישן די איבעריקע זעקס, וואָס „פלעגן מיט איר אינײינעם שאבעס גריזשען רעטעך, אָנרײַבן א מויצע ראָזעווע ברויט מיט קנאָבל און פארטרינקען מיט וואסער פון שולהויף־ברונעם״, האָט דער סאמע קלענסטער, שמועלקע, געהאט דעם אומגליק געבאָרן צו ווערן א נאָרמאל, געזונט קינד, וואָס פארמאָגט א צו גרויסן לויט די נאָרמעס פון זײַן פאמיליע אפּעטיט. אין דער סוויווע, ווו שמועלקע וואקסט, איז אזא נאָרמאלע דערשײַנונג, ווי א געזונטער אפּעטיט — אָן אנאָמאליע. די נויט און פינצטערניש געבוירן פאָרורטיילן: ניט אנדערש, אז אינעם קינד לעבט א מיטעסער, וועלכן

ש. גאָרשמאַן. לעבן און ליכט. פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל״. מאָסקווע, 1974.

[1] „מא נאָע אילאָן זע!״ — ווי שיין איז דער בוים!

מע דאַרף אַרויסטרײַבן. די אָפּגעשטאַנענע אָרעמע מוטער ווערט ניט ווילנדיק די שולדיקע אין דעם, וואָס דאָס לעבן פון איר קינד ווערט צעבראָכן. דאָס דערשיטערנדיקע בילד מיט דעם אינעם שופלאָד לעבעדיק באַגראָבענעם ייִנגל, וואָס איז שוין נאָכדעם פאַרורטיילט אַף אייביק צו פאַרבלײַבן א טאָם מיט וואַסערדיקע אייגעלעך, וואַקסט אויס אין א סימבאָל.

ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן א מער שאַרפערן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער פינצטערער פאַרגאַנגענהײַט.

שיינקײַט, וואָס ווערט באַרבאַריש צעטראָטן, נאַטירלעכע פּראַכט, וואָס ווערט דערנידעריקט און צעבראָכן, — אַזאַ איז דער לייטמאָטיוו פון א גאַנצער ריי שירע גאָרשמאַנס נאָוועלן („צעטראָטענע בלי̈ונג", „צווישן בערג", „פאַרצויגן מיט שפּינוועבס" אאַ.).

גאָרשמאַן איז אָבער ניט די זינגערין פון טויט, זי איז די זינגערין פון לעבן. זי ווייסט, אַז שיינקײַט איז אומשטערבלעך. פונדאַנען שטאַמט איר אומענדלעכע ליבע צו אַלץ, וואָס שפּראָצט, גרינט, ווערט געבוירן, גיסט זיך אָן מיט לעבן. דערפאַר טרעפן מיר אַזוי אָפט אין אירע נאָוועלן דעם מאָטיוו פון נײַ־געבוירענעם לעבן, דערפאַר פאַרנעמט אַזאַ בעקאָוועדיק אָרט אין איר שאַפן די פרוי, די מוטער — די טרעגערין פון לעבן אַף דער וועלט.

אין דער שילדערונג פון דער פרוי איז שירע גאָרשמאַן טרײַ דער פּערעץ־טראַדיציע. כאָטש דער טרעגער פון פּערעצעס „שאָלעם־באַיִס" וויל ניט, אַז זײַן פרוי זאָל זײַן זײַן פוסבענקעלע אין גאַנײידן, ער וויל, זי זאָל זיצן מיט אים אַף איין שטול, און ער איז איבערצײַגט, אַז „דער ריבוינעשעלוילעם וועט מוזן באַשטיין!"

א רײַכע גאַלעריי פּאָזיטיווע פרויען־געשטאַלטן האָט פאַר אונדז צעוויקלט שירע גאָרשמאַן. יעדע פרוי האָט איר פּנים, איר כאַראַקטער, איר גוירל, נאָר זיי אַלע פאַרייניקט געזונטע ווירדע און שטאָלץ, טיף מוטערלעכע אַכרײַעס פאַר דעם לעבן.

די פרוי אין גאָרשמאַנס נאָוועלן איז אַן אַקטיווע נאַטור, זי צייכנט זיך אויס מיט קאָלאָסאַלער לעבנספייִקײַט, ענערגיע, זי לאָזט זיך ניט דערנידעריקן. זי איז מעסוגל צו באַשיצן איר ווירדע און זיך שלאָגן פאַר איר ליבע און גליק. אַזוינע זײַנען די קאָלאָריטפולע, נעשאָמע־רײַכע, עקספּאַנסיווע פיגורן פון כאַנקען און בליומען, צוויי צענטראַלע געשטאַלטן אין שירע גאָרשמאַנס רײַכער פרויען־גאַלעריי, וועלכע גייען דורך דורך א ריי נאָוועלן. אין דער שילדערונג פון די דאָזיקע געשטאַלטן איז דאָ פיל אויטאָביִאָגראַפישעס, דעריבער זײַנען די דערציילונגען, אין וועלכע זיי פיגורירן, דורכגעזאַפּט מיט א שטאַרקן ליריש־ראָמאַנטישן שטראָם, וואָס גיט זיי צו באַזונדער רייץ.

די רויטהאָריקע בליומקע, וועלכע איר פאָטער האָט אָנגערופן „פעלדערמויז", איז א לעבעדיקע פאַרקערפערונג פון דער נאַטור אין איר בערייִשעסדיקער פּראַכט. דאָס הויז פון איר פאָטער, דעם געזונטן האָרעפּאַשניק, דעם מילנער הירשע, געפינט זיך הינטערן שטעטל, אין דער אַרומרינגלונג פון פעלד, לאָנקע און וואַלד. דאָ וויִען פרײַע ווינטן, דאָ ווייסט מען ניט פון מיטלאַלטערלעכע זיטן און מינהאָגים. בליומקע האָט פון פרי̈ער קינדהײַט אײַנגעזאַפּט אין זיך די געזונטע ערד־זאַפטן, די פרישקײַט און שיינקײַט פון דער אַרומיקער נאַטור. „צו זעקס יאָר האָט זי אויסגעזען ווי א נײַניאָריקע", — ווערט דערציילט אין דער מײַסטערהאַפטער נאָוועלע „ווי די פעלדערמויז איז א מענטש געוואָרן". — „די דאָרפישע ייִנגלעך האָבן פאַר איר געציטערט, ווי פאַרן רועך. זי איז געווען פלינק, ביי̆געוודיק און פאַר קיינעם ניט מוירע געהאַט". צו 15 יאָר איז בליומקע געווען באַהאַוונט אין דער מיל אַזוי ווי דער טאַטע. „צו 17 יאָר האָבן אַפילע די גרויִע מעליקע וואָלקנס ניט געקאָנט לעשן אירע ראָזע באַקן, איר קלאָרע הויט, איר פײַער־רויטן קאָפּ"...

בליומקעס סטיכיע איז דער טײַך. דאָ ליגט זי אָפּ שאָענווײַז „מיטן פּאָנעם אַרויף, פּאַמעלעך באַוועגנדיק מיט די ווײַסע, דינע, ביי̆געוודיקע הענט, וואָס האָבן שעמערירט אין דער פאַרנאַכטיקער שײַן ווי פּערלמוטערנע ווונדערלעכע וואַסער־באַשעפענישן"... רופט מען טאַקע בליומקען „דעם מילנערס טײַך־מיידל". ווי שיין און נאַטירלעך בליומקע איז אַף דער שויס פון דער נאַטור, אַזוי איז זי שיין און נאַטירלעך אין איר ליבע. זי האָט ליב לייבקע צעמאַכן, דעם שמידס זון, און קיינער וועט זי ניט צווינגען כאַסענע האָבן פאַר דעם, וועמען זי האָט ניט ליב. זי, דאָס שטאָלצע קינד פון פאָלק, קען מען ניט קויפן פאַר קיינע רײַכקײַטן. לייזער דעם וואַלד־הענדלער, וועלכער שאַדכנט צו בליומקען זײַן זון, ענטפערט זי ווירדיק און שפּאָטיש:

„א דאַנק אײַך, רעב לייזער, פאַרן נאַדאָן. צוויי פּאָר פערד וואָלטן אונדז זייער צוניץ געקומען, נאָר אַף וואָס דאַרפן מיר א פינפטן פערד?!"

דעם מילנערס הויז, די לאָנקע און דער וואַלד, וואָס רינגלען עס אַרום, זײַנען א מאָקעם־מיקלעט פאַר דעם „וואַלד־עפּעלע", כאַנקען, דעם לירישן העלד פון א ריי שירע גאָרשמאַנס דערציילונגען. און ס׳איז קיין ווונדער ניט. אַפילע כאַנקעס פאַרהאָרעוועטע באָבע פּעסיע מאַכט זיך א יאָמטעוו אינמיטן וואָך, ווען זי כאַפּט זיך אַראָפּ אַהער אין „גאַניידן" („יאָמטעוו אינמיטן וואָך"). די קליינע פאַרשײַטע כאַנקע קומט אַהער זיך ראַטעווען, ווען ס׳טוען צופיל דריקן די ענגע דאַלעדאַמעס פון דער באָבע־זיידנס הויז, ווען ס׳ווערט צו שווער דער אָל פון דער היימישער האַזשגאָכע.

ווי א פויגל, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון שטײַגל, לויפט כאַנקע צו דער לאָנקע, צום טײַך, וואָס שעמערירט מיט געלע טײַך־קריגלעך, צו דעם „מילנערס טײַך־מיידל", דער זיך באָדנדיקער בליומקען, כאַנקעס שוועסטערקינד...

די נאַטירלעכע געזונטקײַט און שיינקײַט צוזאַמען מיט דעם גײַסט פון פרײַהײַט און אומאָפּהענגיקײַט, מיט וועלכן ס׳אָטעמט די דאָזיקע סוויווע, זאַפּט אין זיך כאַנקע אײַן שוין אַף דעם גאַנצן לעבן. א מוטיקע, ענערגישע, אומאָפּהענגיקע, פול מיט מענטשלעכער ווירדע און פרוי̆ישן שטאָלץ, לאָזט זיך כאַנקע אַוועק אין לעבן, פאַרלאָזנדיק צו פערצן יאָר דער באָבע־זיידעס הויז. אַרבעט שרעקט זי ניט אָפּ, זי געדענקט גוט דעם זיידנס ווערטער: „האָרעוואַניע פאַר א האַנט איז ווי א שאַרפשטיין פאַר א מע־

סער״, זי פארגעסט אויך קיינמאָל ניט דער באָבעס געבאָט: „אלעמען זאָלסטו זשאלעווען, נאָר זיך זאָלסטו ניט זשאלעווען... קיינעם זאָלסטו זיך ניט אונטערגעבן, קיינעם ניט אונטערטעניק זײַן״ („כאנקע״).

אין דער גרעסערער דערציילונג „כאנעס שאָף און רינדער״ בלעטערט די שרײַבערן אויף די אינטימסטע זײַטעלעך פון איר לעבנס־געשיכטע, טוקט זיך אײַן אין די דערפרישנדיקע וואסערן פון אירע יוגנט־יאָרן. איז טאקע די דאָזיקע דערציילונג באהויכט מיט לירישער ווארעמקײַט.

ווי אן אייגנארטיקע פרעליודיע צום פײַערלעכן יוגנט־ און ליבע־געזאנג דערשײַנען די ערשטע בילדער פון דער דערציילונג. די דרײַ־און־צוואנציקיאָריקע כאנע פאָרט רײַטנדיק אָף א פערד און באשפרענקלט מיט זאלץ דאָס פארוויאנעטע גראָז פונעם ליימיק־צעשפּאָלטענעם סטעפּ, קעדיי די בעהיימעס זאָלן מיט מער כיישעק עסן די אויסגעדארטע פּאשע. כאנע איז יונג און פול מיט לעבנסלוסט, די ראכוועס פונעם סטעפּ באגײַסטערט זי אָף א הויכן, מונטערן, גליקלעכן ניגן אָן ווערטער.

אָרגאנישע געבונדנקײַט און געקניפּטקײַט פון מענטש מיט נאטור, מיט אלץ, וואָס שפּראָצט און גרינט, לעבט און אָטעמט, דרינגט דורך די גאנצע דערציילונג. די שילדערונג פון דער ליבע צווישן כאנען און דעם מאָלער נעכעמיען פארנעמט דאָס צענטראלע אָרט אין דער דערציילונג. די שרײַבערן ווײַזט דאָ ארויס א פײַנעם כוש פאר פסיכאָלאָגישער שילדערונג פון די דינסטע ניואנסן פון מענטשלעכע געפילן און איבערלעבונגען. די ליבע ווערט געגעבן ווי א מעכטיקע קראפט, וואָס האָט אינגאנצן אויפגערודערט כאנעס לעבן, אָנגעפילט עס מיט טיפן אינהאלט. די ליבע האָט ארויסגעבראכט אָף דער העלער שײַן די טיף־פארבאָרגענע אונטער א דיקן הײַטל פון געוויסער דאָרפישער פארגרעבטקײַט אָרגאנישע פאר כאנען צארטסטע מענטשלעכקײַט.

כאנע דער בריגאדיר, די באלעבאָסטע פון אלע „שאָף און רינדער״, וועלכע איז געוווינט געווען צו שרײַען אָף אירע „אונטערטאנען״ און פלעגט זיך אפילע ניט אָפּשטעלן פון „פלעמען איבער די באקן״, ווען זי פלעגט זען אן אוולע און אומגערעכטיקײַט, איז געוואָרן ווייכער, מילדער, געצוימטער, אײַנגעהאלטענער. דאָס גרויסע גליק האָט זי געמאכט ווארעמער אין דער באציִונג צו מענטשן, האָט געמאכט געמיטלעכער אויך די באציִונג פון אנדערע צו איר.

מענטשלעכקײַט — דאָס איז יענע וויכטיקסטע אייגנשאפט, וועלכע שירע גאָרשמאן שעצט מער פון אלץ בא אירע פּאָזיטיווע געשטאלטן. מענטשלעכקײַט אין סאמע ברייטן זין פון וואָרט, וואָס באטײַט ליבע צו אלץ, וואָס לעבט אָף דער ערד און האָט רעכט אָף א פרײַ, גליקלעך לעבן, ווידערגעפיל און סינע צו יעטווידער פאָרם פון אונטערדריקונג, דערנידעריקונג, גוואלדטאט און ווילקיר.

שירע גאָרשמאן איז איבערצײַגט, אז „ווען מע פײַניקט א בעהיימע, איז מען קיין מענטש ניט״. און דעריבער איז אזא אייגנשאפט, ווי ליבע צו א באלכײַ — א נייטיקע דעטאל אין דער כאראקטעריסטיק פון אירע פּאָזיטיווע געשטאלטן, און, פארקערט, פאראכטונג צו לעבעדיקע וועזנס איז א שטריך אין דער כאראקטעריסטיק פון א נעגאטיווער געשטאלט (צום בײַשפיל, פון בעקי אין דער נאָוועלע „א מיידל פון דער פּראָווינץ״). בא שירע גאָרשמאן איז ניט צופעליק פאראן א באזונדער ציקל נאָוועלן אונטערן טיטל „צארבאלעכאִים״.

ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס די שרײַבערן, וועלכע שעצט אזוי הויך דאָס הארמאָניש־הומאניסטישע אין לעבן און ציטערט אזוי איבער אלץ, וואָס לעבט און איז שיין און נאטירלעך, האָט מיט אזא גוואלדיקער דערשיטערונג אויפגענומען דעם שוידערלעכן קאטאקליזם, וועלכן ס׳האָבן געבראכט מיט זיך די פאשיסטישע האָרדעס. אין שירע גאָרשמאנס מילכאָמע־נאָוועלן קלינגט ווי א טרויעריק־צאָרנדיקער רעפרען די פראגע: „דאָס לעבן איז אזוי וווּנדערלעך. ס׳איז אזוי גוט צו לעבן. פארוואָס, פארוואָס זײַנען זיי פארשניטן געוואָרן?!״ („פון שטוב צו שטוב״).

דעם ווילדן אומזין פונעם היטלעריזם, דער ברוטאלער אומענטשלעכקײַט, דעם גרויל פון טויט האָט די שרײַבערן קעגנגעשטעלט די שיינקײַט, פארקערפּערט אינעם געשטאלט פון דער פרוי און מוטער — דעם סימבאָל פונעם אומפארטיליקבארן קויעך פון לעבן. אינעם צוזאמענשטויס מיט די קויכעס פון פארדארבונג און טויט גייט די שיינקײַט ארויס א זיגערן.

די אלטיטשקע באָבע מאלקע האָט אין זיך אײַנגעזאפט די געזונטקײַט פון דער ערד, דעם אורקויעך פון די נאטור־קרעפטן, מיט וועלכע זי איז געקניפּט און געבונדן. זי וויל ניט אנערקענען דעם טויט, ווײַל איר בארוף איז העלפן ברענגען דעם לעבעדיקן נעפעש אָף דער וועלט. די דאָזיקע מיסיע איז איר טײַער, זי איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס גאנצע דורעס יונגע לעבנס גייען דורך דורך אירע הענט.

דער בלוטיקער קאָשמאר פונעם היטלעריזם מעקט אָפּ און ליידיקט אויס אלץ, וואָס האָט געבילדעט דעם עצעם מעהוס פון דער באָבע מאלקעס לעבן, ווארפט אום, אזוי צו זאָגן, איר לעבנס־פילאָסאָפיע. „אין די נעכט זיצט זי בא פארהאנגענע פענצטערלעך, פירט מיטן פינגער איבער קרומע שורעס אין א געלן העפט און רעכנט: אווראָם, רייזע און זייער הירשעלע, פײַוועקע, דינקע, פרומקע, שײַע, כיִענע, זייער בענצעלע, נעכעמקע, שלוימקע, מענוכקע און יוינעלע״. זי פירט מיטן פינגער אזוי לאנג, ביז זי בלײַבט זיצן, שאָקלענדיק זיך, מיט פארמאכטע אויגן... ס׳הייבן זיך אָן דרייען קאראהאָדן ארום געלע שײַטערס, אין וועלכע ס׳ברענען אייפעלעך. ס׳איז פול איר שטיבל מיט געשרייען פון קינדער... זי זיצט אין אָנטאָן גאנצע נעכט, עפנט די אויגן, קעדיי אוועקצוויאָגן דעם גרויל...״

דער גוירל ווארפט די באָבע מאלקע ארײַן אין הויז פון דעם דאָרף־סטאראָסטע וולאדאס. זי זעט מיט אירע אייגענע אויגן איינעם פון די שולדיקע אינעם טויט פון די הונדערטער יונגע לעבנס, וועלכע זי האָט געהאָלפן ברענגען אָף דער וועלט. און דאָ קומט איר צום לעצטן מאָל צוניץ איר געזונטקײַט און קרעפטיקײַט, די פלינקײַט פון אירע הענט, די קונסט פון געבן לעבן אָף דער וועלט — הײַנטיקס מאָל אָבער אָף נעקאָמע צו נעמען פאר דער פאר־

שוועכונג פונעם לעבן, פון דער שיינקייט, פונעם מענטשן: „זי האָט א כאַפּ געטאָן דעם טשהון מיט אזא אימפּעט, ווי צו ראטעווען א קימ־פּעטאָרן פון די לעצטע שווערסטע ווייען, און, צו־לויפנדיק, איבערגעקערט די זוד אף אים" („די באָבע מאַלקע").

דער טריומף פון לעבן איבער דעם טויט איז מייסטעריש געוויזן אין דער נאָוועלע „לעבן און ליכט".

נאָך דער ערשטער קינדער־אַקציע אין געטאָ, ווען ס'קומט אום דער פינפיאָריקער נעכעמיעלע, האָבן מייער מיט זיין פרוי זיך געגעבן א ניידער צו האָבן א קינד. נאָר פאר האָבן א קינד אין געטאָ קומט שיסן, פאר ברענגען לעבן צאָלט מען מיט טויט. די פרוי באנדאַזשירט זיך, קיינער זאָל ניט באמערקן, אז זי טראָגט. דאָס קינד ווערט געבוירן, אָבער רעכט אף לעבן האָט עס ניט. קען דען אָבער א מוטער מיט די אייגענע הענט אומברענגען דאָס צאַפּלדיקע פּיצל לעבן, וואָס זי האָט ארויסגעבראכט? דאָס שוואכע לעבן ראנגלט זיך מיט דעם גרוי־זאמען טויט, און ס'באזיגט אים. אין געטאָ קאָן מען דאָס קינד ניט האלטן, ראטעווען מען עס ארויס, און סע בלייבט לעבן...

די שרייבערן באווייזט, אז די מילכאָמע איז געווען דער בעסטער פּרוווּשטיין פאַרן מענטשן. „אין געט־טאָ, — דערציילט די פרוי אין „לעבן און ליכט", — זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן מוירע געהאט פאר צוויי זאכן א סאך מער, ווי פאַרן טויט, וואָס האָט געלויערט פון יעדן שטיין, פון יעדער שפּארונע... פאר וואָסערע צוויי זאכן? ערשטנס — בלייבן מענטשן, צווייטנס, זיך ניט לאָזן פארפירן פון טעפּ לינדזן, האלטן דעם שלאָס אפן מויל — די שאָ זאָל ניט זיין, ניט שאטן יענעם!.."

אזוינע מענטשן, ווי דער דאָקטער פיינבערג, מייער דאווידזאָן, כאנקע פרידמאַן, דער קאָמוניסט מייער האָבן מאקריוו געווען דאָס אייגענע לעבן צוליב ראַ־טעווען אנדערע און האָבן שרעקלאָז, ריזיקירנדיק אף יעדן טריט און שריט מיטן לעבן, זיך נויקעם געווען אין די פאשיסטן.

אין א ריי נאָוועלן באווייזט שירע גאָרשמאַן, אז אויך בא די פארבליבענע אין הינטערלאַנד האָט די מילכאָמע דייטלעכער אנטפּלעקט דאָס מענטשלעכע, וואָס בילדעט דעם קערן פונעם סאָוועטישן מענטשן. די באַלעבאָסטע פונעם הויז אין א דאָרף טיילט מיט דער עוואקוירטער פאמיליע פון הירשע דעם מיל־נער אלע ליידן און פריידן („שטיינערנע הערצער"). די פרוי פונעם שעף פון פּאָליט־אָפּטייל אף א סטאַנ־ציע אין קאזאכסטאַן פירט אוועק צו זיך אהיים כאנען מיט איר קראנק יינגל, וואָס איז אין א קאלטן ווינטער־טאָג געבליבן שטעקן אף דער דאָזי־קער סטאנציע, און „דעם גאנצן כוידעש, וואָס כאַ־נע איז געווען בא אָט דער מישפּאָכע, האָט זי קיין איין רעגע ניט געפילט, אז זי איז איבעריק אָדער פרעמד" („אף א פארוואָרפענער סטאנציע").

אָבער מיט א ביטערן סארקאזם און ניט פארבאָר־גענער פאראכטונג שילדערט שירע גאָרשמאַן יענע מענטשן, וועלכע האָבן אין צייט פון דער מילכאָמע זיך געזאָרגט נאָר וועגן אייגענעם נעפּעשל, און די לייד און די נויט פון די ארומיקע איז זיי ניט אָנגע־גאַנגען („שכיינים").

די שרייבערן ווייסט ניט קיין גרעסערע זינד, ווי עגאָיזם, אייגננוץ, אייגנטימערישע אינסטינקטן, גלייכגילט צו מענטשנס ליידן. העכער פון אלע מיי־לעס אין דער וועלט זיינען פאר איר מענטשן־ליבע, יוישער און גערעכטיקייט. איר איז צום הארצן אזא הערלעך געשטאלט ווי „קאָמונקע" — א מענטש, וואָס זשאלעוועט אלעמען, נאָר ניט זיך אליין, און איז שטענדיק גרייט מאקריוו צו זיין דאָס געזונט און דאָס לעבן פאַרן גליק פון זיינע כאווירים. קיין שום שוועריקייטן קענען ניט ברעכן זיין געמיט, זיין פעסטן גלויבן אין א בעסערן, ליכטיקערן מאָרגן („ס'וועט זיין גוט"). מיט א ווייכן הומאָר שילדערט גאָרשמאַן דעם עטוואָס קאָמישן שאָלעם הארצמאַנען, פאר וועלכן עס שטייט אין דער גאנצער הארבקייט די פּראָבלעם: ווו נעמט מען כאָטש נאָך דריי שאָ אין מעסלעס, ווייל דעם גאנצן טאָג איז ער פאר־האָוועט און ס'קלעקט אים קיין צייט ניט — כאַלילע, ניט פאר זיך, פאר אנדערע, פאר וועמען מע דאַרף זאָרגן און וועמען מע דאַרף קומען צו הילף („ווו נעמט מען?").

דערפאר אָבער ווערט דער שרייבערנס וואָרט אופגעבראכט און סארקאסטיש, ווען זי דערציילט וועגן נעפּאשעס, וואָס עס האָט זיי אופגעגעסן אייגנ־נוץ און אויסגערעכנטקייט און זיי זיינען געוואָרן קנעכט פון זייער גיריקייט נאָך לוקסוס און באריי־כערונג („א מיידל פון פּראָווינץ", „גייענדיק פון מארק", „מע זאָל באהיט ווערן" אא.). שירע גאָרש־מאַנס פען ווערט בייסיק און שאַרף, ווען זי שיל־דערט אוולעס און אומרעכט, וועלכע לאָזן זיך נאָך וו־ניט־וו מערקן אין דער באציונג פון מענטש צו מענטש אין אונדזער געזעלשאפט. מיט בייזער סאַ־טירע איז געשילדערט דאָס „געבילדעטע" פּאָרפאָלק, זשעניע מיט איר מאַן, וועלכע האָבן פארביטערט דאָס לעבן פון דער אייגענער מאַמען, זי באהאנדלט ווי א שוואַרצאַרבעטערן, געקירצט אירע יאָרן און דערנעענטערט איר טויט. שאַרף איראָניש קלינגט דער פינאַל:

„אינעם טאָג פון דער לעווייע האָט אבראַשע, זשע־ניעס מאַן, געבראַכט א פאָטאָגראַף. ניט באַשערט געווען אָבער כיינען פארייביקט צו ווערן. אקוראט דאַן, ווען דער פאָטאָגראַף האָט אָנגעצילט זיין אַפּאַ־ראַט, איז ארייננגעגאנגען נאטאליע פּעטראָוונע, א שכיינע, וואָס פלעגט אמאָל, ווען ס'איז געווען גליי־טשיק אין גאַס, העלפן כיינען טראָגן א שווערן קאָ־שעק. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבן טויטן בעט און מיט א דאַרפישן ניגון פארזויגן:

— וואָס דאַרפסטו פאָטאָגראַפיעס, בידנע שכיינע מיינע! בעסער וואָלט מען דיך ניט געלאָזט אליין. קלאָגעדיקע, פּינצטערע דאָליע דיינע!

דער פאָטאָגראַף האָט זיך שטילערהייט ארויסגע־שאַרט" („א מאַמע").

אין שירע גאָרשמאַנס בעסטע דערציילונגען לעבן אוף די נאָבעלע טראַדיציעס פון אונדזער קלאַסיק. איר איז באזונדערס נאָענט פּערעץ מיט זיין סאָ־ציאַלן הומאַניזם, פּערעץ פון די „רייזע־בילדער", פון „מוסער" און פון „א קאס פון א יידענע", פונעם „מעשולעך" אָדער „מעקובאָלים". „פּערעץ, — זאָגט

ש. גאָרשמאַן, — איז אזא פילבארער פידל, וואָס מיר האָבן קיין איין טראָפּ אין אונדזער לעבן, וואָס זאָל בא אים ניט געווען האָבן קיין אָפּקלאנג... מער פון אלץ האָבן מיך באַצויבערט זײַנע „רײַזע־בילדער" מיט דער גוואלדיקער קאָנצענטראציע פון אופמערקזאמקײַט צום אייגענעם פאָלק און זײַן אויסקומעניש".

בא פערעצן האָט די שרײַבערן געלערנט די קונסט פון דער לאקאָנישער דערציילונג, פון דער נאָוועלע, וואָס דערגייט ערטערווײַז צו מיניאטיור. פריִער בא פערעצן, שפּעטער בא טשעכאָוון. „ווען איך האָב זיך אויסגעלערנט רוסיש, שוין פליסיק געלייענט אין 1939 — 1940, — דערציילט שירע גאָרשמאַן, — האָב איך זיך באקאנט מיט טשעכאָווס שאפן. ליב באקומען איז ניט דאָס וואָרט, ער האָט מיך אינגאנצן באהערשט, איך האָב אפילע אף א צײַט אופגעהערט צו לייענען ייִדיש. ער האָט מיך גענומען מיט זײַן גרויסער ליבע צו זײַן פאָלק. אז איך האָב זיך אָנגעלייענט מיט טשעכאָוון, האָב איך פארשטאנען, אז איך דארף ביכלאל ניט שרײַבן".

איר באזונדערע ליבע צו דער נאָוועלע דערקלערט די שרײַבערן אזוי:

„דער מאָטיוו פון קורץ געזאָגט איז אלעמאָל פּרעכטיק. בעשאס עס נעמט דיך דורך דער ווייטעק פאר זאכן, וואָס האָבן ניט געדארפט האָבן אָן אָרט אין דער באציִונג פון מענטש צו מענטש, אָדער ווען ס׳כאפּט דיך אָן א פרייד אָדער אנציקונג פון עפּעס גוטס, שיינס, מענטשלעכס — דארף מען ניט קיין גרויסן שטעך, אז עס זאָל ניט קענען דער ווייטעק אָדער די פרייד צעשווומען ווערן".

די שרײַבערן באהערשט פולשטענדיק די קונסט פון קאָנצענטראציע. קליין אין שטעך, זײַנען אירע נאָוועלן רײַך מיט געדאנק, געפיל, שטימונג. אייניקע נאָוועלן באוווּנדערן מאמעש מיט זייער קינסטלערישער שליימעס, וואָס ווערט דערגרייכט דורך געפּרעסטקײַט (צום בײַשפּיל, „פארצויגן, מיט שפּינוועבס", „דער טאטע מיט דער מאמען", „די ליבע פון א בלעכער", „דער טרעגער", „די ערשטע באָד", „לעבן און ליכט" אא.).

אויך דאָס בילד, די פּאָרטרעט־צייכענונג, דאָס פּסיכאָלאָגישע אָדער שטייגערישע געמעל, די נאטור־שילדערונג זײַנען בא שירע גאָרשמאַן לאקאָניש און קאָנדענסירט.

אָט, צום בײַשפּיל, דער פּאָרטרעט פון דער באָבע פּעסיע:

„די באָבע איז שוין דאָ. די פאטשיילע אף דעם שפּיץ קאָפּ. די ארבל פארקאטשעט, די בלויע אויגן אויסגעוואשן ווי דער הימל, די נאָז אײַנגעטונקט אין בארויגעז. זי רעדט צום זיידן און קוקט אף מיר" („מײַן באָבע־זיידעס פרילינגן").

די שרײַבערן האָט ניט ליב צעצויגענע נאטור־שילדערונגען. צוויי־דרײַ פּענדזל־שטריכן, און ניט נאָר מיר זעען דאָס געשילדערטע, מיר פילן דעם טאָם און דעם רייעך פון דער נאטור־דערשײַנונג, מיר שטעקן זיך אָן מיט דער שטימונג, וועלכע זי רופט ארויס.

צום בײַשפּיל:

„די זון ווארעמט. פון בייט גייט אוף א רויכל. אין א שורע איינס אין איינס זײַנען ארויסגעקראָכן די שפּיציקע ציבעלעס. זיי האָבן נאָך ערד אף זיך. די באָבע בייגט זיך אײַן, רייניקט אָפּ פון זיי די ערד און רעדט, ווי זי רעדט מיט דער קו, מיט די הינער: „אר־או, זיך נעבעך גוט אָנגעהאָרעוועט, ביז מע האָט זיך דורכגעשלאָגן צו דער שײַן. זע נאָר, ווי מע האָט זיך אויסגעסטראָיעט, ווי די סאָלדאטן מיט פּיקעס..." („מײַן באָבע־זיידעס פרילינגן").

דער אָפּשײַ פאר „קורץ געזאָגט" פילט זיך אויך אין דער שפּראך פון שירע גאָרשמאַנס נאָוועלן. די שרײַבערן האָט ליב קאָנדענסירטקײַט ניט נאָר איינעם געבוי פונעם ווערק, נאָר אויך אינעם דיִאלאָג, אין דער באשרײַבונג. זי האָט ניט ליב צעצויגענע באשרײַבונגען, האָט פײַנט זיך פארנעמען מיט אויסטײַטשונגען אָדער באאריכעסדיקע מאָטיווירונגען. זי האָט ליב ארײַנזאָגן שארף, קלוג, דער לייענער וועט פארשטיין, וואָס זי מיינט. זי טרויט אים, דעם לייענער, זי פארלאָזט זיך אף זײַן קויעך־האטפיסע. אויך אירע העלדן האָבן בעדערעך־קלאל פײַנט לאנגע דראָשעס, זיי האָבן אויך ליב ארײַנזאָגן קורץ און שארף. שירע גאָרשמאַנס שורע איז אָפט אפאָריסטיש און אויסערסט אויסדריקלעך. דער אפאָריסטישער זאָג, צום בײַשפּיל, „א ראכמאָנעס אף די מאנצבלען" פארבאָרגט אונטער זיך א רײַכסטן מאָראליש־שטייגערישן מאטעריאל און שליסט אין זיך אײַן די קווינטעסענץ פון דער גאנצער נאָוועלע; „קאָמונקעס" ווערטל „קוקט ניט אין די מאָגנס, קוקט אין די מאָרגנס" אנטהאלט אין זיך ניט נאָר דעם עצעם מעהוס פון זײַן, „קאָמונקעס", וועלטאופאסונג, נאָר עס שפּיגלט אויך אָפּ דעם ענטוזיִאזם און מעסירעסנעפעש פון די ייִדישע קאָמונארן אף די קרימער פעלדער.

שירע גאָרשמאַן האָט א פײַנעם געפיל פארן בייגעוודיקן פאָלקסוואָרט, וואָס איז ארומגעוואקסן מיט בילד און שטייגער, פאר דעם שפּריכוואָרט אָדער וויץ. איר שפּראך באצויבערט מיט רײַכקײַט, זאפטיקײַט, יאָדערדיקײַט, שפּילעוודיקײַט און גלײַכצײַטיק פּאָשעטקײַט, נאטירלעכקײַט. ס׳איז א שפּראך א גערעדטע, א לעבעדיקע, אָן באפּוצונג, אָן גלאנץ און פּרעטענציִעזקײַט, ווײַל זי שטאָמט פון א געזונטער פאָלקס־סוויווע, זי גייט פונעם לעבן, ניט פון דעם ביכל.

ס׳איז דעריבער קיין ווונדער ניט, וואָס ערטערווײַז, ווען מיר לייענען אייניקע, באזונדערס מאָנאָלאָגארטיקע גאָרשמאַנס דערציילונגען, טוט אף אונדז א ווייע מיט דעם באזונדערן כיין פונעם לעבעדיקן, פאָלקסטימלעכן שאָלעם־אלייכעמישן דיִאלאָג אָדער מאָנאָלאָג (צום בײַשפּיל, אין „דער פּעטער נאפּטאָלע", „נײַע צײַטן — נײַע צאָרעס", „גייענדיק פון מארק", „די פאריאָסעמטע מאמע", „רײַזע־קאשע", „לעבן און ליכט" אא.).

שירע גאָרשמאַן זעצט פאָר די פּראָגרעסיוו־הומאניסטישע טראדיציעס פון דער קלאסישער ליטעראטור, נוצט פרוכטבאר אויס אירע קינסטלערישע דערגרייכונגען, דערגאנצט זיי מיט דער אייגענער שעפערישער דערפארונג אין א נײַער עפּאָכע, בא נײַע אומשטענדן, טראָגט ארײַן אין דער ייִדישער ליטעראטור איר אייגענעם, אייגנארטיקן נוסעך.

■ ■ ■

קורצע רעצענזיעס

א. גאָנטאַרס לידער אין דער רוסישער איבערזעצונג

אַף צו נעמען זיך שרײַבן אָט דאָס אַרטיקל האָט מיך אָנגערעגט אַן עפּיזאָד, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין קיִעוו, אינעם שעווטשענקאָ־פּאַרק, וועלכער געפֿינט זיך אין מיטן שטאָט, ניט ווײַט פֿון קרעשטשאַטיק, צווישן דער שטילער רעפּין־גאַס, ווו עס זײַנען דאָ עטלעכע בילדער־גאַלערייען, און דעם רויטן גרויסאַרטיקן מויער פֿונעם אוניווערסיטעט אַף דער קעגנבערדיקער וולאַדימיר־גאַס. אָט דאָרט, אין אַלטן פּאַרק, ווו די בענק זײַנען פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַפֿילע ווינטער־צײַט, קיינמאָל ניט פֿרײַ, ווער רעדט, אַז דאָס איז פֿאָרגעקומען אין אָנהייב פֿרילינג, האָב איך זיך צוגעזעצט אַף אַ באַנק, גאַנץ נאָענט פֿונעם דענקמאָל דעם גרויסן דיכטער, מיט וועמעס נאָמען דער פּאַרק איז אָנגערופֿן.

אין אָט דעם פּאַרק איז גוט צו קלערן, מע פֿילט זיך דאָ אין אַ וועלט, ווו דאָס לעבן ריזלט שטיל, געמיטלעך: קינדער וואַרפֿן ביס די וועוועריקעס, וועלכע דראַפּען זיך לײַכט איבער די שטאַמען פֿון ביימער אָדער שפּרינגען אַרויף אַף אַ קינדערשן אַקסעלע; אַלטע לײַט פֿירן דאָ זייערע אומענדלעכע שמועסן; יונגע מאַמעס פֿאָרען זיך באַ קאָליאַסקע ווינגעלעך; סטודענטן זיצן פֿאַרטיפֿטע אין זייערע ביכער, קאָנספּעקטן; אַ פֿאַרליבטע פּאָר באַמערקט ביכלאַל קיינעם ניט און גאָרנישט ניט, אַפֿילע די פּראַכט פֿונעם פֿרילינגדיק־דערוואַכטן פּאַרק, דעם זוניקן געפֿינקל פֿון שפּריצנדיקע שטראָמען איבערן פֿאָנטאַן.

האָב איך זיך צוגעזעצט אַף אַ באַנק און ניט באַלד אַרומגעקוקט זיך, אַז די יוגנטלעכע — צוויי באָכערים און אַ מיידל, וועלכע כ'האָב שוין געטראָפֿן דאָ זיצן, — שמועסן וועגן עפּעס זייער אופֿגעלעבט, און ניט נאָר מע שמועסט — איין באָכער, ער איז אין סאָלדאַטישע קליידער, נאָר שוין אָן די מיליטערישע צייכנס, מיסטאָמע ניט לאַנג געקומען פֿון מיליטער־דינסט, לייענט פֿון מאָל צו מאָל עפּעס פֿון אַ ביכל מיט ווייכע טאָוועלעך, לידער לייענט ער, אַף רוסיש, און דאָס באַהאַנדלט מען יעדע ליד.

איך האָב זיך אײַנגעהערט, די לידער האָבן מיר אָפּגעקלונגען באַקאַנט.

Мы с памятью в Киеве
Выжженном, голом...
Качается висельник
Там над Подолом.
Как страшен ты,
Многострадальный Киев!
(О рифма Гофштейнова:
«Киев» — «Иов»!)

— — — — — — — —
— — — — — — — — -

קלאָר, אַוראָם גאָנטאַרס לידער־זאַמלונג, וואָס איז אַרויס אין דער רוסישער איבערזעצונג, זײַן לירישע פּאָעמע „מײַן אַלטער זיקאָרן". די יוגנטלעכע לייענען נאָך און נאָך, און אַלץ באַקאַנטע לידער: וועגן קינדהײַט באַם טײַך גנילאָפּיאַט; וועגן דעם, אַז אויב שוין זײַן אַ שטיין, איז אַזאַ, אַף וועלכן עס רוט אַן אָדלער, צי אַזאַ, וואָס ווערט אײַנגעמויערט אין אַ לײַכט־טורעם; אַ קורץ נאַטור־בילד, מאַמעש ווי אויסגעקלאַפּט מיט אַ דאָלעטקעלע אַף מעש, — אַ בערעזע ווערט פֿאַרגלײַכט מיט אַ קאַלע אין כופּעקלייד; ליבע־לידער, ווי מעטאַל, וואָס איז אָנגעגליט פֿון אינווייניק...

שפּעטער, ווען די יוגנטלעכע האָבן איבערגעריסן דאָס לייענען, האָב איך זיי געזאָגט, אַז כ'בין פּערזענלעך באַקאַנט מיט דעם דיכטער. די כעווריע האָבן זיך פֿאַרינטערעסירט. מע איז אוקראַיִנער, דאָס מיידל — אַ רוסישע. מע לערנט זיך אין אוניווערסיטעט, ניין, גראָד ניט קיין פֿילאָלאָגן — באָטאַניקער. דיכטונג, און ביכלאַל ליטעראַטור, האָט מען ליב. צי האָט מען געלייענט נאָך עפּעס, איבערגעזעצט פֿון ייִדיש? ניין, אַף אָט דעם ביכל האָט מען זיך אָנגעשטויסן אין קיִאָסק, האָט מען עס געקויפֿט. און ס'איז אַוועק אַ שמועס וועגן דער ייִדישער דיכטונג און פּראָזע. וועלכע שרײַבער זײַנען דאָ? וואָס שאַפֿט מען? וואָס נאָך האָט אָנגעשריבן גאָנטאַר? געלעבט ביז דער

מילכאָמע אין קיִעוו? א זעמליאַק, הייסט עס. און ווער איז האַפּשטיין, וועלכער ווערט דערמאָנט אין דער פּאָעמע?

אַט דאָ וועל איך דערווײַל שטעלן דעם פּונקט, קעדיי אָנהייבן אַן אַנדער שמועס. די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער, וואָס ווערן געדרוקט אין דער רוסישער, אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער, מאָלדאַווי־שער איבערזעצונג, קומען צו טויזנטער און טויזנ־טער לייענער פון פאַרשיידענע פעלקער, אין פאַר־שיידענע עקן לאַנד, און ברענגען מיט זיך סײַ דאָס טיף פאָלקישע, סײַ דאָס טיף מענטשלעכע, דאָס אַל־פאָלקישע, וואָס זיי פאַרמאָגן. דאָס האָט א גרויסע ווערט און ס'איז א שעפערישער אויספּרוּוו פאַר אונדזערע שרײַבער. און טאַקע פון דעם שטאַנד־פּונקט וויל איך שמועסן וועגן אוראַם גאָנטאַרס נײַעם לידער־בוך אין דער רוסישער איבערזעצונג.

דער גרונט־שטריך פון גאָנטאַרס דיכטערישער שאַפונג איז — לויטערקײַט, קלאָרקײַט פון געדאַנק, בילד, געשליפענע לאַקאָנישקײַט און פּינקטלעכקײַט פון וואָרט. אַזוי איז אויך אינעם דאָזיקן איבער־געזעצטן ביכל. שוין פון דער ערשטער ליד, וואָס קלינגט אַף ווי די ערשטע אַקאָרדן פון א סימפאָניע (די ליד איז אַפילע אויסגעזעצט מיט קורסיוו), דער־פילן מיר אָט די קראַפט גאָנטאַרס. באַנאַכט האָט ער געטרוימט וועגן שיין, באַטאָג איז געקומען א טרוים — פאַרזייען א קערנדל. ווען עס האָט זיך דורכגעשלאָגן פון דער ערד א ביימעלע, האָט אים געגומען פײַניקן די איינזאַמקײַט — מע דאַרף פאַר־פלאַנצן א סאַד, זאָלן ענג זיך צונויפלעכטן די צווײַגן אין דער הייך. און אָט איז דער סאַד — דער לידער־בוך, — קום אַרײַן און פאַרזוך די פּרוכט. און דער דיכטער פאַרענדיקט: אויב דער טרוים איז פון ווירק־לעכקײַט דאָס קערנדל, איז ער גליקלעך צו טרוימען, ער איז אַף יאָרן געבענטשט מיט טרוים!

און אין דער ליד, וואָס שליסט דאָס ביכל, — ווידער דער זעלבער געדאַנק:

— פאַרוואָרף מיט שטיינער מיך אַפּילע,
אַלציינס וועל איך דערזינגען מײַן געזאַנג.
כ'וועל אויסדיכטן אַזאַ מין טפילע —
פון שטיין זאָל אויסוואַקסן א זאַנג!

אַט דער לויטערער שטראָם אין גאָנטאַרס דיכ־טונג גיסט זיך צונויף מיט נאָך איינעם, פּונקט אַזאַ שטענדיק יוירנדיקן און טיפן — מיט א ליִרישן שטראָם. דערבײַ איז די ליריק ניט סטאַם קיין באַאָ־באַכטערישע, זעלטן א רויִקע, אָפּטער איז זי דראַ־מאַטיש אָנגעלאָדן, ווי די ערעוו־שטורעמדיקע הייך פאַר א דונער:

ס'איז אָפן דאָס אויג און ס'איז וואַך —
איך הער מיטן לײַב יעדן ציטער —
די טויב, וועלכע שלאָפט אַפן דאַך,
די יאַדלע, וואָס שטייט, ווי א היטער.

דער לירישער העלד גאָנטאַרס נעמט אויף דאָס לעבן אַקטיוו, באַזינט, מיט א ברייט צעעפנט האַרץ, אָפט א לײַדנדיקס, אָבער קיינמאָל ניט קיין געבראָכנס. גאָנטאַר זאָגט מיט רעכט:

— מײַן וועלט, האָסט מיך געקאָסט א סאַך,
פיל מערער, ווי אַן אַנדערן.

בײַשטייענדיק פיל ניסיוינעס, געדענקט דער דיכ־טער „דאָס ערשטע שטערנדל" זײַנס, אַלדאָס אַרנט־לעכע און גוטע, וואָס ער האָט אין אָנהייב וועג באַ־קומען פון זײַן שטאָם, פון זײַן היים:

איך האָב זיך אָפּגעבריט אין טויזנט פײַערן —
איך בין מיט אַלץ שוין זאַט.
נאָר ביז אַצינד עס איז מיר טײַער נאָך
דאָס ווילדע סטעזשקעלע באַם גנילאָפּיאַט.

— — — — — — — — — —

איך האָב באַנאַכט אַמאָל
געקוקט אין ברונעם־דעק —
מײַן מאַזל־שטערנדל
האָט דאָרט געבליצט.
עס קומט צו כאַלעמס מיר און שמייכלט זונענדיק —
דאָס ערשטע שטערנדל
מיר שײַנט ביז איצט.

אוראַם גאָנטאַר קומט אַרויס פון דער סאַמע פאָל־קישער געדיכטעניש. ער איז א בערדיטשעווער, א זון פון א מולער, אַליין געווען א מולער. ער האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די זיטן פונעם פאָלק, דעם כיין פון פּראָסטע, אַרבעטזאַמע לײַט, זייער האַפּערדיקן, כאָטש אויך ניט זעלטן ביטערן, פאַרהאָרעוועטן קוק אַף דער וועלט. אָט די מאָטיוון פלעכטן זיך זייער אָפט אײַן אין זײַן שאַפונג און מאַכן זי ערדיש. עס העלפט אים אײַנשטעלן א לעבעדיקן בריק צווישן אָוואַר און דעם הײַנט. אַזאַ איז די ליד „די קאַ־טאַרזשאַנקע":

ביז סיביר
איז אים באַגלייטן
כאַנעלע געגאַן.

און ווײַטער:

ס'איז דער נאָמען קאַטאַרזשאַנקע
הייליק, ווי דײַן טרער.

פול מיט פאָלקס־כאָכמע און פאָלקס־כיין זײַנען די לידער „לאָם־צי־דעראַם", „די אַלמאָנע גיטל", „עס־טער, עסטעריִנע די פרינצעסן", „א כאַסענע", „די ליד פון מײַן פעטער ניסל", „די ליד פון שנײַדער", „ריידן איז זילבער". אָט די ליד, א מין סינטעז פונעם פאָלקסטימלעכן, וואָס וועבט דורך גאָנטאַרס שאַפן, ווילט זיך דאָ ברענגען אינגאַנצן:

ריידן איז זילבער
און שווײַגן איז גאָלד,
נאָר איך האָב דיר זאָגן
פון לאַנג שוין געוואָלט,
אַז איך האָב דיך האָלט.
לאַנג כ'האָב די ווערטער
געזיפּט און געקליבן,
נאָר איך האָב געפאָלגט,
און האָב שטענדיק געשוויגן:
ערשט לאָזט דיך גאָר אויס,
ס'איז די מײַסע א ליגן.
איך האָב געשוויגן,
און ער האָט גערעדט...
איצט מעג איך שוין שווײַגן —
ס'איז ריידן שוין שפּעט.

דער דיכטער פאַרזעט קיינמאָל ניט דאָס הײַנטצײַטיקע, אַלע זײַנע געדאַנקען און געפילן קומען דורך דעם הײַנט. אַזוי דערציילט ער וועגן פּאַנאַר („שטיל אין פּאַנאַר"):

...אין טויזיק־שאָטנדיקער גרוב איך קריך אַראָפּ —
דאָרט וואַקסן איצט שוין יונגע ביימער.
ניין,
עס שטייט איבער מײַן קאָפּ דאָ ניט קיין ראָב, —
אין גרינס פון דעמב — א זינגפויגל א שיינער —
א בלויערל מיט פעדערלעך פון זייד,
מיט לויכטנדיקע אייגעלעך מיט ריינע.
נאָר ס'דוכט מיר אַלץ,
איך הער, ווי עמעץ שרײַט, —
צי שרײַען ניט פון גרוב מײַן מאַמעס ביינער?..

און ווידער אַזוינס: עס פליט א לײַנער, א קינד זיצט באַם פענצטערל:

די מאַמע פון לינקס
און דער טאַטע פון רעכטס —
פון אויבן — דער הימל,
פון אונטן — די ערד,
און אַלץ איז געוויינלעך
און קלאָר, ווי דער טאָג —
טראָג זיך, מײַן אַדלערל,
טראָג!

און דאָס ייִנגעלע ווייסט ניט, אַז שטאָלענע פויגלען וואַרפן ערגעץ איצט פײַער אַף דער ערד, מענטשן קומען אום...

און צולעצט — וועגן נאָך איין איקערדיקן שטריך אין אווראָם גאָנטאַרס שאַפן, וועגן דער מײַסטערשאַפט צו פורעמען און שמידן די ליד, מײַסטערשאַפט, וואָס קומט פון אײַנזאַפּן אין זיך די טראַדיציעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, פון באַהעפטן די לויטערקײַט פון איציק פעפערס פערז מיט דער שטאָל־געשמידטער קלינגעוודיקײַט פון דאַוויד האָפשטיינס דיכטונג. לייענסט גאָנטאַרס לידער, און דו טראַכטסט: זע, ווי גרינג עס איז געשריבן. אָבער ס'איז ווײַט ניט אַזוי. אָט די קלוימערשטיקע גרינגקייט קומט פון אַנגעשטרענגטער מי. גאָנטאַר שרײַבט מיט רעכט:

יעדער אָס א האַרץ פאַרמאָגט,
יעדער פּינטל — אויסגעטאַקט,
יעדער קלאַנג דערמאָנט מיר, זאָגט:
בעסער זײַן זאָלסטו א שלעכטער,
נאָר פאַרבלײַבן אונדזער וועכטער.

אַף רוסיש (כּוץ „זאַנגען אַף שטיין", זײַנען באַ גאָנטאַרן דערשינען פאַר די לעצטע יאָרן די לידערזאַמלונגען „זילבערנע פעדעם", „די שטאָט פון מײַן טרוים", „די מאָס פון ליבע" און אַף ייִדיש „טויבן אַפן דאַך"), — איז אים גאָר ניט גרינג איבערצוזעצן. דער רוסישער דיכטער לעוו אָזעראָוו האָט בײַס א געלעגנהייט אָפּגעמערקט: „גאָנטאַר ניצט אויס זייער טרעפלעך די רײַכקייט פון דער מוטערשפּראַך, דערפאַר איז איבערזעצן זײַנע לידער שווער, איך ווייס דאָס פון דער אייגענער דערפאַרונג". פון דער צווייטער זײַט, נעמט זיך גערן דער רוסישער דיכטער צום איבערזעצן גאָנטאַרס לידער. זײַן וואָרט איז פּינקטלעך, דאָס בילד — קלאָר, די פּאַליטרע — רײַך, זאַפטיק, די אינטאָנאַציע — האַרציק. אַזעלכע לידער זעצן זיך איבער גוט, זיי פאַרלירן ניט סײַ אינעם איקער, סײַ אין די דינסטע ניואַנסן, און אויב עס געשעט דאָס אומפאַרמײַדלעכע, ערגעץ־ווו פאַרלירט די שורע, איז פונדעסטוועגן שפּאַר־ווייניק. יעדע ליד דערקענט מען טייקעף, און אייניקע באַקומען זיך מאַמעש ווי אין אָריגינאַל. עס האָבן מיט קענטעניש איבערגעזעצט די לידער אי. גורעוויטש, נ. גאָרסקאַיאַ, א. רעוויטש, יו. ניימאַן, ל. אָזעראָוו, ט. ספּענדיאַראָווא, וו. לעוויק, — אַלע זײַנען זיי באַוווּסטע וואָרט־מײַסטערס.

גרויס איז די אַכרײַעס צו קומען צום לייענער פון א לאַנד, וואָס איז פילמיליאָניק און פאַרשיידנאַרטיק. מיט אָט דער אַכרײַעס קומען טאַקע די ייִדישע שרײַבער, ווי די שרײַבער פון אַלע פעלקער, צום רוסישן לייענער.

יעכיעל פאַליקמאַן

אַזוי האָט געפאָדערט דאָס לעבן

ביכער וועגן די גרויליקע רעציכעס פון די פאַשיסטן בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ביכער וועגן דער הויכער זיטלעכקײַט, וועגן גווורע און מוט פון די אַנטיפאַשיסטן זײַנען די לעצטע יאָרן דערשינען א היפּש ביסל. אָבער דאָס ביכל פון אי. איראָשניקאָווא, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון א מיידעלע א קאַצעטניצע (וויפל שוידער רופט אַרויס שוין דאָס וואָרט אַליין — א קינד א קאַצעטניצע!), טיילט זיך אויס דערמיט, וואָס דאָ ווערן געבראַכט גרויליקע פאַקטן, וועלכע זײַנען געשען מיט הילפלאָזע וועזנס. שוין מיט די ווערטער פונעם אויטאָר: „דער גוירל פון עלזשוניע איז א סימבאָל פון דעם, ווי הילפלאָז עס איז די קינדהײַט אין א צײַט, ווען עס ווילדעווען פאַשיזם, מילכאָמע" איז פיל געזאָגט געוואָרן.

עלזשוניע איז א פּויליש מיידעלע, וואָס איז צוזאַמען מיט איר מאַמען פאַרפּײַניקט געוואָרן אינעם היטלערישן טויט־לאַגער מײַדאַנעק. איר טאַטן האָבן די טאַליאַנים אומגעבראַכט אין אַשווענטשימער לאַגער. די שוידערלעכע פאַקטן, וועלכע אירינע איראָשניקאָווא ברענגט, זײַנען ניט קיין אויסגעטראַכטע. אַלץ איז דאָ פּינקטלעך, אַלץ ווערט באַשטעטיקט דורך דאָקומענטן און לעבעדיקע איידעס. די ווערט

Ирина Ирошникова. Элжуня. Издательство «Советская Россия». М., 1974.

פון איראַשניקאָוועס בוך באשטייט דערין, וואָס וועגן דעם איבערגעלעבטן קאָשמאר דערציילן מענטשן, וואָס זײַנען בײַגעקומען אלע שוידערן און געבליבן לעבן. די שרײַבערן האָט געגעבן דאָס וואָרט זיי, די קינדער, און אויך די רעטער פון די קינדער.

די גוויִעס־איידעס זײַנען דערשיטערנדיק.

עס רעדט די לערערן נינע סאוועליעווא:

„א גרופּע קאצעטניקעס האָט מען געבראכט אין איינעם פון די לאַגער־באראקן. דער באראק איז געווען א קאלטער, א פינצטערער. דער ווינט האָט זיך ארײַנגעריסן דורך די ווענט און געווילדעוועט. אין דער גרופּע איז געווען א פּיצל מיידעלע פון ווײַסרוסלאנד ליודאָטשקע בעזליודאָווא. איינמאָל האָט ליודאָטשקע געזאָגט:

„סארא נאראָנים עס זײַנען די פאשיסטן! צי קאָנען דען מענטשן לעבן אין א שטוב מיט אזעלכע קליינינקע פענצטערלעך?״

א געוועזענער אופזעער פון א בלאָק אין זאקסענהאוזענער לאַגער האָט דערציילט אפן געריכט:

„יאָ, איך האָב באפוילן איינעם א פּוילישן קאצעטניק, ער זאָל זיך אופהענגען. איך האָב אים געגעבן א שטריק, א האמער און א טשוואָק, פארשפארט אים אין א קליין קעמערל און געזאָגט, אז איך וועל אים פּײַניקן מיט שרעקלעכע פּײַנען, אויב ער וועט זיך ניט אופהענגען. אין א האלבער שאָ ארום האָט ער זיך אופגעהאנגען...״

אָט איז א מענטשנפרעסערישע אינסטרוקציע פונעם שעף פונעם אָשווענטשימער טויט־לאַגער: „אויב אינעם טראנספּאָרט זײַנען פאראן ייִדן, מעגן זיי לעבן ניט מער, ווי צוויי וואָכן. קסיאָנדזן מעגן לעבן א כוידעש. די איבעריקע — דרײַ כאדאָשים״.

א קאצעטניצע פונעם זעלבן לאַגער דערציילט: „פּאָל האָט מיך געשמיסן און פארשפּארט אין קארצער. זי האָט אויסגעקליבן אזא קאמער, ווו עס זײַנען געלעגן געשטאָרבענע קינדער. פארשפּארנדיק מיך, האָט זי געזאָגט:

— דאָ וועסטו האָבן א גוטע קאָמפּאניע״...

וואָס איז געוואָרן מיט די קינדער, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן? עפשער זײַנען זיי אזוי אָנגעשראָקן, אז זיי זײַנען אף שטענדיק געבליבן פּאכדאָנים? אָדער עפשער איז אין זיי דערצויגן געוואָרן א געפיל פון אכזאָריעס? בעשום־אויפן ניט.

אין זיקאָרן פון די קינדער זײַנען פארבליבן ניט בלויז די שוידערן. אין די לאַגערן האָבן זיי געפילט אויך די ווארעמקײַט און דעם מוט פון זייערע עלטערע פרײַנט און דערציִער. די קאצעטניצעס פון די לאַגערן, די מיידלעך און פרויען פון פארשיידענע באציִאָנאליטעטן, האָבן זיך באהעפט און צוזאמען געטאָן אלץ אף צו ראטעווען די קינדער. שיסן אין די פאשיסטן האָבן זיי ניט געקאָנט; זיי האָבן די פאשיסטישע מערדער באזיגט מיט דער קראפט פון זייער גײַסט.

„...איך וויל דיר אָפּדאנקען פאר אלץ, וואָס דו האָסט מיר געגעבן אין מעשעך פון אונדזער געפינען זיך צוזאמען אין קאָנצלאגער, דעריקער פאר דעם, וואָס איך האָב פון דיר געלערנט: ליבע צו מענטשן קאָן זיי ברענגען שײַן און ווארעמקײַט אפילע אין דער סאמע פינצטערער און קאלטער צײַט״, — אזוי האָט געשריבן די טשעכישע פרוי מאנוי צו דער רוסישער פרוי, דעם קינדער־דאָקטער אָלגע ניקיטינא.

פול מיטן פּאטאָס פון מוט, הומאניזם, אינטערנאציאָנאליזם און שעפערישער לײַדנשאפט, וואָס העלפט לעבן און קעמפן, איז די לעצטע דערציילונג אינעם ביכל „געקאטאָמבא־41״ — וועגן א פּאָליאק אלעקסע קוליסעוויטש — דעם אווטאָר פון ווידערשטאנד־לידער. די לידער זײַנען געשאפן געוואָרן אין היטלערישע פּײַניקונגס־קאמערן, זיי זײַנען אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט אָנגעפילט מיט ווייטעק און מוט פון פיל קאָרבאָנעס און קעמפער קעגן פאשיזם. צווישן די קאצעטניקעס איז געווען איינער מיטן נאָמען ראָסבערי דארגוטאָ, א קאָמפּאָזיטאָר, אין דער פארגאנגענהײַט אן אָרגאניזאטאָר פון כאָרן צווישן די בערלינער ארבעטער און קינדער, א ייִד לויט דער נאציִאָנאליטעט. ער האָט געוווּסט, אז מע וועט אים אינגיכן אוועקפירן אין גאז־קאמער, האָט ער אָנגעשריבן זײַן לעצטע ליד, די טויט־ליד, אויסנוצנדיק דערצו די ברייט פארשפרייטע צווישן די ייִדן „ליד וועגן צען ברידער״:

צען ברידער זײַנען מיר געוועזן.
האָבן מיר געהאנדלט מיט ווײַן.
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זײַנען מיר געבליבן נײַן.
ייִדל מיטן פידל, בערל מיטן באס,
שפּיל זשע מיר א לידל אויפן מיטן גאס...

די דאָזיקע ליד האָט דארגוטאָ באגלייט מיט אזא רעפרען:

הערט מײַן לעצטע ליד,
איך אײַל אין גאז־קאמער צו גיין!

די ליד האָט ער געזונגען אין בלאָק, און עס האָבן זי געהערט די טשעכן, פּאָליאקן, דײַטשן... דאָס איז געווען א ליד אויך וועגן זיי. צוגעגאנגען צו אלעקסען, האָט ער אים געזאָגט הויך אפן קאָל, אז אלע זאָלן הערן:

— אלעקסע, כאָטש דו ביסט ניט קיין ייִד, נאָר געדענק: אויב דו וועסט בלײַבן לעבן, דארפסטו ביז דײַן לעצטן אָטעם־צוג זינגען אָט די ליד. אין קעגנפאל וועסטו ניט קאָנען רויִק שטארבן.

„ווען די פויסטן זײַנען מאכטלאָז, בלײַבן נאָך איבער דער מויעך און דאָס וואָרט״ — אזוי זאָגט אלעקסע. דאָס וואָרט איז אין לאַגער פארבליבן. איינעקע האָבן געמיינט, אז אלעקסע איז גערירט פון זינען: שטענדיק רעדט ער מיט זיך אליין. ער גראָבט די ערד און מורמלט עפּעס. ער פּוצט דעם שטיוול פון אן עסעסאָוועץ און מורמלט. דער עסעסאָוועץ גיט א פּויק מיט די פינגער אין שטערן: גערירט. ער האָט אָבער געמורמלט ווערטער, וועלנדיק פארקריצן אין זיקאָרן דאָס, וואָס ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן. ער האָט געוואָלט פארהיטן דעם „דאָקומענט״. און אזא דאָקומענט איז געוואָרן דאָס וואָרט, די לידער־שורע.

די געשעענישן און שוידערן פון דער לעצטער מילכאָמע לעבן און וועלן לעבן אין די מויכעס פון די מענטשן. דער הײַנטיקער דאָר און די קומענדיקע דוירעס מוזן וויסן, וואָס פאר א געפאר עס האָט

געדראָעט דער מענטשהײַט און וויִאזוי דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט די דאָזיקע געפאַר אָפּגעווענדט, ווער עס זײַנען געווען די מענטשן, וואָס האָבן ניט געשאָנעוועט זייערע לעבנס אין קאַמף קעגן דעם פאַשיזם. וויִאזוי, אַף וואָס פאַר אַן אויפן דאָס אַלץ וועט דערגיין צום באַוווסטזײַן פונעם הײַנטיקן דאָר און פון די קומענדיקע דורות, — דערפון איז אין א גרויסער מאָס אָפּהענגיק די צוקונפט פון אונדזער פּלאַנעטע. אין דעם פּראַט העלפט ניט ווייניק מיט דאָס ביכעלע פון אירינע איראַשניקאָווא.

וולאַדימיר סאָלאָוויי

אָפּאָלטשענצעס פון די העלדן=שטעט

ווער עס אינטערעסירט זיך מיט דער געשיכטע פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועט געוויס ווענדן די אויפמערקזאמקײַט אַפן בוך „די פאָלקס־אָפּאָלטשעניע פון די העלדן־שטעט”, וועלכער איז דערשינען הײַנטיקס יאָר אין פארלאַג „נאוקא”.

זײַן אווטאָר — א. ד. קאָלעסניק איז אַן עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט פאר געשיכטע בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר. די מאטעריאלן, וועלכע ער האָט אופגעזאמלט אין משך פון פיל יאָרן, שטעלן מיט זיך פאָר א היפּשן אינטערעס.

דער אווטאָר איז גערעכט, ווען ער באַמערקט, אַז, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס זינט עס האָט זיך פארענדיקט די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, איז שוין פארגאנגען בא דרײַסיק יאָר, איז די געשיכטע פון דער אָפּאָלטשעניע נאָך ביז הײַנט גרינטלעך ניט פאנאנדערגעארבעט. פאַרשנדיק די ראָליע און דאָס אָרט פון דער אָפּאָלטשעניע אין אנטיפאשיסטישן קריג, באהאנדלט ער אין זײַן בוך, וויִאזוי עס האָבן זיך פאָרמירט, באוואָפנט, אויסגעשולט און וויִאזוי עס האָבן געקעמפט די דאָזיקע טיילן.

א סאך אָפּאָלטשענצעס האָבן ניט געהאט קיין מיליטערישע צוגרייטונג, און צײַט אַף צו לערנען זיך איז געווען ווייניק. א באַדײַטנדיקער טייל פון זיי איז געווען אינטעלעקטואלן, וועלכע האָבן פריִער אין דער ארמיי ניט געדינט. דערצו זײַנען זיי דאָסראָוו געווען שוין עלטערע מענטשן. דערפאר אָבער איז דער פּאָליטיש־מאָראלישער ניוואָ אין דער אָפּאָלטשעניע געווען גאָר א הויכער. אין דער דיוויזיע פונעם לענינער ראיאָן פון מאָסקווע, לעמאָשל, איז יעדער דריטער אָפּאָלטשענעץ געווען א קאָמוניסט אָדער קאָמיוגיסט.

מע דארף אויך אָפּמערקן דעם פילנאַציאָנאלן באַשטאנד פון דער אָפּאָלטשעניע. אין איינער פון די מאָסקווער דיוויזיעס זײַנען, אשטייגער, געווען שלאכטלײַט פון 33 נאַציאָנאליטעטן. אין דער זיבעטער דיוויזיע (מאָסקווע) איז צום 8 יול 1941 געווען העכער 6 טויזנט רוסן, 417 טאָטערן, 343 אוקראַיִנער, 165 ייִדן, 147 ווײַסרוסן אאוו.

דער אווטאָר באווײַזט די מעסירעסנעפּעשדיקײַט פון די אָפּאָלטשענצעס בײַס די שלאכטן פאר מאָסקווע, לענינגראד, קיִעוו און אנדערע שטעט. ער ברענגט פיל איינצלהײַטן פון די דאָזיקע שלאכטן, אופשטעלנדיק א הערלעך בילד פון מאסן־העראָיִזם.

דערציילנדיק וועגן דער דיוויזיע פון דעם באומאַנער ראיאָן אין מאָסקווע, ווײַזט ער אָן, אַז „אין דער דיוויזיע זײַנען געווען א סאך סטודענטן און געלערנטע. אייניקע אירע טיילן זײַנען באשטאנען דורכויס פון סטודענטישער יוגנט.

צווישן די אָפּאָלטשענצעס פונעם ראיאָן האָבן זיך געפונען דער דירעקטאָר פונעם אינדוסטריִעלן עקאָנאָמישן אינסטיטוט א. ל. באנקוויצער, די באוווסטע געלערנטע אי. מ. פײַנגאר, א. פ. קאָן און אנדערע”. אויך פון די וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן זײַנען געקומען אין דער אָפּאָלטשעניע בארימטע געלערנטע: פונעם אינסטיטוט פון מארקסיזם־לעניניזם — די פּראָפעסאָרן פ. מ. טשערעמניך און מ. מ. אבאַלין, פונעם אינסטיטוט פון וועלט־ווירטשאפט — דער דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאפטן מ. אי. רובינשטיין אא.

צווישן די עפּיזאָדן, וועלכע דער אווטאָר ברענגט אין זײַן בוך, איז אינטערעסאנט איבערדערציילן דעם פאָלגנדיקן. אין די שלאכטן פאר מאָסקווע האָט זיך געשלאָגן די 9־טע דיוויזיע (שפּעטער האָט זי זיך איבערגעפאָרמירט אין דער 139־טער שיסער־דיוויזיע). ס׳האָט געטראָפן אזוי, אז די דיוויזיע איז ארײַנגעפאלן אין אן ארומרינגלונג, און מע האָט זיך געדארפט דורכרײַסן. מיט איינער א גרופּע פון 250 מענטשן האָט אָנגעפירט דער שטעלפארטרעטער פונעם שעף פון פּאָליט־אָפּטייל פון דער דיוויזיע מ. ז. פידעלמאן. די גרופּע האָט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט אין דער נאכט אַפן 9 אָקטיאבער 1941, ווען מע האָט אָנגעגריפן אַפן סוינע דאָרעם־צו פון וויאזמע, אינעם ראיאָן פונעם דאָרף סעליוואנאָווא.

אָדער אזא עפּיזאָד: העלדיש האָבן פארטיידיקט די צוגאנגען צו לענינגראד די שלאכטלײַט פון דער 5־טער דיוויזיע פון דער לענינגראדער אָפּאָלטשעניע. די פאשיסטן האָבן זיך געריסן צו דער שטאָט און געהאלטן אין איין אָנגרײַפן אַף אונדזערע שוץ־ליניעס. די דיוויזיע האָט ניט בלויז אָפּגעשטעלט די פאשיסטן, נאָר איז אליין איבערגעגאנגען אין אָנגריף. די ראָטע, בעראָש מיט וו. קוקס, איז ארײַנגעטראָטן מיטן סוינע אין א הענט־געפעכט. באזונדערס האָבן זיך אין דער דאָזיקער שלאכט אויסגעצייכנט די אָפּטיילונגען, מיט וועלכע ס׳האָבן אָנגעפירט דער קאָמוניסט א. וו. פּאָבעדאָנאָסצעוו און דער סטודענט

פונעם לענינגראדער אינסטיטוט פון זשורנאַליסטיק לעוו שפּייער. זיי האָבן פאַרניכטעט באַ 100 דײַטשישע סאָלדאַטן און אָפיצערן. ניט אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף, האָבן די פאַשיסטן געמאַכט די פּלייטע.

אַן אומשטערבלעכן העלדנטאַט האָט באַוויזן אין די שלאַכטן הינטער אָדעס אין דער ערשטער העלפט אויגוסט 1941 אַ ניט־גרויסע גרופּע קאָמיוגיסטן־אָפּאָלטשענצעס. פינף מעסלעס האָבן לעוו רודניעוו, ניקאָלײַ דאָראָכאָוו, ניקאָלײַ קאַפּוסטיאַנסקי, איוואַן פּאָלאָזאָוו, טיכאָן קאַליאַדאַ, סעמיאָן טרונאָוו, נינע וואָסקאָבויניק און אַנדערע אײַנגעהאַלטן די פאַרנומענע שוץ־ליניע, אָפּשלאָגנדיק אַלע אַטאַקעס פונעם סוינע. און ווען לעבעדיק זײַנען פאַרבליבן בלויז צוויי, האָט לעוו רודניעוו אַרויסגענומען באַ די אומגעקומענע די קאָמיוגישע בילעטן, זיי איבערגעגעבן נינען און געזאָגט:

— דערקלײַב זיך צו אונדזערע און גיב איבער, אַז מיר האָבן זיך געשלאָגן ביזן לעצטן אָטעם.

אַליין רודניעוו האָט, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ קעגנטאַנק־גראַנאַטע, זיך אַ וואָרף געטאָן אונטער די רויפּעס פון דעם סוינעס אַ טאַנק.

די גרויסע פּאָטערלענדישע מילכאָמע איז געווען אַן אַלפּאָלקישע. דער אווטאָר פירט דורך דעם דאָזיקן געדאַנק דורך זײַן גאַנצן בוך. אין דער פּאָלקס־אָפּאָלטשעניע פון די העלדן־שטעט האָט די פעלקער־פרײַנטשאַפט אויסגעהאַלטן אַ האַרבן אויספּרוּוו און איז געווען איינע פון די הויפּט־יעסוידעס פון אונדזער זיג.

יאַקאָוו גאָרעליק

קאַנדידאַט פון מיליטערישע וויסנשאַפטן,

פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע.

דערשינען אין כאַבאַראָווסק

וועגן דעם בירגערקריג אפן ווײַטן מיזרעך זײַנען פאַרעפנטלעכט אַ סאַך מאַטעריאַלן. דאָ ניט לאַנג איז דערשינען אַ נײַער בוך אַף אָט דער טעמע — „דאָס ווידערקאָל פון די פּאַרטיזאַנישע סאָפּקעס", — אין וועלכן ס'זײַנען צונויפגעזאַמלט ביז איצט נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע דערינערונגען פון געוועזענע שלאַכטלײַט פון דער ווײַטמיזרעכדיקער פאָלקס־רעוואָליוציאָנערער אַרמיי, פון פּאַרטיזאַנער.

צום בוך איז בײַגעלייגט אַ מאַפּע „די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אינעם כאַבאַראָווסקער קאַנט אין די יאָרן 1919—1920". אַף איר זײַנען באַצייכנט פיל באַפעלקערטע פּונקטן, וועלכע גייען איצט אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט: קולדור, בירא, אין, אָלגאָכטע, וואָלאָטשײַעווקע, דאָנילאָווקע, דעזשניאָווקע, ניקאָלײַעווקע, פּאָקראָווקע, ניזשני־ספּאַסק.

אין 1919 יאָר איז אין קולדור געשאַפן געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון פיאָדאָר וואָראָביאָוון. אַף דער סטאַנציע בירא האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער פאָלקס־רעוואָליוציאָנערער אַרמיי. אַף דער סטאַנציע אין איז אין דעקאַבער 1921 פאָרגעקומען אַ שלאַכט, וואָס איז, אייגנטלעך, געווען דער אָנהייב פונעם ענדגילטיקן פאַרטרײַבן די ווײַסגווארדייער און אינטערווענטן.

אין ניקאָלײַעווקע איז אין אַפּרעל 1920, אונטער דער אָנפירונג פון פּאַוועל פּאָסטישעוון, דערשינען דער ערשטער נומער פון דער צײַטונג „וופּעריאָד".

באַרימט איז אפן ווײַטן מיזרעך דער נאָמען פון איוואַן פּאַוולאָוויטש שעווטשוקן. אַן אַרבעטער פונעם כאַבאַראָווסקער האַפן, אַן אָנטיילנעמער פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, אַ באָלשעוויק, האָט ער אָרגאַניזירט דעם באַוווסטן טונגוסקער פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, אָנגעפירט מיט אַ פּאָלק פון דער פאָלקס־רעוואָליוציאָנערער אַרמיי. אַלס סאָוועטישער גענעראַל האָט ער זיך שפּעטער באַטייליקט אין דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע און איז אומגעקומען אין איינער פון אירע שלאַכטן. אינעם רעצענזירטן בוך ווערט געניי דערציילט וועגן די אָפּעראַציעס פון שעווטשוקס אָטריאַד אין די יאָרן פונעם בירגערקריג. אינעם ייִשעוו אַף טעלמאַנס נאָמען פונעם סמידאָוויטשער ראַיאָן לעבט סערגיי קוזמיטש דיאָמין — דער געוועזענער אָנפירער פון דער קוילנוואַרפלער־קאָמאַנדע אין שעווטשוקס אָטריאַד. אין זײַנע זיכרוינעס דערציילט ער וועגן די שלאַכטן פאַר באַפרײַען כאַבאַראָווסק, אין, וואָלאָטשײַעווקע.

מיר טרעפן אינעם בוך אויך דערינערונגען פונעם פּערסאָנעלן פּענסיאָנער מיכאַיל מאַקסימאָוויטש כאָכאַ. וועגן אים האָט אַמאָל אי. פּ. שעווטשוק, אינעם בוך „דער ערשטער טונגוסקער", געשריבן: „...לויטן וווּקס ניט גרעסער פון אַ ביקס, דער באַגנעט איז ניט העכער פון זײַן קאָפּ, דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ דרייסטקײַט! ווען מע האָט געשאַפן דעם אָטריאַד, איז ער געוואָרן דער אָנפירער פונעם אַדמיניסטראַטיוון אָפּטייל. און אַלט געווען איז ער דעמלט זיבעצן יאָר"...

די פאַרוואַלטערן מיטן פּאַרטיי־אַרכיוו באַם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט מ. ס. קאַזאַטשענקאָ באַשרײַבט דעם העלדנטאַט פון ניקאָלײַ טראָפימאָוויטש און אַלעקסאַנדרע גריגאָריעוונאַ אַנישטשענקאָ, וועלכע האָבן אַקטיוו געאַרבעט אינעם רעוואָליוציאָנערן אונטערערד אַף דער סטאַנציע בירא בײַס דער אינטערווענץ פון די יאַפּאַנער און זײַנען דאָ העלדיש אומגעקומען. אין זייער אָנדענק איז אינעם וואָקזאַל־סקווער אוועקגעשטעלט אַן אָבעליסק.

כאַבאַראָווסק, 1974.

- א היפש אָרט אינעם בוך פאַרנעמט דער אָפּטייל, וואָס איז געווידמעט דער לעגענדאַרער וואָלאָטשיַעווקער שלאַכט, אין וועלכער די טיילן פון דער פאָלקס־רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פונעם אויסגעפּרוּווטן קאָמאַנדאַרם בליוכער האָבן צעגראָמירט די איבערשטייגנדיקע קרעפטן פונעם סוינע.

מע דאַרף אָפּמערקן די גרויסע אַרבעט, וואָס עס האָט דורכגעפירט די געזעלשאַפטלעכע רעדקאָלעגיע פון דער אויסגאַבע, און גלייכצייטיק אָנווייזן אויף אייניקע בלויזן. א שאָד, וואָס עס פעלן קורצע ביאָגראַפישע אָנגאַבן וועגן אַזעלכע באַוווּסטע העלדן פונעם בירגערקריג אַפן ווייטן מיזרעך, ווי בליוכער, פּאָסטישעוו, סערישעוו, טאַמין. ס'וואָלט דאָ זיכער געווען צום אָרט א צעטל ליטעראַטור וועגן בירגערקריג אַפן ווייטן מיזרעך און פאָטאָגראַפיעס פון די ערטער, וואָס האָבן געשפּילט א וויכטיקע ראָל אין די יאָרן פון בירגערקריג, ווי אויך פון די דענקמעלער און אָבעליסקן.

אין אַלגעמיין אָבער איז „דאָס ווידערקאָל פון די פּאַרטיזאַנישע סאָפּקעס" ביז גאָר א נייטיקער און וויכטיקער בוך.

יע. קודיש

א ווערק וועגן אמעריקאנער נאצי=גאנגסטערס

די לייענער פון אונדזער זשורנאַל זיינען שוין באַקאַנט מיטן אַמעריקאַנער יידישן שרייבער בען גאָלד, וועמעס בוך „אין יענע טעג" איז געווען רעצענזירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין יאַנואַר 1971. אויך דאָס נייע בוך זיינס — „דער שטורעם אין ריווערוויל" — איז געווידמעט „די קלאַסן־באַוווּסטזיניקע אַקטיווע יוניאָן־מיטגלידער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער איבערגעגעבענער און מוטיקער טעטיקייט אין די היסטאָרישע מאַסן־קאַמפן פון די נאָדל־פאַכן צו באַפרייען די טרעד־יוניאָנס פון קאָרופּציע און גאַנגסטעריזם, פאַר א פּראָגרעסיווער פּראָגראַם, לעטויוועס דעם קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען און פאַר א פּראָגרעסיווער אַמעריקע" (פונעם אויטאָרס אַריינפיר־וואָרט, ז. 11).

אין נייעם בוך איז די טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק פון „אין יענע טעג" פאַרברייטערט, די האַנדלונג — דראַמאַטישער, דער סיפּער־האַמייסע איז מער אָנגעזעטיקט מיט לעבנס־קאָנפליקטן.

די געשעענישן שפּילן זיך אָפּ אין און אַרום דעם אַמעריקאַנישן פּראָווינץ־שטעטל ריווערוויל. אַזוי ווי אין א טראָפּן וואַסער קענען אַמאָל אָפּגעשפּיגלט און רעפלעקטירט ווערן אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן, אַזוי ווערט אין די געזעלשאַפטלעכע שטרייטן און שאַרפע געראַנגלען אין דעם שטעטל ריווערוויל פּאַראַלגעמיינערט און סימבאָליזירט די אינערלעכע לאַגע אין די פאַראייניקטע שטאַטן בכלל. כּוץ דעם, באַווייזט דאָס געמאָלטע און דערציילטע, וויאַזוי דאָס לעבן פון די דאָרטיקע יידן איז געקניפּט און געבונדן מיטן אַרומיקן לעבן אין לאַנד.

דער אַלטגריכישער פילאָסאָף און קונסט־קענער אַריסטאָטעל האָט געשריבן: „דאָס קינסטלערישע שילדערן געשיכטע איז מער וויסנשאַפטלעך און מער אַדעקוואַט, איידער איר פּינקטלעכע באַשרייבונג". דעם קינפטיקן געשיכטע־שרייבער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע וועט דאָס בוך „דער שטורעם אין ריווערוויל" ביט ווייניק באַהעלפיק זיין, ווען ער וועט וועלן אָפּשפּיגלען דעם קאַמף און דעם איבערפלעכט פון די סאָציאַלע, נאַציאָנאַל־עטנישע און אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן און אויך דאָס שטייגער־לעבן פון די פאַרשיידענע גרופּן באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס.

די באַפעלקערונג אין ריווערוויל באַשטייט פון דייטשן, איטאַליענער, אוקראַינער, פּאָליאַקן, פון א קליינער צאָל יידן און נעגערס. די געגנט, ווו עס וווינען דייטשן, איז באַוווּסט אין שטעטל אַלס „קליין־דייטשלאַנד". נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט ווערט „קליין־דייטשלאַנד" א נעסט פון דער נאַצי־מאַגייפע. איבערצייגעוודיק איז אינעם בוך געשילדערט די פּאָלאַריזאַציע פון די פּאָליטישע קרייזן אין ריווערוויל בכלל און אין „קליין־דייטשלאַנד" בפרט. אין שפּיץ פון דעם פּראָהיטלערישן לאַגער שטייען דער שוך־פאַבריקאַנט לודוויג פעלהענדלער און זיין איידעם, דער פאַרוואַלטער פון דער אָרטיקער דייטשישער שול פראַנץ ווייַנהאַרץ; די אַנטינאַצי־עלעמענטן גרופּירן זיך אַרום דעם פּראָגרעסיוון יוניאָן־טוער קאַרל מאַרקוס. פראַנץ ווייַנהאַרץ ווערט באַשטימט אַלס הויפּט־פירער פון ריווערוויל און די אַרומיקע שטעטלעך. ער שולט אויס קאַדרען פון יוגנטלעכע נאַציסטישע גאַנגסטערס.

ווייטער קומט „דער שטורעם אין ריווערוויל" — טעראָר־אַקטן, וואָס ווערן באַגיטיקט און אונטערשטיצט פון די נאַצי־צענטערס אין בערלין, וואַשינגטאָן און ניו־יאָרק, באַוואָפנטע בלוטיקע אָנפאַלן פון געדונגענע באַנדיטן אָף די שטרייקער פון פעלהענדלערס פאַבריק, אין דער ערשטער ריי אָפן אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פונעם שטרייק קאַרל מאַרקוס און אָפן נעגער הייגריך דזשעפערסאָן, עס ווערט אונטערגעצונדן די אָרטיקע סינאַגאָגע, ווו עס קומט אום פון דער סריפע דער רעליגיעזער ייד אווראָם־מוישע. אין פלאַמען ווערט אויך פאַרניכטעט דאָס הויז פון קאַרל מאַרקוס, און צום סאָף צינדט פעל-

---

בען גאָלד. דער שטורעם אין ריווערוויל. נאָוועלע. ניו־יאָרק, 1972.

הענדלער אונטער א ריי נעגער־הײַזער און קומט אליין אום אין די פײַער־פלאמען.

דער מעכאבער דערציילט, ווי די פראָגרעסיווע קויכעס פון ריווערוויל גיבן א העלדישן ווידערשטאנד די נאצי־גאנגסטערס, שטיצן מאָראליש און מאטעריעל די קאָרבאָנעס פונעם טעראָר און די שטרײַקער, ציִען ארײַן די נעגערשע האָרעפאשניקעס אין דער פראָגרעסיווער באוועגונג, האלטן זיך מוטיק און דרייסט אף די פארהערן פון דער מאקארטי־קאָמיסיע, וועלכע איז געקומען פון וואשינגטאָן אויסצופאָרשן די אזויגערופענע אנטי־אמעריקאנער טעטיקײַט.

ווי קאדרען פון א קינאָ־לענטע בײַטן זיך קאליידאָסקאָפיש סצענעס און בילדער פון „דעם שטורעם אין ריווערוויל״, צו וועלכע דער לייענער קאָן ניט בלײַבן גלײַכגילטיק.

פונקט ווי אין זײַן בוך „אין יענע טעג״, איז דאָ די נאטור־שילדערונג ניט סטאם „קונסט לעשעם קונסט״, זי דינט אלס הינטערגרונט אף בוילעטער צו מאכן דעם מעהוס פון די געשעענישן. מיר וועלן ברענגען בלויז איין בײַשפיל. ווען לודוויג פעלהענדלער פאָרט ארויס באנאכט אין זײַן אווטאמאָביל, קעדיי אונטערצוצינדן דעם נעגער־קווארטאל, ווערט געגעבן אזא נאטור־בילד: „א פארוואָלקנטער אומעטיקער הימל איז געהאנגען איבער ריווערוויל, א קאלטער ווינט האָט מיט קראפט זיך געטראָגן פון צאָפן און מיט ווילדער בייזקײַט געריסן די געלע און רויטע בלעטער פון די צווײַגן אף די ביימער, און זיי צעשפרייט איבער דער גאס, פעלד, וואלד, בארג און טאָל. דער בייזער ווינט האָט געריסן די שוואך־באפעסטיקטע שינדלען פון די דעכער, געוואָיעט אין די גאסן, ארײַנגעוואָיעט דורך שפארונעס פון פענצטער און טירן אין די הײַזער און האָט מיט ווילדער האנאָע געיאָגט די מענטשן אין די גאסן״ (ז. 250). און אָט איז א בילד פון דער סרייפע גופע: „פון הויז צו הויז האָט דער ווינט צעטראָגן פונקען און צעבלאָזן דאָס פײַער. הילצערנע ווענט און שינדל־דעכער האָבן געפלאקערט און געשאָסן מיט רויטע פײַער־צונגען אין דער הייך צום פארוואָלקנטן הימל, זיך געבויגן און געבוקט זיך פארן ווינט. שווארצער און בלוי־גרויער רויך האָט זיך צעכוואליעט איבערן נעגערשן עלםסטריט. יאָמערדיקע געשרייען און איימעדיקע קוילעס האָבן זיך ארײַנגעשניטן אין גענעם פון פײַער און רויך. שווארצע מענער און פרויען זײַנען געלאָפן פון די ברענענדיקע הײַזער און געטראָגן זייערע קליינע צעשראָקענע קינדער אין די אָרעמס״ (ז. 252).

לויטן זשאנער איז בען גאָלדס בוך א פאָליטישער ראָמאן מיט פובליציסטישע אָפּוועגדונגען. ער טרייסלט אויף מיט זײַן קריטיש־רעאליסטישער שילדערונג פון די געשעענישן און האָט אן אקטועלן אָפּקלאנג אין אונדזער הײַנטצײַטיקײַט.

מוניע גלייזער

כראָניק

„פאָלקס־שטימע״ און „יעווריייסקי וועסטי״ וועגן דער יונגער ייִדישער סאָוועטישער זינגערן פאָלינע אײַנבינדער

די צײַטונגען „פאָלקס־שטימע״ (ווארשע) און „יעווריייסקי וועסטי״ (סאָפיִע) האָבן פארעפנטלעכט ארטיקלען, געווידמעט דער יונגער שוישפילערן פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל פאָלינע אײַנבינדער.

„אינגיכן וועט אין די סאָוועטישע מוזיקאלישע מאגאזינען זיך באווײַזן א נײַע פאטעפאָן־פלאסטינקע „עס זינגט פאָלינע אײַנבינדער״, וועלכע ס׳לאָזט ארויס די פירמע „מעלאָדיע״. אף דער פלאסטינקע זײַנען פארשריבן פינף ייִדישע לידער אין דער אויספילונג פון דער יונגער זינגערן״, — שרײַבט „יעווריייסקי וועסטי״.

די צײַטונג ווײַזט אָן, אז פאָלינע אײַנבינדער פארמאָגט א ווונדערלעכע ליריש־דראמאטישע סאָפּראנאָ. זי איז מיט דערפאָלג ארויסגעטראָטן אפן אלרוסלענדישן קאָנקורס פון יונגע עסטראדע־ארטיסטן און באקומען דעם טיטל לאורעאט.

איןביידע צײַטונגען ווערט דערציילט וועגן דער יונגער זינגערן:

פאָלינע אײַנבינדער איז אויסגעוואקסן אין סאָוועטישן עסטלאנד. זי האָט זיך געלערנט אין דער מוזיקאלער שול פון דער שטאָט טארטו, שפעטער אין קאָנסערוואטאָריע. די ערשטע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען אירע זײַנען פארבונדן מיטן זעלבסטעטיקן כאָר פון איינעם פון די פראָפאריינישע קלובן אין טאלין. איר דעביוט אין דער הויפטשטאָט איז געווען אינעם לאָקאל פון „סאָוועטיש היימלאנד״.

אײַנבינדער קומט אָן אינעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל. אין א קורצער צײַט ארום פילט זי גלענצנדיק אויס א ריי ראָלן אין די ספעקטאקלען, וואָס דער אנסאמבל שטעלט לויט די פיעסן פון שאָלעם־אליינעם, גאָלדפאדען, יאקאָוו גאָרדין.

— די ייִדישע ליד איז מײַן טרוים און מײַן ליבע, — זאָגט פאָלינע אײַנבינדער, — דאָס פאָלק האָט ארײַנגעהויכט אין דער ליד זײַנע פריידן און ליידן.

פאָלינע אײַנבינדערס רעפערטואר שליסט אײַן, אכוץ פאָלקס־לידער, אויך ווערק פון די קאָמפאָזיטאָרן ריווע באָיארסקע, לייב בירנאָוו, לייב יאמפאָלסקי, זינאָווי שולמאן און אנד. אף די טעקסטן פון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער.

■ ■ ■

א באַגעגעניש אין פערציק יאָר אַרום

איך האָב זיך צעשיידט מיט מײַן לערער, אוועק־לאָזנדיק זיך אין זעלבשטענדיקן לעבן, מיט א יאָר פינף און דרײַסיק צוריק. פון דעמלט אָן, ביז דער לעצטער צײַט, האָב איך זיך מיט אים מער ניט געזען, ניט געוווּסט אפילו, צי לעבט ער. אמאָל פלעג איך זיך אין אים דערמאָנען — אין די סאַמע שווערע פאַר מיר טעג, און שוין דאָס אליין פלעגט מיר העלפן צו ווערן בא זיך שטאַרק. וועגן א באַגעגעניש מיטן אלטן לערער האָט זיך עפעס ניט גע־טרוימט אפילו. און פלוצעם איז זי פאָרגעקומען, א פריידיקע — ניט געדאַכט, ניט געוואָרט — אָף די זײַטלעך פון כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן „יונגע יאָרן". כאָטש דער דאָזיקער בוך האָט שוין פאַרלאָרן דעם פרישן רייעך פון דרוק־פאַרב, לוינט וועגן אים אויך איצט דערמאָנען. מיר אליין איז אויסגעקו־מען אים צו לייענען ערשט ניט לאַנג, און די גע־שטאַלטן שטייען די גאַנצע צײַט פאַר מײַנע אויגן.

און עכט קינסטלעריש ווערק איז שטענדיק פול־וואָגיק. אזא איז דער ראָמאַן „יונגע יאָרן". און די גרעסטע מײַלע זײַנע איז די טיפקײַט, מיט וועלכער דער שרײַבער דרינגט אַרײַן אינעם פאָלקס־לעבן, אַנטפלעקנדיק דאָרט דאָס שטורמישע און ווידער־שפרעכלעכע, דאָס פריילעכע און טראַגישע, דאָס קלוגע און פאַרדריסלעכע.

באַזונדערס ווילט זיך אָפמערקן, ווי איבערצײַגנ־דיק עס ווערט באַוויזן אינעם ראָמאַן די טעמע פון פעלקער־פרײַנטשאַפט.

דער וועג, וואָס די כאַשטשעוואַטער טוישווים, וועגן וועלכע עס דערציילט כאַיִם מעלאַמוד, האָבן דורכגעמאַכט, איז געווען זייער א שווערער. אופ־געריכט האָט זיי די רעוואָלוציע. פיל אלטע ווערטן איז אויסגעקומען איבערצושאַצן, מע האָט געדאַרפט זיך אָפזאָגן פונעם אײַנגעוווינטן שטייגער און באַזיניקן די געזעצן פון דעם נײַעם געזעלשאַפטלעכן זײַן, באַשטעטיקן און קלאָר מאַכן דאָס אייגענע אָרט צווישן מענטשן, צווישן שכײנים. די אויצרעס, וועלכע זײַנען ביז דאַן געווען טײַער בא די כאַשטשעוואַטער, די מינהאָגים, וואָס זיי פלעגן פראַווען — אַלץ איז אויסגעפרווווט געוואָרן פון דער צײַט. מיט די „אלטע בעבעכעס" אין דער נײַער וועלט איז דער אַרײַנגאַנג געווען פאַרווערט. האַנט צו האַנט און פלייצע צו פלייצע מיט די אַנדערע פעלקער, אין איין ברידערלעכער מישפאָכע, האָבן די יידישע מאַסן זיך אָנגעשלאָסן אין דער בויונג פונעם סאָציאַליזם.

טאַקע צווישן די כאַשטשעוואַטער האָב איך באַ־געגנט מײַן לערער א. ס. קופערמאַן.

די יונגע יאָרן פון מײַן אלטן לערער, ווי איך האָב זיך דערוווּסט פון כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן, זײַנען געווען שטורמישע, סאָציאַל אָנגעזעטיקטע. ס'איז אָנגענעם, ווען דײַן לערער איז א פערזענ־לעכקײַט, דערבײַ אַן אינטערעסאַנטע, א באַדײַטנ־דיקע.

אדהײַעם לעבט א. ס. קופערמאַן אין קאָראָסטען, זשיטאָמירער געגנט, אָף דער אוקראַיִנע. ער איז א פענסיאָנער, נאָר הערט ניט אויף צו זײַן אַן אַקטי־ווער געזעלשאַפטלעכער טוער. אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן האָט ער געאַרבעט טאַקע אין קאָראָסטען אַלס פאַרוואַלטער פון דער צווייטער יידישער מיטלשול, ווו איך האָב זיך געלערנט.

אונדזער שול האָט פאַרמאָגט אויסגעצייכנטע וואַרשטאַטן, ווו מיר האָבן געבויט באַוועגלעכע מאָדעלן פון מאַשינעס. אָפן הויפט־פלאַץ פון קאָ־ראָסטען, לעבן לעניניס דענקמאָל, האָט אַרומגעיאָגט אונדזער קינדערשער לײַכט־אויטאָמאָביל; באַם אַרײַנגאַנג אין שול, אָף אַן עסטאַקאַדע, האָט זיך אַרומגעדרייט א טראַמוויַיעלע, און די שטאָטישע אײַנוווינער פלעגן אָפדערנאַכט זיך צונויפקלײַבן באַטראַכטן עס, א באַלויכטנס אינעווייניק מיט עלעקטראָ־שײַן,— אזא נעס, א וווּנדער.

מיר האָבן געהאַט אַן אייגענעם בלאָז־אָרקעסטער און קרײַזלעך פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט.

אונדז האָט פאָשעט אָפגעגליקט, וואָס אין דער קאָראָסטענער צווייטער יידישער מיטלשול איז דער פאַרוואַלטער געווען אַן ענטוזיאַסט. איצט, אין פערציק יאָר אַרום, פאַרשטיי איך, אז געווען איז ער ניט בלויז א גלענצנדיקער אָרגאַניזאַטאָר, נאָר אויך א באַגאַבטער פעדאַגאָג. מיט אַנציקונג דער־מאָן איך זיך, אז אונדזער שול־פאַרוואַלטער האָט געוווּסט די פאַמיליעס קימאַט פון אלע שילער, נו, מײַלע, צוליב דעם איז גענוג האָבן פאָשעט א גוטן זיקאָרן. אָבער פאַרשטיין יעדנס נעשאָמע, יעדנס שטרעבונגען, העלפן יעדן צו דערגרייכן זײַנס, פירן יעדערן, א טרעפל נאָך א טרעפל, אַלץ העכער און העכער צום ציל, און טאָן עס דאַפקע אומבאַ־מערקט, נאַטירלעך — אָט דאָס קען נאָר א פעדאַ־גאָג א קינסטלער. אונדזער פאַרוואַלטער פון שול האָט גוט געזען, אָף וואָס יעדערער פון אונדז איז פײַיִק, און פלעג מיט אלע מיטלען אופוואַכן אין יעדן זײַנע פײַיִקײַטן.

כ'האָב געהאַט א כאַווער לייזער זאַק. פון קליינ־ווײַז אָן פלעגט ער „דײַגענען וועגן וועלט־זאַכן". די געשעענישן בא אונדז אין לאַנד — די קאָלעק־טיוויזאַציע, דער דניעפּראָבוי, די מאַגניטקע, די טשעליוסקין־עפאָפיי, — דאָס לעבן אין אויסלאַנד —

די ברוינע פּעסט אין דײַטשלאַנד, די כינעזישע רעוואָליוציע, די ליידן פון שפּאַניע, — אַלץ איז געווען „זײַן אייסעק". אונדזער פאַרוואַלטער האָט עס גוט געוווּסט און מעטאָדיש, טראָט נאָך טראָט, געפירט לייזערן צו זײַן באַרוף. אַ פאָרטראָג פאַר די קוסטאַרן זאָל האַלטן לייזער; אַרויסטרעטן מיט אַ פאָליט־אינפאָרמאַציע בײַסן מיטיק־איבערײַס אָפן טשוהונגוס־זאַוואָד — ווידער לייזער. אויסגעוואַקסן איז לייזער אין אַ הויכראַנגיקן פאָליט־טוער פון דער רויטער אַרמיי. ער איז אומגעקומען אין דער לעצטער שאָ פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

צי האָט אונדזער פאַרוואַלטער פאָרויסגעזען, אַז מײַן כאַווערטע סאָרע וועקסלער וועט זײַן אַ געטרײַע לערערן, ווייס איך ניט. איך דערמאָן זיך אָבער, ווי איינמאָל, ווען איך, צוזאַמען מיט איר, מיטן יונגן דיכטער וואָווע קאָריטני און מיט נאָך עטלעכע כעוורע, האָבן אַרויסגעלאָזט אַ וואַנט־צײַטונג, איז אין צימער, ווו מיר זײַנען געזעסן, אַרײַנגעגאַנגען קופערמאַן. ער האָט באַטראַכט די צײַטונג, איבערגעלייענט עטלעכע פאַרטיקע אַרטיקלען, וואָרעס אַ ליד און אַ פרעג געטאָן סאָרען, פאַרוואָס זי האָט אופגעהערט באַזוכן דעם דראַמקרײַז. סאָרע האָט געהאַט אַ טעווע זיך אָנבלאָזן, באַווײַזן אירע קאַפּריזן — דעמלט איז זי געווען באַרויגעז אָפן אָנפירער פונעם דראַמקרײַז, אַריע ווײַנבערגן, האָט זי קופערמאַנען געענטפערט מיט אַן אַרויסרוף:

— און אַז איך האָב ניט קיין טאַלאַנט פון אַ שוישפּילערן!

קופערמאַן האָט איר דערווידערט. עס וואָלט דאַפקע געווען ניט שלעכט, ווען זי זאָל ווערן אַן אַרטיסטקע, נאָר טאָמער ניין, קאָנען די פאַרנעמונגען אירע אינעם דראַמקרײַזל אויך ברענגען אַנדערע נוץ, לעמאָשל — העלפן צו אַרײַנדרינגען טיפער אין ליטעראַרישע ווערק און אינעם לעבעדיקן לאָשן פונעם פאָלק און פון דער ליטעראַטור. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז קופערמאַן האָט געהייצעט אַריע ווײַנבערגן אופמערקזאַם זיך באַציִען צו סאָרעס פייִקײַטן, און אינגיכן האָט זי אָנגעהויבן שפּילן אין דראַמקרײַזל — אויספּילן די פרויִשע הויפּט־ראָלן אין אַזעלכע פּיעסעס, ווי „הירש לעקערט", „נאַפּטאָלע באָטווין". קיין פראָפעסיִאָנעלע אַקטריסע איז זי ניט געוואָרן, נאָר די טעטיקײַט אָף דער בינע האָט איר געוויס מיטגעהאָלפן אויסצושלײַפן איר ליטעראַרישן כוש און געשמאַק, געהאָלפן ווערן אַ מייוון אָף ליטעראַטור. מיר דוכט זיך, אַז אָף קופערמאַנען ליגט אַ ביסל די „שולד" פון דעם, וואָס סאָרע איז געוואָרן אַזאַ אויסגעצייכנטע לערערן פון ליטעראַטור און שפּראַך.

קופערמאַנס כיילעק איז פאַראַן אין דעם, וואָס נאָך פיל כאַווײרים מײַנע, און אויך איך, זײַנען געוואָרן לערערס. אין קאָראָסטען האָט געלערנט מיט די קינדער מאַטעמאַטיק ביילע קעסעלמאַן, אַגעוו, אַ היפּשע צײַט אין איין שול מיט קופערמאַנען. מינדעלע בראַקער איז געוואָרן אַ לערערן פון ענגלישער שפּראַך. אַלס פאַרוואַלטער פון דער 268־טער מאָסקווער מיטלשול אַרבעט איצט פראָים רויטבערג. מיט אַ שול־אינטערנאַט אין קאַזאַן פירט אַן דער דעמלטיקער יונגער דיכטער וואָווע קאָריטני. אַ העלפט פון אונדזער קלאַס זײַנען געוואָרן לערערס.

אין קיִעוו לעבן די דאָקטוירים אידע מאָראָז־שערמאַן און סימע עלגאָרט, וועלכע האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך זייער פראָפעסיע אויך אונטער דער ווירקונג פון אונדזער פאַרוואַלטער. די ליבע צום מענטשן, די אַכטונג צום מענטשן, די צאַרטע באַציִונג צום מענטשן — דאָס, וואָס עס האָט זיי געבראַכט צו זייער פראָפעסיע, — האָט זיי געהאָלפן אויסאַרבעטן אין דער קינדהײַט דער העלד פון כאַיִם מעלאַמודס ראָמאַן.

פאַר זײַנע טאַלמידים פלעגט אונדזער לערער זיך פלײַסן שאַפן אַן אַטמאָספער פון פרייד. פאַר אַלעמען אינייִנעם און פאַר יעדן באַזונדער. כ'געדענק, ווי איינמאָל זײַנען צו אונדז געקומען די שרײַבער פעפער, כאַשטשעוואַצקי און וועוויאָרקע. אין סאָף פרילינג איז עס געווען. זיי זײַנען געשטאַנען, אַרומגערינגלט מיט קינדער. פראַגעס — ענטפערס, שמייכלען, געלעכטער... פלוצעם דערהער איך, ווי דער פאַרוואַלטער פון שול רופט אויס:

— מאָגילנער! וואָס ביסטו אַזוי פאַרכאָלעמט, — האָט ער אַ ווונק געטאָן. — נעם בעסער די האַרמאָניק.

קיין גענִיטער האַרמאָניסט בין איך ניט געווען, אָבער דאָס מאָל האָב איך מיך ווי אַ הייב געטאָן אין די הימלען. כ'האָב געשפּילט, וואָס כ'האָב געקענט: אַ קראַקאָוויאַק, געמישט מיט פריילעכס, פון אַ שער איבערגעהיפּערט אָף אַ האָפּאַק, — מײַנע כאַווײרים האָבן געטאַנצט, די געסט האָבן געשמייכלט, און איך בין געווען אָפן זיבעטן הימל. ווײַזט אויס, אַז מײַן לערער איז אויך געווען צופרידן, ער האָט אַ פּרוּוו געטאָן אַפילע זיך באַרימען מיט מיר פאַר פעפערן:

— דער מאַמזער איז אַ פּאָעט אויך...

מײַן לערער האָט זייער געוואָלט, איך זאָל ווערן אַ שרײַבער. קיין איין געלעגנהײַט פלעגט ער ניט דורכלאָזן, קעדיי מיך דערנענטערן צו ליטעראַטור. אַנומלטן קומט צו לויפן צו מיר מײַן כאַווער מוישקע קאַצאָוו:

— גיכער, אין שול, צום פאַרוואַלטער!

לאָזט זיך אויס, בא קופערמאַנען אין צימער — זײַן דירע איז געווען אין שול — זיצט דאָוויד האָפשטיין און שמועסט מיט מײַן לערערס פרוי.

כ'בין געבליבן שטיין פאַרגליווערט אָפן שוועל.

— וואָס שטעקסטו, ווי דער כאַזן פאַרן אָמעד? — האָט אָף מיר אופגעהויבן זײַנע טיפע, ביבלישע אויגן דער דיכטער. — קום אַהער, באָכערל, ציטער ניט. באַווײַז דײַנע ציינדלעך, עפשער... עפשער אין דײַן שרײַבעכץ ניט קיין אומזיסטע טירכע...

איך האָב געפּרוּווט זיך רירן פון אָרט, נאָר די פיס האָבן מיך ניט געפאָלגט.

— ע, וואָס פאַר אַ פּאָנעם האָט עס? — האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ האָפשטיין. — ביסט אַ שרעקעוודיקער, ווי אַ האָז. מע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו קלײַבסט זיך זײַן אַ דיכטער. נאָר אויב דו ביסט אַ פּאַכדן, זאָלסטו זיך אָפּקערן אָף אַ מײַל פון פּאָעזיע. אַ סאַך גוווּרע מוז האָבן אַ פּאָעט...

מיט אַ פּאָר שאָ שפּעטער, ווען האָפשטיין איז געגאַנגען צו זײַנעם אַ קאָראָסטענער קאָרעוו און

איך האָב געשפּאַנט אַ גליקלעכער באַנאַנד מיטן דיכטער, באַגלייטנדיק אים, האָט ער מיך נאָכאַמאָל געוואָרנט, אַז פּאָעזיע איז ניט פאַר קיין קליינמוטיקע. ער האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן האַנט אונטער מײַן עלנבויגן, וואָרעם געזאָגט:

— האָב ניט קיין פאַריבל. דיכטונג איז אַ שווער שטיקל ברויט. צו איין גוטער שורע קלעפּט זיך אַ צענדליק שוואַכע. מע דאַרף זײַן שטאַרקער פון אײַזן אויסצומעקן זיי. אויב איך האָב אין מײַן אַקטיוו עטלעכע רײַפע לידער, זאָג איך אַ דאַנק דעם קאָרב, ווײַל ער שלינגט אײַן מײַנע זינד, די טויט־געבוירענע פּערזן. ווילסטו שרײַבן — קויף קוידעמקאָל אַ מיסט־קעסטל, האַלט עס שטענדיק אָפן, און זאָל עס זיך בעסער וואַרגן מיט דײַנע בלאַסע שורעס, איידער דער לייענער...

זומער 1935 יאָר האָט די צײַטונג „יונגע גוואַרדיע" אָפּגעדרוקט מײַן ליד „מאַמע", פּונקט ערעוו מײַן אָפּפאָרן אויף אַן עקסקורסיע אין קרים, מיט וועלכער מע האָט מיך, צווישן נאָך אַ הונדערט שילער פון אוקראַיִנע, פּרעמירט. קופּערמאַן האָט, געזעגנענדיק זיך מיט מיר, אויף אויסווייניק איבערגעלייענט מײַן ליד מיט אַזאַ פאַרגעניגן, אַז די אויגן זײַנע האָבן פײַכט געגלאַנצט.

— קיין סאַך דאַרף דער מענטש ניט האָבן אויף צו קלײַבן נאַכעס, — האָט ער געזאָגט. — אָט לייען איך דײַן ליד, און איך זע דיך — אין קלאַס, אויף מײַן לימעד. אין אַן אַנדער אַאודיטאָריע, אין מעדיציניש טעכניקום, זע איך דײַן מאַמע. דיך האָב איך געלערנט, און דײַן מאַמען האָב איך געלערנט. אַ זעלטענע איבערלעבונג פאַר אַ לערער...

אין יענע ווײַטע דרײַסיקער יאָרן האָבן מיר, די שילער, מיטן ראַנד אויער געהערט, אַז בײַ אונדזער פּאַרוואַלטער פון דער שול איז אַ ראָמאַנטישע, שיינע פאַרגאַנגענהײַט. הײַנט, ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם ראָמאַן „יונגע יאָרן" און כ'האָב זיך דערוווּסט אייניקע פּראָטים פון קופּערמאַנס יוגנט, קלער איך מיט באַדויערונג וועגן דעם, ווי ווייניק מיר נוצן אויס אין אונדזער הײַנטיקער פּראַקטישער פּעדאַגאָגישער אַרבעט אָט אַזאַ מין מאַטעריאַל.

ווײַל מיט וואָס פאַרא אויגן וואָלטן מיר, יונגוואַרג, געקוקט אויף אונדזער פּאַרוואַלטער, ווען מיר זאָלן געוווּסט ווען וועגן זײַנע קאָמיוגישע אופטועך אין די צוואַנציקער יאָרן! אָבער קופּערמאַן האָט באַשיידן געשוויגן וועגן זיי...

באָריס מאָגילנער

דעקאַן פון פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע געגנשטאַנדן אין באַלאַשאָווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, סאַראַטאָווער געגנט.

מײַן קאָמיוגישער דאָר

(אַ וואָרט פונעם אויטאָר פון דעם ראָמאַן „יונגע יאָרן")

לאָזט זיך אויס, אַז איך אַליין האָב אויך ניט אַלץ געוווּסט וועגן מײַן העלד. און געוויס אויך איבער דער זעלבער סיבע — איבער זײַן באַשיידנקײַט. און עפּשער בין איך אַליין שולדיק...

אין יענע וואָכן און כאָדאָשים, ווען איך האָב געזוכט און געפונען אַלעמאָל אַן אַנדערן פון מײַן קאָמיוגישן דאָר, פון די ערשטע קאָמיוגיסטן פון אונדזער שטעטל, האָבן מיר מערסטנטייל זיך פאַרנומען מיט זיכרוינעס. מיר זײַנען געזעסן מיט שמועל קופּערמאַנען אין איינעם אַ פרילינגדיקן פאַרנאַכט און געטאָן דאָס זעלבע. זיך דערמאָנט...

...זייער שטיבל הינטערן קלויסטער, דאָס קרענעצעלע באַם פלויט, דאָס קליינע סעדל מיט דער גערער אַקאַציע, בײַ וועלכער ס'איז ניט אַזוי וויכטיק געווען דער צוויט, ווי די שריטעלעך, פון וועלכע מע האָט געקאָנט מאַכן פײַפּעלעך. און דער טאַטע זײַנער, שימען מוישע־זאַוולס, דער אומגעוויינלעכער מעלאַמעד מיט זײַן אומגעוויינלעכער פילאָסאָפיע וועגן דעם, אַז „די גאַנצע וועלט באַשטייט פון צאָלן".

און שמוליק אַליין? געווען איז ער, ווי אַלע שמוליקס פון זײַן גראַד, פון זײַן דאָר, מיט אַלע זייערע פּלאָגענישן, מיט אַלע זייערע זוכענישן און טרוימען, — געווען איז ער פון די, וואָס זײַנען אומעטום די ערשטע. די ערשטע קאָמיוגיסטן, די ערשטע קאָמוניסטן. פון יענע, וואָס האָבן ניט געוווּסט, וואָס הייסט שווער, וויבאַלד מע דאַרף.

וועגן זײַן שפּעטערדיקן וועג, ווען ער איז שוין אַרויס פונעם קאָמיוגישן עלטער און איז געוואָרן אַ פּעדאַגאָג, האָב איך דערציילט אין עטלעכע שורעס. ווײַל דאָס האָט שוין אויסגעזען גאַנץ געוויינלעך. ווער ס'איז געוואָרן אַ לערער, ווער אַן אינזשעניער, ווער אַ שלאָסער און ווער אַ בויער, ווער אַ געלערנטער און ווער אַ גענעראַל.

לאָזט זיך אויס... ס'איז גאָר ניט אַזוי געוויינלעך. ווען מע באַגלייט אַרויס אַ מענטשן אויף פּענסיע צו זײַנע זעכציק יאָר, מע באַשענקט אים מיט גראַמאָטעס, מיט אַדרעסן, מיט פיל אַנדערע מאַטאָנעס און מע זאָגט אים אַ סאַך שוואָכים, איז דאָס גאַנץ געוויינלעך. אַלץ איז עמעס, אַלץ איז פון פולן האַרצן. אָבער אַלץ איז געוויינלעך, אַפילע טראַדיציאָנעל. נאָר ווען אַ מענטש ווערט אַלט זיבעציק און איז שוין עטלעכע יאָר אויף פּענסיע, שוין אָפּגעריסן פון זײַן סוויווע, פון זײַן קאָלעקטיוו און, ווי עס טרעפט אָפט, מע האָט שוין אַ ביסל פאַרגעסן אין אים, ווען אַ מענטש בײַ זיבעציק פאַרדינט, עס זאָל אַזוי אָפּגעמערקט ווערן זײַן יויוול, איז דאָס שוין אומגעוויינלעך.

לאָזט זיך אויס, אַז די אַלע צען יאָר זײַנען באַ קופּערמאַנען ניט געווען קײן רײן פּענסיאָנעלע, ער האָט פון גאָרנישט ניט אָפּגעריסן זיך — ניט פון זײַן סוויווע, ניט פון זײַן קאָכיקער טעטיקײט. די קאָראָסטענער צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ פּאָלעסיאַ״ ווידמעט דעם יובילאַר א וואַרעם אַרטיקל, פון וועלכן איך דערוויס זיך א סאַך נײַע פּראָטים: אַז צוערשט איז ער אין קאָראָסטען געווען אָף פּאַרטיי־אַרבעט, דערנאָך אָף זשורנאַליסטישער און דערנאָך — כּמעט די מילכאָמע־יאָרן, ווען ער איז געווען אינסטרוקטאָר פון פּאָליט־אָפּטייל פון א שיסער־דיוויזיע — פערציק יאָר דירעקטאָר און פּאַרוואַלטער פון לערן־טייל פון דער קאָראָסטענער מיטלשול. זײַענדיק שוין אָף פּענסיע, פּאַרוואַלטעט ער מיטן פאַקולטעט פון אַטעיִזם באַם אָוונט־אוניווערסיטעט פון מאַרקסיזם־לעניניזם און איז איינער פון די אַקטיווסטע לעקטאָרס אין שטאָט.

לייען איך דאָס אַרטיקעלע וועגן אים און דערמאָן זיך, ווי ער איז אין אָנהייב פון די צוואַנציקער־יאָרן, נאָכן דעניקינישן פּאָגראָם, אַוועק צופוס קײן אָדעס, געקומען אין א שטיקל צײַט אַרום צוריק ווידער צופוס, אָן אויסגעהונגערטער און אָן אויסגעצערטער, געשטאַנען לעבן זײַער כּאַרעוו געוואָרן שטיבעלע, אַרײַנגעקוקט אין קרענעצע, זיך אַליין ניט דערקענט און געזונגען א לידעלע, וואָס האָט אים געדאַרפט דערמאָנען זײַן טאַטן, וועמען די דעניקינצעס האָבן צעשניטן אָף שטיקלעך: „אוורעמעלע מעלאַמעד, אוורעמעלע מעלאַמעד״... — כאָטש דעם טאַטן האָט מען גערופן שימען, שימען מוישע־זאַנוולס, און אים האָט מען שוין אויך גערופן אַזוי — שמואל שימען מוישע־זאַנוולס.

נאָר ניט וועגן דעם וויל איך דערציילן. דאָס אומגעוויינלעכע איז אינעם יוביל אַליין.

אין דעם אַקטאָווע זאַל פון דער קאָראָסטענער פערטער שול האָט זיך צונויפגענומען א גרויסער עולעם. לערער פון דער שטאָט און לערער פון ראַיאָן, אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון די זאַוואָדן און פאַבריקן, פּאַרטייִשע און סאָוועטישע טוער. און זיי אַלע — סײַ די אַרבעטער, סײַ די לערער, סײַ די דירעקטאָרן פון די זאַוואָדן און די פּאַרטיי־טוער — זײַנען זײַנע געוועזענע שילער. אַלעמאָל איז אַרויסגעטראָטן אַן אַנדערער, פּאָרגעלייענט א גראַמאָטע אָדער אַן אַדרעס — פונעם שטאָטקאָם פון פּאַרטיי און פונעם שטאָטישן אויספּירקאָם, פונעם שטאָטקאָם פון קאָמיוג און פון דער זשיטאָמירער געגנטלעכער פּאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט „קענטעניש״, פונעם שטאָטישן בילדונגס־אָפּטייל און פון פּאַרשײדענע לערער־קאָלעקטיוון. און סײַ די, וואָס האָבן פּאָרגעלייענט די אַדרעסן און גראַמאָטעס, סײַ די, וואָס האָבן אונטערגעשריבן, זײַנען געוועזענע שילער זײַנע.

אונטער דעם אַדרעס פון די אַרבעטער און אינזשעניערן פון דעם קאָראָסטענער זאַוואָד פון כימישער מאַשינבויונג שטייען פופציק אונטערשריפטן — אַלע זײַנע געוועזענע שילער.

און טעלעגראַמעס... באַ הונדערט טעלעגראַמעס פון מאָסקווע און נאָוואָסיבירסק, פון דאָניעצק און באַלאַשאָוו, פון זשיטאָמיר און כאַרקאָוו, פון קױבישעוו און טשאַרדזשאָו, פון סוויאַטאָשינאָ און טשערניגאָוו, פון קיִעוו און סווערדלאָווסק, פון וויניצע און סאַמאַרקאַנד, פון טשעליאַבינסק און אָמסק, פון כמעלניצק און אָוורוטש און פון פיל אַנדערע שטעט. פאַראַן צווישן די אַוטאָרן פון די טעלעגראַמעס אַרבעטער און אינזשעניערן, דאָקטוירים און געלערנטע, פּאַרטיי־טוער און טוער פון אויבער־סאָוועט פון אוקראַיִנע. און אַלע הייבן אָן זייערע באַגריסונגען מיט איינע און די זעלבע ווערטער: „טײַערער לערער!״

אַזויפיל שילער!

וועגן איינער אַזאַ באַגריסונג מוז איך דערציילן. דאָס איז אַן אַדרעס פון די אַרויסלאָזניקעס פונעם 1938 יאָר. אָט וואָס זיי שרײַבן:

„מיר האַלטן איצט אַלע שוין באַ די זעכציק. קאָנען מיר איצט בעסטער אָרטיילן וועגן אײַך אַלס קאָמוניסט, לערער, אינטערנאַציאָנאַליסט. איר האָט אונדז אויסגעלערנט ליב האָבן די אַרבעט, דאָס היימלאַנד, און אויב מע וועט דאַרפן, אַוועקגעבן פאַר דעם דאָס לעבן. פינף פון אונדזער אַרויסלאָז — שורע ראָזנבערג, מיכל גאַרנאָפּאָלסקי, יעפים נודעלמאַן, מוניע ברײמאַן און גריגאָרי האַלבמיליאָן — האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע. אַלע איבעריקע לעבן, אַרבעטן, נעמען אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָמוניסטישער בויונג.

מיט אײַך איז פאַרבונדן אונדזער יוגנט, די בעסטע דערינערונגען פון אונדזער פּיאָנערישער און קאָמיוגישער צײַט. ווינטשן מיר אײַך, אַז איר זאָלט נאָך לאַנג זײַן צווישן אונדז.

ד. ווײַנער, ל. בראַקער, ס. דובראָווסקי,
נ. קיפּניס, נ. רויטבלאַט, א. ראָזנבערג,
מ. ריידמאַן, כ. באַריטאָן, א. שאַפּיראָ״.

איך ווייס ניט, צי מע דאַרף נאָך עפּעס צוגעבן דערצו. איך בין אַוואַדע גליקלעך, וואָס איך האָב זיך ווידער אָף אַזאַ אומגעוויינלעכן אופן באַגעגנט מיט איינעם פון די העלדן פון מײַנע „יונגע יאָרן״. אַלע רופן אים איצט סאַמויִל סעמיאָנאָוויטש, נאָר פאַר מײַנע אויגן שטייט יענץ אויסגעשמאַכט ייִנגל, וואָס קוקט אַרײַן אין קרענעצע און זינגט שטיל א לידל...

אַזעלכע זײַנען זיי, די קאָמיוגיסטן פון מײַן דאָר.

כאַים מעלאַמוד

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

יונגע ליטעראַטור־פאָרשער

א גרופּע יונגע ליטעראַטור־פאָרשער, בא דער ביראָבידזשאַנער טוריסטן־סטאַנציע, האָט לעצטנס זיך באַטייליקט אין אַן אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון אויספירער אַטריאַדן אין געביט פון טוריסטיק און ליטעראַרישער קאַנטקענטעניש.

די דעלעגאַציע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט געבראַכט מיט זיך קיין מאָסקווע אַלבאָמען און אַנדערע מאַטעריאַלן וועגן לעבן און שאַפן פון עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשן, צווישן זיי דערינערונגען פון די שרײַבער ב. מילער, ל. וואַסערמאַן, פונעם זשורנאַליסט נ. פרידמאַן און פונעם פּעדאַגאָג ד. שוריץ, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט קאַזאַקעוויטשן אין ביראָבידזשאַן ביז דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

די דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ באָריס גראָבער, גאַלינע אישוטקינע, אַלע גובאַנאָווע זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט מיטיילונגען בעשײַכעס די מאַטעריאַלן וועגן די העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד מיכאיִל סטיאַזשקין, יויסעף בומאַגין און וועגן די העלדן פונעם בירגערקריג דעם פאַרפאָלק אַנישטשענקאָ.

וואָס איז שײַעך דעם געשטאַלט פון עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשן, האָבן די יונגע אויספירער דערגאַנצט די ידיִעס צו זײַן ביִאָגראַפיע מיט נײַע מאַטעריאַלן, וועלכע זיי האָבן באַקומען בא דער אַלמאָנע פונעם שרײַבער גאַלינע אָסיפּאָוונע קאַזאַקעוויטש. צווישן די דאָקומענטן איז פאַראַן א כאַראַקטעריסטיק, וועלכע איז געגעבן געוואָרן קאַזאַקעוויטשן, ווען מע האָט אים צוגעשטעלט צו דער באַלוינונג מיטן פערטן אָרדען. גאַלינע אָסיפּאָוונע האָט דערציילט דער יוגנט אינטערעסאַנטע פאַקטים וועגן דער שעפערישער טעטיקײַט פונעם שרײַבער אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן.

„עס רעדט ביראָבידזשאַן"

די ביראָבידזשאַנער ראַדיאָ גיט יעדן טאָג איבער פּראָגראַמען אין רוסיש און אין ייִדיש. איין מאָל אין וואָך קומען פאָר ליטעראַרישע טראַנסלירונגען. עס ווערן רעגולער איבערגעגעבן קאָנצערטן פון ייִדישע לידער.

באַם מיקראָפאָן די דיקטאָרס סאַרע וועכטער און זאַלמען שוואַל.

פאָטאָ ג. קאָוואַל.

דערפאָלג פון א יונגן שאַכמאַטיסט

דער ביראָבידזשאַנער שילער וואַלערי קאָלענבעט, א צוהערער פון דער שול פון ספּאָרטיווער מײַסטערשאַפט אין מאָסקווע, מיט וועלכער עס פירט אָן דער עקס־טשעמפּיאָן פון דער וועלט לויט שאָך־שפּיל מיכאיִל באָטווינִיק, האָט זיך באַטייליקט אינעם פינאַל פונעם שאָך־טשעמפּיאָנאַט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע אין דער שטאָט קאָסטראָמאַ, ווו עס האָבן זיך פאַרמאָסטן 14 שטאַרקסטע יונגע שאַכמאַטיסטן פון דער רעפּובליק — זיגער פון די זאָנאַלע פאַרמעסטונגען פון מאָסקווער, סווערדלאָווסקער, טשעליאַבינסקער, קעמעראָווער, פּענזער און אַנדערע געגנטן.

אינעם ספּאָרטיוון געפעכט צווישן די שאַכמאַטיסטן־ערשטראַנגיקע, וואָס האָט געדויערט צוויי וואָכן, האָט וואַלערי קאָלענבעט מיט 8,5 אייגלעך פון 13 מעגלעכע צעטיילט דאָס 3—4 ערטער.

פאַרן דערפאָלג אין טורניר איז דער יונגער ביראָבידזשאַנער שאַכמאַטיסט באַלוינט מיט א דיפּלאָם. ער איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין באַשטאַנד פון דער זאַמל־קאָמאַנדע פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע.

אַף א באַגעגעניש אין ביבליאָטעק

אין דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען איז פאָרגעקומען א באַגעגעניש מיט די אַלטע טוישווים פון ביראָבידזשאַן. אַף דער פאָטאָ: די פאַרוואַלטערן מיטן קאַבינעט פון פּאָליטבילדונג פון דער טעקסטיל־ און נײ־פאַבריק ב. מיאַסאָוויטש און דער געוועזענער שאָפער פון „סעלכאָזטעכניקא" נ. אידעלעוויטש — שמועסן מיט יונגע אײַנוווינער פון דער שטאָט.

כראָניק

טעאטער און עסטראדע

הארבסט־גאסטראָלן פונעם מאָסקווער דראמאטישן אנסאמבל

אין מעשעך פון די לעצטע פּאָר כאדאָשים זײַנען די אפישן פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פון פעליקס בערמאן קימאט ניט אראָפּ פון די אנאָנס־סטענדן אין דער הויפּטשטאָט.

באזונדערס האָט אויסגענומען בא די צושויער דער נײַער שאָלעם־אלייכעם־ספּעקטאקל „דער פארקישעפטער שנײַדער", וועלכן דער טעאטער־קאָלעקטיוו האָט א וואָך צײַט געשפּילט אינעם קאָנצערט־זאל פונעם האָטעל „סאָוועטסקאיא".

פארענדיקט די ארויסטרעטונגען אין מאָסקווע, האָט דער אנסאמבל פארגענומען א גאסטראָל־רײַזע איבער א ריי שטעט פון ווײַסרוסלאנד און פון דער סאָוועטישער בײַ־באלטיק, וווּהין ער האָט מיט זיך געפירט די פּרעמיערע פונעם „פארקישעפטן שנײַדער".

אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" זײַנען אָנגעקומען וואַרעמע אָפּרופן וועגן אָט דעם ספּעקטאקל פון האָמעל, קאלינקאָוויטש, רעטשיצע, מאָזיר, ריגע, קאלינינגראד און פון פיל אנדערע ערטער, ווו דער אנסאמבל האָט גאסטראָלירט.

א שעפערישע באגעגעניש מיט דער זינגערן מארינע גאַרדאָן

אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" איז פאָרגעקומען א שעפערישע באגעגעניש מיט דער באקאנטער ייִדישער זינגערן מארינע גאָרדאָן. מ. גאָרדאָן האָט אויסגעפילט א נײַע פּראָגראם פון ייִדישע סאָוועטישע זינגלידער.

באזונדערס האָבן זיך פארגעדענקט אין דער אויספילונג פון דער באגאבטער זינגערן לייב יאמפּאָלסקיס „אין יענעם ווײַסן צימער" (ווערטער פון ש. ראָסין), „ייִדישע טעכטער" און „קאראהאָד" (ווערטער פון א. ווערגעליס), „זשומען בינען" (ווערטער פון ע. קאזאקעוויטש), שמואל סענדערייס „אין די בערג וועל איך זיך לאָזן" (ווערטער פון א. גאָנטאר).

מארינע גאָרדאָן האָט אויך געזונגען עטלעכע זינגלידער פון דער סאָוועטישער עסטראדע אין א ייִדישער איבערזעצונג פון ארן ווערגעליס, צווישן זיי די ברייט באוווּסטע לידער „בושלען" און „די זאפט פון בערעזע".

די זינגערן וועט איר נײַע פּראָגראם פארשרײַבן אין דער פירמע „מעלאָדיע" אף א גראמאפאָןפּלאסטינקע.

מיט ייִדישע זינגלידער איבער די קוראָרט־שטעט פון צאָפןקאווקאז

מיט די ארויסטרעטונגען אין די קוראָרט־שטעט פון צאָפן־קאווקאז האָט פארענדיקט אירע הארבסט־גאסטראָלן פון 1974 די ייִדישע עסטראדע־זינגערן פון דער טולער פילהארמאָניע אנע שעווע־ליאָווע.

א. שעוועליאָוועס קאָנצערטן, מיט וועלכע זי איז ארויסגעטראָטן אין די פילהארמאָנישע זאלן פון פּיאטיגאָרסק, יעסענטוקי, זשעליעזנאָוואָדסק און קיסלאָוואָדסק, האָבן באזוכט הונדערטער אָפּרוענדיקע פון די ווײַטסטע שטעט און ייִשוווים פון אונדזער לאנד.

נײַס פון אויסלאנד

רעאָרגאניזאציע פונעם מוזיי באם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע

די פארוואלטונג פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פּוילן האָט אָנגענומען א באשלוס וועגן רעאָרגאניזירן און אויסברייטערן די באשטענדיקע אויסשטעלונג אינעם ייִדישן מוזיי אין ווארשע, וועלכע האָט ביז אהער אירע סטענדן געווידמעט דעריקער דער מארטיראָלאָגיע און אומקום פון די ייִדן בייס דער היטלעריסטישער אָקופּאציע.

לויטן נײַעם פּראָיעקט ווערט פאָרויסגעזען אן אָפּטייל, געווידמעט דער געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן און זייער צושטײַער אינעם ווירטשאפטלעכן, געזעלשאפטלעכן, קולטורעלן לעבן פון דעם לאנד.

די נײַע עקספּאָזיציע פון דער אויסשטעלונג וועט אנטהאלטן דאָקומענטן, פאָטאָס, קונסט־בילדער.

מעלוכע־אויסצייכענונגען פאר ייִדישע געזעלשאפטלעכע טוער

דער מעלוכע־ראט פון דער בולגארישער פאָלקס־רעפּובליק האָט באלוינט א גרופּע געזעלשאפטלעכע טוער פונעם לאנד, צווישן זיי דעם וועטעראן פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג רעפּאָעל ארועטי, מיטן אָרדען „9־טער סענטיאבער 1944, דריטע מאדרייגע".

צווישן די באלוינטע מיטן מעלוכע־אָרדען „קיריל און מעפאָדי 1 קלאס" זײַנען אינעם ספּעציעלן אוקאז אָנגערופן אלפרעד קריספּין, הויפּט־רעדאקטאָר פון דער אויסלענדישער אינפאָרמאציע פון דער בולגארישער טעלעגראפן־אגענטור, די קולטור־טוער שמועל אורדאלא, לארא מעלאָמעד, צימבול מאָרגיסאָ פון סאָפיע, ניסים מאיער פון שומען, דאוויד אָנזילאָוו פון פּלאָוודיוו אא.

צום אָנדענק פון שאָלעם סעקונדא

אין ניו־יאָרק איז אין עלטער פון 79 יאָר געשטאָרבן דער באוווּסטער ייִדישער מוזיקער און דיריגענט שאָלעם סעקונדא, דער אויטאָר פון אָפּערעטעס און זינגלידער. ש. סעקונדא איז דער שעפער פון דער פּאָפּולערער ייִדישער ליד „בא מיר ביסטו שיין". זינט דעם יאָר 1932 איז שאָלעם סעקונדא געווען פּרעזידענט פון דער געזעלשאפט פון ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן אין די פאראייניקטע שטאטן.

■

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע

דער זינגער פון אַלט= און נײַ=ווילנע

נאָכעם אַלפערט איז ברייט באַקאַנט אין ווילנע, באַזונדערס בא די ליבהאָבער און שעצער פון דער מאָלערײַ־קונסט. מע זעט אים אָפט אַף די גאַסן, אין די געסלעך פון דער שטאָט מיטן מאָלבערט אין די הענט. אָט שטייט ער און מאָלט. איר כאַפּט אַ קוק פון דער זײַט און בלײַבט פאַרגאַפט — איר זײַט אַן איידעס, ווי בא דעם מאָלער ווערט געבוירן אַ נײַ בילד.

ער האָט אויך ליב זיך פאַרקלײַבן העט ווײַט הינטער דער שטאָט, שאָענלאַנג אַרומבלאָנקען צווישן די בערג, באַדעקטע מיט זאַפטיקער גרינקײַט, באַגילדעטע פון די זונענשטראַלן. דאָ פילט ער זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער. וווהין ער זאָל ניט ווענדן זײַן אויג, אַנטפּלעקן זיך נײַע און נײַע פייזאַזשן, און ער מאָלט אָן אופהער איין עטיוד נאָכן צווייטן. דערנאָך ווערן די עטיודן זיך האַרמאָניש באַהעפטן אין פאַרגאַנצטע בילדער.

נאָכעם אַלפערט איז ניט נאָר געבענטשט מיט טאַלאַנט, ער איז דערצו נאָך אַ גרויסער האָרעפּאַשניק אין זײַן פאַך. דאָס האָבן טאַקע באַטאָנט זײַנע קאָלעגן, פרײַנט און פאַרערער, אָפּמערקנדיק ניט לאַנג צוריק זײַן 60־טן געבורטסטאָג.

געבוירן איז נאָכעם אַלפערט אין סלאָנים בא אָרעמע עלטערן. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אַפילע ניט געקאָנט קלערן, אַז זייער זון וועט ווערן אַ מאָלער. פון סלאָנים פאָרט ער אריבער צוזאַמען מיט די עלטערן קיין ווילנע, לערנט זיך דאָרט אין דער יִדישער קונסט־שול. דאָ הייבט ער אָן צו באַהערשן די סוידעס פון פאַרב און קאָמפּאָזיציע. פון דעמלט אָן איז ווילנע אַפן גאַנצן לעבן אים געוואָרן ליב און טײַער. בלויז די מילכאָמע, דער פראָנט, און נאָכדעם די לער אין דער הויכשול פאַר קונסט אין אַרמעניע האָבן אים צעשיידט מיט זײַן לײַבלעכער שטאָט.

אַ פאָר יאָר נאָך דער מילכאָמע געפינט זיך אַלפערט אין ראָסטאָווער געגנט, וווּ ער שאַפט אַ ריי פאַרביקע בילדער. ער שילדערט די ראַכוועסן פון דעם דאָנער סטעפּ, די פישפאַנגער בא די ברעגן פונעם שטילן דאָן, די שיינקײַט פון דאָרפישע פייזאַזשן.

דעם קינסטלער ציט אָבער צו די געסלעך און הייפלעך פון דער באַרימטער אַלט־ווילנע, צום ווילִיאַ־טײַך.

און טאַקע גאָר אינגיכן, אומקערנדיק זיך אַהיים, שאַפט ער זײַן פּילפּלאַנעווע סעריע בילדער מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אַלט־ווילנע". די דאָזיקע סעריע נעמען מיר אוף ווי אַ מין פּאָעמע אין פאַרבן. אָבער דאָס אויג פונעם קינסטלער זעט ניט בלויז דאָס אַלטע. אַלפערט מאָלט אויך דאָס נײַע, וואָס קומט אוף אין דער שטאָט, אינעם לעבן פון די מענטשן. ער באַווײַזט די נײַע קוואַרטאַלן בא דער ווילִיאַ, די סקווערן און פאַרקן, די באַצויבערנדיקע ברעגן פונעם ניעמאַן, די פייזאַזשן פון דער ליטווישער קוראָרט־שטאָט דרוסקינינקאַי און איר אומגעגנט.

די לעצטע יאָרן גיט ער זיך אָפּ אויך דעם פּאָרטרעט־זשאַנער, און אויך דאָ בלײַבט ער געטרײַ זײַן אייגנאַרטיקן רעאַליסטישן סטיל.

אָט איז נאָכעם אַלפערטס אַ בילד, וואָס שילדערט די אַמאָליקע אַרבעטס־בירזשע אַף דער זאַוואַלנע־גאַס מיט די גלעזער און וואַסערפירער, מיט די בעטלער אינעם קרומען געסעלע. דאָס איז די ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט פון ווילנע. און אָט בלעטערן מיר אַ סעריע אַקוואַרעלן, פּילפּאַרביקע זוניקע פייזאַזשן און פּאָרטרעטן פון געזונטע, באַגײַסטערטע אַרבעטס־מענטשן. דאָס זײַנען ווערק, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפן פאַר די לעצטע צוויי־דרײַ יאָר. זיי שיידן זיך אונטער פון דער סעריע „אַלט־ווילנע" ניט נאָר מיט דער געשטיגענער מײַסטערשאַפט פונעם מאָלער, נאָר אויך מיטן סטיל, מיט דער בוילעטער און פינקטלעכער גאַמע פאַרבן, וואָס דער קינסטלער ווענדט אָן, קעדיי אונטערצושטרײַכן דאָס נײַע, דאָס הײַנטצײַטיקע.

נאָכעם אַלפערט איז באַוווּסט און אַנערקענט אַלס באַדײַטנדיקער קינסטלער ניט נאָר אין דער ליטווישער סאָוועטישער רעפּובליק. וועגן דעם זאָגן איידעס זײַנע פּערסאָנעלע אויסשטעלונגען און זײַן אַקטיווער אָנטייל אין פאַרשיידענע מאָלערײַ־וואַרניסאַזשן.

אַלפערט איז אַ טרײַער פרײַנט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", מיט וועלכן ער איז שעפעריש פאַרבונדן אַ סאַך יאָרן.

אַף דער קינסטלערישער בײַלאַגע אינעם הײַנטיקן נומער פונעם זשורנאַל שטעלן מיר פאָר מוסטערן פון נאָכעם אַלפערטס פייזאַזשן און פּאָרטרעטן.

י. שוסטער

■ ■ ■

פּאָלעמיק

אבא פינקעלשטיין

נאָטיצן פון א ביבליאָגראַף

לאַוואַן האַאַראַמי

ס'איז פאַראַן אין כומעש „בערײשיס" א פּערסאָנאַזש לבן הארמי (לאַוואַן דער אַראַמײער). בא אים, בא לאַוואַנען, זײַנען געווען צוויי טעכטער. אין דער ייִנגערער, אין ראָכלען, האָט זיך פאַרליבט יאַנקעוו־אָווינו (ווי מע זעט — אַן אַלטע געשיכטע). אַף באַקומען ראָכלען פאַר א ווײַב האָט יאַנקעוו־אָווינו באַדאַרפט אָפּאַרבעטן בא לאַוואַנען זיבן יאָר.

אויב פאַרליבט, איז דאָך ניט שײַעך. יאַנקעוו האָט אָפּגעאַרבעט, געווען א פאַסטעך זיבן יאָר (א „שמיטע") און האָט באַקומען פאַר א ווײַב ניט ראָכלען, נאָר לייען, לאַוואַנס עלטערע טאָכטער.

— סטײַטש, — פרעגט יאַנקעוו לאַוואַנען, — כ'האָב דאָך געאַרבעט זיבן יאָר אַף צו באַקומען פאַר א ווײַב ראָכלען, און ניט לייען!

— בא אונדז פירט זיך ניט אַזוי, — איז געווען לאַוואַנס ענטפער. — פריִער דאַרף מען כאַסענע מאַכן די עלטערע טאָכטער און דערנאָך שוין די ייִנגערע. אַרבעט אָפּ נאָך זיבן יאָר — וועסטו באַקומען אויך ראָכלען פאַר א ווײַב.

האָט יאַנקעוו אָפּגעאַרבעט בא לאַוואַנען נאָך א „שמיטע" און באַקומען פאַר א ווײַב אויך ראָכלען.

פאַר אָט די צוויי מאָל זיבן יאָר האָבן זיך די טשערעדעס בא לאַוואַנען היפּש פאַרגרעסערט. ווען לאַוואַן האָט געפרעגט יאַנקעוון, וואָס פאַר א סכאַר־טירכע וויל ער פאַר זײַן גוטער אַרבעט, האָט אים יאַנקעוו געענטפערט, אַז ער וויל גאָרניט — ער וועט אָפּאַרבעטן נאָך זיבן יאָר (שוין די דריטע זיבן יאָר!), און דערפאַר זאָל אים לאַוואַן דערלויבן גיין איבער די טשערעדעס און אָפּקלײַבן פאַר זיך, פאַר זײַן אייגענער טשערעדע, געפלעקטע פי.

אַזוי־ווי אין לאַוואַנס טשערעדעס זײַנען געווען בלויז געציילטע געפלעקטע פי (אַזוי דערציילט זיך אין כומעש), האָט אים לאַוואַן דאָס דערלויבט.

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך עס?

א ייִדישער שרײַבער, איצט קימאַט א פאַרגעסענער, מוישע סטאַווסקי האָט אָנגעשריבן א דערציילונג „לבן הארמי". איך האָב די דערציילונג געלייענט אין א זשורנאַל, נאָר זי איז אויך דערשינען אין א בוכפאָרם: „מ. סטאַווסקי. לבן הארמי. קיִעוו, „קיִעווער פאַרלאַג", 1919. 14 זײַטן, 6000 עקזעמפּליאַרן. שול־ביבליִאָטעק נומער 22" (זעצערײַ פון „קולטור־ליגע", דרוקערײַ פון א. און מ. זאַיעזדני, און ניט פאַרלאַג „קולטור־ליגע", ווי ס'איז אָנגעוויזן אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 2 פאַרן 1973, ז. 189).

מוישע סטאַווסקיס דערציילונג „לבן הארמי" איז וועגן א געפלעקטן לאָשעקל מיטן נאָמען לאַוואַן האַאַראַמי. א לאָשעקל א צאַצקע, אַן עמעסע שייַנקייַט. בעשײַטע האָט די דערציילונג געהאַט א גוטן אָפּרוף סײַ בא די לייענער, סײַ בא דער קריטיק.

אַף דער וועלט גייט אַרום א מיינונג, אַז א מענטש, וועלכער האָט ניט קיין אײַזערנעם זיקאָרן, קאָן קיין שרײַבער ניט זײַן. גאַנץ מעגלעך, אַז אַזוי איז עס. אַן אײַזערנעם זיקאָרן האָט געוויס געהאַט דער גרויסער מײַסטער פון וואָרט איציק קיפּניס, און סטאַווסקיס דערציילונג „לבן הארמי" האָט ער אין זײַנערצײַט מיסטאַם געלייענט. האָט זי זיך, ווײַזט אויס, אַזוי „געבאַלבעט" (אַף קיפּניסעס לאָשן) בא אים אין קאָפּ, אַז ער האָט פּאָשעט פאַרגעסן — ס'איז דאָך שוין אַוועק א האַלבער יאָרהונדערט! — אַז די טעמע, די „אידייע", דער סוזשעט איז ניט זײַנע, נאָר סטאַווסקיס. און ער האָט אָנגעשריבן א דערציילונג „קראַסאַווטשיק", טאַקע וועגן א געפלעקטן לאָשעקל, ווי בא סטאַווסקין, און זי אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומער 1 פאַרן 1969.

טאַקע אַן עמעס, עס מאַכט זיך, אַז דער אײַזערנער זיקאָרן פירט אונטער.

זיבן גוטע יאָר

בא ייִצכאָק־לייבוש פּערעצן איז צווישן זײַנע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" פאַראַן א דערציילונג „זיבן גוטע יאָר".

...דער טרעגער פון טורבין טעוויע מיט זײַן ווײַב סערל זײַנען געווען גרויסע אָרעמעלײַט, עוויוינים־דאַלפאָנים, אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן ניט געהאַט צו צאָלן סכאַר־לימעד, און דער מעלאַמעד האָט אָפּגעשיקט זייערע קינדער פון כיידער אַהיים, און זיי שפּילן זיך איצט אין זאַמד בא דער טיר פון זייער שטוב. איז געקומען עליִיאָהו־האַנאָווי, פאַרשטייט זיך, פאַרשטעלט אין א דײַטשל...

לייענט איבער אַף ציקאַוועס די דערציילונג, וועט איר זען, אַז ס'איז די זעלבע טעמע, די זעלבע „אידייע", דער זעלבער סוזשעט, ווי בא... שטעלט זיך פאָר, אַז טאַקע ווי בא אונדזער איציק קיפּניסן ווידער! די דערציילונג, וואָס הייסט בא אים „וואָס

מע זאָגט — „גאָט האָט צוגעשיקט, גאָט האָט געפירט", איז אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומער 3 פאַרן 1963.

עמעס, באַ איציק קיפּניסן איז געקומען קיין יאַנורשפּאָל צו באָרעך־מייער דעם שטריקלדרייער מיט זײַן װײַב פּריידען ניט עליִאָהו־האַנאָווי, נאָר טאַקע ער, ביכווידוי־אוּוועאַצמוי, טאַקע גאָט אַליין: „דער אַלטער איז געווען אויסגעקליידט, ווי א געוויינלעכער באָסערוועדאָם, אין א הוט און אין א גרויען רעגנמאַנטל".

באַ פּערעצן זײַנען טעוויע מיט סערלען געבליבן אָרעמע, ווי געווען, ווײַל דאָס „גאָלד" האָבן זיי גענוצט נאָר אָף צאָלן סכאַר־לימעד דעם מעלאַמעד, און באַ קיפּניסן האָט „גאָט" איבערגעלאָזט דעם בײַטל מיט גאָלד באָרעך־מייערן מיט זײַן װײַב פּריידען (די דערציילונג האָט קיפּניס אײַנגעשלאָסן אין זײַן בוך „צום לעבן", מאָסקווע, 1969).

שפּאָלע צי אומאַן

צום 75־טן געבורטסטאָג פון איוואַן קוליק איז אין קיִעווער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק" דערשינען א בוך זיכרוינעס „דער פּאָעט פון דער רעוואָליוציע". דער צונויפשטעלער פונעם בוך און דער אוטאָר פון די קאָמענטאַרן צו דער אויסגאַבע איז דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער כאַיִם ביידער.

אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" נומער 21 פאַרן 30 יאַנוואַר 1972 האָט כאַיִם ביידער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „איינער פון די ערשטע" (צום 75־טן געבורטסטאָג פון אי. יו. קוליק). אינעם אַרטיקל לייענען מיר: „די טעג איז געוואָרן 75 יאָר זינט באַ אַן אומאַנער (מײַן אונטערשטרײַכונג.—א. פ.) מעלאַמעד איז געבוירן געוואָרן א זון ייִסראָעל, וואָס איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן אַלס איינער פון די גרונטלייגער פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער ליטעראַטור אונטערן נאָמען איוואַן יוליִאַנאָוויטש קוליק".

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומער 8 פאַרן 1972 איז אָף דער זײַט 183 אָפּגעדרוקט א נאָטיץ „דער פּאָעט פון דער רעוואָליוציע" וועגן דעם אויבנדערמאָנטן בוך, און אויך אַז קוליק איז געבוירן געוואָרן אין אומאַן.

אין דער צײַטונג „פאָלקס־שטימע" (נום. 36 פאַרן 2 סענטיאַבער 1972) האָט י. ליובאָמירסקי אָפּגעדרוקט „ייִדישע קולטור־נײַס פון ראַטנפאַרבאַנד". צווישן די נײַס איז דערמאָנט וועגן דעם, אַז איוואַן קוליק איז געבוירן געוואָרן אין אומאַן.

אין דער „קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע" (רוסיש) באַנד 3, שפּאַלטן 887—888 (מאָסקווע, 1966) איז פאַרעפנטלעכט א נאָטיץ פון איוואַן קוליקס מיטצײַטלער און שילער סטעפּאַן קריזשאַנאָווסקי. אין דער נאָטיץ איז אָנגעוויזן:

„קוליק איוואַן יוליִאַנאָוויטש. פּסעוודאָנימען — ר. ראָלינאַטאָ, וואַסיל ראָלענקאָ: 1897. I. 26, שטאָט שפּאָלע, קיִעווער געגנט — 1941. X. 14" (און ווײַטער גייט דער טעקסט פון דער נאָטיץ).

אין דער כראָניק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 3 פאַרן 1971, זײַט 183, איז פאַראַן א נאָטיץ, אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט: „די שעפערישע שטימען פון אונדזערע לאַנדסלײַט. אונטער אַזאַ דעוויז איז אינעם קולטור־הויז פון שפּאָלע (טשערקאַסער געגנט)[1], ווו עס איז געבוירן געוואָרן דער ייִדישער דיכטער איציק פעפער און ווו עס האָבן געלעבט און געשאַפן די אוקראַיִנישע שרײַבער איוואַן קוליק און אַלעקסאָ וואָליזקאָ, מיט וועלכע פעפער איז געווען באַפרײַנדעט, פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט די כאָשעווע לאַנדסלײַט" (און ווײַטער ווערט דערציילט וועגן דעם אָוונט).

ווו זשע איז געבוירן געוואָרן איוואַן קוליק — אין שפּאָלע, צי אין אומאַן?

עס דאַרף זײַן א פּלאַן...

דער שרײַבער נויעך לוריע איז געשטאָרבן אין מײַ 1960. באַ זײַן לעבן זײַנען דערשינען זײַנע ביכער אין ייִדיש: „בריקן ברענען" (כאַרקאָוו, 1929), „עלטער מיט איין נאַכט" (קיִעוו, 1935), „א געוויינלעך לעבן" (מאָסקווע, 1935), „איינער פון דער שערענגע" (קיִעוו, 1936), „עליע יאָרש" (קיִעוו, 1938), „געקליבענע דערציילונגען" (קיִעוו, 1940), „באַ דער אָפענער גרוב" (מאָסקווע, 1943); אין רוסיש — „וואַלד־שטילקײַט", „די געשיכטע פון איינעם א ייִשעוו" (מאָסקווע, 1957); אין אוקראַיִניש — „א געוויינלעך לעבן" (קיִעוו, 1936).

נאָכן טויט פונעם שרײַבער זײַנען דערשינען זײַנע ביכער: „אין וואַלד (וואַלד־שטילקײַט)" — מאָסקווע, 1972 (אין ייִדיש), „וואַלד־שטילקײַט", „אויסגעוויילטע דערציילונגען" — מאָסקווע, 1961 (אין רוסיש), „עלטער אָף איין נאַכט" — מאָסקווע, 1963 (אין רוסיש).

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן זיך געדרוקט זײַנע דערציילונגען: „אויס כאַווער" (נום. 1, 1962), „די אונטערשטע שורע" (נום. 5, 1965), „אין וואַלד" (נומערן 7, 8 און 9, 1966), „עלטער מיט איין נאַכט" (נום. 10, 1967), „אַן איינציקע טאָכטער" (נום. 5, 1969) און א סאַך אַנדערע.

די דערציילונג „אין וואַלד" (אָדער „וואַלד־שטילקײַט", אָדער „די געשיכטע פון איינעם א ייִשעוו", אָדער „אין ייִשעוו") האָט נויעך לוריע געדרוקט נאָך אין דער מינסקער צײַטונג „דער וועקער" און אין אַנדערע ליטעראַרישע זאַמלונגען און זשורנאַלן. דאָס זעלבע אויך אַנדערע זײַנע דערציילונגען, וועלכע ווערן אויבן דערמאָנט.

אַוואַדע איז גוט, ווען מע קאָן באַדײַטנדיקע ווערק דרוקן עטלעכע מאָל סײַ אין ייִדיש, סײַ אין רוסיש, אָבער באַ די איצטיקע באַדינגונגען, ווען די פּאָליגראַפישע באַזע איז באַ אונדז ניט קיין גרויסע, פרעגט זיך א פראַגע: צי איז באַרעכטיקט דרוקן איינע ווערק צו עטלעכע מאָל און אַנדערע — גאָרניט?

איך וויל, מע זאָל מיך ריכטיק פאַרשטיין: כ'האָב, כאָלילע, גאָרניט צו דער וויכטיקער שאַפונג פון

---

[1] לויט דער נײַער ראַיאָנירונג איז די שטאָט שפּאָלע אַריבער) פון דער קיִעווער געגנט אין דער טשערקאַסער געגנט. — א. פ.

נויעך לוריע. אָבער ווײַזט אויס, אַז עס פעלט אַ סיסטעמאַטישער פּלאַן פון פאַרעפנטלעכן די פּראָדוקציע פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אכט שורעס

אין שמועל האַלקינס „מײַן אויטאָביאָגראַפיע" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2 פאַרן 1973) זײַנען פאַראַן אַזעלכע צוויי אַבזאַצן:

„... איבערגעלייענט, טוט ער אַ זאָג צו אַ וווּנדער־שיינעם יונגנמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געבלעטערט אַ בוך: „מאַרקיש, קומט לאָמיר גיין צו לאָקשינען אין דרוקערײַ. איך בין גרייט אַליין דרייען די ראָד, די לידער גיכער אָפּצודרוקן".

„... וואָס מײַן ערשטער קריטיקער האָט אײַנגעפּרנען אין דער דאָזיקער קליינער ליד, איז מיר שווער געווען צו זאָגן. נאָר איצט, אין פערציק יאָר אַרום, דוכט מיר, אַז אין יענע אכט שורעס (מײַן אונטערשטרײַכונג. — א. פּ.) איז שוין געווען אָנגעמערקט איינע פון די גרונט־שטריכן פון מײַן דיכטונג, וועלכע האָט זיך דערנאָך אַנטוויקלט, פאַרטיפערט און אויסגעברייטערט: דער ווייטעקפולער איבערגאַנג פון יאָמטעוו צו וואָכעדיקײַט און דער דראַנג די וואָכעדיקײַט דערהייבן צו יאָמטעוו".

פּערעץ מאַרקישעס ערשטע לידער־זאַמלונגען „שטיפעריש", „נאָכן טעלערל פון הימל", „אײַנמיטן וועג", „פּוסט און פּאַס" און „סטאַם" זײַנען דערשינען אין קאַטערינאָסלאַוו (דניעפּראָפּעטראָווסק), וווּ מאַרקיש האָט געלעבט. אין די יאָרן 1920—1921 האָט דאָרט אויך געלעבט שמועל האַלקין. די באַגעגעניש זייערע איז פאָרגעקומען אין דער רעדאַקציע פונעם פאַרלאַג „קולטור־ליגע".

די „אכט שורעס" האָבן זיך געדרוקט אין דער ליטעראַרישער זאַמלונג „טרעפּ" (דערשינען אין קאַטערינאָסלאַוו אין 1921), וווּ מאַרקיש האָט אָפּגעדרוקט זײַן באַרימטן עסיי „אויף די וועגן פון ייִדישער דיכטונג".

מיר ברענגען די ליד — „די אכט שורעס":

די ליפּן באַם טאַטן — ווי עמעצן בענטשט ער,
די אויגן צום האַרט־גרינעם מײַרעוו געהויבן.
ער הויבט די ווי כמאַרע פאַרהענגלעך פון פענצטער,
ווישט אויס מיט די פינגער פאַרלאָפענע שויבן...
צוויי שטערן — צוויי שפּילקעס אין הימל
פאַרשטאָכן,
באַזילבערטע בלאַטעס צעגרײַזלען די זשאַבעס —
זאָל מען די טישטעך ניט לייגן צו וואָכיקע —
זאָל דאָ נאָך בלײַבן אַ זייכער פון שאַבעס...

ווי עס שײַנט מיר, האָט שמועל האַלקינס ערשטער קריטיקער אײַנגעפונען, אַז אָט די ליד פון אכט שורעס רופט זיך איבער מיט י.־ל. פּערעצעס „זאָל נאָך דויערן דער שאַבעס!.." און ער האָט אויך טאַקע דערפילט, אַז עס איז פאַראַן באַם דיכטער „דער ווייטעקפולער איבערגאַנג פון יאָמטעוו צו וואָכעדיקײַט און דער דראַנג די וואָכעדיקײַט דערהייבן צו יאָמטעוו".

אין דער זעלבער ליטעראַרישער זאַמלונג „טרעפּ" (זײַטן 28—29) זײַנען פאַרעפנטלעכט נאָך דרײַ האַלקינס לידער. מיר דוכט, אַז זיי גייען ניט אַרײַן אין זײַנע לידער־זאַמלונגען, און איך דערלויב זיך זיי צו פאַרעפנטלעכן.

האָבן שטאָקן ברייט צעזעצט זיך
מיט די פאַרטעכער פאַרהויבן,
שטערנס בלעכענע — די דעכער,
ציינער גאָלדענע — די שויבן...
ווײַטן — באַקן, ראַב געשטופּלט,
אויגן רויטלעכע — פאַרהײַטלט, —
גאַסן שטייען, ווי זיי וואָלטן
פאַרן טאָג זיך אויסגעבײַטלט...

* * *

שטייען מויערן — צעשרויפטע
מיט פאַרשטאָפּטע טעמפּע קעפּ.
אויסגעצויגן האָט אַ הונט זיך,
ווי אַ צעמענטענער טרעפּ...
אַ פּערסיאַנער זיצט און אַרבעט,
דרעמלט — פאַלט באַלד אויפן נאָז —
פון דער לינקער זײַט זײַן ווײַבל
מעסט אָפּ יאָדערן אַ גלאָז...

* * *

פון גאַנצן טאָג
געבליבן איז, ווי פון אַן אויסגעדעכטעט־
פּוסטן מאַרק
אַ פערדיש־וואַרעמער, אַ פוילער גענעץ...
מיר קויפן גאָרניט מיט זיך טראָגן,
און קלומקעס — פונעם קאַרק.
די גרענעץ —
מיר גאַנווענען די גרענעץ!..

אַן אויפשריפט

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9 פאַרן 1970 זײַנען אָפּגעדרוקט שמועל האַלקינס „אויפשריפטן און ווידמונגען" מיט איטשע באָרוכאָוויטשעס אַרײַנפיר. כ'וועל דאָ צוגעבן איין אויפשריפט, וועלכן שמועל האַלקין האָט אָנגעשריבן אויף זײַן בוך „באַר־קאָכבאַ" (דראַמאַטישע פּאָעמע אין 4 אַקטן. מאָסקווע, „דער עמעס", 1939):

„דעם כ' גורשטיין —
מע האָט אַ נאָמען אײַך געגעבן:
אַרן,
עס זאָל אײַך אויפן גאַנצן לעבן
אַרן
דעם כאַוועס לייד, דעם כאַוועס פרייד,
אויך מיך די פרײַנטשאַפט אײַערע באַגלייט
ביז הײַנט, —
דײַן פרײַנט
ש. האַלקין.
1939 — 11/II".

דעם דאָזיקן בוך מיטן אויפשריפט האָב איך איבערגעגעבן דער ביבליאָטעק פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" אין 1961 צוזאַמען מיט אַ סאַך אַנדערע ביכער, וועלכע האָבן געהערט גורשטיינען.

כאַים ביידער

אַז מע דאַרף האָבן אַן אײַזערנעם זיקאָרן...

ביבליִאָגראַפיע איז א וויסנשאַפט א פּינקטלעכע. איבער א גרײַז קאָן געשען, אַז גאַנצע דורעס לייענער זאָלן האָבן א פאַרקריפּלטע פאָרשטעלונג וועגן א שרײַבער.

אונדז איז ניט באַוווּסט, צי איז עס אַרײַנגעפאַלן אַמאָל אין א טאָעס דער כאָשעווער מעכאַבער פון די „נאָטיצן פון א ביבליִאָגראַף". פאַרקערט, מיר מיינען, אַז אין די פּילצאָליקע ביבליִאָגראַפישע רעשימעס, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין מעשעך פון זײַן לאַנגיאָריקער נוצלעכער אַרבעט, זײַנען קיין פעלערן ניט געווען. און דאָך...

אַזוי־ווי די נאָטיצן פונעם כ׳ פינקעלשטיין הייבן זיך אָן פון א געשיכטע פון כומעש, דערלויבן מיר זיך אויך אָנהייבן פון א יִידישער אַגאָדע.

מע דערציילט, אַז ראַבי אַקיווע פלעגט אַנדערש ניט אַרויסטרעטן פאַרן אוילעם צו לערנען מיט אים א פּאַרשע פון דער טוירע, ביז ער האָט זי ניט פריִער אַליין גוט אײַנגעלערנט פאַר זיך א צוויי־דרײַ מאָל. און אַפילע גאָט באָרוך־הו, וואָס ער האָט געגעבן דעם מענטשן די הייליקע טוירע, האָט אָף זיך אַליין זיך ניט פאַרלאָזט: עס שטייט דאָך געשריבן וועגן אים, אַז „דעמלט האָט ער זי דורכגעקוקט, איבערדערציילט און זי פעסטגעשטעלט" — און ערשט דערנאָך „האָט ער זי געזאָגט דעם מענטשן". מיט איין וואָרט, ווי עס שרײַבט דער כ׳ פינקעלשטיין, „א מענטש, וועלכער האָט ניט קיין אײַזערנעם זיקאָרן, קאָן קיין שרײַבער ניט זײַן".

איז דאָך גוט. ווען ניט דאָס געפלעקטע לאָשעקל. ווען מע לייענט די ערשטע נאָטיץ פונעם כ׳ אבע פינקעלשטיין וועגן די שאָף און רינדער פון לאָוואָן האָאַראַמי, קומט אפן געדאַנק, אַז ס׳איז א גרויס ראַכמאָנעס אָף אָט דעם אומגליקלעכן לאָשעקל. דער ערשטער, ווער עס האָט דאָס אָף דער וועלט געבראַכט — לויט דעם כ׳ פינקעלשטיין, — איז געווען דער שרײַבער מוישע סטאַווסקי. אונדזער ביבליִאָגראַף ווײַזט אַפילע אָן, ווען פּינקטלעך דאָס לאָשעקל איז אין א בוך אַרײַנגעשפּרונגען: אין קיִעוו, 1919.

ס׳וואָלט זיך ניט געוואָלט שפּאַרן מיטן דערפאַרענעם ביבליִאָגראַף, נאָר אַלפּי־יוישער דאַרף מען דאָ עטוואָס פאַרפּינקטלעכן: אין א בוך־פאָרם איז מ. סטאַווסקיס „לאָוואָן האָאַראַמי" דערשינען, צוזאַמען מיט אַנדערע זײַנע דערציילונגען, מיט צען יאָר פריִער — אין 1909 (וואַרשעווער פאַרלאַג פון ב. שימין). אָבער ניט דאָס זײַנען מיר אויסן...

דער איקער באַשטייט אין דעם, וואָס אבע פינקעלשטיין, אָנעמענדיק זיך די קריוודע פון מוישע סטאַווסקין, כאַפּט אָן אַנדער שרײַבער — איציק קיפּניסן — שיר ניט אין א דובלירונג: סטײַטש, סטאַווסקי האָט דאָך שוין באַשריבן א געפלעקט לאָשעקל — קומט קיפּניס און ברענגט זײַן „קראַסאַווטשיק", וואָס איז אויך א געפלעקטס („דאָס רויטלעכע לאָשעקל, מיט די ווײַסע קאָפּיטלעך און מיט דער ווײַסער ליסינקע אפן שטערן")! אײַ וואָס קיפּניסעס קראַסאַווטשיק שיידט זיך אונטער פון סטאַווסקיס לאָשעקל, ווי דער שאָר־האַבאָר שיידט זיך אונטער, לעמאָשל, פון קוויטקאָס „ביק", — וויל אונדזער כאָשעווער ביבליִאָגראַף אַפילע ניט הערן. אים דוכט זיך אויס, אַז „די טעמע, די „אידייע", דער סוזשעט" זײַנען אין ביידע ווערק איינע און די זעלבע.

זאָל אונדז מויכל זײַן דער כ׳ פינקעלשטיין, נאָר אַזא צוגאַנג צו קינסטלערישע ווערק איז ניט באַרעכטיקט. ווען מע לייגט אַוועק באַנאַנד ביידע ווערק, זעט מען גלײַך, אַז זיי זײַנען אַבסאָליוט פאַרשיידן, פון אָנהייב ביזן סאָף, — סײַ לויט דער „אידייע", סײַ לויטן סוזשעט, סײַ לויט דער שפּראַך, לויטן סטיל, קאָמפּאָזיציע און לויט אַלע אַנדערע סימאָנים.

אונדזער ביבליִאָגראַף אָבער באַנוגנט זיך ניט מיט איין עפּיזאָד אין שײַכעס מיט איציק קיפּניסן. ער נעמט קיפּניסעס דערציילונג „וואָס מע זאָגט — „גאָט האָט צוגעשיקט, גאָט האָט געפירט" און כאַפּט זיך, אַז „די זעלבע טעמע, די זעלבע „אידייע", דער זעלבער סוזשעט" איז פאַראַן בא יִיצכאָק־לייבוש פּערעצן! קיפּניס, הייסט עס, האָט געהאַלטן אין איין דובלירן...

האַלטנדיק זיך בא אַזא מעטאָדאָלאָגיע, וואָלט מען אבע פינקעלשטיינס ביבליִאָגראַפישע פאַרגלײַכן געדאַרפט פאַרזעצן:

שאָלעם־אַליי֗כעם האָט זײַן „ראַבטשיק" דובלירט פון טשעכאָווס „קאַשטאַנקאַ".

דער זעלבער שאָלעם־אַלייכעם האָט אין זײַן „יאַקנעהאָז" איבערגעשריבן די לעצטע סצענע פון גאָגאָלס „רעוויזאָר".

סאַלטיקאָוו־שטשעדרין האָט זײַן „קאָניאַגאַ" איבערגעזעצט פון מענדעלע מויכער־ספאָרימס „קליאַטשע".

געטע האָט זײַן „פאַוסט" אַנטליִען בא יאָהאַן שפּיסן, היינריךווידמאַנען אָדער גאָר בא קריסטאָפאָר מאַרלאָ.

שעקספּיר האָט זײַן „ראָמעאָ און דזשוליעטע" און אַלע אַנדערע פּיעסן גענומען בא זײַנע פאָרגייער.

האַלקין האָט זײַן „באַר־קאָכבאַ" און „שולאַמיס" דובלירט בא אַווראָם גאָלדפאַדענען...

האַקלאַל, עס מאַכט זיך, אַז דער אײַזערנער זיקאָרן פירט אונטער דעם שרײַבער, שטעלט אים אונטער א פּיסל. און אויך דעם ביבליִאָגראַף...

און איצט — וועגן שפּאָלע און אומאַן. און אָנהייבן דאַרף מען אויך פון א לעגענדע, האַגאַם ניט פונעם כומעש.

מע זאָגט, אַז זיבן שטעט — סמירנאַ, כיאָס, קאָלאָפאָן, סאַלאַמין, ראָדאָס, אַרגאָס און אַטען — האָבן זיך געקריגט איבערן קאָוועד זיך אָנצורופן די גע־

בורט־שטאָט פונעם גרויסן האָמער. און איבער אָט דער מאכלויקעס ווייסן מיר טאקע ביז איצט ניט, ווו עס איז געבוירן געוואָרן דער אווטאָר פון „אײ־ל״אדע״ און „אָדיסייע״.

איוואַן קוליק איז, פארשטייט זיך, ניט האָמער, און ווו ער איז געבוירן געוואָרן, איז גאנץ גוט באוווּסט. קוליק אליין האָט געשריבן נאָך אין 1928:

„א נודנע זאך — אווטאָבי״אָגראפיע. געבוירן, אָפּ־שטאם, אָנגעהויבן שרײַבן לידער... און איך דערמאָן זיך (ווײַזט אויס, שוין מער לויט די דערציילונגען פון די עלטערע אין דער מישפּאָכע) יענע קאַליוזשע לעם אונדזער שטוב אינעם שטעטל שפּאָלע, אין וועלכער כ׳האָב זיך געוואָזיעט מיט די קינדער פון דער שטעטלשער אָרעמשאפט...״ (זע די צײַטונג „קאָמסאָמאָלעץ אוקרא״ִני״ פארן 17 נאָיאבער 1928,— אוקרא״ִניש).

ווײַטער — א באריכט אין דער אוקרא״ִנישער „ליטעראטורנא גאזעטא״ פארן 12 יול 1934 וועגן אים טאקע, קוליקן:

געבוירן אין 1897 אינעם שטעטל שפּאָלע... די ערשטע געשעעניש, וואָס עס האָט פארגעדענקט דאָס דרײַיאָריק יי״נגעלע, איז די רײַזע פונעם שטעטל שפּאָלע ביז אומאן. האגאם זי האָט קיין באזונדערע ענדערונגען אין זײַן לעבן ניט ארײַנגעטראָגן — די זעלבע דאכקעס און די האלב־הונגעריקע עקזיסטענץ האָבן זיך געצויגן נאָך אים ביז צום נײַעם אָרט, — נאָר זי איז געווען די סיבע, וואָס ער האָט אָנגע־הויבן צו האלטן אומאן אלס זײַן געבורט־אָרט...״

אוואדע וועט קיינער ניט דערווידערן, אז שפּאָלע זאָל ארײַן אין דער געשיכטע אלס א שטעטל, וואָס האָט געגעבן צוויי גרויסע שרײַבער: קוליקן — איי־נעם פון די גרונטלייגער פון דער אוקרא״ִנישער סאָוועטישער דיכטונג, און פעפערן — איינעם פון די גרונטלייגער פון דער יי״ִדישער סאָוועטישער דיכ־טונג. בא איציק פעפערן איז דאָס אָרט פון זײַן געבוירן פינקטלעך פארפיקסירט אין קלינגענדיקע פערזן:

די זון האָט זיך טונקל געסמאָלעט
מיט ווערבעס בא קאנטן פון וועג,
איז צעוואָרפן א שטעטעלע שפּאָלע
מיט שטיבלעך, מיט מענטשן און טעג...
אין א טאָג אין א פּראָסטן אָן וווּנדער,
אין א בעט, אף א ציצענער ציך,
גלײַך מיט אנדערע קינדער
האָט מײַן מאמע געבוירן מיך.

וואָס איז שײַעך איוואַן קוליקן, איז די זאך אָבער עטוואָס אן אנדערע. קוליק „האָט אָנגעהויבן צו האלטן אומאן אלס זײַן געבורט־אָרט״. אומאן איז אין איוואַן קוליקס בי״אָגראפיע און שעפערישער טעטיקײַט ארײַן ווי זײַן שטאָט, און אין אלע דרוק־קוואלן ווערט עס באזונדער אונטערגעשטראָכן.

און איצט — וועגן דעם, ווו עס איז פאָרגעקומען די ערשטע באגעגעניש פון שמועל האלקינען מיט פּערעץ מארקישן. אין דער רעדאקציע פונעם פאר־לאג „קולטור־ליגע״, ווי עס באהויפּטעט אונדזער כאָשעווער ביבלי״אָגראף? דערלויבט פארפינקטלעכן, כאווער פינקעלשטיין:

אין קאטערינאָסלאוו איז אין די יאָרן 1920—1921 קיין פארלאג „קולטור־ליגע״ ניט געווען. פּערעץ מארקישעס „סטאם״ איז טאקע ארויסגעגעבן געוואָרן אין פארלאג „קולטור־ליגע״, אָבער אין ווארשע. דאָס איז געווען שוין די צווייטע אופלאגע אין 1922. די ערשטע אופלאגע פון „סטאם״ איז טאקע דערשינען אין קאטערינאָסלאוו אין 1921, אָבער אין פארלאג „וויסנשאפט״ (אויסגאבע — „קולטור־ליגע״), און דעם זעלבן דיכטערס „נאָכן טעלערל פון הימל״ — אינעם קאטערינאָסלאווער פארלאג „נאטור און מענטש״...

עס מאכט זיך, אז דער אײַזערנער זיקאָרן פירט אונטער...

דאָס קאָל פון רעאַליזם און געזונטן פאַרשטאַנד

אין טעל־אַוויוו, אינעם איבערגעפולטן זאַל פון „בעט סאָקאָלאָוו", איז פאָרגעקומען א סימפּאָזיום, אף וועלכן זעקס דעפּוטאַטן פון פאַרשיידענע קנעסעט־גרופּן זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס אף דער טעמע „די באַציִונגען פון ייִסראָעל מיטן ראַטנפאַרבאַנד אין אָנבליק פון די צוקונפטיקע געשעענישן". די דעפּוטאַטן זײַנען געווען סײַ פון דער אָפּאָזיציע, סײַ פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע. דאָס זײַנען: דאָוו זאַקין (מאַפּאַם), הילעל זיידעל (אומאָפּהענגיקע ליבעראַלן), שאָלעם לעווין (אַרבעטס־פּאַרטיי), אווראָם לעווענבראַון (קאָמוניסטישע פּאַרטיי), אווראָם מעלאַמעד (נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי) און מייער פּעיל (מוקד). פאַרייניקט האָט אַלע אָנטיילנעמער פונעם סימפּאָזיום, טראָץ זייערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, דאָס אָנערקענען די נויטווענדיקייט צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד.

אויך דער פאַרזאַמלטער עולם, וועלכער געהער צו פאַרשיידענע פּאָליטישע שאַטירונגען, האָט באַגריסט די אידיי פונעם סימפּאָזיום.

וויאַזוי האָט יעדערער פון די זעקס קנעסעט־דעפּוטאַטן אויפגעקלערט די נייטיקייט פאַר ייִסראָעל צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד? אין דער ייִסראָעל־צײַטונג „זו האדערעך" געפינען מיר וועגן דעם א באַריכט, וועלכן מיר ברענגען דאָ מיט אייניקע קירצונגען.

יאַנקעוו ריפּטין: אַן אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלער וויכטיקײַט פאַר ייִסראָעל

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער געוועזענער דעפּוטאַט פונעם קנעסעט יאַנקעוו ריפּטין, פאַרזיצער פונעם „איניציאַטיוו־קאָמיטעט פאַר פאַרבעסערן די באַציִונגען פון ייִסראָעל מיט פססר". אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט האָט י. ריפּטין, נאָכן באַטאָנען, אַז די טעמע פון דער פאַרזאַמלונג איז איינע פון די וויכטיקסטע, וואָס שטייען הײַנט פאַר ייִסראָעל, פאָרגעלייענט א דערקלערונג פונעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט, אין וועלכער עס ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט: „מיט דער פאָרזעצונג פון די באַמיִונגען פאַר שאָלעם אין אונדזער געגנט ווערט אַלץ מער רעאַל די פראַגע פון באַנײַען די באַציִונגען צווישן ייִסראָעל און דעם ראַטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע באַציִונגען דאַרפן זײַן געבויט אף דער באַזע פון קעגנזײַטיקע נוצן.

מיר האַלטן, אַז ס'איז פון נאַציאָנאַלער וויכטיקײַט פונעם שטאַנדפּונקט פון ייִסראָעל צו באַטאָנען אף א קלאָרן אויפן די אונטערשטיצונג פאַר דער פּאָליטיק פון אַנטשפּאַנונג צווישן אַמעריקע און דעם ראַטנפאַרבאַנד. מע דאַרף באַזירן די פּאָליטישע אָריענטאַציע פון ייִסראָעל אף דער אויסברייטערונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, וואָס וועלן העלפן סײַ דער פאַרפעסטיקונג פונעם שאָלעם אין אונדזער געגנט, סײַ דער רעאַליזירונג פון א זעלבשטענדיקער און אומאָפּהענגיקער פּאָליטיק".

דאָוו זאַקין: א העסקעם, וואָס איז נוצלעך פאַר אַלעמען

דער ערשטער האָט גענומען דאָס וואָרט דאָוו זאַקין. ער האָט באַגריסט קוידעמקאָל דעם פאַקט, וואָס קנעסעט־מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען זײַנען אַהער געקומען. עס פאַרייניקט אונדז,—האָט ער געזאָגט,—דאָס אײַנזען אין נאָרמאַליזירן די אַטמאָספער א לעבנס־וויכטיקן אינטערעס פאַר ייִסראָעל, דאָס דענקען אף א רעאַליסטישן, ניכטערן אויפן, ניט פאַרווישנדיק די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און שטרײַטן.

— דאָס באַנײַען די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן ייִסראָעל און פססר וועט, לויט מײַן מיינונג, דערמעגלעכן א קאָנסטרוקטיוון דיאַלאָג, וואָס וועט ברענגען נוץ פאַר ביידע צדאָדים.

איך האַלט,— האָט ער ווײַטער געזאָגט,— אַז מיר קאָנען ניט פאַרמאַכן די אויגן אף אייניקע קלאָרע

גרונט־פאקטן סײַ אין דער וועלט און סײַ אין אונדזער ראיאָן. קוידעמקאָל זײַנען מיר פארינטערעסירט אין אנטשפאנונג אויך פונעם שטאנדפונקט פון די ייִדן אין אנדערע לענדער פון דער וועלט. אנטשפאנונג איז די אלטערנאטיוו צו קאלטער מילכאָמע, דאָס אויסשליסן פון דער פראקטיק קאָנפראָנטאציע צווישן די גרויסמאכטן. דער גײַסט פון אנטשפאנונג וועט זיכער ניט אויסמײַדן דעם מיטעלן מיזרעך. מיר דארפן אנערקענען דעם פאָשעטן פאקט, אז דער ראטנפארבאנד איז א ריזיקע גרויסמאכט מיט א קאָלאָסאלן אײַנפלוס אפן מיטעלן מיזרעך.

דער ראטנפארבאנד איז איצט אויך דער שוטעף אין דער איניציִאטיוו פון דער זשענעווער קאָנפערענץ, דער שוטעף אין די באמיִונגען צו לייזן די פראגן פון שאָלעם אף א פאָליטישן אויפן.

ווען מיר לייגן צונויף צוזאמען אָט די אלע פאקטן, האָבן מיר אף וואָס צו באזירן אונדזערע אָפשאצונגען.

דער איבעררײַס פון די באציִונגען איז ניט אייביק,— האָט געזאָגט ד. זאקין,— עס זײַנען געווען אנדערע צײַטן, און דאָס פארגעס איך ניט. ס׳איז ניטאָ פון אונדזער זײַט קיין פײַנטלעכקײַט צו די סאָוועטישע מענטשן. איך זע הײַנט ניט קיין שום סיבעס, פארוואָס די באציִונגען זאָלן זיך ניט באנײַען. דערבײַ וויל איך אָבער ניט פארטושן, אז עס זײַנען פאראן מיינונגס־פארשיידנהײַטן און אפילע קאמפן. מיר האָבן אָבער ניט קיין שום אינטערעס ארײַנצופלעכטן אונדזערע אינטערעסן אין די קאמפן פון די אנטיסאָוועטישע פאקטאָרן און פון די, וועלכע צעצינדן א קאלטע מילכאָמע. איך בין איבערצײַגט, אז ווען מיר וואָלטן געהאט אן ערנסטן דיִאלאָג מיטן ראטנפארבאנד, וואָלטן אויך די מיינונגס־פארשיידנהײַטן באלויכטן געוואָרן אין אן אנדערער שײַן.

ד. זאקין האָט פארענדיקט מיט פאָלגנדע ווערטער:

— לעצטנס האָט ייִסראָעל באזוכט א סאָוועטישע דעלעגאציע פון דרײַ כאָשעווע טוער. איינער פון זיי, א. וו. סמירנאָוו, א מיטגליד פון דער אָנפירונג פונעם „פארבאנד פון די סאָוועטישע געזעלשאפטן פאר פרײַנטשאפט מיט די פעלקער פון אויסלאנד", האָט דאָ געזאָגט צווישן אנדערס: „אונדזער רעגירונג און אונדזער פאָלק האָבן ניט קיין שום פײַנטלעכע באציִונג צו מעדינאס ייִסראָעל, טראָץ דעם, וואָס מיר זײַנען ניט מאסקים מיט אײַער פאָליטיק. די דיפלאָמאטישע פארבינדונגען וועלן זיך באנײַען און די פרײַנטשאפט־באציִונגען אין אלע געביטן וועלן זיך אנטוויקלען צווישן דעם ראטנפארבאנד און ייִסראָעל דעמלט, ווען עס וועלן באזײַטיקט ווערן די מעניִעס, וועלכע האָבן גורעם געווען צום איבעררײַסן די דאָזיקע באציִונגען צווישן ביידע לענדער". אין שײַן פון די לעצטע אנטוויקלונגען אינעם געביט פון צוזאמענגערעדטקײַט אין דער וועלט וויל איך אויך זאָגן, אז איך קוק ארויס אף אזא צונויפגערעדטקײַט, וועלכע וועט ברענגען נוץ ביידע צדאָדים.

הילעל זיידעל: צוליב אונדזער אומאָפהענגיקײַט

דער דעפוטאט הילעל זיידעל האָט צווישן אנדערס געזאָגט:

ס׳איז א פאקט, אז דער ראטנפארבאנד שטעלט מיט זיך פאָר א צענטראלן פאקטאָר אין מיטעלן מיזרעך. ער באטייליקט זיך אין דער זשענעווער קאָנפערענץ צוזאמען מיט אמעריקע און מיט די לענדער פון אונדזער ראיאָן. פארשטענדלעך, אז ווער עס האלט פונעם צוגאנג פון „א פאָלק וועט לעבן איזאָלירט" („עם לבדד ישכון"), קאָן אויך לעבן ניט באנײַענדיק די באציִונגען מיטן ראטנפארבאנד. ווער אָבער עס פארשטייט, אז לאנג פירן אונטערהאנדלונגען מיטן ראטנפארבאנד דורך פארמיטלער קאָן מען ניט, דארף אויך פארשטיין, אז ס׳איז געקומען די צײַט פאר א דיִאלאָג מיט פסםר.

מיר וועלן אויך נאָכן באנײַען די באציִונגען ניט מעוואטער זײַן אף פרינציפן און אף די צוגאנגן, וואָס יעדערער פון אונדז האָט. און ניט צופעליק זיצן דאָ, באם פרעזידיִום־טיש, פאָרשטייער פון פארשיידענע פארטייען.

די צוקונפט פון ייִסראָעל איז אָפהענגיק פון נאָרמאלע באציִונגען מיט אלע לענדער פון דער וועלט. עס איז ניטאָ קיין מער טרויעריקע לאגע, ווי זײַן אָפהענגיק אויסשליסלעך פון איין לאנד. איך האָף, אז די באנײַונג פון די באציִונגען מיטן ראטנפארבאנד וועט אונדז העלפן אויך צו אנטוויקלען גוטע באציִונגען מיט די שכײניִשע צו אונדז לענדער, און דאן וועלן מיר אופהערן צו זײַן א פאָלק, וואָס לעבט איזאָלירט.

אווראָם לעווענבראון: דער העכסטער אינטערעס פון ייִסראָעל

דער דעפוטאט א. לעווענבראון האָט געמאָלדן אין אָנהייב פון זײַן רעדע:

— דער צונויפקום פון קנעסעט־דעפוטאטן פון פארשיידענע גרופן ארום איין טיש צוליב א דיִאלאָג אף דער טעמע פון פארבעסערן די באציִונגען מיטן ראטנפארבאנד באווײַזט, אז אָט די פראגע באאומרויִקט די ייִסראָעלדיקע עפנטלעכקײַט. יעדער איינער איז פון זײַן שטאנדפונקט איבערצײַגט, אז די פארבעסערונג פון די באציִונגען מיט פסםר איז לעטויוועס ייִסראָעל און לעטויוועס דער קעגנזײַטיקער נוץ.

וויבאלד דאָס איז דער אויסגאנג־פונקט, ווילן מיר ניט דיסקוטירן הײַנט צווישן זיך וועגן דער שטעלונג פון יעדערן צו דער פראגע—יעדער איינער וועט אופקלערן זײַן שטעלונג. איך וועל דעריבער אין די ראמען פונעם דיאלאָג ארויסזאָגן מײַן מיינונג, פארוואָס עס איז אין דער פארבעסערונג פון די באציִונגען מיטן ראטנפארבאנד מער פארינטערעסירט מעדינאס ייִסראָעל.

דאָס איז צוליב צוויי סיבעס. די ערשטע — די פארינטערעסירטקײַט, אז וואָס גיכער זאָל דער־

גרייכט ווערן דער שאָלעם. דאָס פאָלק אין ייִסראָעל און די פעלקער אין די שכייִנעסדיקע אראבישע לענדער טרוימען וועגן דעם. די מילכאָמעס האָבן געבראכט בלויז צאָרעס און פּײַן, יעסוימים און אלמאָנעס. און איצט — נאָך דער אָקטיאבער־מילכאָמע, נאָכן פּײַער־אָפּשטעל אין העסקעם מיט דער רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַט־ראט נומער 338, נאָכן אונטערשרײַבן די צעשיידונג־אָפּמאכן — איז דאָ א רעאלער אויסזיכט אף א גערעכטן און דויערהאפטן פרידן אין אונדזער ראיאָן.

דער ראטנפאַרבאַנד האָט גענומען און נעמט ווײַטער אן אקטיוון אָנטייל אין די באַמיִונגען אײַנצושטעלן דעם שאָלעם. אויך אין דער בעשוטפעסדיקער דערקלערונג, וואָס איז פּובליקירט געוואָרן נאָך ניקסאָנס באַזוך אין מאָסקווע, איז געקומען בוילעט צום אויסדרוק די ראָליע פונעם ראטנפאַרבאַנד אין אָט די באַמיִונגען.

די אָנפירער פונעם ראטנפאַרבאַנד האָבן עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן, אז מיטן פּאָרשריט פון די שאָלעם־געשפּרעכן אין זשענעווע וועלן זיך שאפן באַדינגונגען פאַר באַנײַען די באַציִונגען מיט ייִסראָעל. די סאָוועטישע אָנפירער האָבן אויך בא פאַרשיידענע געלעגנהײַטן דערקלערט וועגן זייער שטיצע פאַר די רעכט פון עקזיסטענץ פון מעדינאַס ייִסראָעל. לעמאָשל, בײַס די שאָלעם־געשפּרעכן אין זשענעווע האָט א. גראָמיקאָ אין זײַן דערעפענונג־רעדע געזאָגט: „מע דאַרף פאַרזיכערן דאָס רעספּעקטירן און דאָס אָנערקענען די סוווערעניטעט און טעריטאָריעלע גאַנצקײַט, די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקײַט פון אלע לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך, זייערע רעכט צו לעבן אין באַדינגונגען פון שאָלעם. דאָס האָט א שײַכעס אויך צו ייִסראָעל. אונדזער שטעלונג איז א קלאָרע און פּרײַנטלעכע פון אָנהייב ביזן סאָף: שאָלעם און זיכערהײַט פאַר אלע לענדער פון אָט דעם ראיאָן. דאָס באַטײַט, פאַרשטייט זיך, אז ס׳וועט געזיכערט ווערן די גערעכטיקײַט אויך פאַרן פּאַלעסטינער אראבישן פאָלק. מע דאַרף פאַרזיכערן זײַנע געזעצלעכע רעכט”.

אָט וויִאזוי עס פלעכט זיך איבער דער קאַמף פאַר א גערעכטן שאָלעם מיטן שאפן באַדינגונגען פאַר פאַרבעסערן די באַציִונגען צווישן ייִסראָעל און פּסס״ר. ביידע פאַקטאָרן צוזאמען וועלן פעסטיקן די זיכערהײַט און די אנטוויקלונג פון אלע לענדער אין אונדזער ראיאָן.

ייִסראָעל דאַרף זײַן אין דעם באַזונדערס פאַראינטערעסירט, ווײַל נאָרמאלע פאַרבינדונגען צווישן ייִסראָעל און פּסס״ר וועלן באַפרײַען ייִסראָעל פון דער אויסשליסלעכער אָפּהענגיקײַט פון די פאַראייניקטע שטאטן און וועלן אים געבן א מעגלעכקײַט צו מאַנעווורירן פרײַ אויך אין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביטן. דאָס איז די צווייטע סיבע.

איך האַלט פאַר נייטיק אויסצודריקן מײַן אײַנשטימיקײַט מיט די ווערטער פונעם דעפּוטאַט הייִלעל זיידעל, אז עס איז ניטאָ קיין מער טרויעריקע לאַגע, ווי זײַן אויסשליסלעך אָפּהענגיק פון איין לאַנד.

איך וויל אויך זאָגן, אז קעדיי צו שאפן די פּאָסיקע באַדינגונגען פאַר פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן ראטנפאַרבאַנד, איז נייטיק קוידעמקאָל מאכן א סאָף מיט דער העצע קעגן דעם ראטנפאַרבאַנד, פון וועלכער זײַט זי זאָל ניט קומען. ווער עס וויל אויסבעסערן די באַציִונגען מיט אן אנדער מעדינע, קאָן ניט פאַרזעצן צו העצן קעגן איר. צווייטנס, דאַרף מען טאָן אלץ, קעדיי וואָס גיכער באַנײַען די שאָלעם־געשפּרעכן אין זשענעווע.

אונדזער הײַנטיקע פאַרזאמלונג איז א פּאָזיטיווע דערשײַנונג. טראָץ די פאַרשיידענע שטעלונגען און פאַרשיידענע פּאָליטישע אָנשויונגען, זעען מיר, אז ס׳איז מעגלעך ארום א באַשטימטן, קאָנקרעטן פונקט צו פאַראייניקן פאַרשיידענע פּאַרטייען, שטרעמונגען, קערפּערשאפטן. איך בין איבערצײַגט, אז עס זײַנען פאַראַן נאָך אנדערע געזעלשאפטלעכע קרייזן, אחוץ די, וואָס האָבן זיך פאַרזאמלט הײַנט ארום אָט דעם טיש, וועלכע זײַנען בא דער זעלבער מיינונג. דעריבער האַלט איך, אז מע דאַרף אויסברייטערן די ראַם פון אונדזער טעטיקײַט אף צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן ראטנפאַרבאַנד.

שאָלעם לעווין: ניטאָ קיין קעגנזעצלעכע אינטערעסן צווישן ייִסראָעל און דעם ראטנפאַרבאַנד

דער דעפּוטאַט שאָלעם לעווין איז געווען דער איינציקער פון די רעדנער, וועלכער האָט זיך אָפּגעווענדט פון דער דעקלארירטער טעמע פון דער פאַרזאמלונג און האָט די גרעסטע טייל פון זײַן ארויסטרעטונג געווידמעט די טײַנעס און פּרעטענזיעס אפן אדרעס פון דער סאָוועטישער רעגירונג.

ש. לעווין האָט אָבער באַגלײַך מיט דעם דערקלערט אין זײַן רעדע, אז ייִסראָעל איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַראינטערעסירט אין באַציִונגען מיטן ראטנפאַרבאַנד, וואָס איז איינע פון די גרויסמאכטן אף דער וועלט, און „ס׳איז ניטאָ קיין שום היסטאָרישער און גרינטלעכער קעגנזאץ צווישן אונדז און דעם קויעך, וואָס בויט דעם ראטנפאַרבאַנד”.

אווראָם מעלאמעד: וויכטיק פאַרן שאָלעם, וויכטיק פאַר ייִסראָעל

דער דעפּוטאַט אווראָם מעלאמעד האָט אונטערגעשטראָכן די באַדײַטונג פון דעם סימפּאָזיִום.

די עצעם ווערטער, וואָס זײַנען דאָ ארויסגעזאָגט געוואָרן, דער ברייטער פאַרנעם פון שטרעמונגען און מיינונגען, — האָט ער אונטערגעשטראָכן, — באַווײַזן די וויכטיקײַט פון דער זאַך.

מײַנע קאָלעגן, — האָט ער דערנאָך דערקלערט, — האָבן דאָ גערעדט וועגן דער אָפּהענגיקײַט פון ייִסראָעל פון די פאַראייניקטע שטאטן. א סאך האָבן הײַנט געלייענט — און איך וויל האָפן, אז דאָס איז געווען א מין אומגעלונגענער וויץ, — אז דער אינפאָרמאציע־מיניסטער פון דער מעדינע א. יאריוו האָט געזאָגט, אז ייִסראָעל האָט בלויז איין מאָשיִעך — די פאַראייניקטע שטאטן. איך ווייס ניט, צי

עמעצער האָט רעכט צו רעדן אין מאָשיִעכס נאָמען. איך קלער, אַז עפשער האָט דער אינפאָרמאַציע־מיניסטער גערעדט אין נאָמען פון מאָשיִעכס אייזל...

בייסן באַזוך אין דער מעדינע פונעם אַמעריקאַנער פינאַנץ־מיניסטער האָט מען געטײַנעט: ס׳איז געקומען אונדזער פינאַנץ־מיניסטער... אָט איז די אָפּהענגיקײַט! אָט איז די ניט־טאָלערירבאַרע אָפּהענגיקײַט! די דאָזיקע ניט דערלאָזבאַרע אָפּהענגיקײַט איז גוירעס, כ׳וואָלט געזאָגט, אויך אַ גײַסטיקע אָפּהענגיקײַט, וואָס פירט אין לעצטן כעזשבן צו אַן אײַנגלידערונג אין דער דעקאַדענטישער מײַרעוודיקער קולטור. איך, פון ייִדיש־רעליגיִעזן שטאַנדפּונקט, קאָן דאָס ניט פאַרטראָגן.

מע האָט דאָ אַ סאַך גערעדט וועגן דעם פּאָסעק „עם לבדד ישכון”. פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט איז דאָס אַ גרויסע קלאָלע. מיר דאַרפן זיך פון אָט דער קלאָלע באַפרײַען. עס זײַנען געווען אַזעלכע, צום באַדויערן, ייִסראָעל־פּאָליטיקער, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן געווינען פון דער קאַלטער מילכאָמע. פון דער קאַלטער מילכאָמע האָט נאָך קיינער ניט געוווּנען. קיין שום מעדינע איז נאָך פון דעם ניט אויפגעריכט געוואָרן. פּונקט ווי קיין שום מעדינע און קיין שום פאַקטאָר איז ניט אויפגעריכט געוואָרן פון אַ הייסער מילכאָמע. אָבער די פעלקער פון דער וועלט זײַנען שוין, גאָט צו דאַנקען, געקומען צום באַוווּסטזײַן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גרעסערע סאַקאָנע, ווי די קאַלטע מילכאָמע, און ס׳האָט זיך באַוויזן די אָנטשפּאַנונג. אויף דעם דאָזיקן באָדן זײַנען אויפגעקומען די געשפּרעכן, די צעשיידונגס־אָפּמאַכן. עס מערקט זיך אַ באַשטימטער פאָרשריט אין דער ריכטונג פון אַ געוויסער רעגולירונג, פון אַ געוויסער נאָרמאַליזאַציע. ס׳איז ניט אָנעמבאַר, אַז ווען עס גייט צו נאָרמאַליזירונג זאָלן די באַציִונגען צווישן אונדז און דעם ראַטנפאַרבאַנד, אָט דעם גרויסן לאַנד, בלײַבן פאַרקריפּלטע, ווי ביז הײַנט. אויך דאָס לאַנד, פון וועלכן מיר זײַנען אָפּהענגיק, די פאַרייניקטע שטאַטן, אָנערקענט שוין די פּאָזיציע פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין אונדזער ראַיאָן, זײַן פּאָזיציע אויף דער זשענעווער קאָנפערענץ. דאַרפן מיר דאָך זיכער זיך רעכענען מיט דעם.

איך האָף, אַז די איניציִאַטיוו פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט וועט צוגרייטן דעם באָדן אויך פאַר דער איניציִאַטיוו פון די רעגירונגען. דאָס איז זייער וויכטיק פאַר אונדז. דאָס איז אַ לעבנס־זאַך. מיט איר שטייען מיר אויף, און אָן איר פאַלן מיר, כאָלילע. דאַכט זיך, אַז דאָס דאַרף זײַן פאַר יעדן קלאָר, און אויב עמעצער פאַרמאַכט נאָך אויף דעם די אויגן, האָף איך, אַז ער וועט ניט דאַרפן האָבן נאָך אַ ניסאָיען, קעדיי אין דעם זיך איבערצײַגן.

מ ײ ע ר פ ע י ל: נוצלעך פאַר דער אומאָפּהענגיקײַט פון ייִסראָעל

דער דעפּוטאַט מייער פעיל האָט דִי גרעסטע טייל פון זײַן רעדע געווידמעט דער טײַנע, לויט וועלכער די אידעאָלאָגישע אונטערשיידן שטערן דער פאַרבעסערונג פון די באַציִונגען צווישן ייִסראָעל און דעם ראַטנפאַרבאַנד.

צוזאַמען דערמיט האָט אָבער מ. פעיל באַטאָנט, אַז ייִסראָעל — אַ קליין לאַנד, וואָס וויל אָפּהיטן איר זעלבשטענדיקײַט און ניט זײַן אָפּהענגיק פון איין צאַד, — דאַרף האָבן קאָנקרעטע און אָנשטענדיקע באַציונגען מיט אַזאַ גרויסמאַכט, ווי דער ראַטנפאַרבאַנד. דעריבער דאַרף מען דערקלערן דעם פאָלק, אַז די באַנײַונג פון די באַציִונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד זײַנען פאַר ייִסראָעל „קעדײַ און נוצלעך”.

ער האָט צוגעגעבן, אַז יעדער געשפּרעך צווישן ייִסראָעל און דעם ראַטנפאַרבאַנד דאַרף זיך פירן דירעקט און ניט דורך דער פאַרמיטלונג פונעם אַמעריקאַנער סענאַט, און אוואַדע ניט דורך קאַהאַנעס ליגע...

י. ר י פּ ט י ן: דער קאַמף קעגן דער קאַלטער מילכאָמע איז אין די אינטערעסן פון ייִסראָעל

דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג יאַנקעוו ריפּטין, וועלכער האָט זי אויך געשלאָסן, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זײַן רעדע אויף דער וויכטיקײַט פונעם קאַמף קעגן דער קאַלטער מילכאָמע פונעם שטאַנדפּונקט פון ייִסראָעל. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער ציל, צוליב וועלכן עס איז צונויפגערופן געוואָרן די פאַרזאַמלונג — די נאָרמאַליזירונג פון די ייִסראָעל־סאָוועטישע באַציִונגען — איז פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר שאָלעם אויפן נאָענטן מיזרעך, ווי אויך מיט דער רויִקײַט אויף דער גאַנצער וועלט.

עס רעדט זיך וועגן אָן אָנשטרענגונג צו אויסמײַדן אַ נײַע וועלט־מילכאָמע, — האָט ער געזאָגט, — און צי קאָנען מיר בלײַבן גלײַכגילטיק, ווען די גרענעץ צווישן די אינטערעסן פון די גרויסמאַכטן גייט דורך מאַמעש לעבן אונדז?

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז ניט צופעליק דאָס, וואָס מיר געפינען זיך דאָ, אויף אָט דער פאַרזאַמלונג, אין אַזאַ ברייטער פאָרשטייערשאַפט. איך האָף, אַז אונדזערע ווערטער וועלן געפינען אָן אָפּקלאַנג אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס איז זייער וויכטיק. אָבער מיר דאַרפן קוידעמקאָל באַווירקן זיך אַליין. ס׳איז זייער וויכטיק, אַז דאָ זאָל דערגרייכט ווערן אַ לאָגישער און קאָנסטרוקטיווער אָפּרוף אין אָט דער ריכטונג.

„זו האדערעך” (טעל־אוויוו)

די פּאָטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1974

שײלעס און טשוועס

„מאָסקווע, קיראָוו־גאַס, 17...”. ס׳איז ניטאָ דער טאָג, ווען די פּאָטשט זאָל ניט ברענגען אַ פּעקל בריוו פון אונדזערע לייענער. נאָך מער: מיר זײַנען שוין צוגעוווינט, אַז קומענדיק קיין מאָסקווע צוליב אַ פּערזענלעכן אָדער געזעלשאַפטלעכן איניען, לאָזט ניט דורך דער לייענער די געלעגנהייט אַרײַנצוגיין אין רעדאַקציע — זען מיט די אייגענע אויגן, ווי׳אַזוי עס ווערט געגרייט דער אָרדנטלעכער נומער פונעם זשורנאַל, פּאָשעט זיך דורכשמועסן מיט די מיטאַרבעטער, אַרויסזאָגן זײַן מיינונג וועגן ווערק, וואָס זײַנען אים געפעלן אָדער צו וועלכע ער האָט טײַנעס.

און דאָס איז אַ דערפרייענדיקע דערשײַנונג, אַ באַווײַז, אַז דער לייענער איז ניט גלײַכגילטיק צו דעם, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד” דרוקט.

הײַנטיקן זומער האָט זיך פאַרגרעסערט אויך די צאָל אויסלענדישע באַזוכער — לייענער און פרײַנט פונעם זשורנאַל. אייניקע לאָזן אַפילע דורך אַן עקסקורסיע, וועלכע עס שליסט אײַן די טוריסטישע פּראָגראַם, אַבי זיך דורכשמועסן מיט די שעפער פונעם זשורנאַל אָדער באַקומען אַן ענטפער אַף זײַנע פראַגעס.

ווערנער גיונצעראָדט פון לײַפּציק, אַ דײַטש לויט דער נאַציאָנאַליטעט, וואָס פאַרנעמט זיך שוין לאַנגע יאָרן מיט דערלערנען די ייִדישע ליטעראַטור, איז אַרײַנגעקומען אין רעדאַקציע מיט זײַן גאַנצער מישפּאָכע, וועלכע ער האָט געבראַכט זיך צו באַקענען מיט מאָסקווע. גיונצעראָדט זעצט איבער אין דײַטש די ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און האָט לעצטנס באַקומען אַ באַשטעלונג פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק אָנצושרײַבן פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע ביאָ־ביבליאָגראַפישע אַרטיקלען וועגן אַ ריי סאָוועטישע ייִדישע שריפטשטעלער. וועגן דער מערהײַט שרײַבער האָט ער שוין אָנגעזאַמלט מאַטעריאַל, וועגן אַנדערע פעלן אים אויסיעדיעס, בעט ער, די רעדאַקציע זאָל אים העלפן אין אָט דעם וויכטיקן איניען.

— איר ווייסט, — זאָגט ער, — אַלץ, וואָס דער זשורנאַל דרוקט, לייען איך מיטן גרעסטן אינטערעס. ווען דער קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ איז מיט אַ צײַט צוריק געווען בא מיר צוגאַסט אין דער היים, אַף דער מאַקס־ליבערמאַן־גאַס, 33, האָט ער זיך פאַרכידעשט, דערזעענדיק אין מײַן ביבליאָטעק דעם פולן קאָמפּלעקט „סאָוועטיש היימלאַנד” פונעם ערשטן נומער ביז הײַנטיקן טאָג...

און אָט איז אַ גרוס פון פראַנקרײַך. צוויי יוגנטלעכע — אַ מיידל און אַ ייִנגל — פון פּאַריזש זײַנען געקומען קיין מאָסקווע אַף כוידעשלעכע קורסן פון פאַרפולקומען די רוסישע שפּראַך, וועלכע דער מאָסקווער אוניווערסיטעט האָט אָרגאַניזירט ספּעציעל פאַר אויסלענדער. איז ווי זשע כאַפּט מען זיך ניט אַרײַן אַף קיראָוו־גאַס, 17? דאָס מיידל פאַרשטייט ניט שלעכט ייִדיש. איר מאַמע לייענט איר אָפט פאַר עפּעס־וואָס פון „סאָוועטיש היימלאַנד”. די פּאַריזשער געסט האָבן געבראַכט אַ גרוס פון די מיטאַרבעטער פון דער „נײַער פּרעסע”. זיי אינטערעסירן זיך מיטן ייִדישן קולטור־לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עכט צופרידענע, געזעגענען זיי זיך. זיי באַקומען אַ מאַטאָנע: דעם ערשטן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד” פאַרן 1974, אין וועלכן ס׳איז פאַרעפנטלעכט די אַרײַנפיר־לעקציע פון ע. פאַלקאָוויטשעס „שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך” מיטן אַלעפבייס, און אַ פרישן נומער פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן”.

יאַנקעוו עלדמאַן פון ניו־יאָרק איז אַרײַנגעקומען אין רעדאַקציע צוזאַמען מיט זײַנעם אַ לאַנדסמאַן (ביידע האָבן זיי אין באַשטאַנד פון אַ גרופּע אַמעריקאַנער טוריסטן געמאַכט אַ רײַזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד). נאָך אין דער היים האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו אונדז.

„טײַערע כאַוויירים פון „סאָוועטיש היימלאַנד”, — שרײַבט ער. — אַלס לאַנגיאָריקער לייענער פון אײַער זשורנאַל — דעם בעסטן ייִדישן זשורנאַל אין דער וועלט — וויל איך אײַך באַגריסן און אויסדריקן מײַן דאַנק דער רעדאַקציע פאַר די ווערק, וואָס איר דרוקט. עס געפעלט מיר, לעמאָשל, נאַטאַן זאַבאַרעס היסטאָרישער ראָמאַן. דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך אַ ביסל געצווייפלט, צי וועט דער הײַנטיקער אויפלעם אים ווי געהעריק אופנעמען — עלטערע לייענער זײַנען דאָך געבליבן זייער ווייניק. אָבער מײַן צווייפלען איז געווען אומזיסט: מיט וועמען איך האָב גערעדט, האָבן אַלע אויסגעדריקט באַגײַסטערונג”...

און נאָך אַ ווערק מערקט אָפּ יאַנקעוו עלדמאַן — אוראַן גוראַלניקס זיכרוינעס „נעכטן, הײַנט, מאָרגן”.

„די רעדאַקציע האָט גוט געטאָן, — שרײַבט ער, — וואָס זי האָט צוגעצויגן צו דער מישפּאָכע שרײַבער אַזאַ געלערנטן מענטשן, וועלכער האָט וועגן וואָס צו דערציילן. די סאָוועטנמאַכט און דאָס פאָלק האָבן אים געגעבן וויסן, און אַצינד דינט ער ערלעך דעם פאָלק און דער סאָוועטנמאַכט — ניט ווי די אַנטלויפערס, וועלכע האָבן פאַראַטן זייער היימלאַנד”.

אַנטלויפערס און פאַררעטער... אין אונדזער פּאָטשט ווערט וועגן זיי דערמאָנט גאַנץ אָפט. „סאָוועטיש היימלאַנד” האָט שוין ניט איין מאָל געשריבן וועגן דעם דאָזיקן איניען. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווילט זיך דערמאָנען נאָך וועגן איינעם אַ באַזוכער.

נאטאן האלפערין פון בערקעלעי, קאליפאָרניע, איז, ווי דער אויבנדערמאָנטער יאנקעוו עלדמאן פון ניו־יאָרק, אונדזערער א לאנגיאָריקער לייענער. דעם 6־טן נומער פונעם זשורנאל פארן 1974 האָט ער באקומען מיט עטלעכע טעג פאר זײַן טוריסטישער רײַזע איבערן סאָוועטנפארבאנד. ער וואָלט גערן גענומען דעם זשורנאל מיט זיך אין וועג, נאָר דאָס וואָלט געווען אן אוולע בענעגייע זײַן פרוי, וועלכע קוקט שטענדיק מיט אומגעדולד ארויס אף א פרישן נומער. און אזויווי זי איז קראנק געוואָרן און ניט געקאָנט פאָרן מיטן מאן, האָט ער געמוזט איר איבערלאָזן דעם זשורנאל.

איצט איז ער ארײַנגעגאנגען אין אונדזער רעדאקציע מיט א באקאָשע, מע זאָל אים העלפן קריגן דעם נומער 10 פון „סאָוועטיש היימלאנד״ פארן פאָריקן יאָר — ערגעץ איז אָט דער נומער פארפאלן געוואָרן, און אונדזער באזוכער קאָן ניט שאָלעם מאכן מיט אזא פארלוסט.

מיר האָבן, געוויינלעך, באפרידיקט זײַן באקאָשע — ניט נאָר געפונען פאר אים דעם פארפאלענעם נומער, נאָר אויך געשענקט דעם נומ. 6, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן לייענען נאָך אין דער היים, און דעם נומ. 7 פאר הײַנטיקס יאָר, וועלכן מע האָט נאָרוואָס געבראכט פון דער דרוקערײַ.

אָבער, ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, האָבן ניט נאָר די פארפאלן געוואָרענע נומערן פונעם זשורנאל באאומרויִקט אונדזער לייענער. נאטאן האלפערין האָט אגמעסנעפעש, וואָס איבערלויפער האָבן געוואָרפן זייער סאָוועטיש היימלאנד. ער גלייבט זיי ניט, ווען פארזוכנדיק, וואָס אזוינס עס איז די בורזשואזע „דעמאָקראטיע״, שלאָגן זיי זיך אלכעט.

— איר פארשטייט, — זאָגט ער, — מיך ארט ניט אזוי דער גוירל פון די עלטערע מענטשן, די טאטעס און מאמעס, ווי פון זייערע אומגליקלעכע קינדער. ווען איך וואָלט אליין מיט מײַנע אויערן ניט געהערט, ווי אין ניו־יאָרק קלאָגן זיך קליינע קינדערלעך, בעטן זיך בא די עלטערן: „מאמא, יא כאָטשו דאָמאָי, וו קיִעוו!״ — וואָלט איך עפשער אויך געמיינט, אז דאָס, וואָס מע שרײַבט אין די צײַטונגען וועגן דעם גוירל פון די אוועקגעפאָרענע, איז איבערגעטריבן...

נאטאן האלפערין איז א פראָסטער פאָלקס־מענטש, א האָרעפאשניק, וועלכער האָט קוים מיט צאָרעס דאָרטן, אף יענער זײַט אָקעאן, צוערשט אין ארגענטינע, דערנאָך אין קאליפאָרניע, אויפגעצויגן זײַנע קינדער. זוכט ער א מיטל וויאזוי צו העלפן די אומגליקלעכע:

— האָב איך א פאָרשלאָג. זאָל פון דער מישפאָכע, וואָס טראכט ארויספאָרן קיין יִסראָעל, געשיקט ווערן אהין צוערשט כאָטש אף איין כוידעש א פאָרשטייער. און זאָל ער פאָרן ניט ווי א טוריסט, נאָר ווי אן עמעסער עמיגראנט. און זאָל ער זיך גוט ארומקוקן. איך גלייב, אז נאָך דעם וועלן א סאך מענטשן אָפגעהיט ווערן פון די צאָרעס און וועלן פארשפאָרן זיך בעטן צוריק אהיים...

מע קאָן, פארשטייט זיך, פארשטיין דעם וויטעק, וואָס עס טראָגט אין הארצן אונדזער קאליפאָרניער לייענער. א וויטעק פאר די, וואָס האָבן זיך געלאָזט פארפירן פון דער ציִעניסטישער פראָפאגאנדע און זיי פארגיסן איצט טרערן איבער זייער ביטערן גוירל. אָבער די זאך איז ניט אזוי פאָשעט, ווי ער מיינט.

יעדער מענטש האָט זיך זײַן היימלאנד. און דאָס היימלאנד איז בא אים אן איין־און־איינציקס. אויסער די רעכט, וואָס דאָס היימלאנד גיט זײַנע בירגער, מוזן אויך די בירגער האָבן די געהעריקע פליכטן בענעגייע אים. די סאָוועטישע יִדן האָבן ניט איין מאָל דערוויזן, אז זיי זײַנען עכטע פאטריאָטן פון זייער לאנד. בײַשפילן קאָן מען ברענגען וויפל איר ווילט. אין דער סאָציאליסטישער בויונג, אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן די סאָוועטישע יִדן, באנאנד מיט אנדערע פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, געטאָן אלץ, וואָס עס פאָדערט זיך פון סאָוועטישע בירגער.

און דאָס היימלאנד איז ניט געבליבן קיין באלכויוו בענעגייע זיי. די סאָוועטישע יִדן געניסן פון אלע רעכט, וואָס די קאָנסטיטוציע פון פססר גיט דעם בירגער, אומאָפהענגיק פון זײַן נאציאָנאלן אָפשטאם.

וואָס זשע לייגט איר פאָר, פרײַנט האלפערין? ס׳וואָלט דאָך געווען אף לײַטיש געלעכטער, ווען מע וואָלט אײַנגעגאנגען אף אײַער פאָרשלאָג. וואָס זשע, ס׳איז אן אָנצוג, צי א פאָר שיך, וועלכע מע קאָן בײַטן, ווען עס פארגלוסט זיך? ס׳הייסט, פאָר זיך דורך און כאפ א קוק, צי עס לוינט דאָס געשעפט... ניין, מיט אזא הייליקײַט, ווי היימלאנד, האנדלט מען ניט!

אָט אזוי האָבן מיר געענטפערט אונדזער כאָשעווון גאסט.

אגעוו, מיר באקומען ניט ווייניק בריוו וועגן דעם דאָזיקן איניען פון לייענער, וועלכע לעבן אין די פארשיידנסטע ערטער פון אונדזער לאנד. אָט וואָס, אשטייגער, עס שרײַבט מ. ראַרקאַש פון דער שטאָט קיאכטא, בוריאטישע אססר:

„דאָס, וואָס די ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס פון גאָר דער וועלט פירן א פארביסענע העצע קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד, איז שוין ניט קיין נײַס. מיך כידעשט אָבער, וואָס ביז איצט געפינען זיך מענטשן, וועלכע פאלן ארײַן אין זייער נעץ.

באזונדערס פארדריסט אף יענע, וועלכע פארלאָזן אונדזער לאנד און פאָרן ארויס קיין יִסראָעל. מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך טרעפן מיט אויסלענדער, וועלכע האָבן באזוכט די מעדינע, און כ׳האָב זיך אָנגעהערט וועגן דעם, וואָס פארא „גליקן״ עס דערווארטן דאָרט די „אוילים״ פונעם סאָוועטנפארבאנד״.

דער לייענער א. בראנד פון בערדיטשעוו בעט פארעפנטלעכן אין „סאָוועטיש היימלאנד״ אויסצוגן פון א כאראָטע־בריוו, וועלכן ס׳האָט צוגעשיקט א געוועזענע בערדיטשעווער אײַנוווינערן פאניע פאָרטנאיא צו איר שוועסטער כאנע:

„...איסאק ארבעט אלס שלאָסער, און איך — בא א באלעבאָס אין סאָד. און וואָס פארא יעסורים קומט אונדז אויס צו לײַדן! פרויען אין עלטער פון פופציק יאָר נעמט מען שוין ניט אף ארבעט, און אויב מע נעמט, צאָלט מען זיי בלויז א העלפט פון דעם, וואָס עס באקומען די מאנצבלען, כאָטש זיי פילן אויס די זעלבע נאָרמעס. הײַנט די היצן. — בא פערציק גראדוס, ארום און ארום — זאמד און שטיינער. איך דערמאָן זיך אין דײַן געמיטלעך הויפעלע

מיטן סעדל. אין קיִעוו האָבן מיר געהאט א דרײַצימערדיקע דירע, און ווען אפילע כ׳וואָלט געשלאָפן אין א שטאל, וואָלט איך געהאט דאָס פארגעניגן צו פילן דעם מעכטײַעדיקן דופט פון בלומען און פון דער לײַבלעכער ערד, אף וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן... און דאָ איז מיר פרעמד אלץ, וואָס רינגלט מיך ארום. אין מײַן אומגליק זײַנען שולדיק מײַנע עלטערן — זיי האָבן אָפּגעסאמט מײַן לעבן און דאָס לעבן פון מײַנע קינדער”.

א. בראנד ברענגט אויך אן אויסצוג פון א בריוו, וואָס עס האָט צוגעשיקט דער געוועזענער לענינגראדער ציין־טעכניקער יויסעף גאָלדשטיין צו זײַנע קרויווים אין בערדיטשעוו. „... ווי קאָן איך זײַן צופרידן, — שרײַבט גאָלדשטיין, — ווען אלץ איז דאָ פונקט דער היפּעך צו דעם לעבן אין סאָוועטנפארבאנד? צווישן די היגע אײַנוווינער איז קיין פרײַנטשאפט ניטאָ. אלע זײַנען עגאָיִסטן. צו די ייִדן־אימיגראנטן באציט מען זיך מיט ביטל, באזונדערס צו די אימיגראנטן פון פססר. באהיט אײַך גאָט פונעם געדאנק וועגן ארויספאָרן אהער”.

בען אכים פון קאליפאָרניע איז געקומען קיין מאָסקווע דאָס ערשטע מאָל אין לעבן און האָט בייס זײַן באזוך אין רעדאקציע מיט באגײַסטערונג דערציילט, וואָס פאר א שטארקן אײַנדרוק עס האָט אף אים געמאכט די הויפּטשטאָט פונעם סאָוועטנפארבאנד. אין מעשעך פון א סאך יאָרן פארפאסט ער מוזיק אף די טעקסטן פון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, וועלכע ער קלײַבט אָפּ פון „סאָוועטיש היימלאנד”. אינעם בריוו, וועלכן ער האָט צוגעשיקט אין רעדאקציע, פאָרנדיק שוין אהיים, שרײַבט בען אכים: „איך האָב דערפילט, אז מאָסקווע איז דאָס נײַע הארץ פון דער וועלט. איך בין גליקלעך, וואָס כ׳האָב געקאָנט מאכן אזא רײַזע...”

אין דער פארשיידנארטיקער פאָטשט געפינען מיר פיל בריוו, אין וועלכע די לייענער בעטן מיטיילן, וועלכע ווערק פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער ווערן פארעפנטלעכט אין א בוך־פאָרם אין די פארלאגן.

דאָקטאָר ק. וו. שטאָל וווינט אין דער שטאָט מאגדעבורג (דײַטשישע דעמאָקראטישע רעפובליק). ער האָט זיך געווענדט צום פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל”, מע זאָל אים העלפן אײַנשאפן ביכער פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. דער פארלאג האָט אויסגעפילט זײַן באקאָשע און צוגעשיקט אים די זאמלונג „דערציילונגען פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער”, וועלכע איז דערשינען אין 1969.

ווי באוווּסט, איז אין דער דאָזיקער זאמלונג פאָרגעשטעלט די מערהײַט סאָוועטישע ייִדישע פּראָזאיִקער, אָנגעהויבן פון די גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור און פארענדיקט מיט אונדזער נאָכמילכאָמעדיקן ליטערארישן צוווּקס. באדאנקט דעם פארלאג פארן „פּרעכטיקן בוך”, בעט דאָקטאָר שטאָל אים מיטיילן, צי קאָן מען די ווערק, וועלכע זײַנען פאָרגעשטעלט אין דער זאמלונג, געפינען אויך אין דער רוסישער איבערזעצונג.

ווײַזט אויס, אז אזא פארלאנג האָבן אויך אנדערע ליבהאָבער פון דער קינסטלערישער ליטעראטור אין אויסלאנד. אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד” זיך געווענדט אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל” מיט א ביטע מיטיילן, וועלכע ווערק פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער זײַנען לעצטנס דערשינען אין דער רוסישער שפראך.

אָט וואָס מע האָט אונדז מיטגעטיילט:

נאָך איידער ס׳איז דערשינען די זאמלונג „דערציילונגען פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער”, זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן אף רוסיש קימאט אלע מעכאברים, וועלכע זײַנען אין איר פאָרגעשטעלט. די רוסישע לייענער, ווי אויך לייענער פון אלע אנדערע פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, וועלכע באהערשן די רוסישע שפראך, האָבן באקומען א מעגלעכקײַט זיך צו באקאנען מיט די ווערק פון דאָוויד בערגעלסאָן, שמועל גאָדינער, מוישע קולבאק, נאָטע לוריע, מוישע גאָלדשטיין, יויסעף ראבין, הירש דאָבין, שמועל גאָרדאָן, פּײַוול סיטאָ, מוישע אלטמאן, אירמע דרוקער, נויעך לוריע, בוזי מילער, הערשל פּאָליאנקער, יעכיִעל פאליקמאן, נאטאן זאבארע, אווראָם קאהאן, טעוויע גען, יעכיִעל שרײַבמאן, שירע גאָרשמאן, עליע קאהאן, כאיִם מעלאמוד, מישע לעוו, שמועל פערסאָוו און אנד., וועלכע זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליארן אף רוסיש.

מיר האָבן דאָ אָנגערופן בלויז א טייל ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע פּראָזאיִקער. באנאנד מיט זיי זײַנען דערשינען די ווערק פון א גרויסער צאָל ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. אָנהייבנדיק פונעם 1956 און ביזן 1969 (דה. ביז דעם יאָר, ווען ס׳איז ארויסגעגעבן געוואָרן די זאמלונג „דערציילונגען פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער”) זײַנען דערשינען 99 ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, איבערגעזעצט אף רוסיש.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט דער רוסישער לייענער באקומען א מעגלעכקײַט זיך צו באקאנען מיט די ווערק פון די ייִדישע פּראָזאיִקער א. גובניצקי („דער קויעך פון ליבע”), מ. דעכטיאר („צימבאלעס”), כ. מעלאמוד („יונגע יאָרן”), נאָטע לוריע („דער סטעפּ רופט”), א. קאהאן („דאָס לעבן דויערט”), ע. גאָרדאָן („נעכטן און הײַנט”), ש. גאָרדאָן („אהיים”) און אנד. אין דער זעלבער צײַט זײַנען דערשינען אף רוסיש די לידער־זאמלונגען פון פּ. מארקיש, י. קאָטליאר, אי. באָרוכאָוויטש, מ. כאשטשעוואצקי, א. ווערגעליס, מ. טאלאלאיעווסקי, מ. שטורמאן, ר. באליאסנע, ד. בראָמבערג, א. גאָנטאר.

דאָ ניט לאנג זײַנען אין דער רוסישער שפראך ארויסגעגעבן געוואָרן די ווערק פון ט. גען, ב. מילער. ביזן סאָף יאָר וועלן נאָך דערשײַנען אין רוסיש ביכער פון י. פאליקמאן, כ. מעלאמוד, ה. קאמענעצקי, ה. רעלעס און אנד.

פאר די לעצטע יאָרן האָט דער רוסישער לייענער באקומען אויך א ריי ביכער וועגן דער ייִדישער ליטעראטור, צווישן זיי — י. דאָברושינס „ליטעראטור־קריטישע ארטיקלען”, י. סערעבריאניס „מיטצײַטלער און קלאסיקער”. אינגיכן וועט דערשײַנען ה. רעמעניקס בוך „עטיודן און פאָרטרעטן”.

■ ■ ■

קינסטלער
נאָכעם אלפּערט

פּאָרטרעט פונעם שרײַבער בער
האלפערן

א ראיאָן פון אלט־ווילנע באם טײַך ווילי׳א

דער אלטער שלײַפער

מאָן־בלומען

ווינטער אין דער ראַנד־שטאָט

פאָרטרעט פון דעם קינסטלערס פאָטער

וױלנער גאסן (פון דער סעריע „פארמילכאָמעדיקע װילנע”)

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

סקאָצל קומט — א נײַע „אלוועלטלעכע"...

וו ידער טומלט זיך אין די ציוניסטישע הינטער־קוליסן ארום א שפּאָגל־נײַער „אלוועלטלעכער" קאָנפערענץ, וועלכע ווערט אונטערגעטראָגן ווי א „צוזאמענטרעף פון ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער פון ייִסראָעל און פון די טפוצעס". פון מאָל צו מאָל באווײַזט זיך אף דער עפנטלעכער ארענע דער אָדער יענער וואָרט־עקוויליבריסט און נעמט אײַנריידן דעם אוילעם, אז פונקט יול־אווגוסט פונעם קומענדיקן 1975 יאָר איז די פּאסיקע צײַט, מע זאָל פון אלע „גאָלעס"־לענדער זיך צונויפקומען אין יערושאָלאיִם...

נאָך איידער מיר וועלן, פון אונדזער זײַט, מאכן א פּאָר באמערקונגען וועגן דעם טאָך פונעם איניען, איז קעדײַ צו אָנעמען די „שמועע" (דעם קלאנג, די יעדיִע), וואָס עס ברענגט אין דער ייִסראָעל־צײַטונג „לעצטע נײַעס" איר שעף־רעדאקטאָר מאָרדכע צאנין: „דער פּראָעקט וועגן אזא קאָנפערענץ איז אופגעקומען נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע, ווען די טוריסטיק אין לאנד איז שטארק געפאלן און דאָס מיניסטעריום פאר טוריסטיק האָט אָנגעהויבן א קאמפּאניע צו אָרגאניזירן אין ייִסראָעל א גאנצע ריי ייִדישע וועלט־קאָנפערענצן. אזעלכע קאָנפערענצן זײַנען טאקע פאָרגעקומען און וועלן ווײַטער פאָרקומען, און דאָס איז פאר זיך אליין א וויכטיקער מאָטיוו — ייִדן זאָלן שטארקן די טוריסטיק..."

קאָן מען, לעכאָלאפּאָכעס, אָפּשטעקן א מאזלטאָוו די שעפער פון ייִדישער ליטעראטור און קולטור, וואָס דער ציִעניזם קלײַבט זיך צוטיילן זיי די ראָל פון רעקלאמע־גערלס באם ייִסראָעלדיקן טוריסטיק־דעפּארטאמענט.

און צוזאמען דערמיט שווימען אוף נאָך אייניקע פּראָטים פון דער אונטערנעמונג. דער הער רעדאקטאָר צאנין איז בעפּיירעש גערעכט, ווען ער זאָגט ארויס דעם ביז גאָר טיפן געדאנק, אז „א וועלט־קאָנפערענץ פון דער ייִדישער שפּראך און קולטור איז ניט דאָס זעלבע, וואָס א וועלט־קאָנפערענץ פון ייִדישע אקושערן, צי ראבאָנים, צי אסקאָנים, אָדער פילאטעליסטן..." ווילנדיק ניט ווילנדיק פארבינדן מיר דעם דאָזיקן געדאנק מיטן קעפּל איבער דעם מאטעריאל אין די „לעצטע נײַעס", וווּ מיר האָבן אים אויסגעלייענט. „א כאסענע אָן דעם כאָסן" — אזא איז דאָס קעפּל אין דער צײַטונג. מיר דערוויסן זיך פון דער ערשטער האנט (מ. צאנין איז דער אָנפירער פונעם ייִסראָעלדיקן ייִדישן שרײַבער־פאריין), אז „דער ייִדישער שרײַבער־פאריין אין ייִסראָעל... האָט זיך וועגן דעם אלעמען (וועגן דער קאָנפערענץ, וועלכע ווערט צונויפגערופן אין זײַן נאָמען. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") דערוווּסט דער לעצטער... פארוואָס אזא וויכטיקער פּראָעקט איז אויסבאהאלטן געוואָרן, איז א סאָד פון די איניציאטאָרן...".

די איניציאטאָרן האָבן געפונען א מער לויבארן פאר זיי אדרעס, איידער די שרײַבער פון ייִסראָעל, אף ארומריידן די זאך. דער באלעבאָס פונעם פּראָעקט, איינער פון די אָפענע איבערקויפער פון ייִדישע קולטור־קויכעס פארן ציִעניסטישן באנוץ, דער גענעראל־סעקרעטאר פון דער פויאליי־ציִעניסטישער „וועלט"־באוועגונג ייִצכאָק קאָרן איז ארויפגעקומען קיין אמעריקע, און דאָרט, אין דער ביוראָ פונעם ייִסראָעלדיקן קאָנסולאט, איז דורכגעפירט געוואָרן אן אקט פון קאָאָפּעראציע צווישן די ייִסראָעלדיקע און אמעריקאנישע ציִעניסטישע קערפערשאפטן אף צו רעאליזירן דעם פּראָעקט פון דער „אלוועלטלעכער" שרײַבער־ און קולטור־קאָנפערענץ. דער גענעראל־קאָנסול פון ייִסראָעל אין ניו־יאָרק דאָוויד ריבלין (די ציִעניסטישע פּרעסע שרײַבט, אז ער איז „א יערושאלמי פונעם זעקסטן דאָר", און זי קלאפּט בראוואָ, וואָס אזא יערושאלמי איז וויליק צו פארנעמען זיך מיט ייִדיש) האָט גערופן צו זיך פארטרעטער פונעם אמעריקאנער פויאליי־ציִעניסטישן פארבאנד, פון די רעאקציאָנערע אָרגאניזאציעס „ארבעטער־קאָמיטעט" און „ארבעטער־רינג", פון דער בולוואר־בלאט „פאָרווערטס", פונעם „אמעריקאנער ייִדישן קאָנגרעס", און זיי האָבן דאָס געדארפט לייזן די פראגע וועגן צונויפרופן אן אלוועלטלעכע קאָנפערענץ ארום פראגן פון ייִדישער קולטור און ליטעראטור.

ס'איז ברייט באוווּסט, אז דער אָפיציעלער ציִעניזם איז א דוירעסדיקער סוינע פון דער ייִדישער שפּראך, ליטעראטור, קולטור. מיט א באזונדערער אכזאָריעסדיקײַט האָט ער עס באוויזן אין די יאָרצענדליקער פון זײַן שטיין באם מעלוכע־רודער פון ייִסראָעל. אָט וואָס עס זאָגט זיך וועגן דעם מאצעוו פון ייִדיש אין צײַטונגען פון דער מעדינע גופע. די מאפּאמישע צווייוואָכן־שריפט „ייִסראָעל־שטימע" שרײַבט אין א רעדאקציאָנעל ארטיקל, געווידמעט דער פארפּלאנירטער קאָנפערענץ: „פונדעסטוועגן מיינען מיר, אז מע דארף גאָרניט אויסבאהאלטן... די האלבע שאָ ייִדיש אין (דער ייִסראָעלדיקער) ראדיאָ, דער קימאט פולער כיירעם אף ייִדישער שאפונג אין דער מעלוכישער טעלעוויזיע, דאָס ניט באקאנען די קינדער אין די שולן און די שילער אין די העכערע קלאסן מיט דער רײַכער נאציאָנאלער קולטור און ליטעראטור, וועלכע ייִדן האָבן געשאפן אין דער ייִדישער שפּראך בעמעשעך דוירעס, — דאָס אלץ זאָגט ניט איידעס וועגן א פּאָזיטיווער באציִונג..." און וואָס שײַעך ייִדישער ליטעראטור, לייענען מיר אינעם אויבנציטירטן ארטיקל פון מ. צאנינען אין דער צײַטונג „לעצטע נײַעס": „די ייִדישע ליטעראטור אין ייִסראָעל ווערט דורך געוויסע פּראָטעקציאָנערע קרײַזן באטראכט ווי א ליטעראטור פון נײַע אוילים, וואָס ווי נאָר זיי וועלן ווערן אויס נײַע אוילים, וועלן זיי מיסטאמע ווערן בייגל־בעקער, אָדער זיי וועלן זיך נעמען צו פּראָדוקטיווער ארבעט". אין א צווייט ארטיקל („די „אוילים־ליטעראטור") קלאָגט זיך מ. צאנין: „די ייִדישע ליטעראטור אין ייִסראָעל, די ייִדישע שרײַבער זײַנען רעכטלאָז... דער ייִדישער שרײַבער, וואָס איז גלײַכבארעכטיקט אין צאָלן די הויכע דירעקטע און אומדירעקטע שטײַערן, איז אויסגעשלאָסן פון די מעלוכישע סובסידיעס אף ארויסצוגעבן זײַנע ביכער. ער מוז זײַנע ביכער ארויסגעבן אליין, פאר זײַן אייגן געלט, אָדער זוכן הילף ווו עס לאָזט זיך..." דער פאריזשער שריפטשטעלער ב. שלעווין האָט בעשײַטע געשריבן אין דער טעל־אוויוער „ייִדישער צײַטונג", בעשאס זײַנעם א באזוך אין ייִסראָעל: „ייִדישע שרײַבער צאפּלען זיך דאָ, ווי א פליג אין שפּינוועבס... עס דארף דאָ אויך אויסגעשריגן ווערן דאָס פּאָשעטע, אָפּנהארציקע וואָרט וועגן זייער גוירל. עס ווערט פיל גערעדט, אָבער גאָרנישט ווערט מאמאָשעסדיקס ניט געטאָן..."

איז עפּשער טאקע וועגן דעם געשטעלט געוואָרן די פראגע אף דער בעראטונג אין ניו־יאָרק, אין דער ביוראָ באם „יערושאלמי פונעם זעקסטן דאָר"? עפּ־

שער ווילן די ציוניסטישע אפּאַראַטשיקעס זיך צו־גויפּקלײַבן אף זייערער אַ קאָנפערענץ, קעדיי באַהאַנדלען דעם ביטערן גוירל פון די ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער אין ייִסראָעל, פּשאַ, אַרגענטינע, קאַנאַדע, פראַנקרײַך אאַ. לענדער? ניין, דאָס ווילן זיי ניט. זיי האָבן, אויסערן קאָנקרעטן פּלאַן צו שאַפן אַ רעקלאַמע פאַר טוריסטיק קיין ייִסראָעל, נאָך איינעם, דעם סאַמע וויכטיקסטן פאַר זיי פּלאַן: אַרײַנלייגן אין דער ציוניסטישער קעשענע די קולטור אף ייִדיש, אַזוי, אַז זי זאָל דינען אים — דעם פאַרדאַרבער אירן.

ייִצכאָק קאָרן — דער איבערקויפער פון ייִדישע קולטור־קויכעס פאַרן ציוניסטישן באַנוץ — האָט אין דעם פּראַט אפילע געשאַפן אַ „טעאָריע". מיר באַקאַנען זיך מיט איר לויט זײַנע אָפּטע אַרטיקלען אין דער סובסידירטער ייִדישער פּרעסע.

קאָרן מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער קוקט איבער אַ יעסוידעסדיקע אײַנשטעלונג פונעם ציוניזם, וועלכע איז געריכטעט קעגן די אָנהענגער און באַנוצער פון ייִדיש: „עס דאַרף קלאָר ווערן, אַז מיר האָבן אַ סאַך מעגאַזעם געווען באַם רעדן וועגן די אַנטי־ציוניסטישע זײַטן פון ייִדיש־כסידים"... ער האַלט זיך אַפילע ניט אָפּ פון פעלשן די עמעסע פאַקטן, באַהויפּטנדיק, אַז עס איז קלוימערשט געווען שיר ניט אַ ליבע צווישן דעם ציוניזם און אונדזער פאָלקסלאָשן: „לעמאַן האָעמעס האָט ייִדיש מאַמעש באַגלייט דעם אופלעבונג־פּראָצעס פונעם ציוניזם זינט זײַן בערײשיס; מיט אונדזער פאָלקס־לאָשן האָבן מיר שטענדיק דערגרייכט די ייִדישע מאַסן פאַר אונדזער ציל..."

שטעלנדיק זיך אין דער פּאָזע פון אַ רעבן, צו וועלכן עס ווען אָט־אָט קומען זיך לאָדן די „נאַציאָנאַלע קרײַזן" און די „אַפּיקאָרסישע ייִדישיסטן", מוסערט קאָרן אויס זיי ביידן: „די ייִדיש־רעדנדיקע זײַנען — מיט ניט ווייניק אומרעכט — אַזוי ווי אײדענטיפיצירט געוואָרן מיט אַנטי־ציוניזם בא אונדזערע נאַציאָנאַלע קרײַזן. אַ סאַך פון די ייִדישיסטן האָבן געהאָלפן פאַרשטאַרקן אַזאַ אײַנדרוק, ווײַל זיי האָבן געקוקט אַפּן ציוניזם ווי אף אַ פּאָסלער זאַך"...

און ער כאַפּט זיך אַזש אָן פאַרן קאָפּ: „מיר האָבן איבערגעלאָזט ווונדערלעכע ייִדיש־פּאָזיציעס אין די הענט פון די סאָנים פונעם ציוניזם, און דערנאָך האָבן מיר זיך געקלאָגט, אַז זיי האָבן דאָס פאַרכאַפּט. דוכט זיך, אַז דאָס איז אויך געווען איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן אינעם אָפּשוואַכן די ייִדישע קולטור אין אַמעריקע — כאָטש זי איז לויט איר גאַנצן וועזן און אינהאַלט אַזוי ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר ציוניסטישע אַספּיראַציעס..."

אָט וואָס ייִצכאָק קאָרן האָט אין זינען מיט דער פּרימיטיווער דעמאַגאָגיע זײַנער: די ייִדישע קולטור (ניט בלויז אין אַמעריקע...) זאָל דינען די „ציוניסטישע אַספּיראַציעס".

און פילנדיק זיך גאַנץ פעסט אין זײַן כוצפּע, שטעלט דער פּויאַליי־ציוניסטישער אַפּאַראַטשיק אַוועק די אופגאַבע: „די ייִדישע קולטור־אַסקאָנים אומעטום אויסער ייִסראָעל דאַרפן ווערן אַקטיווע שוטפים (צום ציוניזם)"...

דאָס איז דער ברייטערער פּלאַן (אויסער דעם פּלאַן צו צונויפקלײַבן אַ טוריסטישן יאַריד), וועלכער ווערט איצט פאַנאַנדערגעאַרבעט אף די ציוניסטישע באַראַטונגען וועגן דער „אַלוועלטלעכער קאָנפערענץ".

מע קאָן שטעלן די פראַגע: צי וועט דעם אָפּיציעלן ציוניזם, זײַנע קאָנסולן אין פאַרשיידענע לענדער און די אָנגעדונגענע מעקלערס זײַנע, אַזעלכע ווי ייִצכאָק קאָרן, זיך אײַנגעבן צונויפרופן אַזאַ קאָנפערענץ? ענטפערן אף אָט דער פראַגע איז ניט שווער. דער הײַנטצײַטיקער ציוניזם האָט שוין אַ היפּשע דערפאַרונג אין אָפּזוכן באַלאָנים צו קוועטשן די באַנק אף אומווירדיקע „אַלוועלטלעכע" טאַראַראַמען. ביפּראַט, אַז צוליב דער „קאָנפערענץ פון ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער" דאַרף ער גאָר ווייניק עכטע שרײַבער און קולטור־טוער — בלויז אף צו פאַרשטעלן מיט זיי דעם בייזוווּנדער. געננוג, וואָס עס זיצן בא זײַן שיסל די עטלעכע דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און אין די פאַראָרעמטע רעדאַקציעס פון די ציוניסטיש־בונדיסטיש־אַנאַרכיסטיש־ראַבאָנישע געלע בלעטער קוקן אַרויס אף אַ ווונק פון זײַן זײַט די שונד־זשורנאַליסטן, וועלכע רופן זיך „שראַבערס". זיי וועט ער אף זײַן קאָנפערענץ האָבן!

אין רעדאַקציאָנעלן אַרטיקל פון דער „ייִסראָעל־שטימע", וועלכן מיר האָבן אויבן ציטירט, איז פאַראַן אַזאַ שטעל:

„מיר ברענגען דעם טערמין אַלוועלטלעכער אין פיר־צייכנס (אין גענדזנפיסלעך), ווײַל אָן די מיליאָנען ייִדן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, פּוילן, רומעניע, וואָס פון זיי איז דער וויכטיקסטער רעזערוו פאַר דעם לעבנס־העמשעך פון דער ייִדישער אַשקענאַזישער קולטור, און זיי ווען, ליידער, אף אַזאַ קולטור־קאָנגרעס ניט זײַן, — איז ער ניט אַלוועלטלעך..."

דעם דאָזיקן געדאַנק מוז מען פאָרזעצן און פאַרפינקטלעכן. אף אַזאַ „קולטור־קאָנגרעס וועלן ניט זײַן ניט נאָר די ייִדישע ליטעראַרישע און קולטור־קויכעס פון די לענדער פונעם סאָציאַליזם, נאָר אויך די פּראָגרעסיווע און לאָיאַלע שעפער פונעם ייִדישן וואָרט, טעאַטער, מוזיק, מאָלערײַ אין די אַנדערע לענדער פון דער וועלט וועלן דאָרט ניט זײַן.

דעם ציוניזם וועט זיך ניט אײַנגעבן צו באַהערשן — אף צו דערשטיקן — די דוירעסדיקע ליטעראַטור און קולטור פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן.

א גאַסט פון קאַנאַדע

דער באַקאַנטער ייִדישער סקולפּטאָר פון קאַנאַ־דע שמואל קאַגאַן מיט זײַן פרוי האָבן אָקאָרשט פּאַ־רענדיקט זייער רײַזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד. שוין באַיאָרטע מענטשן, האָט דאָס פּאָרפאָלק מיט עכטער יוגנטלעכער לײַכטקײַט דורכגעמאַכט דעם וועג פון טאָראָנטאָ קיין מאָסקווע, און פונדאַנען — קיין קיִעוו, מינסק, לענינגראַד, דושאַנבע, אַלמאַ־אַטאַ, פרונזע און צוריק קיין מאָסקווע. שוין אַ ביסעלע מיד, נאָר פול מיט אײַנדרוקן, זײַנען זיי געקומען אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זיך צו באַקענען מיט די שעפער פונעם זשורנאַל, וועלכן זיי לייענען שוין אַ סך יאָרן.

שמואל קאַגאַן רעדט אַ זאַפטיקן ווײַסרוסישן ייִדיש. מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס ווײַסרוסישע שטע־טעלע סלאָוויען איז זײַן געבורטס־היים. איצט האָט מינסק אויף אונדזערע גאַסט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנ־דרוק:

— ס'איז גאָר אַ נײַע שטאָט מיט פּרעכטיקע פּראָספּעקטן און פּלעצער. מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אונדזערן אַ קאָרעוו, אַן אַרכיטעקטאָר, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אינעם פּראָיעקטירן די ווונדער־לעכע אַנסאַמבלען אין צענטער שטאָט.

ווען שמואל קאַגאַן רעדט וועגן זײַן געבורטס־שטעטל, ווערט זײַן געזיכט פאַרומערט: „די פאַשיסטן האָבן אויסגעשאָכטן אַלע ייִדן אין סלאָוויען"...

מיר בעטן, ער זאָל דערציילן וועגן זיך. דער גאַסט באַקומט אַרויס פון זײַן רײַזע־רענצל און לייגט אַוועק אויף טיש אַן אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס פון זײַנע סקולפּטורן. ס'איז צו זען, אַז אָט די ווערק האָט געשאַפן אַ באַגאַבטער, אייגנאַרטיקער קינסט־לער. אינעם אַלבאָם ליגן עטלעכע אויסשניטן פון צײַטונגען און זשורנאַלן מיט אָפּרופן וועגן שמואל קאַגאַנס שאַפונג. אָט איז אַן אַרטיקל, וואָס דער ייִדישער שרײַבער פון קאַנאַדע ישעיהו אורבאַס האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם אַמעריקאַנער כוידעש־זשור־נאַל „ייִדישע קולטור".

אין וואַנקוווער, אין דער געבײַדע פון דער י.־ל. פּערעץ־שול, איז אויסגעשטעלט אַ ריזיקער סקולפּ־טור־פּאָרטרעט פון י.־ל. פּערעצן, וועלכן ס'האָט גע־מאַכט שמואל קאַגאַן.

אין קאַגאַנס סטודיע זעט מען די סקולפּטור „אַ קוילנגרעבער". ס'איז אַ קליינער ביוסט, אָבער אַ גרויס קונסט־ווערק — אַ וווּנדערבאַרער צונויפגוס פון קערפּער און גײַסט. און אָט איז אַ סקולפּטור פון אַ פרוי. אַ פּאַשעטע פרוי מיט מידע אויגן. אין צאַרטקײַט איז אײַנגעהילט איר פּנים — די אייבי־קע צאַרטקײַט פון אַ מוטער... מיט נאָך מער קראַפט איז אויסגעדריקט די סקולפּטור „ליבשאַפט". אַ מאַ־מע מיט אַ קינד. דאָס קינד ליגט אין דער מוטערס אָרעמס... אין די אויגן פונעם קינד — ליבשאַפט, אין די אויגן פון דער מוטער — ליבשאַפט, זאָרג און געבעט...

מיר בלעטערן ווײַטער דעם אַלבאָם און ווענדן די אויפמערקזאַמקײַט אויף דעם דענקמאָל־מאָנומענט לע־זיקאָרן די קדושים, די קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם.



אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג אין טאָראָנטאָ איז דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס דער סקולפּטאָר האָט אָנגערופן „זכור" („געדענק"), באַצייכנט געוואָרן אַלס דאָס בעסטע אויף דער מילכאָמע־טעמע. אַ צווייטע סקולפּ־טור — „האָפענונג" דריקט אויס די האָפענונג פון דער מענטשהײַט אויף אַ יושרדיקער וועלט.

מיר זעען אַ סעריע סקולפּטור־פּאָרטרעטן — מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: ייִדן, איר־לענדער, נעגערן, עסקימאָסן. דאָס זײַנען בעעמעס ווערק פון אַ הומאַניסט און אינטערנאַציאָנאַליסט.

באַם געזעגענען זיך גיט שמואל קאַגאַן איבער דער רעדאַקציע אַ מאַטאָנע — דעם באַרעליעף פון דאָוויד בערגעלסאָנען.

הײַנטצײַטיקע רוסישע זינג־לידער

א פּאָר ווערטער פון דעם איבערזעצער

אין 1940 האָב איך צוזאַמען מיט עמאַנויל קאַזאַקעוויטשן ארויסגעלאָזט א ביכל זינג־לידער, איבערגעזעצטע פון רוסיש[1]. אונדזער מיין איז געווען — מיטווירקן, אז אף א קאָנצערט פון א ייִדישן זינגער אָדער פון א כאָר, און אויך בײַס א מעסיבע ארום א היימישן טיש זאָלן קלינגען אף ייִדיש לידער פון דער סאָוועטישער צײַט, אזעלכע ווי „שיראָקא סטראַנא מאָיא ראָדנאיא", „קאַטיושא", — לידער, וועלכע די גאָרע וועלט האָט שנעל אראָפּגעבראַכט פון סאָוועטן־רוסלאַנד, און זיי זײַנען געוואָרן באַליבט בא פיל פעלקער. ביז איצט, ווען מע צערעדט זיך אין א ווײַט לאַנד, אין אינדיע, לעמאָשל, אָדער אין קאָנגאָ, וועגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, הייבן די מענטשן אָן דערבײַ צו שעפּטשען אף זייער שפּראַך, באַגלײַך מיטן רוסישן טעקסט, די מוטער־פּראָסטע ווערטער פון „קאַטיושא".

נײַע צײַטן האָבן געבראַכט מיט זיך נײַע לידער, זיי זאָלן דינען ווי א מוזיקאַלער לייטמאָטיוו צום לאַנד, וואָס איז א לײַכט־טורעם פאַר דער מענטשהײַט. פיר יאָר נאָכאַנאַנד האָט די אַנטיפאַשיסטישע וועלט מיטגעזונגען מיטן סאָוועטישן פאָלק די ליד „סוויאַשטשענאַיא וואָינא". אומעטום זײַנען מענטשן דערשיטערט געוואָרן, ווען ס'איז צו זיי דערגאַנגען „בוכענוואַלדער נאַבאַט". אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אין באַמבוקענע דערפער און צווישן העכסטע הימלקראַצערס פאַרשמעקט מיט די געדיכט־ערדישע רייכעס פון „פּאָדמאָסקאָווניִע וועטשערא", בעשאַס די לעבן־געבליבענע נאָך דער מילכאָמע מענטשן האָבן צײַטנווײַז מיט הייליקן ציטער פאַרהויבן די אויגן צו די פייגל־הייכן, זינגענדיק די ליד „זשוראַוולי".

פאַראַן וווּנדערלעכע לייטמאָטיוו־לידער אויך אין אונדזערע הײַנטיקע טעג, און אלס איינער פון די דיכטער, וועלכע האָבן אין די פריִערדיקע יאָרן מיטגעהאָלפן דעם ייִדישן זינגער צו ארויסבאַקומען אין א ייִדישער איבערזעצונג די אַלמענטשלעך קלינגענדיקע רוסישע סאָוועטישע לידער, האַלט איך פאַר מײַן כוויוו אויך איצט טאָן עפּעס וואָס אין דעם פּראַט.

ארן ווערגעליס

בושלען

«Журавли»

ווערטער — ר. גאַמזאַטאָוו

מוזיק — יאַ. פרענקעל

מיר דוכט, אז די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן
ניט אומגעקערט אהיים זיך פון טראַנשייִ,
זיי ליגן אין די גריבער ניט באַגראָבן,
אין בושלען זיך פאַרוואַנדלט האָבן זיי.

און כאָטש ס'איז ווײַט אזוי שוין די מילכאָמע,
דאָך פליִען זיי און שרײַען צו אונדז הויך,
עס טוט בא אונדז א צאַפּל די נעשאָמע,
מיר קוקן אף די פרײַנט, ווי דורך א רויך.

עס פליט, עס פליט איבער מײַן קאָפּ א סטײַע,
אין שטרענגע שורעס — בושלען אָן א שיר,
און איך דערזע דאָס איינציקע דאָס פרײַע —
קאָן זײַן, דאָס אָרט, וואָס איז פאַרגרייט פאַר מיר.

ווען קומען וועט מײַן צײַט — מיט בושלען הויכע
אוועקפליִען, ווי יעדן, איז באַשערט,
דאַן וועל איך פונעם הימל שרײַען אויכעט
צו די, וואָס כ'האָב געלאָזן אף דער ערד.

מיר דוכט, אז די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן
ניט אומגעקערט אהיים זיך פון טראַנשייִ,
זיי ליגן אין די גריבער ניט באַגראָבן,
אין בושלען זיך פאַרוואַנדלט האָבן זיי.

---

[1] „לידער פונעם סאָוועטישן פאָלק". מאָסקווע, פאַרלאַג „דער עמעס", 1940.

הינטערמאָסקווער אפדערנאכט

«Подмосковные вечера»

ווערטער — מ. מאַטוסאָווסקי　　**מוזיק** — וו. **סאָלאָוויאָוו־סיעדאָי**

אויסגעלאָשן שוין אלע פײַערן,
שטיל עס ווערט דער סאָד און פארטראכט.
איצט כ׳וועל זאָגן אײַך, ווי ס׳איז טײַער מיר
הינטער מאָסקווע דער אפדערנאכט.

עפשער פליסט דער טײַך, עפשער פליסט ער ניט,
ווי א זילבערנער, פול מיט פראכט.
אָט עס קלינגט די ליד, אָט עס שווײַגט די ליד
הינטער מאָסקווע, אין אפדערנאכט.

כ׳וועל דיר, ליבינקע, הײַנט פאָרויסזאָגן
יאָרן גליקלעכע אָן א שיר.
שווער ארויסזאָגן, און ניט אויסזאָגן,
וואָס עס טוט זיך אין הארץ בא מיר.

האלט דעם אָטעם אײַן. זאָל די זון אופגיין.
ס׳קומט דער אינדערפרי אומדערווארט.
ניט פארגעס אויך דו, ווי ס׳איז זומער שיין
הינטער מאָסקווע דער אפדערנאכט.

אליאָשע

«Алёша»

ווערטער — ק וואַנשענקין　　**מוזיק** — ע. קאָלמאַנאָווסקי

סײַ ווינטער, ווען זון איז פארלאָשן, פארלאָשן, פארלאָשן, —
סײַ ווינטער, ווען זון איז פארלאָשן, סײַ דאַן, ווען מיט זון איז מען זאַט,
עס שטייט אפן בארג דאָ אליאָשע, אליאָשע, אליאָשע,
עס שטייט אפן בארג דאָ אליאָשע, בולגאַריע־רוסלאַנדס סאָלדאַט.

פון ווייטעק דאָס הארץ טוט א טיאָכקע, דאָס הארץ טוט א טיאָכקע.
פון ווייטעק דאָס הארץ טוט א טיאָכקע: אליאָשע — ער קאָן שוין ניט גיין.
א שטיינערנע זײַן גימנאַסטיאָרקע, יאָ, זײַן גימנאַסטיאָרקע,
א שטיינערנע זײַן גימנאַסטיאָרקע, די שטיוול אויך זײַנען פון שטיין.

געבליבן פארגליווערט אָן לאָשן, אָן לאָשן, אָן לאָשן
א סאַך אומבאַוווּסטע גיבורים, פון פײַנטלעכע קוילן פארפאַלגט,
מע ווייסט: צווישן זיי איז אליאָשע, אליאָשע, אליאָשע,
יאָ, ס׳ווייסט אים, דעם גיבער אליאָשע, דאָס גאַנצע בולגאַרישע פאָלק.

אליאָשע אין טאָל וועט אין ברייטן, אין ברייטן, אין ברייטן,
אליאָשע אין טאָל וועט אין ברייטן נאָך דופטיקע בלומען ניט גיין.
ער שענקט ניט די מיידלעך קיין קווייטן, קיין קווייטן, קיין קווייטן,
ער שענקט ניט קיין קווייטן די מיידלעך, זיי שענקען אים קווייטן אליין.

די שטאָט נעמט ארום אים געלאַסן, געלאַסן, געלאַסן,
די שטאָט נעמט ארום אים געלאַסן, מיט ליבע פאר טרײַשאַפט אים צאָלט.
עס רינגלען ארום אים די גאַסן, די גאַסן, די גאַסן,
עס רינגלען ארום אים די גאַסן, ווי קומען פון דאָרטן ער וואָלט.

סײַ ווינטער, ווען זון איז פארלאָשן, פארלאָשן, פארלאָשן, —
סײַ ווינטער, ווען זון איז פארלאָשן, סײַ דאַן, ווען מיט זון איז מען זאַט,
עס שטייט אפן בארג דאָ אליאָשע, אליאָשע, אליאָשע,
עס שטייט אפן בארג דאָ אליאָשע, בולגאַריע־רוסלאַנדס סאָלדאַט.

דער זאַפט פון בערעזע

«Березовый сок»

ווערטער — מ. מאַטוסאָווסקי   מוזיק — ו. באַסנער

די פרישינקע ריטשקעלעך פליסן מיט קראַפט,
פון אונטער דעם שניי איז אַרויס שוין דאָס גרעזל.
די ביימעלעך ווײַסע — שוין נאַסע פון זאַפט,
דאָס וויינען בערעזעס, דאָס וויינען בערעזעס.

אויך פריִער די ווסנע — זי האָט מיך געפירט
אין פעלד, וווּ ס'איז פרײַער, אין וואַלד, וווּ ס'איז בעסער.
די ערד, ווי אַ מוטער, געפּאָיעט האָט מיך
מיט זאַפט פון בערעזע, מיט זאַפט פון בערעזע.

און איצטער, זיקאָרן, אַ כאָלעם דו שפּינסט,
ער וועט צו די היימישע ברעגן אונדז ברענגען.
אין פרעמדע מעקוימעס, באַם היימלאַנד אַף דינסט,
נאָך רוסלאַנד מיר בענקען, נאָך רוסלאַנד מיר בענקען.

די ווײַסע בערעזעס, וואָס פינקלען פאַרשײַט,
די סאָסנעס אין פעלד, וועלכע שטייען ווי היטער, —
מיר וועלן צו זיי אין דער נאָענטער צײַט
זיך אומקערן ווידער, זיך אומקערן ווידער.

צעעפן זשע, היימלאַנד, די טירן פאַר אונדז,
מיר האָבן דײַן לאַסקע ביז הײַנט ניט פאַרגעסן, —
און פּאָיע אונדז אָן, ווי עס איז אונדזער ווונטש,
מיט זאַפט פון בערעזע, מיט זאַפט פון בערעזע.

די פרישינקע ריטשקעלעך פליסן מיט קראַפט,
פון אונטער דעם שניי איז אַרויס שוין דאָס גרעזל.
די ביימעלעך ווײַסע — שוין נאַסע פון זאַפט,
דאָס וויינען בערעזעס, דאָס וויינען בערעזעס.

מײַן אַדרעס — דער ראַטנפאַרבאַנד

«Мой адрес — Советский Союз»

ווערטער — ו. כאַריטאָנאָוו   מוזיק — ד. טוכמאַנאָוו

באַגעגענען זיך און צעשיידן זיך
פאַר מיר און פאַר דיר איז ניט נײַ.
אין שטעט און אין דערפער פאַרשיידענע
איך לעב ווי אַ פייגעלע פרײַ.

רעפּרען:

וווּהין דו וועסט קומען,
דאָרטן פאַרגעס מיך ניט.
די פּאָטשט איז דאָך אונטער דער האַנט.
מײַן אַדרעס — קיין גאַס און קיין געסעלע,
מײַן אַדרעס — דער ראַטנפאַרבאַנד.

דו שיק טעלעגראַמעס מיר צערטלעכע
אַהער, וווּ אַצינדער כ'בין הי.

מיר זוכן קיין ווייכינקע ערטעלעך,
ס'איז ליב אונדז די שווייסיקע מי.

רעפּרען.

איך לעב צווישן אײַך, האַרעפּאַשניקעס,
איך לעב אַף דער אייגענער ערד,
ווו טעג זײַנען יונגע און ראַשיקע,
און וואַנדערן ווילט זיך ניט מער.

רעפּרען:

וווּהין דו וועסט קומען,
דאָרטן פאַרגעס מיך ניט.
די פּאָטשט איז דאָך אונטער דער האַנט.
מײַן אַדרעס — קיין גאַס און קיין געסעלע,
מײַן אַדרעס — דער ראַטנפאַרבאַנד.

זאָג איך אײַך, איז דאָס א יאַט געווען!

«Знаете, каким он парнем был»

ווערטער — נ. דאָבראָנראַוואָוו

מוזיק — א. פּאַכמוטאָוואַ

זאָג איך אײַך, איז דאָס א יאַט געווען!
ער — דער ערשטער פּלי̇ער אין אומענד.
אַלץ געשטעלט אין קאָן
אַף דעם קאָסמאָדראָם —
דאָרט ער האָט א זאָג געטאָן...

רעפרען:

האָט געזאָגט „פּאָיעכאַלי!"
אונדזער יונגער העלד.
ווי איבער דער פּיטערסקע, פּיטערסקע,
ער פליט איבער דער וועלט.

זאָג איך אײַך, איז דאָס א יאַט געווען,
מיט פאַרליבטע אויגן אַלץ געזען.
אינעם סטעפּ געוואַרט
אַפן ערשטן סטאַרט,
א מאַטאָנע אונדז געבראַכט.

רעפרען.

זאָג איך אײַך, איז דאָס א יאַט געווען,
וועלט האָט אים געטראָגן אַף די הענט,
ווײַל ס'איז אים, מיט רעכט,
זײַן א זון באַשערט
פון דער גאַנצער, גאַנצער ערד.

רעפרען.

זאָג איך אײַך, איז דאָס א יאַט געווען,
גלאַט אַזוי דאָס לעבן ניט פאַרשווענדט.
דרייסט געווען דער יאַט,
זיך געפרייט ביז זאַט,
ס'לעבן האָט ער ליב געהאַט.

רעפרען.

זאָג איך אײַך, איז דאָס א יאַט געווען,
ניט „געווען", — זײַן לעבן האָט קיין ענד.
אינעם טרוים פאַרטאָן,
ווידער אויבנאָן,
איז ער אַפן קאָסמאָדראָם.

רעפרען:

און ער זאָגט: „פּאָיעכאַלי!",
אונדזער יונגער העלד.
ווי איבער דער פּיטערסקע, פּיטערסקע,
ער פליט איבער דער וועלט.

די ליד וועגן ווײַטן היימלאַנד

«Песня о далекой родине»

из телефильма «Семнадцать мгновений весны»

ווערטער — ר. ראָזשדעסטווענסקי

מוזיק — מ. טאַריוועררדיעוו

לאָז מיך אָפּ, כאָטש אַף איין מינוט,
לאָז מיך אָפּ, בענקשאַפט שרעקלעכע.
פונקט ווי א וואָלקן, פלי אַוועק,
פלי צו מײַן היים, ווי א גרויער וואָלקן,
פונדאַנען — צו טאַטע־מאַמע.
רעגן, דו! פּאָיע אָן מיך איצט —
שיקער זײַן, נאָר ניט שיקער־לאָט.
נאָכאַמאָל, ווי דאָס לעצטע מאָל,
איך פלי און פלי אין הויכן הימל,
ווי זוכן איך וואָלט אַן ענטפער.

ערגעץ אינדערווײַט, ערגעץ בא דער זײַט
אין האַרבסט א רעגן עס גייט.
בא דעם ברעג פון טײַך, אינעם קליינעם סאָד
עס הענגען ווײַנשל, בייגן אָן זיך ביז דער ערד.
ערגעץ ווײַט אין זיקאָרן כ'זע:
ס'איז די קינדהײַט ווייך און שטיל, —
כאָטש ס'איז דער זיקאָרן
פאַרטראָגן מיט גרויסע זאַווייען.

פאַרשיידנס

לעאָנאַרדאָ־טעג

אין דעם מאָלערישן שטעטל ווינטשי, הינטער פלאָרענץ, ווערט יעדעס יאָר דורכגעפירט „לעאָנאַרדאָ־טעג".

האיאָר זײַנען די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע פײַערונגען אָפּגעמערקט מיט וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע מיטיילונגען.

בײַס דער ארבעט איבער דער פּילבענדיקער פאַקסימילערער אויסגאַבע פון דעם „אַטלאַנטישן קאָדעקס" — א זאַמלונג פון לעאָנאַרדאָ דא ווינטשיס מאַנוסקריפּטן, צייכענונגען און געמעלן — האָט מען געפונען אַן עסקיז פון א צווייררעדערדיקן וועלאָסיפּעד. ס'איז שוין פון לאַנג געווען באַוווּסט, אַז דער פאַנטאַסטישער געדאַנקען־שוווּנג פונעם גרויסן פלאָרענטינער האָט אָף יאָרהונדערטן פריִער פאָרויסגעזען די דערפינדונג פון פלי־אַפּאַראַטן, פונעם פאַראַשוט, פון דער אונטערוואַסער־שיף, פונעם טאַנק.

וואָס איז שײַעך דעם וועלאָסיפּעד, זעען מיר פאַר זיך א צייכענונג פון א פולשטענדיק מאָדערנער מאַשין מיט א ציינראָדיקער טראַנסמיסיע און מיט א קייט. עמעס, די צייכענונג האָט געמאַכט ניט דער מײַסטער גופא, נאָר עמעצער פון זײַנע שילער — אַזעלכע געמעלן טרעפן מיר ניט זעלטן אָף די זײַטן פון דער אויסגאַבע. אָבער די האַשאָרעס וועגן דעם, אַז די צייכענונג געהערט צו א שפּעטערער צײַט, וואַרפן די ספּעציאַליסטן קאַטעגאָריש אָפּ.

אויך א צווייטע יעדיִע פון ווינטשי וועט שטאַרק פאַראינטערעסירן די היסטאָריקער פון דער וויסנשאַפט און קונסט. דער פאַרלאַג „דזשונטי" גרייט צום דרוק נאָך איין זייער ווערטפולע אויסגאַבע — דעם אַזויגערופענעם „מאַדרידער קאָדעקס" — א זאַמלונג פון לעאָנאַרדאָ דא ווינטשיס מאַנוסקריפּטן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן זײַנערצײַט אין פּריוואַטע שפּאַנישע אַרכיוון.

ו. אַרדאַטאָווסקי („איזוועסטיִא")

געזעלשאַפטן — פּענסיאָנערן

די סטאַטיסטיק, וואָס ווייסט, ווי מע זאָגט, אַלץ, באַהויפּטעט, אַז אין איטאַליע עקזיסטירן 59.340 ניט קיין געוויינלעכע געזעלשאַפטן, אָרגאַניזאַציעס און קאָמיטעטן. צום בײַשפּיל, „דער קאָנסאָרציִום פון קעגנזײַטיקער הילף די געליטענע פונעם וועזוווי־אויסברוך אין 1906 יאָר", „דער פּענסיע־אַמט פון די וועטעראַנען פון דער שלאַכט בא אַדוע" (סאָף פאָריקן יאָרהונדערט), א „גענעראַל־קאָמיסאַריאַט פון קאַמף מיט די היישעריקן און פאַרטריקענישן אָף סיציליע" (די לעצטע אָנשיקעניש פון היישעריקן איז פאַרעגיסטרירט אין 1908 יאָר), א „נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון מילכאָמע־יעסוימים", און די „יעסוימים", מיט וועלכע דער פאַרבאַנד האָט צו טאָן, זײַנען שוין ניט ייִנגער פון דרײַסיק יאָר! ס'זײַנען פאַראַן אָנגעשטעלטע פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען געווען טעטיק אין די אַלטע צײַטן, ווען איטאַליע האָט פאַרמאָגט קאָלאָניעס אין אַפריקע: „די מינעראַלעווירטשאַפט אין מיזרעך־אַפריקע", אָדער „האָטעלן־געזעלשאַפט אין ליביע". אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, זעט אויס די אומפאַרגעסלעכע פירמע „הערנער און טלאָען" ווי אַן אומשולדיקער אַנשטאַלט: זי האָט דאָך ניט באַקומען קיין מעלוכע־סובסידיעס.

די מאָדאַנע אָפּן עפּלבוים

„א נעס!" — האָט געשריגן דער האַמוין, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם צעצווײַגטן עפּלבוים. די מענטשן האָבן זיך געציילעמט און, אויסשטרעקנדיק די הענט צום בוים, ווידעראַמאָל געשריגן: „א נעס!"

די קאָרע אָפּן עפּלבוים איז געווען אַראָפּגעריסן, און אָפּן שטאַם האָט זיך געזען א טונקעלער לענגלעכער פלעק.

— דאָס איז די יונגפרוי מאַריִע, איך האָב זי טייקעף דערקענט, — האָט פאַרזיכערט די דורכגייער א פרוי אין א טונקעלן לאַנגן קלייד, אָנווײַזנדיק אָפּן פלעק.

ס'איז אויך געקומען צו לויפן דער באַלעבאָס פונעם עפּלבוים, דער מעסער־שלײַפער ראָלאַנד דינגס. מיט ווערטער, וואָס פאַסן ניט פאַר קיין הייליקע ערטער, האָט ער געפאָדערט פאַרלאָזן זײַן סאָד. קיינער אָבער האָט זיך צו אים ניט צוגעהערט. די געשיכטע וועגן דער יונגפרוי מאַריִע אָפּן עפּלבוים האָט זיך פאַרשפרייט איבער גאַנץ הײַנסבערג און די אַרומיקע דערפער. האַמוינים פּילגרימען האָבן זיך א לאָז געטאָן צום סאָד.

דער אייגנטימער פון דער קראָם פאַר קירך־כפייצים האָט געעפנט לעבן סאָד א פיליִאַל פון זײַן מאַגאַזין און גאַנץ פלײַסיק געהאַנדלט מיט ליכט, בילדלעך פון הייליקע, הילצערנע פיגורן פונעם געקרייצטן קריסטוס. א צווייטער ביזנעסמען האָט אוועקגעשטעלט דאָ א בײַדל און אָנגעהויבן האַנדלען מיט הייסע ווורשטלעך און ביר. דער שלײַפער דינגס האָט זיך א קראַץ געטאָן אין דער פּאָטיליצע, א טראַכט געטאָן און באַשטימט, אַז אויך אים האָט גאָט אַליין געהייסן מאַכן א שטיקל פּאַרנאָסע אָף דער מאָדאַנע. האָט ער אַוועקגעשטעלט אונטערן עפּלבוים אַן עמערל מיט אַן אויפשריפט „פאַר נעדאָווּעס". די פּילגרימען האָבן מיט גרויס ברען טפילע געטאָן, נאָר נעדאָווּעס האָבן זיי געוואָרפן אָן איבעריקן קיישעק. דעמלט האָט דער באַלעבאָס פונעם סאָד געדראָעט, אַז ער וועט אָפּצוימען דעם עפּלבוים מיט שטעכדראָט און וועט פאָרן אַרײַנגאַנג צווינגען צאָלן מיט מאַרקעס. די פינאַנץ־אָרגאַנען האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט: סטײַטש, מע טאָר ניט שטערן די גלייביקע.

דאַן האָט ראָלאַנד דינגס צונויפגערופן די זשורנאַליסטן, אַרויסגעפירט צו זיי זײַן זיבניאָריק זונדל. יענער איז זיך מוידע געווען: ווען דער פאָטער איז ניט געווען אין דער היים, איז ער אַרופגעקראָכן אָפּן בוים און מיט א קיך־מעסער אַראָפּגעריסן די קאָרע פונעם בוים. דאָס מעסער איז געווען א פאַרזשאַווערטס און א שמוציקס און האָט איבערגעלאָזט אָפּן שטאַם פלעקן.

מיט דער דאָזיקער דערקלערונג האָט דינגס געראַטעוועט זײַן סאָד פון א זיכערן אומקום. אָבער די הײַנסבערגער מאַכטהאָבער קאָנען ניט מויכל זײַן דעם באַלעבאָס, פאַרוואָס ער האָט צונישט געמאַכט די האָפענונגען צו מאַכן הײַנסבערג פאַר דער מײַרעוו־דײַטשישער מעקע.

ס. טאָסוניאַן („איזוועסטיִא")

דער קאָליזיי אונטער אַ פאַרבאָט

די פּילצאָליקע טוריסטן, וואָס קומען צו פאָרן קיין רוים, דערוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג: כּולץ דעם, וואָס צוליב „מאַנגל אין פּערסאָנאַל" איז פאַרמאַכט אַ ריי מוזייען, וועלן די געסט פון דער „אייביקער שטאָט" מער ניט זען... דעם קאָליזיי. דער באַרימטער אַמפּיטעאַטער, וואָס מע האָט אָנגעהויבן בויען נאָך באַם אימפּעראַטאָר וועספּאַסיאַנוס, איז אַרומגערינגלט מיט מעטאַל־קאָנסטרוקציעס. ווי עס טיילט מיט די איטאַליענישע פּרעסע, דאַרפן די רעסטאַווראַציע־אַרבעטן קאָסטן עטלעכע צענדליק מיליאָנען ליר. אָבער די אויסגעטיילטע סומע איז אין פיל מאָל קלענער. איבער דעם, וואָס די מאַכט־אָרגאַנען ווילן ניט אויסטיילן די נייטיקע סומע אָף צו ראַטעווען דעם באַרימטן דענקמאָל פון אַלטערטום, וועלן די רעסטאַווראַציע־אַרבעטן פונעם קאָליזיי זיך פאַרציִען מינימום אָף פינף יאָר.

די פּאַרלעגער זײַנען געבליבן צופרידן

אַ טשיקאַגער אײַנוווינערן, יוליאַ פּרעזער, האָט אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס וועט, לויט איר מיינונג, צוניץ קומען פאַר זייער אַ סאַך מענטשן. ס'גייט אַ רייד וועגן אַ קולינאַריע־בוך מיט אַ טשיקאַווען נאָמען: „וואָס פאַרא מײַכאָלים גרייט איך פאַר אַזעלכע געסט, וועלכע איך וואָלט מער ניט געוואָלט זען".

דער בוך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס גאַנגבאַרע סכוירע און איז אײַנגיכן אויסגעפאַרקויפט געוואָרן.

די סטאַטוע איז געוואָרן ריידעוודיק

בײַס די אויסגראָבונגען אָפן דאָרעם־מיזרעך פון איראַן האָט מען אין 1972 יאָר געפונען אַ ניט געוויינלעכע סטאַטוע — אַ מאַנספּאַרשוין אין מאַלבושים, וואָס זײַנען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַלטערטימלעכן איראַן. די סטאַטוע איז אָבער אויסגעפילט אין דער אַלט־עגיפּטישער מאַניר און איז געווען אָן אַ קאָפּ.

די געלערנטע זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז די סטאַטוע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם קיניג דאַרי, האָבן געמאַכט די עגיפּטער און ערעך מיט פינף יאָרהונדערטן פאַר אונדזער ערע אָפּגעשיקט זי אָף אַ שיף קיין איראַן. די אויפשריפטן אָף דער אַלט־איראַנישער, עגיפּטישער, אַלאַמיטישער און באַוולשער שפּראַכן דערציילן, אַז די סטאַטוע איז געמאַכט אַלס דאַנקבאַרקײַט צום קיניג דאַרי פאַרן אויסבויען דעם קאַנאַל צווישן רויטן יאַם און דעם ניל.

אַ דעלפין אַ לאַצמאַן

אין ראַיאָן פון נײַ־זעלאַנד צווישן די אינדזלען געפינט זיך אַ דורכגוס מיט אַ האַסטיקן אונטערוואַסער־שטראָם און מיט שאַרפע אונטערוואַסער־פעלדזן. אייינמאָל האָט מען פון אַ שיף, וואָס האָט דאָ קורסירט, דערזען אַ דעלפין. ער איז אַרופגעשווומען אָף דער וואַסערפלאַך, גלײַך ווי ער זאָל וועלן באַגריסן די שיף, דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט שווימען זייער נאָענט פון איר, געפינענדיק זיך די גאַנצע צײַט פאַר די אויגן פונעם רודערער. ער איז געשווומען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די שיף איז איבערגעקומען דאָס געפערלעכע אָרט.

פון דעמלט אָן אין משך פון 23 יאָר פלעגט דער דעלפין יאַצעק (אַזוי האָבן די יאַם־לײַט אים אַ נאָמען געגעבן) אַלע טאָג זיך באַווײַזן אָף זײַן לאַצמאַנישער וואַכטע און אין אַ באַליביקן וועטער דורכפירן די שיפן דורכן געפערלעכן דורכגוס. פאַר אַלע יאָרן פון יאַצעקס „דינסט" האָט קיין איין שיף דאָ ניט געליטן קיין קאַטאַסטראָפע.

א. איוואַנאָוו („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ")

די ערשטע מאָסקווער צײַטונג

אין דעקאַבער 1902 האָט פּיאָטער דער ערשטער אַרויסגעגעבן אַן אוקאַז וועגן גרינדן די „וועדאָמאָסטי" (אַ מין אינפאָרמאַציע־ביולעטען), וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ היסטאָרישע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פונעם דרוק־וועזן אין רוסלאַנד. שוין אָפן צווייטן טאָג נאָכן אוקאַז איז אין מאָסקווע אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער נומער פון דער ערשטער רוסישער צײַטונג, וועלכער האָט זיך, צום באַדויערן, ניט פאַרהיט. פאַרהיט האָט זיך דער נומער, וואָס איז דאַטירט מיטן 2 יאַנוואַר 1703. אין אים ווערט דערציילט וועגן „מיליטערישע און אַנדערע וויכטיקע איניאָנים, וועלכע האָבן פּאַסירט אין מאָסקווער מעלוכע און אין אַנדערע אַרומיקע לענדער, און וועלכע זײַנען ווערט, מ'זאָל זיי וויסן און פאַרגעדענקען". דעם 2 יאַנוואַר 1703 יאָר איז אָנגענומען צו רעכענען אַלס דעם טאָג פון אָנהייב פונעם רוסישן צײַטונגס־וועזן, און זײַן היימשטאָט איז געוואָרן מאָסקווע.

גאָר ווייניק עקזעמפּלאַרן איז געווען די ערשטע מאָסקווער צײַטונג אָף די איצטיקע. די „וועדאָמאָסטי" האָבן זיך געדרוקט אָף 4 — 8 זײַטלעך, יעדער פון זיי איז געווען די גרייס אַן ערעך פון אַ האַלב זײַטעלע פון אַ שילערשן העפט. די צײַטונג איז דערשינען ניט רעגולער. אין 1703 און 1704 זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן 78 נומערן, אין 1705 — 46, און אין 1711 — סאַכאַקל איין נומער. דער טיראַזש פון די „וועדאָמאָסטי" האָט זיך געוואַקלט פון עטלעכע צענדליק ביז עטלעכע טויזנט עקזעמפּליאַרן.

אינטערעסאַנט אָפּצומערקן, אַז אָפט פלעגט די צײַטונג רעדאַגירן פּיאָטער אַליין. ניט זעלטן, ווען ס'איז נייטיק געווען, פלעגן די „וועדאָמאָסטי" דרוקן אַפילע מיטיילונגען, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מעלוכע־סאָד. אַשטייגער, אָט אַזאַ: „אין מאָסקווע האָט מען איצט ווידער געמאַכט האַרמאַטן קרפּערנע, האַוביצעס און מאָרטירעס. די האַרמאַטן־סנאַריאַדן וועגן צו 24, 18 און 12 פונט... און נאָך פיל אַנדערע פאַרשיידענע טיפּן. גרויסע און מיטעלע האַרמאַטן, האַוביצעס און מאָרטירעס געפינען זיך אין דער אַרבעט. פאַר אָט די האַרמאַטן איז איצט פאַרגרייט אין דעם האַרמאַטן־הויף 40.000 פּוד קופּער". אַזאַ מיטיילונג איז געווען אָפּגעדרוקט שוין אינעם ערשטן נומער פון דער צײַטונג, קעדיי באַווײַזן די קראַפט און די מעכטיקײַט פון דער רוסישער אַרמיי.

אין דעם נומער 11 פון די „וועדאָמאָסטי" פאַרן 1708 איז געווען אָפּגעדרוקט אַ געגויע מיטיילונג וועגן דעם זיג פונעם רוסישן מיליטער איבער די שוועדן אין דער פּאָלטאַווער שלאַכט. די מיטיילונג האָט אָנגעשריבן פּיאָטער אַליין. ער מערקט אָפּ פריִער פאַר אַלץ דעם „נאָך ניט געהערטן העלדנמוט פון אונדזערע סאָלדאַטן".

מיטן גרינדן די „וועדאָמאָסטי" איז געלייגט געוואָרן דער יעסאָד פאַר אַ ברייטער אַנטוויקלונג פון דער פריִאָדישער פּרעסע אין רוסלאַנד.

ל. מיכאַלעוו („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ")

ביבליאָגראַפיע

פון עזרא פינינבערגס שאַפונג

א. ביכער

אַטעס. ק.[1], „קולטור־ליגע", 1922, 32 ז.

לידער. ק., „קולטור־ליגע", 1925, 86 ז.

גאַלאַפּ [דערציילונג]. ק., „קולטור־ליגע", 1926, 70 ז. פּאָפּולערע ביבליאָטעק, סעריע בעלעטריסטיק, נום. 15.

לאַנד און ליבשאַפט. מ., צענטרפאַרלאַג, 1928, 124 ז.

אין פרי פון יאָר. כ., מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע, 1929, 174 ז.

די קריגן דוירען. ק., „קולטור־ליגע", 1930, 239 ז., ביבליאָטעק „יידישע שרייבער".

פעפער, אי. פינינבערג, ע. „שלעק". רעוויו. כ., מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע, 1930, 142 ז.

XV [לידער]. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1933, 132 ז.

אין ערד און אנדערע. לידער. מ., „דער עמעס", 1934, 204 ז.

זינגעוודיק. מ., „דער עמעס", 1936, 276 ז.

אפן רויטן פלאַץ. לידער און פּאָעמעס פאַר פּיאָנערן. ק., אוקרמעלוכנאַצמינדפאַרלאַג, 1936, 162 ז.

סלאַוויק און גאַריק. מ., „דער עמעס", 1936, 24 ז.

ס'קען ניט זיין. כ., קינדער־פאַרלאַג, 1937, 16 ז.

געשיכטעס. מ., „דער עמעס", 1939, 184 ז.

טאַראַס שעווטשענקאָ (לעבן און שאַפן). מ., 1939, 92 ז.

ליריק. מ., „דער עמעס", 1940, 240 ז.

לידער וועגן ראַכוועס. מ., „דער עמעס", 1940, 39 ז. (מאַסן־ביבליאָטעק).

אפן ווייטן מיזרעך. מ., „דער עמעס", 1940, 20 ז.

פון שלאַכטפעלד. מ., „דער עמעס", 1943, 94 ז.

אין ריזיקן פייער. מ., „דער עמעס", 1946, 143 ז.

געקליבענע ווערק. מ., „דער עמעס", 1948, 308 ז.

צום סאָף פון בוך — נ. אויסלענדער. עזרא פינינבערג (ביאָגראַפישע דאַטעס).

ב. איבערזעצונגען

אוודייענקאָ, א. איך האָב ליב. מ., „דער עמעס", 1934, 214 ז.

גאָרקי, א. אַרטאַמאָנאָווס געשעפט. כ., אוקרמעלוכנאַצמינדפאַרלאַג, 1932, 319 ז.

געטע, י. וו. פאַוסט. ערשטער טייל. מ., „דער עמעס", 1937, 298 ז., 8 בל. איל. און פּאָרטרעטן, צוגאָבן: א. וו. לונאַטשאַרסקי — 1) געטע און זיין צייט. 2) דאָקטאָר פאַוסט.

הוגאָ, וו. דאָס 93־טע יאָר (געקירצט). ק., „סאָראַבקאָפּ", 1924, 88 ז.

טווען, מאַרק. טאָם סאָיער. ק., „קולטור־ליגע", 1927, 226 ז. (אַלגעמיינע ביבליאָטעק).

טרובלאַיני, ט. דער קורס נאָרד־אָסט. יידיש — ע. פינינבערג און ב. גוטיאַנסקי. ק., אוקרנאַצמינדפאַרלאַג, 1934, 200 ז.

לעאָנאָוו, ל. סאָטבוי. כ., אוקרנאַצמינדפאַרלאַג, 1932, 348 ז.

לערמאָנטאָוו, מ. יו. לידער. מ., „דער עמעס", 1940, 40 ז. (מאַסן־ביבליאָטעק).

מאַיאַקאָווסקי, וו. וו. לידער. אוקרנאַצמינדפאַרלאַג, 1940, 141 ז.

ניעווערָאָוו, א. טאַשקענט די ברויט־שטאָט. מ., „שול און בוך", 1924, 166 ז.

פּאַוסטאָווסקי, ק. קאַראַ־בוגאַז. כ., אוקרמעלוכנאַצמינדפאַרלאַג, 1933, 238 ז.

פּושקין, א. ס. לידער (צוזאַמען מיט ד. האָפשטיינען). ק., אוקרמעלוכנאַצמינדפאַרלאַג, 1936, 18 ז.

— „ — א מייסע מיט א גאָלעך און מיט זיין ארבעטער באַלדאַ. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1939, 16 ז.

— „ — מייסעס. מ., „דער עמעס", 1940, 76 ז. (מיט איליוסטראַציעס).

— „ — מייסעלעך. ק., אוקרמעלוכנאַצמינדפאַרלאַג, 1936, 92 ז.

— „ — דער קופּערנער רייטער. מ., צייטונג „דער עמעס" פאַר 4/I 1937 ז.

פּאַדייעוו, א. צעקלאַפּט. ק., „קולטור־ליגע", 1929, 236 ז.

קאַציובינסקי, מ. אין פינפטן יאָר. כ., „קניגאָספּילקאָ", 1926.

— „ — דערציילונגען. ק., „קולטור־ליגע", 1928, 170 ז.

רוסטאַוועלי, שאָטאַ. דער העלד אין טיגער־פעל (דאָס ערשטע און צווייטע קאַפּיטלען). מ., „דער עמעס", 1937, 47 ז.

ג. זאַמלונגען (צונויפשטעלער, אָנטיילנעמער)

באָוושאָווער, י. לידער (צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיט אי. פעפער). ק., „קולטור־ליגע", 1930.

ווינטשעווסקי, עדעלשטאַדט, באָוושאָווער. געקליבענע לידער (צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיט אי. פעפער). ק., „קולטור־ליגע", 1931, 324 ז. ביבליאָטעק „יידישע שרייבער".

יידישע ליטעראַטור. כרעסטאָמאַטיע פאַר ליטעראַטור און קריטיק. ערשטער טייל (צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיט נ. אויסלענדער, ד. וואָלקענשטיין, נ. לוריע). ק., „קולטור־ליגע", 1928.

ווינטשעווסקי, עדעלשטאַדט, באָוושאָווער. געקליבענע לידער (צוזאַמען מיט א. קושניראָוו). מ., „דער עמעס", 1939, 48 ז.

ד. אַרטיקלען, רעצענזיעס, פאַרצייכענונגען

אָשער שווארצמאַן. צייטונג „קאָמוניסטישע פאָן", 1922. נום. 140 (אונטערגעשריבן — פין).

[1] קירצונגען: ק.—קיעוו, כ.—כאַרקאָוו, מ.—מאָסקווע.

— " — זינגעוודיקע מערידע (אָקטאָבער אין דער ייִדישער דיכטונג). צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן" 1922, נומ. 196 (אונטערגעשריבן — פּין).
(עזראָ). רינגען. (ווארשע) 10־טע העפט (רעצענזיע). צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן". 1922, נומ. 248 (אונטערגעשריבן — עזראָ).
ל. רעזניק. סאמעט (רעצענזיע). זש. „שטראָם", 1924, נומ. 5—6.
(ע. פּ.) ב. גלאזמאן. שטיינוועבס (רעצענזיע). צײַטונג „דער שטערן", 1926. 4/II (אונטערגעשריבן — ע. פּ.).
לייוויק, ה. שניי אראָפּגעפאלענער (רעצענזיע). צײַטונג „דער שטערן", 1926. 4/IV.
„צײַט אומקוקן זיך אפן רעוואָליוציאָנערן דיכטער יויסף באָוושאָווער". צײַטונג „דער עמעס", 1927, נומ. 88, 89, 90.
מיכײַלאָ קאָציובינסקי. זש. „פּראָלעטארישע פאָן", 1928, נומ. 4.
דאָרעם (פּארצייכענונגען). זש. „פּראָלעטארישע פאָן", 1928, נומ. 10.
אָט דאָ נאָענט (פּארצייכענונגען). זש. „פּראָלעטארישע פאָן". 1928. נומ. 12.
אונדזער גרויסער דיכטער (מאיאקאָווסקי). צײַטונג „דער עמעס", 1936. 17/XII.
פּושקינס פּאָליטישע ליריק. צײַטונג „דער עמעס", 1937. 5/II; 6/II.
דער כאווער גאָרקי. צײַטונג „דער עמעס". 1937. 18/VI.
בירָאבידזשאַן ערעוו די וואלן. צײַטונג „דער עמעס", 1938. 20/IV.
דער בוך „טעוויע דער מילכיקער". אלמאנאך „סאָוועטיש", 1941, נומ. 12.
דעם פײַנט צעשמעטערן. זאמלונג „פארן היימלאנד אין שלאכט". מ., „דער עמעס", 1941.
דער דיכטער העניעך שוועדיק. צײַטונג „אײניקײַט", 1944. 26/X.

ה. ווערק אין רוסיש

Стихи. В книге: «Из еврейских поэтов». М., ГИХЛ, 1935.
Вокруг земли. Избранные стихи. М., ГИХЛ, 1935, 124 стр.
Книга «О Тевье молочнике». Журнал «Литературный критик», 1939, № 4.
Сквозь грохот пушечный... «О родине» (сборник). М., ГИХЛ, 1944.

ו. קריטיק וועגן זײַן שאפן

אויסלענדער, נ. ע. פינינבערג. „אָטעם" (רעצענזיע). זש. „שטראָם", 1922, נומ. 3.
— " — ע. פינינבערג. זש. „די רויטע וועלט", 1925, נומ. 8.
— " — זש. „די רויטע וועלט", 1926, נומ. 3.
אפלין. אין פרי פון יאָר (רעצענזיע). זש. „די רויטע וועלט", 1929, נומ. 11—12.
ארוויק. לידער (רעצענזיע). צײַטונג „דער עמעס", 1925. 9/I.
בוידער, ה. דער דיכטער עזראָ פינינבערג. צײַטונג „בירָאבידזשאנער שטערן", 1938.
בעזנאָסיק. די קריגן דויערן (רעצענזיע). זש. „שטערן", 1931, נומ. 3.
בעריאָזקין, ה. זינגעוודיק. זש. „שטערן", 1938, נומ. 7.
בערס, ר. פון די מירמל־היימען צו די אָקטיאבער־שטרעקעס (וועגן עזראָ פינינבערגס דיכטערישן וועג). זש. „פּארמעסט", 1933, נומ. 2—3.
גורשטיין, א. וועגן פינינבערגס דיכטערישן וועג. אלמאנאך „סאָוועטיש", 1935, נומ. 3.
גורשטיין, א. וועגן פינינבערגס וועג אין דער דיכטונג. צײַטונג „אָדעסער ארבעטער", 1935. 3/IV.
גורשטיין, א. דער דיכטער פינינבערג. אין זײַן בוך „סאָוועטישע דיכטונג". מ., „דער עמעס", 1935, זז. 53—77.
דרוקער, אי. דער דיכטער פון „לאנד און ליבשאפט". צײַטונג „אָדעסער ארבעטער", 1935. 3/VI.
דאָוויד האָפשטיין. „לאנד און ליבשאפט". זש. „פּראָליט", 1928, נומ. 3.
לוריע, נ., רעזניק, ל. עזראָ פינינבערג. „לידער" (רעצענזיע). צײַטונג „דער עמעס", 1928, נומ. 78.
מ. ל. „גאלאָפּ" (רעצענזיע). צײַטונג „דער עמעס" 1926, נומ. 43.
נ. ל. „לאנד און ליבשאפט" (רעצענזיע). זש. „פּראָלעטארישע פאָן", 1928, נומ. 8—9.
נ. „לאנד און ליבשאפט" (רעצענזיע). צײַטונג „יונגע גווארדיע", 1928, נומ. 47.
פּ. „באם דניעפּער" (רעצענזיע). צײַטונג „דער שטערן", 1928. 25/IX.
פּאַנין. „לאנד און ליבשאפט" (רעצענזיע). צײַטונג „דער שטערן", 1928. 30/VIII.
רעזניק, ל. „אָטעם" (רעצענזיע). צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן", 1922, נומ. 222.

Гурштейн А. Творческий путь поэта. Э. Фининберга. Журн. «Красная новь», 1935, № 11.

כאצקל נאדעל

צוגאָב צו כ. נאדעלס ביבליאָגראפיע.

ווערק פון עזראָ פינינבערג, געדרוקטע אין „סאָוועטיש היימלאנד"

ס'איז ניט געשען. (פּארצייכענונג. צו דעם צווייטן יאָרטאָג, זינט עס זײַנען פארניכטעט געוואָרן די דײַטשישע ארמייען לעבן מאָסקווע). 1966. נומ. 12.
ניקאָלײַ פּעטראָוויטש. פראגמענטן פון א ניט פובליקירט דראמאטיש ווערק (וועגן וו. אי. לענינען אין די 90־ער יאָרן). 1962, נומ. 3.
די וועלט איז אין קאָן (ליד, געשריבן אין די ערשטע מילכאָמע־טעג). 1967, נומ. 11.
טעלעגראמעס (לידער, טעמאטיש פארבונדענע מיט לענינען). 1969, נומ. 2.
אזא ליבשאפט, פאָטערלאנד. — קיִעוו. — מיטן פאָלק. — נו, דו, דער רוך זאָל נעמען דיך. נו זע: מיר זײַנען אויבן (לידער). 1969, נום. 12.

וועגן פינינבערגס שאפן

ווערגליס, א. אזא ליבשאפט, פאָטערלאנד... 1969, נומ. 12.

1



3

2

ווייניק־באַוווּסטע פאָטאָגראַפיעס פונעם דיכטער עזראָ פינינבערג

1. די מישפּאָכע פינינבערג. עזראָ בא דער מאַמען אף די הענט.

2. דער דיכטער מיט זײַן זון גאַרי.

3. עזראָ פיניבערגס פּאָרטרעט (קינסטלער יע. קרילאַצקי). 1933.

4. אין 1925. כאַרקאָוו.

5. עזראַ פינינבערג מיט זײַן פרוי יעווע.

6. פון רעכטס אויף לינקס: עזראַ פינינבערג, ראַ־כמיִעל פיש, כאָנע ווײַנערמאַן.

4

5

6

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפֿן קאַלענדאַר

אין אָקטיאבער 1899 (מיט 75 יאָר צוריק) איז אין האָמעל (ווײַסרוסלאנד) געבוירן געוואָרן די ייִדישע דיכטערן עסטער שומיאטשער.

אירע עלטערן האָבן נאָכן האָמליער פּאָגראָם אויסגעוואנדערט מיט זייערע עלף קינדער קיין קאנאדע. די ייִנגערע, צווישן זיי עסטער, האָבן פון קינדווײַז אָן באקומען זייער אנטוויקלונג אין דער ענגלישער קולטור. אין 1918 האָט עסטער שומיאטשער זיך באגעגנט מיט פּערעץ הירשביינען און אונטער זײַן ווירקונג זיך דערנעענטערט צו דער ייִדישער ליטעראטור. אויף ייִדיש האָט זי דעביוטירט מיט א פּיעסע „אין טאָל” (דערשינען אין ניו־יאָרק, אין פארלאג „אידיש”, אין 1920). אין זעלבן 1920 האָט זי זיך אָנגעשלאָסן צו הירשביינס גרויסער רײַזע ארום דער וועלט, דערבײַ צוויי יאָר פארבראכט אויפן ווײַטן מיזרעך, שטודירנדיק די שפּראכן און די קולטורן פון די מיזרעך־פעלקער.

אין אָנהייב 1928 האָבן עסטער שומיאטשער און פּערעץ הירשביין זיך אומגעקערט קיין מײַרעוו־אייראָפּע, פון דאָרט פארפאָרן אין סאָוועטנפארבאנד, ווו זיי האָבן געלעבט קימאט א יאָר צײַט, מערסטנטייל אין די ייִדישע קאָלווירטן פון קרים.

אין 1925 האָט דער פארלאג „ארבעטער־רינג” (ניו־יאָרק) ארויסגעגעבן שומיאטשערס א קינדער־פּיעסע אין 5 בילדער, אונטערן נאָמען „פּאסן ליכט”. אין 1928 האָט זי פארעפנטלעכט אין די ווארשעווער „ליטערארישע בלעטער” עסייען וועגן די ייִדישע דיכטער מאני־לייב, יעהויאָש אא. אין 1930, אין קלעצקין־פארלאג (ווילנע), האָט זי ארויסגעגעבן דעם בוך „אין שאָען פון ליבשאפט” (לידער און פּאָעמעס), אין 1939, אין פארלאג „ערד און היים” (ניו־יאָרק), דעם בוך „אלע טאָג” (לידער און פּאָעמעס).

הײַנטיקן כוידעש ווערט 75 יאָר, זינט אין סימפעראָפּאָל איז געבוירן געוואָרן דער סאָוועטישער שרײַבער איליא סעלווינסקי.

אין די יונגע יאָרן איז סעלווינסקי געווען אן אקטיאָר, געשפּילט אין צירק און אויסגעפּרוווט פיל אנדערע מעלאָכעס. ער האָט געענדיקט דעם פאקולטעט פון געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטן באם ערשטן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט, אָנטיילגענומען אין דער טשעליוסקין־עפּאָפּיי.

אין די 20־ער יאָרן איז סעלווינסקי געווען איינער פון די פּירער פונעם קאָנסטרוקטיוויזם. ער שאפט די פּאָעמע „אוליאלאיעווושטשינע” (1924; וועגן דער מאפּאָלע פון אוליאלאיעווס באלעגורפישן אופשטאנד) — איינס פון די וויכטיקסטע ווערק פון דער סאָוועטישער פּאָעזיע אין די 20־ער יאָרן — און דעם ראָמאן אין פערזן „פּוטער־האנדל” (1928).

זוכנדיק אן אייגענע פּאָעטישע שפּראך, האָט סעלווינסקי געשאפן עקספּערימענטאלע לידער און אויסגענוצט דערצו פארשיידענע זשארגאָנען, צווישן זיי דעם אָדעסער ייִדישן זשארגאָן (די ליד „מאָטקע דער מאלכאמאָוועס”), ציגײַנערשע ראָמאנסן.

איליא סעלווינסקי איז דער אווטאָר פון א רײ היסטאָרישע טראגעדיעס אין לידער: „דער ריטער יאָהאן” (1937) — וועגן איוואן באלאָטניקאָוון, „באבעק” (1941. שפּעטער האָט ער אָנגערופן דאָס ווערק „דער, וואָס טראָגט אן אָדלער אויפן אקסל”) — וועגן אזערבײַדזשאן; „די ליוואָנער מילכאָמע” (1944), „פון פּאָלטאווע ביז גאנגוט” (1951. שפּעטער איז דאָס ווערק אָנגערופן געוואָרן „דער קייסער און דער בונטאר”), „דער גרויסער קיריל” (1957). די לעצטע דרײַ זאכן שטעלן מיט זיך פאָר א טרילאָגיע מיטן נאָמען „רוסלאנד”, אויף וועלכער דער אווטאָר האָט געארבעט 16 יאָר. אין די זעלבע יאָרן האָט ער אָנגעשריבן די סאָציאל־פילאָסאָפישע טראגעדיע „לייענענדיק פאוסטן” (1952), די פּיעסע „דער מענטש איז העכער פון זײַן שיקזאל” (1962 — וועגן וו. אי. לענינס לעצטע לעבנס־טעג).

אין 1962 איז דערשינען סעלווינסקיס בוך „די סטודיע פון דער ליד”. א קורצע צײַט פאר זײַן טויט איז אין זשורנאל „אָקטיאבער” (1961, נומ. 6—7) פארעפנטלעכט געוואָרן זײַן אווטאָביאָגראפישער ראָמאן „אָ, יוגנט מײַנע!”.

איליא סעלווינסקי איז געשטאָרבן דעם 22 מארט 1968 אין מאָסקווע.



В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

באשרײַביקע (פעריפראסטישע) ווערבן[1]

באשרײַביקע ווערבן זײַנען אזעלכע, ווי „ברענגען צו טראָגן[2], מילכאָמע האלטן[3], קאליע מאכן[4], געוואָר ווערן[5], מעכאבעד זײַן[6]"... אין א באשרײַביקן ווערב איז די טוונג אויסגעדריקט[7] דורך א גרופּע ווערטער, וואָס בילדן איין באגריף[8]. איינס פון די דאָזיקע ווערטער איז א הילפווערב, וואָס בייגט זיך[9] אין צאָל, פּערזאָן, צײַט און מאָדוס. די אנדערע ווערטער זײַנען אינפיניטיוון, פּארטיציפּן, סובסטאנטיוון און אנדערע. לעמאָשל: איך ברענג צו טראָגן, דו ברענגסט צו טראָגן... איך האָב געבראכט צו טראָגן... איך וואָלט געבראכט צו טראָגן און אזוי ווײַטער.

אין יִדיש זײַנען פאראן א סאך טיפּן באשרײַביקע ווערבן. לעמאָשל:

1) הילפווערב „קומען, ברענגען" אָדער „געבן" + „צו" + אינפיניטיוו. לעמאָשל: קומען צו גיין, קומען צו לויפן, קומען צו פליִען...; ברענגען צו טראָגן, ברענגען צו פירן, ברענגען צו שלעפּן[10]...; געבן צו וויסן[11], געבן צו פארשטיין, געבן צו דערקלערן[12]...;

2) הילפווערב „ווערן"+פּארטיציפּ. לעמאָשל: אנשוויגן ווערן[13], אנשלאָפן ווערן[14], פארפאלן ווערן[15], פארפראָרן (פארפרוירן) ווערן[16], פארפרעמדט ווערן[17], פארשימלט ווערן[18]...;

3) הילפווערב „זײַן" + סעמיטישער פּארטיציפּ. לעמאָשל: זוכה זײַן[19], כוישעד זײַן[20], מוידִיע זײַן[21], מויכל זײַן[22], מאטרִיעך זײַן[23], מאצל זײַן[24], מעכאבעד זײַן[25], מעקײַעם זײַן[26]...;

4) הילפווערב „ווערן" + סעמיטישער פּארטיציפּ. לעמאָשל: נימעס ווערן[27], ניפטער ווערן[28], ניצל ווערן[29], נישטוימעם ווערן[30], באָטל ווערן[31], פּאָטער ווערן[32], ניספּאָעל ווערן[33]...;

5) הילפווערב „זײַן" + סעמיטישער פּארטיציפּ + סעמיטישער סובסטאנטיוו. לעמאָשל: מעקאבל־פּאָנעם זײַן[34], מאכניס־אוירעך זײַן[35], מעוואקער־כוילע זײַן[36], מויצע־כײין זײַן[37]...;

6) הילפווערב „זײַן" + פארשיידענע פאָרמעס. לעמאָשל: אויסן זײַן[38], אימשטאנד זײַן[39], בעיאד זײַן[40], בעקויעך זײַן[41], בעדיל־האדאל זײַן (ווערן) (פאראָרעמט ווערן)[42]...; 7) הילפווערב „האָבן" + סובסטאנטיוו אָדער אנדערע. לעמאָשל: האנאָע האָבן[43], כאסענע האָבן[44], כאראָטע האָבן[45], כיישעק האָבן[46], מוירע האָבן[47], ליב האָבן[48], פײַנט האָבן[49]...;

8) הילפווערב „מאכן" אָדער „טאָן" + סובסטאנטיוו אָדער אנדערע. לעמאָשל: כאסענע מאכן[50], כאָרעוו מאכן[51], באָטל מאכן[52], כויזעק מאכן[53], א וואַיִוּוראך מאכן[54]; וויי טאָן[55], טפילע טאָן[56], טשוווע טאָן[57], א שידעך טאָן[58], האנאָע טאָן...;

9) פארשיידענע הילפווערבן + פארשיידענע. לעמאָשל: מילכאָמע האלטן, אכטונג (האשגאָכע) געבן[59], ליב באקומען (קריגן)[60], קאטאָוועס טרײַבן[61], פאלן אויף אן אייצע[62], שלאָגן זיך מיט דער דייע[63]...;

10) הילפווערב „טאָן" + אינפיניטיוו (מיט אָדער אָן „זיך"). דער דאָזיקער טיפּ איז היפּש[64] פאַרגעשטעלט אין עלטערע טעקסטן און אין פאָלקסלידער. טיילמאָל איז ער פאראן אויך אין דער מאָדערנער ליטעראטור. לעמאָשל: לײַט[65] טוען זיך פרייען מיט אים (שאָלעם־אלייכעם). די גאנצע וועלט טוט זיך דאָ וויגן[66] (ד. בערגעלסאָן). זינגען לידער פּיִאָנערן, און דער גאנצער סטעפּ[67] טוט הערן (ש. האלקין). ביכלאל אָבער איז דער טיפּ פארעלטערט (ארכאַיש).

Перевод: 1) описательные глаголы; 2) приносить (см. ниже — примеры в первой группе); 3) воевать (дословно: «войну держать»); 4) (ис)портить; 5) узнать, навестить; 6) угостить; 7) выражено; 8) образующие одно понятие; 9) спрягаемый; 10) притащить, приволочь; 11) дать знать; 12) объяснить, разъяснить; 13) замолчать; 14) заснуть; 15) пропа́сть; 16) замерзнуть; 17) стать чуждым; 18) заплесне(ве)ть; 19) удостоиться; 20) подозревать; 21) известить; 22) простить; 23) утрудить, побеспокоить; 24) спасти; 25) угостить, почтить, удостоить; 26) исполнить, осуществить; 27) опротиветь; 28) скончаться, умереть; 29) спастись, избавиться; 30) поразиться; 31) стать недействительным, растерянным; 32) избавиться, отделаться; 33) изумляться, восхищаться; 34) встречать, принимать; 35) быть гостеприимным; 36) посетить больного; 37) нравиться; 38) иметь намерение; 39) быть в состоянии; 40) иметь возможность; 41) иметь силу, возможность; 42) оскуде(ва)ть, быть в оскудении; 43) иметь удовольствие; 44) жениться, выйти замуж; 45) раскаяться; передумать; 46) иметь желание, охоту; 47) бояться (дословно: иметь страх); 48) любить; 49) не любить; ненавидеть; 50) женить, выдать замуж; 51) разрушить, опустошить; 52) отменить, уничтожить; 53) издеваться, глумиться; 54) удрать, скрыться; 55) болеть, причинять боль; 56) молиться; 57) покаяться; 58) вступить в брак; 59) наблюдать, присматривать; 60) полюбить; 61) издеваться, глумиться, насмехаться; 62) прийти на ум; найти совет; 63) раздумывать; 64) значительно (много); 65) люди; 66) качается; 67) степь (в идише произносится: стэп).

אַנמערקונג 1. ווערבן פונעם 2־טן טיפּ זײַנען ניט קיין פּאַסיווע, נאָר אַקטיווע. אויב זיי קומען מיט א סוביעקט, איז ער דער פאַקטישער טוער (א נאָמינאַטיוו). בא א פּאַסיוון ווערב איז דער פאַקטישער טוער אויסגעדריקט דורך א דאַטיוו מיט א פּרעפּאָזיציע „פון" אָדער „דורך" (זעט די לעקציע אינעם נומער 8).

אַנמערקונג 2. סעמיטישע פּאַרטיציפּן (טיפּן 3—5) פאַלן אין זייערע באַטײַטן און פונקציעס אָפּט ניט צונויף מיטן פּאַרטיציפּ, וואָס איז אין ייִדיש פון די דײַטשישע קוועלן, ווי דער ייִדישער פאַלט אָפּט ניט צונויף מיטן רוסישן פּאַרטיציפּ.

אַנמערקונג 3. צווישן די באַשרײַביקע ווערבן זײַנען טיילמאָל פאַראַן פּאָרלעך אַקטיווע און פּאַסיווע. לעמאָשל: מאַצל זײַן (ראַטעווען) — ניצל ווערן (געראַטעוועט ווערן); מעוויַיעש זײַן (פאַרשעמען) — מעוויַיעש ווערן (פאַרשעמט ווערן); מעקײַעם זײַן (אויספילן) — מעקוײַעם ווערן (אויסגעפילט ווערן).

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

כראָניק

א דענקמאָל ז. ווענדראָפן

א דענקמאָל ז. ווענדראָפן איז צו זײַן דריטן יאָרצײַט אַנטהילט געוואָרן אויפן ווערדיענסקער בעסוילעם. אויף דער אַנטהילונג זײַנען בײַגעווען מאָסקווער ליטעראַטן און קינסטלער, ווי אויך דעם שרײַבערס נאָענטע, צווישן זיי זײַן טאָכטער, די טעאַטער־פאָרשערין ליובע ווענדראָווסקאַיאַ.

וועגן ז. ווענדראָפן, וועגן זײַן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן גערעדט די שרײַבער ר. רובין, י. ראַבין, דער 83־יאָריקער לייענער און ליבהאָבער פונעם ייִדישן בוך יאַנקעוו אָרלאָוו אאַ.

אויפן פּאָסטאַמענט פון גרויען גראַניט איז אײַנגעפּאַסט דעם שרײַבערס באַרעליעף און זײַן פאַקסימיליע. אוטאָר פונעם דענקמאָל איז דער לענינגראַדער סקולפּטאָר פּייסעך קריוואָרוצקי.

באַם צופוסנס פונעם פּאָסטאַמענט איז אויסגעוואַקסן א באַרג האַרבסטיקע בלומען.

שמועל האַלקינס סקולפּטור־פּאָרטרעט אויף אַן אויסשטעלונג אין מאָסקווע

לעצטנס איז אינעם הויז פון די מאָסקווער קינסטלער (וואָרילאָוו־גאַס, 65) באַוויזן געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון אַכט קינסטלער, אויף וועלכער עס זײַנען פאָרגעשטעלט די שאַפונגען פון פינף סקולפּטאָרן און דרײַ גראַפיקער.

צווישן די סקולפּטור־ווערק האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די פּילצאַליקע באַזוכער שמועל האַלקינס פּאָרטרעט, וועלכן עס האָט געשאַפן זײַן טאָכטער מיליע האַלקין. אין דער עקספּאָזיציע זײַנען אויך פאָרגעשטעלט אירע סקולפּטור־פּאָרטרעטן פון אינעסאַ אַרמאַנד, אַלעקסאַנדער בעזימענסקי, אַן אויטאָפּאָרטרעט און א רײ קאָמפּאָזיציעס אויף שטייגערישע טעמעס.

פון איטשע באַרוכאָוויטשעס שעפערישער ירושה

אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איז דערשינען איטשע באַרוכאָוויטשעס א בוך אויסדערוויילטע ווערק אונטערן נאָמען „באַם שײַטער פון יאָרן". אין דער זאַמלונג, וועלכע פאַרנעמט בא 500 זײַטן, גייען אַרײַן מילכאָמע־לידער, וואָס רופן זיך איבער מיט דער טעמע וועגן ליבע צום היימלאַנד, צו דער נאַטור, צום מענטשן, און דער ציקל „איין שפּעטער האַרבסט", וועלכן באַרוכאָוויטש האָט אָנגעשריבן אין 1972, קורץ פאַרן טויט.

אונטער דעם זעלבן נאָמען איז איטשע באַרוכאָוויטשעס לידער־זאַמלונג דערשינען אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיִאַ" אויף רוסיש, באַגלייט מיט אַן אַרײַנפיר־אַרטיקל פונעם דיכטער וולאַדימיר ציבין.

די איבערזעצונגען פון די לידער האָבן געמאַכט די דיכטער וו. סאָקאָלאָוו, וו. פּירסאָוו, אָ. דמיטריִעוו, יו. ניימאַן, נ. גאָרסקאַיאַ, נ. גרעבניעוו, א. קאַפּאַנאָוו אאַ.

טײַערע לייענער!

אויב איר האָט נאָך ניט באַוויזן אויסשרײַבן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אויפן 1975 יאָר, טוט עס דרינגענדיק, ווײַל די אַבאָנענט־קאַמפּאַניע פאַרענדיקט זיך דעם 25 נאָיאַבער (אונדזער אינדעקס איז 70821).

די פּאָסט־אָפּטיילונגען נעמען אָן די אַבאָנירונג אויף „סאָוועטיש היימלאַנד" אָן באַגרענעצונגען.

© Журнал «Советиш геймланд», 1974 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(*На еврейском языке*)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).
Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — 228-27-91; заместитель главного редактора — 294-46-69; ответственный секретарь — 223-96-07
Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18/X 1974 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1757.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 11

1974

В НОМЕРЕ:

По следам событий. Очерки М. Мейлахса, Е. Ватер, Г. Гелибтермана, Д. Добрушина, Е. Гутнера и А. Шпильберга.

М. Талалаевский. Взаимность (роман).

Рассказы Г. Рабинкова, А. Лизена.

Стихи Д. Хайкиной, З. Тименчика.

А. С. Пушкин. Фрагменты из романа «Евгений Онегин» в переводе Э. Фининберга.

Г. Релес. Путевые очерки.

Публицистика. А. Печерский. Я — свидетель обвинения.

И. Серебряный. Визитные карточки (окончание).

Литературная критика.
Библиография. Вопросы искусства

А. Раскин. О книге Ш. Горшман «Жизнь и свет».

Краткие рецензии.

Листая журналы и газеты. Почта «Советиш геймланд». Это интересно. Разное. Заметки на календаре. Современные русские песни в переводе А. Вергелиса. Хроника.

Э. Талькович. Беседы о еврейском языке.